STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07080

DI YUDISHE FOLKS GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יודישע

פאלקס געשיכטע

נאך דער

פאלקסטהומליכער געשיכטע דער יודען

פון פראפעסאר ה. גרעטץ.

פריי בעארבייטעט פון י. י. לערנער.

---

3 טער טהייל.

נויארק:

(איבערגעדרוקט פון דיא סטערעאָטיפּ פּלאַטען פון דער וואַרשאוו'ער אויסגאַבע.)

תרס"א:

NEW YORK.

SARASOHN & SON, PUBLISHERS,

185 East Broadway.

1901.

אינהאלטס־פערצייכניס פון דריטען טהייל:

דיא צייט פון דיא אנוסים.

1. דיא מאראַנען — זייטע 3
2. קיינע הילפע אין דער נויטה. — זייטע 24
3. נאָך גרעסערע רדיפות געגען אידען און מאראַנען — זייטע 42
4. דיא אינקוויזיציאָן אין שפּאַניען — זייטע 55
5. דאס פערטרייבען דיא אידען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאל — זייטע 64
6. דאס וויינטערע נע־ונד זיין פון אידען און מאראַנען — זייטע 84

דיא צייט פון דער רעפאָרמאַציאָן.

1. דיא מענשענפריינדע און דיא רעפאָרמאַציאָן — זייטע 99
2. דיא מאראַנען און פאלשע האָפנונגען אויף משיח'ס צייטען — זייטע 121
3. דיא מאראַנען און דיא פּעפּסטע — זייטע 144
4. דיא אידען אין דער טירקייא און דון יוסף הנשיא. — זייטע 174
5. דיא לאַגע פון דיא אידען אין פּוילען און איטאליע. — זייטע 185
6. מאראַנישע קהלות אין אַמשטערדאם, האמבורג און באָרדא — זייטע 200
7. דיא דרייסיג יעהריגע קריעג און חמעלניצקעס צייטען — זייטע 219
8. דיא אידען אין ענגלאַנד. — זייטע 233
9. ברוך שפּינאָזא און שבתי צבי — זייטע 256
10. אידישע בעשיטצער און שונאים צווישען קריסטליכע געלערנטע זייטע 287

אינהאלטס־פערצייכניס פון פיערטען טהייל:

1 ליכטיגער פון דרויסען און פינסטערער אינוועניג — זייטע 3 ביז 93

דיא ניי ע צייט.

1. ר' ישראל בעל שם טוב (בעש"ט) און זיין דרך — זייטע 93 ביז 126
2. ר' משה מענדעלסאָן און זיין צייט — זייטע 126
3. דיא ישועה פון פראַנקרייך — זייטע 159
4. דיא נייע סנהדרין — זייטע 179
5. דיא רעפאָרם און דיא יודישע וויססענשאַפט — זייטע 200
6. ר' משה מאָנטעפיאָרע און עלילת הדם אין דמעשק — זייטע 206
7. ר' יצחק בער לעווינזאָהן און זיין צייט — זייטע 221
8. דיא ערשטע אידישע שוהלען אין רוסלאַנד — זייטע 239
9. דאס גרינדען יודישע קאָלאָניען אין רוסלאַנד — זייטע 241
10. קאַווקאַזער יודען — זייטע 243
11. קרימער יודען, אָדער קרימטשאַקעס — זייטע 245
12. נייע יודישע שונאים אָדער דער אַנטיסעמיטיזם — זייטע 247

די צייט פון די אנוסים.

1 די מאראנען.

(1391—1420 נאך קריסטוס געבורט).

שרעקליך איז געוועהן די לאגע פון די שפאנישע יודען נאך דעם פינסטערן יאהר 1391 ווען טויזענדער יודען, וואס דער חלף איז זיי שוין געלעגען אויפ'ן האלז, האבען געמוזט ווערען מאראנען, דאס הייסט זיי האבען צו ליעב געטהון די שונאים און זענען קלאמערשט איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום, נאר דאס איז אלץ געוועהן לפנים, ווייל אין רעכטען אמת האבען זיי אבגעהיט זייער אלטע אמונה מיט אללע דקדוקים. עס איז אוודאי ביטער אז מען דארף זיך בעהאלטען, אז דער מענש מוז פערלייגנען דאס וואס ביי איהם איז דאס טהייערשטע און היילינסטע און א פרעמדער קוק ווארפט אן א פחד, אז מען האט מורא פאר'ן קליינסטען שארך, פאר א קלאפ אין דער טהיר, טאמער טרעפט איהם דער שונא מיט זיין געליעבטער און ווערד געוואהר אז דער גט, וואס ער האט ערשט ניט לאנג איהר געגעבען, איז מעהר ניט געוועהן ווי א תנאי־גט, אבי דערוויטערן די סכנה, אבראטעווען דאס לעבען און זיך קוויקען מיט דער האפנונג, אז נאר גיך וועט ער זי צוריק נעהמען, אין דערשטיל בעווייזען דאס ליעבשאפט און ווייטער זיין א גליקליך פאר פאלק ווי פריהער נאר מיט וואס פאר א צרות ווערד דער יוד ניט געוואהנט? עס זענען אוועקגעגאנגען עטליכע יאהר און ביי די מאראנען איז געווארען שוין א וואכענדיגער גאנג איבערצוליעגען גאנצע טאג אין די קעלערס, דארט מל זיין די קינדער, לערנען מיט זיי תורה און בעפעסטיגען ביי יעדען פון זיי דעם געדאנק, אז ער מוז זיין א דאפפעל־מענש: אין דרויסען דארף ער זיך רעכנען פאר א קריסט און אינוועניג מוז ער בלייבען א פערבארגענער הייסער יוד. ווי שווער עס איז ניט געוועהן צו טראגען א מאסקע אויפ'ן פנים, האבען די יודען קיין אנדער ברירה ניט געהאט און האבען די יסורים אנגענומען פאר ליעב. זיי האבען זיך געטרעסט דערמיט וואס דאס געפאהר ווערט האט'ש ניט גראסער, וואס די מלוכה זעהט

נאנץ גוט וואס פאר א קריסטען זיי זענען אונ מאכט פון דעסטוועגען זיך ניט וויסענדיג. אין שפאניען איז טאקי נאך דערמאלט ניט געוועהן קיין אינקוויזיציאן, די קאניגע פון קאסטיליען, אראגאניען אונ מאלארקא זענען נאך פריהער ניט צופרידען געוועהן וואס דאס צוזייצטע פאלק האט אזוי פיעל יודען געצוואונגען צו דער טויפע; דערפאר האט זי ניט געאהרט וואס די מאראנען טהוען אב בסתר, אונ אפילו אז מען האט בעמערקט ווי עטליכע פון זיי ערלויבען זיך אפענטליך צו האלטען יודישע ימים טובים, האט מען זיך אויך ניט וויסענדיג געמאכט. אזוי האט זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען ארויסצוווייזען, ווען ניט א גאנצע רפואה צו דער ביטערער מכה, ווייניגסטענס א מיטעל דעם וועטהיג לייכטער צו דערטראגען, אונ ווער ווייסט אויב די וואונד אליין וואלט זיך אויך ניט פערהיילט מיט דער צייט, ווען עס שפרינגען ניט ארויס טאקי פון די יודען אליין זייערע אייגענע משחיתים, וואס האבען זיי גאר אין גאנצען פעראומערט דאס לעבען, געשיט זאלץ אויף די פרישע וואונדען אונ צום איבריגען דערשלאגען דעם קראנקען, ער זאל ניט קאנען רירען אפילו מיט דעם איינציגען אבר, וואס דער שונא האט איהם, אויס פערזעהעניש, איבערגעלאזט.

אט די געפאהרליכע משחיתים זענען דווקא געוועהן יודיש בלוט אונ פלייש אונ אזוי ווי דער ווארם, וואס ווערט געבארען אין דעם מענשענ'ס געדארם, פון דארט ציהט ער זיין גאנצע יניקה אונ פון דעסטוועגען טאטשעט ער איהם אזוי לאנג ביז ער נעהמט ביי איהם ארויס דאס חיות, אזוי האבען זיי זיך איינגעווארצעלט אין דעם יודישען גוף, פון זיין מארך האבען זיי אויף זיך ארויפגעצויגען א הויט, בעקומען ביינער, נאר א ריינע יודישע נשמה האט זיי געפעהלט, אונ דאריבער האבען זיי געטהון דאס אייגענע שליחות פון די ווארם אונ האבען זיך געוואלט בענוצען מיט'ן חולאשת פון דעם גוף, כדי זיי זאלען קאנען אויף עביג מאכען פון איהם איין ענד. נאך אז די הצלחה האט געדיענט די יודען אין שפאניען, האבען זיך צווישען זיי געפונען אזעלכע, וואס עס האט זיי געקרענקט די גוטע לאגע פון זייערע ברידער: עס האט זיי גאר געצויגען צו די שונאים, אונ עס האט זיי נאך מעהר געברענט וואס זיי קאנען ניט איבערגעהן אויף דער אנדערער זייט, ווייל טהון עס פלוצלונג גאר אהן א „פאר-וואס" האט עפעס ביי זיי אליין אויך אויס געזעהן ניט פאסיג. אודאי האבען די לייט שטארק ארויסגעקוקט אויף א גזרה, אונ קוים האט מען זיך אים יאהר 1391 מיט די יודען צופיהרט די האנד, זענען זיי געוועהן די ערשטע וואס זענען געווארען הייסע קאטאליקען נאר מיט דער פרומער כוונה זיך נוקם צו

זיין אין די געוועזענע ברידער אונ זייערע קלאס האבען די יודען געפיהלט מעהר פון אללע. אנגעהויבען האט די חברה פון קליינינקייטען, פון ארויסלאזען ביללעך מיט לצנות איבער יודען: איין געטויפטער יוד, דון פערא פעררוס, האט אין אשיר אבגעשפעט פון דער יודישער קהלה אונ פון דעם רב אין אלקאלא, איהם האט נאכגעטהון איין אנדער געטויפטער יוד, וואס איז געווארען אגייסטליכער, דיעגא דע וואלענסיא, אונ באלד האבען זיי שוין נאכגעטאנצט אללע קריסטליכע שרייבערס אונ אפילו דער גראסטער שפאנישער דיכטער פון יענער צייט אלפאנסא אלוואערעץ דע ווילאסאנדינא האט זיך אומיסטען אויסגעלערנט לשון-קודש-ווערטלעך, כדי ער זאל קאנען בעסער חוזק מאכען פון יודען. דאס איז אבער נאר געוועהן איין התחלה, באלד האבען די געטויפטע יודען בעוויזען אז זיי מיינען ניט אבקומען מיט גלייך ווערטלעך. אז זיי ווילען טאקי עפיס טהון אונ זיי ווילען פערברייטען דעם קאטאליציזמוס נאך מעהר פון די געבארענע קריסטען. איודישער דאקטאר אסטרוק ריימוך פון פראנא, וואס האט ביי דער טויפע איבערגעביטען זיין נאהמען אויף פראנציסקא דיאס-קארנע, האט זיך גענומען ארבייטען מיט אללע כוחות צו פערגרעסערן די צאהל פון די געטויפטע יודען, אונ אזוי ווי ער האט זיך פריהער גערעכענט צווישען די גרעסטע לומדים אונ האט געהאט זעהר פיעל תלמידים, האט ער אנגעשריבען א ספר אויף העברעאיש, אויפ'ן ארט פון א בריעף צו איינעם פון זיינע תלמידים, אונ האט דארט אויסגעוויזען פון דער תורה, אז די יודען מוזען צו שטעהן צום קריסטענטהום. דער תלמיד, וואס אויף זיין נאהמען איז צוגעשיקט געווארען דער בריעף, האט איהם געענטפערט מיט גרויס דרך ארץ אונ האט זיך געוואלט אריינלאזען אין אוכוח מיט זיין געוועזענעם רבי'ן, נאר דער יודישער דיכטער ר' שלמה בן ראובן בנפד האט געפונען אז אזא תשובה איז צו וועניג אונ ער האט ארויסגעלאזט א בעזונדער חבור אונ זאגט דארט קורץ אונ שארף אז פראנציסקא'ס ראיות האבען קיין שום ווערטה ניט.

נאר מעהר פון אללע געטויפטע יודען האט אנגעטהון צרות זיינע געוועזענע ברידער דער רב פון בורגאס, שלמה הלוי, וואס איז אלט געוועהן פערציג יאהר ווען ער איז איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום אונ האט זיך אנגעהויבען רופען פויליוס בורגענזיס דע סאנטא מאריא. עטליכע אונ אכטציג יאהר האט פוילוס געלעבט, האלב פון זיינע יאהרען האט ער פערבראכט צווישען יודען אונ איז געוועהן זייער מנהיג, אונ פון דעסטוועגען איז ביי איהם

אין האַרץ געבּליבּען אַזוי ווענינ ישר אונ רחמנות אַז ער האָט מיט רעכט געקאַנט פאַרנעהמען דעם בעסטען פּלאַץ צווישען די ערנסטע שונאי ישראל. גענומען האָט זיך עס דערפון וואס פּוילוס איז געוועהן אַ שטאַרקער רודף אחר הכבוד אונ וואס מיט איהם האָט זיך איבּערגעטהון איז נאָר געוועהן צו ליעב דעם, זיין מעמד זאָל זיין גרעסער, זיין נאָהמען זאָל מעהר קלינגען. אַז ער איז גע-וועהן רב אונ אַ גאַנצע עדה יודען האָט איהם כבוד אָבּגעגעבּען, האָט ער זיך ניט געוואָלט בּעגנינען דער מיט: איהם האָט עס געטראָגען צו עפּיס גרעסער'ס; ער פלעגט אַרויס פאָהרען אין אַטהייערן וואָגען, איינגעטונקען אין גאָלד אונ זילבּער, ער האָט געזוכט אַללע מיטעל צו ווערען אַ קרוב למלכות אונ האָט עס אַזוי וויט געבּראַכט, אַז ניט נאָר אין בּית המדרש, נאָר אפילו צווישען די קריסטען האָט מען פאַר איהם דרך ארץ געהאַט. אודאי האָט ער זיך זעהר דער פרעהט אַז עס האָבּען זיך אים יאָהר 1391 אָנגעהויבּען די רדיפות געגען די יודען; ער האָט פערשטאַנען אַז אַצונד איז פאַר איהם די בעסטע צייט צו צושלאָגען זיך צו דער הויכער מדרגה, וואס אין יודישקייט האָט ער גאָר פון דעם ניט געטאָרט אפילו טראַכטען, אונ האָט זיך בּאַלד געטויפט אינייגעם מיט זיין גרויסער משפּחה, מיט אַ בּרודער אונ מיט דעם בּרודערס דריי זיהן.

די קריסטען האָבּען איהם אויפגעהאַפּט ווי אַ אבן טוב, ווייל, ערשטענס, האָט זיי פּוילוס איינגערעדט אַז ער האָט שוין לאַנג געוואָלט איבּערגעהן צום קריס-טענטהום אונ האָט זיך איבּערצייגט אַז נאָר זייער רעליגיאָן איז אמת, אונ, צווייטענס, האָבּען זיי גערעכענט אַז אַזא בעריהמטער רב אונ למדן וועלען זיך נאָכשלעפּען טויזענדער יודען, אונ אַזא גרויסע מצוה ווי אָבּצוטויפען אַ גאַנצע יודישע קהלה, וועט זיי אָנקומען גאָר גרינג. פּוילוס האָט דערווייל אין זין געהאַט זיינס אונ האָט זיך געזוכט כבוד אויך צווישען די קריסטען. האָטש ער איז שוין געוועהן ניט אַזוי יונג, איז ער אַריין אין דער פּאַריזער אוניווער-זיטעט אונ איז ניך פון דאָרט אַרויס אַ גייסטליכער. אַזא קליינע שטעללע האָט איהם אָבּער ניט געקאָנט בּעפרידיגען, בּיי איהם איז ניט אַנדערש געבּליבּען אַז ער מוז ווערען איין עפּיסקאָפּ אונ אפילו אַ קאַרדינאַל. דערצו איז געוועהן זיין גאַנצע השגה אונ צו ליעב דעם האָט ער זיך אין אַ ביניאָן אַריינגעדרעהט אין הויף פון'ם קאַרדינאַל פּעדראָ דע לונאַ, וואס איז בּאַלד געוואָרען פּאַפּסט מיט דעם נאָהמען בּענעדיקטוס דער דרייצעהנטע, בּיים נייעם פּאַפּסט איז פּוילוס געוואָרען אַ גרויסער חשוב, דאָרט האָט ער זיך איבּערגענומען מיט זיין יחוס אונ האָט געוויזען אַז ניט אומזיסט רופט ער זיך „דע סאַנטאַ

מאראנא״, ווייל ער איז אלוי און קומט ארוים פון דער אייגענער משפחה ....ם מרים, די מוטטער פון ישוע הנוצרי. פוילוס האט איבערהויפט פערשטא־נען די קונץ ווי אזוי צו מאכען זיך אגרויסען „נאמען״, דער פאפסט האט איהם געגעבען בריעף צום קאניג פון קאסטיליען היינריך דעם דריטטען און ער האט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און דער געוועזענער יודישער רב איז שוין געשטאנען אויף אדרך אז אללע זיינע מחשבות וועגען גלאנץ און גרויסקייט זאלען מקוים ווערען.

אז פוילוס האט געפיהלט אז ער שטעהט פעסט און אז זיינע געוועזענע ברידער זענען אזוי ווייט געפאלען אז ער דארף מיט זיי קיין שום צערעמאניעס ניט מאכען, האט ער זיך געהאפט בעווייזען זיין געטריישאפט דעם קאטא־ליציזמוס און האט אנגעהויבען ארבייטען אז די יודען זאלען זיך טויפען. צום ערשטען מאל האט ער זיך גענומען צו ר׳ יוסף ארבאבוענא, וואס איז גע־וועהן לייב־דאקטאר ביים קאניג קארל דעם דריטטען און לאנד־רב פון נאווארא, און צו ר׳ מאיר אלגואדעס, וואס איז אויך געוועהן דער לייב־דאקטאר פון דעם קאניג היינריך דעם דריטטען און לאנד־רב פון גאנץ קאסטיליען. אז ער האט זיך אבער אבגעבריהט גאר ביים אנהייב און האט פערשטאנען אז מיט אנדערע וועט ער אויך גאר ניט מאכען, האט ער אנגע־הויבען שיטטען מיט שוועבעל און פעך אויף די יודען, אויסרעדען אויף זיי כל הרעות און אנרייצען געגען זיי דאס פאלק. עס איז געקומען אזוי ווייט אז פוילוס האט זיך ניט געשאמט צו ראטהען דעם קאניג ער זאל ניט צו לאזען צו קיין שטעללען אפילו געטויפטע יודען, און דערביי האט ער טאקי געהאט א שטיקעל מיין טאמער האפט זיך ארוים נאך אזא פויגעל ווי ער און טרעפט איהם נאך אבער. איבערהויפט האט פוילוס געוואוסט אז וואס מעהר מען וועט אונטערדריקען די יודען, וועט עס פאר איהם זיין בעסער און ער האט פון זיין זייט זיי אנגעטהון אזעלכע צרות, אז דער קארדינאל פון פאמפעלונא און נאך אנדערע גייסטליכע האבען עס ניט געקאנט צוזעהן און האבען געמוזט בענוצען זייער גאנצע מאכט צו לעשען מיט געוואלד דעם צארן פון דעם צורר.

ווי שוואך אבער און געפאלען ביי זיך די יודען זענען דעמאלט געוועהן, האבען זיי פארט ניט געקאנט גלייכגילטיג איבערטראגען דעם וועטהיג, אז א יוד, וואס איז נאר וואס געוועהן א רב און א פארשטעהער פון א גרויסער קהלה זאל זיי אזוי פיעל בלוט פערצאפען, און זיי האבען זיך ענטשלאסען איהם חאטש ניט לאזען רוהען און זיך מיט איהם אריינלאזען אין א ויכוח, חאטש זיי האבען

פְרִיהֶער גֶעוואוּסְט אַז אַזאַ מִלְחָמָה מוז זִיךְ אויסְלָאזֶען מִיט גָאר נִישְׁט, ווייל די
צְדָדִים זֶענֶען נִיט גְלֵייךְ: זֵיי בֶּענוּצֶען זִיךְ מִיט אַ שְׁוואַכֶער פֶעדֶער און קוּמֶען
אָב נָאר מִיט'ן רֶעדֶען, און פון דֶער אַנְדֶערֶער זַייט ווייזְט מֶען זֵיי קוּלַאקֶעס און
עֶס פְלִיהֶען שׁוין שְׁטֵיינֶער... אֵיינֶער פון פּוילוס תַּלְמִידִים, ר׳ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן
יוֹסֵף לָארְקִי פון קַאנִיס, אַ דָאקְטָאר און אַ גְרויסֶער קֶענֶער פון דֶער אַרַא-
בִּישֶׁען שְׁפְּרַאכֶע, אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער אַרויסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען גֶעגֶען זַיין רֶבִּי'ן און הָאט
אִיהם אָנְגֶעהויבֶּען פְרֶעגֶען שַׁאֲלוֹת; עֶר הָאט אָבֶער זַיין סֵפֶר אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען מִיט
אַזוֹי פִיעל חָכְמָה אַז דָאס לֵיצָנוּת, דִי שְׁטֶעךְ-ווערְטְלֶעךְ, זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען בֶּע-
הַאלְטֶען צְווִישֶׁען דִי שׁוּרוֹת, מֶען הָאט גֶעקָאנְט מֵיינֶען אַז עֶר רֶעדְט מִיט פּוילוס'ן
מִיט גְרויס דֶרֶךְ אֶרֶץ, און בֶּאֱמֶת הָאט עֶר אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַזֵיינְס אָנְצוּהֶערֶען
אַז עֶס הָאט אִיהם אַזוֹי גֶעמוּזְט שְׁטֶעכֶען אִין דֶער זִיבֶּעטֶער רִיפּ. לָארְקִי הָאט
זִיךְ קְלָאמֶערְשְׁט גֶעמַאכְט פַאר אַ תָּם און שְׁרַייבְּט פּוילוס'ן אַז עֶר פַארְשְׁטֶעהְט
נִיט צוּ לִיעב וָואס עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה: עֶר רֶעכֶענְט
אִיהם נִיט פַאר אַזוֹי שְׁלֶעכְט, עֶר זָאל עֶס הָאבֶען גֶעטְהוּן צוּ לִיעב כָּבוֹד; עֶר
קָאן נִישְׁט דֶענְקֶען אַז עֶר הָאט פְּלוּצְלוּנְג נָאר גֶעפוּנֶען חֶסְרוֹנוֹת אִין יוּדִישְׁקַייט,
ווייל בִּיז פֶערְצִיג יָאהר הָאט עֶר אָבְּגֶעהִיט אַלֶע יוּדִישֶׁע דִינִים און מִנְהָגִים און
קַיין זַאךְ אִיז אִיהם נִיט קָשֶׁה גֶעוֶועהן; עֶר קָאן אִיהם ווִידֶער נִיט הַאלְטֶען
אַזוֹי ווייט נַארִישׁ אַז עֶר זָאל זִיךְ הָאבֶען דֶער שְׁרָאקֶען פַאר דִי רְדִיפוֹת און זָאל
מֵיינֶען אַז דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק מוז אִין גַאנְצֶען פֶערְשְׁוואוּנְדֶען וֶוערֶען, ווייל עֶר
ווייסְט וואהל אַז אִין אֵייראָפָּא לֶעבְּט נָאר אַ טְהֵייל יוּדֶען און דִי אִיבְּרִיגֶע גֶעפִינֶען
זִיךְ אִין אַזֶעלְכֶע עֶרְטֶער, וואו זֵיי קֶענֶען נָאךְ רוּהִיג זַיין און אִיבֶּערְלֶעבֶּען, ווִי זֵייעֶר
שְׁטֵיינֶער אִיז, שְׁטַארְקֶערֶע פֶעלְקֶער. צוּ לִיעב וָואס זֶשֶׁע, פְרֶעגְט אִיהם לָארְקִי,
הָאט עֶר פְּלוּצְלוּנְג אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען דֶעם גְלוֹיבֶּען, וָואס עֶר הָאט כִּמְעַט אַ הַאלְבּ
לֶעבֶּען גֶעדִינְט, און וָוארְפְט מִיט שְׁטֵיינֶער אויף זַיינֶע בְּרִידֶער, וָואס הָאבֶען
אִיהם אַזוֹי פִיעל יָאהרֶען גֶערֶעכֶענְט פַאר זֵייעֶר פִיהרֶער, און דָא הֵייבְּט זִיךְ
גְרָשְׁט אָן דָאס רֶעכְטֶע אַרְבַּייט: לָארְקִי זוּכְט קְלָאמֶערְשְׁט תֵּירוּצִים, עֶר ווִיל
טְרֶעפֶען, וָואס פּוילוס קָאן אֶנְטְפֶערְן, און אַזוֹי שִׁיט עֶר אִיהם אָב פון קָאפּ בִּיז
פוס מִיט הֲלָצוֹת, עֶר זָאגְט אִיהם אַרויס אַזאַ אֱמֶת וָואס אִיז בִּיטֶערֶער ווִי גַאל
און מַאכְט פון אִיהם נָאר חוֹזֶק. אַז לָארְקִי'ס נִיפְּטִינֶע פַיילֶען הָאבֶען גֶעטְרָאפֶען
צוּם צִיעל — זֶעהְט מֶען אַרויס פון פּוילוס'ס תְּשׁוּבָה וָואס אִיז נָאר אָהן רֶעכְטֶע
דִבּוּרִים, נָאר פִיל מִיט כַּעַס, און בֶּעווייזְט אַז דֶער שְׁטֵיין אִיז גֶעפַאלֶען, ווִי
מֶען זָאגְט פוּנְקְט אִין קָארְבּ אַריין.

ר׳ חסדאי קרשקש האט זיך אויך ניט געקאנט איינהאלטען, און אזוי ווי ער פלעגט זיך אפט צונויפקומען מיט קריסטען און מען פלעגט איהם שטענדיג פרעגען שאלות וועגען רעליגיאן, האט ער ארויסגעלאזט א ספר און האט אויס־געוויזען אז די וואס ווילען מיט געוואלד אנוואַרפען די קאטאלישע אמונה טרעטען אב אפילו פון די יסודות פונ׳ם קריסטענטהום. נאך מעהר פון אללע, וואס האבען געשריבען וכוח־ספרים, האט זיך דעמאלט בערימט געמאכט ר׳ יצחק בן משה אפודי, אגרויסער למדן, אדאקטאר און איין אסטראנאם, וואס האט זיך אים יאהר 1341 געמוזט טויפען און זיך רופען פראפיאט דוראן און האט טאקי שוין ניט געקאנט איבערטראגען די בושה פון זיין אקריסט מיט׳ן מויל און בלייבען א איוד אין הארצען, און האט זיך באלד ענטשלאסען אוועקצופאהרען קיין ארץ ישראל און דארט ווערן פריי א איוד. איינעם מיט איהם האט זיך דעמאלט געטויפט זיינער א חבר, דוד עין־בונט בוען גורן, און אז ביי איהם איז געבליבען די דעה אוועקצוּוואַרפען שפאניען, האט דער חבר אויך געוואלט טהון דאס אייגענע און זיי האבען צווישען זיך אבגערעדט אז פראפיאט דוראן זאל דערוויילע אריינפאהרען קיין פראנקרייך און זיך דארט אבשטעלען אין איינער פון די שטאדט, וואס געפינען זיך ביים ים, כדי עין־בונט זאל שפעטער אהין צו קומען, און ביידע איינעם זאלען זיי זיך אויפ־זעצען אויף א שיף. ווי ערשטוינט איז אבער פראפיאט דוראן געוועהן, אז גאר אין אקורצער צייט איז איהם אנגעקומען א בריעף פון עין־בונט, וועלכער בעשרייבט איהם אז ער האט זיך אין וועג בעגעגענט מיט פוילוס׳ן און ער האט איהם פערשטעהן געגעבען דאס הייליגקייט פון דער קריסטליכער אמונה, און דאריבער זאגט ער זיך אב פון דעם געדאנק נאך אמאל א איוד צו ווערען, און ראטה איהם אויך, ער זאל זעהן פריהר גוט בערעכנען עהדער ער וועט זיך לאזען אין זיין ווייטער נסיעה. ווי אדוגער האט דער בריעף פון עין־בונט דערשלאגען דעם אומגליקליכען פראפיאט דוראן, ער האט געזעהן אז זיין חבר ווערט איהם פערלארן, און זיין אמת יודיש הארץ האט איהם קיין רוה געגעבען טאמער געראטה עס פוילוס׳ן נאך אזעלכע יונגע לייט אריינצוחאפען אין זיין נעץ, און דאריבער האט ער זיך ענטשלאסען צו ענטפערן עין־בונט׳ן מיט א בעזונדער חבור, וואס ער האט א נאהמען געגעבען „אל תהי כאבותיך“. דאס מערקווירדיגקייט פון דעם חבור בעשטעהט אין דעם דאפעלטען זין פון יעדעם ווארט: אז מען האט גלאט אזוי געלייענט האט מען געקאנט מיינען אז פראפיאט דוראן רעדט יעדען צו ער זאל אוועקוואַרפען דעם נארישען גאנג

פון די עלטערן אונ זיך בעסער נעהמען אויפ'ן דרך פון די, וואס בעווארנען זיך אי מיט עולם הבא אי מיט עולם הזה; קוים האט מען זיך אבער צוגעקוקט צו דער אינעווייניגסטער כוונה פונ'ם מחבר, האט מען באלד ארויסגעזעהן אז ער מאכט חוזק פון פיילוס'ן אונ פון אללע וואס לאזען זיך דורך איהם אראבפיהרען פונ'ם וועג. דערפאר האבען די גייסטליכע, די ערשטע צייט, אליין פארטהיילט צווישען די יודען פראפיאט דוראן'ס חבור, ווייל זיי האבען גערעכענט אז דורך דעם וועלען זיי פון אללע זייטען בעקומען נייע קריסטען, נאר אז זיי האבען א קוק געטהון ווי די יודען פערשטעהען דעם אינהאלט גאר פערקעהרט אונ לערנען טאקי דעם אמת'ן פשט, האבען זיי אנגעהויבען דעם חבור צו ברענגען אין פייער. באלד נאך דעם האט פראפיאט דוראן ארויסגעלאזט איין אנדער ספר, וואס דארט האט שוין ניט קיין קליינעם חלק געהאט ר' חסדאי קרשקש, אונ זיי ביידע זענען שוין ארויס מיט שארפע דבורים אונ האבען ארויסגעוויזען, טאקי פון די קריסטליכע הייליגע ספרים אליין, וואס פאר א תל אזיינע געפארבטע מענשען, ווי פיילוס, מאכען פונ'ם קריסטענטהום אונ ווי ווייט זיי שטעהען פון דעם עיקר, וואס זייער גואל האט געלערנט.

דערווייל האט פיילוס אנגעהויבען שטארק וואקסען: ער איז געווארען עפיסקאפ פון קרתגינא אונ דער גאנצער בעל סוד ביים קאניג היינריך, פון דעסטוועגען האט איהם ניט געראטהען צו פועל'ן ביי היינריך'ן ער זאל אבזאגען די יודען פון די גרויסע שטעלען, וואס עטליכע פון זיי האבען נאך פערנומען, אונ בעזאנדערס האט איהם פערדראסען וואס ער קאן ניט בייקומען די צוויי יודישע לייב-דאקטוירים, דעם לאנד-רב דון מאיר אלגואדעץ אונ דעם בעריהמטען שפאנישען דיכטער דון משה צרצל, ווייל דער קאניג, וואס איז געוועהן זעהר א קראנקליכער, פלעגט דארפען אפט אנקומען צו זיי אונ האט טאקי פון זיי שטארק געהאלטען. אט די צוויי יודען, אונ נאך א פאר, וואס די שלעכטע צייט האט זיי נאך ניט פון די פיס געווארפען, האבען איינגעווענדט אללע כוחות אונ האבען געארבייט פאר דער יודישער וויסענשאפט. דון מאיר אלגואדעס האט איבער געזעצט דעם „ספר המדות" פון אריסטוטלוס אויף לשון קדש; פראפיאט דוראן, וואס האט זיך, ווי עס שיינט, אויסגעדרעהט פון די שונאים'ס האנד אונ איז געבליבען אין פערפיגנאן, האט אנגעשריבען א פירוש אויפ'ן רמב"ם'ס „מורה נבוכים" אונ אויפ'ן אבן עזרא", ער האט געמאכט איין העברעאישע גראממאטיק אונ האט אויך צונויפגעקליבען פערשיעדענע ידיעות וועגען די צרות, וואס יודען האבען

איבערגעטראגען פונ'ם דרייצעהנטען יאהר הונדערט אן. ר' חסדאי קרעשקש האט געארבייט פאר'ן טויט איבער א גרויס ספר וועגען חקירה אונ אמונה, נאר געענדיגט האט ער עס ניט. אויסער דעם איז דעמאלט צווישען די יודישע לומדים אונ שרייבערס בעקאנט געוועהן דער נאהמען פון דון שלמה בינבניסתי אבן-לבא, וואס מען האט איהם אויך גערופען דע-לא-קבלריא. זיין זוהן איז געוועהן א הייסער יוד אונ האט זיך אין א ביטערער צייט שטארק ארויס-געשטעלט פאר זיינע ברידער, דער נאך זענען אבער טאקי פון דער אייגענער משפחה ארויס די גרעסטע שונאי ישראל אונ די יודען האבען פון זיי געהאט זעהר גרויסע צרות.

אזוי איז נאך געוועהן צו דערלייזען כל זמן דער קאניג היינריך דער דריטער האט געלעבט. אז ער איז אבער אים יאהר 1406 געשטארבען, האבען זיך ערשט אנגעהויבען פאר די יודען די רעכטע צרות. זיין יורש ושואן דער צווייטער איז אין גאנצען אלט געוועהן צוויי יאהר אונ די מלוכה איז איבער-געגאנגען צו דער אלמנה, דער קאניגין קאטאלינא, וואס איז געוועהן זעהר לייכטזיניג, אונ צו דעם פרינץ דון פערנאנדא, וואס ביי איהם האבען די גייסטליכע געהאט די גאנצע דעה. אז עס האט זיך דא פאר די גייסטליכע געעפענט א נייע וועלט אונ דערצו איז נאך אין היינריך'ס צוואה געשטאנען א פונקט אז פוילוס דארף זיין דער גאנצער משגיח ביז זיין זוהן וועט אונטער-וואקסען, קאן מען שוין פארשטעהן מיט וואס פאר א חשק פוילוס האט זיך געהאפט אויסצופיהרען זיינע אלטע מחשבות וועגען יודען. צום ערשטען האט ער געוואלט ארויס פטר'ן די יודען, וואס האבען נאך געהאט שטעלען ביי דער קרוין, אונ עס איז אים יאהר 1408 ארויס א בעפעהל אז יודען טארען ניט דיענען ניט נאר ביי דער מלוכה, נאר אפילו אזוי ביי קריסטען אונ ווי באלד מען וועט געוואהר ווערען אז א יוד האט עובר געוועהן אויף דעם מוז ער בעצאהלען קנס צוויי מאהל אזוי פיעל ווי פיעל זיין יאהרליכע פרנסה האט בעטראפען, אונ אויב ער וועט קיין מזומן געלד ניט האבען זאל מען ביי איהם צונעהמען זיין גאנץ ווירטשאפט, אונ אחוץ דעם זאל מען איהם עפענטליך געבען פונפציג מלקות. דערנאך האט זיך פוילוס געלעגט אין דער לאנג אונ אין דער ברייט ער זאל זיין אלטען שונא, דון מאיר אלגואדעס אריינפיהרען אין א אומגליק אונ עס איז איהם טאקי געראטהען. ווי אזוי די זאך איז געשעהן — קאן מען ניט וויסען, פונקט ווי עס איז שטענדיג שווער געוועהן צו דערגעהן דעם אנהייב פון אללע בלבולים, וואס מען האט פריהר אונ שפעטער געמאכט

אויף דעם יודישען פאלק, נאר ביי יודען האט מען קיין מאל ניט געוואלט פאר-
שען פון וואנען א בעשולדיגונג געהמט זיך, מען האט נאר געקוקט אויפ'ן סוף,
די יודען זאלען בלייבען שולדיג און מען זאל זיך קאנען אן זיי נוקם זיין. אזוי
איז דא אויך געוועהן: פלוצלונג, ווען די קאניגין מיט'ן קליינעם פרינץ איז
געקומען קיין שיגובה, האבען די גייסטליכע אנגעמאכט א געוואלד אז א יוד
האט געקריגען א האסטיע און האט געוואלט שאנדען דאס הייליגע ברויט, נאר
די האסטיע האט אנגעהויבען צו מאכען אזיינע מופתים אז דער יוד איז דער-
שראקען געווארען און האט זי מיט גרויס ציטערניש צוריקגעבראכט אין
קלויסטער אריין. עס איז באלד געווארען א ליארם, א געשריי, דער עפיסקאפ
זשואן וועלאסקועץ דע טרדסילס האט בעקומען א ווינק פון אויבען
ער זאל ניט שווייגען אין דער זאך, און שוין זענען געזעסען אין תפיסה די
שאנסטע יודישע בעלי בתים און צווישען זיי אויך דון מאיר אלגואדעץ. וואס
פאר א שייכות דער געוועזענער לייב-דאקטאר האט געקאנט האבען צו די
מופתים פון דער האסטיע — פון דעם סוד האט געוואוסט נאר איין פוילוס:
ער האט געפיהרט דעם פראצעס, ער האט געהייסען שלאגען אללע בעשולדיגטע
און זיי אנטהון ענוים קשים ביז זיי האבען זיך געמוזט מודה זיין, און אז דער
אומגליקליכער דון מאיר אלגואדעץ האט נאך צו ליעב געטהון די תלינים און
האט נאך ארויסגעזאגט אז ער האט געסמ'ט דעם קאניג היינריך, האט ער
ארויסגעגעבען א משפט צדק, מען זאל איהם לעבעדיגערהייד צושניידען אויף
שטיקער. אזא סוף האבען געהאט די איבריגע יודען וואס פוילוס האט אויף
זיי געווארפען איין אויג און האט זיי צוגעשלעפט צו דעם שרעקליכען חטא
פון דער האסטיע, און דעמאלט האט ער אויך געהייסען צונעהמען איינע פון די
יודישע שולען און זי מאכען פאר א קירכע.

א שרעקליכע צייט האט זיך ווייטער אנגעהויבען פאר די שפאנישע יודען
און אין די דאזיגע ביטערע יאהרען האבען די מקובלים ווייטער אויפגעהויבען
דעם קאפ און דריי פון זיי, אברהם פון גרנאדה, שם טוב בן יוסף און
משה בותרל, האבען זיך בענוצט מיט דעם פינסטערניש, וואס האט בעדעקט
דאס יודישע לעבען, און האבען אנגעהויבען איינצורעדען דעם עולם, אז דאס
גאנצע אומגליק האט זיך נאר גענומען פון דעם וואס יודען האבען צו פיעל
געלערנט תורה און חכמה, און אז עס איז גלייכער צו גלויבען בלינד, האלטען
צוגעמאכט די אויגען און ווארטען ביז דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זיין
און שיקען די ישועה. אברהם פון גרנאדה האט זיך ניט געשעמט אפען

אַרויסְצוּזָאגֶען אַז וֶוער עֶס גְלויבְּט נִיט אִין קַבָּלָה, דֶער קָאן זִיךְ גָאר נִיט רֶעכְנֶען פַאר קַיין מַאֲמִין, אוּנ אַז וֶוען דִי קַבָּלָה זָאל גֶעוֶועהן זַיין בֶּעפֶעסְטִיגְט צְווִישֶען יוּדֶען וָואלְטֶען פִיעל פוּן זֵיי זִיךְ נִיט גֶעוֶועהן גֶעטוֹיפְט אִים יָאהר 1391. דֶערְצוּ הָאט עֶר נָאךְ גֶענוּמֶען הַיילֶען דִי וואוּנְדֶען פוּנ'ם פָאלְק מִיט זֶעהר אַ גֶעפֶאהְרלִיךְ מִיטֶעל: עֶר הָאט זֵיי גֶעטְרֶעסְט דֶערְמִיט וָואס דִי גְרוֹיסֶע צָרוֹת בֶּעוַוייזֶען אַז גִיךְ וֶועלֶען זִיךְ אָנְהֵייבֶּען מָשִׁיחַ'ס־צַייטֶען אוּנ הָאט זֵיי פֶערְשְׁלָאגֶען דֶעם קָאפּ מִיט פֶערְדְרֶעהְטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּנ פַאלְשֶׁע הָאפְנוּנְגֶען. שֵׁם טוֹב בֶּן יוֹסֵף אִיז נָאךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוּנ הָאט אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט דִי גַאנְצֶע שׁוּלְד אוֹיפ'ן רמב"ם, גֶרְשׁוֹנִי אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע חֲכָמִים; עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אַ סֵפֶר „אֱמוּנוֹת“ אוּנ הָאט דָארְט אָבְּגֶעשִׁיט מִיט פַייעֶר אַללֶע חוֹקְרִים, וָואס הָאבֶּען, אוּמְגֶערְן אָדֶער אִימִיסְטֶען, דֶערְוַוייטֶערְט דִי יוּדֶען פוּן אַזאַ טְהַייעֶרְן אוֹצָר וִוי דִי קַבָּלָה. נָאר דִי צְווֵיי מְקוּבָּלִים, וָואס זַיינֶען גֶעוֶועהן נִיט קַיין גְרוֹיסֶע דֶענְקֶער אוּנ זֶענֶען טַאקִי אַלֵיין אוֹיךְ גֶעוֶועהן גֶענַארְט, הָאבֶּען נִיט אַזוֹי פִיעל אָנְגֶעאַרְבַּייט וִוי דֶער דְרִיטֶער ר' מֹשֶׁה בּוֹתַּרֶל, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ פָּשׁוּטֶ'ער שְׁווִינְדְלֶער אוּנ הָאט גֶעשְׁפִּיעלְט דִי רָאללֶע פוּן אַ בַּעַל מוֹפֵת אוּנ טַאקִי פוּן אַ שְׁטִיקֶעל מָשִׁיחַ. מֹשֶׁה בּוֹתַּרֶל הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ סֵפֶר וָואס אִיז גֶעוֶועהן פוּל מִיט שְׁקָרִים אוּנ דֶער עוֹלָם הָאט אִיהם גֶעגְלוֹיבְּט, חָאטְשׁ עֶרְשְׁט נִיט לַאנְג אִיז עֶר גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיינֶער, וֶוען עֶר הָאט פֶערְזִיכֶערְט אַז נִיט שְׁפֶּעטֶער פוּן זוּמֶער אִים יָאהר 1393 וֶועט גֶעווִיס מָשִׁיחַ קוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען פַאר'ן גְרֶעסְטֶען לַמְדָן אוּנ הָאט צוּשִׁיקְט בְּרִיעף צוּ אַללֶע רַבָּנִים אַז עֶר קָאן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע קוּשְׁיוֹת פַארְאֶנְטְפֶערְן נָאר מִיט דֶער הִילְף פוּן קַבָּלָה· מֶערְקְווִירְדִיג אִיז דָאס, וָואס מֹשֶׁה בּוֹתַּרֶל הָאט גֶעקָאנְט פַארְדְרֶעהֶן דֶעם קָאפּ אֲפִילוּ פוּן אַזאַ גְרוֹיסֶען מַאנְן וִוי ר' חִסְדָאִי קְרֶשְׁקַשׁ, וָואס הָאט אֶפֶענְטְלִיךְ אִין שׁוּל מוֹדֶה גֶעוֶועהן אַז מֶען מֶאג שְׁטֶעלֶען אוֹיף זַיינֶע וֶוערְטֶער. אַוַדַאי הָאט עֶר זִיךְ שְׁפֶּעטֶער גֶעשֶׁעמְט, וֶוען דָאס פַאלְשְׁקַייט פוּן דֶעם צְבוּעַ'ק הָאט זִיךְ אִין גַאנְצֶען אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען, אוּנ עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט נַארֶען דֶער פַאר, וַוייל עֶר אִיז מֶעהר נִיט וִוי אַ מֶענְשׁ אוּנ בַּיי דֶער שְׁלֶעכְטֶער צַייט גְלוֹיבְּט זִיךְ אֲפִילוּ דֶעם קְלִיגְסְטֶען צוּ קְווִיקֶען זִיךְ מִיט אַ פַאלְשֶׁער שַׁיין פוּן דֶער קְלֵיינְסְטֶער הָאפְנוּנְג אוּנ עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר זֶעהט עֶפִּים, חָאטְשׁ דֶער שֵׂכֶל קְלַאפְּט אִיהם נוּט אִין קָאפּ אַרַיין אוּנ רַייסְט אִיהם מִיט גֶעוַואלְד אָבּ פוּנ'ם זִיסֶען חָלוֹם.

גֶענוּג שְׁלָאק הָאבֶּען, דַאכְט זִיךְ, דִי יוּדֶען גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ: אַללֶע אַנִי־ וָואהנֶער הָאבֶּען גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי ווִי אוֹיף בֶּעהַאלְטֶענֶע גְבִירִים אוּנ גֶערֶעכֶענְט

אז ביי יעדען פון זיי ליעגט בעגראבען אוצרות מיט געלד, די גייסטליכע האבען געהאלטען פאר דער גרעסטער מצוה צו טויפען יודען און די געטויפטע אלליין פלעגען זיך אפט נאר אין גאנצען איבערקעהרען, ערשט נעכטען האבען זיי געהאפט קלאפ גלייך מיט אללע און וואלטען נאך ניט בעדארפט פערגעסען דעם טעם פון זיי און היינט שלאגען זיי שוין אויך מיט חשק זייערע געוועזענע ברידער, גלייך ווי עמיצער שטעהט זיי איבער'ן קארק און שרייעט: „הרג'ט, ממית'ט!". מען האט געקאנט מיינען אז ערגער קאן שוין גאר ניט זיין, נאר דער אנהויב פונ'ם פינפצעהנטען יאהר הונדערט האט בעוויזען אז די יודען האבען געהאט אזיינע צרות, וואס זיי האבען זיך אויף זיי גאר ניט גערעכט. דריי שרעקליכע שונאים האבען צונויפגעזאמעלט זייערע כוחות און האבען אינאיינעם געארבייט צו דערשטיקען די יודען: פון די דריי שותפים איז איינער געוועהן יהושע לארקי, א געטויפטער יוד, דער אנדערער האט געהייסען פראי וויצענטע פערער און איז געוועהן זעהר א פרומער גייסטליכער, דער דריטער איז געשטאנען גאר הויך, ווייל דאס איז געוועהן דער פאפסט בענעדיקטוס דער דרייצעהנטע. יהושע לארקי איז געוועהן דער אייגענער, וואס האט פריהער געארבייט מעשים ווען זיין רבי פוילוס האט זיך געטויפט און גאר גיך האט זיך ביי איהם איבערגעביטען די דעה: ער איז איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום און האט בעקומען א נייעם נאהמען געראנימא דע סאנטא-פע. דער פאפסט בענעדיקטוס האט איהם צו זיך צוגענומען פאר לייב-דאקטאר און באלד האט זיך ארויסגעוויזען אז דער תלמיד האט אבער געטראפען דעם רבי'ן, ווייל ער האט זיך בעמיהט נאך מעהר פון פוילוס'ן צו פערגרעסערן די צאהל פון די געטויפטע, און אז עס איז ניט געגאנגען האט ער ניט געזשאלעוועט אויסצוטראכטען בלבולים און ברענגען די יודען אויפ'ן פייער. וויצענטע פערער איז ניט געוועהן אזא גרויסער צורר היהודים ווי ער האט טאקי מיט'ן גאנצען הארצען געוואלט די יודען גליקליך מאכען מיט דער קריסטליכער רעליגיאן און זיך בעווארענען א שטוהל אין גן עדן. ער האט ניט געמיינט ניט קיין כבוד ניט קיין געלד, ווייל ער איז געוועהן אין גאנצען אויסגעטהון פון דער וועלט; פון די גרעסטע שטעללען, וואס מען האט איהם פארגעלעגט, האט ער זיך אבגעזאגט און פלעגט נאר פון שטאדט צו שטאדט ארומגעהן בארוועס און צורעדען אללע מען זאל ווערען פרימער און זיך האלטען אין אמת'ן גלויבען. דערצו איז ער נאך געוועהן א בעריהמטער דרשן און איז אים שטאנד געוועהן מיט זיינע רעד אויפצוהיצען נאר די הארץ-

מעסטע מענשען אונ ברענגען צו טרערען אזעלכע וואס האבען פון זייער לעבסטאג ניט געוואוסט וואס הייסט אזיינס וויינען. ער האט אבער, צום אומגליק, ניט נאר דבורים בענוצט נאר דארט וואו ער פלעגט אנטרעפען עקשנים האט ער זיך בעשלאסען צו געהן מיט כח אונ נייטהען מען זאל איהם פאלגען וויל ער איז איבערצייגט געוועהן אז ער טהוט עס נאר פון יענעמ'ס טובה וועגען אונ ער אליין וועט זיך נאר פערדיענען די מצוה. אז ער איז געוואהר געווארען ווי די מאראנען זענען זיך נוהג אונ ווי פאלש זיי זענען דעם קריס-טענטהום, האט ער זיי אנגעהויבען שטראפען מיט אזעלכע פייערינע דרשות, אז פיעל פון זיי האבען זיך מודה געוועהן אונ האבען איהם געגעבען דאס ווארט תשובה צו טהון אונ ווערען אמת'ע קריסטען. אז דאס איז איהם געראטהען, האט ער זיך שוין גענומען צו די יודען, אונ דריי יאהר כסדר, פון 1412 ביז 1415 האבען זיי פון איהם שרעקליך געליטען. די שפאנישע מלוכות האבען זיך אויך אנגעהאפט אין וויצענטע פערער'ס דרשות, חאטש זיי האבען לחלוטין ניט געמיינט דאס וואס ער, זיי האבען מעהר ניט געוואלט ווי פערשלאגען דעם קאפ פונ'ם פאלק, כדי מען זאל האבען צו טהון מיט יודען אונ מיט אנדערע פרעמדע אומות אונ מען זאל אין אייגענע זאכען פערגעסען. דערפאר איז וויצענטע פערער אומעדום געוועהן א ליעבער גאסט, מען האט איהם געגעבען איין ערלויבניש צו דרשנ'ען אין די שולען אונ מאשעען אונ די יודען מיט די מחמדנער האט מען געצוואונגען זיי זאלען איהם מוזען הערען. מען קאן זיך פארשטעלען וואס די יודען האבען אויסגעשטאנען ווען וויצענטע פערער פלעגט זיך אנידערשטעלען ביים ארון קודש מיט א ספר תורה אין איין האנד אונ מיט א קרייץ אין דער אנדערער האנד אונ שטראפען דעם עולם פאר וואס זיי ווילען ניט מודה זיין אויפ'ן אמת. ווי עס ווייזט אבער אויס, האט ער די ערשטע צייט נאר ווייניג געפועל'ט ביי די יודען, ביז דער גוטער פוילוס איז איהם ניט געקומען צו הילף. פוילוס האט שוין פון פריהער געוואוסט אז מיט גוטען קאן מען נאר ניט מאכען אונ אז מען מוז די יודען אזא קוועטש טהון זיי זאלען נאר קיין אנדער ברירה ניט האבען אונ זאלען מוזען איינבייגען די קאפ. די מלוכה פון קאסטיליען האט באלד ארויסגעגעבען א געזעץ פאר די יודען וואס איז בעשטאנען פון פיער אונ צוואנציג פונקטען אונ וואס האט זיי אזוי געבונדען אז זיי האבען זיך ניט געקאנט רירען. נאך דעם נייעם געזעץ, האבען די יודען געמוזט וואהנען אין א בעזונדער גאס, וואס האט געהאט טויערן פון ביידע זייטען אונ מען האט זיי געקאנט פערשליסען. קיין אייגענע

דינים האבען זיי ניט געטארט האבען, מיט קיין שום מלאכה האבען זיי זיך ניט געטארט בעשעפטיגען, אפילו דאקטורים יודישע האבען ניט געטארט זיין, מיט קריסטען האנדלען האבען זיי קיין רעכט ניט געהאט, טראגען כלי זיין האבען זיי ניט געטארט, האלטען קריסטליכע דיענסטען איז זיי שטרענג פערבאטען געוועהן, אפילו אים שבת האבען זיי זיך ניט געקאנט שאפען מיט א קריסט ער זאל טהון די קליינסטע ארבייט. די יודען האבען געמוזט טראגען בעזונדערע קליידער מיט ארויטהע צייכען און ווי באלד מען האט געהאפט א יודען וואס האט זיך אנגעטהון גלייך מיט די קריסטען, איז פון איהם געקומען א גרויסער שטראף. די יודען האבען אויך ניט געטארט אבשערען די האר פונ'ם קאפ און פוצען די בארד, און ווער עס האט עובר געוועהן האט באלד געהאפט הונדערט מלקות. פאר אללע איינוואהנער פונ'ם לאנד איז בעשטימט געוועהן די גרעסטע שטראף ווען זיי וועלען ביי זיך האלטען יודען און זיי בעשיצען. מען האט אויך פערוועהרט די יודען זיי זאלען ניט טארען ארויספאהרען ניט נאר פונ'ם לאנד, נאר אפילו פון דער שטאדט און וועמען מען האט דערהאפט ניט אויף זיין פלאץ, האט מען ביי איהם צוגענומען זיין פערמעגען און איהם אלליין געמאכט פאר א קנעכט. וואס פאר א פינסטערניס אזא געזעץ האט אנגעמאכט צווישען די יודען פון קאסטיליען, וואס זענען פארט געוואהנט געוועהן שאן צו לעבען, דאס איז לייכט צו פערשטעהן, אודאי האבען ניט אללע געקאנט בעשטעהן ביי אזא נסיון, און אז וויצענטע פערער איז שפעטער נאך אמאל געקומען צו די יודען און האט זיי אנגעהויבען אויסצווייזען אז מיט זייער עקשנות פערשפיעלען זיי ביידע וועלטען, האבען פיעל פון זיי איהם געפאלגט, ניט אזוי פון עולם הבא וועגען, ווי צו ליעב עולם הזה. דעמאלט האבען זיך כמעט גאנצע יודישע קהלות אויסגעטויפט, פון די שולען האט מען געמאכט קירכען, און די יודען פון סלאמנקא האבען זיך גערופען „וויצענטינער" נאכ'ן נאהמען פון וויצענטע פערער, וואס האט זיי אללע געבראכט צו דער טויפע. דאס אייגענע איז אויך געשעהן אין אראגאניען, וואו דער קאסטיליענישער פרינץ דון פערנאנדא איז געווארען קאניג אים יאהר 1414, און וויצענטע פערער איז געוועהן זיין גאנצער יועץ. אודאי האט ער זיך דארט אויך געקאנט צופיהרען די האנד, די מלוכה האט איהם אויפגעעפענט אללע יודישע שולען, ער זאל האבען וואו צו דרשנ'ען, די יודען האט זי מיט געוואלד געטריבען זי זאל איהם לויפען הערען, אחוץ דעם האט זי זיי געשטעלט א שאנעם שפיעגעל פאר די אויגען זיי זאלען זעהן

וואס מיט זיי וועט זיך טהון ווען זיי וועלען ניט נאכגעבען, אונ אזוי איז איהם געראטהען אין פיעל שטאדט, ווי סרגסה. דרקה, טרטזא, וואלענסיא אונ מאיארקא, טויזענדער יודען אבצורייסען פון זייער אמונה. סך הכל האט וויצענטע פערער אבגעטויפט אין קאסטיליען אונ אראגאניען מעהר פון צוואנציג טויזענד יודען, נאר דורך זיי איז מעהר ניט ווי פערגרעסערט געווארען די צאהל פון די מאראנען, ווייל די אללע געטויפטע האבען ניט געקאנט פערגעסען מיט וואס פאר אמיטעל מען האט זיי אבגעריסען פון יודישקייט...

דערמיט זענען נאך אבער די יודען ניט אבגעקומען, ווייל באלד האט זיך צו זיי גענומען דער פאפסט בענעדיקטוס דער דרייצעהנטער, וואס איז שוין פון לאנג אן, נאך אז ער איז געוועהן א קארדינאל, געוועהן בעקאנט פאר א שונא ישראל, אונ אז ער האט נאך דערטאפט אזא אבן טוב, ווי זיין לייב-דאקטאר יהושע לארקי, אדער גערוניסא דע סאנטא-פע, וואס האט גוט געקאנט די יודען מיט אללע חסרונות פונ׳ם יודישען לעבען, האט ער שוין געהאט צו וואס זיך צו טשעפען. דערצו האט נאך בענעדיקטוס געהאט א מחשבה זרה, ווייל ער האט גערעכענט אליין טאקי געהאלפען צו ווערען דורך די יודען. די וועלט האט פון איהם זעהר ווייניג געהאלטען, נאר אין איין אראגאניען איז ער נאך געוועהן אין דער מעלה, אין אנדערע קאטאלישע לאנדער האט מען פון איהם גאר ניט געוואלט וויסען, מען האט אויסגעקליבען איין אנדער פאפסט אונ איהם האט מען פשוט אין חרם אריינגעלעגט. ביי אזא טרויעריגען מעמד, האט זיך בענעדיקטוס בעשלאסען צו ווייזען זיינע שונאים ווי גרויס זיין ליעבשאפט צום גלויבען איז אונ האט געוואלט זיי שטעבען די אויגען דערמיט וואס ער וועט טויזענדער יודען ארונטערנעהמען אונטער די פליגעל פונ׳ם קאטאליציזמוס. דערפאר האט מען געפועלט ביי דער מלוכה זי זאל ארויסלאזען א בעפעהל אז אללע גרויסע רבנים אונ לומדים פון אראגאניען זאלען אין א בעשטימטער צייט קומען צו איהם אונ האבען א ווכוח וועגען אמונה, אונ ביי זיך האט ער געטראכט אז ווי באלד עס וועט איהם געראטהען די פארשטעהער אריבערשלעפען אויף זיין זייט, וועט שוין דער איבריגער עולם ממילא נאכלויפען. די יודען האבען געוואוסט אז יהושע לארקי בעריהמט זיך אז ער וועט דערווייזען פון דער גמרא אליין אז משיח איז שוין געקומען. עס האט זיך זיי אודאי ניט געגלוסט צו פאהרען קיין טרטזא אונ שפארען זיך וועגען אזא זאך, וואס זיי קאנען נאר געגען דעם קיין שום ראיות ניט אננעהמען אונ מוזען נאר אין דעם בלינד גלויבען, ווייל דאס איז

זייער לעצטע טראסט און האפנונג; אבזאגען זיך האבען זיי מורא געהאט, און אזוי האבען זיך צוויי און צוואנציג גרויסע לייט געמוזט מאכען הארץ און קומען צום וכוח, און צווישען זיי זענען געוועהן די שאנסטע און פיינסטע בעלי בתים, פון דעם גרעסטען יחוס, ווי דון ווידל בן בינבנישתי אבן-לבי פון סרגסה, א בעריהמטער דאקטאר און א העברעאישער דיכטער, דער זוהן פון ר' שלמה דע-לא-קבלריא; ר' יוסף אלבו פון מאנרעאל, א תלמיד פון ר' חסדאי קרשקש, וואס איז געוועהן אי געלערנט, אי פרום; ר' זרחיה הלוי סלדין פון סרגסה, וואס איז געוועהן בעריהמט מיט זיינע איבער-זעצונגען פון אראביש אויף לשון קדש; אסטרוק לוי פון דרקא און באנאסטרוק פון גירונא — צוויי גרויסע לומדים, וואס דער פאפסט אליין האט זיי אין צעטעל אריינגעשטעלט.

האטש אללע יודישע פארשטעהער, וואס זענען זיך צונויפגעפאהרען קיין טרטוזא, זענען געוועהן שארפע קעפ, בקיאים אין תורה און אויך אין וועלט-זאכען, דערצו איז נאך דון ווידל געוועהן א שטארקער קענער פון דער לאטיינישע שפראכע, פון דעסטוועגען האט אויף זיי די הויט געציטערט נאך עהדער דער וכוח האט זיך אנגעהויבען, זיי האבען שוין ניט געהאט דאס שטארקקייט פונ'ם רמב"ן אמאל, וואס האט אויך געהאט דעם אייגענעם נסיון, נאר ער האט קיין כבוד ניט געלעגט אויף זיינע געגנער און האט פריי און אפען ארויסגעזאגט דעם אמת; זיי אבער זענען געוועהן ביי זיך געפאלען און האבען פאראויס-געזעהן אז ווי אזוי זיי מאגען טענה'ן וועלען זיי אלץ בלייבען אומגערעכט. דאס איז נאך זיי מעהר קלאר געווארען און האט ביי זיי אין גאנצען צוגענומען דעם חשק זיך אריינלאזען אין ווייטע דרכים, ווען זיי זענען געוואהר געווארען דעם פלאן פון יהושע לארקי, וואס האט פריהער גערעכענט אויסצוווייזען פונ'ם תלמוד אז די יודען דארפען שוין ניט ווארטען אויף משיח'ן, און דערנאך, אויב די יודען וועלען ניט אננעהמען זיין דעה, מאכען א תל פון דער גמרא און אויסדרינגען אז ער איז פול מיט נארישקייטען און שעדליכע זאכען. ביי אזא פלאן האבען זיי פריהער געוואוסט אז דער גאנצער וכוח איז מעהר ניט ווי א קאמעדיע און אז סאי ווי סאי מוזען זיי די מלחמה פערליערען.

דער וכוח האט זיך געצויגען א יאהר מיט ניין חדשים און אכט און זעכציג מאל זענען זיך ביידע צדדים צונויפגעקומען. בענעדיקטוס איז געוועהן פון די פערביסענע לייט, וואס האבען אין מויל זיסע רעד און אין בוזעם האבען זיי בעהאלטען א שפיז, ער האט געוואוסט אז ער מאג זיך פערלאזען אויף

יהושע לארקי, וואס וועט זיך קאנען מיט די יודען אויסטענה'ן און ברענגען זיי די נאטהיגע בעוויזע פון די יודישע הייליגע ספרים; פון זיין זייט האט ער אָבער געדעכענט צו נעהמען די יודען מיט ווייכקייט און גוטסקייט און דערפאר האט ער גרוים כבוד אָבגעגעבען די יודישע פארשטעהער, ווען זיי האבען זיך איהם דאס ערשטע מאל פארגעשטעלט, און האט זיי שטארק בע־רוהיגט ווען זיי האבען זיך געקוויינקעלט אָנצורופען זייערע נאהמען. ער האט זיי ערקלאָהרט אַז זיי האבען זיך ניט צו שרעקען פאר קיינעם, אַז ער האט זיי געלאָזט רופען דערפאר וואס ער אַללין וויל וויסען אַסך זאכען פון דעם יודישען גלויבען און זיי מאגען זייערע מיינונגען אַרויסזאָגען גאָר אָהן מורא.

אַזוי האט זיי אויך בענעדיקטוס פריינדליך אויפגענומען דעם אַנדערען טאג, ווען עס איז געוועהן די ערשטע פערזאַמלונג. אויף יהושע לארקי'ס שאלות האט דון ווידאל געאנפערט מיט אַלאנגער לאטיינישער רעדע און בענעדיקטוס האט איהם דערפאר געמאַכט זעהר פיעל קאמפלימענטען און געלויבט זיין שאָן רעדען. דון ווידאל האט זיך דעמאָלט געפרובט שוין בעטען דעם פאפסט ער זאָל זיי בעפרייען פון דעם ויכוח, ווייל לארקי פערדרעהט דעם זין פון די פסוקים און אַז די יודען ווילען ניט לערנען אַזוי דעם פשט ווי עס טויג איהם זאָגט ער שוין אַז זיי וועלען מאוס אָבשניידען. בענעדיקטוס האט איהם אָבער ניט געוואָלט צו ליעב טהון און האט געהייסען, אַז אויפ'ן אַנדערן טאג זאָל זיין די צווייטע פערזאַמלונג. דעמאָלט האבען שוין די יודען פערשטאַנען מיט וועמען זיי האבען צו טהון, אַז דאס פריינדשאפט איז נאָר לפנים און אַז בענע־דיקטוס וויל מאכי נאָר זיי עוקר מן השרש זיין. נאָך אין דעם איינעם טאג איז די גאַנצע יודישע קהלה פון טרטזא זיך צונויפגעקומען אין שול, ר' זרחיה הלוי סלדין האט געזאָגט דעם עולם אַדרשה און האט אָנגעוויזען אין וואס פאר אַסכנה דאס גאַנצע יודישקייט געפינט זיך, און עס איז געוואָרען אַיללה: די יודען האבען זיך געהאפט צום אַלטען מיטעל — אויסזוויינען ביי גאָטט אַישועה דורך אַהייסע תפלה.

די יודישע טרערען זענען ניט געוועהן אומזיסט. בענעדיקטוס איז געוועהן פערטראָגען מיט זיינע זאכען, ניט ביי אַללע פערזאַמלונגען האט ער געקאָנט זיין, און לארקווי האט געטהון וואס ער האט געוואָלט. ווי אַזוי די יודען האבען געשריגען און זיך געשפאַרט, האט מען זייערע טענות ניט פערשריבען און אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען צוויי און זיבציג אסיפות. נאָר מיט וואס פאר אַגעדולד די יודישע פארשטעהער האבען איבערגעטראָגען זייערע צרות, איז

זיי פארט שווער געוועהן צוצוקוקען ווי מען טרעט זיי מיט די פיס און זיי האבען אפען ארויסגעזאגט אז מען מוטשעט זיי גאר אהן אתכלית, ווייל זיי וועלען זיך קיין מאל ניט אבזאגען פונ'ם גלויבען אז משיח דארף ערשט קומען. דעמאלט האט בענעדיקטוס ערשט ארויסגעוויזען זיין גאנצע שנאה צו די יודען און האט זיי געלאזט מודיע זיין, אז ווי באלד זיי וועלען ניט האלטען קיין מויל וועלען זיי מיט'ן לעבען בעצאהלען, און לארקי איז ארויסגעשפרונגען מיט א פייערינער בעשולדיגונג געגען תלמוד: ער האט זיך גענומען דורכלופטערן די פערשימעלטע בלבולים פון ניקאלאי דאנין און האט אבגעזוכט אזעלכע ארטער אין דער גמרא, וואס בעווייזען קלאמערשט אז דאס יודישע לעבען איז פול מיט פערדארבענע מדות און אז דער תלמוד ערלויבט, אז קינדער זאלען שלאגען עלטערן און אז מען מאג דינען עבודה זרה, עובר שבועה זיין און פארשעלטען אין דאוונען מיט טויטע קללות אללע אנדערע פעלקער. אזוי ווי לארקווי האט זיך פעררופען אויף פערשיעדענע אגדות און מדרשים, האט דאס אנגעמאכט א שטיקעל מחלוקת צווישען די יודישע פארשטעהער: דער גרעס־טער טהייל פון זיי, און בעזאנדערס דון אסטרוק הלוי האט זיך ניט געוואלט אריינלאזען אין קיין פלפול מיט'ן שונא און האט געענטפערט קורץ און שארף, אז די אגדות האלטען די יודען ניט פאר הייליג און דאריבער קאן מען דערפון גאר קיין ראיה ניט ברענגען. דון ווידאל אבער און ר' יוסף אלבו זענען ניט געוועהן צופרידען פון דער דעה און האבען געזאגט אז אלדינג וואס עס געפינט זיך אין תלמוד איז הייליג, נאר מען מוז גוט נאכפארשען דעם טעם פון יעדער זאך, און אז דער אמת'ער זין פון די אגדות בעווייזט, פארקעהרט, ווי גוט און פרום די בעלי התלמוד זענען געוועהן און אז זיי האבען בשום אופן ניט געקאנט וועלען בעפעסטיגען ביים פאלק שלעכטע זיטען. די שונאים האבען זיך דערפרעהט ווען זיי האבען בעמערקט אז די יודישע פארשטעהער קאנען זיך ניט אויסגלייכען אין די מיינונגען און האבען גערעכענט אז דאס וועט אפשר פיהרען דערצו וואס איינער דעם אנדערן וועט וועלען טהון אויף צו להכעיס און דערווייל וועלען זיי זייערס אויספיהרען. די יודישע פארשטעהער זענען טאקי געוועהן ביי א שרעקליכען נסיון, ווייל בענעדיקטוס האט זיך גע־פריוועט אויף זיי מטיל אימה זיין דורך איין אנדער זאך: וויצענטע פערער איז ארומגעפאהרען איבער דער מדינה און האט ווייטער אבגעטויפט עטליכע טויזענד יודען פון סרגסה, קלטיוד און דרקה, און צווישען זיי זענען געוועהן א פאר גרויסע מיוחסים און לומדים, ווי דון ווידאל'ס ברודער טודרוס בינבנישתי

אונ נאך עטליכע זיינע קרובים, וואס איינער פון זיי, באנאפאס, האט זיך נאך דער טויפע אנגענומען גענעבען מיצר פעדרא דע לא קבלריא אונ איז געווארען אפייעריגער שונא יודען. אט די אללע געטויפטע האט בענעדיקטוס געלאזט ברענגען קיין טרטזא אונ מען האט אזוי געמאכט, אז גאר פלוצלונג זענען זיי אריינגעקומען אין זאל פון דער פערזאמלונג אונ האבען אבגעגעבען א שבח דער קריסטליכער רעליגיאן. דאס האט ער אלץ געטהון בכיון אז די יודישע פארשטעהער זאלען ביי זיך אראבפאלען אונ זאלען זיך מיט זייערע אייגענע אויגען איבערצייגען, אז דאס עקשנות וועט זיי גאר ניט העלפען. זיי זענען אבער געוועהן מענשען מיט ריינע מחשבות אונ מיט אפעסטען ווילען אונ וואס מעהר בענעדיקטוס איז געגאנגען מיט תקיפות, האבען זיי ארויסגעוויזען מעהר זעלבסטשטאנדיגקייט אונ דער וכוח האט זיך אויסגעלאזט מיט גאר נישט.

בענעדיקטוס האט אויסגעלאזט זיין גאנץ ביטער הארץ צום תלמוד אונ האט אים יאהר 1415 ארויסגעגעבען אבעפעהל מען זאל פערברענען וואו מען וועט נאר געפינען א גמרא. אויסער דעם האט ער געהייסען אבהיטען די אלטע גזרות, אז יודען זאלען זיצען אין בעזונדערע גאסען, ניט בויען קיין גרויסע שולען, ניט האבען קיין שום געשעפט מיט קריסטען, זיך ניט בעשעפטיגען מיט קיין שום מלאכה אדער חכמה, טראגען אשאנדליכען צייכען אויף די קליידער, אונ דריי מאל אין יאהר קומען אין קירכע אונ אויסהערען דרשות פון קאטאלישע גייסטליכע. פאר'ן משגיח, וואס האט בעדארפט אכטונג געבען אויף די יודען זיי זאלען חלילה ניט עובר זיין אויף דעם בעפעהל, האט ער בעשטימט פוילוס'ס זוהן גאנזאלא דע סנטא מאריא, וואס איז געוועהן ניט קיין קלענערער בעל ישר פונ'ם פאטער. צום גליק, האט אבער בענעדיקטוס ניט געקאנט לאנג פיהרען זיינע וועלטען: די לעצטע גוטע פריינד האבען זיך אויך פון איהם אבגעזאגט, אפילו דער פרומער זויצענטע פערער איז געווארען זיין געגנער, אונ גאר גיך איז ער געשטארבען עלענד אונ דערנייטערט פון מענשען, אהן כבוד אונ אהן אנאהמען.

נאך בענעדיקטוס'ס טויט האט מען דווקא אויסגעקליבען צוויי פאפסטע; דערפון זענען אבער די יודישע צרות ניט פערדאפעלט געווארען אונ זייער לאגע האט זיך, פארקעהרט, אביסעל פערבעסערט: אין צוויי יאהר איז ניט געבליבען קיין זכר פון דון פערנאנדא, קאניג פון אראגאניען אונ פון דער קאניגין קאטאלינא, וואס האט געפיהרט די מלוכה פון קאסטיליען, אונ אז עס זענען

אראב אזעלכע צוויי שטארקע שונאים, האט שוין די ארבייט פון וויצענטע פערער, וואס האט ניט אויפגעהערט ארויס צו פאהרען צווישען יודען און ארויסהאפען פון זיי קרבנות, אויך פערלארען איהר ווערטה. וואהין יהושע לארקי איז פערשוואונדען געווארען — ווייסט מען ניט, נאר דער נאהמען „מגדף", וואס די יודען האבען איהם געגעבען דערפאר וואס ער האט געלאסטערט דעם יודישען גלויבען, האבען זיי נאך לאנג געדענקט. לארקי'ס צוויי זיהן, וואס האבען אויך אבגעטראטען פון יודישקייט, האבען דערגרייכט צו א גרויסער מדרגה, נאר איינעם פון זיי, פראנציסקא דע סנטא-פע, האט מען אויף דער עלטער פערברענט, ווייל מען האט איהם חושד געוועהן אז ער איז צוריק געווארען א יוד. אזוי איז אין שפאניען פארט געווארען עפיס גרינגער פאר די יודען: די פריהריגע ביטערע געזעצע זענען נאך אפילו געבליבען, נאר מען האט זיי שוין ניט אזוי שטארק אבגעהיט, — דער שטעקען איז געווען, נאר די שלעכטע האנד צום שלאגען האבען געפעהלט.

נאר אין פארטוגאל האבען יודען געהאט א מקום מנוחה און די געטויפטע, וואס זענען אהין אנטלאפען פון אנדערע לאנדער און זענען דארט צוריק געווארען יודען, האבען געלעבט רוהיג און האבען פאר קיינעם קיין מורא ניט געהאט. אז וויצענטי פערער האט געוואלט מזכה זיין אויך דאס לאנד מיט זיין גרויסער מצוה פון טויפען יודען מיט געוואלד, האט איהם דער קאניג דון זשואן דער ערשטער בעפאהלען אז ווען ער וועט קומען קיין פארטוגאל וועט ער איהם אנטהון א קרוין פון צוגליהט אייזען, און ווי היילינ וויצענטע פערער איז געוועהן, האט ער זיך געמוזט אבזאגען פון דעם כבוד.....

דערפאר איז איהם אבער געראטהען זיין גיפט צו פערשפרייטען אין אנדערע ערטער און בעזאנדערס דארט, וואו דאס פאלק איז געוועהן אונרוהיג און האט געדאנקט גאטט, וואס עס איז דא צו וועמען זיך צו טשעפען. אין סאוואיען האט וויצענטע פערער אנגעארבייט אזעלכע זאכען אז די יודען האבען זיך געמוזט בעהאלטען אין די האהלען צווישען די בערג. דאס אייגענע איז אויך פארגעקומען אין דייטשלאנד און איטאליען און אזוי ווי עס איז גאר ניט געוועהן קיין מעגליכקייט איבערצוטראגען די צרות האבען די יודען געמאכט צוויי גרויסע אסיפות אין באלאניא און פארלי, אים יאהר 1416 און 1418, און האבען בעשלאסען צונויפנעהמען א גרויסע סומע געלד, כדי מען זאל קאנען די שונאים פערשטאפען דאס מויל. אזא טהייער מיטעל ווי די מטבע האט ניט איין מאל אבגעבאטעוועט יודען אין א נויטה און האט זיי אויך

דאס מאל געהאלפען. אז מארטין דער פינפטע איז געווארען פאפסט און די יודען זענען איהם אין קאנסטאנץ אקעגענגעגאנגען מיט ספרי־תורה און הבדלות, האט ער זיך גאר ווייניג געמאכט פון דעם יודישען כבוד און האט זיי נאך גראב בעטרעטען, נאר אז ער האט אנגעשמעקט וואס פאר א מעלקענדיגע קוה דאס יודישע פאלק וועט זיין פאר איהם און פאר אללע, וואס ווארפען זיך ניט מיט'ן יודישען גראשען, האט ער זיך גאר אין גאנצען איבערגעביטען און איז געווארען א יודישער בעל טובה. ער האט באלד געגעבען זיין הסכמה אויף די געזעצע, וואס דער קייזער זיגיזמונד האט ארויסגעלאזט פאר די דייטשע און איטאליענישע יודען, וועלכע האבען זיך מתחיב געווען צו צאהלען זעהר פיעל מס, אבי מען זאל זיי לאזען רוהיג זיצען און אבהיטען זייער אמונה. קוים זענען די יודען געוואהר געווארען אז דער נייער פאפסט, וואס האט געהאט די גאנצע מאכט איבער אללע קאטאלישע לאנדער, לאזט זיך רעדען און איז ניט אזא שטארקער שונא בצע, האבען זיך אנגעהויבען שיטען פון אללע זייטען שליחים פון פיעל יודישע קהלות, און מן הסתם ניט מיט קיין לעדיגע האנד, און פון שפאניען איז צו איהם געקומען איינער פון די גרעסטע עשירים, ר' שמואל אברבנאלא, וואס האט זיך געמוזט טויפען אין וואלענסיא, ווען דאס פאלק איז אנגעפאלען אויף די יודען. מיט טרערען אין די אויגען האבען די שפאנישע יודען דערצעהלט דעם פאפסט ווי גרויס זייערע צרות זענען, ווי זיי זענען מיט'ן לעבען ניט זיכער; נאר זייער געוויין האט אודאי ניט געהאט אזא ממשות ווי די טהייערע מתנות וואס זיי האבען מיט געבראכט, און מארטין האט איי יאהר טויזענד פיהר הונדערט 19 פערעפענטליכט א בעפעהל אז יודען מאגען האנדלען מיט קריסטען, זייערע שולען טאר מען ניט אנרירען, צו דער טויפע זאל מען זיי ניט צווינגען און קיין שום צייכען אויף די קליידער זאלען זיי ניט טראגען, ווייל זיי זענען אויך מענשען און גאטט האט זיי בעשאפען מיט זיין בילד"..... ניט וואלוועל האט אודאי געקאסט די יודען ביז דער פאפסט האט זיך ענטשלאסען אפען ארויסזאגען אזא אמת, נאר עס איז נאך דאס גוט וואס מיט א גאלדענעם שליסעל האבען זיי געקאנט אפנען די פערשלאסענע הערצער און מיט געלד האבען זיי געקאנט קויפען האטש א ביסעל רחמנות און אפיצעל יושר!

2 א קליינע הילף אין דער נויט.

(1472—1420 נאך קריסטוס געבורט).

„ווי אזוי מען לענט דעם קראנקען איז איהם שלעכט". דאס ווארטעל פלעגט אפט מקוים ווערען אין דעם לעבען פון די יודען, ווען זייערע שונאים פלעגען זיך צוקריגען צווישען זיך. די יודען האט זיך שוין אויסגעדאכט אז פון אזא מחלוקת קאנען זיי געהאלפען ווערען און מען וועט האטש אויף א קורצע צייט אן זיי פערגעסען, צום סוף פלעגען ביידע צדדים אויסלאזען צו זיי דעם גאנצען כעס און זיי פלעגען האפען קלאפ פון ביידע זייטען. דאס אייגענע איז אויך געשעהן, ווען דער טשעכישער גייסטליכער יאהאננעס הוס איז ארויסגעגאנגען געגען די קאטאליקען און האט אנגעהויבען מיט זיין גרויסער מחנה, וואס האט זיך אויף זיין נאהמען גערופען הוסיטען, א תל צו מאכען פון גאנצע שטאדט, אבראבעווען דאס פערמעגען, ברענען קלויסטערס. די יודען האבען געמיינט אז דא וועלען זיך אנהייבען פאר זיי בעסערע צייטען, נאר זייער האפנונג איז געוועהן א פאלשע, די הוסיטען האבען זיי אנגעטהון צרות פון איין זייט, און פון דער אנדערע זייט איז דער צארן פון די קאטאליקען נאך גרעסער געווארען, ווייל מען האט זיי חושד געוועהן אז שטילערהייד העלפען זיי די הוסיטען מיט געלד און געוועהר, און דערפאר האט מען ביי דער ערשטער מלחמה, וואס איז פארגעקומען אין די וואלדער פון באהמען, אויסגעהרג׳ט גענוג יודען וואס האבען זיך אייגענטליך אין קיין זאך ניט געמישט און זענען באמת אין גאר ניט שולדיג געוועהן. נאר גאר א גרויסע שחיטה איז ארויס צו ליעב דעם אים יאהר 1420 אין אסטרייך, און מען האט זיך בענוצט מיט׳ן ערשטען בלבול, וואס מען האט נאר געקאנט ארויפלעגען אויף די יודען, אבי מען זאל זיך מיט זיי אברעכנען. עס האט זיך גראד געמאכט, אז אין וויען זענען דריי קריסטליכע קינדער געגאנגען שפאצירען אויפ׳ן פערפרוירענעם טייך, דאס אייז איז צובראכען געווארען און די קינדער זענען דערטרונקען געווארען. באלד איז ארויס א קול אז די יודען האבען געקוילעט די קינדער כדי זיי זאלען האבען בלוט אויף פסח. אין דער אייגענער צייט איז געשעהן נאך א ארגערע מעשה: א פרוי האט זיך מתודה געוועהן אז זי האט פון דער קירכע ארויסגעגנב׳ט א האסטיע און האט עס פערקויפט א יודען ישראל, און ער האט דאס הייליגע ברויט אוועקגעשיקט ערגיץ אין איין אנדער לאנד

צו זיינע ברידער, מען האט מן הסתם באלד גענומען דעם יודען מיט דער גאנצער משפחה און מען האט איהם אזוי לאנג געמוטשעט ביז ער האט געמוזט אונטערשרייבען וואס מען האט געוואלט. פאר אזעלכע צוויי בעשולדיגונגען האט דער ערצהערצאג אלברעכט, וואס איז דוקא געוועהן א קלוגער און א גערעכטער מענש, — נאר ניט פאר יודען האט געקלעקט זיין חכמה און יושר —, געהייסען מען זאל אללע יודען פונ'ם לאנד מיט ווייבער און קינדער אין איין פריה מארגען פארנעהמען און אריינווארפען אין תפיסה. א גאנץ יאהר האט מען זיי אנגעטהון עגוים קשים, דאס פערמעגען האט מען ביי זיי צוגענומען, ארעמע לייט האט מען באלד ארויסגעשיקט און די רייכערע האט מען געהאלטען און קאטאלישע גייסטליכע פלעגען אללע טאג צו זיי קומען און זיי צו רעדען זיי זאלען זיך טויפען. פיעל, וואס האבען ניט געקאנט אויסהאלטען די יסורים האבען אויף אזא אופן אבגעראטעוועט זייער לעבען, א סך קינדער, וואס מען האט זיי אבגעריסען פון די עלטערן און געהאלטען בעזונדער, האט מען מיט געוואלד געטויפט. און די געצאהלטע עקשנים, וואס האבען זיך געהאלטען פעסט ביז צום לעצטען אויגענבליק, האט מען פארברענט. נאר אין וויען אליין זענען אומגעקומען מעהר פון הונדערט יודען, און אלברעכט האט אים יאהר 1421 ארויסגעגעבען א בעפעהל אז קיין פוס פון קיין יודען זאל אין אסטרייך ניט זיין.

קיין גרויס נחת האבען אבער די קאטאליקען ניט געהאט פון די געטויפטע, ווייל זיי זענען זיך באלד כמעט אללע צולאפען קיין באהמען, פוילען און איטאליען, וואו די הוסיטען האבען זיך שוין א ביסעל בעפעסטיגט און וואו זיי האבען זיך פארט געקאנט פיהלען זיכערער און פרייער. נאך אין דעם אייגענעם יאהר 1421 האט זיך אנגעהויבען אין דייטשלאנד אויך א מרידה פון די הוסיטען, וואס האבען זיך פערמעהרט און פערשטארקט מיט דער הילף פון א בעריהמטען גבור, דעם בלינדען ציזשקא, און דער דייטשער קייזער זיגיזמונד איז געצוואונגען געוועהן זיך לאזען קיין פראג, וואס איז געוועהן דער הויפט-פונקט פון די טשעכען און האט געמוזט דינגען מענשען, זיי צאהלען דערפאר וואס זיי דיענען ביי איהם אין חיל. אזא צונויפגעלאפענע באנדע, וואס מען האט אבגעשיט מיט געלד און דערצו נאך פערשטעהן געגעבען, דורך דרשות פון די קאטאלישע גייסטליכע, אז זיי טהוען א גרויסע מצוה וואס זיי נעהמען זיך אן פאר דער הייליגער קירכע, האט זיך באלד געשטויסען אז צום ערשטען דארף מען שלאגען די יודען, און עס איז אין דייטשלאנד געווארען

אשרעקליכע בהלה. דער רב פון מאינץ, ר' יעקב בן משה מולין הלוי, וואס האט אין די יודישע שולען פון דייטשלאנד, אונגארן און פוילען איינגעפיהרט פיעל תפלות און נוסחאות, האט צו וויסען געגעבען אללע יודישע קהלות פון ווייט און פון נאהענט, אז א גרויס אומגליק רוקט זיך אן אויף די יודען און האט גוזר תענית געוועהן אויף דריי טאג כסדר. מיט גרויס געוויין האבען זיך די יודען אומעדום צונויפגעזאמעלט אין די שולען און האבען גאטט געבעטען ער זאל האטש בעגליקען די הוססיטען, ווייל פון זיי האבען זיי פארט געקאנט ערווארטען מעהר רחמנות. זייער תפלה איז טאקי אנגענומען געווארען: די קאטאליקען האבען די מלחמה פערשפיעלט און פונ'ם גאנצען דייטשען חיל זייז געווארען אהל און די עטליכע סאלדאטען, וואס זענען געבליבען האבען זיך קוים קראנק און הונגעריג פארשלעפט אהיים און האבען געמוזט בעטען נדבות ביי די אייגענע יודען, וואס זיי האבען ערשט ניט לאנג געשלאגען און גערויבעוועט.

די קאטאלישע גייסטליכע האבען דערווייל ניט אויפגעהערט צו רייצען דאס פאלק געגען די יודען. דער פאפסט מארטין דער פינפטע האט אפילו ווייטער צוגענומען א מתנה און האט, אים יאהר 1422 נאך אמאל ארויסגעלאזט א בעפעהל מען זאל די יודען ניט טשעפען, נאר קיינער האט איהם ניט געוואלט הארען און דער קייזער זיגיזמונד, וואס האט בעדארפט אבהיטען די יודען וועגען דער גרויסער הכנסה, וואס ער האט געהאט פון זיי, איז אויך ניט אים שטאנד געוועהן זיי צו בעשיצען, ווייל די איינוואהנער האבען נאר געוואוסט וואס די גייסטליכע זאגען זיי, און אז זיי האבען געטייט מיט די פינגער אויף די יודען ווי אויף געפאהרליכע שונאים האבען זיי געגלויבט אויפ'ן ווארט און האבען ניט געזשאלעוועט קיין קלאפ פאר די אונגליקליכע יודען. אזוי האבען די קריסטען פון קעלן, אים יאהר 1426, נאר אהן דעם וויסען פון דער מלוכה אלליין ארויסגעטריבען אללע יודען פון דער שטאדט און זיי האבען זיך געמוזט בעזעצען אין דעאוץ. אים יאהר 1430 האט מען אין ראווענסבורג, אובערלינגען און לינדוי פיעל יודען פארברענט וועגען עלילת דם. ביי אזעלכע רדיפות פון איין זייט און ביי די גרויסע נתינות, וואס מען האט געריסען ביי די יודען, פון דער אנדערער זייט, האט דאס לערנען פון תורה ניט געקאנט דעמאלט בליהען צווישען די דייטשע יודען. די מלוכה האט אנגעהויבען שטעלען איהרע רבנים און ווער עס איז אים שטאנד געוועהן צו געבען מעהר געלד דער האט געקאנט ווערען מורה הוראה. אין גאנץ דייטשלאנד זענען געוועהן

דריי רבנים אונ ווי גרויס זייער תורה איז געוועהן קאן מען שוין פארשטעהן דער פון וואס דער מבין אויף זיי איז געוועהן א יודישער מעקלער חיים, ער האט זיי פארגעשטעלט דעם קייזער אונ זיגיזמונד האט געגעבען זיין הסכמה. אנדאי האט מען געקאנט די צאהל פון די אמת'ע לומדים אויסרעכנען אויף די פינגער, אונ אויסער דעם מאינצער רב, ר' יעקב מולין הלוי איז נאך געוועהן בעקאנט ר' מנחם פון מערזעבורג. עס איז אויך קיין וואונדער ניט וואס די דייטשע יודען האבען זיך וועניג אבגעגעבען מיט לערנען, ווייל די מלוכה האט זיך געהייסען צאהלען זעהר פיעל געלד פון יעדער ישיבה אונ די יודען זענען שוין געוועהן אזוי אויסגעלעדיגט אז זייערע כוחות האבען ניט געטראגען אי געבען מס, אי אויסהאלטען ארעמע תלמידים.

ניט בעסער איז געוועהן דער איגווענינסטער צושטאנד פון די שפאנישע יודען, האטש אין קאסטיליען איז זיי שוין ווייטער ניט שלעכט געוועהן, ווייל צייט דער קאניג דון זשואן דער צווייטע איז אונטערגעוואקסען אונ האט אליין איבערגענומען די מלוכה, האט איהם זיין ערשטער יועץ אלוארא דע לונא פערשטעהן געגעבען אז ער מוז די יודען גוט בעהאנדלען אונ דער־מיט וועט ער בעלעבען די גאנצע מדינה. דער קאניג האט איהם געפאלגט אונ האט אים יאהר 1432 איבערגעביטען אללע שלעכטע גזירות אונ די יודען זענען צוריק אויפגערעכט געווארען. איינער פון די שאנסטע בעלי בתים, ר' אברהם בינבנישתי, איז בעשטימט געווארען פאר לאנד־רב פון גאנץ קאסטיליען. איהם האט דער קאניג געגעבען דאס רעכט צו פסק'נען אפילו אין דיני נפשות אונ ער האט זיך באלד גענומען איינצופיהרען רעכטע תקנות, בויען שולען, בתי מדרשים, אפנען ישיבות, אונ האט בעזאנדערס אכטונג געגעבען די יודען זאלען ניט אויפרייסען די אויגען פון זייערע שונאים מיט טהייערע קליידער אונ מיט צירונג. בעפעסטיגען דאס לערנען פון תורה אונ תלמוד — האט ער כמעט אמאל ניט געקאנט ווייל די יודען זענען שוין געוועהן פערגראבט פון די פריהריגע צרות, אונ דערפאר איז שוין שווער געוועהן אין יענער צייט צו געפינען רעכטע לומדים. נעשמ'ט האבען דעמאלט נאר ר' שלמה דא־פיערא, דון ווידאל בינבנישתי, דער ראש המדברים ביים וכוח אין טורטוזא, אונ ר' שלמה בונפיד, וואס האט אויך געשריבען זעהר שענע שירים אין לשון קודש.

כמעט אללע יודישע סופרים פון יענער צייט האבען בענוצט זייערע פעהיגקייטען נאר דארויף, זיי זאלען ארויסלאזען חבורים וועגען שאלות פון אמונה. גענומען האט זיך עס דערפון וואס צייט יודישע לומדים זענען איבער־

געגאנגען צום קריסטענטהום, זיי האבען געשריבען גאנצע בערג מיט ספרים אונ האבען זיך בעמיהט צו ערנידריגען דעם יודישען גלויבען. אזוי האט דער אלטער פוילוס דע סנטא מאריא, וואס איז שוין געוועהן א זקן פון אכציג יאהר אונ האט שוין דעמאלט דערגרייכט די מדרגה פון עפיסקאפ, אנגעשריבען א בוך, וואס שטעלט פאר א ויכוח צווישען א קריסט מיט א יודען אונ פיהרט אויס אז דער יוד בלייבט אומגערעכט אונ מוז מודה זיין אויפ'ן אמת. דאס אייגענע האט געטהון איין אנדער רב, וואס איז געצוואונגען געוועהן אויף דער אלטער זיך צו טויפען אונ האט זיך אנאהמען געגעבען יושואן דע עספאניא: ער האט געמאכט א פירוש אויפ'ן צוויי אונ זיבציגסטען קאפיטעל תהלים אונ האט אויסגעוויזען אז די יודען זענען פערפיהרט דערמיט וואס זיי ווילען ניט צושטעהן צום ריינעם גלויבען. יהושע לארקי איז אויך ניט געזעסען פערלעגט די הענד, ער האט צונויפגענומען אללע בעשולדיגונגען, וואס ער האט זיך מיט זיי בענוצט ביים ויכוח פון טרטוזא, אונ האט ארויס געגעבען א בעזונדער ספר, כדי אללע יודען פון אנדערע לאנדער זאלען אויך וויסען זיינע תורות. די עטליכע געצאהלטע יודישע געלעהרטע פון יענער צייט האבען פערשטאנען ווי שעדליך אזעלכע ביכער זענען טאקי פאר די יודען אליין, וואס קאנען ביי זיך ארא בפאלען אונ מיינען אז די שונאים שרייבען אפשר גאר ניט אזוי קרום, אונ האבען זיך ענטשלאסען צו פיהרען א מלחמה מיט די אייגענע כלי זיין אונ געבען א קלארע תשובה אויף די פערדרעהטע שאלות, וואס די געטויפטע יודען האבען געשטעלט. דער ערשטער איז ארוס מיט א העבראיש ספר דון ווידאל אבן לבי, וואס האט פערענפערט דעם תלמוד אונ האט געמאכט א תל פון אללע יהושע לארקי'ס הסברות. דערנאך האט ר' יוסף אלבו ארויסגעלאזט א בוך איבער אמונה אין שפאנישער שפראכע, וואס שטעלט פאר א ויכוח צווישען א יודען אונ א גייסטליכען אונ לעגט אין דעם יודענ'ס מויל אריין אללע תרוצים וואס מען דארף אנפערן אויף די שטאנדיגע קושיות. נאך מעהר האט געארבייט אין די ענינים ר' יצחק נתן בן קלונימוס, וואס האט אנגעשריבען א גרוס ספר וועגען דער יודישער אמונה אונ האט דארט פערזאמעלט אללע מיינונגען, וואס ער פלעגט ארויסזאגען ווען עס פלעגט איהם אויסקומען זיך צונויפגעהן מיט קריסטען אונ זיך אריינלאזען מיט זיי אין טענות. דערביי האט ר' יצחק נתן אויפגעטהון נאך איין זאך: ער האט געזעהן אז די שונאים, וואס ווילען אלדינג אויסווייזען טאקי פון דער תורה אליין, פארדרעהן אפט די פסוקים אונ גיבען זיי א זא זין ווי זיי געפאלט, דאריבער איז ביי איהם געבליבען ער זאל מאכען

א ווארטער־בוך, וואו עס זאל זיין פערצייכענט אלדינג, וואס עס קומט פאר אין דער ביבעל אקוראט פון וואנען יעדעס ווארט נעהמט זיך מיט'ן שרש. אכט יאהר האט ער געארבייט אין דעם, פון 1437 ביז 1445, אונ עס איז איהם געראטהען פערטיג צו מאכען זיין בעריהמט ווערק, וואס הייסט „ביבעל־קאנקארדאנץ" אונ וואס דיענט נאך עד היום פאר דער בעסטער שטיצע אללע וואס לערנען לשון קודש אונ דארפען נאכזוכען די פסוקים פון תנ"ך.

נאך ווייטער זענען געגאנגען עטליכע יודישע געלעהרטע, וואס האבען זיך שוין ניט געוואלט בעגנוגען נאר מיט דעם וואס זיי האבען פאראנטפערט די יודישע אמונה: דעם היצק צום וכוח האט זיי שוין ניט געלאזט רוהען, פון געשלאגענע זענען געווארען שלאגער אונ זיי האבען שוין ווייניגער זיך געוועהרט געגען שונאים נאר, פארקעהרט, מעהר אנגעהויבען אנצופאלען אויף זיי. אזוי האט געטהון דער בעריהמטער יודישער פילאזאף ר' יוסף אבן שם טוב, וואס איז געוועהן א גרויסער למדן אונ א דרשן אונ מען האט איהם שטארק געשאצט אין קעניגליכען הויף. ער האט געהאט די מעגליכקייט זיך נאהנט צו בעקענען מיט קריסטליכע דינים אונ מנהגים, זעהר אפט פלעגען איהם זיינע קריסטליכע פריינדע אריינשלעפען אין א געשפראך וועגען אמונה, אונ דאריבער איז ער שפעטער אים שטאנד געוועהן, אחוץ זיינע ספרים אויף לשון קודש וועגען תכלית פונ'ם יודישען גלויבען, אנצושרייבען א גאנץ ספר געגען דעם קאטאליציזמוס. אויסער דעם האט ער געמאכט א פירוש אויף פראפיאט דוראן'ס בוך געגען דעם קריסטענטהום אונ האט אויפגעקלעהרט ווי פיעל הלצה עס ליעגט בעהאלטען אין יעדער שורה. ער האט אויך איבערגעזעצט אויף העברעאיש דאס בוך וואס ר' חסדאי קרשקש האט ארויסגעלאזט אין דער שפאנישען שפראכע. מיט דעם דרך זענען אויך געגאנגען צוויי בעריהמטע לומדים, א פאטער מיט א זוהן, ר' שמעון בן צמח דוראן אונ ר' שלמה בן שמעון דוראן. ביידע זענען זיי געוועהן רבנים אין אלזשיר אונ פון דער ווייטענס האבען זיי מיט ווייניגער מורא געקאנט ארויסזאגען זייערע מיינונגען. נאך מעהר פון אללע האט זיך בעריהמט געמאכט מיט זיינע כתבים ר' חיים אבן עזרא פון סלמנקא, א גרויסער דאקטאר אונ א בעליעטער שפאנישער דיכטער, וועלכער האט בעריהמטע ווערק געשריבען וואס מען האט זיי מיט פערגניגען געלעזען הן ביי יודען הן ביי קריסטען.

אין דער אייגענער צייט וואס די יודישע געלעהרטע זענען געוועהן אזוי פערטראגען מיט זייערע וכוחים אין רעליגיאנ'ס זאכען, האבען זיי פון דעסטוועגען

ניט פערגעסען אז זיי האבען אינוועניגסטע שונאים, די מקובלים, וועלכע בענוצען זיך מיט דעם וואס דאס פאלק ווערד אללע מאל מעהר פערגראבט, וואס דאס לערנען פאלט אונ דערוויל קאנען זיי אין דער פינסטער בעפעסטיגען זייער למוד אונ דער עולם זאל מיינען אז אלדינג וואס גלאנצט איז גאלד. דערפאר האבען עטליכע פון זיי ארויסגעלאזט אויף דער וועלט חקירה־ספרים מיט ריינע אונ לויטערע געדאנקען כדי די יודען זאלען וויסען אן וואס זיך צו האלטען אונ זאלען זיך ניט לאזען אראבפיהרען פונ'ם רעכטען וועג. ביי דער וועלט זענען זעהר אנגענומען געווארען די ספרים פון ר' יוסף אבן שם טוב, וואס האט דוקא געהאט אפאטער א פייערינען מקובל, אונ האט שטארק גע־שטריטען געגען דער קבלה; ער האט מיט אללע כוחות געארבייט אבצורייסען זיינע ברידער פון דעם נייען למוד אונ היילינ מאכען ביי זיי נאר די איינציגע יסודות פון דער אמונה. ניט ווייניגער ווערטה האט געהאט ר' יוסף אלבו, וואס איז געוועהן אדאקטאר אונ האט זיך בעמיהט צו געפינען אוועג צווישען גלויבען אונ וויסענשאפט. זיין ספר „עקרים" איז נאך אין היינטיגע צייטען זעהר בעליעבט ביי די פרומע יודען, וואס זענען טאקי צוגעבונדען צו דער אמונה אונ האבען פארט ליעב זיך אבצוגעבען מיט חקירה. אין דעם ספר גיט ר' יוסף אלבו צו פערשטעהן אז דריי עקרים זענען דא אין דעם יודישען גלוי־בען אונ דאס זענען די עמודים, וואס אויף זיי האלט זיך דאס גאנצע יודישקייט: עס איז דא אבורא עולם, זיי'ן היילינער ווילען בעווייזט זיך אין דער גאנצער נאטור, אונ נאך דעם טויט בעקומט דער מענש שכר אדער עונש. אחוץ דעם האט ער זיך געשטעלט אויף דער שאלה: צו מאג מען אנדערן די דינים פון דער תורה לויט די פאדערונגען פונ'ם לעבען? אונ ווייזט אויס, אז עביג דארפען נאר בלייבען די עשרת הדברות וואס גאטט האט געגעבען אויפ'ן בארג סיני; אללע איבריגע זאכען אבער וואס געפינען זיך אין דער תורה קאנען איבערגעמאכט ווערען אדער אין גאנצען בטל ווערען ווען עס וועט אויפשטעהן איין אנדער נביא, וואס וועט האבען די איינענע זכיה פון משה רבנו אונ גאטט זאל דורך איהם ענדעקען זיין רצון אונ געבען נייע אונ נאטהיגע געזעצע.

ניט אומזיסט האבען זיך די יודישע גדולים פון יענער צייט אזוי אוועק־געלעגט אונ זיך אנגעטהון אללע כוחות — פון איין זייט מלחמה צו האלטען מיט די שונאים פון דער יודישער אמונה, אונ פון דער אנדערער זייט אויפצוקלאהרען די יודען אלליין אין וואס עס בעשטעהט דער ריינער גלויבען, ווייל זיי האבען

נוט געזעהן אז דאס פינסטערניס ווערד אללע מאל גראסער, אונ די שנאה פערשטארקט זיך מיט יעדען טאג, אז די געטויפטע יודען זענען די געפאהרליכסטע פון אללע געגנער, אז די גוטע לאגע פון די יודען אין קאסטיליען איז אויך נאר לפי שעה, אונ אז ביי אזעלכען מעמד קאן דאס יודישע פאלק נאר אנהויבען בלאנזען אונ פערליערען די לעצטע קראפטע. דער אלטער פוילוס האט טאקי איבערגעלאזט זיינע געוועזענע ברידער אגוטע ירושה: פון איהם זענען געבליבען פיער זיהן אונ נאך אנדערע קרובים, וואס האבען זיך אנגעהויבען רופען קרתגינה אונ זענען די יודען געווארען דם־שונאים. דער אלטסטער זוהן גנצלה דע־קרתגינה איז געוועהן עפיסקאפ פון בורגאס אונ די איבריגע ברידער, אלפאנסא, פעדרא אונ אלוואר סאנכעץ האבען אויך פערנומען זעהר הויכע שטעללען. אט די פיער קינדער, וואס האבען ניט געקאנט מוחל זיין דעם פאטער דערפאר וואס ער האט זיי געבראכט צו אזא חטא זיי זאלען געבארען ווערען יודען, אינאיינעם מיט זיי אויך זייערע פעטערס, פעדרא סוארעץ אונ אלוואר גרציא, זענען געוועהן מלא רציחה אויף דעם הויפט־יועץ פונ'ם קאניג אלווארא דע־לונא אונ האבען זיך ניט איין מאל געוואלט אין איהם נוקם זיין דערפאר וואס ער האלט מיט יודען אונ טהוט דעם לאנד אזא עולה. ער איז אבער געשטאנען אזוי הויך אונ דערצו איז דער יונגער קאניג געוועהן אזא גרויסער בעל ישר, אז ניט איהם אונ ניט די יודען האבען זיי געקאנט עפיס שאדען. דאריבער האט זיך גנצלה ענטשלאסען צו שיסען גאר פון דערווייטענס, אונ אזוי ווי מען האט איהם אויסגעקלויבען פאר א שליח ער זאל פאהרען קיין באזעל אונ דארט זיין ביי דער גרויסער אסיפה פון די גייסטליכע, האט ער זיך גענומען דארט ארבייטען וועגען די יודען. אין דער אסיפה, וואס האט געדויערט דרייצעהן יאהר, פון 1431 ביז 1443, האט מען זיך פשוט מהיה געוועהן וואס גנצלה האט אויפגעגעבען אזא וואהל שטיקעל ארבייט: מיט די הוססיטען, וואס צו ליעב זיי איז מען זיך איינגענטליך צונויפגעפאהרען, האט מען גאר ניט געקאנט מאכען, איז האטש דאס גוט געוועהן וואס מען האט גאר פלוצלונג בעקומען עפיס א נייע שאלה, א „יודען־פראגע", אונ עס איז געוועהן צו וועמען אויסצולאזען דאס ביטער הארץ. אודאי האט גנצלה גאר אהן מיה ארויפגעבראכט די אסיפה פון באזעל מען זאל בענייהען די אלטע גזירות אונ צו זיי נאך צוזעצען נייע אונ עס זאל ווערען אפעסט געזעץ פאר אללע קאטאלישע לאנדער אז יודען מוזען זיצען נאר אין בעשטימטע גאסען ניט אינאיינעם מיט קריסטען, טראגען בעזונדערע קליידער,

געהן אין די קירכע הערען דרשות פון גייסטליכע, אז זיי טארען ניט האבען קיין שום געשעפט מיט אקריסט, זייערע דאקטוירים טארען קיין קריסטען ניט היילען, קיין שום שטעללע ביי דער קרוין האבען זיי ניט קיין רעכט צו פארנעהמען, פראפעסארען אין דער אוניווערזיטאט טארען זיי ניט ווערען. אויסער דעם האט די אסיפה בעשלאסען, אז געטויפטע יודען זאלען זיך ניט משדך זיין צווישען זיך אונ מוזען חתונה מאכען זייערע קינדער נאר מיט געבארענע קריסטען, אונ אז אין די קריסטליכע שולען זאל מען לערנען די קינדער לשון קדש אונ חאלדעאיש, כדי יעדער קריסט זאל קאנען צורעדען יודען צו דער טויפע. מיט דעם געזעץ האט נצלה געוואלט טרעפען נאר די שפאנישע יודען, אונ דאס זעהט מען ארויס דערפון וואס ער האט בעווארענט אז יודען זאלען ניט טארען זיין קיין פראפעסארען, ווייל אזעלכע געלעהרטע יודען האבען זיך נאר געפונען אין שפאניען.

ביטער אונ פינסטער איז געווארען די יודען כמעט אין אללע אייראפאישע לאנדער אז די שאנע תקנות פון דער באזעלער אסיפה זענען אומעדום בעקאנט געווארען אונ די שונאים האבען זיך גענומען זיי איינפיהרען מיט אללע חומרות, וואס מען קאן זיך נאר דענקען. אין דייטשלאנד איז זיי געוועהן נאך ערגער, ווייל גראד דעמאלט, אים יאהר 1437 איז געשטארבען דער קייזער זיגיזמונד אונ אויף זיין ארט האט מען אויסגעקליבען דעם אסטרייכישען ערצהערצאג אלברעכט, וואס געגען איהם איז זיגיזמונד געוועהן נאר אצדיק. פריהער האבען די יודען געוואוסט אז זיי דארפען נאר געבען געלד, מען האט פון זיי געשונדען די הויט, דערפאר זענען זיי אבער געוועהן זיכער אז די מלוכה היט זיי אב, ניט פאר פריינדשאפט, נאר פשוט צו ליעב דעם זיי זאלען זיך ווייטער לאזען מעלקען; אלברעכט דער צווייטער איז אבער געוועהן אצורר היהודים, וואס האט זיך גאר ניט געלאזט רעדען, ער האט פיינד געהאט די יודען גלייך מיט די הוסיטען, נאר זיי איז איהם שווער געוועהן צו פערניכטען, האט ער דעם גאנצען כעס אויסגעלאזט צו די שוואכע יודען. אז די איינוואהנער פון אויגסבורג האבען זיך געווענדעט מיט אבקשה צו אלברעכט'ן, אים יאהר 1439, אז זיי ווילען ארויסטרייבען אללע יודען פון דער שטאדט, האבען זיי איהם פשוט אנייע נשמה אריינגעזעצט. ער האט באלד ארויסגעגעבען אבעפעהל, אז ביז צוויי יאהר זאל זיך קיין פוס פון קיין יודען ניט געפינען אין אויגסבורג, אונ קוים איז אבגעלאפען די צייט האט ער געזעהן אז עס זאל פון זיי אפילו קיין זכר ניט בלייבען אונ האט ערלויבט מען זאל די מצבות

פון דעם יודישען בית עולם בענוצען אויף בנינים. צום גליק האט אלברעכט מעהר ניט געהערשט ווי צוויי יאהר און די מלוכה איז איבערגעגאנגען צו פרידריך דעם דריטען, וואס האט דוקא געוואלט די יודען בעשיצען, נאר ער איז צו שוואך געוועהן און דערפאר איז געראטהען אנייעם שונא, דעם ביטערען יאהאננעס דע־קאפיסטראנא צו בעקומען אוואהל פלאץ, וואו ארויס־צווייזען זיין גיפט, און די יודען האבען איהם אלאנגע צייט געהאט צו געדענקען.

גנצלה'ן איז געוועהן אגרויסער וועטהיג צוצוקוקען ווי אומעדום האט מען אויפגעהאפט די תקנות פון דער באזעלער אסיפה און נאר אין שפאניען, וואו ער האט געציעלט מעהר ווי אנדערש וואו, האט ער ניט געקאנט זיך צו פיהרען די האנד, ווייל אלווארא דע־לונא האט איהם ניט געלאזט קיין קאפ אויפהויבען. עס האט איהם ניט געלאזט איינרוהען ביז ער האט געפועל'ט ביים נייעם פאפסט אייזעניוס, וואס ביי איהם איז ער געוועהן אשטארקער חשוב, אז ער זאל דורך די עפיסקאפען צושיקען אבעפעהל אז די יודען האבען זיך פערזינדיגט און פערדיענען ניט די חסדים, וואס דער פריהריגער פאפסט מארטין האט מיט זיי געטהון, און דערפאר מעגען אויף זיי פאלען די גזרות פון דער באזעלער אסיפה. דוא בעפעהל פונ'ם פאפסט איז פערעפענטליכט געווארען אין עטליכע קאסטיליעניש שטאדט, עס פערשטעהט זיך, אהן דער ידיעה פון דער מלוכה. גנצלה האט גערעכנט אז דאס פאלק וועט דעם פאפסט'ס ווארטער אויפהאפען, און קוים וועט די זאך זיין אבגעטהון — איז שוין אלדינג פערפאלען. אלווארא דע־לונא איז אבער ניט געוועהן אמענש פון פערשווייגען: ער האט באלד געלאזט אומעדום אויסרופען אים נאמען פונ'ם קאניג, אז קיינער זאל זיך ניט דערוואגען צו בעריהרען די יודען, אז די מלוכה גיט אליין אכטונג אז יעדער פון די איינוואהנער זאל לעבען נאך בעשטימטע געזעצע און ווער עס וועט וועלען געהן מיט פרעמדע תקנות, וועט שטרענג בעשטראפט ווערען. אזוי האט גנצלה ווייטער בעקומען אשטילען פאטש און האט געמוזט פער־בייסען מיט די ליפען און טיעף אין הארצען בעגראבען זיין האס צו די יודען און צו זייער עדלען בעשיצער,

די פערבארגענע שנאה צווישען אלווארא דע־לונא און גנצלה האט גע־פיהרט צו זעהר מאוסע זאכען: די געטויפטע יודען, וואס האבען זיך צוגע־שלאגען צו גרויסע שטעלען, האבען זיך איינגערעדט אז קיין גרעסערס פון זיי איז גאר גיטא און האבען אראבגעקוקט מיט גאוה און עזות אויף די געבארענע

קריסטען. דערמיט האבען זיי זיך אנגעמאכט גענוג שונאים און דער אייגענער אלוואַרא דע-לונא, וואס האט אזוי ליעב געהאט יודען, האט די געטויפטע ניט געקאנט אנקוקען. ביסלעכווייז האט מען דאס פייער אללע מאל מעהר צובלאזען ביז עס איז אין טולעדא, אים יאהר 1449 ארויס א געשלאג צווישען די קריסטען און די געטויפטע יודען און פיעל פון זיי האבען מיט'ן לעבען בעצאהלט. דער קאניג האט זיך אפילו צום אנהייב עטנשלאסען שטרענג צו בעשטראפען די שולדיגע נאר אלוואַרא דע לונא האט איהם אומיסטען אבגעהאלטען דערפון, כדי דאס מחלוקת זאל נאך גרעסער ווערען און ביידע צדדים זאלען זיך אזוי צוהרג'נען אז עס זאל שוין שווער זיין צו וויסען, ווער עס איז מעהר גערעכט אדער אומגערעכט. אזוי איז אוועקגעגאנגען א יאהר און אז דאס געשריי געגען די געטויפטע יודען האט זיך געלאזט הערען איבער דער גאנצער מדינה, האט אלוואַרא דע לונא ארויפגעבראכט דעם קאניג דארויף ער זאל אנשרייבען א בריעף צום נייעם פאפסט ניקאלאי דעם פינפטען און איהם מעלדען אז די קירכע ליידעט חרפות בושות פון די געטויפטע יודען, וואס פיעל פון זיי זענען גייסטליכע און בסתר היטען זיי אב אללע יודישע דינים און מנהגים.

דעם פאפסט האט עס אהאפ געטהון ביים הארצען און ער האט באלד ארויסגעלאזט א בעפעהל: מען זאל זעצען א בעזונדער געריכט און מען זאל משפט'ן אללע וואס מען וועט זיי האפען מיט דעם חטא פון יודישקייט, און מען זאל אפילו קיין כבוד ניט לעגען אויף אזעלכע געטויפטע יודען, וואס האבען שוין דערגרייכט צו דער מדרגה פון א עפיסקאפ. אזוי האט אלוואַרא דע לונא, אומגערן און נאר צו ליעב נקמה, געמאכט איין התחלה צו דעם שרעקליכען געריכט פון דער אינקוויזיציאן, וואס האט שפעטער אבגעקאסט יודען אזוי פיעל בלוט.

עס איז איהם אבער בעשערט געוועהן אז דורך דעם זאל ער מאקי אליין פאלען: צווישען די מאראנען, וואס אויף זיי האט זיך בעדארפט אויסגיסען דער גאנצער צארן, זענען געוועהן זעהר פיעל עשירים און חשובים ביי די גרעסטע לייט.

אודאי האבען זיי ניט געשוויגען און האבען אזוי לאנג גערעדעט ביז מען האט געגעבען אויף אלוואַרא דע לונא זעהר א שארפע מסירה, מען האט איהם איינגעזעצט אין תפיסה און איהם געהייסען משפט'ן. זיין אומגליק איז אזוי גרויס געוועהן אז דער קאניג אלליין האט איהם ניט געקאנט העלפען: צווישען זיינע שופטים איז געוועהן איינער פון די מאראנען פערנאנדא דיאז דע טולעדא, און אים יאהר 1453 איז ארויס דער משפט מען זאל איהם אויפהענגען און זיין פערמעגען זאל צונעהמען די מלוכה.

דער אומציטיגער טויט פון אלוואראַ דע לונא איז געוועהן א שטארקער בראך פאר די יודען פון קאסטיליען, זיי האבען דערפיהלט אז עס פעהלט זיי די גרויסע קראפט וואס פלעגט זיי שטעהן אין אללע נויטהען. פון אללע זייטען האט מען זיי אנגעהויבען פרעסען פונקט ווי אין אנדערע לאנדער, ווייל דער נייער פאפסט ניקאלאי האט זיי געהייסען רודפ'ן אומעדום און האט אבגעזוכט אגוטען שמש, יאהאנעס דע קאפיסטראנא, אמענשען אהן געפיהל, אהן אשום פונק פון רחמנות אין הארצען. ער האט געקאנט מאכען אתל פון איודען וואס האט זיך געשאפט מיט אקריסט און איהם בעצאהלט ער זאל טהון פון זיינעט וועגען עפיס אמלאכה אים שבת; ער האט אין זיך געהאט אזוי פיעל ישר צוצונעהמען ביי איודישען דאקטאר זיין גאנצען פערמעגען דערפאר, וואס ער האט געהיילט אקראנקען קריסט. מען קאן זיך גאר ניט פארשטעלען וואס פאר אצרות אזא שלאנג האט אנגעארבייט, און עס איז גאר קיין וואונדער ניט וואס אפילו די בעסערע קריסטען האבען איהם אויך געמוזט נאכטאנצען. אין יענער צייט האט געלעבט דער קארדינאל ניקאלאי פון קוזא, וואס האט זיך אלאנגע צייט ארומגעטראגען מיט דער מחשבה צו מאכען פון אללע רעליגיאנען איין אמונה און איז בעשטאנען אפילו דארויף אז אללע פעלקער זאלען איינפיהרען ביי זיך מילה, אבי די יודען זאלען ניט זיין קיין געגנער פון די יסודות פונ'ם קריסטענטהום. אזא מענש וואס גיט זיך אב מיט אזעלכע הויכע געדאנקען, וואלט, דאכט זיך, געוויס בעדארפט זיין פריי פון שנאה צו יודען; צום סוף האט ער פון זיין זייט אויך צוגעלעגט אגזרה און ביי דער אסיפה אין באמבערג האט ער געמאכט אז די יודען זאלען מוזען טראגען אבעזונדער צייכען — די מאננער ארויטען אויף דער ברוסט, און די פרויען אבלויען אויפ'ן קאפ.

דעמאלט האט אויך דער הערצאג פון בייערן, לודוויג דער רייכע, געפונען אשעת הכושר אבצוראבעווען די יודען פון זיין לאנד און זיי אין גאנצען ארויס פטר'ן. פלוצלונג האט ער אים יאהר 1450, געהייסען פערנעהמען אללע יודען, מאנער איינזעצען אין געפאנגניש און די ווייבער מיט די קינדער פערשליסען אין די שולען, און ווי פיעל מען וועט געפינען אין זייערע וואהנונגען, גאלד און זילבער זאל מען עס צונעהמען. דערביי האט ער ארויסגעלאזט א בעפעהל, אז אללע קריסטען, וואס זענען שולדיג יודען געלד מוזען באלד בעצאהלען זייערע חובות אהן פראצענט און זיי מאגען זיך נאך מנכה זיין דאס פראצענט וואס מען האט ביי זיי פריהר גענומען. מן הסתם האט מען די יודען געמאכט

אזעלכע חשבונות אז קיין סך געלד איז זיי ניט ארויסגעקומען. פיער וואכען האט מען זיי אזוי געהאלטען, דערנאך האט מען זיי געהייסען, גאר אהן א״פאר וואס״, אריינטראגען דער מלוכה דרייסיג טויזענד גולדען און מען האט זיי נאקעט און בלויז ארויסגעיאגט. דאס אייגענע האט לודוויג געוואלט טהון מיט די יודען פון רעגענשבורג, נאר דארט האבען עס די קריסטליכע איינוואהנער ניט דער־לאזט, און די יודען זענען נאר אבגעקומען מיט שרעק און געלד. אודאי זענען אין בייערן אויך פיעל יודען געצוואונגען געוועהן איבערצוגעהן צום קריסטענטהום און דערמיט אבצוראטעווען דאס לעבען און פערמעגען.

קיין גרויסער שכל איז אודאי ניט געוועהן אין דעם וואס מען האט ווייטער פערגראסערט די צאהל פון די אנוסים, ווייל מען האט גוט געוועהן וואס פון זיי אללע האט זיך אויסגעלאזט און ווי יעדער פון זיי האט מיט שמחה, ביי דער ערשטער געלעגענהייט, אראבגעווארפען די מאסקע, וואס מען האט איהם מיט געוואלד אנגעטהון; נאר יאהאנעס דע קאפיסטראנא האט גאר ניט געקוקט דארויף צו איז עס גלייך צו גיין: ער האט טאקי געגלויבט באמונה שלמה אז ער קויפט זיך עולם הבא דערמיט וואס ער טהוט אן יודען צרות און ברענגט זיי דערצו זיי זאלען זיך מוזען טויפען. מען מוז מודה זיין, אז קאפיסטראנא איז ניט געוועהן קיין אבנארער, ער האט זיך געהאלטען פאר א בעל מופת, געלעבט האט ער אין דחקות, ווייט פון אללע תאוות, דערצו איז ער נאך געוועהן א גרויסער בעל דרשן און חאטש ער פלעגט זעהר שטראפען דעם עולם פאר וואס מען איז ניט אזוי פרום ווי ער האט געוואלט, האבען זיינע ווארטער געהאט דעם גראסטען ווערטה און טויזענדער מענשען פלעגען איהם נאכלויפען און אונטער־געצונדען ווערען פון זיינע דרשות. אודאי האבען די יודען פון איהם געהאט צו זינגען און צו זאגען, און ווער שמיעסט נאך אז די קאניגין יאהאננא פון נעאפעל האט איהם געמאכט פארן עלטסטען שופט פון דער אינקוויזיציאן און איהם געגעבען דאס רעכט צו בעשטראפען אפילו מיט׳ן טויט, האט ער זיך ממש געבאדען אין זייער בלוט.

אז יאהאנעס דע קאפיסטראנא האט זיך בעוויזען אין דייטשלאנד איז געווארען א מהומה צווישען די יודען, וואס האבען שוין געהערט זיינע מעשים פון דערווייטענס. בעזאנדערס איז ביטער געווארען די יודען פון בייערן, שלעזיען, מאהרען און עסטרייך, וואו די קאטאליקען האבען זיך גע־הרג׳ט מיט די הוסיטען און צו די יודענס קאפ האט זיך עס אויסגעלאזט. די בייערישע מלכים לודוויג און אלברעכט האבען נאך פריהער ארויסגעטריבען

די יודען און אז קפיסטרנא האט זיי אונטערגעגעבען השק האבען זיי זיך גענומען אנצוטהון יודען צרות אויך אין אנדערע ערטער, וואס האבען געהאט א שטיקעל שייכות צו זייער מלוכה. די שנאה איז געווארען אזוי גרויס, אז אפילו אין אין רעגענשבורג, וואו די איינוואהנער האבען בשום אופן ניט געלאזט אנריהרען די יודען, מיט וועלכע זיי האבען גוט געלעבט שוין פון לאנג אן, איז געראטהען פון דעסטוועגען ארויסצולאזען א בעפעהל, אז א קריסטליכע אקושערין טאר ניט העלפען קיין יודישע געווינערין אפילו ווען זי האלט ביים שטארבען. ווי ווייט דער האס געגען די יודען האט זיך אויסגעארבייט גאר אהן א שום סבה און נאר צו ליעב דעם וואס דער פרומער קפיסטרנא האט אומעדום פערשפרייט זיין גיפט – קאן מען ארויסזעהן דערפון וואס אפילו דער גוטהערציגער עפיסקאפ גאטפריעד פון ווירצבורג, וואס האט שטענדיג געשיצט די יודען, געלעגט כבוד אויף די רבנים, זיי ערלויבט צו מאכען ישיבות און האט ארויסגעגעבען פיעל יודישע בעלי בתים בריעף אז זיי מאגען לעבען רוהיג אין זיין שטאדט און אז ער איז גוזר אויף זיינע אללע יורשים און אויף זייערע קינדס קינדער מען זאל זיי אללע פריינדליך בעהאנדלען, האט זיך פלוצלונג איבערגעביטען און האט אים יאהר 1453, געהייסען אז אללע זאללען פערקויפען זייערע הייזער און עס זאל פון זיי, אין פערצעהן טאג, קיין זכר ניט בלייבען. אויף איהם קוקענדיג, האבען שוין אנדערע פריצים אויך געבראכען דאס ווארט און די יודען האבען געמוזט ארויס פון אסך ערטער און איבערלאזען זייער פערמעגען און די חובות אין די האנד פון רוצחים, וואס האבען טאקי גאר געווארט עס זאל צו זיי אריינפאלען דאס גאנצע האב, וואס יודען האבען דארויף געהארעוועט מיט שוויים און בלוט.

נאר מעהר פון אומעדום האט זיך קפיסטרנא, אים יאהר 1453, צופיהרט די האנד אין שלעזיען, וואס האט דעמאלט געהערט האלב צו פולין און האלב צו באהמען און וואס דארט זענען געוועהן צוויי גרויסע יודישע קהלות אין דער הויפט שטאדט ברעסלויא און שווידניץ, אין ברעסלויא האט געוואהנט זעהר א רייכער יוד מאיר, וואס פיעל קריסטליכע עדעללייט זענען איהם שולדיג געוועהן געלד און מען האט איהם מן הסתם, זעהר געוואלט פטר'ן. אוודאי האט זיך באלד אפגעזוכט א בויער, וואס האט דעם מאיר'ן פערקויפט א האסטיע, ער האט זי, ווי דער סדר איז, צושטאכען און שטיקלעכווייז אוועקגעשיקט אין אנדערע שטאדט, נאר די האסטיע האט אנגעהויבען צו בעווייזען וואונדער: פון איהר האט זיך כלומר'שט געוויזען בלוט, מען האט עס געגלויבט און מען

האט אללע יודען פון ברעסלויא איינגעזעצט אין תפיסה און זייער פערמעגען אבגעראבעוועט. עטליכע פון זיי איז אבער געראטהען צו אנטלויפען, און דאס איז געוועהן דער בעסטער בעווייז אז די יודען זענען שולדיג, און קפיסטרנא אלליין האט זיך גענומען פיהרען דעם פראצעס. ער האט געלאזט אנטהון די בעשולדיגטע אזעלכע ענוים קשים אז זיי האבען אללע געמוזט מודה זיין אויף אלדינג וואס מען האט זיי געפרעגט. דערווייל איז נאך אונטערגעשפרונגען איין אנדער בעשולדיגונג: א געטויפטע יודענע, א גרויסע מרשעת, האט עדות גע־זאגט אז די ברעסלויער יודען האבען נאך פריהר פערברענט א האסטיע און האבען אוועקגעגנב'ט א קריסטליך קינד, עס אריינגעלעגט אין א פאס מיט שפיציגע צוואקעס, ביז עס איז אבגעגאנגען מיט בלוט און דער נאך האבען זיי דאס בלוט צושיקט אללע איבריגע יודען פון שלעזיען. אזא בלבול איז געוועהן פאר קפיסטרנא גלייך ווי געפונען, ער האט געהייסען מען זאל אבזוכען די שולדיגע אין אנדערע שלעזישע שטאדט און גאר גיך האט ער שוין געהאט 318 קרבנות. פון זיי האט ער באלד געהייסען פערברענען 41 יודען אפענטליך אויף דער גאס פאר זיין וואהנונג און די איבריגע האט מען ארויסגעטריבען פון דעם לאנד. די קליינע קינדער האט מען מיט געוואלד אבגעריסען פון די עלטערן און מען האט זיי געטויפט. דער רב פון ברעסלויא האט ניט געקאנט איבערטראגען דעם צער און האט זיך אלליין אויפגעהאנגען. דאס איינענע איז אויך געשעהן מיט די יודען פון אלמיץ און ברינן און דער קאניג לאדיסלויס האט ארויס־געגעבען א בעפעהל אז אין גאנץ שלעזיען זאל זיך קיין איינציגער פון די "זינדיגע יודען, וואס "גאטט האט זיי געשטראפט ווי זיי האבען פערדיענט", ניט געפינען.

קפיסטרנא האט ניט אויסגעלאזט איין ווינקעל, וואו ער האט נאר געקאנט מוטשען יודען און האט אויך צו זיי געטראפען קיין פוילען, וואו זיי האבען שוין געלעבט רוהיג עטליכע הונדערט יאהר און וואו זייערע אומגליקליכע ברידער האבען שטאנדיג געפונען א מקום מנוחה, ווען זיי האבען בעדארפט אנטלויפען פון דייטשלאנד, עסטרייך און אונגארן. אין פוילען זענען די יודען געוועהן גליקליך אונטער דער שוטץ פון די גוטע געזעצע, וואס דער הערצאג באלעסלאוו און דער קאניג קאזימיר דער גרויסער האבען ארויסגעגעבען. אז עס האט זיך אים יאהר 1447 געמאכט אין קאזען א גרויסע שרפה און די פאפירען וועגען די יודישע רעכטע מיט די התימות פון די אלטע פוילישע מלכים זענען פער־ברענט געווארען, האבען זיך די יודען געווענדט צום גוטהארציגען קאניג קאזימיר דעם פירטען, וואס האט פריהר מיט א יאהר געשענקט די קראימעס

פון טראקי און לוצק די רעכטע, וואס דער הערצאג וויטאלד פון ליטא האט זיי נאך געגעבען אינ'ם דרייצעהנטען יאהרהונדערט און האבען איהם געבעטען ער זאל זיי נאך א מאל אונטערשרייבען זייערע רעכטע פון א מאל. די מלוכה איז דעמאלט אזוי צו פריעדען געוועהן פון די יודען, אז קאזימיר האט זיי געגעבען נאך מעהר פרייהייט ווי זיי האבען פערלאנגט, און אזוי ווי ער האט ארויסגעזעהן אז דאס פאלק האלט מיט זיי און נאר די גייסטליכע קוקען אויף זיי קרום, האט ער איין מאל פאר אללע מאל געמאכט אז די גייסטליכע טארען זיך ניט אריינמישען אין יודישען לעבען, און אז נאר די רבנים זאלען מאגען פסק'נען ביי יודישע משפטים און זאלען האבען דאס רעכט צו בעשטראפען יעדען וואס וועט זיי ניט פאלגען. אחוץ דעם האט ער בעפאהלען אז עס טאר ניט פארקומען קיין שום בעשולדיגונג געגען יודען וועגען בלוט אדער האסטיע, און אז ווען עס וועט זיך שוין איינער איינשטעלען און מאכען אזא בלבול, מוז ער ברענגען אכט עדות פון חשובי'ע און בעגלויבטע מענשען, פיער יודען און פיער קריסטען, אלא ניט — קומט איהם מיתה. מיט אזעלכע געזעצע האט ער ביי די גייסטליכע צוגענומען אין גאנצען זייער קראפט און זיי האבען אנגעהויבען אזוי לאנג צו זוכען מיטעל, אז קאזימיר זאל אויפהערען צו בעהאנדלען די יודען מיט יושר, ביז זיי זענען געפאלען אויפ'ן שכל און האבען אראבגעבראכט קיין פוילען יאהאנעס דע קאפיסטראנא, ער זאל זיך כלומר'שט נעהמען צו די הוסיטען און אין איין וועג טאקי אתל מאכען פון די יודען. מיט גרויס פאראד איז קאפיסטראנא אריינגעפאהרען קיין קראקוי, דער קארדינאל זביגניעוו אלעש-ניצקי איז ביי איהם געווארען די רעכטע האנד און ביידע צוזאמען האבען אנגעהויבען צו ארבייטען אז קאזימיר זאל אויפהערען צו בעשיצען די יודען. אומזיסט איז אבער געוועהן זייער מיה: קאזימיר האט זיך ניט געוואלט אום-קוקען ניט אויף קאפיסטראנא'ס פייערינע דרשות און ניט אויף דעם קארדינאל'ס עצות. ערשט אין א יאהר ארום, אז קאזימיר האט פערלארען די מלחמה מיט פרייסען און האט געמוזט אנקומען צו די גייסטליכע, האט ער קיין אנדער ברירה ניט געהאט און איז געצוואונגען געוועהן מפקיר צו זיין די יודען. ווי א דונער האט געטראפען די פוילישע יודען די וויסטע בשורה, וואס בעזונדערע שלוחים האבען געבראכט אין אללע שטאדט, אז דער קעניג איז מבטל אללע געזעצע וואס האבען ביז אהער געשיצט די יודען. די גייסטליכע האבען זיך ווי באזע וועלף צולאזט איבער דער מדינה און די יודען פון פוילען האבען, נאך ארוהיג און גליקליך לעבען, וואס האט געדויערט הונדערטער יאהרען,

געמוזט אויך אויסטרינקען דעם ביטערן כוס און געוואהר ווערען פון צרות וואס האבען זיי פון די פים געווארפען גלייך מיט זייערע פערוואגעלטע ברידער, וואס פלעגען פריהער ביי זיי זוכען און בעקומען הילף. דאס אומגליק איז נאך אבער גראסער געוועהן דערמיט וואס פוילען איז געוועהן דעמאלט דאס איינציגע לאנד, וואו די יודען האבען נאך געהאט א שטיקעל גלאנץ, און קוים זענען זיי דארט אויך געפאלען, איז שוין טאקי ניט געוועהן וואו א קאפ אנידערצולעגען, און די יודען האבען פשוט ניט געוואוסט וואס צו טהון און וואהין זיי זאלען זיך לאזען.

נאר אז די נויטה איז שוין גאר גרויס — מוז קומען א ישועה, און אפט קומט זי פון אזא זייט, וואס עס איז שווער זי פון דארט צו ערווארטען. אז די יודען פון איירופא האבען געקרעכצט אונטער דעם יאך פון די שרעקליכע צרות און מען האט געקאנט מיינען אז עס ווערד שוין פון זיי א סוף, האט גאטט פלוצלונג פערדרעהט די קאפ פון זייערע שונאים און האט אויף זיי אנגעשיקט אזא פלאג אז זיי האבען שוין געמוזט אין די יודען פערגעסען, די ביצאנטינישע מלוכה, וואס איז אין דער לעצטער צייט געוועהן א קוואל פון שנאה געגען די יודען, איז ארויס פון די האנד פון קריסטליכע מלכים און איז איבערגעגאנגען צום בעריהמטען טירקישען גבור מחמד דעם צווייטען. אומזיסט האט זיך דער פאפסט ניקאלאי דער פינפטער בעמיהט צו מאכען א נייעם קרייצצוג, אומזיסט האט קפיסטרנא געארבייט מיט אללע כוחות און האט געוואלט ווייטער צונויפנעהמען גאנצע מחנות מען זאל אבראטעווען קאנסטאנטינאפאל, די טערקען זענען געווארען בעלי בתים ניט נאר ביים שווארצען ים, נאר זיי האבען אויך געשארפט די צאהן אויף פיעל אנדערע לאנדער. מחמד האט דוקא ארויסגעוויזען גרויס יושר געגען אללע פעלקער וואס זענען געבליבען וואהנען אין זיין לאנד און האט אויך די יודען ערלויבט פריי זיך צו בעזעצען אומעדום, בויען הייזער, עפנען שולען און ישיבות. ער האט אויסגעקליבען זעהר א פרומען און א בכבוד'ן יודען, ר' משה קפסאלי, און האט איהם געמאכט פאר לאנד־רב און פאר א משגיח איבער דעם יודישען מס. דער יודישער רב איז געוועהן זעהר געשאצט אין הויף פונ'ם סולטאן און ביי א פערזאמלונג פון די גייסטליכע פלעגט מען איהם זעצען אויבען אן און איהם אבגעבען כבוד ווי א פארשטעהער פון א ניצליך און געאכטעט פאלק.

אפילו אויף די קראימעס, וואס זענען געוועהן אי ווייניג אין דער צאהל, אי צווארפען אין פערשיעדענע ארטער, איז געקומען א נייע לעבען אין דער

טירקיי, אונ עס איז געווארען פון זיי צוויי גרויסע קהלות אין קאסטאנטינאפאל אונ אדריאנאפאל אונ אהין האבען זיך אנגעהויבען שיטען פיעל קראימעס, וואס האבען געוואהנט אין פוילען אונ קרים אונ האבען געליטען גלייך מיט די איבריגע יודען. דעמאלט האבען אויך די קראימעס אויפגעהערט זיך האלטען אזוי אין דעם טוידטען אות פון דער תורה: עס האבען זיך שוין צווישען זיי געפונען אזעלכע וואס האבען מתיר געמאכט אנצוצינדען ליכט פרייטאג צו נאכטס אונ ניט זיצען דעם גאנצען אבענד אין דער פינסטער. זיי האבען צו ליעב געטהון נאר אויף קלייניגקייטען, נאר אויסגלייכען זיך אין גאנצען מיט די יודען איז זיי אונמעגליך געוועהן, ווייל אויף דעם ביסעל וואס זיי האבען נאכגעגעבען האבען אויך די פרומע געקלאגט אונ איינגעלעגט וועלטען טאמיר ווערט חלילה אתיל פון דער גאנצער כתה.

די גמרא זאגט, אז „אויף די ארעמע קינדער דארף מען גוט אכטונג געבען, ווייל ביי זיי האלט זיך דאס גאנצע לערנען פון תורה", דעם אמת פון די ווערטער האט מען געקאנט ארויסזעהן אין דייטשלאנד, וואו די ישיבות פון ערפורט, ניירנבערג, רעגענשבורג אונ פראג האבען ביי די שרעקליכע רדיפות געבליהט אונ ארויסגעגעבען זעהר פיעל לומדים אונ אפילו אזעלכע צוויי בע־ריהמטע רבנים, ווי ר' יעקב ווייל אונ ר' ישראל איסרלין, וואס זייער גרויסער נאהמען איז געבליבען אויף אסך דורות. דער לאנד־רב פון טירקיי, ר' משה קפסאלי איז אויך געוועהן א תלמיד פון א דייטשער ישיבה אונ עס איז קיין וואונדער ניט וואס ער האט זיך מיה געגעבען צו צוציהען קיין קאנסטאנטינאפאל פיעל לייטישע דייטשע יודען. די ערשטע, וואס האבען זיך בעזעצט אין דער טירקיי, האבען בעשריבען דאס לאנד ווי א גן עדן אונ האבען געראטהען זייערע ברידער פון אללע אייראפאישע לאנדער זיי זאלען גאר ניט טראכטען אונ באלד קומען. צוויי יונגע לייט קלמן אונ דוד וואס זענען איבערראשט געווארען אז זיי האבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהן וואס פאר א פרייהייט האט בעגליקט די טירקישע יודען, האבען אנגעמאכט דורך בריעף א שטארקען רעש, אונ ווער עס האט נאר געהאט מיטעל האט זיך געלאזט פאהרען. בעזאנדערס האט צוגעטרעט צו דעם ר' יצחק צרפתי, א יוד מיט אן עדלער נשמה, וואס איז געוועהן איינער פון די ערשטע אנטלאפענע, וועלכע האבען זיך אבגעזוכט א נייע היים אין דער טירקיי. נאר ער האט זיך ניט געקאנט בערוהיגען מיט זיין אייגען גליק אונ האט געוואלט אז זיינע איבריגע ברידער זאלען אויך גע־ניעסען דעם תענוג פון א שאן פריי לעבען, ער האט צושיקט בריעף אין אללע

גראָבע שטאָדט פון שוואבען, מאהרען, אונ אונגארן, וואו ביי די יודען האט זיך נאך קוים די נשמה געהאלטען, אונ האט זיי מיט די שאנסטע פארבען בע-שריבען ווי גוט זיי וואלט געוועהן ווען זיי קאנען זיך אללע אויסרייסען אונ לויפען קיין טירקיי. זיינע ווערטער האבען געמאכט אגרויסע ווירקונג אונ פון אללע זייטען האבען זיך אנגעהויבען שיטען יודען קיין ארץ ישראל. נאר קוים האבען די שונאים דערזעהן אז די יודען אנטלויפען טאקי אונ עס איז דא ביי זיי אלאנד, וואס נעהמט זיי אויף מיט ליעבע אונ רחמנות, איז געווארען אנייער פלאן אז מען טאר זיי ניט דערלאזען זיי זאלען לחלוטין אוועקווארפען אייראפא, אונ די אייגענע האנד וואס האבען זיי געטריבען, האבען זיי אנגעהויבען צו צוהאלטען ווי מיט אייזערנע צוואנגען, גענומען האט זיך עס דערפון, וואס די טירקישע מלוכה האט ערלויבט די יודען, וואס האבען זיך בעזעצט אין ירושלים, זיי זאלען בויען אשול אויפ'ן בארג ציון אונ אזוי ווי ניט ווייט פון דארט איז געשטאנען אקריסטליכע קירכע, האבען די גייסטליכע ניט געוואלט ליידען אזא נאהענט שכנות פון די יודען אונ האבען אנגעמאכט אגעוואלד אז באלד וועלען די יודען פערכאפען דאס גאנצע לאנד אונ וועלען צונעהמען אפילו דעם היילינען קבר פון קריסטוס. אז דער פאפסט איז דערפון געוואהר געווארען האט ער ארויסגעגעבען אבעפעהל, אז קיין שום קאפיטאן טאר ניט ארויפלאזען אויף זיין שיף קיין יודען, אונ דערמיט האט מען ביי די יודען צוגענומען די מעגליכקייט צו פאהרען קיין פאלעסטינא פונקט אין אזא צייט ווען מען האט זיי געפייניגט כמעט אין גאנץ אייראפא אונ ווען פאר זייערע קראנקע אויגען האט נאך אבליץ געטהון אשיין פון האפנונג, אז אין דער אלטער היים וועלען זיי קאנען אויס-גלייכען די צובראכענע גליעדער אונ פערהיילען די שרעקליכע וואונדען.

---

3 נאך גראָסערע רדיפות געגען די יודען אונ די מאראנען.

(1455—1481 נאך קריסטוס געבורט).

ווען אין גאנץ אייראפא איז ניט געוועהן איין לאנד, וואו די יודען זאלען ניט ליידען אונ וואו דאס פאלק זאל אויף זיי ניט קוקען ווי אויף מענשען, וואס זענען טאקי נאר בעשאפען געווארען דארויף, מען זאל זיי לעבעדיגערהייד בעגראבען, אונ זיי זאלען מזכה זיין פרומע קריסטען מיט דער גרויסער מצוה צו פייניגען זיי, וואס זייער כח טראגט נאר אויף צו בעהאלטען טיעף ביי

זיך אין הארצען דעם גרויסען וועהטהיג און בזיון פון דער ערנידערונג, האבען זיי זיך נאך געהאלטען נישט קשה אין קאסטיליען און אראגאניען; מען האט זיי ניט זאטשעפעט און זיי האבען זיך געלעבט רוהיג און שטיל, נאר ווער עס האט געהאט אפענע אויגען, דער האט באלד געקאנט בעמערקען אז דאס רוהיגקייט זייערס איז ניט אויף לאנג און דאס שטילקייט איז נאר א מין שטיל-קייט וואס ווערט פאר א שטורם. דער קאסטיליענישער קאניג הייגריך דער פיערטע האט זיך וועניג געמישט צו דער מלוכה, די גאנצע דעה האט געהאט ביי איהם זיין מיניסטער זשואן דע פאכעצא, וואס איז אליין ארויסגע-קומען פון יודען, און האטש ער איז ניט געוועהן אזא שטארקער אוהב ישראל און דערצו האט איהם נאך אפט אונטערגעהיצט דער אנדערער מיניסטער דיעגא אריאס דאווילא, וואס איז אויך געוועהן א געטויפטער יוד, נאר זעהר א שלעכטער מענש, האט ער פון דעסטוועגען בעהאנדעלט די יודען מיט יושר, און אזעלכע גבירים, ווי ר' יוסף בינבנישתי און זיינע ביידע זיהן, דון ווידאל און דון אברהם, זענען געוועהן די גרעסטע חשובים אין הויף. אין די לעצטע יאהרען האט דער קאניג בעשטימט זיין לייב-דאקטאר, ר' יעקב אבן-נונים פאר לאנד-רב. דער אראגאנישער קאניג ד"ן זשואן דער צווייטע איז גאר געוועהן צוגעבונדען צו די יודען. איינער פון זיינע מקורבים איז געוועהן דער דרשן ר' אברהם ביבגא, און אז ער איז קראנק געווארען אויף די אויגען האט ער זיך געהיילט ביי א יודישען דאקטאר דון אביתר אבן קרשקש הכהן, וועלכער האט ביי איהם אראבגענומען די שטאר. די יודען זענען אבער איהם אויך געוועהן שטארק איבערגעבען און אז ער איז געשטארבען האבען זיי איהם געמאכט א הספד און געזאגט תהלים אין אללע שולען. קוקענדיג אויף דער מלוכה, האבען שוין די עדעללייט פון קאסטיליען און אראגאניען אויך כבוד געלעגט אויף די יודען, און ווי זיי האבען שוין ביי זיך געטראכט אינוועניג האבען זיי ווענינסטענס אפענטליך קיין שנאה ניט ארויסגעוויזען און דערביי האבען זיי טאקי געמוזט דרך ארץ האבען פאר די יודען, ווייל די בעסטע דאקטוירים זענען פארט געוועהן די יודישע און ביי א סכנה האט מען זיך געמוזט ווענדען נאר צו זיי. דערפאר האט מען זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם אלטען געזעץ פונ'ם פאפסט, אז יודישע דאקטוירים טארען ניט היילען קיין קריסטען, און אז מען האט זיך געמאכט א היתר דארויף האט מען שוין פערבויגען אויף אנ-דערע זאכען וואס זענען געוועהן פערוואהרט יודען, און דערווייל האבען זיי פון קיין צרות ניט געוואוסט.

לאנג האט עס אבער ניט געקאנט האלטען, דארט וואו דאס פריינדליכקייט איז ניט געוועהן ערנסט, האט זיך די באהאלטענע שנאה פארט געמוזט ארויסווייזען. אויך אין שפאניען האט מען אנגעהויבען רעדען, אז יודען קוילען קריסטליכע קינדער, גנב'נען האסטיעס; אט איז ארויס א קלאנג אז די יודען האבען אין סלמנקה ביי א קריסטליך קינד אויסגעריסען דאס הארץ, אט האט מען דערצעהלט אז אין איין אנדער שטאדט האבען זיי א קינד צושניטען אויף שטיקלעך, און יעדען טאג האט מען עפיס אנדערס אויסגעטראכט. דער קאניג האט דווקא געוואלט בעשיצען די יודען, און כדי דער אמת זאל זיך בעווייזען האט ער געהייסען מען זאל גוט חוקר ודורש זיין און דאס גערינכט זאל משפט'ן די שולדיגע. די מלוכה האט דעמאלט ניט געמיינט קיין חכמות: מען האט אהן קונצען געפרעגט עדות און עס האט די יודען ניט געשאדט. דערפאר האט דאס פאלק אבער נאך מעהר פיינד בעקומען יודען: זיי האבען געשריגען אז מיט געלד פועל'ן זיי אלדינג, אז אללע זענען איבערגעקויפט און אז דער קאניג אליין לאזט זיך איבעררעדען פון די געטויפטע יודען וואס זוכען קלאמערשט זייערע געוועזענע ברידער צו טהון טובות. דעמאלט האט א גייסטליכער אלפאנסא דע ספינא, א געטרייער תלמיד פון קפיסטרנא, ארויסגעלאזט א בוך געגען יודען און האט אויסגעוויזען, אז מען מוז ביי זיי צונעהמען די קינדער און קלייגערהייד טויפען און ווען ניט — וועט ווערען א תל פון גאנץ שפאניען. נאך א ארגער בוך האט אנגעשריבען א געטויפטער יוד פעדרא דע לא קבלריא, וואס האט ניט געזשאלעוועט קיין בלבולים. ביסלעכווייז האט דאס פאלק אויפגעהערט זיך בעגעהן נאר מיט רעד, קוים איז שוין די שנאה ארויס האט זיך באלד געפונען א גייסטליכער וואס האט אפענטליך אנגערייצט די איינוואהנער פון א קליין שטעדטעל מעדינא דעל קאמפא געגען די יודען, און אים יאהר 1461 האט מען דארט פערברענט אסך יודען, צוריסען ספרי־תורה און אבגעראבעוועט זייער פערמעגען. נאך מעהר האבען די גייסטליכע געארבייט געגען די מאראנען, און האטש פיעל פון זיי האבען שוין לאנג פערגעסען אז זיי קומען ארויס פון יודען, פון דעסטוועגען האט מען אויף זיי אויסגעטראכט אז זיי היטען אב אללע יודישע דינים און זענען אפילו מל די קינדער. עס איז אזוי ווייט געקומען אז די מאראנען פלעגען מורא האבען די גאס דורכצוגעהן און אין מדריד האט דער קאניג געמוזט ארויסשיקען בעזונדערע גייסטליכע זיי זאלען אבהאלטען דאס צורייצטע פאלק פון רציחה. עס האט שוין אבער ניט געהאלפען און אין טולעדא האט מען אויסגעהרג'ט מעהר

פון הונדערט דרייסיג מאראנען אונ זייערע הייזער, איבער זעכס הונדערט, האט מען פערברענט.

רעכט שלעכט איז די שפאנישע יודען געווארען ווען די מלוכה איז איבער־געגאנגען צו דער פרינצעסין איזאבעללא, וואס האט חתונה געהאט מיט'ן אראגאנישען פרינץ דון פערנאנד, אונ מען מאג זאגען אז די יודען האבען זיך אלליין דעם אומגליק געגומען. ווייל איינער פון די שפאנישע גבירים, דון אברהם שניאור, האט זיך אריינגעלעגט אין דעם שדוך אונ האט מזוג געווען דאס בעריהמטע פארעל, וואס האט דערנאך אזוי זיך געבאדען אין יודיש בלוט. עס האט איהם געקאסט געננג געלד אונ מיה ביז ער האט געפועלט ביים קעניג הייגריך ער זאל מסכים זיין אריינצונעהמען אין זיין משפחה דון פערנאנד, וועלכען ער האט שטארק פיינד געהאט, אונ געטהון האט עס דון אברהם שניאור מיט זכונה, ווייל ער האט געוואוסט, אז דון פערנאנד'ס אלטער־באבע פאלאמא איז געוועהן א יודיש קינד אונ דאריבער האט ער גערעכענט אז ער וועט געוויס טהון חסדים מיט יודען. באלד האט זיך אבער ארויסגעוויזען צו וואס פאר זביטערע מענשען די קרוין פון קאסטיליען איז אריינגעפאלען אונ פאר די יודען מיט די מאראנען האט זיך אנגעהויבען די ביטערסטע צייט, וואס פארנעהמט געננג שווארצע בלעטלעך אין דער יודישער געשיכטע.

דעם ערשטען סימן האבען געהאט די יודען פון א קליין שטאדטעל סע־פולוועדא אים יאהר 1471, ווייל מען האט אויף זיי געמאכט א בלבול אז זיי האבען פאר פסח, צוזאמען מיט'ן רב ר' שלמה פיגון אזוי לאנג געמוטשעט זא קריסטליך קינד ביז עס איז געשטארבען. דער עפיסקאפ זשואן אריאס דאווילא, וואס איז אלליין ארויסגעקומען פון יודען אונ האט גוט געוואוסט זי די גאנצע מעשה איז ליגען, האט געוואלט פערשטאפען דאס פאלק דאס מויל, אויסער דעם האט ער געמוזט ווייזען אז ער איז ניט קיין נושא פנים אונ דאריבער האט ער קלאמערשט אבגעווכט אכט שולדיגע יודען אונ האט זיי גע־הייסען א טהייל פערברענען אונ א טהייל דערהרגען. אזא משפט האט פון דעסטוועגען ניט געשטילט דאס פאלק: מען איז אנגעפאלען אויף אללע יודישע הייזער. פיעל יודען האט מען אויסגעהרג'ט אונ די וואס זענען זיך צולאפען האבען אויך אין ערגי'ן ניט געקאנט געפינען קיין בהמנות. נאך א ערגער'ן סוף האבען אים יאהר 1473 געהאט די מאראנען אין קורדבה: א קינד האט גראד ארויסגעגאסען פון א פענסטער א ביסעל וואסער פונקט דעמאלט ווען מען האט אויף דער גאס געטראגען מיט א גרויסער צערעמאניע א היילינ בילד, עס איז

באלד געווארען ארעש אז דאס האבען די פערבארגענע יודען אימיטען געטהון, כדי זיי זאלען אפענטליך מבזה זיין א זאך וואס איז ביי די קאטאליקען זעהר הייליג, אונ עהדער מען האט זיך אומגעקוקט האבען שוין אללע הייזער פון די מאררא־נען געברענט, הרוגים האבען זיך געוואלגערט, בלוט האט זיך גע־גאסען אונ ביי קיינעם איז קיין ספק ניט געוועהן, מען האט זיך גאר ניט גע־פוילט אנצונעהמען גאטט׳ס קריוודע......

ביי אזא לאגע האבען די שפאנישע יודען אנגעהויבען זיך ארומקוקען וואהין עס איז בעסער צו אנטלויפען פון דער צרה, אונ עס איז ביי זיי גע־בליבען, אז אויסער טירקיי, וואס איז א ביסעל ווייט געוועהן, איז גוט זיך צו לאזען קיין איטאליען, ווייל דארט האבען די גייסטליכע ניט געהאט אזא דעה. דער מסחר האט אנגעהויבען וואקסען, געלד האט מען בעדארפט, אונ דער־פאר האט מען אין איטאליען גאר ארויסגעקוקט אז די יודען זאלען אהין קומען. דאס ביסעל איטאליענישע יודען, וואס האט דארט געוואהנט פון פריהער, האט שטארק בעלעבט דעם האנדעל אונ בעזאנדערס די באנק־געשעפטען, אונ דער ארכיעפיסקאפ פון מאנטוא האט בפירוש ערלויבט, אים נאהמען פונ׳ם פאפסט, אז די יודען מאגען נעהמען פראצענט. אין פיזא האט געוואהנט א גרויסער גביר ר׳ יחיאל, זעהר א פעהיגער אונ אעהרליכער סוחר, אונ ביי איהם אין די האנד איז געוועהן דער גאנצער מסחר פון טאסקאנא. ר׳ יחיאל פון פיזא איז דערצו געוועהן ניט קיין קליינער למדן, ער פלעגט אפט שרייבען בריעף צום בעריהמטען שפאנישען מיניסטער דון יצחק אברבנעל, אונ פון זיין צדקה, וואס ער האט ליעב געהאט צו געבען מיט דער פולער האנד, האבען נהנה געוועהן יודען אויך פון אנדערע לאנדער. אז דער קאניג פון פארטוגאל, אלפאנסא דער פינפטע, האט געוואונען די מלחמה אין אפריקא אונ האט געהאט פון צוויי שטאדט: ארצילא אונ טאנגער, פיעל געפאנגענע יודען, האבען די פארטוגאזישע יודען געוואלט זעהר אויסלאזען זייערע ברידער אונ זענען ניט געוועהן ביכולת עס צו טהון, דעמאלט האט דער אברבנעל אוועק־געשריבען וועגען דעם צו ר׳ יחיאל׳ן פון פיזא אונ ער האט באלד צוגעשיקט אזא גרויסע נדבה, וואס האט הונדערטער יודען אומגעקעהרט די פרייהייט. מען קאן ניט זאגען אז אין איטאליען איז די יודען געוועהן גאר אין גאנצען גוט, נאר אזעלכע רציחות ווי אין אנדערע לאנדער זענען דארט ניט פארגעקומען. דעם חלוק קאן מען ארויסזעהן פון צוויי אלץ איינע מעשות וואס האבען זיך כמעט אין איין יאהר פערלאפען אין דייטשלאנד אונ איטאליען: אין רעגענשבורג

האט זיך פלוצלונג פערגלוסט אהין, קלמן, איבערגעהן צום קריסטענטהום אונ ער האט א היבשע צייט געלעבט ביי די גייסטליכע, וואס האבען מיט איהם געלערנט אונ איהם מחנך געוועהן מיט די מצות פון דער קריסטליכער רעליגיאן. ער האט אבער שפעטער חרטה געהאט, אונ נאך עהדער מען האט איהם געטויפט האט ער אוועקגעווארפען די גייסטליכע אונ איז צוריק אריבער צו די יודען. פאר דזא חטא האט מען איהם ניט געוואלט מוחל זיין אונ מען האט איהם פערמשפט צום טויט. פונקט אזא זאך איז געשעהן אין פאוויא, נאר זי האט זיך שוין גאר אנדערש אויסגעלאזט. א יודישע פרוי האט זיך צוקריגט מיט איהר מאנן אונ עס איז ביי איהר געבליבען: אז זי מוז זיך טויפען, זי האט זיך געווענדט צו די גייסטליכע אונ מען האט זי פריינדליך אויפגענומען, נאר אז זי איז שוין געוועהן גאר פערטיג האט זי מורא געקריגען אונ האט זיך אבגעזאגט פון דער טויפע. דערפאר האט זי ניט נאר קיין שום עניש בעקומען, נאר דער עפיסקאפ אלליין האט זיך אריינגעלעגט אין שלום, ער האט געשיקט רופען דעם מאנן אונ האט איהם פערזיכערט אז זיין פרוי האט זיך די גאנצע צייט גוט אויפגעפיהרט אונ אז ער דארף איהר על פי דין קיין גט ניט געבען. אז די גייסטליכע האבען אזוי געהאנדעלט געגען יודען, איז דאס פאלק נאך פריינדליכער געוועהן אונ האט נאך אויף זיי מעהר כבוד געלעגט צו ליעב די בעריהמטע דאקטוירים, וואס די איטאליענישע יודען האבען ארויסגעגעבען. אויף פאפיער זענען נאך געוועהן די אלטע געזעצע וועגען דעם אז קריסטען טארען ניט האבען קיין שום געשעפטען מיט יודען, זיי טארען זיך ניט היילען ביי יודישע דאקטוירים אונ די יודען מוזען טראגען א שאנדליכען צייכען אויף די קליידער, דאס לעבען האט אבער געוויזען אז מען מוז פערבייגען די געזעצע, קריסטען אונ יודען האבען געלעבט גאר בשלום, אין דער הלבשה איז ניט געוועהן קיין שום אונטערשיעד, אונ אז אין קרעמא האט אדייבער יוד לעא חתונה געמאכט א קינד האט די גאנצע שטאדט זיך אבגעגעבען מיט דער שמחה אונ קריסטען האבען זיך געפרעהט גלייך מיט יודען. אין יענער צייט האט געשפיעלט אין איטאליען א גרויסע ראללע ר' בנימין פון מאנטוא, אדער ווי מען האט איהם גערופען גולעלמא די פארטאלעאנע, וואס איז פריהער געוועהן לייב-דאקטאר ביים קאניג פערדינאנד פון נעאפעל, דערנאך האט ער געדיענט ביים הערצאג פון מאילאנד גאלעאצא ספארצא אונ פונ'ם יאהר 1479 איז ער געווארען לייב-דאקטאר ביי'ם הערצאג לודאוויקא נאנזאגא. פון איהם איז צרוים א גאנצע משפחה פון דאקטוירים.

דאס איז שוין אכלל, אז קוים לאזט מען דעם יודען פריי אטהמען האט ער פיינד צו זיצען פארלעגט די האנד, אונ עס איז גאר קיין וואונדער ניט וואס די איטאליענישע יודען האבען זיך אויסגעצייכענט אין אללע וויסענשאפטען אונ זענען געוועהן כמעט די ערשטע וואס האבען פערשטאנען זיך צו בענוצען מיט גוטענבערג'ס נייע ערפינדונג פון בוכדרוקעריי. אין רעדזשיא, מאנטוא, פעראַרא, פעווא די סקא, באלאניא, סאנטשינא, איסציאן אונ געאפעל האבען די יודען געאפענט די ערשטע דרוקען, אונ זיי האט די וועלט צו פערדאנקען, וואס פיעל נוצליכע ביכער האבען באלד געקאנט פערעפענטליכט ווערען. מען קאן זאגען אז אויסער מאלעריי אונ בילדהויעריי, וואס יודען האבען זיי געמוזט בלייבען פרעמד, ווייל די דאזיגע קונסט האט נאר געהאט צו טהון מיט דער קאטאלישער קירכע אונ מיט קיין וועלט-זאכען האט זי זיך דעמאלט ניט אנגעקעהרט, האבען זיי שטארק געארבייט אין אללע ארט חכמות אונ בעזאנדערס האבען זיך אין יענער צייט בעריהמט געמאכט צוויי גרויסע לייט, מסר ליאון אונ ר' אליהו דעל מדיגו.

מסר ליאון, אדער ווי מען האט איהם גערופען ביים יודישען נאהמען יהודה בן יחיאל, איז געבארען געווארען אין נעאפעל אים יאהר 1450, ער איז געוועהן א דאקטאר אונ דער רב פון מאנטוא, אונ חאטש ער איז געשטארבען אויפ'ן פירציגסטען יאהר האט ער פון דעסטוועגען זעהר פיעל געארבייט אונ האט אין אללע זיינע חבורים, וואס ער האט אנגעשריבען אויף לשון קדש אונ וואס פון זיי איז בעזאנדערס בעקאנט זיין ספר „נופת צופים", זיך בעמיהט איבערצוגעבען זיינע ברידער די הויכע געדאנקען פון אריסטוטלס אונ פון אנדערע אלטע חכמי אומות העולם. אזא זאך איז ניט געוועהן קיין קלייניגקייט אין יענע יאהרען, ווען ניט נאר די יודען, נאר אפילו קריסטען האבען קרום געקוקט אויף דעם וואס מען שאצט די חכמה פון מענשען, וואס האבען זיך אבגעגעבען מיט גאטצענדיענסט אונ האבען נאך ניט געוואוסט פון קיין ריינער אמונה. נאך שווערער איז דאס געוועהן פאר ר' יהודה בן יחיאל, וואס האט זיך גערעכענט פאר א פארשטעהער פון א גרויסער יודישער קהלה, נאר דער אמת איז ביי איהם געוועהן הייליגער פון אלדינג אונ ער האט אין זיך געהאט גענוג כח איהם פריי ארויסצוזאגען אונ ניט קוקען אפילו דארויף צו וועט עס איהם שאדען.

נאך האבער איז געשטאנען ר' אליהו דעל מדיגו, וואס מען האט איהם אויך גערופען קרעטענזיס, ווייל זיינע עלטערן זענען געוועהן פון די

דייטשע יודען, וועלכע האבען זיך בעזעצט אויף דעם אינזעל קרעטא אדער קנדיא, ער איז געוועהן איינער פון די גרעסטע קאפ, וואס יודען האבען ארויס-געגעבען אין די לעצטע יאהר הונדערטע אונ האט זיך בעזאנדערס בעשעפטיגט מיט דער לאטייניש'ער שפראכע. איינער פון זיינע תלמידים איז געוועהן דער בעריהמטער איטאליעניש'ער געלעהרטער גראף דזשיאוואני פיקא די מיראנ-דאלא, וואס ער האט ביי איהם געלערנט אראביש אונ העברעאיש אונ האט פאר איהם שטענדיג גרויס דרך ארץ געהאט ווי פאר א רבי'ן. אז עס האט זיך געמאכט אין דער אוניווערזיטעט פון פאדוא א גרויס מחלוקת וועגען א הארבער שאלה אונ די סטודענטען מיט די פראפעסארען האבען זיך צוטהיילט אויף צוויי צדדים אונ עס איז צווישען זיי געקומען אויף מעסער-שטאך, איז ביי ביידע זייטען געבליבען מען זאל זיך פערלאזען אויף ר' אליהו דעל מדיגו אונ דער סענאט פון וועניעדיג האט דארויף געגעבען זיין הסכמה. ר' אליהו דעל מדיגו איז געראטהען צו מאכען שלום, מיט זיין רעדע האט ער ארויס-געוויזען זיין גרויס חריפות, אונ פון דעמאלט אן האט ער זיך גערעכענט פאר איינעם פון די בעסטע פראפעסארען אונ פלעגט אפט האלטען פארלעזונגען איבער פילאזאפיע אין פאדוא אונ פלארענץ אונ זיינע תלמידים, וואס זיי זענען כמעט אללע געוועהן קריסטען. האבען איהם זעהר געשאצט.

דער גראף דזשיאוואני פיקא די מיראנדאלא איז אזוי צוגעבונדען געווארען דורך זיין לערנען ביי ר' אליהו דעל מדיגו, צום יודישקייט אז ער האט זיך ניט געקאנט בעגנוגען נאר מיט תורה אונ תלמוד אונ האט אויך געוואלט זיך בעקענען מיט די טיעפע סודות פון קבלה. אין יענער צייט איז גראד גע-קומען קיין איטאליען פון קאנסטאנטינאפעל א מקובל יוחנן אלעמאן אונ ביי איהם האט דער יונגער גראף געלערנט דעם גאנצען למוד, אונ אז ער איז געוואהר געווארען אז אין פיעל ענינים גלייכט זיך די קבלה אויס מיט די יסודות פון דער קריסטליכער רעליגיאן, האט מען איהם ניט געקאנט אבבייסען פון די קבלה-ספרים אונ ער האט געהאלטען אין איין שרייען אז נאר די קבלה קאן די יודען ארויפברענגען זיי זאלען פערשטעהן דאס הייליגקייט פונ'ם קריסטענטהום. ער האט אויך געגעבען דעם פאפסט סיקסטוס דעם פיערטען איין עצה, ער זאל הייסען עטליכע קבלה-ספרים איבערזעצען אויף לאטייניש.

ר' אליהו דעל מדיגו האט געזעהן וואס פאר א שאדען עס קאן ארויס פאר די יודען, ווען די מקובלים וועלען בעקומען א שטיצע פון דעם פאפסט אונ וועלען נאר פלוצלונג אויפהויבען דעם קאפ, אונ דאריבער איז ער ארויס געגען

זיי מיט בעזונדערע דרשות אונ ספרים, ער האט שטארק געקריטיקירט דעם „זהר" אונ האט אויסגעוויזען אז ניט ר' שמעון בן יוחאי האט איהם אנגעשריבען. דעמאלט האט ער אויך ארויסגעלאזט זיין ספר „בחינת הדת", ווייל איינער פון זיינע תלמידים, ר' שאול הכהן אשכנזי פון קנדיא, האט איהם געבעטען ער זאל ארויס זאגען זיין מיינונג וועגען דער אמונה. ר' אליהו דעל מדיגו האט אויך זיינע איבערזעצונגען פריי פערעפענטליכט, אונ ניט אומזיסט האט ער זיין ספר אנאהמען געגעבען „בחינת הדת", ווייל ער האט אלדינג גוט געפריווט מיט זיין שארפען שכל אונ פון פיעל זאכען האט ער זיך ניט געשעמט אראבצורייסען די מאסקע פון היילינקייט. אוודאי האט זיין גאנג ניט געשמעקט די פרומע לומדים אונ רבנים, וואס זייער צאהל האט זיך אללע מאל פערגרעסערט זייט די רדיפות האבען זיך אנגעהויבען אין דייטשלאנד, אונ ר' יהודה מענץ, ר' משה מענץ אונ ר' יוסף קולון, די גרעסטע רבנים פון יענער צייט, וואס האבען געוואלט אז אויסער דעם תלמוד זאלען די יודען פון קיין זאך ניט וויסען, זענען געווען זייערע געגנער.

נאר ווי גוט אונ פרום די גייסטליכע זענען געווען אין איטאליען האט זיי פארט געשטאכען וואס די יודען לעבען דארט אזוי רוהיג אונ די איבריגע אנוואהנער זענען גאר פון זיי צופרידען. אונ איינער פון זיי, בערנארדינוס, וואס איז געווען אבעריהמטער דרשן, האט זיך ענטשלאסען נאכצוטהון קפיסטראנא'ן אונ האט אנגעהויבען ארומפאהרען איבער פיעל שטאדט אונ אויפקלאהרען דאס פאלק אז די יודען זענען פאר זיי אסם. אז די מלוכה האט אבער ניט געוואלט, האט די שלאנג מיט איהר גיפט אויך גאר ניט געקאנט מאכען. קוים האט בערנארדינוס זיך געוואלט צופיהרען די האנד אין בערגאמא, האט איהם דער הערצאג פון מיילאנד, גאלעאצא שוין צוגעמאכט דאס מויל אונ האט ניט געלאזט אין ערגיץ דרשנ'ען. דאס אייגענע האט מען איהם געטהון אין פלארענץ אונ דער גאנצער געגענד פון טאסקאנא, אונ אז ער האט אנגעהויבען שרייען אז די יודישע גבירים האבען איבערגעקויפט די מלוכה האט מען איהם גאר אין גאנצען מרחיק געווען פון דער מדינה. בערנארדינוס האט ארויס געזעה, אז איטאליען איז פאר איהם קיין פלאץ ניט, איז ער אריבער קיין טיראל. ער האט שוין אבער געהאט אזא מזל אונ אומעדום האט ער געטראפען יודען אונ קריסטען וואס האבען געלעבט ווי ברידער, אונ אז ער האט אנגעהויבען אין זיינע פייעריגע דרשות אויסצווייזען וואס פאר אשרעקליכע פאלק די יודען זענען פאר'ן לאנד, האבען זיינע ווערטער אויס-

געזעהן ווי חוזק. אזוי איז אויך געוועהן אין טריענט: די קריסטען זענען גע-
וועהן זעהר פריינדליך געגען די יודען, עס איז ניט געוועהן קיין שום סבה וואס
צו ליעב איהר זאל אמאל פארקומען א כעס. א יודישער דאקטאר **טוביה**,
א גרויסער בריה, און א יודישע פרוי ברונעטא, וואס האט געזיים׳ט מיט **איהר**
חכמה, זענען געוועהן בעליעבט ביי אללע איינוואהנער, און אז **בערנארדינוס**
האט געוואלט אנמאכען א שנאה האט מען איהם געאנפערט, אז די יודען **זענען**
גוטע און ערענטליכע מענשען און עס איז ניטא פאר וואס זיי פיינד צו **האבען**.
דא איז פלוצלונג אריין צו בערנארדינוס׳ן א מין נבואה און ער האט דעם **עולם**
פאראויסגעזאגט, אז ביז פסח וועלען זיך אללע איבערצייגען וואס פאר א פיינע
לייט די יודען זענען. דער סוף האט טאקי בעוויזען אז בערנארדינוס האט
ניט געדרימעלט און ער האט גוט אין זין געהאט אז זיין נביאות זאל גיך **מקוים**
ווערען.

פלוצלונג איז אין טריענט, אים יאהר 1475 אין דער וואך פון פסח דער-
טרונקען געווארען א קריסטליך קינד פון דריי יאהר, סימאן, און דאס וואסער
האט גראד דעם טויטען קערפער ארויסגעווארפען ביים ברעג, ניט ווייט פון
א יודישער שטוב; דער יוד האט באלד דערפון מודיע געוועהן דעם עפיסקאפ
הינדערבאך און ער האט געהייסען מען זאל דאס קינד ברענגען אין קירכע.
אט דא האט זיך פאר בערנארדינוס׳ן אנגעהויבען א גאנצע חתונה: ער האט אבי-
געזוכט נאך א זעלבע גייסטליכע ווי ער און ער איז ארוים מיט א געשריי אז די
יודען האבען פערמוטשעט דאס קינד און דערנאך האבען זיי עס אריינגעווארפען
אין טייך. און כדי דעם עולם אונטערצוהיצען, האט מען דעם טויטען קערפער
אללע געוויזען און יעדער האט מן הסתם געפונען סימנים פון דער שרעקליכער
רציחה. בעזאנדערס נאך דעם וואס עס האט זיך אבגעזוכט א דאקטאר,
מאטהיאס טיבערינוס, וואס האט אויסגעוויזען אז דאס קינד האט מען
פריהר דערהרג׳ט עהדער מען האט עס דערטרונקען, און א געטויפטער יוד האט
עדות געזאגט אויף אלדינג וואס מען האט איהם געהייסען. דער עפיסקאפ
הינדערבאך האט געהייסען אללע יודען פון טריענט איינקאווען אין קעטען און
האלטען אין תפיסה ביז דער אמת וועט זיך ארויסווייזען. ביי די מיטעל, וואס
די גייסטליכע האבען גענומען כדי מען זאל דערגעהן דעם אמת, האט מען
לאנג דארויף ניט בעדארפט ווארטען; מען האט אללע יודען אנגעטהון ענוים
קשים, נאר איינער פון זיי, ר׳ משה, איז געשטארבען ווי א קדוש און האט
ניט געוואלט זאגען קיין ליגען, די איבריגע אבער האבען געמוזט מודה זיין

אַז זֵיי הָאבֶּען דָאס קִינְד צוּשְׁטָאכֶען אוּנ צוּשְׁנִיטֶען אוּנ גֶענוּצְט דָאס בְּלוּט צוּ דִי מַצוֹת. אַז בְּרוּנֶעטַטא הָאט גֶעגֶעבֶּען נָאדְלֶען אוּנ מֶעסֶערְס, אוּנ אַחוּץ דֶעם הָאט מֶען בַּיים רַב, ר׳ מֹשֶׁה, אָפְּגֶעזוּכְט אַבְּרִיעף פוּן זַאכְסֶען, וָואס מֶען בֶּעט בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלֶען אַהִין אוֹיךְ צוּשִׁיקֶען בְּלוּט אוֹיף יוֹם טוֹב. אַוַדאי הָאט זִיךְ דִי זַאךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט דֶערְמִיט, וָואס מֶען הָאט כִּמְעַט אַלֶע יוּדֶען פוּן טְרִיֶענְט פֶערְבְּרֶענְט אוּנ עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַז מֶעהר זָאל מֶען אַהִין קֵיין יוּדֶען נִיט אַרַיינְ־לָאזֶען, נָאר פִיער יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעטוֹיפְט אוּנ זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען לֶעבֶּען; דֶער דָאקְטָאר טוֹבִיָה הָאט נִיט גֶעקָאנְט צוּזֶעהן דֶעם צַעַר אוּנ הָאט זִיךְ אַלֵיין דֶעם טוֹיט גֶעמַאכְט.

פַאר בֶּערְנַארְדִינוּס׳ן מִיט זַיין וַוחֲבֵרָה אִיז נָאךְ אָבֶּער וֶוענִיג גֶעוֶועהן דִי צָרָה וָואס זֵיי הָאבֶּען אָנְגֶעאַרְבַּייט אִין טְרִיֶענְט: זֵיי הָאבֶּען גֶעוָואלְט אַז דִי מַעֲשֶׂה זָאל קְלִינְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ אִיבֶּערַאל זָאל מֶען זִיךְ דֶערְפַאר נוֹקֵם זַיין אִין דִי יוּדֶען, אוּנ דַארִיבֶּער הָאבֶּען זֵיי אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַקְלַאנְג אַז דִי בֵּיינֶער פוּן דֶעם דֶערְהַרְג׳טֶען קִינְד גְלַאנְצֶען, אוּנ מֶען זֶעהט עֶפִּיס פוּן זֵיי גַאנְצֶע מוֹפְתִים, אוּנ גָאר גִיךְ הָאבֶּען זִיךְ קֵיין טְרִיֶענְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שִׁיטֶען פְרוּמֶע קְרִיסְטֶען, וָואס מֶען הָאט בַּיי זֵיי גְרִינְג גֶעפוֹעֶלְט זֵיי זָאלֶען דֶעם קְלֵיינֶעם סִימָאן אוֹיךְ אָנְ־גְעהְמֶען פַאר אַ„הֵיילִיגֶען״. וָואס מֶעהר דֶער שֵׁם פוּן דֶעם נַייעֶם „הֵיילִיגֶען״ הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט — אִיז אוֹיךְ דִי שִׂנְאָה צוּ דִי יוּדֶען גְרֶעסֶער גֶעוָוארֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צִיטֶערְן אִין אַלֶע אָרְטֶער, וַוייט אוּנ נָאהֶענְט, אוּנ אֲפִילוּ אִין אַסַךְ קְלֵיינֶע שְׁטֶעדְלֶעךְ פוּן אִיטַאלְיֶען הָאט דָאס פָאלְק שׁוֹין גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי וִוי אוֹיף רוֹצְחִים, אוּנ זֵיי הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט זִיךְ אִין דִי גַאסֶען צוּ וַוייזֶען. דִי מְלוּכָה הָאט אֲפִילוּ שְׁטַארְק גֶעשִׁיצְט דִי יוּדֶען, זִי הָאט נִיט גֶעלָאזְט אַז דִי גֵייסְטְלִיכֶע זָאלֶען צוּרֵייצֶען דָאס פָאלְק מִיט זֵייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, אַחוּץ דֶעם הָאט דֶער פַּאפְּסְט סִיקְסְטוּס דֶער פִיעְרְטֶע פַארְוָואהְרְט צוּ רֶעכְנֶען דָאס טוֹיטֶע קִינְד פוּן טְרִיֶענְט פַאר אַקָדוֹשׁ, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט מֶען אִין דַייטְשְׁלַאנְד נִיט גֶעקוּקְט דַארוֹיף, פוּן אַלֶע זַייטֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט טוֹיזֶענְדֶער מֶענְשֶׁען עוֹלֶה רֶגֶל זַיין קֵיין טְרִיֶענְט אוּנ זֶעהן מִיט אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען דֶעם גְרוֹיסֶען נֵס, וָואס דָא אִיז גֶעשֶׁעהן, אוּנ דִי יוּדֶען אִיז מִן הַסְתָּם דֶערְפוּן קֵיין גֶעזוּנְד נִיט צוּגֶעקוּמֶען. אִין פְרַאנְקְפוּרְט אַם מַאיְן הָאט מֶען גֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַזִכָּרוֹן אַזַייל פוּן שְׁטֵיין, אוֹיבֶּען זֶענֶען גֶעוֶועהן אוֹיסְגֶעהַאקְט דִי בִּילְדֶער פוּן דֶעם קִינְד אוּנ פוּן פֶערְ־שִׁיעְדֶענֶע יוּדֶען אוּנ [illegible], אוּנ אוּנְטֶען הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דִי וֶוערְטֶער:

"כל זמן עס װעט בלײבען דער זכר פונ'ם טריענטער קינד, װעט מען ניט פארגעסען די יודישע זינד".

דאס פײער פון שנאה, װאס בערנארדינוס האט אנגעצונדען, האט צוװארפען פונקען איבער גאנץ דײטשלאנד אונ האט געבראכט א גרױס אומגליק אויך אויף דער יודישער קהלה פון רעגענשבורג, װאו די יודען האבען שױן פון דור דורות געלעבט גליקליך אונ האבען אין די ערגסטע צײטען ניט געװאוסט פון קײן צרות. די יודען האבען זיך אין רעגענשבורג גערעכענט גלײך מיט אללע אײנװאהנער, זײ האבען געדיענט אין חיל אונ קײנער האט צו זײ גאר ניט געהאט. נאר אזױ װי זײ פלעגען צאהלען דער מלוכה א בעזונדער מס, האבען זיך אויף דער גרױסער הכנסה געפונען אסך בעלנים: די שטאדט האט געזאגט אז דאס געלד קומט איהר, די גײסטליכע האבען געדרונגען אז זײ דארפען אויך דערפון נהנה זײן, דער הערצאג פון בײערן האט געשריגען אז ער איז בילכער אונ דער קײזער פון דײטשלאנד, פרידריך דער דריטער האט געהאט א טענה, אז ער איז גאר אין גאנצען בעל הבית; אזױ האט מען זיך געהאמפערט צװישען זיך אונ צו די יודענס קאפ האט זיך עס אויסגעלאזט: יעדער האט געװאלט, דעם אנדערן אויף צו להכעיס, שינדען פון זײ די הױט, אונ ליתר בטחון האט איטליכער בעזונדער געהײסען האלטען די רעגענשבורגער יודען אין תפיסה אונ בײ זײ רײסען געלד. בעזאנדערס האט דעמאלט שטארק געליטען דער רב פון רעגענשבורג ר' ישראל ברונא, װײל דער קײזער פרידריך האט גערעכענט אז װי באלד מען װעט אײנזעצען אין געפאנגעניש דעם אלטען אונ קראנקען רב װעלען די יודען אװעקגעבען דאס לעצטע אבי צו בעפרײען זײער פארשטעהער. די יודען האבען א קוק געטהון אז עס איז גאר קײן תכלית ניט האבען זײ זיך ענטשלאסען צו זוכען הילף בײ די הוסיטען, װאס די קאטאליקען האבען פאר זײ געציטערט אימת מות. דערצו זענען די יודען געצװאונגען געװעהן ניט נאך אזױ צו ליעב דעם געלד װי זײ האבען בעמערקט אז דער נײער עפיסקאפ הײנריך אונ דער הערצאג לודװיג האבען זיך פשוט גענומען אויף זײער לעבען אונ װילען טאקי אז די גאנצע יודישע קהלה פון רעגענשבורג זאל זיך אויסטױפען. דאס האבען זײ גאנץ גוט ארױסגעזעהן פון די בלבולים, װאס מען האט אנגעהױבען אויסצוטראכטען אויף זײ: די שונאים האבען געמאכט יד אחת מיט צװײ געטױפטע יודען, אײנער פון זײ פעטער שװארץ, האט געשריבען כל הרעות געגען זײנע געװעזענע ברידער אונ דער אנדערער, האנס װאיאל האט געגעבען א מסירה אז דער רב ר' ישראל ברונא האט געקױפט

ביי איהם אקריסטליך קינד פון זיבען יאהר אונ האט עס דערהרג'ט. דאס אומגליק האט געטראפען דעם רב פונקט דעמאלט ווען ער איז נאר וואס בעפרייהט געווארען פון דער תפיסה, וואו ער איז געזעסען פאר קהל'שע זאכען. די גייסטליכע האבען גאר מיט איהם קיין לאנגע שיהות ניט געוואלט מאכען, ביי זיי איז האנס וואיאל געוועהן זעהר א בעגלויבטער עדות אונ עס איז געבליבען מען זאל דעם רב פערמשפט'ן צום טויט. די מלוכה איז אבער געוועהן איבערצייגט אז דער רב איז אומשולדיג, נאר כדי דאס צורייצטע פאלק זאל איהם ניט דערהרג'נען האט זי איהם געהאלטען אין תפיסה ביז מען וועט ניט דערגעהן דעם אמת. די יודען האבען אבער מורא געהאט די זאך זאל זיך ניט פארציהען אין דער לאנגער באנק אריין, אונ דאריבער האבען זיי זיך געווענדעט פון איין זייט צום קייזער פרידריך אונ פון דער אנדערער זייט צום באהמישען קאניג לאדיסלוים, אונ האטש עס איז באלד אנגעקומען א בעפעהל מען זאל דעם רב ארויסלאזען האט מען פון דעסטוועגען מורא געהאט עס צו טהון איבער די גייסטליכע. דערפאר איז מען געפאלען אויף א שכל: מען האט פלוצלונג אחאפ געטהון דעם מוסר, מען האט איהם געבראכט צום בריק, דארט איז שוין געשטאנען א תלין, אונ מען האט איהם געזאגט אז ער מוז שטארבען אונ פאר'ן טויט איז בעסער מען זאל זיך מתודה זיין. דעמאלט האט האנס וואיאל מודה געוועהן אז אויפ'ן רב האט ער נאר א בלבול געמאכט; מען האט איהם פאר אזא חטא פארברענט אונ ר' ישראל ברונא איז נצל געווארען פון דער סכנה.

ניט אויף לאנג האט מען אבער צורוה געלאזט די רעגענשבורגער יודען. נאך אין דעם אייגענעם יאהר איז אנגעקומען די ידיעה פון דעם טריענטער קינד אונ דער פרומער עפיסקאפ היינריך האט זיך ענטשלאסען נוקם זיך צו זיין פאר דעם אומשולדיג פערגאסען היילינ בלוט: ער האט באלד אבגעזוכט מוסרים מיט עדות, וואס האבען געזאגט אונ געשריבען וואס מען האט זיי געהייסען, עטליכע יודען האט מען אנגעהויבען מוטשען, האבען זיי אויך מודה געוועהן אויף אלדינג וואס מען האט געוואלט, אונ אזוי האט מען איינגעזעצט אין תפיסה אללע רעגענשבורגער יודען אונ זייער פערמעגען האט מען צוגענומען. דא האט זיך אבער דער קייזער פרידריך פאר זיי שטארק אנגענומען. ער איז טאקי געוועהן פאלקאמען איבערצייגט אז אללע בעשולדיגונגען געגען יודען זענען שקר וכזב, נאר ער האט ניט אזוי פיעל געמיינט דעם אמת ווי ער האט ניט געוואלט אז די גייסטליכע זאלען זיך צו פיעל צופיהרען די האנד, אונ דאריבער

האט ער געשיקט א בעפעהל צו די איינוואוהנער פון רעגענשבורג, מען זאל באלד אללע יודען בעפרייהען, אונ האטש די גייסטליכע האבען אזוי געדרעהט אז גראד אין יענער צייט האט מען אין פאסויא אויך געטוידט א סך יודען דערפאר וואס זיי האבען קלאמערשט ארויסגעגנב'ט פון די קירכען האסטיעס אונ זיי געשאנדעט, האט פרידריך בפירוש ערקלעהרט אז ער גלויבט ניט אין די זאכען אונ וועט ניט דערלאזען מען זאל אומברענגען אומשולדיגע מענשען. ניט אזוי גיך טהוט זיך אבער ווי עס רעדט זיך: ביז מען האט געשריבען דעם קייזער אונ ביז עס האט געקאנט פון איהם אנקומען א בעפעהל איז דערווייל אוועקגעגאנגען דריי יאהר אונ ערשט, אז פרידריך האט בעפוהלען זעהר שטרענג אונ האט אויף דער שטאדט ארויפגעלעגט א שטראף פון אכט טויזענד גולדען, האט מען זיך גענומען די רעגענשבורגער יודען בעפרייהען. עס איז אבער ווייטער געוועהן איין עכוב: די שטאדט האט געפאדערט, אז די יודען זאלען בעצאהלען דעם שטראף. זיי זענען אבער אזוי פעראָרעמט געווארען אז צונויפנעהמען אזא סומע איז פאר זיי ניט מעגליך געוועהן, אונ דאריבער זענען זיי געזעסען נאך צוויי יאהר, ביז עס איז דער שטאדט אליין נמאס געווארען אונ מען האט זיי ארויסגעלאזט, נאר דאס ווארט האבען זיי געמוזט געבען אז זיי וועלען זיך ניט ריהרען פון רעגענשבורג, ווייל די שונאים האבען געוואוסט אז אין א קורצער צייט וועלען די יודען ווייטער אנהויבען ארבייטען אונ זיי וועלען האבען פון זיי א גרויסע הכנסה. די יודען האבען געמוזט דארויף בעשטעהן, חאטש אין הארצען האבען זיי מקנא געוועהן זייערע ברידער, וואס מען האט דעמאלט ארויסגעטריבען פון גאנץ שוואבען אלץ צו ליעב דער מעשה מיט דעם טריענטער קינד, וואס מען האט געגלויבט אין דעם כמעט ביז צום אכטצעהנטען יאהרהונדערט.

אזוי האט אמצוה'לע פון א שונא אבגעקאכט יודען גענוג בלוט אונ עס האט ארויסגערופען שרעקליכע רדיפות, וואס האבען גאר אין גאנצען א תל געמאכט בעזאנדערס פון די שפאנישע יודען.

4 די אינקוויזיציאן אין שפאניען.

(1481—1485 נאך קריסטוס געבורט).

דעם שפאנישען פאלק איז ניט בעשערט געוועהן צו געניסען רוהיג די שמחה וואס אללע קליינע מלוכות האבען זיך פעראייניגט, אונ פון קאסטיליען,

אראגאניען אונ קאטאלאניען איז געווארען א גרויס לאנד. די מאראנען זענען ביי זיי געוועהן ווי א דארן אין אויג אונ זיי האבען זיך פארדרעהט די קאפ נאר מיט דער שאלה, ווי אזוי גיכער פון זיי איין סוף צו מאכען אונ פון קיין גראסערע טובות פאר דער מדינה האט מען גאר ניט געוואלט טראכטען. דאס פאלק האט אייגענטליך נאר בלינד נאכגעטאנצט אלטערע מענשען וואס האבען געהאט גענוג סבות באז צו זיין אויף די מאראנען אונ זוכען אללע מיטעל זיי צו פטר'ן; די גייסטליכע האבען עס געטהון א ביסעל לשם שמים, ווייל זיי האבען די מאראנען גערעכענט פאר פערבארגענע יודען, אונ די איבריגע האבען פשוט געמיינט נאר קנאה: עס האט זיי פערדראסען וואס די מאראנען פארנעהמען די בעסטע שטעללען. כל זמן דער שוואכער קאניג היינריך דער פיערטע האט געלעבט האבען די שונאים ניט געקאנט האבען אזא שליטה, נאר אז די מלוכה איז איבערגעגאנגען צו דער קאניגין איזאבעלא אונ מען האט נאך פריהר געהערט אז זי איז זעהר פרום, אונ אים נאהמען פון דער רעליגיאן וועט מען ביי איהר אלדינג אויספיהרען, זענען זיי ביי זיך געווארען שטארקער. דאס גרויסקייט פון די מאראנען האט נאך מעהר אויפגעריסען די אויגען פון זייערע געגנער, ווען דער קאניג מיט דער קאניגין זענען געקומען קיין סעווילא אונ די גראסטע לייט וואס האבען זיי בעגריסט אונ ארומגערינגעלט די גאנצע צייט, אפילו עפיסקאפען, זענען געוועהן לויטער מאראנען. די שונאים האבען זיך ניט געקאנט פערוואונדערן ווי לייכט יודען זענען אים שטאנד איבערצוטראגען צרות: ערשט ניט לאנג האט מען הונדערטער מאראנען אויסגעקוילעט אונ אבגעבראכעוועט אין טולעדא, קורדובה אונ נאך פיעל שטאדט אונ צום סוף לעבען זיי נאך אונ שטעהען גאר אויף אזא הויכער מדרגה, אז מען האט געקאנט שווערען אז כמעט דער גאנצער קאניגליכער הויף בעשטעהט נאר פון יודען. אודאי האבען זיך די שונאים, וואס האבען זיך געפוילט מיט אייגענע מעלות דורכשלאגען פאר זיך א וועג אונ האבען געוואלט צו ליעב זייער אלטען יחוס בעקומען איין אבגעשאהלט איי אין מויל אריין, שטארק דערשראקען פאר'ן יודישען כח, אונ עס איז ביי זיי געבליבען אז זיי מוזען די מאראנען עוקר מן השרש זיין. א גייסטליכער פון סעווילא, אלפאנסא דע איעדא האט זיך גענומען אויפקלאהרען די קאניגין וואס פאר א חטא עס איז וואס מען לאזט אזוי וואקסען די מאראנען, וועלכע זענען נאך געפאהרליכער פון די אפענטליכע יודען, ווייל זיי טהוען אן דעם קריסטענטהום חרפות בושות אונ בענוצען זיך נאר מיט דער מאסקע פונ'ם נייעם גלויבען, כדי זיי

זאלען זיך קאנען נוקם זיין אין קריסטען און נעהמען זיך אי כבוד אי געלד. איזאבעלא האט געהאט אזא וואהלען רבי'ן ווי טהאמאש דע טארקוועמאדא, פון קינדווייז אן האט ער איהר אלץ פערשטעהען געגעבען, אז ווען גאטט וועט איהר שענקען אמאל די מאכט, זאל זי בעשיצען די קאטאלישע קירכע, און אז זי האט דערהארט אזא זאך האט עס איהר פארקלעמט ביים הארצען און זי האט נאר געדאנקט דעם אויבערשטען וואס ער האט זי שוין אויף דער היסער שעה מזכה געוועהן מיט אזא מצוה און איהר געגעבען די מעגליכקייט זיך אנצונעהמען פאר זיין היילינען נאהמען. זי האט באלד אוועקגעשיקט א גרויסען פדיון דעם פאפסט סיקטוס דעם פיערטען; מיט געלד האט מען ביי איהם אלדינג געקאנט פועל'ן, און נאר ניך איז אים יאהר 1478 אנגעקומען א בעפעהל מען זאל איינפיהרען אין שפאניען א אינקוויזיציאן, דאס הייסט מען זאל בעשטימען בעזונדערע ריכטער וואס זאלען משפט'ן אללע, וועלכע זענען פאלש דעם קריסטענטהום. עס איז כדאי געוועהן, וואס די זאך האט אבגעקאסט אזא היבשע מטבע, ווייל דער פאפסט האט ערלויבט מען זאל ביי אללע בעשולדיגטע צונעהמען דאס פערמעגען און אויף דעם היתר האבען טאקי ארויסגעקוקט געוויס מיוחסים, וואס האבען זיך איינגערעדט אז זיי קומט דאס, וואס אנדערע האבען דארויף געהארעוועט.

עהדער איזאבעלא האט זיך ענטשלאסען צו אפנען דאס שרעקליכע אינקוויזיציאנ'ס־געריכט, האט זי קלאמערשט געוואלט געהן מיט גוטען און האט געהייסען איינעם פון איהרע גייסטליכע אנשרייבען א בעזונדער בוך פאר די מאראנען, טאמער וועלען זיי תשובה טהון און ווערען פרומע קריסטען. די קאניגין האט עס, ווי עס שיינט, געטהון נאר לפנים, זי האט זיך אלליין געוואלט אבנארען, ווייל זי האט גאנץ גוט פערשטאנען אז מיט א קליין ביכעל, וואס דארט ווערען נאר ווידערהאלט אלטע זאכען, איז שווער צו ווירקען אויף מענשען, וואס זענען פערטיג זיך מוסר נפש צו זיין פאר זייערע איבערצייגונגען. באלד האט זיך טאקי ארויסגעוויזען אז די מאראנען האבען ניט נאר ווענינ דרך ארץ געהאט פאר די חכמות, וואס דער גייסטליכער האט אריינגעלעגט אין דעם ביכעל, נאר איינער פון זיי האט נאך אנגעשריבען א בעזונדער ספר געגען קריסטענטהום און האט דערמיט אנגעמאכט אזא רעש, אז די קאניגין האט געמוזט הייסען דעם גייסטליכען פערנאנדא דע טאלאווערא ער זאל ארויסלאזען א תשובה. אזוי זענען אבגעלאפען צוויי יאהר און אז די מלוכה האט געזעהען אז מיט גוטען וועט מען גאר ניט מאכען האט מען אין סעווילא,

אים יאהר 1480, געאפענט דאס ערשטע אינקוויזיציאנס-געריכט און די גייסט-ליכע מיגועל מארילא און זשואן דע סאן מארטין זענען בעשטימט געווארען פאר אינקוויזיטארען.

אין סעווילא האבען אבער די מאראנען געשפיעלט איין הויפטראללע און די גאנצע מאכט איז געוועהן ביי זיי אין די האנד. קוים זענען זיי געוואהר געווארען פון דער גרויסער סכנה וואס שוועבט איבער זייערע קאפּ, האבען זיי זיך ענטשלאסען ארויסצושפרינגען געגען רצון פון דער מלוכה; זיי האבען אויס-געטראכט אגאנצען פלאן, דער גרויסער גביר דיעגא דע שושן און דער געלעהרטער זשואן פערנאנדא אבולפיא האבען שטארק געארבייט אין דעם, און עס וואלט זיי אפשר געראטהען ווען דיעגא'ס טאכטער, וואס האט געהאט אגעליעבטען איינעם פון די פיינדליכע עדעללייט, וואלט זיי ניט אויסגעגעבען. דא איז שוין צוגעגאסען געווארען בוימאל צום פייער: די אינקוויזיטארען האבען זיך געטשעפעט פאר דער רעליגיאן. די מלוכה האט זיך נוקם געוועהן פאר דער מרידה וואס מען האט געוואלט אנמאכען און גאר אין אקורצער צייט איז אין געפאנגניש געוועהן מעהר קיין פלאץ פאר אללע מאראנען וואס מען האט דארט פארשפארט. די אינקוויזיטארען האבען צושיקט אבעפעהל איבער גאנץ שפאניען אז קיינער זאל זיך ניט דערוואגען אריינצו-לאזען די דאזיגע מאראנען, וואס זענען זיך צולאפען, און אז יעדער וואס מען וועט ביי איהם געפינען איין אנטלאפענעם וועט אויך געמשפט ווערען ווי א חטא געגען דער אמונה. דערפאר האבען די אומגליקליכע מאראנען ניט געהאט קיין ארט, וואו זיך צו בעהאלטען, און די צאהל פון די געפאנגענע איז געווארען אזוי גרויס אז מען האט געמוזט פאר'ן אינקוויזיציאנס-געריכט אבנעהמען אניי הויז אין דער פארשטאדט פון סעווילא, וואס האט געהייסען לא-טאבלאדא. אויף דעם הויז האבען די אינקוויזיטארען געלאזט אויס-קריצען פסוקים פון דער ביבעל, אומיסטען כדי חוזק צו מאכען פון יודען; אויפ'ן טויער האבען זיי אנגעשריבען „אחזו לנו שועלים": חאפט אונז די פוקסען, און „השלך על ה' יהבך": נוארף אויף גאטט דיין בע-געהר, און האבען דערמיט געגעבען אנצוהערען די יודען אז זייער חכמה וועט זיי גאר ניט העלפען און אז זייער האפנונג איז אין גאנצען פערלאהרען.

צום ערשטען מאל האט מען אין סעווילא פארברענט זעקס מאראנען, וואס האבען זיך קלאמערשט מודה געוועהן אויף זייערע זינד און דערנאך האט מען שוין כמעט יעדען טאג אויף אבעזונדער פלאץ געברענט און געבראטען די

די יודישע קרבנות, מען פלעגט דערביי מאכען א גאנצע צערעמאניע מיט פאהנען און צלמים, מיט תפלות פון גייסטליכע. און דריי הונדערט יאהר בסדר האט דער רויך ניט אויפגעהערט צו געהן פון דעם שאנדליכען מזבח......

פאר די אינקוויזיטארען איז אבער נאך ווייניג געוועהן וואס טויזענדער אומשולדיגע נפשות האבען זיך געמוטשעט אין תפיסה און זיך אנגעליטען די שרעקליכסטע ווערטהיגען ביז מען האט ביי זיי צוגענומען דאס לעבען; זיי האבען געוואלט אז די צאהל פון אזעלכע אומגליקליכע זאל ווערען נאך צעהן מאל אזוי פיעל. דאריבער זענען זיי געפאלען אויף אזא שכל: זיי האבען ארויס־געלאזט א בעפעהל אז זיי ווילען געהן מיט חסד און ווער פון די מאראנען עס וועט אליין קומען צום אינקוויזיציאנס־געריכט און וועט זיך מודה זיין אז ער איז ביז אהער פערפיהרט געוועהן, וועט מען איהם נאר העלפען ער זאל קאנען תשובה טהון און קיין שום עונש וועט איהם ניט קומען, ווייל די מלוכה וויל נאר רודפ'ן די דאזיגע עקשנים, וואס בעהאלטען זיך און ווארטען ביז מען גיט אויף זיי א מסירה. זעהר פיעל מאראנען האבען זיך געלאזט אריינגנארען אויף אזא אופן, זיי זענען אליין געקומען צו די אינקוויזיטארען און האבען געמיינט אז אט באלד בעקומען זיי שוין א כפרת עון, נאר דא האט זיך ערשט אנגעהויבען פאר זיי א צרה: יעדען פון זיי האט מען אויסגעפרעגט ווער זיינע חברים זענען געוועהן, ווער עס האט איהם צוגערעדט אבצוטרעטען פונ'ם קריסטענטהום; שווייגען האט מען ניט געטארט, ווייל מען האט אנגעטהון ענוים קשים, מען האט געמוזט אנרופען נעהמען און די אינקוויזיציאן האט בעקומען נאר א פרישע צעטעל פון נייע קרבנות.

ביי אזא משפט צדק האבען די זייטען פון די שפאניער געמוזט שטארק פערדארבען ווערען: די אינקוויזיטארען האבען זיי געהייסען נאכקוקען טאמיר וועלען זיי דערטאפען עמיצען פון די פאלשע קריסטען, און דערמיט האבען זיי כמעט אללע געמאכט פאר מוסרים. מען האט גאר אנגעהויבען קענען יודישע דינים און מנהגים, און קוים האט מען בעמערקט אז עמיצער האט זיך שבת אנגעטהון בעסערע קליידער, אדער געטרונקען א גלאזעל וויין, וואס מען האט עס געקאנט רעכנען פאר קדוש, איז שוין יענער מיט'ן לעבען ניט זיכער געוועהן. א טהייל האבען זיך געלאזט איינרעדען אז זיי טהוען מיט די מסירות א גרויסע מצוה, נאר גרעסטענטהיילס פלעגט די אינקוויזיציאן זיך בעדיענען מיט אזעלכע, וואס האבען זיך נאר געוואלט נוקם זיין אין די געטויפטע יודען און בעקומען א חלק פון דעם פערמעגען, וואס מען האט ביי זיי געוועהנליך אבגעראבעוועט.

אַזוֹי אִיז גֶענוּג גֶעוֶועהן אֵיין וָוארְט, אֵיין וִוינְק פוּן אַקְרִיסְט אַז מֶען זָאל חַאפֶּען אֵיינֶעם פוּן דִי בֶּעסְטֶע אוּנ נוּצְלִיכְסְטֶע אַיינְוָואהנֶער אוּנ מֶען זָאל אִיהם צוּבְּרֶעכֶען אוֹיף שְׁטִיקֶער. עֶס אִיז קֵיין ווּאוּנְדֶער נִיט וָואס בִּיז צוּם יָאהר הָאט מֶען אִין סֶעווִילַא גֶעהַאלְטֶען אִין תְּפִיסָה מֶעהר פוּן פִינְפְצֶעהן טוֹיזֶענְד מֶענְשֶׁען אַחוּץ דִי עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְט. דָאס אַכְזָרִיוֹת פוּן דִי אִינְקְווִיזִי־טָארֶען אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי גְרוֹיס אַז וֶוען זֵיי זֶענֶען גְעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּן אַמַארְרַאן שׁוֹין נָאךְ זַיין טוֹיט, אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַאר זֵיי נִיט גֶעהַאט וָואס מוֹרָא צוּ הָאבֶּען, פְלֶעגֶען זֵיי הֵייסֶען דִי בֵּיינֶער אַרוֹיסְוַוארְפֶען פוּנ׳ם קֶבֶר אוּנ בַּיי דִי קִינְדֶער צוּנֶעהמֶען דִי יְרוּשָׁה, חָאטְשׁ זֵיי הָאבֶּען גֶעמֶאנְט זַיין פְרוּמֶע קְרִיסְטֶען שׁוֹין פוּן דְרִיטֶען אָדֶער דֶעם פֶערְטֶען דוֹר.

אַז מֶען הָאט זִיךְ אַזוֹי אָבְּגֶערֶעכֶענְט מִיט דִי מַארְרַאנֶען, הָאט מֶען זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיךְ צוּ דִי יוּדֶען, אוּנ דִי גַייסְטְלִיכֶע, וָואס הָאבֶּען גֶעוָואלְט גְלַאט אַזוֹי פַאר דֶער וֶועלְט פַארְאֶנְפֶערְן זֵייעֶר גְרוֹיס אַכְזָרִיוֹת, הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייעֶן, אַז שׁוּלְדִיג זֶענֶען דֶער עִיקָר נָאר דִי יוּדֶען, אַז זֵיי פִירֶען אַרוֹיף אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע וֶועגֶען נִיט נָאר אַזֶעלְכֶע וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, נָאר אֲפִילוּ גֶעבָּארֶענֶע קְרִיסְטֶען, אוּנ אַז וֶוען נִיט זֵיי וָואלְט מֶען נִיט בֶּעדַארְפְט אוּמְבְּרֶענְגֶען אַזוֹי פִיעל מֶענְשֶׁען. מִיט דֶעם דֶרֶךְ אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער גֵייסְטְלִיכֶער אַלְפָאנְסָא דֶע אָרָאפֶּעזָא, וָואס אִיז דַוְקָא גֶעוֶועהן אַגוּטְהֶארְצִיגֶער אוּנ הָאט גֶעשְׁרִיגֶען גֶעוַואלְד אוֹיף דִי אוּמְרֶעכְט פוּן דִי אִינְקְווִיזִיצְיָאן. אֲפִילוּ אַזַא קְלוּגֶער אוּנ אָרֶענְטְ־לִיכֶער מֶענְשׁ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אַיינְרֶעדֶען אַז דִי גַאנְצֶע מַכָּה לִיעגְט נָאר אִין דִי יוּדֶען אוּנ עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרְבַּייטֶען מֶען זָאל דִי מַארְרַאנֶען לְהַלוּטִין אָבְּ־טְהֵיילֶען פוּן דִי יוּדֶען. פוּעֶל׳ן אַזַא זַאךְ אִיז מִן הַסְּתָם נִיט שְׁוֶוער גֶעוֶועהן; נָאר גִיךְ אִיז אַרוֹיס אַבֶּעפֶעהל אַז דִי יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ אַרוֹיסְצִיהֶען פוּן גַאנְץ אַנְדַאלוּזְיֶען, אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס פוּן סֶעווִילַא אוּנ קוֹרְדוֹבָה, וואוּ עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען זֶעהר פִיעל מַארְרַאנֶען, אוּנ כִּמְעַט בִּיז צֶעהן טוֹיזֶענְד יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען אִין יֶענֶער גֶעגֶענְד גֶעוָואהנְט נָאךְ אַסַךְ פְרִיהֶר אֵיידֶער דִי קְרִיסְטֶען הָאבֶּען זִיךְ דָארְט בֶּעזֶעצְט, הָאבֶּען גֶעמוּזְט אַוֶועקְוַוארְפֶען אִיבֶּער פִיער טוֹיזֶענְד אֵיינֶענֶע הַייזֶער אוּנ זִיךְ לָאזֶען זוּכֶען נַייעֶ אָרְטֶער. דָאס אִיז נָאךְ אָבֶּער וֶועניג גֶעוֶועהן: אֲפִילוּ דָארְט, וואוּ זֵיי הָאבֶּען גֶעמֶאנְט זִיצֶען, הָאט מֶען זֵיי אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט אַזַא שִׂנְאָה אַז דָאס לֶעבֶּען אִיז זֵיי נִיט נִיחָא גֶעוֶועהן אוּנ דִי מְלוּכָה הָאט אַללֶע מָאל אוֹיסְגֶעגְרָאבֶּען אַנְדֶערֶע גְזֵירוֹת פוּן אַמָאל וֶועגֶען דֶער יוּדִישֶׁער הַלְבָּשָׁה אוּנ דֶעם שְׁאַנְדְלִיכֶען צֵייכֶען. וִוי וַוייט דִי יוּדֶען זֶענֶען דֶעמָאלְט אַרָאבְּגֶעפַאלֶען

בײ זיך – קאן מען ארויסזעהן דערפון וואס אפילו דער לאנד־רב, דון אברהם שניאור, וואס איז געוועהן דער גראסטער חשוב בײ דער קאניגין, האט זיך ניט ערלויבט צו זאגען אין הויף עפּיס א גוט ווארט אויף די יודען און אויס־בעטען פאר זײ א ישועה.

די רציחות פון די אינקוויזיטארען זענען דערווייל אזוי גרוים און שרעקליך געווארען אז די מאראנען האבען שוין ניט געקאנט אויסהאלטען און האבען אוועקגעשיקט שלוחים צום פּאפּסט סיקסטוס דעם פיערטען. אז דער פּאפּסט איז געוואהר געווארען פון אלדינג וואס עס געהט פאר אין שפּאניען, האט עס איהם א ברען געטהון, און אזוי ווי די מאראנען האבען שכל געהאט און האבען איהם צוגעשיקט א וואהלע מתנה, האט ער זיך באלד אנגענומען פאר זײ און האט געשריבען צו איזאבעלא מיט דון פערנאנד אז ניט דאס האט ער געמיינט ווען ער האט ערלויבט צו מאכען איין אינקוויזיציאנס־געריכט און אז די ריינע אמונה דערלאזט ניט מען זאל פערגיסען בלוט פון אומשולדיגע מענשען. דאס איז גראד געוועהן אין דער צייט ווען די שפּאנישע מלוכה האט געמוזט איינפיהרען די אינקוויזיציאן אין גאנצען לאנד און האט אויסגעקליבען פאר'ן עלטסטען פון אללע אינקוויזיטארען דעם בעריהמטען אכזר טהאמאש דע טארקוועמאדא. אוודאי האט איהר ניט געשמעקט וואס די מאראנען האבען זיך אבגעזוכט א וועג קיין רום, און עס איז בײ איהר געבליבען זי זאל אויך טהון דאס אייגענע: פאר געלד האט זי אלדינג איבערגעדרעהט און יעער אייגענער פּאפּסט וואס עס האט איהם פריהר קלאמערשט פארקלעמט בײם הארצען, ווען ער האט דערהארט וואס פאר א רציחות די אינקוויזיטארען טהוען, האט געגעבען זיין ברכה נאך אזעלכע פרומע לייט. די אינקוויזיציאן האט זיך פארשפּרייט איבער דעם גאנצען לאנד, און כדי קיינער פון די אומגליקליכע מאראנען זאל זיך ניט קאנען קלאגען פאר'ן פּאפּסט האט ער געמאכט אז אין שפּאניען זאל מען טאקי זעצען אנדערע ריכטער, וואס צו זײ זאלען זיך ווענדען אללע וועלכע זענען ניט צופרידען פון די אינקוויזיטארען: באזע וואלף האט ער געמאכט פאר שופטים איבער די צורייצטע טיגער און בײ זײ האט ער געהייסען די ארעמע שאפּעלעך זוכען יושר און רחמנות.....

אויב עמיצען פון די מאראנען און די שפּאנישע יודען האט זיך פריהר אויסגעוויזען אז ארגער קאן שוין גאר ניט זיין, האט זײ טארקוועמאדא געוויזען אז זײ האבען א גרויסען טעות געהאט: דאס וואס ער האט זײ געטהון לאזט זיך גאר ניט בעשרייבען, זיין הארץ איז געוועהן פון שטיין, קיין שום צערטליך

געפיהל האט זיך אהין ניט געקאנט אריינגנב'נען, באדען זיך אין פרעמד בלוט, זעהן פאר זיך הרוגים — איז געוועהן זיין בעסטער תענוג. ער האט צו זיך צוגעשלעפט נאך אזוינע גוטע מענשעלעך ווי ער אליין, בעזאנדערס די צוויי גייסטליכע פעדרא ארבועס דע עפילא אונ גאספארד יוגלאר, וואס ער האט זיי געמאכט פאר אינקוויזיטארען אין סרגסה, אונ אזעלכע חברה-לייט, וואס ער האט אונטער זייער מאכט געשטעלט די אינקוויזיציאנס-געריכט אין קורדובה, זשאען, ווילארעא אונ טולעדא. אומעדום האט ער געהייסען אויסרופען אז אלע וואס פיהלען זיך שולדיג, האבען אגאנצען חודש צייט זיי זאלען אליין קומען זיך מודה זיין אונ אנווייזען די דאזיגע מענשען, וואס האבען זיי פערפיהרט. עס האבען זיך אבער געפונען זעהר ווייניג בעלנים, וואס זאלען וועלען האנדלען ביי דער אינקוויזיציאן מציאות: מען האט גוט געוואוסט אז קיין לעבעדיגער געהט מען שוין פון איהרע האנד ניט ארויס.

די צאהל פון די קרבנות, וואס זענען אין יענער צייט געפאלען איז שווער צו בעשטימען. דעמאלט איז אויך אומגעקומען איינער פון די גראסטע גייסטליכע אין קורדובה, פעדרא פערנאנדעץ דע אלקנדטע, א געבארענער קריסט. אויף איהם איז געפאלען דער חשד אז ער איז א גוטער ברודער מיט די מאראנען, אונ בסתר האט ער זיך א יודישען נאהמען געגעבען, אז אום פסח עסט ער מצה אונ היט אב פיעל יודישע מנהגים, אונ דער חשד אליין איז גענוג געוועהן מען זאל איהם גאר ניט פרעגען אונ לעבעדיגערהייד פארברענען.

אין טולעדא האבען געוואהנט זעהר פיעל מאראנען אונ זיי האבען זיך ענטשלאסען אנצומאכען א מרידה אונ זיך ארויסשטעלען געגען דער אינקוויזיציאן. עס האבען זיך געפונען צווישען זיי אסך, וואס האבען איינגעשטעלט דאס לעבען. זייער פארשטעהער איז געוועהן א יונגער געלעהרטער אונ מוטהיגער מענש מיט דעם נאמען דע לא-טארע. מען האט זיי אבער געמסר'ט אונ די מלוכה האט צושלאגען אין גאנצען זייער פלאן. עטליכע האט מען אויפגעהאנגען, א ביסעל זענען זיך צולאפען אונ די איבריגע זענען אריינגעפאלען אין די האנד פון די אינקוויזיטארען, וואס האבען דערווייל אויפגעטהון נאך א בעסערן פלאן אונ האבען בעפאהלען די רבנים זיי זאלען אלע יודען בעשווערען אז זיי מוזען מגלה זיין פון יעדען מאראן וואס זיי קענען. דאס איז געוועהן א שארפע המצאה פון טארקוועמאדא'ס לייט: זיי זענען ניט מסופק געוועהן אז פון די יודען וועלען זיי גאר ווייניג געוואהר ווערען, נאר זיי האבען זיך פשוט געזוכט עס זאל צוקומען נאך עפיס א סבה פאר וואס זיך צו זיי טשעפען. די ערשטע

זעכס מאראנען וואס מען האט פארברענט אין טולעדא זענען געוועהן ניט קיין היימישע: סאנכא דע ציאודאד און זיין פרוי מאריע דיאץ, זיין זוהן מיט דער שנור און גאנצאלעץ דע טעבא מיט זיין פרוי האט מען פערמשפט אין ווילא-רעאל צום טויט, נאר עס איז זיי געראטהען פון דארט אנטלויפען קיין וואלענסיא און זיי האבען זיך אויפגעזעצט אויף א שיף; אז דאס אומגליק פערפאלגט אבער, העלפט ניט קיין אנטלויפען, עס איז אויפ'ן ים געווארען א גרויסער שטורם-ווינד, דאס צובראכענע שיף האט זיך ווייטער צוגעשלאגען צו א שפאנישען ברעג, מען האט זיי באלד דערקענט און דער טויט וואס זיי האבען זיך געוואלט פון איהם אויסבעהאלטען, האט זיי געטראפען אין טולעדא און זיי זענען דארט געוועהן די ערשטע קרבנות אויפ'ן מזבח פון אינקוויזיציאן.

פון דעסטוועגען איז ניט אזוי גרינג אנגעקומען איינצופיהרען די אינקווי-זיציאן אין גאנצען לאנד. אין טערועל און וואלענסיא האט דאס פאלק אפען ארויסגעוויזען זיין אונצופרידענהייט פון די נייע משפטים און בעזאנדערס האט מען עס ניט געוואלט ליידען אין אראגאניען וואו פיעל מאראנען האבען געשפיעלט א גרויסע ראללע און האבען גערעכענט אז מיט תקיפות וועלען זיי עפעס אויספיהרען. די מאראנען האבען געמאכט יד אחת מיט אנ-דערע גרויסע לייט און באלד איז געווארען א גאנצע חברה, וואס צווישען זייערע פארשטעהער איז אויך געוועהן דער זוהן פון יהושע לארקי, פראנציסקא דע סאנטא פע, און וואס האט זיך ענטשלאסען צו טיידטען דעם אינקוויזיטאר פעדרא ארבועס דע עפילא, וועלכער האט שוין דארט אנגעארבייט גאנצע צרות. דערפון איז ערשט ארויס דאס רעכטע אומגליק: די חברה וואס האט געוואלט פטר'ן דעם אינקוויזיטאר, האט געדונגען רוצחים, וועלכע האבען איהם דערהרג'ט גאנץ פריה אין קירכע, און קוים איז דאס פאלק דערפון געוואהר געווארען, האט מען באלד אנגעהויבען שרייען אז דער אינקוויזיטאר איז א „הייליגער" און אז מען מוז זיך נוקם זיין פאר זיין אומצייטיגען טויט. עס וואלט געוועהן געקומען צו גרויס שפיכות דמים, ווען דער ארכיעפיסקאפ אלפאנסא דע אראגאן שטילט ניט דעם עולם און זאגט זיי ניט צו אז די מלוכה וועט זיך אליין גוט אברעכענען מיט די שולדיגע. די מלוכה האט טאקי געהאלטען ווארט און דער טויט פון דעם אינקוויזיטאר האט די אנוואהנער פון סרגסה אבגעקאסט גענוג בלוט: עס האט געהייסען אז איינער פון די מורדים, ווידאל דע אוראנסא האט זיך מודה געוועהן און האט קלאמערשט אויס-געזאגט די נאהמען פון אללע, וואס האבען זיך מיט איהם צוזאמען ארויס-

געשטעלט געגען דער אינקוויזיציאָן. אויף דער סמיכה האָט מען שוין געמאַכט אַגאַנץ צעטעל אונ ווען מען האָט נאָר געוואָלט מרעפּען האָט מען אַהין אַריינגעשטעלט. מעהר פון דריי הונדערט מאַראַנען זענען פערמשפּט געוואָרען אונ דרייסיג מאַנגער אונ פרויען פון די שאַנסטע משפּחות, אונ צווישען זיי אויך פראַנציסקא דע סאַנטא פע, וואָס עס איז איהם בעשערט געוועהן אָבצוקומען מיט אַמיתה משונה פאַר זיינע אַלטע זינד, האָט מען פאַרברענט. די אינקוויזיציאָן האָט די מורדים ניט געלאָזט צו רוה אֲפילו נאָכ'ן טויט, אונ אַז איינעם פון זיי, גאַספּאַר דע סאַנטא קרוץ איז געראָטהען צו אַנטלויפען קיין טולוז אונ דאָרט שטאַרבען, האָבען די אינקוויזיטאָרען גוזר געוועהן אויף זיין זוהן ער זאָל אַוועקפאָהרען קיין טולוז אונ דאָרט בעטען די גייסטליכע מען זאָל דעם פאָטער אַרויסגראָבען פון'ם קבר אונ זיין קאָרפּער פאַרברענען, אונ דער זוהן איז געצוואונגען געוועהן צו טהון אַזאַ שאַנדליכע זאַך געגען אַאיינענעם פאָטער, ווייל ווען ניט וואָלט ער אַליין מיט'ן לעבען ניט זיכער געוועהן.

אַזוי האָט זיך נאָר אין אַקורצער צייט צובּרענט דאָס פייער פון דער אינקוויזיציאָן אין גאַנץ שפּאַניען אונ איינער פון די יודישע שרייבערס, וואָס האָבען דאָרט דעמאָלט געלעבט, ר' יצחק אַראַמאַ מאָלט אָב די לאַגע פון די יודען אין שרעקליכע פאַרבען. עס האָבען זיך אֲפילו געפּרובּט נאָך צוויי שטאָדט, לערידאַ אונ באַרצלונה אַרויסשפּרינגען געגען דער אינקוויזיציאָן, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען: טאָרקוועמאַדאַ האָט מיט אייזערנע רינגלען צוגעמאַכט שפּאַניען, עס זאָל זיך ניט אַריינהאַפּען צו קיינעם קיין מינדעסט געפיהל פון באַרמהאַרציגקייט, די אונצופרידענע האָט מען מיט געוואַלד פערשטאָפּט דאָס מויל, אונ אין די דרייצעהן יאָהר, וואָס ער האָט געהאַט די מאַכט זענען אומגעקומען, אויסער יודען, מעהר פון זיבצעהן טויזענד מאַראַנען אונ איבער צוויי טויזענד פון זיי האָבען אין העליש פייער אויסגעהויכט די נשמה.

5 דאָס פערטרייבען די יודען פון שפּאַניען אונ פּורטוגאַל.

(1485—1481 נאָך קריסטוס געבורט).

האָטש די שפּאַנישע יודען האָבען געהאַט זייער עהרליך אויסקומעניש צו ליעב די מאַראַנען — פון אַנדאַלוזען האָט מען זיי משלח געוועהן אונ אין די איבריגע געגענדע זענען זיי אויך געשטאַנען אויף אַוואָג שאָל — פון דעסטוועגען

האט זיי קיין שום שטראף ניט געקאנט אבבייסען פון זייערע בעהאלטענע ברידער אונ מיט מסירת נפש פלעגען זיי העלפען די מאראנען זיי זאלען אבהיטען יודישקייט, צושטעלען כשר פלייש, מצות אויף פסח, אנווייזען ווען יעדער יום טוב געפאלט, לערנען מיט די קינדער תורה. אז די גייסטליכע האבען זיך איבערצייגט אז מיט די יודען וועלען זיי גאר ניט מאכען, אז די ענוים קשים פון דער אינקוויזיציאן קאן ניט צושטערען די ליעבע וואס פערבינדט זיי מיט די מאראנען, האבען זיי זיך גענומען ארבייטען מען זאל גאר די יודען להלוטין ארויסטרייבען פון שפאניען. עס איז זיי אבער ניט אזוי גרינג אנגעקומען, ווייל אין קאניגליכען הויז זיינען גרויסע חשובים געוועהן אפאר גרויסע לייט, ווי ר׳ אברהם שניאור, אונ גראד פונקט אין דער צייט ווען ביי טארקוועמאדא׳ן אין קאפ איז געבארען געווארען דער פלאן אבצוריינינגען דאס לאנד פון אגאנץ פאלק האט די מלוכה געגעבען איינע פון די גרעסטע שטעלען א יודען, דון יצחק אברבנאל, וואס האט אלאנגע צייט בעשיצט זיינע ברידער, ווייל פאר איהם האבען שונאים אויך דרך ארץ געהאט אונ ער איז אים שטאנד געוועהן ניט צו דערלאזען דאס אומגליק זאל זיך מיט אמאל אויסגיסען אויף טויזענדער אונשולדיגע מענשען.

דון יצחק אברבנאל, וואס האט זיין יחוס גערעכענט פון דוד המלך, איז געבארען געווארען אין ליסאבאן אים יאהר 1437, פונקט ווען די יודען זענען אין פורטוגאל געשטאנען גאר אויף אהויכער מדרגה, ווען זיי האבען געהאט די אייגענע רעכטע וואס אללע איבריגע איינוואהנער אונ האבען זיך געפיהרט אזוי פריי אונ זעלבסשטאנדיג אז זייערע רבנים, וואס דאס גאנצע יודיש לעבען איז געשטאנען אונטער זייער מאכט, פלעגען זיך בעדיענען מיט דער העברעאישען שפראכע אפילו ווען זיי האבען בעדארפט אנקומען צו דער מלוכה. אברבנאל׳ס גרויסע פעהיגקייטען, זיין גוטער קאפ אונ בעזאנדערס דער שכל ווי אזוי זיך צו בעגעהן מיט מענשען, האבען איהם פון דער יוגענד אן געאפענט אוועג צו כבוד: דער קאניג אלפאנסא דער פינפטע האט פערשטאנען צו שאטצען די מעלות פון אזא מענשען אונ האט איהם געגעבען זעהר אהויכע שטעללע אין קאניגליכען הויף, וואו מען פלעגט זעהר פריינדליך אויפנעהמען לייטישע יודען, אונ בעזאנדערס ביידע זיהן פונ׳ם בעריהמטען גביר דון דוד אבן יחיא נגרו, איז אברבנאל נאהענט געווארען צו אללע קרובים למלכות אונ צווישען זיינע גוטע פריינד האבען זיך געפונען אזעלכע גרויסע לייט ווי דער הערצאג פערנאנדא דע בראגאנצא, מארקיז פאן מאנטעמאר אונ דער גראף

פאן פארא, וואס האבען צו ליעב איהם בעקומען אללע יודען. בעזאנדערס איז צו איהם צוגעבונדען געווארען דער גרויסער געלעהרטער יאהאן סעצירא, וואס איז נאך פריהר געוועהן א אוהב ישראל. אחוץ זיינע גרויסע מעלות, האט דון יצחק אברבנאל געהאט א עדעל הארץ אונ פלעגט זיך גאנצע טאג אבגעבען מיט צדקה. אז דער קאניג אלפאנסא האט איינגענומען אין אפריקא די שטאדט ארצילא אונ האט פון דארט געבראכט עטליכע הונדערט יודישע געפאנגענע, וועלכע מען האט געזאלט פערקויפען פאר קנעכט, האט אברבנאל ניט גערוהט אונ האט צונויפגענומען אזוי פיעל געלד אז ער האט זיי ניט נאר געקאנט אויסלאזען, נאר ער האט זיי געמאכט א פרנסה, זיי זאלען האבען פון וואנען צו ציהען דאס שטיקעל ברויט. איבריגענס האט אברבנאל אין זין געהאט ניט נאר די היימישע יודען, וואס זענען געוועהן פאר זיינע אויגען, ער האט גלייך ליעב געהאט זיינע ברידער פון וויט אונ פון נאהענט, ער האט זיך געמיהט זיי צו טהון טובות אומעדום וואו ער האט נאר געוואוסט פון זיי, אונ אז דער קאניג אלפאנסא האט געשיקט שליחים צו בעגריסען פון זיין נאהמען דעם פאפסט סיקסטוס דעם פיערטען, האט ער זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט וואס דער דאקטאר יאהאן סעצירא איז אויך דעמאלט געפאהרען אונ האט איהם געבעטען ער זאל דארט רעדען גוטס וועגען יודען. אויסער דעם האט ער אוועקגעשריבען קיין איטאליען צו זיין פריינד ר' יחיאל פון פיזא מען זאל אויפנעהמען די פורטוגאזישע שליחים מיט גרויס כבוד, כדי זיי זאלען זעהען אז די יודען זענען דאנקבאר ווען מען בעהאנדעלט גוט זייערע ברידער אונ זייער פריינדשאפט מיט די קריסטען זאל נאך שטארקער ווערען.

אזוי האט זיך דון יצחק אברבנאל גליקליך אונ רוהיג געלעבט מיט זיין פרומער פרוי אונ מיט זיינע דריי געראטהענע זיהן: לעאן, יצחק אונ שמואל, ביז דער גוטער קאניג אלפאנסא איז געשטארבען. דעמאלט איז געווארען אביסעל איבערקעהרעניש, וייל דער נייער קאניג יאהאן דער צווייטע איז שוין געוועהן פונקט דער היפך פונ'ם פאטער, אונ אללע זיינע מקורבים האט ער געמאכט פאר שונאים. בעזאנדערס האט ער געווארפען א אויגען אויף דעם הערצאג פערנאנדא דע בראגאנצא, וואס איז געוועהן פון דער קאניגליכער פאמיליע, דאס פאלק האט פון איהם געהאלטען, אונ דאריבער האט ער מורא געהאט ער זאל ביי איהם ניט צונעהמען די ירושה. יאהאן האט לאנג ניט געטראכט אונ געמאכט אויף דעם הערצאג א בלבול אז ער איז א מורד במלכות אונ האט איהם פערמשפט צום טויט, עס איז קיין וואונדער ניט וואס יאהאן

האט שוין געוואלט אין איין וועג פטר׳ן אויך דעם הערצאג׳ס גוטע פריינד, און אזוי ווי דון יצחק אברבנאל איז געוועהן איינער פון זיי איז אויף איהם אויך געפאלען דער גורל מען זאל איהם אריינרעכנען אין דער צאהל פון די מענשען וואס זענען פלוצלונג שאדליך געווארען דער מלוכה. אברבנאל האט זיך ניט געפיהלט שולדיג אין קיין שום זאך און דערפאר, אז דער קעניג האט איהם געשיקט רופען, האט ער זיך געלאזט רוהיג געהן אין הויף אריין, נאר אין וועג האט ער בעגעגענט איינעם פון די הויף־לייט, וואס האט איהם זעהר ליעב געהאט און האט איהם מגלה געוועהן דעם סוד אז קיין לעבעדיגער וועט ער שוין ניט צוריקקומען. ביי אזא סכנה איז אברבנאל געצוואונגען געוועהן צו אנטלויפען קיין שפאניען, טאקי אין דער אייגענער רגע און האט זיך אפילו ניט געזעגענט מיט׳ן הויזגעזינד. דער קעניג האט באלד נאכגעשיקט רייטער מען זאל איהם האפען, נאר עס איז שוין געוועהן צו שפעט. פונ׳ם וועג האט אברבנאל געשיקט דעם קעניג א בריעף און האט איהם הייליג געשווארען אז ער איז אונשולדיג; יאהאן האט אבער ניט געוואלט גלויבען. ער האט געהייסען מען זאל צונעהמען אברבנאל׳ס גרויס פערמעגען און מען זאל אפילו ביי זיין זוהן לעאן, וואס איז שוין דעמאלט געוועהן א בעריהמטער דאקטאר און האט זיך מיט׳ן פאטער גאר ניט אנגעקעהרט, אויך ניט לאזען קיין פאדעם. איין חסד האט יא יאהאן געטהון, וואס ער האט ערלויבט אברבנאל׳ס משפחה אז זיי זאלען אויך ארויס פאהרען פון פארטוגאל.

דער נאהמען פון דון יצחק אברבנאל האט שוין דעמאלט געקלונגען אויף דער וועלט און קוים האט ער זיך געוויזען אויף דער שפאנישער גרעניץ האבען איהם די יודען אריינגענומען מיט גרויס כבוד, און דער פארשטעהער ר׳ אברהם שניאור און דער רב ר׳ יצחק אבוהב האבען געזוכט אללע מיטעל איהם צו פערזארגען ער זאל קאנען זיצען על התורה ועל העבודה. דאס אומגליק וואס האט געטראפען דעם אברבנאל, האט געמאכט א שטארקע ווירקונג אויף זיינע געדאנקען: עס האט איהם באנג געטהון אויף דער פריהריגער צייט וואס ער האט פערבראכט מיט זיין דיענען ביי דער פורטוגאזישער מלוכה און האט זיך אבגעריסען פון לערנען, דערפאר איז ביי איהם געבליבען ער זאל זיך מעהר אריינלאזען אין פרומקייט, פיעל חקירה ספרים פון אלטע חכמים זענען ביי איהם אבגעפרעגט געווארען, פון אסך פרייע דרכים האט ער זיך אבגעזאגט און ער האט זיך גענומען שרייבען זיין פירוש אויף יהושע, שופטים און שמואל מיט דעם רצון אז ביז צום טויט זאל ער שוין ניט ארויס פונ׳ם

בית המדרש. עס איז איהם אבער שווער געוועהן דאס אויסצופיהרען, אונ אז די שפאנישע מלוכה האט זיך צו איהם געווענדעט מיט דער בקשה ער זאל אננעהמען עפּיס א דיענסט ביי דער קרוין אונ ער האט פערשטאנען אז דער־מיט וועט ער זיינע ברידער א גרויסע טובה טהון, האט ער געמוזט בעשטעהן אונ איז געווארען פינאנץ־מיניסטער. אז שפאניען האט געקאנט א יודען פער־טרויען אזא הויכע שטעללע אין דער צייט ווען טארקוועמאדא האט געהאלטען אין איין רודפ'ן דאס יודישע פאלק — איז לייכט צו פערשטעהן ווי די מלוכה האט געשאצט אברבנאל'ן אונ וואס פאר א נוצען זי האט דערפון ערווארטעט פאר דער מדינה. אברבנאל איז טאקי געווארען דער גרעסטער חשוב ביים קעניג אונ ביי דער קעניגין אונ האט עהרליך פערדיענט דעם כבוד, ווייל אין די אכט יאהר, וואס ער האט אכטונג געגעבען אויף די הכנסות אונ הוצאות פונ'ם לאנד, האט שפאניען אנגעהויבען ווייטער בליהען ווי אין די אלטע גוטע צייטען. דערפאר האבען אויך די גייסטליכע געמוזט ווערען א ביסעל שטילער, האטש אין גאנצען האבען זיי ניט אויפגעהערט צו גראבען אויף די יודען.

די בלוטיגע מלחמה צווישען שפאניען אונ גרנאדא אונ בעזאנדערס דער נצחון, וואס פערדינאנד אונ איזאבעלא האבען געהאט נאך א שווערען צעהניאהריגען קריעג, האבען געבראכט דערצו אז דער צושטאנד פון די שפאנישע יודען זאל לחלוטין שלעכט ווערען. מען קאן ניט זאגען אז אין גרנאדא האבען די יודען געהאט בעזונדערע גליקען, נאר יעדענפאללס האבען זיי געלעבט צופרידען מיט די מהמדנער אונ די עדלערע פון זיי, בעזאנדערס יודישע דאקטוירים, האט מען אבגעגעבען גרוים כבוד. ביים קעניג איז געוועהן א לייב־דאקטאר ר' יצחק המון אונ דאס פאלק האט איהם אזוי שטארק ליעב געהאט אז ביים גרעסטען געטימעל, ווען מען פלעגט נאר דערמאנען זיין נאהמען, פלעגט ווערען שטיל. אמאל האט זיך געמאכט וואס עס איז ארוים צווישען די מהמדנער עפּיס א גרוים געשלאג, אונ ווי פיעל לייטישע מענשען האבען זיך בעמיהט צו מאכען א שלום האט מען ניט געקאנט; עס האט אפילו ניט גע־האלפען וואס מען האט די חברה בעשווארען אים נאהמען פונ'ם נביא מחמד. איינער איז אבער געפאלען אויפ'ן שכל אונ האט א געשריי געטהון אז דער דאקטאר המון געהט אונ, דאס איינע ווארט איז גענוג געוועהן איינצונעהמען די ווילדע אונ צורייצטע ברואים אונ מען איז זיך באלד צוגאנגען. דאס האט אבער פערדראסען די פרומע מהמדנער, וואס האבען ניט געקאנט צוזעהן מען זאל פאר א יודען מעהר דרך ארץ האבען ווי פאר'ן נביא, אונ מען האט צו ליעב

דעם שיר ניט געמאכט קיין שחיטה פאר אללע יודען פון גרנאדה, אונ דעמאלט זענען אומגעקומען פיעל פון די מאררא‎נען וואס זענען אהין אנטלאפען פון שפאניען אונ זענען פון איין אומגליק ארויס אונ אין דעם אנדערן אריין. פון יענער צייט אן האבען די יודישע דאקטוירים אויפגעהערט טראגען רייכע זיידענע קליידער אונ רייטען אויף טהייערע פערד, כדי זיי זאלען ניט אויפרייסען ביי די שונאים די אויגען.

אז דער לעצטער קעניג פון גרנאדה, מולי-אבו-עבדלה, האט זיך אונטערגעגעבען אונ פערדינאנד מיט איזאבעלא זענען אהין מיט גרוים פאראד אריינגעפאהרען, האבען די שפאנישע גייסטליכע דערלעבט אזא גדולה וואס זיי האבען זיך גאר אזוי פיעל ניט גערעכט, אונ עס איז ביי זיי געבליבען מען זאל זיך ווייטער נעהמען צו די יודען. דער קעניג האט געשיקט בעטען דעם פאפסט, איננאקענטי דעם זיבעטען ער זאל מאכען איין התחלה אונ ארויסטרייבען די יודען פון איטאליען, כדי שפאניען זאל איהם קאנען נאכטהון. א גרויסע אימה איז געפאלען אויף די יודען פון פערשיעדענע אייראפעאישע לאנדער ווען מען איז דערפון געוואהר געווארען, נאר באלד איז פון רום אנגעקומען א פרעהליכע בשורה, וואס איינער פון די ראמישע יודען ר' משולם האט איבערגעגעבען אללע יודישע קהלות, אז דער פאפסט האט זיך אבגעזאגט פון אזא שרעקליכער עולה.

נאר דאס וואס דער פאפסט איננאקענטי — וועלכער איז דווקא בטבע ניט געוועהן אזא גוטער אונ די יודען האט ער ווייניג וואס ליעב געהאט — האט נערעכענט פאר איין עבירה, איז ביי פערדינאנד אונ איזאבעלא געוועהן די גראסטע מצוה, אונ דעם 21 מערץ 1492 איז ארויס א בעפעהל אז ביז פיער חדשים זאל זיך אין גאנצען גבול פון שפאניען ניט געפינען איין יוד, אונ ביים ארויספאהרען זאל קיינער ניט טארען מיט נעהמען גאלד אונ זילבער אונ אויך ניט קיין מטבעות. אין דעם בעפעהל האט די מלוכה אפילו ניט ארויפגעלעגט אויף די יודען קיין שום בלבולים וועגען פראצענט רייסען אונ אנדערע בעשולדיגונגען, זי האט פשוט געשריבען, אז כל זמן די יודען וועלען זיך געפינען אין לאנד וועלען זיי די מאררא‎נען אבבייסען פון דער קאטאלישער קירכע, אונ דאריבער איז קיין אנדער מיטעל ניטא, נאר זיי אין גאנצען ארויסטרייבען. די זאך איז פריהר צוגענאנגען בסוד, אונ אז דון יצחק אברבנאל איז דערפון געוואהר געווארען האט ער בענוצט זיין גאנץ השיבות, אונ פיעל פון די גראסטע לייט האבען איהם צוגעהאלפען, אונ מען האט אנגעהויבען ארבייטען מען זאל מבטל זיין די גזרה.

פערדינאנד האט זיך געלאזט רעדען, אונ אז די יודען האבען זיך ענטשלאסען איהם אריינטראגען דרייהונדערט טויזענד רענדליך, האט טארקוועמאדא געמאכט א געוואלד, אז דער קעניג וויל פאר געלד פארקויפען זיין אמונה. עס האט אפילו ניט געהאלפען דאס וואס ר' אברהם שניאור האט געבעטען די קעניגין, אונ ענדע אפריל זענען ארויסגעשיקט געווארען שליחים איבער גאנץ קאסטיליען, אראגאניען, סיציליען אונ סארדיניען אונ מען האט אומעדום אויסגערופען, אז ביז צום סוף פונ'ם חודש יולי מוזען די יודען ארויס פונ'ם לאנד, אונ ווער פון די איינוואהנער עס וועט ביי זיך שפעטער פון דער צייט בעהאלטען א יודען, וועט שטרענג בעשטראפט ווערען אונ מען וועט אויך ביי איהם צונעהמען זיין גאנץ פערמעגען.

שרעקליך איז געוועהן די לאגע פון די שפאנישע יודען: דאס גע וואנד זיין איז אפילו ביי יודען קיין נייעס ניט געוועהן, זיי האבען גוט געדענקט ווי מען האט זיי ארויסגעפטרט אין דרייצעהנטען אונ פירצעהנטען יאהרהונדערט פון ענגלאנד אונ פראנקרייך, נאר אין ערגיץ האט מען זיי אזוי ניט צובראכען ווי אין שפאניען. אומעדום האט מען זיי האטש געלאזט האפען דאס פעקעל אויף די פלייצעס, קיין בעל־הביתישקייט האבען זיי טאקי ניט געקאנט מיטפיהרען, נאר ווענינסטענס זענען זיי אים שטאנד געוועהן אלדינג פערקויפען, מאבען עטליכע גילדען אונ מיט דער הילף פון דער מטבע האבען זיי זיך געקאנט מיט מעהר האפנונג אוועקלאזען אין דער פרעמד; דא אבער האט מען אין איין מינוט די רייכסטע יודען געמאכט פאר קבצנים, די גייסטליכע האבען אבגעהאלטען די קריסטען זיי זאלען ביי די יודען גאר ניט אבקויפען, ווייל זיי האבען געוואוסט אז זיי וועלען אלדינג אוועקגעבען אומזיסט. אונ עס איז אזוי ווייט געקומען אז פאר א שטיק לייווענד האט א יוד פערקויפט א גאנץ הויז, אויף א עזעל האט ער געביטען דאס גראסטע שטיק ערד. טארקוועמאדא האט גערעכענט אז דא וועט ער זיך צופיהרען די האנד אונ האט געהייסען אלע גייסטליכע זיי זאלען זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט אונ צורעדען די יודען צו דער טויפע. די רבנים האבען זיך פריהר א ביסעל דערשראקען, זיי האבען מורא געהאט טאמיר וועלען פיעל יודען קיין אנדער ברירה ניט האבען אונ וועלען זיך מוזען טויפען, דערפאר האבען זיי געמאכט אין די שולען אסיפות אונ מיט שאנע דרשות געטרעסט דעם עולם אונ געגעבען האפנונג די געפאלענע. גרוים איז אבער געוועהן זייער פרייד ווען זיי האבען זיך איבערצייגט אז עס איז גאר ניט געוועהן פאר וואס זיך צו שרעקען: די יודען האבען מיט

ליעבשאפט אנגענומען אללע יסורים, אונ אזוי ווי אין אללע צייטען האט זיי דאס אומגליק נאך מעהר צוגעבונדען צו זייער רעליגיאן. דערצו האבען די יודען ניט איין מאל געזעהן ווי די אינקוויזיטארען האבען פערנארט צו זיך מאראנען, זיי צוגעזאגט צו בעפרייען פון עפיס א שטראף אונ קוים האבען זיי זיך מודה געוועהן האט מען זיי גאר אהן רחמנות פארברענט, אונ זיי האבען פערשטאנען אז מיט'ן בייטען פון דער אמונה וועלען זיי נאך ערגער מאכען אונ וועלען נאר געבען די שונאים מעהר כח זיי צו רודף'ן ווי פאלשע קריסטען. דערפאר האבען זיך זעהר וועניג געטויפט אונ פון די גרויסע לייט איז נאר איין ר' אברהם שניאור געצוואונגען געווען אבצוטרעטען פון יודישקייט, ווייל די קאניגין האט איהם בשום אופן ניט געלאזט אוועקפאהרען אונ אחוץ דעם האט מען איהם מודיע געוועהן אז ווי באלד ער וועט עס ניט צו ליעב טהון וועט ער דערמיט נאך א גרעסערע צרה ברענגען אויף די יודען אונ זיי וועלען גאר לעבעדיג פון שפאניען ניט ארויס. אזוי האט ער געמוזט מיט דער גאנצער משפחה איבערגעהען צום קאטאליציזמוס אונ אנגענומען א נייעם נאמען קאראנעל אונ זיינע קינדער האבען דערנאך געשפיעלט א גרויסע ראללע אין לאנד.

אז עס איז געקומען דער לעצטער טאג, וואס דריי הונדערט טויזענד יודען האבען זיך בעדארפט מיט אמאל ריהרען פון די ערטער, וואו זייערע עלטערן האבען פערבראכט הונדערטער יאהרען, איז געווארען אזא יללה אין גאנץ שפאניען אז אפילו די שונאים האבען ניט געקאנט צוזעהן דעם צער. מען האט אפילו געזוכט אללע מיטעל אנצוגרייטען אנייען פלאן, וואו מען זאל זיך בענוצען, אונ צו ליעב דעם איז דער רב ר' יצחק אבוהב פריהר ארויסגעפאהרען קיין פארטוגאל אונ האט אבגעמאכט מיט'ן קאניג יאהאן ער זאל די יודען לאזען דורכפאהרען אדער טאקי דארט וואהנען; מען האט גע־וואוסט, אז אין דרויסען וועלען אזוי פיעל מענשען ניט בלייבען, נאר אז עס איז געקומען די שעה זיך צו לאזען אין וועג, איז יעדען זעהר שווער געוועהן זיך אבצורייסען פון דער היים אונ ביי קיינעם איז ניט געוועהן אזוי פיעל טרערען צו בעוויינען דעם שרעקליכען בראך וואס זיי האט געטראפען. די יודען פון שיגוביה האבען דריי טאג כסדר פערבראכט אויפ'ן בית עולם אונ האבען זיך געזעגענט מיט די קברים, וואס זענען זיי אזוי טהייער געוועהן; אסך מצבות האבען זיי מיט גענומען אונ נאך מעהר האבען זיי אוועקגעשענקט די מאראנען פאר א זכר. עס איז גראד אויסגעקומען אז פונקט אום תשעה באב האבען די שפאנישע יודען פערלאזט דאס לאנד אונ האבען זיך צושפרייט

איבער אפריקא, טירקיי, איטאליען, נאוואראַ און פארטוגאל. האטש עס איז געוועהן א תענית, האבען די רבנים מתיר געמאכט אז די יודען זאלען מיט כלי זמר, פרעהליך און בעהערצט זיך לאזען אין וועג, און מיט'ן טרויעריגען נגונ'דעל, וואס דער יוד גיסט אין דעם אויס זיין הארץ פונקט גלייך ביי א שמחה ווי ביי א צרה, האבען זיי אנגעהויבען אנייעם גלות....

די שפאניער זענען געוועהן ווי בערוישט פון דער גרויסער זאך, וואס זיי האבען דא אפגעארבייטעט, זיי האט זיך אויסגעוויזען אז אצונד זיינען זיי אללע גליקליך און דאס גאנצע רייכקייט פון דער מדינה וועט אריין נאר אין זייערע קעשענעס; קוים איז אבער אוועק דאס ערשטע שכרות און מען האט זיך אנגעהויבען אויסניכטערן, איז די שמחה געווארען קלענער, און מען האט פערשטאנען אז ווען שפאניען האט פערלארען א צוואנציגסטעל פון אללע איהרע איינוואוהנער האט זי זיך דערמיט קיין טובה ניט געטהון. צווישען די פערטריבענע יודען זענען געוועהן די פעהיגסטע סוחרים, די בעסטע בעלי מלאכות, פון קיין געלעהרטע און דאקטוירים האט מען שוין גאר ניט וואס צו רעדען, און אז אזעלכע נוטצליכע מענשען האבען געפעהלט האט מען עס אנגעהויבען שטארק פיהלען. בעזאנדערס איז שלעכט געווארען די קראנקע וואס האבען ניט געהאט ווער עס זאל זיי היילען, ווייל די קריסטען האבען אפילו אין זין ניט געהאט צוגרייטען אייגענע דאקטוירים און האבען געמוזט אנקומען צו פראסטע רופאים, וואס זענען געוועהן זעהר וואהלע שותפים צום מלאך המות. ניט אומזיסט האבען פיעל אייראפאישע קאניגע געלאכט פון שפאניען, וואס האט געטהון אזוי ניט בערעכענט, און דער טירקישער סולטאן באיאזעט פלעגט אפט זאגען: „אז דער קאניג פערדינאנד איז ניט קיין גרויסער חכם, ווייל ער האט זיין אייגען לאנד ארעם געמאכט און דער טירקיי א גליק געבראכט".

אין א קורצער צייט איז אין גאנץ שפאניען קיין זכר פון יודען און יודישקייט ניט געוועהן. די מלוכה האט צוגענומען פאר זיך אללע זייערע שולען, ישיבות, שפיטאלען, און פון דער בעריהמטער שול, וואס דון שמואל אללוי האט אויסגעבויעט אין טולעדא איז געווארען א קירכע. נאר די מאראנען האבען ניט פערגעסען זייערע ברידער און וואס מעהר זיי האבען זיך בעדארפט פארשטעלען, כדי מען זאל זיי רעכענען פאר פרומע קריסטען און עס זאל אויף זיי קיין שום חשד ניט פאלען, זענען זיי אין הארצען נאך מעהר צוגעבונדען געווארען צו די יודען. זיי פלעגען זיי שיקען בריעף און ביסלעכווייז האבען זיי געמאכט געלד פון די זאכען, וואס די יודען האבען ביי זיי איבערגעלאזט און

האבען עס זיי דורך זיכערע שליחים איבער געשיקט. צווישען די מאראנען זענען געוועהן אויך אזעלכע, וואס האבען ניט געקוקט אויף קיין סכנה, אונ אז עס איז זיי שוין גאר שווער געוועהן ארומצוגעהן מיט א מאסקע, האבען זיי זיך מוסר נפש געוועהן אונ אפען אין דער קירכע פאר'ן גאנצען עולם מודה געוועהן, אז דער קאטאליציזמוס איז זיי פרעמד. עס האבען זיך אויך געפונען צווישען זיי פיעל, וואס האבען זיך נוקם געוועהן אין די יודישע שונאים אונ פלעגען זיי מסר'ן צו די אינקוויזיטארען אונ אומיסטען אויף זיי מאכען א בלבול אז זיי היטען אב בסתר יודישע מנהגים, כדי זיי זאלען פיהלען דעם טעם פון אזעלכע מסירות. דערווייל האט טארקוועמאדא מיט זיין חברה געהאט ארבייט אונ יעדען טאג פלעגען צוקומען פרישע קרבנות. עס איז אזוי ווייט געקומען אז קיינער האט זיך אין שפאניען ניט געפיהלט זיכער. איינער האט מורא געהאט פאר'ן אנדערן טאמיר טראכט ער אויף איהם עפיס אוים. אונ עס איז גאר קיין וואונדער ניט וואס אפילו אויף דעצא, וועלכער איז געווארען הויפט-אינקוויזיטאר נאך טארקוועמאדא'ס טויט אונ איז נאך געוועהן א ארגערער רוצח פון איהם, האט מען אויסגעטראכט אז ער איז א פערבארגענער יוד אונ ער האט געמוזט ענדיגען זיין לעבען אין דעם אייגענעם פייער, וואו ער האט טויזענדער אומשולדיגע פערברענט גאר אהן רחמנות.

פון די יודען, וואס שפאניען האט ארויסגעווארפען האבען די דאזיגע, וועלכע זענען אריבער קיין נאווארא, אקליינע צייט געלעבט גאנץ רוהיג; דאס פייער פון דער אינקוויזיציאן האט אהין ניט געקאנט דערגרייכען אונ ווי פיעל פערדינאנד האט זיך נאך פריהר ניט געפרווט צו פועל'ן ביי דער מלוכה פון נאווארא זי זאל ארויסגעבען די מאראנען, וואס האבען דערהרג'ט דעם „הייליגען" פעדרא ארבועס דע עפילא אונ זענען ענטלאפען קיין טודעלא האט מען איהם ניט געוואלט הארען. בעזאנדערס האט געשיצט די יודען דער גראף פאן לערין, נאר אז זייער צאהל האט אנגעהויבען גרויס ווערען, האט זיי דער קעניג פארגעלעגט אז זיי זאלען זיך אדער טויפען, אדער זוכען איין אנדער פלאץ. ער האט זיי גאר קיין צייט ניט געגעבען אונ זיי האבען ניט געהאט קיין אנדער מיטעל ווי נאר איבערגעהען צום קריסטענטהום. זעהר ווענינ האבען זיך ענטשלאסען ווייטער זיך צו לאזען אין וועג. כמעט אללע זענען געווארען קריסטען אונ אפילו אין טודעלא, וואס האט זיך גערעכענט פאר דער פרימסטע קהלה, האבען זיך געטויפט הונדערט אכטציג פאמיליען.

נאר ניט שלעכט האבען געמאכט די יודען, וועלכע האבען ניט געוואלט

זיך פערלאזען אויף נסים, אונ ווען פיעל האבען געווארט ביז צו דער לעצטער מינוט אונ האבען נאך אלץ געהאפט אז די ביטערע גזרה זאל בטל ווערען האבען זיי זיך בענוצט מיט די ערשטע שיפען, וואס זענען צוגעקומען קיין שפאניען, אונ זענען אוועק קיין אפריקא, טירקיי אונ איטאליען. א סך יודען פון אראגאניען, קאטאלאניען אונ וואלענסיא האבען זיך געווענדעט מיט א בקשה צום קאניג פון נעאפעל, פערדינאנד דעם ערשטען, ער זאל זיי ערלויבען זיך צו בעזעצען אין זיין לאנד. פערדינאנד האט פון איין זייט גרויס רחמנות געהאט אויף די אומגליקליכע אונ פון דער אנדערער זייט האט ער טאקי געוואלט אז נוטצליכע מענשען זאלען בעלעבען די מדינה אונ דאריבער איז ער באלד בעשטאנען דארויף, אונ אז די יודען פון נעאפעל האבען פערזארגט מיט הוצאות זייערע פערטריבענע ארעמע ברידער, האבען זיך טויזענדער שפאנישע יודען דארט אויסגעזוכט א מקום מנוחה. אויך דון יצחק אברבנאל איז אריבער קיין נעאפעל, דארט האט ער אנגעהויבען שרייבען זיין פירוש אויף מלכים. דער קאניג האט איהם זעהר מקרב געוועהן אונ האט איהם געגעבען א שטעללע ביי דער קרוין. צום אומגליק האט זיך אבער אזוי געפיהרט אז די יודען האבען מיט זיך מיט געבראכט א שטארק הולאת, ווייל אויף די שיפען האבען זיי זיך געוואלגערט אין אומרייניקייט צו צעהן מענשען אויף איין פלאץ, די פערדארבענע לופט האט זיי געשאדט אונ ביז זיי האבען זיך צו געשלאגען צו א יבשה איז שוין געוועהן א גרויסע מגפה אונ די קראנקהייט האט זיי שוין ניט אבגעלאזט ווען זיי זענען אנגעקומען אין די שטאדט. אז עס האבען אנגעהויבען זעהר פיעל פון זיי אויסצושטארבען, האט דער קאניג געגעבען א ווינק די יודישע קהלות מען זאל די מתים בעהאלטען ביי נאכט, כדי דאס פאלק זאל זיך ניט צופיעל איבערשרעקען, ווייל פון אללע זייטען האט מען שוין געהערט א געשריי. אז די יודען האבען אריינגעבראכט איין אומגליק אין לאנד. אז די קראנקהייט איז אבער יעדען טאג ערגער געווארען אונ די יודען האבען שוין דעם ביטערן סוד ניט געקאנט בעהאלטען, האבען אללע אנוואהנער גיגעבעטען די מלוכה מען זאל זיי בעפרייען פון די יודען. נאר דער עדלער קאניג האט ניט געוואלט הערען דערפון, ער האט געהייסען מאכען נייע קראנקענהייזער, אויסשרייבען דאקטוירים פון אנדערע ערטער, אונ אזוי האט ער זיך אוועקגעמוטשעט מיט די יודען א קיילעכדיג יאהר ביז עס איז געווארען בעסער. גוט איז אויך געוועהן די יודען וואס האבען זיך צוגעשלאגען קיין פיזא, ווייל דעם גביר ר' יחיאל'ס קינדער האבען ניט געזשאלעוועט קיין געלד אונ

האבען געשטיצט אללע נויט בעדארפטיגע.

דערפאר זענען אבער אנדערע פון די פערטריבענע אריינגעפאלען אין דער גראסטער צרה, אונ בעזאנדערס די דאזיגע, וואס האבען זיך אויפגעזעצט אויף שיפען פון גענוא. די שיפס־לייט זענען געוועהן גרויסע רוצחים, פריהר האבען זיי פאר געלד ארויפגעלאזט אסך מעהר מענשען ווי פיעל עס האט געקאנט ארויף, אונ אז עס איז געווארען צו ענג האבען זיי פיעל יודען אריינגעווארפען אין ים. אויסער דעם האבען זיי זיך איינגערעדט, אז די יודען וואס האבען ניט געטארט ארויספיהרען פון שפאניען קיין געלד, האבען איינגעשלונגען פיעל געלד, אונ דערפאר האבען זיי פיעל יודען געקוילעט אונ געזוכט די בעהאלטענע אוצרות אין זייערע אויפגעשניטענע לייבער. אין גענוא האבען זיך די שיפען אבגעשטעלט אויף אצייט, ווייל מען האט זיי בעדארפט פאררעכטען, אונ אזוי ווי דארט איז פון לאנג אן געוועהן אגעזעץ, אז יודען טארען אין דער שטאדט ניט בלייבען לאנגער פון דריי טאג, האט זיי די מלוכה ניט אריינגעלאזט קיין גענוא אונ זיי האבען זיך געמוזט וואלגערן ביים ברעג אין דרויסען, נאקעט אונ הונגעריג. דא זענען צו זיי געקומען די גייסטליכע אונ האבען זיי צוגערעדט זיי זאלען אוועקווארפען די אמונה, וואס גיט זיי ניט אפילו קיין היי שעה, אונ פיעל האבען ניט געקאנט בעשטעהן ביים נסיון אונ האבען זיך געלאזט טויפען פאר א טריקען שטיקעל ברויט. זעהר וועניג זענען דעמאלט געבליבען יודען אונ די עטליכע וואס האבען איבערגעטראגען די שרעקליכע צרות אונ האבען זיך צוגעשלאגען קיין רום, האבען געהאט יסורים פון זייערע אייגענע ברידער. די יודען פון רום האבען מורא געהאט עס זאל זיי ניט שאדען אין פרנסה ווען עס וועלען אהין צוקומען יודען פון דער פרעמד אונ דערפאר האבען זיי זיך געלאזט קאסטען טויזענד רענדליך ביים פאפסט אלכסנדר דעם זעכסטען אונ האבען איהם געבעטען ער זאל די שפאנישע יודען ניט אריינלאזען. נאר האטש דער פאפסט איז קיין גרויסער צדיק ניט געוועהן, האט עס איהם דאך שטארק פערדראסען וואס יודען ווילען טהון ארעה אנדערע יודען אונ ער האט ארויסגעלאזט אבעפעהל מען זאל זיי אללע ארויסטרייבען. מיט גרויס מיה אונ מיט נאך צוויי טויזענד רענדליך, וואס זיי האבען געזוכט צו־לעגען: האבען זיי דערנאך געפועל'ט מען זאל זיי לאזען צו רוה אונ די שפאנישע יודען האבען אויך בעקומען דאס רעכט זיך צו בעזעצען אין רום.

בעסער איז געוועהן די יודען, וואס האבען זיך אוועקגעלאזט צו די גריכישע אינזעלן קארפו אונ קאנדיא, ווייל דארט האבען זיי געפונען ברידער

מיט וואָרעמע הערצער, וואָס האָבען זיי געשטיצט און האָבען אפילו פערקויפט די זילבער פון די שולען אבי זיי זאָלען בעפרייען די דאָזיגע, וואָס זענען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַווען. בעזאָנדערס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אָפענער האַנד דער פאָרשטעהער פון דער יודישער קהלה אין קאַנדיאַ, ר׳ אלקנה קפּסאלי, וואָס איז ניט מיד געוואָרען אַלליין צו געבען און זאַמלען נדבות ביי אַנדערע. נאָר גאָר גליקליך זענען געוועהן די יודען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין טירקיי, ווייל דער סולטאַן באַיאַזעט דער צווייטע איז געוועהן זעהר איין עדלער און אַקלוגער מענש און האָט פערשטאַנען אַז וואָס מעהר עס וועלען צוקומען יודען וועט עס זיין די גרעסטע טובה פאַר׳ן לאַנד, און אחוץ דעם האָט דער לאַנד־רב, ר׳ משה קפּסאלי, געאַרבייט אַז די טירקישע יודען זאָלען בעהילפיג זיין זייערע שפּאַנישע ברידער. ער איז אומיסטען אַרומגעפאָהרען און געמאַכט אַסך געלד, כדי מען זאָל קאָנען די געמיינע אַנידערשטעלען אויף אַמעמד פּרנסה, און גאָר אין אַקורצער צייט האָבען די שפּאַנישע יודען געוויזען וואָס זיי קאָנען: די טירקיי איז געוואָרען בעלעבט און דער מסחר האָט דאָרט אָנגעהויבען בליהען גאָר אויף איין אַנדער אופן.

דער גרעסטער טהייל פון די שפּאַנישע יודען האָט זיך געלאָזט קיין פּאָרטוגאַל, ווייל ביי פיעל פון זיי האָט נאָך געלעבט אַשטיקעל האָפנונג אַז פריהר אָדער שפּעטער וועט די שפּאַנישע מלוכה קומען צום שכל און וועט חרטה האָבען אויף דעם נאַרישקייט, וואָס זי האָט געטהון, און דאַריבער האָבען זיי זיך ניט געוואָלט פערשלאָגען ערגיץ ווייט און האָבען זיך ענטשלאָסען אויסצוואַרטען אין פּאָרטוגאַל ביז עס וועט קומען די גוטע שעה. פאַר געלד האָט יאָהאַן דער צווייטע געגעבען זיין הסכמה, אַז די שפּאַנישע יודען מאָגען זיך אויף שטאַנדיג בעזעצען ביי איהם אין לאַנד, נאָר די פּאָרטוגאַזישע יודען אַלליין האָבען זעהר מורא געהאַט עס זאָלען זיך אַהין ניט אָנשטופּען צו פיעל יודען און דערנאָך זאָלען זיי אַללע צוזאַמען ניט האַפּען דעם פּסק. אומזיסט האָט זיך דער אַלטער ר׳ יוסף אבן יחיא אָנגענומען פאַר די שפּאַנישע יודען און האָט געשטראָפט זיינע ברידער דערפאַר וואָס ביי אַזא גרויס אומגליק שטעהען זיי און מאַכען חשבונות, עס האָט גאָר ניט געהאָלפען, און אַז די יודען אַלליין האָבען זיך אַקעגענגעשטעלט, האָט שוין די מלוכה געמוזט זיי צו ליעב טהון און מען האָט ערלויבט די שפּאַנישע יודען נאָר דורכפאָהרען דורך פּאָרטוגאַל און בלייבען דאָרט ניט מעהר פון אַכט חדשים, און פאַר דער טובה האָבען זיי בעדאַרפט פון יעדען מענשען בעצאָהלען אַגרויסען מס, און דער

קאניג האט זיך געמאכט א גרויסען בייטעל און האט גערעכענט מיט דעם געלד פיהרען א מלחמה אין אפריקא. יאהאן האט זעהר פיינד געהאט יודען, נאר ער איז געגאנגען מיט דער דעה אז געלד רייסען ביי זיי און בענוטצען זיך מיט זייערע גרויסע פעהיגקייטען מאג מען געווים. דערפאר האט ער ביי זיך געהאלטען עטליכע יודישע דאקטוירים און אז ער האט געמאכט איין אסיפה פון גרויסע געלעהרטע מען זאל עפים טראכטען וועגען אסטראנאמישע אינסטרומענטען, וואס מען האט בעדארפט האבען צו די שיפען, וועלכע ער האט אוועקגעשיקט זוכען נייע לאנדער, האט ער געמוזט אנקומען אויך צו יודישע חכמים, ווי זיין לייב־דאקטאר ר' יוסף וועציגהא, ר' אברהם זכותא, ר' אברהם דע בעיא און ר' יוסף זאפאטיירא דע לאמעגא. אין הארצען האט איהם אבער געקרענקט פאר וואס יודען געבען זיך אב מיט וויסענשאפט און שטעלען זיך אויף אזא מדרגה אז מען מוז פאר זיי דרך ארץ האבען, און ווי וויט ער האט נאר געקאנט יודען שלעכטס טהון, נאר אזוי אז עס זאל זיך ניט ווארפען אין אויג און ער זאל ניט הייסען אז ער איז א שלעכטער, איז ער דארויף געווען אבעלן. איינפיהרען ביי זיך א אינקוויזיציאן — האט איהם ניט געפאסט, נאר אז דער פאפסט אינאקענטי דער אכטע האט איהם געשריבען ער זאל ניט לאזען אז די מאראנען, וואס אנטלויפען פון שפאניען, זאלען ביי איהם געפינען א בעהאלטעניש, האט ער געהייסען מען זאל אהן רחמנות פארברענען די אומגליקליכע וואס האבען גערעכענט אויף זיין הילף. אזוי האט ער זיך נוהג געווען אויך מיט די מאראנען, וועלכע זענען אנטלאפען קיין אפריקא און האבען זיך בעזעצט אויף דער ערד, וואס האט געהערט צו איהם, און אויף זיין חסד זענען איבערגעקומען כמעט הונדערט טויזענד שפאנישע יודען, וואס האבען זיך ניט געקאנט אבבייסען פונ'ם זיסען חלום און האבען געוואלט בלייבען נאהענט צו דער אלטער היים.

אויך זיי האט געטראפען דאס אומגליק וואס עס איז צווישען זיי געווארען א גרויסע מגפה און זיי האבען מיט זיך די קראנקהייט מיט געבראכט קיין פארטוגאל. אוודאי האט שוין יאהאן געהאט א אויסרעד ער זאל די יודען טאקי מעהר ניט לאזען בלייבען אין לאנד ווי אכט חדשים, און ער האט געהייסען בעשטעלען שיפען מען זאל זיי ווייטער אוועקפיהרען. ער האט אפילו אנגעזאגט מען זאל ביי זיי נעהמען וואלוועל, בעהאנדלען פריינדליך און זיי צושטעלען אין די שטאדט, וואוהין זיי וועט בעסער זיין צו פאהרען. נאר קוים זענען זיי געווען אין מיטען ים, האבען די שיפס־לייט ארויסגעוויזען געגען די

יודען א שרעקליך אכזריות: זיי האבען געוואוסט אז זיי זענען גלייך ווי הפקר, וואס קיינער וועט זיך פאר זיי ניט אננעהמען, אונ דערפאר האט מען זיי פשוט געראבעוועט, ווייבער אונ מאדלעך מאנס געוועהן פאר די אויגען פון די עלטערן אונ פון די מאנער, פיעל פון זיי אראבגעווארפען אויף ווילדע אינזעלן, וואו זיי זענען אויסגעגאנגען פאר הונגער.

ווי אזוי די יודען האבען זיך אנגעליטען אויף די שיפען — קאן מען ארויסזעהן פונ'ם בעשרייבונג, וואס איז געבליבען פונ'ם בעקאנטען מקובל ר' יהודה בן יעקב חית, וועלכער האט זיך אים ווינטער פונ'ם יאהר 1493, איינעם מיט זיין פרוי אונ מיט נאך הונדערט פינפציג יודען אויפגעזעצט אויף א שיף אין ליסאבאן. פיער חדשים האבען זיי זיך ארומגעדרעהט אויפ'ן ים, ווייל מען האט זיי, וועגען זייערע קראנקהייטען, אין ערגיץ ניט געוואלט אריינלאזען; די לעבענסמיטעל האבען זיך אויסגעלאזט אונ דערווייל זענען אויף זיי אנגעפאלען רוצחים, וואס פאהרען ארום אויפ'ן ים אונ ראבעווען שיפען, אונ האבען זייער שיף פארשלעפט קיין מלגה. דארט האט מען זיי ניט געלאזט אראבגעהן צום ברעג אונ פערקויפען זיי עסענוו ארג האט מען זיי ניט געוואלט, ווייל די גייסטליכע האבען פערשטאנען אז מיט'ן הונגער וועלען זיי גיכער בייגען די עקשנים. אזוי איז טאקי געוועהן: הונדערט יודען האבען זיך געמוזט טויפען, אונ אז די איבריגע, ווייבער אונ קליינע קינדער האבען אנגעהויבען אויסצושטארבען אויפ'ן שיף, האבען די איינוואהנער פון מלגה פארט רחמנות געקריגען, מען האט זיי פערזארגט מיט לעבענסמיטעל אונ ווייטער געלאזט שווימען קיין אפריקא. מען האט שוין אבער אומעדום געוואוסט אז די יודען פאלען פון א שרעקליך חולאת אונ דערפאר האט מען זיי אויך אין אפריקא אין קיין שטאדט ניט געוואלט אריינלאזען, אונ אז זיי האבען זיך מיט צרות קוים צוגעשלאגען צו דער יבשה, האבען זיי זיך געמוזט ארומבלאנקען אין די פוסטע פעלדער אונ האבען ניט געהאט וואו אקאפ אנידערצולעגען. דעמאלט איז ר' יהודה בן יעקב חית, וואס איז שוין געוועהן איין אלמן, ווייל זיין פרוי איז נאך אין מלגה געשטארבען, אריינגעפאלען אין די האנד פון א באזען טערק, וואס האט איהם געהאלטען פערשלאסען אין א פינסטערן גרוב, פול מיט שלאנגין אונ עקדישען, אונ האט איהם געוואלט ארויפברענגען ער זאל מוזען אננעהמען די מחמדנישע אמונה. ר' יהודה האט זיך אבער פעסט געהאלטען אין זיין גלויבען אונ האט זיך נעבעך אזוי לאנג געמוטשעט ביז ניט ווייט פון א קליין שטעדטעל זענען די יודען געוואהר געווארען פון איהם, מען האט איהם אויסגעלאזט אונ געבראכט קיין

פעץ, ער האט אבער דארט אויך קיין נחת ניט געהאט: עס איז גראד דעמאלט געוועהן א גרויסער הונגער אונ פאר א קליין שטיקעל ברויט, נאר די נשמה צו דערהאלטען, איז ער געצוואונגען געוועהן א גאנצען טאג צו דרעהען די ראד אין א מיהל.

אין פארטוגאל זענען דערווייל נאך געבליבען זעהר פיעל יודען, ווייל ערשטענס, האבען זיי פשוט ניט געהאט אויף הוצאות ווייטער צו פאהרען, אונ צווייטענס, האט מען שוין אנגעהויבען הערען פון דערווייטענס די גוטע בשורות ווי אזוי מען איז זיך נוהג מיט די יודען אויף די שיפען, אונ קיינער האט זיך ניט געוואלט איינשטעלען דאס לעבען. דאריבער האבען זיי זיך אנגעהאפט אין דער שארף פון א שווערד אונ האבען זיך פערלאזט אויף דעם קאניג יאהאן'ס חסד. זיי האבען געהאפט אז ער וועט כארט אויף זיי רחמנות האבען אונ וועט זיי ניט צווינגען ווייטער נע ונד צו זיין. יאהאן האט אבער מיט זיי קיין לאנגע שיחות ניט געמאכט אונ קוים זענען איבערגעלאפען די אכט חדשים, וואס די יודען האבען געהאט דאס רעכט צו בלייבען אין פארטוגאל, האט ער זיי אללע ערקלעהרט פאר שקלאווען אונ האט זיי צושענקט די פריצים. דאס שלים־מזל פון די יודען איז אבער אזוי גרויס געוועהן, אז ביים קאניג יאהאן איז גראד דעמאלט געשטארבען זיין איינציגער זוהן, פריהר איז ער אויך קיין דימאנט ניט געוועהן אונ דאס לעצטע אומגליק האט איהם גאר אין גאנצען געמאכט פאר אין אכזר, אונ פון זיין הארץ איז פערשוואונדען געווארען דאס קליינע ביסעל יושר וואס האט זיך נאך דארט געפונען, אונ ער האט ארויסגעוויזען געגען די יודען אזא אכזריות, וואס אפילו אין יענע יאהרען איז עס שווער געוועהן צו ערווארטען. עס איז איהם נאך וועניג געוועהן וואס ער האט צוגענומען די פרייהייט ביי מענשען, וואס האבען געקאנט דער מדינה גאר נוטצליך זיין; ער האט געוואלט דעם יונגען דור אין גאנצען אבטויפען, אונ דאריבער האט ער געהייסען קליינע קינדער אברייסען פון די עלטערן אונ זיי אוועקשיקען אויף די ווייטע אינזעלן, וואוהין מען פלעגט פון פארטוגאל פערשיקען אללע פערברעכער; עס האט ניט געהאלפען דאס יאמערן אונ קלאגען פון די אומגליקליכע מאמעס. אסך האבען ניט אויסגעהאלטען די ווייטע נסיעה, אונ אזוי איז אתל געווארען כמעט פון א גאנצען דור.

נאך צוויי ביטערע יאהר איז די יודען פלוצלונג ליכטיג געווארען אין די אויגען. יאהאן איז געשטארבען אונ די מלוכה איז איבערגאנגען צו זיין קרוב דון מנואל, וואס איז געוועהן זעהר א גוטער מענש אונ האט באלד בעפרייט

די יודען. פון דעם געלד, וואס די יודען האבען איהם צוגעטראגען, האט ער זיך אבגעזאגט, אונ האט זיי געוויזען אז ער פארשטעהט צו שאטצען זייער ווערטה. דער יודישער געלעהרטער ר׳ אברהם זכותא איז ביי איהם געווארען אגרויסער חשוב אונ די יודען האבען אנגעהויבען אויסצוגלייבען די גליעדער. צו קורץ איז אבער געוועהן זייער שמחה: די קאניגליכע פאמיליע פון שפאניען האט געווארפען איין אויג אויפ׳ן יונגען דון מנואל און אז די פרינצעסין איזאבעלא איז איהם שטארק געפאלען האט מען זיך אנדערש ניט געוואלט משדך זיין מיט איהם ביז ער וועט ניט געבען דאס ווארט, אז ער וועט צוזאמען מיט שפאניען ארויסשפרינגען געגען קארל דעם זיבענטען דעם קאניג פון פראנקרייך, אונ וועט ניט ארויסטרייבען פון פארטוגאל אללע יודען באי די היימישע, סאי די פרעמדע. די צוויי תנאים זענען זעהר שווער געוועהן פאר דון מנואל: ער האט זיך ניט געקאנט ענטשליסען צו ווערען, גאר אהן אפאר וואס, אגעננער פון אמלך, וואס ער האט ביז אהער מיט איהם גוט געלעבט, אונ נאך ביטערער איז איהם געוועהן דערוויטערן פונ׳ם לאנד אזעלכע איינוואהנער, וואס ער האט זיי ליעב געהאט פאר זייער געטריישאפט אונ נוצליכקייט. אזוי האט ער זיך אלץ געשלאגען מיט דער דעה ביז צו דער לעצטער מינוט אונ, אז די כלה איז שוין געשטאנען ביי דער גרעניץ אונ האט איהם געשיקט זאגען אז זי וועט ניט אריינפאהרען קיין פארטוגאל כל זמן אפוס פון איודען וועט זיך נאך דארט געפינען, האט די וואגשאל פון ליעבע אונ פון אפעטען נבן איבערגעוואגען אונ אויף די יודען פון פארטוגאל איז געקומען אנייע צרה.

דעם 24 דעצעמבער 1496, עס איז נאך קיין חודש ניט אוועקגעגאנגען פון דער חתונה, האט דון מנואל ארויסגעלאזט אבעפעהל אז אלטע יודען אונ מאורען, (וואס האבען געהאלטען די מחמדנישע אמונה), מוזען אין אגעוויסער צייט אננעהמען דאס קריסטענטהום, אלא ניט—טארען זיי זיך ניט געפינען אין לאנד אונ ווי באלד מען וועט זיי דערטאפען, קומט זיי דער טויט. באלד ווערען ארוצה האט איהם עפיס ניט געפאסט, אונ דערפאר האט ער די יודען געגעבען צייט כמעט אגאנץ יאהר אונ האט בעשטימט דריי שטאדט ליסאבאן, אפארטא אונ זעטובאל, אז פון דארט זאלען זיי זיך קאנען אוועקלאזען אויף שיפען אין אנדערע לאנדער. דערווייל האט ער גרויס געמאכט די דאזיגע יודען, וואס האבען זיך געלאזט טויפען, ער האט זיי געגעבען די בעסטע שטעלען, בע־האנגען מיט גאלד אונ זילבער, אונ דאס האט ער אלץ געטהון מיט אכונה

מאמער װעלען אנדערע יודען אויך זוכען עולם הזה; עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען און טאקי נאר געצאהלטע יודען זענען בעשטאנען אויף אזעלכע גליקען. דאס האט דעם קאניג שטארק פערדראסען, װייל עס האט זיך איהם גאר ניט געגלוסט אבצולאזען די רייכע און פעהיגע יודען, דערצו האט איהם נאך פון דער אנדערער זייט אללע טאג די יונגע קאניגין געפיקט דעם קאפ ער זאל זעהן װאס גיכער ארויסצופיר'ן די געפאהרליכע שונאים פון דער קאטאלישער קירכע, און דוקא אין דער צייט, װען די יודען האבען ארויסגעקוקט אויף א ישועה און האבען געהאפט אז אין א יאהר קאן נאך דון מנואל ביישן זיין דעה, האבען זיך טאקי זיינע געדאנקען איבערגעביטען, אבער ניט צום גוטען, װי די יודען האבען געדענקט, נאר צום שלעכטען, און ביי איהם אין הארץ איז געװארען אזא שנאה צו זיי, װאס האט איהם דערנאך ארויפגעפיהרט אויף די שרעקליכסטע זאכען. צום אנהייב האט זיך דער קאניג געװענדעט צו די גייסטליכע און האט זיך מיט זיי איין עצה געהאלטען, אז מען זאל די יודען מיט געװאלד גייטהען צו װערען קריסטען, נאר דער עפיסקאפ פערנאנדא קוטינהא האט אויסגעװיזען, אז גאטט איז ניט צופרידען פון געצװאונגענע זאכען, און האט איהם אבגערעדט דערפון. א קליינע צייט איז דון מנואל שטיל געװארען, װייל איינער פון די געטויפטע יודען, לוי בן שם טוב, װאס האט בעקומען א קריסטליכען נאהמען אנטאניא. האט אנגעהויבען שרייבען גאנצע ביכער און דערװייזען אז קיין בעסערס פון קאטאליציזמוס איז גאר אויף דער װעלט ניטא, און דער קאניג האט גערעכענט אז זיינע חבורים װעלען אפשר פארט די יודען אבבריסען פון זייער אמונה, נאר אז ער האט זיך איבערצייגט אז דאס מיטעל העלפט אויך ניט, איז ביי איהם געבליבען צו געהן מיט תקיפות. קודם כל האט ער געהייסען פערשליסען אללע שולען און בתי מדרשים, כדי יודען זאלען ניט האבען װאו צו דאװנען, דערנאך האט ער בסתר ארויסגעגעבען א בעפעהל: מען זאל ביי די יודען צונעהמען די קליינע קינדער און זיי טויפען. װי אזוי די זאך איז ניט צוגעגאנגען בסוד, זענען די יודען דערפון באלד געװאהר געװארען; װער עס איז נאר אים שטאנד געװעהן איז זיכער אװעקגעפאהר'ען, און װער עס האט זיך ניט געקאנט רירען פונ'ם פלאץ האט געזוכט אללע מיטעל צו בעהאלטען די קינדער, אז מען זאל זיי ניט אװעקנעהמען. דער קאניג האט אקוק געטהון אז עס איז קיין תכלית ניט און אז אט אט װעלען די יודען אין גאנצען ארויס פון זיינע האנד, האט ער שוין מורא געהאט צייט צו פערלירען און האט געהייסען מען זאל שוין אללע קינדער צונעהמען ביי די עלטערן, ניי

טויפען אונ אוועקשיקען ווייט, כדי די יודען זאלען צו זיי מעהר קיין שליטה נים האבען. די האר שטעלען זיך קאפויר אז מען דערמאנט זיך וואס דעמאלט איז פארגעקומען: דאס געשריי פון די טאטעס אונ מאמעס, וואס מען האט ביי זיי צוגענומען די קינדער, איז געגאנגען ביז דעם זיבעטען הימעל. א טהייל, אונ צווישען זיי אויך דער בעריהמטער למדן ר׳ יצחק אבן זכין, האבען זיך אלליין דאס לעבען גענומען צוזאמען מיט די קינדער, אונ עס איז געקומען אזוי ווייט אז די קריסטען האבען שוין רחמנות געקריגען, אונ האטש מען האט דערפאר געקאנט האבען זעהר א גרויסען עונש, פלעגען זיי בעהאלטען ביי זיך יודישע קינדער.

ביי אזעלכע מיטעל איז, מן הסתם, די צאהל פון די געטויפטע יודען נים ווייניג געוועהן, עס איז אבער פאר דון מנואל אלץ קארג געוועהן: ער האט געוואלט אז קיין איינציגער יוד זאל נים ארויספאהרען פון פארטוגאל אונ דערפאר האט ער אזוי געדרעהט אז די יודען זאלען עובר זיין אויף דעם זמן, וואס ער האט בעשטימט, אונ ער זאל האבען א רעכט מיט זיי צו טהון וואס ער וויל. ער האט עס אויך קונציג אבגעארבייט: ער האט געמאכט, אז ארויס פאהרען מאגען נאר די יודען פון ליסאבאן, צו ליעב דעם האבען זיך אהין פערזאמעלט מעהר פון צוואנציג טויזענד יודען, אויף די שיפען האט ער אנגעזאגט, מען זאל זיי דארט מאכען א עכוב, דערווייל איז אריבער דער חודש אקטאבער אונ די מלוכה האט זיך שוין געקאנט מיט זיי נוהג זיין ווי מיט פערברעכער. קוים האט שוין דון מנואל געהאט פאר וואס זיך צו טשעפען האט ער געהייסען אללע יודען פערשפארען אין שטאלען אזוי ווי בהמות אונ האט זיי געלאזט זאגען, אז אצונד זענען זיי זיינע שקלאווען אונ זיי האבען קיין אנדערע ברירה נים נאר זיך צו טויפען. מיט גוטען האט ער אבער גאר נים געקאנט מאכען, האט ער געהייסען מען זאל זיי דרייסיג טאג כסדר נים געבען קיין עסען, אונ אז דער הונגער האט זיי אויך נים געבויגען האט ער געגעבען א בעפעהל מען זאל זיי מיט שטריק שלעפען אין קירכע. דעמאלט זענען צוגעקומען אסך נייע מאראנען פון די פארטוגאזישע אונ שפאנישע יודען אונ צווישען זיי איז אויך געוועהן ר׳ לוי בן חביב, וואס איז שפעטער געווארען רב אין ירושלים. פיעל יודען האבען זיך אבער אלליין דערהרג׳ט, אונ נאר עטליכע איז געראטהען צו אנטלויפען, ווי ר׳ יצחק בן יוסף קארו פון טולעדא, וואס האט אין פארטוגאל פערלארען צוויי זיהן, אונ איז מיט גרויס מסירת נפש אריבער קיין טירקיי, אונ ר׳ אברהם זכותא מיט זיין זוהן

שְׁמוּאֵל, וָואס הָאבֶּען אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען דִי בֶּעסְטֶע שְׁטֶעלֶען אִין קָאנִיגְלִיכֶען הוֹיף אוּנ הָאבֶּען זִיךְ מִיט גְרוֹיס מִיה קוֹים צוּ גֶעשְׁלָאגֶען קַיין תּוּגִים.

דִי נַייע מַארְרַאנֶען פוּן פָּארְטוּגַאל הָאבֶּען גֶעוואוּסְט וָואס מֶען הָאט גֶעמִיהוֹן מִיט זַייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין שְׁפַּאנְיֶען אוּנ הָאבֶּען גוּט גֶעצִיטֶערְט טָאמֶער הֶעלְפְט זֵיי נִיט אֲפִילוּ דִי מַאסְקֶע פוּנ'ם קְרִיסְטֶענְטְהוּם, אוּנ דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵיי אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט שְׁלִיחִים קַיין רוֹם, וַוייל דֶער פַּאפְּסְט אַלֶכְּסַנְדֶר דֶער זֶעקְסְטֶער הָאט פַאר גֶעלְד אַמָאל גֶעקָאנְט טְהוּן אוֹיךְ אַ גוּטֶע זַאךְ. וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס, הָאבֶּען זֵיי אִיהם אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט אַ שֶׁענֶעם פִּדְיוֹן, אוּנ הָאטְשׁ דֶער שְׁפַּאנִישֶׁער גֶעזַאנְדְטֶער גַארְצִילַאזָא הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעמִיהט אַז דֶער פַּאפְּסְט זָאל אָבּ־זָאגֶען זַייעֶר בַּקָשָׁה, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט דוֹן מַנוּאֵל בֶּעקוּמֶען אַ וִוינְק עֶר זָאל מֵטִיב זַיין, אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט אִים יָאהר 1497 אַרוֹיסְגֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהל אַז אִין אַ צַייט פוּן צְוַואנְצִיג יָאהר טָאר מֶען זִיךְ צוּ גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען נִיט טְשֶׁעפֶּען פַאר וָואס זֵיי הִיטֶען נָאךְ אָבּ יוּדִישְׁקַייט, אוּנ אֲפִילוּ שְׁפֶּעטֶער, וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְוַוייזֶען אַז זֵיי זֶענֶען פַאלְשׁ דֶעם קַאטָאלִיצִיזְמוּס, דַארְף מֶען זֵיי נָאר בֶּע־שְׁטְרָאפֶען דֶערְמִיט וָואס דִי מְלוּכָה נֶעהמְט צוּ זַייעֶר פֶערְמֶעגֶען אוּנ גִיבְּט עֶס אִיבֶּער זַייעֶרֶע יוֹרְשִׁים. אוֹיסֶער דֶעם הָאט מֶען דֶערְמָאלְט עֶרְלוֹיבְּט אַז דָאקְטוֹירִים פוּן דִי גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען מֶעגֶען הָאבֶּען הֶעבְּרֶאִישֶׁע בִּיכֶער, אוּנ דָאס הָאט גֶעפִיהרְט דֶערְצוּ וָואס הוּנְדֶערְטֶער מַארְרַאנֶען הָאבֶּען זִיךְ אֶפֶענְטְלִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מִיט לֶערְנֶען אוּנ הָאבֶּען גֶעקָאנְט אָהְן מוֹרָא זִיצֶען עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה. דִי פְּרַייהַייטֶען הָאבֶּען אָבֶּער נָאר גֶעהַאט דִי הַיימִישֶׁע מַארְרַאנֶען; אוֹיף דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען הָאט דִי קֶאנִיגִין אִיזַאבֶּעלַא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי פְרוּם וִוי דִי מוּטֶער, גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען, אוּנ וִוי בַּאלְד עֶס אִיז נָאר אוֹיף יֶעמַאנְדֶען גֶעפַאלֶען אַ חָשַׁד אַז עֶר אִיז אַנְטְלָאפֶען פוּן דֶער אִינְקְוִויזִיצְיָאן, הָאט מֶען אִיהם בַּאלְד צוּרִיק־גֶעשִׁיקְט, כְּדֵי שְׁפַּאנְיֶען זָאל חָלִילָה נִיט פֶערְלִירֶען קַיין קָרְבָּן.

נָאר הָאטְשׁ דִי לַאגֶע פוּן דִי פָּארְטוּגֶאזִישֶׁע מַארְרַאנֶען אִיז גֶעוֶועהן גָאר נִיט שְׁלֶעכְט אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעקָאנְט כִּמְעַט פְּרַיי הַאלְטֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען עֶטְלִיכֶע פְרוּמֶע, אוּנ צְוִוישֶׁען זֵיי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן דֶער רַב ר' שִׁמְעוֹן מַיְמִי, וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט אֲפִילוּ לְפָנִים נָאכְגֶעבֶּען דִי שׂוֹנְאִים אוּנ הָאבֶּען בֶּעסֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכְסְטֶע יִסוּרִים, אַבִּי נִיט אָבְּטְרֶעטֶען אוֹיף קַיין הָאר פוּנ'ם גְלוֹיבֶּען. עֶס הָאבֶּען נִיט גֶעהָאלְפֶען דִי עִנוּיִם קָשִׁים וָואס מֶען הָאט זֵיי אָנְגֶעטְהוֹן: אִין דֶער תְּפִיסָה, וואוּ זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעסֶען, הָאט מֶען זֵיי אוֹיף דְרַיי טָאג אַיינְגֶעגְרָאבֶּען בִּיז דֶעם הַאלְז אִין דֶער

ערד, נאר אזא שטראף האט זיי אויך ניט געקאנט בייגען און דערמאלט האט ר׳ שמעון מימי אויסגעהויכט זיין כשר׳ע נשמה. צוויי מאראנען האבען זיך איינגעשטעלט דאס לעבען און האבען בסתר ארויסגעטראגען זיין גוף פונ׳ם געפאנגניש און איהם געבראכט צו קבורת ישראל.

אין א יאהר ארום איז איזאבעלא געשטארבען פון א קימפעט און נאך איהר טויט איז דון מנואל א ביסעל בעסער געווארען, און עטליכע פון די עקשנים, וואס זענען נאך געבליבען אין תפיסה, ווי דער בעריהמטער דרשן און מקובל ר׳ אברהם סבא, וואס מען האט זיינע קינדער מיט געוואלד געטויפט, ר׳ יעקב לואל און ר׳ שם טוב ליר׳מא, האט ער ערלויבט ארויסצופאהרען פון פארטוגאל. נאר אויף ר׳ שמעון מימי׳ס משפחה איז אויסגעגאסען געווארען דער גאנצער צארן: אלאנגע צייט האבען זיי זיך אבגעמוטשעט אין געפאנגעניש און דערנאך האט מען זיי פערשיקט קיין אפריקא זיי זאלען דארט בויען פעסטונגען, און אזוי ווי מען האט זיי געניטה צו ארבייטען אים שבת האבען זיי עס ניט געקאנט איבערטראגען און זענען געשטארבען ווי קדושים.

אזוי האבען זיך מיט יודען נוהג געוועהן מענשען וואס בארמהארציגקייט און ליעבע זענען דער עיקר פון זייער אמונה, צום סוף, אז שפעטער מיט אכטציג יאהר האט זיך דאס רעדעל איבערגעדרעהט, דון מנואל׳ס אור-עניקעל, דער קאניג סעבאסטיאן האט פערלארען די מלחמה געגען אפריקא און די בעסטע יונגע לייט פון פארטוגאל האט מען פערקויפט פאר שקלאווען, האבען די יודען בעהאנדעלט די פארטוגאזען מיט יושר און רחמנות, די געפאנגענע פלעגען זיך בעטען מען זאל זיי נאר פערקויפען צו יודען, ווייל זיי האבען זיך איבער-צייגט אז די יודען זענען ניט קיין נוקמים ונוטרים.

---

6 דאס ווייטערדיגע נע ונד זיין פון יודען און מאראנען.

(1497—1520 נאך קריסטוס געבורט).

דאס וואס האט זיך איבערגעטהון מיט די יודען פון שפאניען און פארטוגאל האט געווארפען א שרעקליכען פחד אויף אלע יודען פון די איי-ראפאישע לאנדער און האט ביי פיעל פון זיי צוגענומען די לעצטע האפנונג אויף עפים א תקומה. אין דייטשלאנד און אנדערע ערטער, וואו די יודען האבען זיך גערופען אשכנזים, האבען זיי אויך געהאט גענוג צרות, נאר דארט זענען זיי שוין אבער געוואהנט געוועהן מיט דעם און האבען זיך שטאנדיג

געשראָקען פאַר עפּיס אַרגערס. די יודען פון קאַסטיליען, אַראַגאָניען, לעאָן, נאַוואַרראַ און פּאָרטוגאַל, וואָס מען האָט זיי גערופען ספרדים, האָבען אַ צייט געלעבט זעהר גליקליך, זייערע איבריגע ברידער האָבען זיי גערעכענט פאַר מיוחסים, און אַז פּלוצלונג האָט אַ שטורם-ווינד אָנגעהויבען אויסברעכען מיט די וואָרצעל די שאַנע גרויסע ביימער, וואָס זשע האָבען שוין געקאָנט טראַכטען די קליינע פערדאַרטע ביימעלעך? עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס קוים איז מען געוואָהר געוואָרען אַז דער עולם לאָזט זיך קיין טירקיי, האָבען זיך אַללע אומגליקליכע דערמאָנט אין דער אַלטער היים, טויזענדער האָבען זיך גענומען אָהן מיטעל לויפען וואוהין די אויגען וועלען זיי טראָגען. כמעט פון אַללע איז געוואָרען אַ תל און זעהר ווייניגע איז געראָטהען זיך צו צושלאָגען צום ציעל, וואָס שוועבט שטענדיג פאַר׳ן יודען אין די ביטערע יאָהרען פון צרות און רדיפות.

נאָך שווערער איז געוועהן איבערצוטראָגען די צרות די ספרדים אַלליין, וואָס האָבען געמיינט אַז שפּאַניען און פּאָרטוגאַל איז שוין אין גאַנצען זייערס און וואָס עס האָט זיך זיי גאָר ניט געחלומט אַז פּלוצלונג וועלען זיי האָבען אַזאַ ביטערן סוף. זייער מכה איז נאָך געוועהן גרעסער דערמיט, וואָס ביי זיך אין הארצען האָבען זיי געוואוסט אַז אויסער דער אמונה זענען זיי צוגעקאָוועט צו שפּאַניען און רעכנען עס פאַר אַ פאַטערלאַנד, און דאָס שפּאַנישע לשון איז געוואָרען זייער מוטטער שפּראַכע, אַז אַללע אַנוואָהנער זענען זייערע ברידער, און גאָר אָהן אַ פאַרוואָס האָט מען זיי אַרויסגעיאָגט און אַראָבגעוואָרפען פונ׳ם הויכען קלאָרען הימעל אין טיעפען פינסטערן אָבגרונד. דער בראָך איז ביי זיי געוועהן אַזוי שרעקליך אַז זיי האָבען געקוקט אויף דעם פערטרייבען ווי אויף אַ דריטען גלות און, האָטש שפּאַניען איז פאַר זיי געוואָרען אַ באָזע שטיפ-מוטטער, האָבען זיי פון דעסטוועגען ניט געוואָלט זיך אויף עביג געזעגנען מיט דער שפּאַנישען שפּראַכע און וואוהין זיי זענען מגולגל געוואָרען האָבען זיי זיך ניט געקאָנט אָבברייסען פון דעם לשון, וואָס האָט זיי געדיענט אין דער גליקליכער צייט, און עד היום איז ביי זיי געבליבען די שפּאַנישע שפּראַכע פּונקט ווי ביי די דייטשע יודען דאָס יודיש-דייטשע לשון, וואָס איז איבער-געגאַנגען צו דור דורות און איז אַצונד די מוטטערשפּראַכע פון עטליכע מיליאָנען יודען וואָס זענען צוואָרפען אין פערשיעדענע לאַנדער.

ניט אומזיסט האָבען אָבער די ספרדים זיך גערעכענט ביי די איבריגע יודען פאַר די גרויסע מיוחסים, ווייל אין די עטליכע הונדערט יאָהר, וואָס זיי

האבען געלעבט גליקליך און רוהיג, האבען זיי זיך אזוי פיעל בעשעפטיגט מיט תורה און תלמוד אז אפילו שפעטער מיט פיעל דורות און שוין אויף גאנץ נייע ערטער איז ביי זיי נאך געוועהן דער קוואל פון לערנען און פון זיי זענען ארויס די גרעסטע רבנים און לומדים. די משפחה אברבנאל, וואס האט געקאנט זעהר לייכט בלייבען אין שפאניען אי ביי רייכקייט, אי ביי כבוד, און האט זיך פון דעסטוועגען אויסגעבראכט ביז לעצט אבי זיך ניט אבצוטהיילען פון די ברידער, האט אויך אין דער פרעמד געשפיעלט א גרויסע ראללע. דער אלטער דון יצחק אברבנאל, וואס איז אין נעאפעל געווארען דער גראכטער חשוב ביים קאניג פערדינאנד דעם ערשטען און ביי זיין זוהן אלפאנסא, האט געמוזט צוזאמען מיט'ן קאניגליכען הויף, ווען די פראנצאזען זענען אנגעפאלען אויף נעאפעל, אנטלויפען, פריהר קיין סיציליען, דערנאך קיין קארפו און גאר צו לעצט קיין מאנאפאלי און דארט האט ער אויף דער אלטער געלעבט געמיין און אבגעשיידט פון פרוי און קינדער און האט זיך נאר בעשעפטיגט מיט תורה. זיין עלטערער זוהן ר' יהודה ליב, אדער לעאן מדינה אברבנאל, וואס האט זיך אלאנגע צייט ניט געקאנט טרעסטען, ווייל מ'ען האט ביי איהם מיט געוואלד געטויפט זיין בן יחיד און ער איז שוין געבליבען א קריסט, האט געלעבט אין גענוא און איז געוועהן לייב-דאקטאר ביים שני למלך פון נעאפעל, גאנזאלווא דע קארדאבא, וועלכער איז צו ליעב איהם געווארען א שטארקער אוהב ישראל און האט די יודען אבגעהיט פון א גרויסע צרה, ווען די מלוכה האט אין בענעווענט אויך איינגעפיהרט איין אינקוויזיציאן פאר די מאראנען, וואס זענען אהין געקומען פון שפאניען און פארטוגאל, און האט טאקי חשק געהאט אז די יודען זאלען אויך האפען דעם פסק. דער צווייטער זוהן ר' יוסף יצחק אברבנאל, איז אויך געוועהן אדאקטאר; ער האט געלעבט אין רעדזשיא, דערנאך איז ער ארויס קיין ווענעדיג און האט שפעטער אהין אראבגעבראכט דעם פאטער, און האט'ס דער אלטער דון יצחק אברבנאל איז שוין געוועהן גאר צובראכען, אהן כוחות, האט ער זיך ניט אבגעזאגט צו דיענען דעם סענאט פון וועניעדיג מיט זיינע עצות, און ביי וויכטיגע שאלות אין מדינה-זאכען פלעגט מען אנקומען צו איהם. דער יונגסטער זוהן, ר' שמואל אברבנאל, האט זיך בעזעצט אין סאלוניקי און האט דארט געפיהרט א גרויסע ישיבה.

די ספרדים, וואס זענען פערווארפען געווארען קיין אפריקא, האבען זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זייערע גרויסע קענטניסע און האבען אפט פיעל

געהאלפען צו פערבעסערן דעם צושטאנד פון זייערע ברידער, וואס האבען ניט אזוי רוהיג געלעבט צווישען ווילדע פעלקער. אין מאראקקא האט זיך געפונען א יוד, וואס די מלוכה האט איהם זעהר געאכטעט. אין פעץ איז געוועהן א גרויסע קהלה מעהר פון פינף טויזענד משפחות און דארט האט אויך געלעבט א שפאנישער יוד ר׳ שמואל אלוולנזי, וואס אללע איינוואהנער האבען איהם אזוי ליעב געהאט אז מען האט איהם אויסגעקליבען פאר׳ן פארשטעהער פון דער גאנצער שטאדט. אין טלעמזען האבען זיך בעזעצט פיעל שפאנישע יודען און צווישען זיי האט זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט מיט זיין שארפען כח און חריפות ר׳ יעקב בי־רב, וואס איז אין גאנצען אלט געוועהן אכטצעהן יאהר, ווען ער איז אנטלאפען פון שפאניען, און איז דערנאך געווארען איינער פון די גרעסטע רבנים אין דער וועלט; וואס נאר ר׳ יעקב פאלאק, דער בעריהמטער רב פון דייטשלאנד, האט זיך געקאנט גלייכען צו איהם.

אין אלזשיר איז אויך איינער פון די שפאנישע יודען, ר׳ שמעון דוראן, אזוהן פונ׳ם בעריהמטען רב ר׳ שלמה דוראן, געווארען דער מנהיג פון דער גאנצער קהלה. ער איז געוועהן א גרויסער בעל צדקה, און אז עס האט זיך געמאכט וואס א שיף איז צובראכען געווארען נעבען סעווילא און מען האט פונפציג שפאנישע יודען פערקויפט פאר קנעכט קיין אלזשיר, האט ר׳ שטעון דוראן צונויפגעזאמעלט זיבען הונדערט רענדליך און האט די אומגליקליכע יודען אויסגעלאזט. אין תונים האבען זיך אויך בעזעצט פיעל ספרדים און צווישען זיי זענען בעזאנדערס בעקאנט ר׳ אברהם זכותא, וואס האט זיך דארט ווייטער בעשעפטיגט מיט וויסענשאפטען, און האט דארט איהם יאהר 1505 אנגעשריבען א בוך וועגען דער געשיכטע פון די יודען, וואס האט געהייסען „ספר היוחסין", און ר׳ משה בן יצחק אלשקר, א געטרייער תלמיד פון ר׳ שמואל אלנולנסי, וואס האט זיך אבגעגעבען מיט קבלה, נאר ער האט אויך געהאלטען פון חקירה־ספרים. די צוויי לומדים האבען אבער לאנג ניט געקאנט בלייבען אין תונים און, אז עס האבען זיך אנגעהויבען שטארקע מלחמות צווישען שפאניען און אפריקא איז ר׳ אברהם זכותא אריבער קיין טירקיי און איז דארט אים יאהר 1515 געשטארבען, און ר׳ משה אלשקר איז אוועקגעפאהרען קיין מצרים און האט זיך דארט געאלטערט אין עושר און אין כבוד.

קיין מצרים, און בעזאנדערס צו דער הויפטשטאדט קאירא, האבען זיך געצויגען זעהר פיעל שפאנישע יודען און, מיט דער צייט איז זייער צאהל גרעסער געווארען פון די היימישע, אז זיי זענען אהין געקומען איז דער פארשטעהער

פון אללע יודען אין מצרים געוועהן אבעזונדער נשיא, ר' יצחק כהן שאלאל, וואס האט מיט זיין עהרליכקייט אונ גוטסקייט נושא חן געוועהן ביים סולטאן אונ איהם צו ליעב האט די מלוכה געקוקט זעהר פריינדליך אויף אללע יודען, אונ האט געהאט דאס גראסטע צוטרויען אפילו צו די פרעמדע, וואס זענען ערשט ניט לאנג געקומען פון שפאניען. איינער פון די פרעמדע, ר' דוד אבן־אבי־זמרה, האט באלד ווי ער האט זיך נאר בעזעצט אין קאירא בעקומען די גראסטע שטעללע ביי דער קרוין אונ האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע מעלות אונ נוצליכקייט. אז דער סולטאן סעלים דער ערשטער האט אבער אים יאהר 1517 אבגענומען מצרים, האבען די שפאנישע יודען גאר דערגרייכט צו א גרויסער מדרגה, ווייל סעלים האט געמאכט נייע ארדנונגען אין דער מדינה, דערצו האט ער בעדארפט האבען פעהיגע מענשען אונ אזעלכע האט ער נאר געקאנט געפינען צווישען די דאזיגע, וואס שפאניען האט זיך מיט זיי געווארפען. א שפאנישען יודען, ר' אברהם דע קאסטרא האט ער געמאכט פאר פינאנץ־מיניסטער, אונ ער האט פערשטאנען זיך צו בענוצען מיט זיין הויכען מעמד אונ האט געהאט אין זין אי צו ארבייטען פאר דעם לאנד, אי צו פערזארגען זיינע ברידער. דעמאלט האט די מלוכה איינגעפיהרט אז יעדע יודישע קהלה זאל זיך אויסקלויבען איהר אייגענעם רב אונ דער פריהריגער נשיא, ר' יצחק שאלאל, איז אוועקגעפאהרען קיין ארץ ישראל, אונ האט זיך דארט ביז'ן טויט אויסגעצייכענט מיט זיין צדקה אונ מעשים טובים. אין קאירא, האט דער עולם אויפגענומען פאר רב ר' דוד אבן־אבי־זמרה אונ ער איז אזוי בעליעבט געוועהן אין גאנצען לאנד, אז עס איז איהם גאר אהן מיה געראטהען איינצופיהרען ביי די יודען פון מצרים די אייגענע צייט־רעכנונג, וואס די יודען האבען געהאט אומעדום. די יודען פון בבל האבען אכטצעהן הונדערט יאהר כסדר גערעכענט די צייט פון דעם יאהר וואס דער סירישער קעניג סעליוקוס האט איינגענומען א גרויסע מלחמה אונ וואס פון דעמאלט אן האט זיך אנגעהויבען די סעלעיקידישע צייט־רעכנונג; חאטש די סירער זענען שוין לאנג אונטערגעגאנגען אונ אנדערע פעלקער האבען זיי איינגעשלונגען, ווי די ראמער, ביזאנטינער, מהמדנער, מאנגאלען אונ טירקען, האבען די יודען פון בבל זיך נאך געהאלטען אן דער סירישער ירושה אונ פון זיי האבען עס אויך געגנאשט די יודען פון מצרים, אונ די צייט־רעכנונג איז ביי זיי געווארען אזוי הייליג אז מען פלעגט פסול מאכען א גט, ווען דער טאג איז דארט געוועהן אנגעוויזען אנדערש. אודאי פלעגען דערפון אפט ארויסקומען מאוסע

זאגען, אונ דאריבער האט ר' דוד אבן-אבי-זמרה איין מאל פאר אללע מאל
געמאכט אז אויך אין מצרים זאל מען רעכענען די יאהרען אדער פונ'ם חרבן
בית המקדש, אדער פון דער צייט וואס מען רעכענט צייט די וועלט איז
בעשאפען געווארען, אונ טאקי זיין געזעצטער נאהמען האט געבראכט דערצו
וואס די יודען, וועלכע האבען אפט ליעב זיך צו עקשנ'ען איבער א פוסטע
זאך, האבען איהם געפאלגט אהן מחלוקת אונ אהן רעש.

די לאגע פון די יודען אין מצרים איז דעמאלט געוועהן גאר ניט שלעכט,
נאר איין קליינער איבערשלאג האט זיך געמאכט אים יאהר 1524 אונ די יודישע
קהלה פון קאירא איז געוועהן אין א גרויסער סכנה. דעם שני למלכות,
אחמד שיטן האט זיך פערגלוסט צו ווערן א זעלבסשטאנדיגער מלך אונ ער
האט געגעבען א בעפעהל דעם פינאנץ-מיניסטער ר' אברהם דע קאסטרא,
ער זאל הייסען ניסען נייע מטבעות פון זיין נאהמען. דע-קאסטרא איז אבער
געוועהן זעהר געטריי דעם סולטאן, האט ער זיך ניט וויסענדיג געמאכט, ער
האט איהם מיט'ן מויל צוגעזאגט אונ אליין איז ער שטילערהייד אוועקגעפאהרען
קיין קאנסטאנטינאפאל מודיע זיין וואס עס געהט פאר. אחמד שיטן האט
באלד פערשטאנען וואס דע-קאסטרא האט איהם אבגעטהון, אונ עס איז ביי
איהם געבליבען ער זאל זיך נוקם זיין אין זיינע ברידער. פונקט אים פורים האט
ער ארויסגעלאזט א גאנצע מחנה פון רוצחים זיי זאלען באראבעווען די יודישע
הייזער, אונ א חוץ דעם האט ער געהייסען איינזעצען אין תפיסה צוועלף שאנסטע
בעלי בתים אונ זיי האלטען ביז מען וועט איהם ניט צושטעלען א גאנצען
מטמון מיט געלד. אוודאי איז דעמאלט די יודען דער יום טוב פערשטערט
געווארען, פון דער שמחה איז געווארען א תענית אונ פון גרויס ביז קליין איז
מען געלעגען אין שול אונ מען האט געוויינט אויף דעם אומגליק, ווייל אחמד
שיטן האט געלאזט זאגען אז ווי באלד דאס געלד וועט ניט זיין, וועט ער
אויסקוילען אללע יודען, אונ דא האט מען געזעהן אז ווען מען זאל שוין
צונויפנעהמען דאס גאנצע פערמעגען פון אללע קאירער יודען וועט ניט זיין
אפילו קיין צעהנטעל פון דעם וואס דער אכזר פאדערט. די יודישע טרערען
זענען אבער ניט אומזיסט פארגאסען געווארען: אין דעם אייגענעם טאג, וואס
אחמד שיטן האט שוין געוואלט מאכען די שחיטה, דעם 28 אדר, איז אויף
איהם אנגעפאלען איינער פון זיינע הויפט-לייט מחמד בעי אונ האט איהם גע-
שטאכען. די יודען זענען באלד בעפרייהט געווארען אונ האבען דעם נס
אויפגעשריבען אויף א בעזונדער מגילה. דער זכר פון דער ישועה האט זיך

ביי זיי געהאלטען א לאנגע צייט און אללע יאהר פלעגט מען דעם 28 אדר מאכען אין קאירא א צווייטען פורים.

ירושלים איז אויך שטארק בעלעבט געווארען דורך דעם וואס פיעל ספרדים האבען זיך דארט בעזעצט, און גאר אין א קורצער צייט האבען די שפאנישע יודען דארט אויך אנגעהויבען שפיעלען א גרויסע ראללע. אין די ערשטע זיבען יאהר איז פון זיבציג משפחות געווארען צוויי הונדערט, און קיים זענען אוועקגעגאנגען צוואנציג יאהר האט זיך זייער צאהל פערגרעסערט ביז פונפצעהן הונדערט פאמיליען, און אללע האבען געהאט פרנסה בשפע און זענען אים שטאנד געוועהן אויסצוהאלטען די געצאהלטע ארעמע לייט, וואס האבען געמוזט לעבען פון קצבה. די צוגעקומענע יודען האבען פון ירושלים געמאכט גאר איין אנדער שטאדט, און בעזאנדערס האט אין דעם געארבייט דער בעריהמטער דרשן פון איטאליען ר' עובדיה דע ברטנורא, וואס האט צוואנציג יאהר כסדר זיך געמיהט איינצופיהרען שאנע סדרים אין דער יודישער קהלה, און מיט דער הילף פון די ספרדים און אויך פון ר' יצחק שלאל, וואס האט זיין גאנץ עשירות אבגעגעבען נאר אויף צדקה-זאכען, איז איהם געראטהען די יודישע איינוואהנער פון ירושלים ארויספיהרען אויף אזא מדרגה אז פאר די, וואס האבען זיי געזעהן פריהר, איז שוין שווער געוועהן זיי צו דערקענען. צווישען די פערדארבענע מדות וואס מען האט דערמאלט אויסגעבעסערט איז אויך געוועהן די תקנה אז יודען זאלען ניט נעהמען קיין פאלשע מטבעות און, אז מען נארט אפילו איינעם פון זיי אב און מען גיבט איהם א פאלשע מטבע, מוז ער אליין ליידען דעם היזק און טאר זי קיין אנדערן ניט אוועקגעבען, און מען זאל ניט מאכען קיין גאנצע סעודות אויפ'ן קבר פון שמואל הנביא, ווייל מאננער און פרויען פלעגען זיך דארט אנטרינקען מיט וויין און עס זענען אפט דערפון ארויסגעקומען ניט קיין שאנע זאכען.

נאך דער היילינער הויפט-שטאדט, האט זיך די יודישע קהלה פון צפת גערעכענט פאר איינע פון די גרעסטע, וואס האט אויך בעקומען איהר גלאנץ דורך א שפאנישען למדן ר' יוסף סרגסי, פאר וועלכען יודען און מחמדנער האבען גלייך דרך ארץ געהאט. אז דאגות הפרנסה האבען איהם געוואלט ווייטער אוועקטרייבען פון צפת, איז געבליבען ביי דער גאנצער שטאדט מען זאל איהם בשום אופן ניט אוועקלאזען: מען האט איהם בעשטימט שכירות און צוויי דריטעל האבען געגעבען דוקא ניט קיין יודען. ר' יוסף סרגסי האט זיך אפילו צו פיעל בעשעפטיגט מיט קבלה, נאר דאס האט איהם דערסטוועגען

נִיט גֶעשַׁאדְט צוּ זַיין אֱמֶת פְרוּמְקַייט אוּנ נוּטְהֶארְצִינְקַייט, וָואס דֶערְמִיט הָאט עֶר זִיךְ קוֹנֶה אַהֲבָה גֶעוֶועהן בַּיי אַללֶע.

אִין דַמֶשֶׂק הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ בֶּעזֶעצְט אִיבֶּער פִינְף הוּנְדֶערְט יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁפַּאנְיֶען אוּנ פָּארְטוּגַאל, וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ דָארְט אוֹיסְגֶעבּוֹיֶעט אַ טְהַייעֶרֶע שׁוּל, נָאר זֵיי הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט הַאלְטֶען צוּזַאמֶען אוּנ הָאבֶּען גֶעמַאכְט בֶּעזָאנְדֶערֶע מִנְיָנִים, לוֹיט דֶער צָאהל פוּן דִי שְׁטֶעדְט, וָואס זֵיי זֶענֶען פוּן דָארְט פֶערְטְרִיבֶּען גֶעוָוארֶען.

דִי עֶרְשְׁטֶע צַייט, וָואס דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען הָאבֶּען פֶערְבְּרַאכְט אִין טִירְקַיי, אִיז פַאר זֵיי גֶעוֶועהן דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע, וַוייל דִי סוּלְטַאנֶען בַּאיַאזֶעט דֶער צְוֵוייטֶע, סֶעלִים דֶער עֶרְשְׁטֶע אוּנ סוּלֵיימַאן דֶער עֶרְשְׁטֶע הָאבֶּען זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס פְרַיינְדְלִיכְקַייט, אוּנ נִיט אוּמְזִיסְט הָאט דִי טִירְקַיי צוּ זִיךְ צוּגֶעצוֹיגֶען כִּמְעַט דִי הֶעלְפְט פוּן דִי פֶערְטְרִיבֶּענֶע. דָאס לַאנְד הָאט אוֹיךְ נִיט בֶּעדַארְפְט קַיין חֲרָטָה הָאבֶּען דַארוֹיף: דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען הָאבֶּען בַּאלְד אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז זֵיי זֶענֶען זֶעהר פֶאהִיגֶע נִיט נָאר צוּם מִסְחָר, נָאר אוֹיךְ צוּ פֶערְשִׁיעדֶענֶע מְלָאכוֹת אוּנ חָכְמוֹת. זֵיי הָאבֶּען גֶעמַאכְט פַאר דֶער טִירְקִישֶׁער מְלוּכָה כְּלֵי זַיין, פּוּלְוֶוער, הַארְמַאטֶען, אוּנ אוֹיב דִי טֶערְקֶען הָאבֶּען זִיךְ נוּט בֶּעפֶעסְטִיגְט הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאט עֶס צוּ פֶערְדַאנְקֶען שְׁפַּאנְיֶען, וָואס הָאט זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט פֶערְטִיגֶע גֶעלֶעהְרְטֶע אוּנ נוּצְלִיכֶע אַיינְוָואהְנֶער. בֶּעזָאנְדֶערְס זֶענֶען בֶּעלִיעבְּט גֶעוָוארֶען דִי יוּדִישֶׁע דָאקְטוֹירִים, אוּנ עֶס אִיז נִיט גֶעוֶועהן אֵיין לַייטִישׁ הוֹיז וָואס הָאט נִיט מִיט פֶערְגְנִיגֶען גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען צוּ אַ יוּדִישֶׁען דָאקְטָאר. אֵיינֶער פוּן דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען, ר׳ יוֹסֵף הַמוֹן, אִיז גֶעוֶועהן לַייבּ־דָאקְטָאר בַּיים סוּלְטַאן סֶעלִים, אוּנ דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעלֶע אִיז אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִיהם צוּ זַיינֶע קִינְדְס־קִינְדֶער. זַיין זוּהן ר׳ מֹשֶׁה הַמוֹן, הָאט נָאךְ אִיבֶּערְגֶעטְרָאפֶען דֶעם פָאטֶער מִיט זַיין פַיינֶעם תַּארַאקְטֶער אוּנ מִיט זַיין גוּטֶען קָאפּ; דֶער סוּלְטַאן פְלֶעגְט אָהן אִיהם קַיין זַאךְ נִיט טְהוּן אוּנ אֲפִילוּ בַּיי אַ מִלְחָמָה הָאט אִיהם ר׳ מֹשֶׁה הַמוֹן גֶעמוּזְט נָאכְפָאהרֶען. אִים יָאהר 1535 אִיז ר׳ מֹשֶׁה הַמוֹן צוּזַאמֶען מִיט׳ן סוּלְטַאן גֶעוֶועהן אִין פֶּערְסִיֶען אוּנ הָאט פוּן דָארְט מִיט גֶעבְּרַאכְט אַ גְרוֹיסֶען לַמְדָן ר׳ יַעֲקֹב טוּז, וֶועלְכֶער הָאט דִי תּוֹרָה אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף פֶּערְסִישׁ. דִי זֶעלְבֶּע אִיבֶּערְזֶעצוּנְג, צוּזַאמֶען מִיט אַ כַאלְדֶעאִישֶׁע אוּנ אַרַאבִּישֶׁע, הָאט ר׳ מֹשֶׁה גֶעלָאזְט דְרוּקֶען אוֹיף זַיין רֶעכְנוּנְג.

אִין קָאנְסְטַאנְטִינָאפֶּעל הָאט זִיךְ דִי יוּדִישֶׁע קְהִלָּה פֶערְגְרֶעסֶערְט מִיט יֶעדֶען טָאג, דוּרךְ דִי צוּגֶעקוּמֶענֶע יוּדֶען פוּן שְׁפַּאנְיֶען אוּנ פָּארְטוּגַאל, אוּנ אִיז דֶעמָאלְט

שוין בעשטאנען פון דרייסיג טויזענד מענשען. די יודען האבען דארט געהאט פיער אונ פירציג שולען. נאר יעדע שול האט זיך געפיהרט בעזונדער, נאך די מנהגים, וואס בעלי בתים האבען מיטגעבראכט פון דער אלטער היים. נאכ'ן טויט פונ'ם בעריהמטען לאנד־רב ר' משה קפסאלי, וועלכער האט געווג געארבייט פאר זיינע ברידער ביז ער האט זיי אין דער טירקיי אנידער געשטעלט אויף א פעסטען מצב, איז די שטעלע איבערגעגאנגען צו ר' אליהו מזרחי, וואס איז אויך געוועהן א גרויסער חשוב ביי דער מלוכה אונ מען פלעגט איהם אפט רופען צו די אסיפות פון די מיניסטארען, ער זאל אויך זאגען זיין דעה. חאטש ר' אליהו מזרחי, וואס האט געשטאמט פון גריכענלאנד אונ האט געלערנט אין א דייטשער ישיבה, האט זיך שטארק געהאלטען אין דעם דרך פון די דייטשע רבנים, פון דעסטוועגען איז ער ניט געוועהן קיין שונא פון חכמה אונ האט גלייך געשטיצט אללע וואס בעשעפטיגען זיך מיט וויסענשאפט פונקט ווי די וואס לערנען נאר תורה. אין דער יוגענד איז ער געוועהן א גרויסער געגנער פון קראימעס אונ האט זיי ניט געלאזט קיין קאפ אויפהויבען, נאר אויף דער עלטער איז ער נאר ווייכער געווארען, אונ אז עס זענען ארויסגעשפרונגען עטליכע פרומע, וואס האבען געטאכט א חרם אויף די יודען, וואס האבען געשאפטען מיט קראימעס אונ לערנען צוזאמען מיט זיי, אונ עס האט געזאלט דערפון ארויס א שטארק מחלוקת, האט ר' אליהו מזרחי בענוצט זיין קראפט אונ האט די קראימעס דוקא געשיצט. אויסער דעם לאנד־רב האבען די יודען געהאט א בעזונדער פארשטעהער ביי דער טירקישער מלוכה, שאלתיאל, וואס איז אויך געוועהן זעהר איין עדלער מענש אונ פלעגט זיינע ברידער טהון די גרעסטע טובות.

מעהר פון אללע אנדערע טירקישע שטאדט האט אין יענער צייט צו זיך געצויגען די שפאנישע יודען סאלוניקי, וואס איז כמעט גאר אין גאנצען געווארען א גרויסע יודישע שטאדט מיט זעקס אונ דרייסיג נייע שולען. די ספרדים האבען דארט אנגעהויבען שפיעלען די הויפט־ראללע אונ קיין אנדער שפראכע ווי שפאניש רעדען דארט די יודען ניט עד היום. אין סאלוניקי האט זיך דערמאלט בעזעצט ר' יהודה בנבנשתי, אעניקעל פונ'ם בעריהמטען ר' אברהם בנבנשתי, אונ אזוי ווי פון זיין גאנץ פערמעגען איז איהם נאר געראטהען אבצוראטעווען דעם קאסטען מיט ספרים אונ ער האט איהם מיט געבראכט קיין טירקיי, האבען זיך ארום איהם געזאמעלט אללע לומדים אונ סאלוניקי איז געווארען א מקום תורה. בעזאנדערס האט מען אין סאלוניקי געלערנט

קבלה, נאר מיט תלמוד אונ חכמה האט מען זיך אויך אבגעגעבען אונ אין דעם האבען זיך אויסגעצייכענט ר׳ יעקב אבן חביב, ר׳ יוסף טאיטצק אונ ר׳ שמואל פראנקא.

די ספרדים האבען אויך אנגעשפארט אין קליין־אזיען אונ האבען געהאט ניט קיין קליינע קהלות אין אמזיא, ברוסא, טריא אונ טאקאט. אין גריכענלאנד האבען זיי זיך בעזעצט אין דריי שטאדט: פטרס, נגרפנטע אונ טהעבען, אונ האבען זיך דארט שטארק גענומען צו לערנען אזוי אז די טהעבענער ישיבה האט אנגעהויבען שם׳ען אויף דער וועלט. אין קאנעא, אויף דער אינזעל קאנדיא, איז אויך געווארען א גרויסע יודישע קהלה, אונ צוויי משפחות, דיל־מדיגו, די קינדער פונ׳ם בערימטען פילאזאף דיל־מדיגו, אונ קפסאלי, די קרובים פונ׳ם טירקישען לאנד־רב, האבען זיך גערעכענט פאר די פארשטעהער. ר׳ אליהו קפסאלי האט אנגעשריבען אויף לשון קודש, אים יאהר 1523, ווען אין קאנדיא איז געווארען א גרויסע מגפה, א ספר וועגען דער געשיכטע פון די טירקישע מלכים אונ האט דארט בעשריבען די שרעקליכע צרות פון די שפאנישע יודען, לויט די אנטלאפענע אונ פער־טריבענע האבען דערצעהלט, אהן גוזמאות אונ נאר דעם ריינעם אמת. מיט דעם ספר האט ער געוואלט טרעסטען די אומגליקליכע, וואס דאס חולאת האט ביי זיי צוגענומען נאהענטע אונ געליעבטע מענשען, זיי זאלען זעהן אז אויף דער וועלט טרעפט זיך נאך ערגערס אונ זאלען זיך לערנען ליידען, שווייגען אונ האפען — די דריי זאכען וואס האלטען דעם יודען אויף די פיס.....

אין איטאליען. וואס איז געוועהן דער ערשטער פלאץ וואוהין די יודען האבען זיך געריהרט פון שפאניען אונ פארטוגאל, זענען אויך פערבליבען פיעל פון די פערטריבענע, וועלכע האבען זיך ניט געקאנט לאזען ווייטער, אונ האבען דוקא געמאכט ניט שלעכט, ווייל די פאפסטע אלכסנדר דער זעכסטער, יוליוס דער צווייטע, לעא דער צעהנטע אונ קלעמענס דער זיבעטע האבען אין זין געהאט נאר די מטבע, אונ דערפאר זענען פאר זיי די יודען געוועהן א גאנצע סחורה. דערצו האבען זיך באלד אויסגעצייכענט די יודישע דאקטוירים אונ ניט נאר דאס פראסטע פאלק, נאר אפילו די גראסטע גייסטליכע זענען געצוואונגען געוועהן זיך ווענדען צו זיי אונ האבען געמוזט אוועקקוקען פון די אלטע וואס האבען פערווערט קריסטען זיך צו היילען ביי יודען, א פראנצאזישער יוד באנעט דע לאטעס, וואס האט א חוץ מעדיצין זיך בעשעפטיגט אויך מיט אסטראנאמיע, אונ האט אנגעשריבען עטליכע

ביכער אויף לאטייניש, איז געוועהן לייב-דאקטאר ביים פאפסט אלעכסאנדער אונ דערנאך ביים פאפסט לעא אונ ביידע האבען צו איהם געהאט דאס בעסטע צוטרויען. איין אנדער יוד ר׳ שמעון צרפתי איז געוועהן לייב-דאקטאר ביים פאפסט יוליוס. דער קארדינאל דאמעניטשי גרימאני האט אויך געהאלטען ביי זיך א יודישען דאקטאר, ר׳ אברהם דע-באלמש, וועלכער האט געשריבען א פאר ספרים אויף לשון קודש אונ א קריסט האט זיי איבערגעזעצט אויף לאטייניש. דעמאלט האבען זיך נאך אויסגעצייכענט עטליכע יודישע דאקטוירים, ווי ר׳ יהודה אדער לוידאדעאוס דע בלאן פון פערודזשיא אונ ר׳ עובדיה אדער סערוואדעאוס דע-ספורנו, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מיט מעדיצין אין רום אונ בולוניא אונ האט זיינע העברעאישע ספרים מיט א לאטיינישע איבערזעצונג געבראכט פאר א מתנה דעם קעניג היינריך דעם צווייטען פון פראנקרייך. גרעסער פון אללע מיט זיינע קעגטניסע איז געוועהן ר׳ יעקב מאנטין, נאר דער עולם האט פון איהם ניט אזוי געהאלטען איבער זיין שלעכט הארץ. ער איז געוועהן ניט נאר בערירמט אין מעדיצין — אונ צו ליעב דעם האט ער פערנומען די שטעלע פון לייב-דאקטאר ביים פאפסט, ביים שליח פונ׳ם קייזער קארל דעם פינפטען אונ ביים פירסט הערקולא גאנצאגא, — נאר ער האט אויך געקאנט פיעל שפראכען אונ האט ארויסגעגעבען א סך ביכער אויף לאטייניש, איטאליעניש אונ אראביש. איין ספר זיינעם, וועלכען ער האט איבערגעזעצט פון אראביש, האט ער געשענקט דעם עלטסטען פונ׳ם סענאט אין ווענעדיג, אנדרעאס גריטי, וועלכער האט שטארק געשאצט זיין געלערנטקייט. נאך איין יודישער געלעהרטער האט אין יענער צייט קונה שם געוועהן: דאס איז געוועהן ר׳ אברהם פריצול פון פראנקרייך וואס דאגות הפרנסה האבען איהם געטריבען פון זיין געבורטס-ארט אוויניאן קיין פערארא אונ ער האט אין איטאליען בעקומען די מעגליכקייט זיך אבצוגעבען מיט זיינע געליעבטע וויסענשאפט — מיט דער בעשרייבונג פון דער ערד אונ פון די אונ-בעקאנטע לענדער, ווי אשטייגער אמעריקא, וואס מען האט נאר וואס ענטדעקט, אונ אזוי ווי דער הערצאג ערקאלע די עסטע איז געוועהן א גרויסער ליעבהאבער פון חכמה, האט ער ר׳ אברהם פריצול שטארק מקרב געוועהן. אזוי האבען די בעריהמטע יודישע דאקטוירים אונ לומדים פון איין זייט אונ די פעהיגע כוחרים אונ בעלי מלאכות פון דער אנדערער זייט בעליעבט געמאכט די יודען, אונ די יודישע קהלות פון רום, נעאפעל, ווענעדיג,

פאדוא און אנקאנא האבען אנגעהויבען צו בליהען. אין גאנצען רוהיג זענען אבער די יודען אין איטאליען ניט געוועהן, ווייל עס איז געווענדט געוועהן אין דעם ווינטעל וואס האט געבלאזען פון אויבען: דאס פאלק האט טאקי צו זיי גאר ניט געהאט, נאר קוים איז די מלוכה געוועהן א שלעכטע האט מען זיך אנגעהויבען צו זיי טשעפען גאר אהן א פארוואס. דאריבער איז קיין וואונדער וואס גאר פלוצלונג האט מען אים יאהר 1516 איינגעפיהרט אז אין אללע איטאליענישע שטאדט זאלען די יודען האבען זייער אבגעזונדערט ארט, וואס מען האט גערופען „געטא".

די משפחה אברבנאל האט אין איטאליען אלאנגע צייט געשפיעלט זעהר א גרויסע ראללע, כאטש דער אלטער דון יצחק אברבנאל האט שוין דארט ניט פיעל געלעבט און זיין עלטערער זוהן לעאן מדיגו האט זיך אין גאנצען דערווייטערט פון קהל'שע זאכען און האט זיך נאר אבגעגעבען מיט וויסענשאפט. פון די דריי ברידער האט אין איטאליען מעהר געקלונגען דער נאהמען פונ'ם יינגסטען ר' שמואל אברבנאל, וואס האט געלעבט קרוב צו אכטציג יאהר און האט זיין גאנץ לעבען געארבייט נאר פאר יודען און פאר דער טובה פון דער מדינה, וואס איז ביי איהם געוואהרען דאס צווייטע פאטערלאנד. פונ'ם פאטער האט ער געירש'ט די גרויסע פעהיגקייטען וועגען פינאנץזאכען און אז ער איז פון סאלוניקי צוריקגעקומען קיין נעאפעל האט איהם דער וויצע קעניג דון פעדרא דע טולעדא געגעבען זעהר א שאנע שטעלע, וואס האט איהם געבראכט אי כבוד, אי עשירות. ר' שמואל אברבנאל איז נאך אבער גליקליכער געוועהן מיט זיין פאמיליען־לעבען: זיין פרויא בענווענידא איז געוועהן שאן, קלוג, גוט און פרום, און דאס עדלע פאר פאלק האט זיך געקויפט ליעבשאפט ביי יודען און ביי קריסטען און אללע האבען זיך געבענטשט מיט זיי. בענווענידא'ן האט דער שני למלך געבעטען זי זאל ערציהען זיין טאכטער לעאנארא און אז פון דער קליינער לעאנארא איז שפעטער אויסגעוואקסען די גרויסע הערצאגין פון טאסקאנא האט זי נאך אלץ געדענקט איהר יודישע ערציהערין, זי האט זי שטאנדיג גערופען „מוטטער" און איהר צו ליעב האט זי די יודען גערעכענט פאר „ברידער".

אודאי זענען די איטאליענישע יודען געוועהן מאנגאטען געגען זייערע דייטשע ברידער. סך הכל איז אין דייטשלאנד געוועהן נאר ווענינ יודען, ווייל פון קעלן, מאינץ, איגסבורג און גאנץ שוואבען האט מען זיי שוין לאנג ארויסגעטריבען, נאר די געצאהלטע, וואס זענען נאך אין עטליכע ערטער

גֶעבְּלִיבֶּען, הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ נִיט גֶעקָאנְט גְלִיקְלִיךְ שָׁאטְצֶען מִיט זַייעֶר לַאגֶע. דֶער קֵייזֶער פְּרִידְרִיךְ דֶער דְרִיטֶער, וָואס דֶער בֶּערִיהמְטֶער לַמְדָן ר׳ יַעֲקֹב בֶּן יְחִיאֵל לָאאַנְס אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן אַגְרוֹיסֶער חָשׁוּב, הָאט זֵיי אֲפִילוּ גֶעוָואלְט שִׁיצֶען, אוּנ פַאר׳ן טוֹיט הָאט עֶר צַוָאָה גֶעלָאזְט דֶעם זוּהן עֶר זָאל דִי יוּדֶען אָבְּהִיטֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִין דִי מְלוּכָה נִיט אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן גוֹבֵר צוּ זַיין דִי שִׂנְאָה פוּנ׳ם פָאלְק אוּנ דֶער קֵייזֶער מַאקְסִימִילִיַאן הָאט זִיךְ נָאר בֶּעגְנִיגְט דֶערְמִיט וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט ר׳ יָאזֶעלִין לָאאַנְס פוּן רָאסְהֵיים פַאר אַיוּדִישֶׁען בַּעַל טַעֲנָה, דָאס הֵייסְט, עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֶעבֶּען אַשְׁבוּעָה אַז אִיז אַלֶע זַאכֶען וָואס מֶען וֶועט אִיהם פְרֶעגֶען וֶועגֶען יוּדֶען וֶועט עֶר זָאגֶען דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת. דָאס וָואס דִי דַייטְשֶׁע יוּדֶען הָאבֶּען פַאר זִיךְ גֶעמוּזְט הָאבֶּען אַמֵלִיץ יֹשֶׁר — בֶּעוַויְיזְט אַז אַלֶע מָאל הָאט מֶען אוֹיף זֵיי עֶפִּיס אַנְדֶערְ׳שׁ אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוּנ יֶעדֶען טָאג אִיז אוֹיסְ־גֶעוַואקְסֶען אַנַייעֶ שְׁאֵלָה, וָואס מֶען הָאט זֵיי בֶּעדַארְפְט פַארְאֶנְפֶּערְן. דֶער קֵייזֶער מַאקְסִימִילִיַאן אִיז גֶעוֶועהן אַמֶענְשׁ מִיט זֶעהר אַשְׁוַואכֶען חַארַאקְטֶער, יֶעדֶער הָאט אִיהם גֶעקָאנְט בֵּייגֶען ווּאוּהִין עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט אוּנ דֶערְפַאר אִיז דִי יוּדֶען אִין זַיין צַייט שְׁטַארְק בִּיטֶער גֶעוָוארֶען. אַז עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען אַפָּאר עֶדְלֶע מֶענְשֶׁען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען אִיהם אוֹיפְגֶעקְלֶעהְרְט אַז עֶס אִיז אַיֹשֶׁר מֶען זָאל דִי יוּדֶען פְרַיינְדְלִיךְ בֶּעהַאנְדְלֶען, הָאט עֶר נִיט גֶערֶעדְט קֵיין אַנְדֶער וָוארְט אוּנ אִיז בַּאלְד בֶּעשְׁטַאנֶען דַארוֹיף; נָאר קוֹים זֶענֶען טַאקִי אִין אַמִינוּט אַרוּם גֶעקוּמֶען דִי גַייסְטְלִיכֶע אוּנ הָאבֶּען אִיהם אַיינְגֶערֶעדְט אַז דִי יוּדֶען זֶענֶען שֶׁאדְלִיךְ אוּנ אַז עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶע מִצְוָה זֵיי אָנְצוּטְהוּן צָרוֹת, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעשָׁאקֶעלְט מִיט׳ן קָאפּ אוּנ הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אִין אַלֶע לִיגֶענְס וֶועגֶען בְּלוּט אוֹיף פֶּסַח אוּנ הָאסְטִיֶעס, וָואס מֶען הָאט אִיהם נָאר פָארְגֶעזָאגְט. אַז דִי מְלוּכָה אִיז אַיינְגֶע־שְׁטַאנֶען בַּיי אַזַא וִוינְד אִין פֶעלְד, הָאבֶּען זִיךְ דִי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל רֶעכְט צוּפִיהרְט דִי הֶאנְד, מֶען הָאט גֶעגַזְלֶ׳ט אוּנ גֶעהַרְגֶ׳ט אוּנ עֶס אִיז אַזוֹי וַוייט גֶעקוּמֶען, אַז דִי דַייטְשֶׁע יוּדֶען הָאבֶּען שׁוֹין אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַבֶּעזוּנְדֶער וִדוּי, וַוייל כִּמְעַט יֶעדֶען טָאג פְלֶעגֶען יוּדֶען מְקַדֵּשׁ הַשֵּׁם זַיין. פַאר מַאקְסִימִילִיַאן אִיז דִי זַאךְ גֶעוֶועהן וִוי גֶעפוּנֶען. אוֹיף אַזוֹי פִיעל אִיז עֶר גֶעוֶועהן זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶאנְדִיג אַז עֶר הָאט גֶעיַרְשֶׁ׳ט דָאס פֶערְמֶעגֶען פוּן דִי יוּדֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ פֶערְלָאזְט אוֹיף אִיהם אוּנ דֶערְנָאךְ הָאבֶּען זֵיי דֶערְפַאר מִיט׳ן לֶעבֶּען בֶּעצָאהלְט.

דִי אַיינְוָואהנֶער פוּן נִירֶנְבֶּערְג, וָואס דִי יוּדֶען זֶענֶען בַּיי זֵיי גֶעוֶועהן וִוי אַדָארְן אִין אוֹיג, הָאבֶּען אַצוּנְד גֶעפוּנֶען אַשָׁעַת הַכּשֶׁר זִיךְ נוֹקֵם צוּ זַיין

אין זיי אונ האבען זיך געקלאגט פאר'ן קייזער מאקסימיליאן אז די יודען זענען מגיר פיעל קריסטען, אז זיי בערייסען דאס פאלק דורך דעם גרויסען פראצענט ביי הלואות, אונ אז זיי בעהאלטען אונ קויפען אב אללע גנבות. דערצו האט נאך איינער פון די שונאי ישראל, דער רייכער אנטאניוס קאבערגער געלאזט אבדרוקען אויף זיין רעכנונג דאס בוך פון דעם שפאנישען גייסטליכען אלפא נסא דע ספינא, וועלכער האט אויף יודען אויסגערעדט כל הרעות, אונ האט עס צוטהיילט אין פאלק כדי די שנאה זאל נאך דורך דעם גראסער ווערען. מאקסימיליאן האט זיי באלד געגעבען איין ערלויבניש אז זיי מאגען טהון מיט די יודען וואס זיי ווילען אונ עס איז געבליבען מען זאל זיי געבען צייט פיער חדשים ביז זיי זאלען אין גאנצען ארוים פון דער שטאדט. מיט גרויסע האבען די יודען געפועל'ט, אי דאס האט פון זייערטוועגען געטענה'ט זייער אבעל טובה ווילליבאלד פירקהיימער, מען זאל זיי געבען צייט נאך אויף דריי חדשים, אונ דערנאך האבען זיי געמוזט אללע, אים יאהר 1599, אוועק פון נירנבערג, וואס האט געמאכט א תקנה אז מעהר זאל מען קיין יודען אהין ניט אריינלאזען אונ אללע יודישע הייזער אונ שולען זאל צונעהמען די מלוכה.

אין דער איינענער צייט האט מען ארויסגעטריבען די יודען פון אולם, נארדלינגען, קאלמאר אונ מאגדעבורג. עס זענען נאך געבליבען דריי יודישע קהלות אין רעגענשבורג, ווארמס אונ פראנקפורט אם מאין. נאר די רעגענשבורגער קריסטען האבען זיך מתקנא געוועהן אין אנדערע שטאדט אונ האבען אויך אנגעהויבען רודפ'ן די יודען. עס איז אזוי ווייט גע־קומען אז מען האט יודען ניט געוואלט פערקויפען קיין ברויט אונ קיין מעהל, אויפ'ן מארק האבען זיי זיך ניט געטארט ארויסווייזען, אונ זעהר אפט פלעגען זיי זיצען הונגעריג אונ מיט געלד אין די קעשינעס. אזא לאנגע האט לאנג ניט געקאנט אויסהאלטען אונ די יודען האבען זיך געמוזט צולויפען נאך עהדער עס איז אנגעקומען דער בעפעהל מען זאל זיי ארויסטרייבען.

די באהמישע יודען זענען ניט געוועהן גליקליכער פון די דייטשע. אין פראג פלעגט אפט דאס פאלק אנפאלען אויף דער יודישער גאס אונ ראבעווען, אונ ניט איין מאל האבען די קריסטען געבעטען דעם קאניג לאדיסלויס ער זאל זיי בעפרייען פון די יודען, דער קאניג איז געוועהן פערטיג זיי עס צו ליעב צו טהון, נאר די יודען האבען אויך געהאט צווישען די גרויסע לייט אסך גוטע פריינד אונ מען האט די זאך פערדריבען. אין פראג האט ר' גרשון כהן, וואס איז ארויסגעקומען פון דער איטאליענישער משפחה זאנטשין, וועלכע האט

זיך בעשעפטיגט מיט בוכדרוקעריי, געאפענט, אים יאהר 1503, א יודישע דרוק; וואס האט נאר געדרוקט סדורים; קיין אנדערע ספרים, אפילו תלמוד, האט מען דעמאלט ניט בעדארפט, ווייל אין דייטשלאנד זענען געוועהן גאר ווענוג לומדים אונ אויסער דעם בעריהמטען רב ר׳ יעקב פאלאק, וואס האט אין אייראפא געשפיעלט די איינענע ראללע ווי ר׳ יעקב בי־רב אין אזיען, איז קיינעם ניט אין זין געוועהן זיך אבצוגעבען מיט לערנען.

נוט איז געוועהן די יודען אין פוילען אונ אויך אין ליטא, ווייל דארט האט דאס פאלק ניט געהאט אזא שטארקע דעה, די קאטאלישע גייסטליכע האבען גאר ניט געקאנט מאכען מיט׳ן גיפט, וואס זיי האבען אריינגעלאזט, אונ ביי די פריצים איז דער יוד געוועהן תקיף אונ ביי זיי אלדינג אויסגעפיהרט. די פוילישע יודען זענען אויך געוועהן זעהר נוצליכע איינוואהנער אונ אויסער ערדארבייט האבען זיי זיך בעשעפטיגט מיט מלאכה אונ מסחר. די גוטע געזעצע, וואס דער קאניג קאזימיר האט איינגעפיהרט, האבען געשיצט די יודען, אונ ווען ויינע ביידע זיהן, יאהאן אלבערט אונ אלכסנדר, האבען זיך געפריווט אביסעל צו פערקליינערן די רעכטע פון די יודען, איז עס געוועהן נאר אויף א קורצער צייט, אונ אז די מלוכה איז איבערגעגאנגען צום קאניג סיגיזמונד דעם ערשטען, וואס האט געהערשט מעהר פון פיערציג יאהר, איז דער מצב פון די יודען געווארען נאך בעסער, זיי האבען נאר בעדארפט צאהלען מס אונ ווייטער האט זיך די מלוכה גאר צו זיי ניט געמישט, די רבנים האבען געהאט די גאנצע מאכט אונ דאס אינוועניגסטע יודיש לעבען האט זיך געפיהרט פריי אונ זעלבסטשטאנדיג.

ניט אומזיסט האבען זיך געלאזט קיין פוילען די אונגליקליכע יודען פון אנדערע לאנדער אונ בעזאנדערס פון דייטשלאנד. די צאהל פון די דייטשע יודען, וואס האבען זיך בעזעצט אין פוילען איז געוועהן אזוי גרויס אז די יודען, וואס האבען דארט געוואהנט פון פריהר, האבען זיך געגען זיי גאר ניט אנגעזעהן. עס האט גאר ניט געדויערט, האבען די דייטשע יודען אנגעהויבען שפיעלען אין פוילען א גרויסע ראללע אונ האבען כמעט ווי איינגעשלונגען זייערע פוילישע ברידער. די פוילישע יודען האבען אבער דארויף קיין חרטה ניט געהאט, ווייל די דייטשע האבען מיט זיך מיט געבראכט דעם טהייערשטען אוצר, וועלכען די שונאים האבען ניט געקאנט ביי זיי אבנעמען, — די תורה. עס האבען זיך א שיט נעגעבען פון בייערן, שוואבען, באהמען אונ אסטערייך גרויסע לומדים, זיי האבען אין אללע שטאדט געאפענט ישיבות

און יודישע קינדער האבען ווייטער אנגעהויבען לערנען גמרא און ארויסווייזען זייערע חריפות. אחוץ דעם האבען די דייטשע יודען געמאכט אז אללע יודען פון פוילען און ליטא זאלען זיך בעדיענען מיט דער דייטשער שפראכע, ווייל זיי האבען געוואלט אז פונקט ווי די ספרדים האבען אומעדום, וואו זיי זיינען נאר פערטריבען געווארען, איינגעפיהרט מען זאל נאר רעדען שפאניש, אזוי זאלען אללע, וואס וואהנען איינעם מיט די אשכנזים, נאר רעדען דייטש. דאס האבען זיי געטהון אומיסטען כדי די פערשיעדענע לשונות זאלען ניט אבזונדערן די יודען אין יעדען לאנד און עס זאל צווישען זיי קאנען זיין מעהר אחדות. פון יענער צייט אן האט עברי־טייטש אנגעהויבען הייסען „יודיש“ און אללע יודען פון די סלאווישע לאנדער האבען בעקומען א בעזונדער לשון, וואס האט זיי שוין ניט געלאזט זיך אויסמישען מיט אנדערע און האט שטארק בעפעסטיגט צווישען זיי די ליעבע צו זייער פאלק און צו זייער אמונה.

די צייט פון דער רעפארמאציאן.

1 די מענשענפריינדע און די רעפארמאציאן.

(1500—1530 נאך קריסטוס געבורט).

די רעפארמאציאן, דאס הייסט: איבערמאכען איין אלטע זאך וואס האט אין זיך חסרונות אויף א נייער מיט מעהר מעלות, האט זיך דווקא אנגעהויבען אין דייטשלאנד, ווייל דארט האט מען זיך פריהר ווי ערגיץ אנדערש ארומגעקוקט, אז די קאטאלישע גייסטליכע ציהען איבער דעם בויגען מיט זייער הנהגה, מיט זייער בעררייסען די וועלט, מיט דער שרעקליכער שנאה וואס זיי מאכען אן, און מען האט זיך גענומען אויסבעסערן די פעהלער און איינפיהרען אזעלכע דינים, וואס זאלען מעהר פאסען פאר דער אמונה, וועלכע איז פון אנהייב אן געבויעט אויף מענשענליעבע. א ביסעל האבען די יודען געהאט אנגיעה אין דער רעפארמאציאן, ווייל די אייגענע, וואס האבען געפרעגט שאלות אויפ'ן תלמוד און געפונען דארט חסרונות, האבען שוין קיין כבוד ניט געלעגט אויף קריסטליכע הייליגע ספרים און האבען דארט אויך אבגעזוכט ניט ווייניג זאכען, וואס האבען זיי געמוזט קשה זיין. דערפאר האבען די יודען אויך גענאסען דעם זכות, און אז עס האט אנגעהויבען ליכטיגער ווערען האט זיך זייער

לאנגע געווים פערבעסערט. נאר עהדער עס ווערד טאג מוז זיך נאך דאס פינסטערניש פערשטארקען, אונ דאריבער האבען די יודען געהאט גענוג צרות ביז עס האט זיך געוויזען עפיס א ישועה..

איינער פון די רשעים, וואס איז ארויסגעשפרונגען טאקי פון יודען אונ זיי האבען איהם געהאט א לאנגע צייט צו געדענקען, איז געוועהן יוסף פפעפערקארן, א גראבער יונג א קצב, וואס מען האט איהם געחאפט מיט א גנבה אונ ער האט זיך בעפרייהט פונ'ם עונש דערמיט וואס ער האט זיך צוזאמען מיט ווייב אונ קינדער געלאזט טויפען, ווען ער איז שוין אלט געוועהן קרוב צו פירציג יאהר. אט די טהייערע מציאה האבען אין קעלן אויפגעחאפט די קאטאלישע גייסטליכע, ווי דער אינקוויזיטאר האכשטראטען אונ ארנאלד פון טונגערן, וואס האבען געדאנקט גאטט ווען ער האט זיי בעשערט עפיס א נייעם געטויפטען יודען ער זאל קאנען זיין איין עדות געגען זיינע ברידער אונ מאכען אויף זיי בלבולים. בעזאנדערס האט דעמאלט געארבייט געגען די יודען ארטואין דע־גראעס, וואס האט געהאלטען אין איין אונטערהיצען דאס פאלק מיט ביכער, וואס זענען פול געוועהן מיט שקרים אונ כזבים. די ביכער איז ער אבער אליין ניט אים שטאנד געוועהן צו שרייבען: ווי וועניג קונצען מען דארף האבען דארויף אז מען זאל רעדען שלעכטס אויף יודען מוז מען האטש, פון יוצא וועגען, אנווייזען א פסוק פון תנ"ך, א מימרא פון גמרא, אונ דאריבער האט ער געמוזט אנקומען צו אזעלכע יודען, וואס האבען פאר געלד פערקויפט דאס ביסעל תורה, וואס ער האט בעדארפט האבען צו זיינע ביכער. פריהר האט איהם געהאלפען א געוועזענער רב, וואס האט זיך געטויפט אונ אוועקגעווארפען א גאנצע משפחה, ווען ער איז שוין אלט געוועהן פינפציג יאהר, וויקטאר פאן קארבען. נאר, ווי עס שיינט, האט ארטואין דע גראעס ניט געהאט קיין גרויס נחת פונ'ם רב'ס למדנות אונ ער האט זיך געחאפט צום קצב אונ האט אונטער פפעפערקארנ'ס נאהמען ארויסגעגעבען א בוך, וואס האט געהייסען „דער שפיגעל". אין דעם בוך האט פפעפערקארן אויפגעטהון אזא המצאה: ער האט זיך קלאמערשט געווענדעט צו די קריסטען מיט א בקשה זיי זאלען לעבען ווי ברידער מיט די יודען, זיי ניט שלאגען ניט רויבען, ווייל זיי זענען אייגענטליך גאר ניט אזוי שולדיג, די גאנצע עולה איז נאר וואס זיי נעהמען פראצענט אונ ווילען ניט געהן אין די קירכען הערען די דרשות פון די גייסטליכע, אונ דאס האט נאר דער תלמוד אנגעארבייט; ער האט זיי אראבגעפיהרט פונ'ם וועג אונ דאריבער דארף מען זעהען אז פון דער גמרא

זאל קיין זכר ניט בלייבען. מיט אזא אויסרעד האט פפעפערקארן געוואלט בענייהען די אלטע גזרה וועגען פארברענען דעם תלמוד און האט גערעכענט אז מיט זיין בוך וועט ער עס פועל'ן ביי דער מלוכה. די יודען זענען אבער קיין מאל קיין נאראנים ניט געוועהן, זיי האבען פערשטאנען וואס פאר א בעל טובה פפעפערקארן קאן זיי זיין, און וואס פאר א גיפט עס ליעגט אין זיינע זיסע דבורים, און האבען באלד ארויסגעלאזט א קול, אז דאס איז מעהר ניט ווי איין אויפטהוא, כדי מען זאל ביי זיי רייסען געלד. דערמיט האבען זיי פפעפערקארן ארויסגעבראכט פון דער העזה, ער האט באלד אראבגענומען די מאסקע פון ישר און איז שוין ארויס געגען די יודען מיט דער גאנצער רשעות; ער האט ארויסגעלאזט עטליכע נייע ביכער און האט דארט ארויסגעוויזען אז די יודען זענען הפקר־מענשען, אז עס איז די גרעסטע מצוה זיי צו ברענגען אויפ'ן פייער, אז מען דארף ביי זיי צונעהמען אללע היילינע ספרים און די קינדער מוז מען מיט געוואלד טויפען.

די צייטען האבען זיך אבער פארט איבערגעביטען. פריהר וואלט פפעפערקארן גאר ניט בעדארפט אזוי פיעל טענה'ן, ער וואלט אהן ביכער און גאר אהן ראיות געפינען א סך בעלנים אויף יודען צו שלאגען, נאר אצונד איז עס איהם זעהר שווער אנגעקומען, ווייל די מלוכה האט איהם ניט געוואלט הערען און צו די גרויסע עדעללייט, וואס האבען געהאט ביי זיך יודישע דאקטוירים און אנדערע חשובים, וועלכע האבען זיי אויפגעקלאהרט וואס פאר א נפש פפעפערקארן איז, האט ער קיין שליטה ניט געקאנט האבען. אז פפעפערקארן מיט זיין חברה האבען דערזעהען אז זייער גאנצע מיה קאן זיין אומזיסט, זענען זיי געפאלען אויף איין אנדער שכל און האבען זיך אבגעזוכט גאר אנייעם וועג צום קייזער מאקסימיליאן: אין מינכען האט געוואהנט אין א קלויסטער (מאנאסטיר) דעם קייזערס שוועסטער קוניגונדע, וואס האט אין דער יוגענד געהאט גענוג צרות און, אז זי איז געבליבען איין אלמנה האט זי זיך אין גאנצען אבגעזאגט פון דער וועלט און האט זיך גענומען צו פרומקייט. אט צו דער פרומער פרינצעסין האט מען אוועקגעשיקט פפעפערקארן מיט גרויסע רעקאמענדאציעס, ער זאל איהר פערשטעהען געבען וואס פאר א נאטהיגע זאך עס וואלט געוועהן פאר דער קאטאלישער קירכע מען זאל מאכען א תל פון די יודען און זייער אמונה. ביי קוניגונדע'ן איז זעהר אנגעלעגט געוועהן וואס זי קאן זיך אננעהמען גאטט'ס קריוודע, און זי האט באלד געגעבען א בריעף צום ברודער ער זאל אין דער זאך ניט שווייגען און זאל ווענינסטענס הייסען

פערברענען דעם שעדליכען תלמוד. מיט קוניגונדע'ס בריעף איז פעפערקארן אוועקגעפאהרען גלייך צו מאקסימיליאן אין לאגער, אלליין האט ער מן הסתם אויך ניט געזשאלעוועט קיין שווארצע פארבען און האט פארגעשטעלט דעם קייזער אז דאס גאנצע גליק פון דער מדינה האנגט נאר אב פון די עטליכע גמרות וואס מען וועט צונעהמען ביי די יודען, און דעם 10 אויגוסט 1509 איז ארויס א בעפעהל: אז פעפערקארן האט דאס רעכט ארומצופאהרען איבער גאנץ דייטשלאנד איבערקוקען די יודישע ספרים, ער מאג הייסען פערברענען די דאזיגע וואס ער וועט געפינען פאר שעדליך און ווער פון די יודען עס וועט זיך ארויסשטעלען אקעגען איהם וועט בעקומען די גרעסטע שטראף.

אז פעפערקארן האט בעקומען ביים קייזער אזא פאפיער, וואס מאכט איהם כמעט פאר א בעל הבית איבער אללע יודען, האט ער זיך באלד געווארפען קיין פראנקפורט אם מאין, ווייל ערשטענס, זענען דארט געוועהן אסך לומדים און ער האט ביי זיי געקאנט פארנעהמען גענוג ספרים, און, צווייטענס, איז דארט דעמאלט געוועהן א יריד, און דאריבער האט ער גערעכענט אז עס וועט איהם גענ אטהען צו פערהאלטען פיעל ספרים, וואס מען האט אהין געבראכט צו פערקויפען. פונקט ערב סכות, פרייטאג דעם 28 סעפטעמבער 1509, איז ער אנגעקומען קיין פראנקפורט אם מאין. ער האט באלד געשיקט צונויפרופען אללע יודישע איינוואהנער אין שול אריין, קודם כל האט ער ביי זיי צוגענומען אללע סדורים און א חוץ דעם האט ער נאך געהייסען פערמאכען די שול, כדי מען זאל דארט גאר ניט קאנען בעהאלטען און ער זאל פריי זוכען ספרים אין יעדען יודיש הויז. דערמיט אבער וואס ער האט געוואלט פארשטערן דעם יודישען יום טוב האט ער איבערגעצויגען דאס שטריקעל, די יודען האבען אנגעמאכט א לארם און די גייסטליכע, וואס האבען געזאלט העלפען פעפערקארן, זענען געבליבען שטעהען פון ווייטענס און האבען סאי ווי סאי געפאדערט אז מען זאל די זאך אבלעגען אויף עטליכע טאג ביז חול המועד. דערווייל האבען זיך די יודען געווענדט צום ארכיעפיסקאפ פון מאינץ אוריאל פאן געמינגען און ער האט באלד געשריבען צו די גייסטליכע זיי זאלען זיך ניט מישען, און אויף זיי קוקענדיג האט זיך שוין קייזער ניט געוואלט רירען און פעפערקארן אלליין, אהן א שום הילף ביי דער זייט, האט גאר ניט געקאנט מאכען. קוים האבען די יודען שוין געהאט מעהר צייט, האבען זיי אנגעהויבען ארבייטען: מען האט צושריבען בריעף צו אללע יודישע קהלות פון דייטשלאנד אז יעדער זאל טהון וואס ער קאן, ווייל עס איז איין אומגליק פאר'ן כלל ישראל; א שליח

מיוחד, ר׳ יונתן ציון, האבען זיי אוועקגעשיקט צום קייזער, כדי ער זאל איהם אויפקלאהרען אז אין פפעפערקארנ׳ס מסירות איז ניטא קיין איינציג ווארט אמת, אונ אז די יודען האבען שוץ-בריעף פון די אלטע דייטשע מלכים אונ די מלוכה דארף זיך גאר פאר זיי אננעהמען אונ ניט איבערגעבען אין די האנד פון א פאלשען שונא. אויסער דעם האט מען געפועלט ביים ארכיעפיסקאפ אוריאל פון געממינגען אונ ער האט אוועקגעשיקט א בריעף צו מאקסימיליאן, ער האט איהם געגעבען אנצוהערען אז עס פאסט גאר ניט פאר דער מלוכה זי זאל זיך אריינמישען אין אזעלכע זאכען, וואס נאר די גייסטליכע דארפען דארויף אכטונג געבען, אונ האט איהם אויך פערשטעהען געגעבען אז די סכנה איז גאר ניט אזוי גרוים אונ אז די יודישע ספרים זענען דוקא ניט שעדליך. פפעפערקארן אלליין האט דער ארכיעפיסקאפ אויפגעקלאהרט אז ער מוז דערווייל שווייגען, ווייל אין דעם קייזער׳ס בעפעהל, וואס ער האט געבראכט, איז עפיס געוועהן א קליינער טעות, וואס מען האט זיך געקאנט צו איהם טשעפען, אונ דערביי האט ער איהם אריינגעווארפען א ווארט, אז אויב ער מיינט באמת נאר די טובה פון דער קאטאלישער אמונה דארף ער ניט שטעלען אויף זיך אונ עס איז גלייבער אז די יודישע ספרים זאלען איבערקוקען נאך עטליכע געלעהרטע, ווי וויקטאר פאן קארבען אונ יאהאנעס רייכלין. אין דעם געדאנק האט זיך פפעפערקארן אנגעהאפט אונ דערפון איז ארויסגעקומען א גאנץ איבער-קעהעניש.

יאהאנעס רייכלין איז געוועהן א בעריהמטער דייטשער געלעהרטער, וואס האט גוט געקאנט לשון קודש. צום אנהייב האט ער געלערנט העבראיש ווי יעדע אנדערע אלטע שפראכע, נאר אז ער האט אנגעהויבען טיעפער זיך צו בעקענען מיט דער ביבעל אונ מיט אללע הייליגע ספרים, איז איהם דאס לשון איינגעבאקען געווארען אין הארצען, ווער שמיעסט אז ער איז נאך אין רום בעקאנט געווארען מיט׳ן יונגען גראף דזשיאוואני פיקא דע מיראנדאלא, וואס איז געוועהן א פארברענטער מקובל אונ האט איהם געוויזען א סך שכל׳דיגע פירושים אויף דער תורה, האט ער זיך גאר אין גאנצען אריינגעלאזט אין לערנען. שפעטער אז ער איז געקומען קיין לינץ אונ האט דארט געפונען ר׳ יעקב לאאנס, דעם לייב-דאקטאר פונ׳ם אלטען קייזער פרידריך דעם דריטען, האט ער נאר געהאט א וואהלען רבי׳ן, אונ אזוי איז ער געווארען ניט נאר א יודע ספר, נאר טאקי א שטארקער בקי. אויסער דעם האט ער נאך געלערנט תורה ביי ר׳ עובדיה ספורנו אונ ניט איין מאל פלעגט מען איהם זעהן אין דער

יודישער נאס ווי ער האט זיך געמישט צווישען לומדים און האט פערבראכט גאנצע טאג אויף צו האפען עפיס א גוט ווארט. דעם ערשטען חבור, וואס רייכלין האט ארויסגעלאזט אויף דער וועלט, האט ער אנגעפילט מיט שבחים אויף דער העבראישער שפראכע. ער האט זעהר שטארק געלויבט דאס קורצקייט און דאס שארפזיניגקייט פון יעדען ווארט, און האט ארויסגעוויזען אז ניט אומזיסט רעכענט זי זיך פאר היילינ און האט געהאט די זכיה אז אין איהר זאל די תורה אנגעשריבען ווערען. דערנאך האט ער געמאכט א גראממאטיק. כדי אנדערע קריסטען זאלען אויך קאנען לערנען העבראיש און האט טאקי געהאט עטליכע תלמידים, ווי סעבאסטיאן מינסטער און ווידמאנשטאדט, וואס האבען ביי איהם געלערנט לשון קודש. נאר ווי רייכלין האט ניט ליעב געהאט די העבראישע שפראכע, ווי גוט און פרום ער איז ניט געוועהן, האט ער זיך פארט ניט געקאנט בעפרייהען פון דער שנאה צו די יודען, וואס פלעגט איבערגעהען צום קריסט צוזאמען מיט דער מוטטער'ס מילך. און דערפאר האט מען אפט פון איהם געזעהען אזא ביטערן האס צום יודישען פאלק וואס וועד עס האט נאר געקאנט זיין ווייך הארץ, זיין איבערגעבענהייט דעם אמת, זיין דרך ארץ האבען פאר יודישע לומדים, האט זיך נאר געמוזט חדוש'ן. ער האט זיך אפילו ניט געשאמט אנצושרייבען א בעזונדער ספר, אין וועלכען ער האט די יודען געשאלטען מיט טויטע קללות און געדראָהט אז קיין ארגערס פון זיי איז גאר ניטא, חאטש אויף דער עלטער האט ער זיך דארויף גענוג געשלאגען על חטא.

אוודאי האבען אללע שונאי ישראל גערעכענט רייכלין פאר איינעם פון זייער חברה, און אז פפעפערקארן האט איהם געבעטען ער זאל איהם בעהילפיג זיין אין זיין זאך, האט ער איהם צוגעזאגט. דערווייל האבען די יודען געטהון זייערס און ר' יונתן ציון צוזאמען מיט ר' יצחק טריעסט, וואס איז געוועהן א גרויסער חשוב ביי מאקסימיליאן, האבען שוין כמעט ארויפגעבראכט דעם קייזער ער זאל מבטל זיין די גזרה. צום אומגליק, האט זיך אבער נאך אמאל אנגעיאגט פפעפערקארן מיט א נייעם בריעף פון דער פרינצעסין קונינגונדע. ער האט איהם דערצעהלט וואס פאר א שרעקליך עזות די יודען האבען ארויסגעוויזען, און ווי זיי האבען זיך ארויסגעשטעלט געגען זיין בעפעהל און האט ביי איהם דעם 10 נאוועמבער 1509, אויסגענארט נאך א שטארקערן פאפיער, נאר דאס האט מאקסימיליאן אין זין געהאט אז מען זאל זיך ניט פערלאזען נאר אויף פפעפערקארנ'ס מבינות אליין און מען זאל בעשטימען א גאנצע

קאמיסיע, אונטער דער השגחה פונ׳ם ארכיעפיסקאפ אוריאל, וואס זאל בע־שטעהען פון פערשיעדענע געלעהרטע פון קעלן, מאינץ, ערפורט אונ היידעל־בערג, אונ מען זאל אויך צו דער ארבייט צושלעפען יאהאנעס רייכלין אונ וויקטאר פאן קארבען. מיט דעם נייעם בעפעהל אין די האנד, האט פפעפערקארן זיך נאך אמאל געלאזט קיין פראנקפורט אם מאין אונ האט דעמאלט צוגענומען פינפצעהן הונדערט געשריבענע ספרים. דאס אייגענע האט ער אויך געטהון אין אנדערע שטאדט אונ האט זיך גענוג נוקם געוועהן אין די יודען פאר זייער עקשנות. פפעפערקארנ׳ס כעס איז נאך גראסער געווארען דורך דעם, וואס ער איז ניט געוועהן קיין נקי כפים אונ האט ארויסגעקוקט אז די יודען וועלען זיך אנהויבען אבצוקויפען מיט געלד; ביי די יודען איז אבער שווער עס זאל זיין אחדות, אסך יודישע קהלות האבען זיך ניט געוואלט לאזען קאסטען, אונ דאריבער האט מען ניט געקאנט צונויפנעהמען פון זיינעט וועגען אזא מנה יפה וואס מען זאל קאנען דערמיט איהם פערשטאפען דעם מויל. ערשט אז פפע־פערקארן האט זיך רעכט צופיהרט די האנד אונ האט ניט אויסגעלאזט קיין איינציג ארט, איז געווארען ארעש צווישען אללע קהלות אונ מען האט זיך ענטשלאסען צונויפזאמלען אללע כוחות אונ זעהען פטר׳ן די צרה.

עס איז שוין אבער געוועהן צושפעט. מען האט גוט געוואוסט אז פפע־פערקארן מיינט נאר די מטבע, עס האט איהם אבער ניט געפאסט פלוצלונג זיך אבזאגען פון זיינע חפצות, אונ דא זענען נאך הינטער זיינע פלייצעס גע־שטאנען די קאטאלישע גייסטליכע, וועלכע האבען טאקי געוואלט די יודען עוקר מן השרש זיין, אונ דערפאר איז שווער געוועהן זיך מיט איהם אויסצוגלייכען, אונ די יודען האבען געמוזט אנקומען צו טובות פון גרויסע לייט, וואס האבען ניט דערלאזט מען זאל זיי שלעכטס טהון. קודם כל האט זיי דער ארכיעפיסקאפ אוריאל געשיצט דערמיט וואס ער האט ניט געלאזט איינציגווייז צונעהמען ניט איין יודישען ספר ביז מען וועט ניט איבערקוקען אללע ספרים מיט אמאל אונ מען וועט אקוראט וויסען וועלכע זענען כשר אונ וועלכע – פסול. דערווייל האט זיך די זאך פערצויגען אין דער לאנגער באנק אריין. פפעפערקארן האט זיך געוואלט פריוען טשעפען די מוכרי ספרים וועלכע זענען געקומען מיט זייער סחורה קיין פראנקפורט אם מאין אויפ׳ן יריד, נאר עס איז איהם אויך ניט גע־גאנגען, ווייל די מוכרי ספרים זענען געוועהן פון פרעמדע ערטער אונ יעדער פון זיי האט זיך פערופען אויף דעם כח פון זיין מלוכה. אודאי האט פפעפערקארן ניט געקאנט אזוי גוט אויספיהרען זיין זאך, אונ וואס מעהר צייט עס איז אוועק

געגאנגען איז דער עולם געווארען מעהר מבינים אויף זיין דרך אונ די קריסטען אליין האבען זיך אויך אנגעהויבען שטויסען אז ער לעגט זיך נאר אזוי ניט אוועק פאר דער קדושה. דאס האט איהם געצוואונגען ארויסצולאזען א נייעם ספר אונ פון איין זייט דארט אויפהייבען דעם קייזער מאקסימיליאן ביז צום זיבעטען הימעל אונ פון דער אנדערער זייט אויסטראכטען אויף די יודען פרישע בלבולים.

דאס מאל האבען איהם אבער אזעלכע צוויי זיבערע מיטעל, ווי חניפה אונ שקר, ניט געהאלפען: דער קייזער האט גאר אין גאנצען אשפיי געטהון אויף די אללע קאפדרעהעניישען, עס איז איהם נמאס געווארען שטענדיג נאר האבען צו טהון מיט יודישע ספרים, ער האט מבטל געוועהן זיין פריהריגע גזרה אונ האט געהייסען מען זאל אומקעהרען די יודען די ספרים, וועלכע מען האט ביי זיי צוגענומען אונ מען זאל ווארטען ביז ער וועט וועגען דעם ארויס־געבען א נייעם בעפעהל. דאס איז געשעהען דעם 23 מאי 1510 אונ אויף די יודען איז געקומען גאר א אונגעריכטע ישועה. זייער פרייד איז אבער געוועהן גאר א קורצע, ווייל טאקי באלד האט זיך געמאכט איין אומגליק מיט די יודען פון בראנדענבורג: מען האט דארט בעגנב'ט א קירכע, אונ אז מען האט גע־חאפט דעם גנב האט ער דעם גאנצען חטא ארויפגעלעגט אויף די יודען אונ האט דערצעהלט אז זיי האבען איהם אנגעשטעלט. דער קורפירסט יאאכים דער ערשטע האט עס אנגענומען פאר תורת אמת, ער האט געשטעלט אויף די רעדר פונ'ם גנב אונ האט געהייסען פערברענען אכט אונ דרייסיג יודען, וועלכע האבען דעם 19 יולי 1610 זייער לעבען ווי קדושים געענדיגט. אזא מעשה איז די גייסטליכע שטארק צו נוטץ געקומען, זיי האבען שוין געהאט דאס רעכט אפען צו שרייען אין די גאסען אז די יודען זענען רוצחים אונ עס איז נאך גאר ווייניג וואס מען טהוט זיי. דעמאלט האט זיך פפעפערקארן ווייטער גענומען צו זיין זאך, מען האט נאך אמאל אנגעשטעלט די פרינצעסין קוניגונדע זי זאל ניט שווייגען אונ אז מאקסימיליאן איז געקומען קיין מינכען זיך זעהען מיט איהר, האט זי פאר איהם געוויינט אונ געהלש'ט ער זאל חאטש איהר צו ליעב טהון דאס קלייניגקייט אונ זאל בענייהען די גזרה וועגען די יודישע ספרים.

דער קייזער האט דא אליין ניט געוואוסט ווי אזוי זיך אויסצודרעהען, דער שוועסטער אבזאגען האט זיך איהם ניט געגלוסט אונ נאך שווערער איז איהם געוועהן ארויסצווייזען אז פפעפערקארנ'ס מסירות האבען ביי איהם עפים א ווערטה, דאריבער איז ער געפאלען אויף א שכל אונ האט דעם 6 יולי 1510 געגעבען דעם ארכיעפיסקאפ אוריאל א נייעם בעפעהל אז ער זאל וועגען דער

שאלה פון די יודישע ספרים פאדערען מיינונגען ביי האכשטראטען, וויקטאר פון קארבען אונ יאהאנעס רייכלין. די יודען זענען ביי זיך שטארק אראבגעפאלען אונ בעזאנדערס האבען זיי געציטערט פאר רייכלינ׳ס דעה, ווייל ער איז געוועהן דער איינציגער למדן, וואס וואלט זיך געקאנט טשעפען ווען ער וויל נאר, אונ דערצו האט ער זעהר פיינד געהאט יודען. זייער פחד איז אבער געוועהן אומזיסט. רייכלין האט דוקא בעוויזען אז מען מאג א פאלק ניט ליעב האבען אונ פון דעסטוועגען קאן מען זאגען דעם אמת. ער האט איינגעטהיילט די יודישע ספרים אין זעכס פערשיעדענע קלאססען אונ האט ערקלעהרט אז אויסער דער תורה, וואס איז גלייך הייליג ביי אללע, זענען די פירושים פון רש״י, אבן עזרא, רד״ק, ר׳ משה גרונדי אונ ר׳ לוי בן גרשון (רלב״ג) פול מיט חכמה אונ מוסר, מען געפינט דארט ניט קיין שום זאך וואס זאל חלילה אנרירען דעם כבוד פון פרעמדע אמונות אונ בעזאנדערס פון דער קריסטליכער רעליגיאן. דעסטגלייכען זענען ריין דערפון די איבריגע יודישע חקירה־ספרים. וואס האבען דעם תכלית נאר צו פערברייטען וויסענשאפט אין פאלק. וועגען דעם תלמוד האט רייכלין זיך ניט געשאמט מודה צו זיין אז ער פערשטעהט איהם זעהר ווייניג אונ דערפאר רעכענט ער, אז די אללע וואס שרייען אז מען מוז איהם פערברענען, פערשטעהען איהם נאך ווייניגער אונ האבען דערביי גאר איין אנדער מיין. איבערהויפט האט זיך רייכלין געשטעלט אויף דעם אלף אונ האט אויסגעוויזען אז, ערשטענס, זענען די יודען פונקט אזעלכע איינוואהנער אין דייטשלאנד ווי אללע אנדערע אונ מען מוז זיי שיצען צוזאמען מיט אללע קינדער פונ׳ם לאנד אונ, צווייטענס, אז מען טאר זיי ניט משפט׳ן ווי געגנער פון דער קירכע, ווייל זיי האבען זיך זייער אמונה אונ קאנען גאר ניט זיין קיין געגנער פון אזא זאך, וואס זיי געהערען זיך דערמיט גאר ניט אן. סוף כל סוף האט ער ארויסגעזאגט זיין דעה אז מען זאל די יודישע ספרים ניט אנרירען אונ מען זאל בעסער אין יעדער אוניווערזיטעט בעשטימען צוויי פראפעססארען, וואס זאלען לערנען לשון קודש אונ גמרא אונ דערמיט מעהר מקרב זיין די יודען, כדי זיי זאלען מיט גוטען אונ מיט פרייעם ווילען איבערגעהן צום קריסטענטהום.

אין דער צייט וואס רייכלין האט ווי א איש אמת געשריבען זיין מיינונג, איז קיינעם ניט איינגעפאלען אין קאפ אריין אז ער קאן ארויסגעבען אזא משפט, ווייל מען האט געוואוסט מיט וואס פאר א האס ער פלעגט שטאנדיג רעדען פון יודען; דאריבער האבען זיך די שונאי ישראל ביט זיין הילף געוואלט ערשט

רעכט צופיהרען די האנד, זיי האבען פערשטאנען אז זיי האבען אויף וועמען
זיך צו פערלאזען, אונ ווי באלד רייכלין וועט נאר געבען זיין הסכמה וועט שוין
קיינער גאר קיין קשיות ניט פרעגען. אזוי האבען די קאלענער גייסטליכע,
צוזאמען מיט האכשטראטען אונ וויקטאר פאן קארבען, געמאכט אזא פסק מען
זאל צונויפנעהמען אללע ערטער פון דער גמרא אונ אנדערע ספרים, וואס מען
רעכענט אז זיי זענען שעדליך, אונ מען זאל זיי ווייזען די יודען, וועלען זיי
מודה זיין אז די אללע ערטער זענען טאקי שעדליך — דארפען זיי אלליין מסכים
זיין מען זאל זיי פערברענען, וועלען זיי זיך אבער אנהויבען שפארען — איז
א סימן אז די יודען אלליין זענען געפאהרליכע מענשען אונ מען מוז בעטען
דעם קייזער ער זאל פון זייערטוועגען איינפיהרען איין אינקוויזיציאנ'ס-געריכט.
די מאינצער געלעהרטע זענען געגאנגען נאך ווייטער אונ האבען געדרונגען אז
די תורה מוז מען אויך פארברענען, ווייל די ביבעל איז אין לשון קודש ניט
ריכטיג אנגעשריבען אונ די פערגרייזונגטע לאטיינישע איבערזעצונג איז
קלאמערשט בעסער. ווער ווייסט צו וואלטען זיי ניט געוועהן אויסגעפיהרט
ווען זיי מאכען אלליין ניט קאליע דעם גאנצען פלאן מיט איין נארישקייט.

רייכלין האט מיט רעכט געדענקט אז די גאנצע זאך דארף צו געהן בסוד,
אונ וואס פאר א בעפעהל די מלוכה זאל דערלאנגען ניט ארויסגעבען טאר קיינער
ניט וויסען די מיינונגען וואס מען האט ארויסגעזאגט; דאריבער האט ער זיין
דעה אויפגעשריבען אויף פאפיער, פערחתמ'ט מיט זיין חתימה אונ האט עס
דורך א שליח מיוחד אוועקגעשיקט צום ארכיעפיסקאפּ אוריאל, כדי ער זאל עס
איבערלייענען אונ ווייטער פערזארגען צום קייזער. פפעפערקארן האט אבער
אזוי געדרעהט מיט שווינדעל אז נאך עהדער רייכלינ'ס בריעף איז אנגעקומען
צו מאקסימיליאן, האט ער שוין געוואוסט זיין מיינונג. אונ איהם מיט דער
גאנצער חברה איז פינסטער געווארען אין די אויגען, זיי האבען אבער ניט
לאנג געטראכט אונ האבען זיך ענטשלאסען ארויסצושפרינגען געגען רייכלין,
איהם אפענטליך זידלען אונ אזוי ערנידריגען אז זיין דעה זאל שוין ניט שפיעלען
אזא וויכטיגע ראללע אונ זאל זיי ניט שאדען. מיט דער כונה האבען די קאלענער
גייסטליכע ארויסגעלאזט אויף דער וועלט, אונטער פפעפערקארנ'ס נאמען,
א ספר וואס האט געהייסען: „דער האנדשפיעגעל" אונ וואס שעלט רייכלין
מיט טויטע קללות דערפאר וואס ער איז פלוצלונג אבגעטרעטען פון זיינע
פריהריגע איבערצייגונגען אונ האט זיך געלאזט איבערקויפען פון די ניכטס ווירדיגע
יודען. דאס האט שטארק פערדראסען רייכלין אונ ער איז באלד אוועקגעפאהרען

צום קייזער זיך קלאגען. מאקסימיליאן האט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד אונ האט איהם צוגעזאגט אז ער וועט הייסען מאכען א גוטען חקירה ודרישה אונ וועט שטרענג בעשטראפען די שולדיגע; נאר קוים איז רייכלין אוועקגעפאהרען האט ער שוין פערגעסען דאס ווארט, וואס ער האט איהם געגעבען, אונ פפעפערקארנ'ס בוך איז זיך דערוויל צוגאנגען איבער גאנץ דייטשלאנד. רייכלין האט א קוק געטהון אז עס איז קיין תכלית ניט, איז ביי איהם געבליבען ער זאל אליין זיך אננעהמען זיין קריוודע, אונ ער האט איהם יאהר 1511 אנגעשריבען זיין בעריהמט ספר „די ברילע", אדער „אויגענשפיגעל", אונ עס האט זיך אזוי געפיהרט אז צו ליעב זיין כבוד האט רייכלין געמוזט ווערען א מליץ יושר פאר יודען אונ האט זיך גוט אבגערעכענט מיט זייערע שונאים. ער האט זיי אויסגעוויזען זייערע אללע פאלשקייטען אונ ליגענס; מיט דעם כח פון איין עהרליכען מאמין, וואס פיהלט זיך אין קיין זאך ניט שולדיג, האט ער זיי געשטראפט פאר דעם רכילות, וואס זיי האבען אויסגעטראכט אז די יודען האבען איהם געלד געגעבען. מיט גאוה האט ער פריי מודה געוועהן אז ער האט גענומען ביי די יודען א סך וויכטיגערע זאכען פון געלד, אז ביי זיי האט ער געשעפט זיין גאנץ געלערענטקייט, נאר דאס איז קיין בושה אונ קיין עולה ניט, ווייל פיעל גרויסע לייט פון קריסטען, ווי דער היילינער געראנימוס אונ ניקאלאי דע לירא, האבען געלערנט ביי יודען. — חוץ דעם האט זיך שוין רייכלין אנגענומען פאר'ן תלמוד. מיט שכל האט ער פאראנפערט אללע ארטער, וואס די שונאים האבען אנגעוויזען, אונ האט פערשטעהען געגעבען אז אזעלכע גראבע יונגען, ווי פפעפערקארן אונ זיין כנופיא, מוזען זיך פריהר לערנען פשוט'ע עברי אונ ניט זוכען חסרונות אין תלמוד. מען קאן זיך פארשטעלען וואס פאר א שמחה רייכלינ'ס ספר האט אנגעמאכט צווישען יודען אונ וואס פאר א געטימעל עס איז געווארען צווישען די שונאים: טויזענדער ביכער זענען פארשפרייט געווארען גאר אין א קורצער צייט, אומעדום האט מען געלייענט „די בריל" אונ אנגעקוועלט פון רייכלינ'ס בעוויזע. וואס מעהר פפעפערקארן האט געשריגען — מעהר גוטע פריינד האט רייכלין בעקומען אונ פון אללע זייטען האבען איהם די גרעסטע געלעהרטע אבגעשיט מיט בריעף אונ האבען איהם געדאנקט דערפאר וואס ער האט זיך ניט געפוילט אראבצורייסען די מאסקע פון נידריגע אונ מאוסע עזות־פנים'ער.

דא האט זיך ערשט אנגעהויבען ארעכט קאבעניש, ווייל חאטש עס האט געהייסען אז רייכלין האט נאר צו טהון מיט פפעפערקארן, פון דעסטוועגען

איז אָבער פאר קיינעם קיין סוד ניט געוועהן, אז פפעפערקארן איז נאר דאס כפרה הינדעל, אונ אז די שטיינער, וואס מען ווארפט אויף איהם, טרעפען די גרויסע גייסטליכע, וואס מיט זייער כח האט ער אנגעארבייט די גאנצע צרה. אודאי האט עס זיי ניט געלאזט רוהען, אונ טאקי צו ליעב דעם וואס זיי האבען זיך פיעל ערלויבט איז זיי בעשערט געוועהן אזוי ארדענטליך בעצאהלט צו ווערן. איינער פון די גייסטליכע אין פראנקפורט אם מאין פעטער-מייער, האט אויסגערופען אין דער קירכע אז פפעפערקארן וועט די אנדערע וואך אין א יום טוב דרשנ'ן געגען רייכלינ'ס ספר אונ האט געבעטען דעם עולם מען זאל איהם קומען הערען. דאס פאלק האט דווקא געפאלגט אונ האט זיך אין דעם בעשטימטען טאג געשטופט צו דער קירכע, נאר עס האט זיך דערפון אויסגעלאזט א חוזק, ווייל האטש פפעפערקארן איז געוועהן געטויפט זענען איהם פארט געבליבען אללע יודישע תנועות אונ גערעדט האט ער נאר יודיש-דייטש; אודאי האבען זיינע רעד געבראכט נאר די מענשען צום לאכען, אונ אזוי ווי די דרשה האט ער געזוזט זאגען אין דרויסען פאר דער קירכע, ווייל איגוועניג האט ער, ווי א וועלט-מענש, קיין רעכט ניט געהאט צו דרשנ'ען, האט זיך שוין דער עולם געהאלטען מיט וועניגער דרך ארץ: ביי יעדען ווארט, ביי יעדער בעוועגונג, האט מען זיך ביי די זייטען געהאלטען אונ עס איז דערפון ארויסגעקומען פונקט דער היפך: זיי האבען געמיינט דאס פאלק אונטערצוצינדען אונ צום סוף איז דערפון געווארען א פוסטע קאמעדיע.

אז דער פלאן איז ניט געראטהען אונ די גייסטליכע האבען א קוק געטהון אז מיט פפעפערקארנ'ס האנד וועלען זיי גאר ניט מאכען, האט זיך יאקאב האכשטראטען ענטשלאסען אליין אנהויבען צו ארבייטען, אונ אזוי ווי ער איז געוועהן א אינקוויזיציאנס-ריכטער אונ האט געהאט דאס רעכט צו משפט'ן אללע אפיקורסים וואס זענען געגנער פון דער קאטאלישער רעליגיאן, האט ער געשיקט זאגען רייכלין אז אין א צייט פון זעקס טאג זאל ער זיך שטעלען צום משפט פאר'ן בית דין אין מאינץ, וואס וועט איבערקוקען זיין ספר אונ וועט ארויסגעבען א פסק צו מאג מען עס לייענען אדער מען מוז עס פארברענען. האכשטראטען איז אודאי געוועהן וועה וואס ער קאן ניט הייסען צוזאמען מיט'ן ספר אויך דעם מחבר אריינווארפען אין פייער, נאר ער האט זיך שוין געוואלט בעגניגען דערמיט וואס מען וועט חאטש רייכלינ'ס „ברילל" אויפראמען אונ זי וועט זיי אויפהערען שטעכען די אויגען. רייכלין האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט אונ צום בעשטימטען טאג, דעם 20 סעפטעמבער 1513, איז ער געקומען

צום משפט. האכשטראטען האט זיך בעווארענט אונ האט פריהר צונויפגענומען ביי אזעלכע געלעהרטע, ווי ער אליין איז געוועהן, מיינונגען וועגען רייכלינ'ס ספר; דערפאר האט ער ניט געוואלט הערען וועגען רייכלינ'ס גוטע פריינד האבען זיך געפריוט רעדען פון שלום, אונ גאר אין א קורצער צייט איז ארוים דער משפט אז מען זאל רייכלינ'ס ספר פערברענען. א שמחה איז געקומען אויף די גייסטליכע, וואס האכשטראטען האט זיי בעפרייהט פון וכוחים אונ האט זיי געוויזען אז מיט איין קויל פייער קאן מען מבטל זיין יענעמס טענות אונ מען דארף זיך מעהר ניט שפארען. מען האט צושיקט שליחים איבער דעם גאנצען לאנד אונ מען האט מודיע געוועהן אז יעדער וואס האט ביי זיך רייכלינ'ס ספר איז מחויב איהם צוצושטעלען קיין מאינץ, אונ ווי באלד מען וועט שפעטער ביי איינעם געפינען אזא ספר וועט ער בעקומען א גרויסען ענש. טויזענדער ביכער האט מען שוין צונויפגענומען אונ עס איז שוין געוועהן בעשטימט דער טאג פון דער גרויסער שרפה. די שונאים האבען זיך שוין געזעהען נאהענט צום ציעל אונ האבען אזש געטאנצט אין די גאסען פאר פרייד. נאר אז דאס האלץ איז שוין געוועהן אנגעגרייט, דער קרבן איז שוין געלעגען פון אויבען אונ נאר איין שוועבעלע האט געפעהלט אז רייכלינ'ס געדאנקען זאלען אוועק מיט'ן רויך, איז פלוצלונג אנגעקומען א שליח מיוחד מיט א בעפעהל פונ'ם ארכיעפיסקאפ אוריאל אז מען זאל זיך ניט דערוואגען צו ריהרען צו רייכלינ'ס ספרים אונ מען זאל ווארטען א גאנצען חדש ביז ער אליין וועט ניט איבערקוקען דעם משפט. דאס איז געוועהן א שארפער קלאפ פאר האכשטראטען מיט זיין חברה. דארויף האבען זיי זיך גאר ניט גערעכנט, מיט חרפה אונ בושה זענען זיי זיך צוגאנגען אונ רייכלין מיט אללע עדלע ליעבהאבער פון וויסענשאפט האבען אויפגעהויבען א קאפ. די יודען האבען אודאי עס אויך בעטראכט פאר א ישועה, אונ ביי דער גרויסער אסיפה פון די רבנים אין ווארמס האבען זיי מיט דאנקבארקייט צוגערעכענט רייכלין צו דער קליינער צאהל פון די גוטהערציגע בעשיצער וואס גאטט שיקט זיי צו אין יעדען דור זיי זאלען מלחמה האלטען מיט די המן'ס אונ זיי גובר זיין.

רייכלין האט אודאי הנאה געטהון וואס די הצלחה האט איהם א ביסעל צוגעשפיעלט אונ ער האט דערלעבט א שטיקעל נקמה אין זיינע שונאים, נאר ער איז ביי זיך ניט גענארט געוועהן, ער האט געוואוסט אז די קאטאלישע גייסטליכע זענען גרויסע עקשנים אונ אז גאר אין גאנצען שטיל בלייבען וועלען זיי געוויס ניט, דאריבער האט ער זיך ענטשלאסען צו זוכען הילף ביים פאפסט

לעא דעם צעהנטען, נאר אזוי ווי ער האט מורא געהאט אז זיינע געגנער זאלען זיך אהין ניט ווארפען מיט דער מטבע, האט ער זיך געזוכט א צד אונ האט אנגעשריבען זעהר א שאנעם בריעף אויף לשון קודש צום פאפסט'ס לייבדאקטאר, באנעט דע לאטעס אונ האט איהם געבעטען אז ער זאל, ווי א יוד, רעדען א גוט ווארט אונ זאל דעם פאפסט ארויפברענגען אויף דער גוטער מחשבה צו שיצען די גערעכטע זאך וואס איז נוגע דעם אמת אונ אויך דעם כלל ישראל. רייכלינ'ס וועג איז געוועהן א גלייכער. דורכ'ן יודישען דאקטאר האט ער אלדינג געפועלט, אונ דעם 21 נאוועמבער 1513 איז שוין ארויס א בעפעהל פונ'ם פאפסט מען זאל זעצען א בעזונדער קאמיסיאן פון עהרליכע אונ געלעהרטע לייט, וואס זאלען בעטראכטען דאס מחלוקת צווישען רייכלין אונ האכשטראטען אונ זאגען ווער עס האט רעכט. מען האט באלד בעשטימט ווער עס זאל זיין די בוררים, פאר'ן שליש האט מען אויסגעקליבען דעם עפיסקאפ פון שפייער, געארג, אונ מען האט אנגעהויבען איבערקוקען אללע טענות פון ביידע זייטען. האכשטראטען מיט זיין באנדע האט אבער פערשטאנען אז צווישען ארענטליכע מענשען קאנען זיי גערעכט ניט בלייבען אונ דערפאר האט ער גאר ניט געוואלט קומען אונ די זאך האט זיך אזוי געצויגען עטליכע חדשים, ביז אים חודש אפריל 1514 איז ארויס דער פסק, אז רייכלינס ספר איז ריין פון אללע חטאים, וואס מען האט אויסגעטראכט, אז וועגען יודען האט ער געשריבען דעם ריינעם אמת, אז מען מאג עס פראנק אונ פריי דרוקען אונ פערקויפען אונ אז די גייסטליכע האבען זיך אומזיסט צו איהם געטשעפעט.

אזא קלארער משפט האט האכשטראטען ווי א דונער פערשלאגען דעם קאפ, נאר פון דעסטוועגען האט ער זיך נאך אלץ ניט געוואלט אונטערגעבען. ער האט אומעדום ארומגעשיקט זיין חברה מען זאל לאכען אונ חוזק מאכען פון דעם משפט, מען זאל שרייען אז נאר גראבע יונגען האבען געקאנט אזוי פסקענען, אונ פעפערקארן האט זיך אפילו ניט געפועלט אין קאלן צראברייסען די קאפיע פון דעם משפט פון א וואנד, וואו זי איז געוועהן אויפגעקלעבט. האכשטראטען האט נאך אלץ געהאט א מחשבה זרה אז מיט געלד וועט ער בלייבען תקיף, אונ דער ארעמער רייכלין וועט ניט קאנען בעשטעהען געגען איהם, אז עס וועט איהם געראטהען איבערצוקויפען אין רום א פאר קארדינאלען אונ אז סוף כל סוף וועט דער פאפסט זיך נייגען אויף זיין זייט. אודאי איז ער ניט מיד געווארען ווייטער צו ארבייטען אין זיין זאך, אונ האט צושיקט בריעף צו די פראפעסארען פון פערשידענע אוניווערזיטעטען אונ בעזאנדערס

פוּן פַּארִיז, כְּדֵי עֶר זָאל הָאבֶּען אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ סוֹמֵךְ זַיין. דֶערְמִיט הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער אַלֵיין קַאלְיֶע גֶעמַאכְט אוּנ הָאט גוֹרֵם גֶעוֶועהן אַז דֶער צַד שֶׁכְּנֶגֶד זָאל וֶוערֶען פֶעסְטֶער, וַוייל רַייכְלִין הָאט גֶעהַאט גֶענוּג גוּטֶע פְרַיינְד צְוִוישֶׁען דִי עֶדְלֶערֶע מֶענְשֶׁען, וָואס זֶענֶען נִיט צוּפְרִידֶען גֶעוֶועהן מִיט דִי הַנְהָגוֹת פוּן דִי גַייסְטְלִיכֶע, צוּ זֵיי זֶענֶען צוּגֶעשְׁטַאנֶען אַ סַךְ וָואס הָאבֶּען נִיט אַזוֹי פִיעל גֶעמֵיינְט צוּ שְׁטִיצֶען דֶעם אַלְטֶען גֶעלֶעהְרְטֶען פְּרָאפֶעסָאר וִוי צוּ טְהוּן אוֹיף צוּ לְהַכְעִיס דֶעם בֶּאזֶען הָאכְשְׁטְרַאטֶען, אוּנ אַזוֹי אִיז גֶעוָוארֶען אַ שְׁטַארְקֶע חֶבְרָה, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶערוּפֶען רַייכְלִינִיסְטֶען אוּנ הָאבֶּען גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ הֵיילִיגֶען חוֹב אָנְצוּהוֹיבֶּען אַ מִלְחָמָה מִיט דִי קְנֶעכְט פוּן פִינְסְטֶערְנִישׁ אוּנ נַארִישְׁקַייט. צְוִוישֶׁען דִי רַייכְלִינִיסְטֶען הָאט מֶען גֶעקֶאנְט בֶּעמֶערְקֶען נִיט נָאר דֶעם נַייֶעם דוֹר, וִוי דִי בֶּערִיהמְטֶע הֶערְמַאן פָאם בּוּשֶׁע, קְרָאטוּס רוּבִּיאַנוּס אוּנ אוּלְרִיךְ פָאן הוּטְטֶען וָואס הָאבֶּען הוֹיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דִי פָאהן פוּן מֶענְשֶׁענְלִיכֶע נָאר אוֹיךְ אֶלְטֶערֶע אוּנ גָאר בְּכָבוֹדְ'עֶ מֶענְשֶׁען, וִוי דֶער הֶערְצָאג אוּלְרִיךְ פָאן וִוירְטֶעמְבֶּערְג, גְרַאף פָאן עֶלְפֶענְשְׁטֵיין, גְרַאף פָאן נוּעֶנַאר אוּנ נָאךְ זֶעהר פִיעל גְרוֹיסֶע לַייט פוּן רֶעגֶענְשְׁבּוּרְג נִירְנְבֶּערְג, אוֹיגְס־בּוּרְג אוּנ אֲפִילוּ עֶטְלִיכֶע קַארְדִינַאלֶען אִין אִיטַאלְיֶען. בֶּעזָאנְדֶערְס אִיז שְׁטַארְק צוּגֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען צוּ רַייכְלִין דֶער גַייסְטְלִיכֶער עֶגִידְיָא פָאן וִויטֶערְבָּא, וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה בַּיים גְרוֹיסֶען מְדַקְדֵּק ר' אֵלִיָהוּ לֶעוִוִיטַא, אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט מִיט זַיין לִיעבְּשַׁאפְט צוּ דֶער יוּדִישֶׁער לִיטֶערַאטוּר אוּנ מִיט זַיין לַאטֵיינִישֶׁער אִיבֶּערְזֶעצוּנְג פוּנ'ם „זוֹהַר". עֶר הָאט רַייכְלִין זֶעהר גֶעשֶׁאצְט אוּנ הָאט אִיהם גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז עֶר הָאט דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער קִירְכֶע גֶעטְהוּן דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה דֶערְמִיט וָואס עֶר הָאט אָבְּגֶערַאטֶעוֶועט דִי יוּדִישֶׁע סְפָרִים פוּן פַייעֶר, וַוייל אִין זֵיי זֶענֶען אַלֶע יְסוֹדוֹת פוּן אֱמֶת אוּנ אֱמוּנָה.

אַזוֹי הָאט זִיךְ פוּן אַ קְלֵיינֶע שַׁאֲלָה, וָואס הָאט אֵייגֶענְטְלִיךְ נָאר דִי יוּדֶען בֶּערִירְט, צוּבְּרֶענְט אַ גְרוֹיס פַייעֶר, וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֶעחַאפְּט אִיבֶּער דֶער גְרֶענִיץ פוּן דַייטְשְׁלַאנְד אוּנ הָאט אָנְגֶעשְׁפַּארְט גַאנְץ וַוייט — אִין פַּארִיז אוּנ רוֹם. הָאכְשְׁטְרַאטֶען הָאט צוּבְלָאזֶען דָאס פַייעֶר אִין בֵּיידֶע אָרְטֶער: פוּן פַּארִיז הָאט עֶר גֶעוָואלְט בֶּעקוּמֶען אֵיין הַסְכָּמָה אוֹיף זַיין דֵעָה וֶועגֶען רַייכְלִינ'ס „בְּרִיל" אוּנ דִי יוּדִישֶׁע סְפָרִים, אוּנ אִין רוֹם הָאט עֶר זִיךְ גֶעקְלָאגְט אוֹיפ'ן מִשְׁפָּט פוּנ'ם עֶפִּיסְקָאפּ גֶעאָרְג אוּנ הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז מִיט גֶעלְד וֶועט עֶר אַלְדִינְג אִיבֶּערְדְרֶעהֶען; רַייכְלִינ'ס גוּטֶע פְרַיינְד הָאבֶּען אָבֶּער נִיט גֶעשְׁוִויגֶען אוּנ דִי יוּדֶען אַלֵיין, וָואס זֵיי הָאט נִיט גֶעפַּאסְט אָפֶענְטְלִיךְ אַרוֹיסְצוּטְרֶעטֶען, הָאבֶּען

שטילערהייד אויך ניט געשוויגען און דער פאפסט האט איבערגעגעבען די גאנצע זאך דעם קארדינאל דאמיניקא גרימאני, וואס האט געהאט א שטארקע ידיעה אין תלמוד און קבלה און האט באלד ארויסגעוויזען זיין פריינדשאפט צו רייכלין דערמיט וואס ער האט איהם ערלויבט אז ער זאל אויף דער עלטער זיך אליין ניט מטריח זיין און נאר שיקען פון זיך א שליח קיין רום, וואס זאל איבערגעבען אללע זיינע טענות. האכשטראטען אבער האט געמוזט אליין קומען, נאר האטש ער האט ארויסגעזעהען אז עס איז פאר איהם א פחיתת הכבוד וואס מען צווינגט איהם צו פאהרען קיין רום, פון דעסטוועגען האט ער זיך ניט וויסענדיג געמאכט און עס איז נאך ביי איהם אנגעלעגט געוועהן, ווייל ער האט געהאפט אז פערזאנליך וועט איהם געראטהען אומעדום זיך צו שטופען, און דארט וואו עס וועט איהם ניט העלפען דאס ביסעלע מינץ זאל ער זיך פרובען מיט ליגענס און פאלשקייטען. האכשטראטען האט אפילו באלד זיך געקאנט איבערצייגען, אז האטש רייכלין איז ארעם וועט ער איהם פארט אזוי גיך ניט בייקומען, דערצו איז נאך אנגעקומען א בריעף פון׳ם קייזער מאקסימיליאן אז ער האט גאר חרטה אויף דער גאנצער מעשה און עס מהוט איהם זעהר באנג וואס ער האט זיך געלאזט איבערעדען פון די פאלשע גייסטליכע און פון זיין פרומער שוועסטער און אנטהון אומזיסטיגע צרות אזא עהרליכען שוואכען אלטען מאנן ווי רייכלין. אזעלכע מענשען פאלען אבער ביי זיך ניט אראב און האכשטראטען האט זיך ענטשלאסען אבצושלעפען די זאך אויף א לאנגער צייט ביז רייכלין וועט ניט מיד ווערען. אזוי ווי רייכלינ׳ס ספר איז געוועהן געשריבען אויף דייטש, האט ער אימיסטען צוגעשטעלט א פאלשע איבערזעצונג, כדי דער אנדערער צד זאל דארויף ניט בעשטעהען און זאל פון זיין זייט צושטעלען איין אנדער איבערזעצונג און ביז עפים זאל זיך דער משפט פערציהען. דערווייל האט האכשטראטען מיט גרויס מיה גע־פועלט אין פאריז מען זאל דארט פסלנען רייכלינ׳ס ספר. גרינג איז עס איהם ניט אנגעקומען, ווייל רייכלין האט אין פאריז אויך געהאט א סך געלעהרטע וואס האבען געהאלטען מיט איהם, נאר האכשטראטען האט זיך בענוצט מיט דער שנאה וואס איז געוועהן צווישען די מלכים פון דייטשלאנד און פראנקרייך און אזוי ווי ער האט ארויסגעוויזען אז מאקסימיליאן שיצט רייכלין האט שוין לודוויג דער צוועלפטער געמוזט געבען א בעפעהל זיין גייסטליכען גואילומע האקינעט פעטיט ער זאל זיך אריינלעגען אין דער זאך און זאל זעהען אז מיט רוב דעות זאל מען אסר׳ן אי דעם תלמוד, אי רייכלינ׳ס ספר

(פארטזעצונג פאלגט)

קוים האט ער בעקומען פון פאריז דעם אסור שווארץ אויף ווייס, האט ער גאר אנגעהויבען רעדען אנדערע דבורים: מיט עזות האט ער פריי ארויסגעזאגט אז ער שטעלט ניט אויף קיינעם, אז ניט דער פאפסט און ניט דער קייזער קאנען איהם זאגען א דעה, און אז ווי באלד מען וועט איהם שטארק נאטהען וועט ער גאר אין גאנצען אבטרעטען פונ'ם קאטאליציזמוס און וועט צושטעהען צו די הוסיטען. אז רייכלינ'ס צד האט געזעהען, אז מען קאן גאר פון האבשטראטען ניט ארויס, האבען זיי געלאזט די זאך הענגען און עס איז ביי זיי געבליבען ווייטער מלחמה האלטען מיט דער פען. דעמאלט איז ארויס אויף דער וועלט א ספר פון אונבעקאנטען מחבר, וואס האט געהייסען „בריעף פון מענשען וואס ליעגען אין דער פינסטער". אין דעם ספר שטעלט דער מחבר פאר ווי די גייסטליכע שרייבען צווישען זיך, און מאכט חוזק פון דעם פלפול וואס זיי האבען זיך אריינגעלאזט וועגען יודישע ענינים. אין יעדען ווארט פון דעם ספר איז געלעגען איין הלצה, וואס האט געשטאכען אין דער זיבעטער ריפ, און ניט אומזיסט האבען אין יענער צייט די דאזיגע „בריעף" אנגעמאכט א שרעקליכען רעש. דארט שטעלט א שטייגער דער מחבר פאר: ווי איינער בעט ביי א גייסטליכען ער זאל איהם ארויסגעבען א תשובה אויף אזא עבירה וואס ער האט בעגעגענט א יודען אין גאס און האט איהם געגריסט, ווייל די לאנגע קאפאטע האט איהם געבראכט צו א טעות און ער האט געמיינט אז דאס איז א גייסטליכער, און נאך אנדערע וויצען דערגלייכען. מיט אזעלכע שאלות זענען די „בריעף" פול געוועהן, און ווער עס האט זיי געליינט האט פערשטאנען אז דאס איז א ווינק, צו ווייזען מיט וואס פאר א נארישקייטען די גייסטליכע געבען זיך אב, און מען האט דאס בוך מיט פערגניגען געלעזען.

דאס וואס איז אבער געוועהן פאר די עדלע קריסטען א געלעכטער האט זיך אויסגעלאזט צו די יודישע קאפ. די שונאים זענען נאך מעהר אין כעס אריין און פעפערקארן האט בפירוש אנגעהויבען שרייען אז אין גאנצען געפינען זיך נאך אין דייטשלאנד דריי יודישע קהלות, אין ווארמס, רעגענשבורג און פראנקפורט אם מאין, און ווען מען זאל זיי אויך פטר'ן, וואלט שוין ניט געוועהן מיט וועמען צו טהון האבען און עס וואלט ניט געקומען צו לייטיש געלאכטער. אזוי איז ביי די שונאים געבליבען מען זאל גאר פועל'ן ביי דער מלוכה זי זאל לחלוטין די יודען ארויסטרייבען, און אזוי ווי איינער פון זייערע לייט, דער יונגער עפיסקאפ פון מאגדענבורג אלבערט פאן בראנדענבורג איז גראד דעמאלט געווארען ארכיעפיסקאפ פון מאינץ, האבען זיי

דורך איהם אויסגעארבייט מען זאל מאכען איין אסיפה אונ בעשליעסען אז אין ווארמס אונ פראנקפורט זאל זיך מעהר קיין יוד ניט טארען געפינען. די אסיפה האט זיך אנגעהויבען דעם 7 יאנוואר 1516 אונ האט זיך אוועקגעשלעפט א פאר חדשים, אונ דערוויל זענען די יודען געוואהר געווארען פון דעם אומגליק וואס ערווארטעט זיי אונ האבען אוועקגעשיקט שליחים צום קייזער מאקסימיליאן, אונ האבען איהם געבעטען ער זאל אויף זיי רחמנות האבען אונ זיי ניט לאזען צו ברעכען. דער קייזער האט זיך טאקי אנגענומען פאר די יודען אונ האט געשיקט א בעפעהל מען זאל זיי ניט טשעפען. אויף דעם אופן זענען די יודען פון ווארמס אונ פראנקפורט ניצל געווארען פון א סכנה, אונ ערשט אין דריי יאהר ארום, אז מאקסימיליאן איז געשטארבען, האט דער גייסטליכער באלטהאזאר הובמייער אונטערגעהיצט מיט א פייעריגער דרשה די בעלי מלאכות פון רעגענשבורג, זיי זענען אנגעפאלען אויף די יודען אונ זיי האבען אללע געמוזט אלליין פון דארט אוועק.

אין די עטליכע יאהר, וואס זענען דערוויל איבערגעלאפען, האט זיך דאס מחלוקת צווישען די רייכלינסטען אונ זייערע געגנער נאך פיעל מעהר פערגרעסערט, אונ האבשטראטען, וואס האט אנגעשמעקט אז די קאמיסיאן, וועלכע מען האט געזעצט, וועט געווים פסקנען אויף רייכלינ׳ס זייט, האט אנגעהויבען ארבייטען ביים פאפסט ער זאל די זאך איבערגעבען א פערזאמלונג פון גייסטליכע. לעא׳ן איז אפילו פריקרע געוועהן אללע מאל בייטען דאס ווארט אונ ארויסגעבען איין אנדער בעפעהל, נאר פון דעסטוועגען איז ביי איהם אויך אנגעלעגט געוועהן וואס די זאך פערציהט זיך: ער איז געשטאנען צווישען צוויי פייערן, פון איין זייט האט ער ניט געקאנט מעיז זיין דעם דייטשען קייזער, וואס האט בפירוש געוואלט אז רייכלין זאל בלייבען גערעכט, פון דער אנדערער זייט אבער האט ער זיך ניט געטארט פערקריגען מיט׳ן קאניג פון פראנקרייך אונ נאך אנדערע קאטאלישע מלכים, וואס זענען שוין געגאנגען אין נצחון אונ האבען געפאדערט מען זאל אפילו קיין בלאטעל ניט איבערלאזען פון רייכלינ׳ס ספר. דערפאר האט ער זיך מישב געוועהן אז דאס בעסטע וועט טאקי זיין פאר איהם ווען ער וועט צו ליעב טהון האבשטראטען אונ וועט גאר אין גאנצען פון זיך ארואבווארפען דעם עול פון דער שאלה. אזוי איז האבשטראטען אוועק־געפאהרען פון רום אפילו מיט א גוטען וועטהיג אין הארצען וואס ער האט גאר ניט אויסגעפיהרט, חאטש ער האט געשיט מיט גאלד. נאר ער האט זיך ניט

אבגעזאגט פון דער האפנונג אז סוף כל סוף וועט איהם געראטהען און ער וועט דערלעבען אין זיינע פיינד א נקמה.

רייכלין האט זיך געטהון זיינס און אז ער האט זיך אויף דער אלטער בעקאנט געמאכט מיט דער קבלה האט ער זיך מיט איהר ארומגעטראגען ווי מיט א אבן טוב. די סודות פון דער קבלה, וועלכע ער האט געלערנט מיט דער הילף פון א ספר, וואס האט אנגעשריבען א משוגע'נער מקובל, יוסף גיקטילא, און וואס איינער פון די געטויפטע יודען פאול רצא, האט דערפון געמאכט אלאטיינישע איבערזעצונג, האבען איהם שטארק פערדרעהט דעם קאפ, און עס איז ביי איהם גאר קיין ספק ניט געוועהן אז דער דאזיגער למוד איז נאר בעשאפען געווארען דארויף ביי די יודען היילינ צו מאכען די קריסטליכע רעליגיאן. אזוי האט רייכלין געקוקט אויף דער קבלה און אזעלכע געדאנקען האט ער אריינגעלעגט אין זיין ניי ספר, וואס ער האט געשיקט א מתנה דעם פאפסט לעא. דערוויל איז אים יאהר 1519 געשטארבען דער אלטער קייזער מאקסימיליאן און מען האט בעדארפט אויסקלויבען א נייעם מלך. די גייסטליכע האבען געוואלט דעם שפאנישען הערשער קארל דעם פינפטען, ווייל זיי האבען געוואוסט אז ביי איהם וועלען זיי קאנען אלדינג פועל'ן, און דעם פאפסט'ס רצון איז ניט געוועהן דארויף. דאס האט געפיהרט דערצו, וואס דער פאפסט, וועלכע האט נאך פריהר קרום געקוקט אויף די קאלנער גייסטליכע, האט אויפגעהערט צו בעהאלטען זיין מיינונג וועגען רייכלין און ער האט ניט נאר כשר געמאכט אללע יודישע ספרים, נאר ער האט אויך געהייסען נאך אמאל דרוקען דעם תלמוד בבלי, און אז א בייכער דרוקער, א קריסט, דניאל באמבערג, האט זיך גענומען דערצו, האט איהם לעא געלויבט און געשטיצט מיט אללע מיטעל.

דאס איז געוועהן א נייער קלאפ פאר האכשטראטען מיט זיין חברה, ווייל ער האט זיך פארט ניט געקאנט ריכטען אז ביים פאפסט אין הויף זאל פלוצלונג רייכלין ווערען אזא חשוב און מען זאל דארט קיין מורא ניט האבען אז דורך רייכלינ'ס פרייע געדאנקען זאל חרוב ווערען דער גאנצער בנין פון דער קאטא־לישער אמונה. האכשטראטען האט אבער א גרויסען טעות געהאט, אין דער צייט וואס ער האט מלחמה געהאלטען מיט רייכלין און זיינע ספרים, האט ער זיך גאר ניט אומגעקוקט ווי די סכנה קומט גאר פון איין אנדער ארט. די ארבייט פון עדלע און געלעהרטע קריסטען, וועלכע האבען ניט געקאנט צו־זעהן וואס פאר פערדארבענע מדות עס זענען נתרבה געווארען אויף דער וועלט

צו ליעב די קאטאלישע גייסטליכע, איז ניט געגאנגען לאבוד; דאס וואס זיי האבען אמאל אונ ביסלעכווייז פערזאעט מיט טרערען איז אויסגעוואקסען פאר די שפעטעריגע דורות ווי א טהייערע געראטהענע תבואה אונ מען האט די שאנע זאנגען אבגעשניטען מיט פרייד. ווען די גייסטליכע האבען געוואלט מיט געוואלד פערלאנגערן די נאכט אונ פינסטער מאכען די ליכטיגע שיין, האט זיך די וועלט געפיהרט נאך איהרע געזעצע אונ אז עס האט געמוזט ווערען טאג האט גאר ניט געהאלפען, אונ די זונן איז טאקי אויפגעגאנגען אונ דערקוויקט א סך מאנשליכע הערצער מיט שטראהלען פון האפנונג, פרייהייט אונ מענשענליעבע. דעם וואס האט ניט פערטראגען צו קוקען מיט אפענע אויגען אויף די סבות פון יעדער זאך אונ ארויסזעהן, אז אלדינג וואס עס געשעהט קומט ניט אומגעריכט, האט זיך געקאנט אויסווייזען אז די רעפארמאטארען מארטין לוטהער אין דייטשלאנד אונ צווינגלי אין דער שווייץ זענען גאר פלוצלונג ארויסגעשפרונגען, ווי מען זאגט, פון דער העלער הויט, נאר פאר'ן בעל שכל איז ניט שווער געוועהן זיך אנצושטויסען אז אזוי האט עס געמוזט זיין, אז די קאטאלישע גייסטליכע האבען איבערגעצויגען דעם בויגען, אונ וואס צו — איז איבריג.

מארטין לוטהער איז ניט געוועהן קיין אוהב ישראל אונ דערצו איז ער נאך געוועהן זעהר בעשעפטיגט מיט'ן רייניגען אונ לויטער מאכען די קאטולישע אמונה, נאר פון דעסטוועגען, אז ער האט בעמערקט ווי די שנאה פון די קריסטען צו די יודען איז גרויס האט ער זיך ניט געקאנט איינהאלטען אונ האט שטארק געשטראפט דעם עולם פאר וואס זיי בעהאנדלען אזוי שלעכט דאס פאלק, וואס פון זיי איז ארויס יעזוס קריסטוס. לוטהער האט זיך גענומען מאכען א נייע איבערזעצונג פון דער ביבעל אונ צו ליעב דעם האט ער אנגעהויבען לערנען לשון קודש, אונ אז יודען האבען דאס דערזעהען אונ נאך געהערט אז ער נעהמט זיך אן פאר זיי, זענען זיי געווארען מלא שמחה אונ האבען צו איהם אפילו געשיקט דריי לומדים מען זאל מיט איהם איבערשמיעסען אויב עס וואלט ניט גלייבער געוועהן ער זאל גאר אין גאנצען איבערגעהן צום יודענטהום. דערפון אליין קאן מען ארויסזעהן ווי פריי די יודען האבען זיך דעמאלט געפיהלט אונ וואס פאר א מין איבערקערעניש לוטהער האט אין יענער צייט אנגעמאכט. עס האט אנדערש גאר ניט געקאנט זיין, ווייל ווי באלד מען האט געזעהען אז לוטהער אליין שטעלט אזוי הויך די העבראישע שפראכע, האבען זיך די בעסטע יונגע לייט געכאפט צו לערנען לשון קודש אונ האבען

געמוזט אנקומען צו יודען, דורך דעם זענען זיי איינער מיט דעם אנדערן מעהר בעקאנט געווארען און פיעל פון זיי זענען צווישען זיך פערבונדען געווארען מיט איין אמת'ער פריינדשאפט. אין יענע יאהרען האבען אסך קריסטען גע- לערנט ביים בעריהמטען מדקדק ר' אליהו לעוויטא אדער ר' אליהו בחור, וואס מען האט איהם אין פאדוא אבגעראבעוועט און ער האט זיך געמוזט אין ארעמקייט ארומשלעפען איבער פערשיעדענע שטאדט און ציהען זיין פרנסה פון לעהרנען מיט תלמידים. איינער פון זיינע בעסטע תלמידים איז געוועהן דער קארדינאל עגידיא דע וויטערבא, וועלכער האט איהם מיט זיין גאנצער משפחה אויסגעהאלטען אין רום מעהר פון צעהן יאהר. ביי איהם האט אויך געלערנט תורה געארגע דע סעלווע, דער עפיסקאפ פון לאוואור. און אז די פרומע יודען האבען אנגעהויבען אויף איהם קרום צו קוקען דערפאר וואס ער לערנט מיט קריסטען האט ער מיט שטאלץ געוויזען אז זיינע תלמידים בעקומען ליעב יודען און יודישקייט און אז ער איז דערמיט מקדש השם. איבעריגענס איז ר' אליהו לעוויטא געוועהן אפריידענקער און האט זיך ערלויבט אפענטליך אויסצוואייזען, אז אפילו די תנאים האבען ניט געוואוסט פון קיין נקודות. אודאי האבען די רבנים, ניט געקאנט דערצו מסכים זיין און פיעל פון זיי זענען איהם געווארען געגנער. דערפאר האט ער אבער געהאט גרויס כבוד פון די קריסטען און אויסער איהם האבען זיי אויך געשאצט אנדערע יודישע לעהרער, ווי ר' יעקב מנטין און ר' אברהם דע באלמעס; יודישע ספרים האט מען אנגעהויבען קויפען פון אללע זייטען און אין פיעל שטאדט פון דייטשלאנד און איטאליען האט מען געעפענט יודישע דרוקען און יודען האבען דערפון געהאט שאן פרנסה.

מילא וואס אין דייטשלאנד איז דאס יודישקייט און די העבראישע שפראכע אזוי געהויבען געווארען — איז נאך ניט אזא חדוש, ווייל דארט האבען זיך נאך געפונען ניט וועניג לומדים, און דערצו האט רייכלין ניט אויפגעהערט צו ארבייטען און לוטהער האט איהם אונטערגעהאלפען, נאר דאס וואונדער איז נאך גרעסער וואס גאר אין פראנקרייך האט לשון קדש אנגעהויבען שפיעלען א גרויסע ראללע, האטש שוין מעהר פון הונדערט יאהר איז קיין זכר פון קיין יודען אין לאנד מעהר ניט געוועהן. דער נייער קאניג פראנץ דער ערשטע איז געוועהן א גרויסער ליעבהאבער פון וויסענשאפט און איהם צו ליעב האט דער איינענער גייסטליכער גואילומע האקווינעט פעטיט, וואס האט ערשט זעכס יאהר צוריק געאסר'ט רייכלינ'ס ספרים און געפסקנ'ט מען זאל פערברענען דעם תלמוד,

געמוזט זעהען, אַז אין דער פּאַריזער אוניווערזיטעט זאָל מען בעשטימען אַ פּראָפע-סאָר פון העבּרעאיש אונ מען זאָל טאַקי אין פּאַריז עפּנען אַ גרויסע יודישע דרוק. דער קעניג האָט געלאָזט קומען קיין פראַנקרייך דעם עפּיסקאָפּ פון קאָרסיקאַ, אויגוסטין יוסטיניאַני, וועלכער האָט געשם'ט אויף דער וועלט מיט זיינע העבּרעאישע קענטניס'ע אונ אַחוץ דעם האָט ער טאַקי געוואָלט אַז אין דער פּאַריזער אוניווערזיטעט זאָל מען לערנען לשון קודש ווי עס דאַרף צו זיין, אונ דאַריבּער האָט ער געשיקט קיין רום בעטען ר' אליהו לעוויטאַ ער זאָל אָננעהמען די פּראָפעסאָר-שטעללע. ווי עס האָט בעדאַרפט ר' אליהו לעוויטאַ הנאה טהון וואָס עס איז געוואָרען אַזאַ פערענדערונג אין פראַנקרייך, אונ דאָרט וואו אַ יוד האָט אפילו ניט געטאָרט איבּערנאַכטיגען וויל איהם די מלוכה אָבּ-געבּען אַזאַ בּכבוד'ע דיענסט, האָט ער פון דעסטוועגען ניט געוואָלט זיין דער איינציגער יוד אין לאַנד, אונ אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געפיהלט אין כּח צו פועל'ן מען זאָל עפנען די טהויערן פון פראַנקרייך פאַר אַללע זיינע בּרידער, האָט ער זיך בעסער אָבּגעזאָגט. אַזוי איז געפאַללען דער גורל אויף אויגוסטין אַסטיניאַני אַז ער זאָל אַלליין בעפעסטיגען דאָס לערנען פון לשון קודש אונ ער האָט זיך גענומען צו זיין זאַך מיט גרויס חשק אונ ליעבּשאַפט: ער האָט גע-לאָזט אָבּדרוקען דוקא ניט קיין געראַטהענע ספר איבּער דקדוק פון ר' משה קמחי, ווייל קיין בעסערס האָט ער ניט געהאַט, אונ אויסער דעם האָט ער אַרויסגעגעבּען אַ לאַטיינישע איבּערזעצונג פונ'ם „מורה נבוכים" אונ עס איז בעשערט געוועהן אַז גראַד דאָרט, וואו פערנאַרישטע יודען האָבּען צוריק מיט דריי הונדערט יאָהר פערבּרענט דעם רמב"ם'ס ספר, זאָל אַ קריסטליכער גייס-ליכער דערמיט בעקאַנט מאַכען די גאַנצע וועלט. אין רהיימס האָט מען אין דער אוניווערזיטעט אויך אָנגעהויבּען לערנען העבּרעאיש אונ איינער פון רייכלינ'ס תלמידים, פּוילוס פאַגיוס. האָט זיך אין איסני געמאַכט אַ יודישע דרוק; נאָר אַזוי ווי אַלליין פיהרען האָט ער זי ניט געקאָנט האָט ער געבּעטען ר' אליהו לעוויטאַ ער זאָל איהם קומען העלפען, אונ דאָס מאָל האָט ער זיך ניט אָבּגעזאָגט, ווייל ער האָט געוואָלט אָבּדרוקען זיין כאַלדעאיש ווערטערבּוך אונ בּיי פּוילוס פאַגיוס איז דאָס געוועהן אַ גאַנצע מציאה, ווייל בּיי אַללע קריסטליכע געלעהרטע איז איינגעווערט געוועהן, פּונקט ווי בּיי רייכלין, אַז קוים וועלען זיי קענען רעכט פערטייטשען דעם „זהר" וועלען זיי האָבּען דאָס בעסטע מיטעל די יודען בעקאַנט צו מאַכען מיט דער הייליגקייט פון דער קריסט-ליכער רעליגיאָן.

אזוי האבען יודען אונ קריסטען זיך אנגעהויבען גלייך אינטערעסירען מיט דער ביבעל אונ ר׳ אליהו לעוויטא, וואס האט, ווי עס שיינט, ניט געוואלט אז יודען זאלען זיך בענוצען מיט לוטהער׳ס איבערזעצונג, האט ארויסגעגעבען זיין איינענע דייטשע איבערזעצונג. אין דער איינענער צייט האט איינער פון די מאררא נען, דוארטע דע פינעל, וואס איז אנטלאפען פון פארטוגאל אונ איז אין פערארא צוריק געווארען א יוד אונ האט זיך גערופען אברהם אוסקווע, געמאכט א שפאנישע איבערזעצונג פון תנ״ך אונ די יודען האבען געקאנט לעזען די ביבעל איןביידע שפראכען, וואס זיי האבען זיך מיט זיי בעדיענט אין גאנץ אייראפא. די קריסטען ווידער האבען געמוזט אנקומען צו דער העבראישער ביבעל, כדי זיי זאלען מיט איהר הילף לערנען לשון קודש אונ דערפאר האט דער דרוקער דניאל באמבערג געמאכט זעהר א גוט געשעפט דערמיט וואס ער האט א סך יאהרען כסדר געדרוקט די תורה מיט עטליכע פירושים פון רש״י, אבן עזרא, קמחי אונ נאך אנדערע, אונ האט פערקויפט פון איהר טויזענדער. אזוי האט איין פונק פון רייכלינ׳ס ליעבשאפט צום אמת, איין שיין פון לוטהער׳ס שכל אנגעמאכט א איבערקערעניש, אונ די תורה הקדושה האבען זיך פלוצלונג גענומען לערנען אזעלכע מענשען, וואס האבען זיי ערשט ניט לאנג געוואלט אריינוואַרפען אין פייער...

---

2 די מאררא נען אונ די פאלשע האפנונגען אויף משיח׳ס צייטען.

(1530—1548 נאך קריסטוס געבורט).

אין דער ערשטער העלפט פונ׳ם זעכצעהנטען יאהרהונדערט איז דער אינווייניגסטער מעמד פון די יודען געוועהן ניט קיין פרעהליכער, אונ אנדערש האט ער נאך ניט געקאנט זיין אין די לאנדער, וואו זיי האבען זיך צונויפגעשטופט, ווען מען האט זיי כמעט אין גאנץ אייראפא געטריבען אונ געיאגט, האבען זיי זיך, א לאנגע צייט נאך, ניט געקאנט פיהלען היימיש, די קלאפ, וואס די עלטערן האבען איבערגעליטען האבען נאך ניט פערגעסען די ערשטע דורות, די צייכענס האבען אזוי גיך ניט געקאנט פערגעהען, מען האט זיך נאך אלץ געדערענט ווי אויף א פרעמדער פוהר, עס האט זיך אויסגעוויזען אז אט מאכט עמיצער א בייזע מינע — מוז מען שוין חאפען דאס פעקעל אויף די פלייצעס אונ זוכען זיך ווידער א נייע היים, אונ ווען א פאלק געפינט זיך אין אזא לאנגע דאנקט עס גאטט וואס דאס לעבען דערהאלט זיך חאטש אונ קאן

קיין עדלערען תכלית ניט אין זין האבען. דערצו איז נאך דאס אומגליק בע-
שטאנען אין דעם וואס פון קיין אחדות האבען די יודען ניט געוואלט וויסען:
אין יעדער שטאדט, ווי קאנסטאנטינאפאל, אדריאנאפאל, סאלוניקי און אויך
אין פיעל ערטער פון גריכענלאנד און איטאליען, האט מען געקאנט געפינען
פערשיעדענע קהלות: איטאליענישע, גריכישע, שפאנישע, פארטוגאזישע,
דייטשע און אפילו אפריקאנישע; יעדע קהלה האט זיך געהאט איהרע רבנים,
חזנים, פארשטעהער, איינע צו דער אנדערער האט זיך ניט געוואלט מישען.
און ביי אזא צווארפענהייט זענען אפילו די בעסערע מענשען אויך ניט אים
שטאנד געוועהן עפיס צו טהון פאר'ן כלל. אין די ישיבות האט מען זיך אין
גאנצען בעגעבען מיט פלפול, פון קיין חקירה ספרים האט מען גאר ניט גע-
וואלט וויסען, ווייל די עטליכע גרויסע לומדים, ווי ר' אברהם פריצול, ר'
יעקב מנטין און ר' אברהם דע-באלמעס, וואס האבען אזוי געשם'ט
צווישען קריסטען, זענען ביי די יודען דוקא ניט געוועהן קיין גרויסע חשובים
און ווען אפילו מען וואלט זיי געוועהן געשעצט נאך זייער ווערטה וואלטען
זיי אויך ניט געקאנט דערוועקען א ליעבשאפט צו וויסענשאפטען, ווייל ביי
אללע איז איינגעערדט געוועהן אז די גרעסטע אומגליקען האבען זיך גאר גע-
נומען דערפון וואס די יודען האבען אוועקגעלעגט די תורה אויף א זייט און
האבען זיך געהאפט צו וועלטליכע חכמות. א שטארקע נגיעה אין דעם וואס
דאס יודישע פאלק האט זיך, אין אנהייב פונ'ם זעכצעהנטען יאהרהונדערט,
אוועקגעקעהרט פון דער וויסענשאפט, וואס האט פריהר ביי זיי געבליהט, האט
אויך געהאט דון יצחק אברבנאל, וועלכער האט אנגעהויבען פרעגען קשיות
אויפ'ן רמב"ם און האט א ביסעל אפגעהאלטען דעם עולם פון זיינע ספרים, און
בעזאנדערס זענען געוועהן געגנער פון וויסענשאפטען ר' יוסף יעבץ פון פאר-
טוגאל און ר' אברהם בן שלמה פון שפאניען, וועלכע האבען געהאלטען
אין איין שרייען, אז דער יוד מוז זיך גאר פערשליעסען אין דעם קליינעם וועל-
טעלע פונ'ם תלמוד און טאר גאר ניט אפילו קיין קוק טהון אויף דער ליכטיגער
שיין. דערפאר האבען זיך די יודען גאר ניט אומגעקוקט אויף דעם גרעסטען
דענקער פון יענער צייט, ר' אליהו דעל-מדיגו. און עס איז גאר א חדוש
ווי אזוי האט דעמאלט געקאנט דעם אברבנאל'ס זוהן, דער דאקטאר לעאן
אברבנאל מדיגו, אנשרייבען זיין בעריהמט ספר „שמיעסען וועגען
ליעבע", וואס איז פול מיט הויכע געדאנקען און וואס דער שפאנישער קעניג
פיליפ דער צווייטע האט עס ביי איהם מיט דאנק גענומען פאר א מתנה.

אודאי האט אין יענער צייט די קבלה צושפרייט איהרע פליגעל, כדי זי זאל נאך מעהר פארשטעלען דאס ליכטיגקייט אונ האלטען די יודען אין דער פינסטערניש. די מקובלים ר' יהודה חיית, ר' ברוך פאן בענעווענט, ר' אברהם לוי, ר' מאיר בן גבאי אונ אבן אבי־זמרה האבען אומעדום אין איטאליען אונ טירקיי פערשפרייט זייער למוד, אונ אז די יודען האבען דער־זעהן אז אזעלכע בעריהמטע קריסטען ווי רייכלין, עגידיא פאן וויטערבא, גאלאטיני אונ אפילו דער פאפסט בעשעפטיגען זיך מיט קבלה איז ביי זיי געבליבען אז די גאנצע וועלט איז מודה אויף דעם אמת וואס ליעגט פער־בארגען אין איהרע סודות אונ אז קיין הייליגערס דערפון איז גאר ניטא. דער עולם האט זיך געוואהנט צו זאגען „זהר" אונ ניט פערשטעהן קיין איינציג ווארט, צו הערען דרשות אהן א טעם אונ זיך שטויסען אויפ'ן ווינק, אונ אזוי ווי מען איז געוועהן געוואוינט דערשלאגען אונ געפאלען האט מען אנגעהויבען בויען לופט־שלאסער אונ זוכען זיך א טרייסט אין פאלשע האפנונגען, אז אט באלד וועט שוין קומען די ישועה אונ יודען וועלען אויסגעלאזט ווערען פונ'ם גלות. יעדער וואס האט נאר פערשטאנען צו גריבלען אין די הייליגע ספרים האט זיך געפונען א פסוק אונ געמאכט חשבונות ווען משיח'ס קומען; ווער שמיעסט אז דער אברבנאל אליין, וואס איז דווקא ניט געוועהן קיין גרויסער ליעבהאבער פון קבלה, האט זיך געלאזט פערפיהרען אונ האט אנגעשריבען זיין ספר „משמיע ישועה", אין וועלכען ער האט אויסגעוויזען מיט דער הילף פון עטליכע פסוקים, אין „דניאל", אז משיח מוז קומען אים יאהר 1503, איז געווארען א שמחה אויף די יודען אונ עס איז ביי קיינעם קיין ספק ניט געוועהן אז נאר גיך וועט ווערען א סוף פון אללע צרות. דאס וואס דער אברבנאל האט אזוי די יודען פערדרעהט די קאפ האט שוין אין גאנצען פארבלאנדט זייערע אויגען, זיי האבען פערלארען דעם שכל אונ מען האט זיי געקאנט איינרעדען אויפ'ן הימעל א יריד. דאריבער איז קיין וואונדער ניט וואס ווען עס איז פלוצלונג, אים יאהר 1502, ארויסגעשפרונגען א דייטשער יוד, אשר לעמלין, וואס האט געוואהנט אין ווענעדיג אונ האט זיך געלאזט פאהרען איבער גאנץ דייטשלאנד אונ איטאליען אנצוזאגען די פרעהליכע בשורה, אז גאטט האט איהם געשיקט איין עצה געבען זיין געליעבט פאלק: מען זאל זיך מכין זיין צו דער גאולה מיט דאווענען אונ פאסטען, האבען איהם אללע געגלויבט אונ מען האט נוזר תענית געוועהן. סוחרים האבען זיך אבגעזאגט פון אללע געשעפטען, אפילו קריסטען האבען אנגעהויבען גלויבען אין דער בעפרייהונג

פון די יודען, אונ אזוי איז אוועקגעגאנגען אגאנץ יאהר מיט תשובה-טהון אונ ווארטען אויף נסים. אוודאי האט זיך פון אלדינג גאר נישט אויסגעלאזט, אשר לעכלין איז מיט אמאל פערשווינדען געווארען אונ מען האט ניט געוואוסט וואו זיין געביין איז הינגעקומען, פאר'ן אברבנאל איז געוועהן א גרויסע בושה וואס ער האט אזא טעות געהאט אונ זיין הארץ וועטהיג איז געווארען גראסער דערפון, וואס א סך יודען האבען צוזאמען מיט דער צושטערטער האפנונג א שפייא געטהון אויפ'ן גאנצען יודישקייט אונ זענען איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום.

די ערשטע צייט האבען די יודען נאך געפיהלט דעם קלאפ, וואס זיי האבען געהאפט צו ליעב נארישע פערדרעהטע חשבונות אונ האבען שוין, דאכט זיך, בעדארפט דעם צעהנטען פערזאגען מען זאל זיך ניט לאזען נארען. נאר ניט לאנג האבען זיי זיך געשאנעוועט: די מקובלים האבען ווייטער געטהון זייערס, זיי האבען געדרונגען אז א מענש קאן האבען א טעות, אבער רעכנען מוז ער, ווייל סוף כל סוף וועט דער חשבון ארויס ריכטיג, אונ דאריבער האבען זיי ביסלעכווייז נאך אמאל ארויפגעפיהרט דעם עולם מען זאל זיך קוויקען מיט פאלשע האפנונגען, ביז שפעטער מיט א יאהר דרייסיג איז שוין ארויס א גראסער אומגליק, דער זיסער חלום פון משיח'ס קומען האט אבגעקאסט גענוג בלוט, אונ די אומגליקליכע מאראנען האבען געהאט דעם בעסטען חלק.

דעם אמת מוז מען זאגען, אזוי אזוי די יודען איז שלעכט געוועהן, ווי אזוי מען האט זיי געיאגט פון איין ארט אויפ'ן אנדערען, איז זיי נאך אלץ בעסער געוועהן פון די מאראנען, וואס האבען נעביך געהאט דאפעלטע צרות: מיט זייער אמת'ער אמונה האבען זיי זיך געמוזט בעהאלטען, אונ גע-רודפ'ט האט מען זיי גלייך ווי זיי וואלטען אפענטליך געוועהן יודען. דער צווייטער גראס-אינקוויזיטאר דעצא איז נאך געוועהן א גראסערער אכזר פון טארקוועמאדא, אין דערצו האט ער געהאט גוטע צוויי אונטערהעלפערס, ווי זשואן דע לא פוענטע אונ דיעגא ראדריגועץ לוצערא, וואס האבען געהאט טאקי באמת שטיינערנע הערצער אונ האבען געטהון מעשים נוראים. יעדען טאג האבען זיי געמוזט האבען פרישע קרבנות, אונ גאנץ אפט פלעגען אומקומען אפילו פרומע קריסטען, וועלכע האבען ניט געקאנט צוזעהען דאס רחמנות אונ האבען זיך ערלויבט צו רעדען א גוט ווארט וועגען די מאראנען.

דער דריטער גראס-אינקוויזיטאר קסימענעס דע ציסנעראס איז שוין קלאמערשט געוועהן א גראסערער בעל ישר, נאר פון דעסטוועגען האט ער ניט געוואוסט וואס הייסט רחמנות, ווען אין זיינע האנד פלעגען אריינפאלען מאראנען,

אדער נייא-קריסטען, דאס הייסט אזעלכע קריסטען וואס קומען ארויס פון יודען אדער מחמדנער. אז קארל דער פינפטער האט געהאט בדעה צו ערלויבען די יודישע מארראנען זיי זאלען זיך מאגען אומקעהרען צוריק צו זייער אמונה אונ האט דערפאר געוואלט נעהמען א ממון יפה, האט קסימענעס דע ציסנעראס אנגעמאכט א געוואלד, אונ דער יונגער קייזער האט געמוזט מבטל זיין זיין רצון. נאך ביטערער איז געווארען די מארראנען ווען אין שפאניען האבען זיך אויך אנגעהויבען ארויסווייזען לוטהער'ס תלמידים: עס זענען צוגעקומען נייע מענשען צום ברענען, אונ דערבאלט האט מען שוין גאר ניט געטענה'ט אונ מען האט יודען, מחמדנער אונ לוטהעראנער גלייך געווארפען אין פייער.

אסך בעסער איז געוועהן די מארראנען אין פארטוגאל, ווייל דארט האט זיי דער קאניג עמנואל בעווארענט אז צוואנציג יאהר כסדר מאגען זיי זיך פיהרען ווי זיי ווילען אונ די אינקוויזיציאן טאר זיך צו זיי ניט טשעפען. מען האט זיי אויך ערלויבט צו האלטען ביי זיך יודישע ספרים אונ זיי האבען זיך בענוצט מיט דער פרייהייט אזוי ווייט, אז זייערע קינדער האבען געלערנט לשון קדש, זיי האבען אבגעהיט די נאטהיגסטע דינים אונ פלעגען כמעט אפען דאווענען אין שולען. פיעל פון זיי האבען ביסלעכווייז אלדינג פערקויפט, צייט האבען זיי געהאט אונ קיינער איז זיי ניט געשטאנען איבער'ן האלז אונ נאקען; דאריבער איז זיי לייכט געוועהן צונויפשלאגען היבש געלד אונ דערנאך אריבער קיין איטאליען אדער טירקיי. די מלוכה האט זיך אפילו ארומגעקוקט אונ האט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז קיינער פון די מארראנען טאר ניט אוועקווארפען דאס לאנד אהן א ערלויבניש פונ'ם קאניג אונ אז קיין שום קריסט זאל זיך ניט דערוואגען אבצוקויפען ביי זיי זאכען, נאר אזא בעפעהל האט זיי ניט געשטערט אונ עס איז נאר געבליבען אויף פאפיער. אוודאי פלעגען זיי די שפאנישע מא-ראנען מקנא זיין אונ ביי דער מינדסטער סכנה האט מען זיך אריבערגעחאפט קיין פארטוגאל; דאס האט שפאניען ניט געוואלט ליידען אונ עמנואל האט געמוזט צו ליעב טהון אונ מאכען א געזעץ אונ ביי דער גרעניץ זאל מען ביי יעדען שפאניער פאדערן א קוויטעל אז ער איז ריין פון חטאים נעגען דער אמונה אונ אז די אינקוויזיציאן האט צו איהם גאר ניט.

ווי אזוי ניט, וואלטען שוין די מארראנען פון פארטוגאל געקאנט גליקליך לעבען, ווייל זיי זענען כמעט אללע געוועהן זעהר פעהיגע מענשען, דער קאניג האט פון זיי געהאלטען, פיעל פון זיי האבען געדיענט ביי דער קרוין אונ א טהייל זענען געווארען אפילו נייסטליכע. צום אומגליק, איז אבער דאס פאלק אויף

זַיי כְּאִז גֶעוֶועהן, וַוייל מֶען הָאט זַיי פָּשׁוּט נִיט פֶערְגוּנֶען וָואס זַיי הָאבֶּען פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד, אוּנ וָואס פַאר אֵיין אוּמְגְלִיק עֶס פְּלֶעגְט זִיךְ טְרֶעפֶען הָאט מֶען אוֹיף זַיי אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט. בֶּעזָאנְדֶערְס אִיז מֶען אִין כַּעַס גֶעוֶועהן אוֹיף אֵיינֶעם פוּן זַיי, יָאהַאן רָאדְרִיגָא מַאסְקַארֶענְהַאס, וָואס אוּנְטֶער זַיין הַאנְד זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַללֶע נְתִינוּת פוּן דֶער מְדִינָה, אוּנ אִיהם צוּ לִיעבּ הָאט מֶען שׁוֹין אָנְגֶעטְהוּן צָרוֹת אַללֶע מַארְרַאנֶען. עֶס אִיז אַזוֹי וַוייט גֶעקוּמֶען אַז מֶען הָאט זַיי קַיין נַאס נִיט גֶעלָאזְט דוּרְכְגֶעהְען אוּנ מֶען פְּלֶעגְט זַיי נָאכְשְׁרַייֶען „פֶערְשָׁאלְטֶענֶע יוּדֶען"! מִיט דֶער שִׂנְאָה הָאבֶּען זִיךְ בֶּענוּצְט עֶטְלִיכֶע גַייסְטְלִיכֶע, וָואס דִי מַארְרַאנֶען זֶענֶען בַּיי זַיי גֶעוֶועהן ווִי אַדָארְן אִינְוֶוענִיג, אוּנ פְּלוּצְלוּנְג אִין אַזוּנְטָאג הָאבֶּען זַיי אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַקְלַאנְג אַז אִין אַקִירְכֶע הָאט זִיךְ בֶּעווִיזֶען אַהֵיילִיג בִּילְד; דָאס הָאבֶּען זַיי גֶעטְהוּן מִיט אַכַּוָּנָה אַז דָאס פָאלְק זָאל זִיךְ צוּנוֹיפְלוֹיפֶען זֶעהֶען אָדֶער הֶערֶען פוּן דֶעם נַייֶעם מוֹפֵת, אוּנ דֶערְמָאלְט הָאט זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַגַייסְטְלִיכֶער אוּנ הָאט גֶעזָאגְט אַפַייֶערִיגֶע דְרָשָׁה. עֶר הָאט אוֹיסְגֶעווִיזֶען אַז אַללֶע צָרוֹת נֶעהְמֶען זִיךְ נָאר פוּן דִי מַארְרַאנֶען, אַז זַיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג אִין דֶעם הוּנְגֶער אוּנ דֶער מַגֵּפָה וָואס הָאבֶּען דָאס יָאהר אַהִיל גֶעמַאכְט פוּנ׳ם לַאנְד אוּנ, אַז עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶע מִצְוָה זַיי צוּ פֶערְנִיכְטֶען. דָא זֶענֶען בַּאלְד אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען צְווַיי גַייסְטְלִיכֶע, יָאהַאן מָאכָא אוּנ פְּרַאטְרֶע בֶּערְנַארְדָא, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט לוֹיפֶען מִיט קְרַייצֶען אִין דִי הֶאנְד אִיבֶּער דִי גַאסֶען אוּנ אוּנְטֶערְהִיצֶען דָאס פָאלְק מֶען זָאל זִיךְ שׁוֹין נֶעהְמֶען צוּ דֶער אַרְבַּייט. לַאנְג בֶּעטֶען הָאט מֶען קֵיינֶעם נִיט בֶּעדַארְפְט. אַז דִי גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען צוּגֶעזָאגְט אִי עוֹלָם הַזֶּה, וָואס מֶען וֶועט זִיךְ אַלַיין נֶעהְמֶען וֶוען מֶען וֶועט רַאבֶּעוֶוען, אִי עוֹלָם הַבָּא, וָואס מֶען וֶועט זִיךְ פֶערְדִיעֶנֶען וֶוען מֶען וֶועט אוֹיסְהַרְגֶ'ענֶען דִי שׂוֹנְאִים פוּן דֶער קִירְכֶע, הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין גֶעפוּנֶען גֶענוּג בַּעֲלָנִים, צוּ זַיי זֶענֶען בַּאלְד צוּגֶעשְׁטַאנֶען אַסַךְ מַאטְרָאסֶען פוּן פְרֶעמְדֶע שִׁיפֶען, וֶועלְכֶע זֶענֶען דֶערְמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען אִין לִיסַאבָּאן, אוּנ עֶהְדֶער מֶען הָאט זִיךְ גֶערִירְט אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען אַווִילְדֶע מַחֲנֶה פוּן צֶעהְן טוֹיזֶענְד רוֹצְחִים, וָואס הָאבֶּען אִין אֵיין טָאג גֶעטֵייטְט בִּיז פִיעֶר טוֹיזֶענְד מַארְרַאנֶען.

פוּן יֶענֶעם טָאג אָן אִיז דִי לַאגֶע פוּן דִי מַארְרַאנֶען אִין פָּארְטוּגַאל גֶעוָוארֶען זֶעהר טְרוֹיעֶרִיג, הָאטְשׁ זַיי זֶענֶען גֶעוֶועהן דִי נוּצְלִיכְסְטֶע מֶענְשֶׁען אִין לַאנְד, דִי בֶּעסְטֶע סוֹחֲרִים אוּנ בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת. אוּנ וֶוער שְׁמִיעֶסְט אִין מֶעדִיצִין הָאט זִיךְ קֵיינֶער גָאר נִיט גֶעקָאנְט גְלַייכֶען צוּ זַיי, אוּנ זַייעֶרֶע דָאקְטוֹירִים הָאבֶּען גֶעשֵׁם׳ט אוֹיף דֶער וֶועלְט. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז דֶער הַאס פוּנ׳ם פָאלְק גֶעגֶען

זיי געוועהן זעהר גרויס אונ די מלוכה האט אללע מאל געהאט צרות דערפון וואס זי האט זיי שטאנדיג געמוזט שיצען אונ אבהיטען מען זאל אויף זיי ניט אנפאלען. נאר כל זמן דער קאניג עמנואל האט געלעבט זענען די מארראנען פארט ניט געוועהן אזוי אומגליקליך, ווייל ער איז געגאנגען מיט זיי מיט חסד, ער האט זיי ערלויבט אויסצופאהרען, אונ האט געגעבען א בעפעהל, אז צווישען די נייע-קריסטען אונ אלט-קריסטען זאל מען ניט מאכען קיין שום אונטערשיעד אונ די אינקוויזיציאן זאל זיך ניט טארען מישען צו זיי נאך זעכצעהן יאהר; קוים איז אבער די מלוכה איבערגעגאנגען צו יאהאן דעם דריטען, איז פערשוואונדען זייער לעצטער האפנונג, ווייל ער האט נאך אין די קינדערשע יאהרען גענוג בעוויזען שנאה געגען די מארראנען אונ, אז ער האט נאך אנגעטהון די קרוין אונ חתונה געהאט מיט א שפאנישער פרינצעסין, איז ביי איהם געבליבען ער זאל זיך אזוי פיהרען ווי די יונגע קאניגין האט איהם געראטהען. קודם כל האט ער, אים יאהר 1524, ארויסגעשיקט א מענשען, זשארזש טהעמודא, ער זאל זיך צו קוקען צום לעבען פון די מארראנען אונ נאכפארשען צי האלטען זיי געטריי די געזעצע פון דער קאטאלישער אמונה אונ זאל איהם געבען דערפון א קלארע ידיעה. טהעמודא האט איהם מן הסתם, באלד געבראכט א תשובה אז די מארראנען היטען אב שבת אונ אללע יודישע ימים טובים, אז פון קיין שום קריסטליכען מנהג ווילען זיי ניט וויסען, אין קירכע קומען זיי ניט, פאר'ן טויט ברענגען זיי ניט קיין גייסטליכע צו די קראנקע מיט זיי ודוי צו זאגען אונ זייערע מתים בעגראבען זיי בעזונדער, ניט צווישען אללע קריסטען. דער קאניג האט פערשטאנען אז דא וועט שוין די אינקוויזיציאן האבען א רעכט שטיקעל ארבייט אונ ער האט זיך ענטשלאסען נאך מעהר אויפצודעקען די חטאים פון די מארראנען, אונ דאס האט ער נאר געקאנט טהון דורך א אינעוועניגסטען מענשען, וואס זאל א לאנגע צייט לעבען צוזאמען מיט זיי אונ דערנאך אלדינג ארויסגעבען. אזא מענשעל האט זיך באלד אבגעזוכט אונ דאס איז געוועהן היינריך נונעס, איינער פון לוצערא'ס תלמידים, וואס איז דווקא אלליין ארויסגעקומען פון יודען, נאר ער איז זיי געוועהן א דם שונא. ער האט אויף זיך גענומען צו ווערען א מוסר. איהם איז לייכט געוועהן צו מאכען א פרום פנים אונ זיך אריינגנב'נען אין די שאנסטע הייזער פון די מארראנען אין ליסאבאן, עוואראא אונ אנדערע שטאדט אונ פון יעדען ארט האט ער געשיקט בריעף דעם קאניג אונ האט אלדינג בעשריבען אונ אפילו יעדען אנגערופען ביים נאמען. אז יאהאן האט

שוין געהאט אזא כשר'ן עדות, האט ער זיך ענטשלאסען באלד איינפיהרען ביי זיך די אינקוויזיציאן אונ האט טאקי דעם אייגענעם היינריך נוגעס אוועקגעשיקט פאר א שליח קיין שפאניען צו קארל דעם פינפטען, כדי ער זאל דורך איהם בעקומען די הסכמה פונ'ם פאפסט. די מאראנען זענען אבער בעצייטענס געווארהר געווארען וואס פאר א שלאנג עס איז צווישען זיי ארומגעקראכען אונ וואס פאר א שליחות נוגעס האט אויף זיך גענומען. צוויי פון זיי, דיעגא פאץ אונ אנדרע דיאס, וועלכע האבען זיך פאר דער וועלט גערעכענט פאר גייסטליכע, זענען איהם נאכגעלאפען אונ האבען איהם דערהרג'ט אין באדאיאץ, ניט ווייט פון דער שפאנישער גרעניץ. אודאי איז היינריך נוגעס געווארען א קדוש, אונ די צוויי מאראנען האבען מיט'ן לעבען בעצאהלט דערפאר וואס זיי האבען געוואלט מציל זיין זייערע ברידער פון א צרה. צום סוף האבען זיי דערמיט ווייניג וואס געפועלט, ווייל אין יאהאן'ס האנד איז שוין געוועהן א גאנץ צעטעל, וואס נוגעס האט איהם נאך פריהר צוגעשטעלט אונ וואס דארט זענען געוועהן אויסגערעכענט אי די שולדיגע, אי זייערע גרויסע זינד, אונ די אינקוויזיטארען האבען שוין ארויסגעקוקט מען זאל זיי לאזען זיך צו פיהרען די האנד, נאר גאר אומגעריכט איז געווארען איין איבערשלאג אונ דער קאניג האט ניט אויסגעפיהרט זיין ביטערע מחשבה.

פלוצלונג איז ערגיץ פון גאנץ ווייט, פון די מזרח־לאנדער, אראבגעפאהרען קיין איירא פא א יוד, וואס האט געזאגט אז ער הייסט דוד, אונ ער שטאמט ארויס פונ'ם שבט ראובן, אז זיין ברודער איז א מושל איבער א גאנץ פאלק, וואס בעשטעהט פון דריי הונדערט טויזענד גבורים, אז זייער לאנד רופט מען חבור אונ אז דער קאניג מיט די זיבציג זקנים, וואס פיהרען די מדינה, האבען איהם ארויסגעשיקט צו די אייראפאישע מלכים אונ בעזאנדערס צום פאפסט, ער זאל ביי זיי בעקומען ביקסען אונ הארמאטען, כדי זיי זאלען קאנען מלחמה האלטען מיט די מחמדנער ביים רויטען ים אונ ארויסטרייבען די טירקען פון ארץ ישראל. צו איז דוד הראובני געוועהן א שווינדלער אונ האט אויסגעטראכט פונ'ם קאפ די מעשה וועגען זיין ברודער'ס מלוכה פון יענער זייט סמבטיון, אדער ער האט טאקי אליין געגלויבט אין זיין כח אז עס וועט איהם געראטהען עפיס אויפצוטהון נייעס, — דאס איז עד היום ניט בעקאנט, נאר ער איז פון דער נאטור געוועהן אזא מענש וואס מען האט איהם געמוזט אננעהמען פאר א בעל מופת: זיין קליינע וואוקס, זיין אויסגעדארטקייט, זיין שווארץ פנים, זיין שטאנדיג פאסטען, זיין רעדען לשון קדש, זיין שטרענגער

קוק, זיין פאדערן מען זאל איהם פערשטעהען אויפ'ן ווינק אונ בלינד פאלגען, דאס אלדינג האט געמוזט פיהרען דערצו מען זאל איהם וועניגער קשיות פרעגען אונ מעהר פאר איהם דרך ארץ האבען. דערפאר, אז ער איז, נאך זיינע גרויסע נסיעות איבער אראביען, נוביען אונ מצרים, אריינגעפאהרען קיין איטאליען אונ איז געקומען קיין רום, האט מיט איהם באלד אנגעהויבען דאס לאנד צו קלינגען, אונ אז ער איז צוגעפאהרען אויף זיין ווייס פערד, מיט א דיענער אונ א איבערזעצער, צום הויף פונ'ם פאפסט, האט מען איהם מיט גרויס כבוד אריינגעבעטען, אונ דער פאפסט קלעמענטי דער זיבעטע האט איהם אויפגענומען מיט א גאנצען פאראד אונ אזוי ווי עס שטעהט אן א שליח פון א מלכות. דוד הראובני האט צוגעשטעלט דעם פאפסט פיעל רעקאמענדאציעס פון גרויסע לייט פון פארטוגאל, מיט וועלכע ער האט זיך בעגעגענט אין וועג. דער פאפסט האט אוועקגעשיקט די בריעף קיין פארטוגאל, אונ אז מען האט איהם פון דארט געאנטפערט אז די חתימות זענען אמת'ע איז ער ביי איהם געווארען גאר געהויכט אונ געקראנט, אונ דער פאפסט האט טאקי ערנסט אנגעהויבען טראכטען צו עס וואלט באמת ניט געוועהן א פלאן מען זאל די טירקיי אבריינגען פון די מחמדנער. אזוי איז דוד הראובני געווארען ביים פאפסט א גאנצער בן בית, איבער די גאסען פלעגט ער פאהרען מיט א וואך פון יודען אונ קריסטען אונ ביסלעכווייז האבען אפילו די דאזיגע, וועלכע האבען צום אנהייב קרום געקוקט אויף זיינע אויפטהועכצען, אנגעהויבען גלויבען אז ניט אומזיסט איז ער געקומען קיין איראפא אונ אז עס וועט איהם געוויס געראטהען עפיס אויסצופיהרען לטובה פונ'ם גאנצען יודישען פאלק. די בעריהמטע פרוי פונ'ם רייכען דון שמואל אברבנאל, בנוונידה, האט איהם צוגעשיקט פון נעאפעל א סך געלד אונ א טהייערע זיידענע פאהן, וואס אויף איהר זענען געוועהן מיט גאלד אויסגעשטיקט די עשרת הדברות. געלד אונ מתנות האט ער צוגענומען, נאר פון יודען האט ער זיך געהאלטען פון דער ווייטענס, כדי עס זאל אויף איהם ניט פאלען קיין חשד.

אזוי ווי אין פארטוגאל האט מען, צו ליעב די בריעף, וואס דער פאפסט קלעמענטי האט אהין איבערגעשיקט, זיך זעהר אינטערעסירט מיט דוד הראובני, האט איהם דער קאניג יאהאן געשיקט בעטען ער זאל קומען צו איהם. מיט גרויס פאראד האט איהם דער פאפסט ארויסבעגלייט פון רום, ער האט זיך אויפגעזעצט מיט אללע זיינע דיענער אויף א בעזונדער שיף, וואס דארויף איז געוועהן זיין פאהן, אונ איז, אים חדש נאוועמבער 1525, זיך צונויפגעקומען מיט יאהאן

אין אַלמיירין. דוד הראובני האט בײַ איהם שטאַרק נושא חן געוועהן אונ יאהאַן איז מרוצה געוואָרען אים צו געבען כּלי זין פאַר זיין מדינה. וואס יאהאַן האט געמיינט דערמיט, וואס ער האט פּלוצלונג בעקומען אַזאַ חשק צו ווערען אַ גוטער ברודער מיט אַ יודישען קאָניג וואס מען ווייסט אפילו ניט זיכער וואו זיין לאַנד געפינט זיך — איז שווער צו פערשטעהען. מען זעהט נאָר אַרויס אַז דאס איז געוועהן אַ בעשעהרטע זאַך, כּדי די מאַרראַנען זאָלען ניצל ווערען פון דער אינקוויזיציאָן, וואס ער האט נאָר וואס געוואָלט איינפיהרען. אַוודאַי איז אויף זיי געוואָרען אַ שמחה, ווען זיי האָבען דערהערט אַז גאָר פּלוצלונג איז אין קאָניגליכען הויף אויסגעוואַקסען געוואָרען אַ קליין יודעל, וואס מען גיבט איהם אָב גרויס כּבוד, אונ דער נאָהמען פון דוד הראובני איז געוואָרען הייליג בײַ אַללע. מען איז איהם נאָכגעלאָפען אין די גאַסען, מען פלעגט קושען זיינע קליידער אונ מען האט איהם געבענשט, ווען ניט פאַר משיח'ן אַלליין, פאַר איינעם פון זיינע לייב-מענשען, וואס איז געקומען מאַכען אַ וועג פאַר'ן בעל הבית אונ בעלעבען די געפאַללענע געמיטהער מיט אַ זיסער האָפנונג.

אַז מען איז אין שפּאַניען געוואָהר געוואָרען וואס עס טהוט זיך אין פּאָרטוגאַל, אונ פון דערווײַטענס האט מען עס נאָך מגזם געוועהן טויזענד מאָל אַזוי פיעל, איז דאָרט גאָר געוואָרען אַ גרויסער רעש צווישען די מאַרראַנען אונ דער רעש האט זיי באַלד, אומזיסט אונ אומנישט, אָבגעקאָסט זעהר פיעל בלוט. עס האט זיך אָבגעזוכט אין העררערא אַ פרוי, וואס האט אָנגעהויבען שרייען, אַז אין איהר איז אַריין אַ רוח נבואה אונ אַז איהר האָבען זיך בעוויזען משה רבינו מיט מלאָכים אונ מען האט איהר מגלה געוועהן אַז די צייט פון דער גאולה איז שוין גאָר נאָהענט; אַ סך מאַרראַנען האָבען איהר געגלויבט אונ האָבען ניט געקאָנט בעהאַלטען זייער פרייד, וואס אָט-אָט וועלען זיי אויסגעלאָזט ווערען פון די שרעקליכע צרות, אונ קוים איז די זאַך אָנגעקומען צו דער מלוכה האט מען אין קורדובה פערברענט מעהר פון נײַנציג מענשען נאָר דערפאַר וואס זיי האָבען זיך ערלויבט צו האָפען אין אַזאַ צייט, ווען דער לעצטער פונק פון האָפנונג וואָלט שוין לאַנג בעדאַרפט אויסגעלאָשען ווערען פון זייערע הערצער. אַזאַ אומגליק האט נאָך אונטערגעגאָסען כּוימעל צום פייער, וואס האט געברענט בײַ די מאַרראַנען, אונ פיעל פון זיי האָבען זיך מיט מסירות נפש אַוועקגעלאָזט קיין פּאָרטוגאַל. חאָטש דוד הראובני האט געשוויגען אונ האט ניט גערעדט קיין וואָרט. זיין שווייגען איז בײַ די אומגליקליכע געוועהן מעהר ווי גערעדט, אונ וואס קאַלטער ער איז געוועהן געגען

די מארראנען האט זיך זייער היטץ פערגראסערט אונ מען האט פערשטאנען אז ער איז א חכם אונ פערשטעהט זיין זאך זעהר גוט.

צווישען די מאראנען, וואס דוד הראובני'ס קומען האט זיי אין גאנצען פערדרעהט די קאפ. איז געוועהן דיעגא פירעס, א וואהלער יונגער מאנן מיט זעהר פיעל מעלות אונ קאנטניסע, וואס איז שוין געבארען געווארען אקריסט אונ האט געדיענט ביי דער קרוין, ער האט אויך גוט געקאנט לשון קדש אונ קבלה, ער האט געגלויבט אז נאר גיך קומט די ישועה אונ האט שטאנדיג געלעבט נאר מיט'ן בטחון אז פון זיינע חלומות מוז עפיס ווערען. אז דוד הראובני איז געקומען קיין פארטוגאל, האט זיך דיעגא פירעס באלד צו איהם געווארפען אונ האט אנגעהויבען ביי איהם ציהען ווארטער וועגען משיח'ן אונ ווען קאן מען זיך רעכטען אויף איהם, נאר ער האט איהם זעהר קאלט אויפגענומען אונ האט איהם, ווי זיין שטייגער איז געוועהן, געוואלט פטר'ן מיט האלבע ווארטער. דיעגא פירעס איז נאך אבער קיין מבין ניט געוועהן אויף אזא הנהגה אונ האט זיך איינגערעדט, אז דוד הראובני קאן צו איהם קיין צוטרויען ניט האבען אונ וויל מיט איהם ניט רעדען אפען דערפאר, וואס ער איז ניט געמל'ט. ער האט ניט לאנג געטראכט אונ האט זיך געלאזט בעשניידען אונ ביים ברית האט מען איהם א נאמען געגעבען שלמה מולכו; דערביי האט ער פערלארען זעהר פיעל בלוט אונ איז מסוכן קראנק געווארען. אז דוד הראובני האט דערהערט אזא מעשה איז ער דערציטערט געווארען, ווייל ווי גרויס זיין חשיבות האט געמאגט זיין ביים קאניג, האט ער מיט אללע מאראנען געקאנט בעצאהלען מיט'ן לעבען דערפאר, אונ דאריבער האט ער דעם יונגען קראנקען גר איין עצה געגעבען ער זאל אוועקפאהרען קיין טירקיי, אונ דיעגא פירעס האט זיך טאקי אנגעהאפט אין דעם פלאן, ווייל איהם האט עס שוין לאנג געצויגען ערגי'ץ אין דער פרעמד, וואו ער זאל קאנען פערגעסען די צרות פון דער היים.

אין טירקיי האט זיך מולכו געקאנט פריי צופיהרען די האנד אונ אזוי ווי ער האט פעסט געגלויבט, אז דער גאנצער תכלית פון דוד הראובני'ס נסיעה איז נאר צו ליעב דעם, מען זאל מכין זיין די יודען צו דער גאולה, האט ער זיך אויסגעגעבען פאר זיין שליח, אונ אז ער האט דערצעהלט מיט וואס פאר א כבוד דער פאפסט קלעמענטי אונ דער קאניג יאהאן האבען אויפגענומען דוד הראובני, איז כמעט ביי קיינעם קיין ספק ניט געוועהן אז די גוטע צייט איז שוין ניט ווייט. אין סאלוניקי האבען איהם די מקובלים, די געטריייע תלמידים פון ר'

יוסף טאיטצק, אויפגעהאפט ווי א אבן טוב און האבען אויף זיינע חלומות געבויעט א גאנצען בנין. בעזאנדערס האט ער אנגעמאכט א שטארקען רעש אין אדריאנאפאל, דארט האט מען זיך ניט געקאנט גענוג אנוואונדערן וואס פון א געבארענעם קריסט זאל ארויס אזא גרויסער למדן, און פון אללע זייטען האבען זיך אנגעהויבען שיטען צו איהם תלמידים, וואס האבען געהאלטען פאר א זכיה צו לערנען ביי איהם תורה. דעמאלט האט ר' יוסף קארו, וואס איז נאך קליינערהייד אוועק פון שפאניען, געלערנט קבלה ביי מולכו, און צוגלייך מיט'ן רבי'ן האט ער זיך אבגעגעבען מיט חלומות און חשבונות וועגען משיח'ן. מולכו איז געוועהן אזוי איינגעגלויבט אין זיין נבואה, אז ער האט פינקטליך בעשטימט אויף 1540 דאס יאהר, ווען די יודען דארפען אויפגערעכט ווערען, און אז פריהר מיט דרייצעהן יאהר פאר דער בעשטימטער צייט, איז מען אנגעפאלען, דעם 6 מאי 1527, אויף רום און מען האט די שטאדט חרוב געמאכט, איז ביי קיינעם, אין טירקיי און אויך אין פוילען, אונגארן און דייטשלאנד, קיין ספק מעהר ניט געוועהן, אז מולכו'ס רעד זענען אודאי אמת און אז וואהל וועט זיין דעם, וואס וועט דערלעבען די גליקליכע שעה.

אין שפאניען און פארטוגאל האבען די מאראנען שטארק געהאפט אויף דוד הראובני און די האפנונגען האבען זיי צוגעגעבען אזא כח, וואס האט זיי טאקי פארט געמוזט שאדען. אין באדאיאץ זענען געזעסען אין תפיסה פיעל מאראנען און עטליכע פון זיי איז געראטהען צו אנטלויפען און זיך אריבער־האפען קיין פארטוגאל. דארט זענען זיי אבער געוואהר געווארען אז דער עולם רעכט זיך יעדען טאג אויף א ישועה, דאס האט זיי געשטארקט און זיי האבען זיך ענטשלאסען צוריקלויפען קיין באדאיאץ און בעפרייען זייערע ברידער. מיט א געוואלד זענען זיי אריין אין שטאדט און האטש זיי זענען געוועהן געצאהלטע מענשען איז אזא מורא געפאלען אויף די אנוואהנער, אז קיינער האט זיך ניט ארויסגעשטעלט געגען זיי, און זיי זענען אים שטאנד געוועהן גאנץ לייכט ארויס־צופיהרען זייערע קרובים פונ'ם געפאנגניש און זיי ברענגען קיין פארטוגאל. אזא בריה'שאפט איז אבער ניט געפאלען דעם קעניג יאהאן, און ביי איהם אין קאפ איז ווייטער אויפגעלעבט געווארען דער געדאנק אז עס איז נאטהיג אויך אין פארטוגאל איינצופיהרען די אינקוויזיציאן. דערווייל איז אויך, וואס מעהר צייט עס איז אוועקגעגאנגען, דאס חשיבות פון דוד הראובני ביים קעניג געווארען קלענער: פון איין זייט האבען די מאראנען אויפגעריסען די אויגען דערמיט, וואס זיי פלעגען איהם נאכלויפען און אבגעבען כבוד ווי א מלך, און פון דער

אנדערער זייט האט עס דעם קאניג אלליין שטארק פערדראסען וואס איינער פון זיינע מקורבים, דיעגא פירעס, האט זיך מגייר געווען. דערצו איז נאך גראד דעמאלט אנגעקומען צוריק פון רום מיגועל דע סילווא, וואס איז געוועהן ביים פאפסט אין דער צייט ווען דוד הראובני האט דארט געלעבט און האט איהם באלד תופס געוועהן אז זיין גאנצע נסיעה איז ניט קיין ריינע זאך. אודאי האט מיגועל דע סילווא אנגעהויבען שרייען אז עס איז איין עולה וואס מען שטיצט א שווינדלער, וואס מען ווייסט ניט פון וואנען ער האט זיך גענומען, און אז דער קאניג אלליין, וואס דענקט איינצופיהרען אזא היילינע זאך ווי די אינקוויזיציאן, מאכט עס אין גאנצען קאליע מיט דער פרייהייט וואס ער גיט די מאראנען, און מיט דער פריינדליכקייט, וועלכע ער בעווייזט א מענשען, וואס רייצט זיי אויף און רעדט זיי צו צו אלדע באז. לאנג טענה'ן מיט יאהאן האט מען ניט בעדארפט, ער האט זיך באלד איבערגעביטען, און האטש ער האט צוגעזאגט דוד הראובני איהם צו געבען אכט שיפען מיט פיער טויזענד פערשיעדענע כלי זין, האט ער איהם געלאזט זאגען אז נאר נאך צוויי חדשים קאן ער בלייבען אין לאנד און דערנאך מוז ער ארויס פאהרען. אזוי האט זיך אויסגעלאזט די גאנצע אהבה צווישען יאהאן און דוד הראובני, וועלכער האט זיך געמוזט אויפזעצען אויפ'ן ערשטען שיף און האט זיך דורך א שטורימווינד צוגעשלאגען קיין שפאניען און דארט האט איהם מיט זיין גאנצער חברה די אינקוויזיציאן ארייננגעכאפט אין איהרע בלוטיגע האנד. נאך דוד הראובני'ס אוועקפאהרען האט יאהאן אנגעהויבען מעהר צו אונטערדריקען די מאראנען, די קאניגין מיט די גייסטליכע האבען איהם ניט געלאזט רוהען און האבען איהם אלץ צוגערעדט ער זאל גיכער איינפיהרען די אינקוויזיציאן, דערצו האט נאר דער עפיסקאפ היינריך געמאכט איין התחלה און האט גע־הייסען אים יאהר 1530, פערברענען אין אליוועונסא פינף מאראנען, און דער קאניג האט זיך געמוזט ענטשליעסען און האט געשיקט בעטען דעם פאפסט קלעמענטי ער זאל איהם געבען זיין ברכה אויף דער גרויסער מצוה, וואס ער וויל דורך דעם אינקוויזיציאנס־געריכט א תל מאכען פון מענשען, וואס זענען פאלש דער קאטאלישער אמונה. יאהאן האט אויך געוואלט אז דער פאפסט זאל איהם מתיר נדר זיין און בעפרייען פון דעם ווארט, וואס ער האט אמאל גע־געבען די מאראנען אז זיי וועלען זיך לעבען רוהיג און קיינער טאר זיי ניט טשעפען. דאס שליחות — אלדינג צו פועל'ן ביים פאפסט — האט גענומען איבער

זיך דער פארטוגעזישער געזאנדטער אין רום בראס נעטא, נאר עס איז איהם ניט גרינג אנגעקומען. די מאראנען האבען געהאט אין לאנד אליין צוויי עדלע בעשיצער. דאס זענען געווען דער עפיסקאפ פון אלנארוויען, פערנאנדא קוטינהא, און דער עפיסקאפ פון פונכאל, דיאגא פינהיירא, וועלכע האבען זיך ניט איין מאל אנגענומען פאר זיי און האבען געדרונגען אז מיט געוואלד קאן מען קיינעם ניט צובינדען צו קיין רעליגיאן, אז מיט גוטען און מיט ליעבשאפט קאן מען אסך מעהר אויספיהרען און, אז ווען קריסטען זאגען עדות געגען מאראנען אז זיי האבען אליין געזעהען פון זיי שלעכטס, טאר מען זיי ניט גלויבען און מען דארף זיי נאך בעשטראפען פאר זייער פאלשער שבועה. דער פאפסט קלעמענטי האט גאר גוט געקוקט אויף די מאראנען, ער האט זיי פשוט געהעכענט פאר יודען און האט אטהייל פון זיי, וואס האבען ביי איהם געזוכט שוטץ, ערלויבט זיך צו בעזעצען אין אנקאנא, פלארענץ און ווענעדיג, און פריי איבערגעהען צום יודענטהום. דערפון קאן מען פערשטעהען אז עס האט געמוזט דעם קאניג יאהאן אבקאסטען גענוג מיה ביז ער האט דערלעבט צו זעהען ביי זיך אין פארטוגאל איין אינקוויזיציאנס-געריכט.

פונקט אין דער צייט, ווען דעם קאניג יאהאן האט זיך אזוי געגלוסט צו ברענגען די מאראנען אויפ'ן פייער, איז שלמה מולכו פלוצלונג, אים יאהר 1529, אראבגעקומען קיין איטאליען, ווייל ער האט ארויסגעזעהען אז די גאולה מוז געווים קומען אין דער בעשטימטער צייט, און ער האט געוואלט אז דווקא אין רום זאל מען אפענטליך הערען זיינע דרשות און פון דארט זאל זיך די פרעהליכע בשורה פארשפרייטען איבער גאנץ אייראפא. צום אנהייב האט ער זיך אבגעשטעלט אין אנקאנא; דארט איז שוין געוועהן ניט קיין קליינע יודישע קהלה פון מאראנען, וואס האבען זיך אומגעקעהרט צום יודענטהום. ער האט געפונען זעהר פיעל גוטע פריינד, וואס האבען איהם אויף די האנד געטראגען, ער האט אבער געהאט אסך געגנער, וואס האבען זיך געשראקען פאר זיינע חשבונות און האבען געשריגען אז דערפון קאן ארויס אגרויסע סכנה פאר'ן כלל ישראל און בעזאנדערס פאר די מאראנען. דערווייל האט זיך צו איהם זעהר צוגעלאזט דער הערצאג פראנצעסקא דעלא ראווערע און האט איהם געבעטען ער זאל זיך בעזעצען אין פעזערא, כדי צו ליעב איהם זאלען דארט וואהנען רייכע מאראנען און די שטאדט זאל בעלעבט ווערען. ער איז אבער לאנג ניט געבליבען אין פעזערא, עס האט איהם גע-צויגען קיין רום, און חאטש מען האט געקאנט רעכנען, אז עס איז אגרויס

איינשטעלעניש פון זיין זייט וואס ער האט זיך ענטשלאסען אויפצוטרעטען דארט, וואו דער קאטאליציזמוס הערשט אזוי שטארק, צום כוף האט ער געפונען בעשיצער צווישען די הויפט־פארשטעהער פון דער קאטאלישער קירכע. דער קארדינאל לארענצא פוטשי, וועלכער האט זיך אמאל אנגענומען פאר רייכלין, האט אויך מולכו בעוויזען זיין פריינדשאפט, און אפילו ביים פאפסט קלעמענטי האט ער נושא חן געוועהן און ער האט איהם ארויסגעגעבען א שוטץ־בריעף, כדי ער זאל קאנען פריי ארומפאהרען איבער איטאליען. דערצו האט זיך נאך ארויסגעוויזען אז מולכו איז אגאנצער בעל מופת, ער האט פאראויסגעזאגט אז דעם 8 אקטאבער 1530 וועט זיך אגרויס וואסער צוגיסען איבער רום, און דעם 26 יאנואר 1531 וועט אין ליסאבאן זיין אערדציטערניש, און אזוי איז טאקי געשעהן. די גרעסטע לייט זענען בטל געווארען פאר מולכו אז מען האט דערזעהען פון איהם אזעלכע מופתים, און דער פארטוגאזישער געזאנדטער בראס־נעטא האט איהם בפירוש געזאגט אז ווען יאהאן זאל געוועהן וויסען וואס פאר אהימעל־מענש ער איז, וואלט ער איהם געוויס ערלויבט צו בלייבען אין פארטוגאל און זיין איוד. אודאי האט בראס־נעטא, די גאנצע צייט וואס מולכו האט זיך אויפגעהאלטען אין רום, גאר ניט געקאנט טהון וועגען זיין שליחות: צום אומגליק האט אבער מולכו געהאט זעהר אגעפעהרליכען שונא, דעם בעריהמטען דאקטאר און שפראכענקענער ר' יעקב מנטין: ער האט זיך געפרואווט ארבייטען דורך בראס־נעטא, ער זאל פארדערן ביי דער מלוכה מען זאל מולכו'ן ארויסשיקען קיין פארטוגאל ווי א פערברעכער וואס איז געבארען געווארען אקריסט און האט איבערגעביטען זיין אמונה, און אז עס איז ניט געגאנגען, האט ער איהם פשוט געמסרט פאר דער אינקוויזיציאן און האט אומיסטען געבראכט עדות פון ליסאבאן. אהן מורא האט זיך מולכו געשטעלט פאר'ן אינקוויזיציאנס־געריכט און האט געוויזען דעם שוטץ־בריעף פונ'ם פאפסט. די ריכטער האבען אבער ביי איהם הערויסגעריסען דעם בריעף און זענען געלאפען צום פאפסט זיך קלאגען און פרעגען ווי קומט עס אז ער זאל האלטען אונטער זיינע פליגעל אזא מענשען. קלעמענטי האט זיי פערשטעהען געגעבען אז ער דארף האבען מולכו צו אנאטהיגע זאך און זיי האבען איהם געמוזט אבלאזען. מנטין האט זיך אבער ניט בערוהיגט און האט אויסגעזוכט אויף מולכו'ן נייע הטאים, ביז די אינקוויזיציאן האט איהם פערמשפט צום טויט. דער פאפסט האט איהם אבער באמת ליעב געהאט. מבטל זיין דעם משפט האט ער ניט געטארט, דאריבער

האט ער געהייסען מען זאל קלאמערשט אפענטליך פערברענען אמענשען, נאר דאס איז געווען איין אנדערער, וואס מען האט איהם אונטערגעשטעלט, אונ מולכו'ן האט ער געהאלטען ביי זיך בעהאלטען ביז דער רעש איז איבער־געגאנגען, ביים פאלק איז איינגערעדט געווען אז זיי האבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהען ווי מען האט מולכו'ן פערברענט אונ ער האט שפעטער געקאנט רוהיג אוועקפאהרען פון רום.

באלד נאך דעם איז דער גוטהארציגער קארדינאל לארענצא פוטשי געשטארבען אונ זיין נאכפאלגער אנטאניא פוטשי האט שוין ניט גע־האט די מעלות פונ'ם פעטער, אונ דאריבער איז געראטהען דעם קעניג יאהאן צו בעקומען איין ערלויבניש איינצופיהרען די אינקוויזיציאן אין פאר־טוגאל, חאטש די פרומע קארדינאלע, עגידיא פאן וויטערבא, דער תלמיד פון ר' אליהו לעוויטא, אונ געראנימא דע גהינוטשי, זענען גע־ווען דאגעגען. אזוי האבען זיך אין פארטוגאל מיט אמאל געעפענט דריי אינקוויזיציאנס־געריכטע, אין ליסאבאן, עוואראַ אונ קאימבראַ, אונ פאר'ן ראש האט דער קעניג בעשטימט דעם גייסטליכען דיאגא דע סילווא, וואס איז דוקא געווען אגוטער מענש, נאר ער איז ניט אים שטאנד געווען צו געהען מיט חסד דארט וואו דאס פאלק איז געווען מלא רציחה אויף די מאראנען אונ האט זיך קוים דערוואַרט זיי זאלען זיך קאנען באדען אין זייער בלוט.

ביי אזא אומגליק האבען די מאראנען אנגעהויבען טראכטען אוועקצו־פאהרען פון פארטוגאל, נאר די מלוכה האט זיי פערשטעלט דעם וועג: זי האט פערוועהרט די קריסטען זיי זאלען ניט אפקויפען ביי די מאראנען קיין זאכען אונ אויף די שיפען האט זי אויך אנגעזאגט מען זאל זיי ניט ארויפלאזען. פון דעסטוועגען האבען זיך עטליכע פון זיי צו געשלאגען קיין רום אונ האבען גע־קלאגט פאר'ן פאפסט וועגען דעם שלעכטס וואס מען טהוט זייערע ברידער אין פארטוגאל. דעם פאפסט קלעמענטי האט שוין אהן דעם אויך בגנב געטהון וואס ער האט ערלויבט מען זאל אומשולדיגע מענשען אזוי רודפ'ן, אונ ער האט אנגעהויבען שטארק נאכטראכטען ווי אזוי ער זאל צוריקנעהמען זיין ערלויבניש. אין דער צייט האט מען וויטער דערהערט, אז שלמה מולכו אונ דוד הראובני דרימלען ניט אונ האבען זיך אוועקגעלאזט קיין רעגענשבורג צום קייזער קארל דעם פינפטען.

דער סוד וואס האט געטריבען דוד הראובני צו ווייטע נסיעות אונ דער פערבארגענער כח וואס האט געבראכט שלמה מולכו דערצו אז ער זאל מיט

מסירת נפש זיך לאזען צוריק פון טירקיי אין די לאנדער, וואו ער איז מיט'ן לעבען ניט זיכער געוועהן, האבען זיי טאקי ניט געלאזט רוהען אונ עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען זיך פארשטעלען דעם קייזער קארל. וואס זיי האבען געמיינט דערמיט, קאן מען ניט וויסען. א טהייל זאגען אז זיי האבען זיך אונטערגעשטעלט פארצולעגען דעם קייזער ער זאל זיך מגייר זיין, נאר דאס איז שווער צו גלויבען, ווייל חאטש זיי זענען קיין רעגענשבורג אריינגעפאהרען מיט א שטיקעל פאראד אונ האבען געטראגען א פאהן, וואס אויף איהר זענען געוועהן אויסגעקריצט די אותיות מכב"י, וועלכע זענען די ראשי תיבות פון „מי כמוכה באלים יהוה", פון דעסטוועגען האט זיי דער פארשטעהער פון די דייטשע יודען, ר' יוזיל פון זאסהיים, גאר אין גאנצען אבגעראטהען, זיי זאלען זיך אפילו ניט זעהען מיט קארל'ן, וועלכער איז א הייסער קאטאליק אונ וועט גאר ניט וועלען הערען פון זאכען, וואס דערפון קאן עפים ארויסקומען א טובה פאר איין אנדער אמונה. גיכער קאן מען רעכנען אז זיי האבען געבעטען קארל'ן ער זאל ערלויבען די מאראנען זיי זאלען געהען מלחמה האלטען מיט די טירקען. קארל האט אבער מיט זיי לאנג ניט געטענה'ט: ער האט זיי ביידען געלאזט קאווען אין קייטען אונ האט זיי מיט זיך מיטגעפיהרט קיין מאנטוא, דארט האט ער צונויפגערופען איין אינקוויזיציאנס-געריכט אונ מען האט שלמה מולכו פערמשפט צום טויט. אז מען האט איהם געפיהרט פערברענען, האט מען איהם פערבונדען דאס מויל, כדי ער זאל מיט זיינע שאנע רעד ניט דערוועקען קיין רחמנות ביים פאלק, נאר עהדער מען האט איהם שוין בעדארפט אריינווארפען אין פייער איז אנגעקומען א שליח פונ'ם קייזער אונ האט איהם געזאגט אז ער קאן בלייבען לעבען אונ גליקליך זיין ווען ער וועט מיט אמת'ער חרטה זיך צוריק-קעהרען צו דער קאטאלישער רעליגיאן. מולכו האט אבער פערדרעהט דעם קאפ אונ געוויזען אז ער וויל זיין איין „עולה תמימה" פאר'ן יודישען פאלק אונ אז ער געהט מיט שמחה אקעגען דעם טויט.

די גבורה אונ דאס בעהארצקייט, וואס שלמה מולכו האט ארויסגעוויזען ביים שטארבען, האבען זיין נאהמען נאך הייליגער געמאכט צווישען יודען פון דער גאנצער וועלט. אומעדום האט מען אנגעהויבען דערצאהלען פון איהם מופתים אונ אזוי ווי מען האט שוין איין מאל געזעהען ווי מען האט איהם אין רום פערברענט אונ צום סוף איז ער ניצל געווארען, האט זיי שוין דאס מאל אויך אויסגעוויזען אז ער לעבט, אונ עס האבען זיך שוין געפונען מענשען וואס האבען איהם, אכט טאג נאך דעם פערברענען, מיט זייערע „אייגענע אויגען"

געזעהען אין עטליכע ערטער. דוד הראובני איז ניט בעשערט געוועהן צו שטארבען מיט אזא כבוד ווי אקדוש. אזוי ווי ער איז געוועהן איוד, האט אויף איהם די אינקוויזיציאן קיין רעכט ניט געהאט, אונ דאריבער האט איהם קארל געהייסען אוועקפיהרען קיין שפאניען אונ דארט האט ער זיך אסך יאהרען אבגעמוטשעט אין תפיסה ביז ער האט זיך אליין געסמ'ט. מולכו'ס אומצייטיגער טויט האט נאך מעהר אריינגעבראכט דעם פאפסט קלעמענטי אין כעס, ער האט פערשטאנען אז דאס האט קארל איהם געטהון אויף צו להכעים, אונ דערפאר איז ביי איהם געבליבען ער זאל איהם אבדאנקען דערמיט וואס ער זאל מבטל זיין די אינקוויזיציאן אין פארטוגאל. די מאראנען האבען פערשטאנען אז אצונד איז די בעסטע צייט עפים ביים פאפסט צו פועל'ן אונ זיי האבען אוועקגעשיקט צוזאמען מיט זייערע לייט, דוארטע דע פאז, זעהר אכבוד'ען מענשען, וואס איז געוועהן אחשוב ביי דער מלוכה, אונ האבען איהם מיט געגעבען גענוג געלד, כדי ער זאל ניט קומען מיט לעדיגע האנד, דארט וואו מיט גלאטע דבורים איז שווער עפים צו מאכען. אין שרעקליכע פארבען האט דער שליח פון די מאראנען אויסגעמאהלט דעם פאפסט וואס עס געהט פאר אין פארטוגאל אונ וואס פאר אגרוים אכזריות מען זעהט דארט פון מענשען וואס רופען זיך „גאטט'ס דיענער”, אונ עס איז איהם געראטהען דערוייל ארויפצובריינגען קלעמענטין ער זאל דעם 17 אקטאבער 1532 ארויסגעבען אבעפעהל, אז די אינקוויזיציאן זאל אויף אגעוויסער צייט אויפהערען. דאס איז נאר געוועהן איין התחלה אונ קוים איז דוארטע דע פאז פערטיג געווארען דערמיט, האט ער אנגעהויבען ארבייטען ביים פאפסט ער זאל הייסען בעפרייען די אומגליקליכע מאראנען, וואס זענען געביך מיט ווייבער אונ קינדער געזעסען אין תפיסה אונ האבען זיך שוין געזעגענט מיט'ן לעבען. קלעמענטי האט גוט געוואוסט אז די מאראנען זענען אומשולדיג, נאר ער האט געמוזט יוצא זיין פאר זיינע אייגענע לייט, אונ דאריבער האט ער די גאנצע זאך איבערגעגעבען אקאמיסיאן אונטער דער השגחה פון צוויי פרומע קארדינאלע, דע־צעזים אונ קאמפע־דזשיא, וועלכע האבען, מן הסתם, ניט פערלייגענט דעם אמת אונ האבען מודה געוועהן, אז מענשען, וואס מען האט זיי מיט געוואלד געטויפט, קאנען זיך ניט רעכנען פאר קריסטען אונ זינדיגען ניט, ווען זיי זענען פאלש דער פרעמדער אמונה. צוויי יאהר האט פון דעסטוועגען געדויערט ביז די קאמיסיאן האט ארויסגעזאגט איהר חות דעת אונ דער פאפסט האט זיך נעפיהלט ביכולת, דעם 26 יולי 1534, צו פערעפענטליכען אבעפעהל, אז אללע

געפאנגענע מאראנען זאלען בעפרייהט ווערען און מען זאל זיי אומקעהרען דאס פערמעגען. אין אפאר חדשים ארום איז אבער קלעמענטי געשטארבען און זיין בעפעהל איז געבליבען נאר אויף פאפיער.

דער נייער פאפסט פאול דער דריטער, האט שוין קרום געקוקט אויף די מאראנען, חאטש פון יודען האט ער דווקא געהאלטען און ר' יעקב מנטין איז געוועהן זיין לייב-דאקטאר. ער האט געוואלט מעהר בעפעסטיגען די אינקוויזיציאן, וואס איז די לעצטע צייט אביסעל צו שוואך געווארען, און האט בעפוילען דעם קאניג פון פארטוגאל אז די פריהריגע בעפעהלע פון יענעם פאפסט זאגען בטל און אז ער מאג טהון מיט די מאראנען וואס ער וויל. באלד האט זיך אבער די זאך געאנדערט, ווייל דיארטע דע פאץ און זיין נייער שותף דיעגא רודריגעס פינטא האבען ניט געזשאלעוועט קיין געלד, זיי האבען איבערגעקויפט יעדען וואס האט נאר געקאנט טהון א טובה, אפילו דעם קארדינאל סאנטיקוואטרא, וואס האט נאר געוואלט האבען א חלק אין דער גרויסער מצוה ווען מען וועט אין פארטוגאל ברענגען מאראנען, האבען זיי בעשטימט א יאהר-געהאלט און ער איז גאר ווייכער געווארען, און אזוי האבען זיי זיך געמיהט ביז דער פאפסט האט איבערגעגעבען די גאנצע שאלה צוויי קארדינאלע, גהינוטשי און סימאנעטא. פון דעם וואס דער פאפסט האט דערצו אויסגעקליבען דעם קארדינאל גהינוטשי, וואס איז געוועהן בעקאנט פאר א גוטען פריינד פון די מאראנען און וועלכער האט אפילו אנגעשריבען א גאנץ ספר וועגען זיי, האט מען שוין געקאנט ארויסזעהן, אז זיין דעה האט זיך איבערגעביטען, און טאקי גאר אין א קורצע צייט האט ער געלאזט זאגען דעם קאניג יאהאן אז די בעפעהלע פון קלעמענטי דעם זיבעטען בלייבען אין זייער כח און אז מען זאל מעהר ניט אנריהרען די מאראנען. אז מען האט אין פארטוגאל א קוק געטהון ווי מען דרעהט אין רום מיט דער צונג, אט זאגט מען יא, אט שרייעט מען ניין, האבען זיי זיך ניט וויסענדיג געמאכט און האבען זיך געטהון זייערס און דערצו האבען זיי זיך נאך געפונען גוטע יועצים וואס האבען געראטהען דעם קאניג ער זאל זיך, פונקט ווי ענגלאנד, אבזאגען פונ'ם פאפסט. דאס האט פאול'ן שטארק פערדראסען און ער האט געשיקט, אים יאהר 1535 א שטרענג בעפעהל אז אללע מאראנען האבען שוין בעקומען א כפרת עון און מען זאל מעהר שוין אויף זיי קיין חטאים ניט זוכען. אזוי ווי דער פאפסט האט דאס מאל בעפוילען זעהר שטרענג און דערצו האט ער נאך אנגעזאגט זיין שליח ער זאל אכטונג געבען מען זאל איהם פינקטליך

פאלגען, האט מען ניט געטארט טענה'ן אונ דער פרינץ אליין דון אלפאנסא, וואס איז געוועהן אפעפענער שונא די מאראנען, האט געמוזט מיט זיינע אייגענע האנד עפענען די טהויערן פון דער תפיסה. מעהר פון אכטצעהן הונדערט מאראנען זענען דעמאלט בעפרייהט געווארען.

דאס איז געוועהן א שארפער קלאפ פאר דער מלוכה פון פארטוגאל, וואס האט ניט אויפגעהערט צו זוכען אללע מאל אז די אינקוויזיציאן זאל זיך ווייטער קאנען נעהמען צו איהר הייליגער ארבייט. אין ליסאבאן האט מען געפיהלט אז דער גאנצער חיוב אין דעם איבערקעהרעניש איז דוארטע דע פאץ אונ מען האט אנגעשטעלט אין רום רוצחים, וואס האבען איהם געשטאכען אין מיטען גאס. אין רום האט מען אבער געוואוסט וועמעס ארבייט דאס איז אונ דער פאפסט האט אליין געשיקט זיין דאקטאר ער זאל איהם אויסהיילען אונ ער איז געזונד געווארען. אז דאס מיטעל איז ניט געראטהען, האט זיך פארטוגאל געווארפען צום קייזער קארל דעם פינפטען, וואס האט דעמאלט גראד איינגענומען דעם מחמדנישען גבור בארבאראסא אונ איז פון דער מלחמה צוריקגעפאהרען איבער איטאליען. קארל האט טאקי זיך געווענדט צום פאפסט מיט דער בקשה ער זאל ווייטער לאזען איינפיהרען אין פארטוגאל די אינקוויזיציאן אונ האט געזאגט אז דאס וועט בייא איהם זיין די בעסטע מתנה. דעם פאפסט איז שווער געוועהן אבצוזאגען קארל'ן אונ דערווייל האט זיך בייא די מאראנען אויך אויסגעלאזט דאס געלד אונ אהן דער מטבע האט עס ביים בעסטען מליץ יושר אבגענומען דאס לשון אונ אזוי האט פאול, דעם 23 מאי, 1536, ארויסגעגעבען א נייעם היתר אויף דער אינקוויזיציאן אין פארטוגאל. ער האט אפילו אויסגענומען א תנאי מען זאל פאר דריי יאהר ניט משפט'ן קיינעם פון די מאראנען אונ פאר צעהן יאהר זאל מען בייא זיי ניט צונעהמען דאס פערמעגען. ער האט עס געטהון ווייל ער האט געפיהלט אז מען צווינגט איהם צו איין עולה. אין פארטוגאל האט מען אבער געדאנקט גאטט וואס מען האט בעקומען זיין הסכמה אונ מען האט באלד טאקי אין א חודש ארום אנגעהויבען ארויסצוגעבען משפטים מיט שאנעם יושר אונ רחמנות.. יאהאן האט אפילו ארויסגעגעבען א גזרה אז אללע מאראנען זאלען מוזען טראגען א בעזונדער צייכען אויף די קליידער.

די מאראנען האבען אבער זייער האפנונג ניט פערלארען אונ האבען נאך אמאל אנגעמאכט אין רום א געוואלד. דורך זייער שליח, דוארטע דע פאץ, האבען זיי דעם פאפסט בעקאנט געמאכט מיט די שרעקליכע רדיפות

פון די אינקוויזיטארען אונ ווי מען הרג'ט אונ מען בעגזל'ט מענשען אומזיסט. פאול האט זיך ווייטער בערעכענט אז ער האט ניט גלייך געטהון וואס ער האט זיך געלאזט איבערערעדען אונ ער האט באלד בעשטימט א נייע קאמיסיאן פון די קארדינאלע גהינוטשי, יאקאבאטשיא אונ סימאנעטא, זיי זאלען עפיס זוכען א מיטעל צו פערבעסערן די זאך, אונ אחוץ דעם האט ער געשריבען צו זיין שליח קיין ליסאבאן ער זאל איהם מודיע זיין וואס דארט געהערט פאר. אז די קארדינאלע האבען ארויסגעזאגט זעהר א שלעכטע מיינונג וועגען דער אינקוויזיציאן פון פארטוגאל, אונ פון ליסאבאן האט מען איהם אויך געמעלדעט אז אלדינג וואס די מאראנען שרייבען איז אמת, האט פאול, אים יאהר 1537, ארויסגעלאזט א בעפעהל אז יעדער פרומער קריסט איז מחויב צו שיצען די מאראנען. דאס איז געוועהן א שאנער אויפטהוא, ווייל דערמיט האט ער צוגענומען ביי דער אינקוויזיציאן דעם גאנצען כח אונ האט פארט ניט מבטל געוועהן זיין פריהריג בעפעהל: די אינקוויזיציאן האט טאקי קלאמערשט עקסיסטירט, נאר זי איז געוועהן טויט אונ האט זיך ניט געקאנט ריהרען.

ניט לאנג זענען אבער די אינקוויזיטארען געזעסען אהן ארבייט: פלוצלונג האט מען געפונען אויף דער טהיר פון דער גרויסער קירכע אין ליסאבאן אויפגעקלעבט א קוויטעל וואס איז געוועהן פול מיט קללות אונ חרמות אויף דער קריסטענטהום, דאס האט מען אומיסטען אבגעטהון, כדי מען זאל אונטערהיצען דאס פאלק אונ די אינקוויזיציאן זאל זיך ווייטער קאנען צופיהרען די האנד. דער קאניג האט בעשטימט א מתנה צעהן טויזענד רענדליך דעם וואס וועט ענטדעקען ווער עס האט דאס געטהון. דער שליח פונ'ם פאפסט האט גוט געוואוסט אז דאס איז איין אנשטעל פון די גייסטליכע אונ ער האט פון זיין זייט אויך בעשטימט פינף טויזענד רענדליך דעם וואס וועט ברענגען דעם פערברעכער. נאר אז מען האט געוואלט בעשאפען איין עברה, האט מען אויך לאנג ניט בעדארפט זוכען דעם בעל עברה'ניק: די גאנצע שולד האט מען ארויפגעלעגט אויף איינעם פון די מאראנען, עמנואל דע קאסטא, מען האט איהם פריהר גוט אנגעמוטשעט, ער האט געמוזט רעדען פאר פייער אונ פאר וואסער, אנגעוויזען אויף וועמען מען האט נאר געוואלט, כדי די אינקוויזיציאן זאל האבען פרישע קרבנות, דערנאך האט מען איהם אבגעהאקט ביידע האנד אונ מען האט איהם לעבעדיגערהייד פערברענט. נאך אזא מעשה האט מען שוין געהאט פאר וואס זיך צו טשעפען אונ דאס בלוט פון די מאראנען האט זיך געגאסען גלייך מיט די ביטערע טרערען פון די וואס

האבען געמוזט [illegible]ען די צרות. יאהאן האט אויסגעקליבען פאר'ן ממונה איבער דעם אינקוויזיציאן אנייעם מלאך המות, יאהאן זאארעס, און ניט אומזיסט בעשרייבט שמואל אוסקווי, א דיכטער וואס האט געלעבט אין יענער צייט, דאס שרעקליכע אכזריות, וואס ער האט ארויסגעוויזען, און זאגט אז קיין ארגערס פון איהם איז ניט געוועהן און עס קאן גאר ניט זיין. ווער עס איז אריינגעפאלען צו איהם אין די האנד אריין, דער האט זיך שוין געמאכט געזעגענען מיט'ן לעבען, ווייל קיין שום תרוץ איז ביי איהם ניט אנגענומען, צו האט מען זיך יא מודה געוועהן אדער ניט, צו האבען זיך געפונען עדות אדער עס איז גלאט אזוי אויף איינעם געפאלען א חשד — גאנץ און לעבעדיג ארויס איז אונמעגליך געוועהן און קיין אנדער עונש ווי דעם טויט האט מען ניט ארויסגעגעבען.

זעהר פיעל מאראנען זענען דעמאלט אומגעקומען, ווייל יעדעס מאל פלעגט מען פערברענען צו פיערציג-פינפציג מענשען. אין רום האט זיי שוין גענוג געלד אבגעקאסט, דעריבער האבען זיי זיך ענטשלאסען נאך אמאל זוכען הילף ביים פאפסט און עס האט זיך אנגעהויבען א נייע מלחמה, אפילו נאר מיט'ן מויל, צווישען דער מלוכה פון פארטוגאל און די מאראנען. און ביידע צדדים האבען געוואלט אויסווייזען אז יעדער פון זיי האט רעכט. דער פארטוגאזישער פרינץ און גראס-אינקוויזיטאר היינריך האט אוועקגעשיקט קיין רום א גאנץ צעטעל פון חטאים, וואס נאטהיגען די אינקוויזיציאן שטרענג צו בעשטראפען די שולדיגע, און די מאראנען האבען פון זייער זייט צוגעשטעלט דעם פאפסט א תשובה אויף אלע שאלות און האבען געבראכט די בעסטע בעווייזע אז מען טראכט אויף זיי אויס שקרים וכזבים. צום אומגליק, איז שוין דעמאלט פאול געוועהן געבונדען, ווייל די מאכט פונ'ם פאפסט איז שטארק געפאלען און ער האט אליין געמוזט אנקומען צו א נייער חברה „יעזואיטען", וואס האט זיך געמאכט אים יאהר 1542 און האט זיך אויך פארשפרייט אין פארטוגאל. אוודאי האט ער זיך ניט געטארט פערקריגען מיט א לאנד וואו ער האט נאר וואס בעקומען פרישע גוטע ברידער און האט געמוזט צושווייגען, חאטש ער האט געוויס געפיהלט די עולה און עס האט איהם גוט געשטאכען וואס ער קאן ניט העלפען.

נאך איין סבה איז געוועהן וואס פאול דער דריטע האט געמוזט אנבויגען דעם קאפ און מרוצה ווערען כמעט אויף אלדינג וואס פארטוגאל האט ביי איהם געבעטען. קארל דער פינפטע, וואס איז שוין לאנג קיין

נוטער פריינד דעם פאפסט ניט געוועהן, האט זיך אנגעהויבען אריינמישען אויך אין רעליגיאנ'ס-זאכען אונ האט געוואלט מאכען אין דער קירכע אזעלכע ארדנונגען וואס זאלען זיין נוטץ אי פאר די קאטאליקען אי פאר די פראטעס-טאנטען. דאס האט פאול'ן גאר ניט געשמעקט אונ ער איז געצוואונגען גע-וועהן נאכצוגעבען פארטוגאל, כדי ער זאל חאטש האבען איין מלוכה, וואס זאל איהם זיין געטריי אונ איבערגעגעבען; דערפאר האט ער געמוזט צושווייגען, ווען אויף דער אסיפה פון די גייסטליכע אין טריענט האט דער עפיסקאפ באלטהאזאר לימפא געאפענט אמויל געגען פאפסט אונ האט מיט גרויס עזות אויסגעוויזען, אז דער ערשטער פארשטעהער פון דער קירכע שאדט איהר דערמיט וואס ער שיצט די מארראנען. ביסלעכווייז האט פאול געמוזט געבען זיין הסכמה אז די מארראנען זאלען ניט טארען אוועקפאהרען פון פארטוגאל אונ אז די אינקוויזיציאן זאל קאנען פריי ארבייטען אין לאנד, נאר איין זאך האט ער געפועל'ט: ער דאט געהייסען בעפרייען אללע מארראנען, וואס זענען ביז אהער געזעסען אין תפיסה, אונ מען זאל ביי זיי נעהמען א שבועה אז זיי דארפען בלייבען אמת'ע קריסטען, אונ אויב זיי וועלען עובר שבועה זיין זאל מען זיי ערשט דערנאך משפט'ן, אי דאס מען זאל ביי זיי די ערשטע צעהן יאהר קיין פערמעגען ניט צונעהמען, נאר עס איבערגעבען זייערע קינדער.

אזוי האט פאול אבגעראטעוועט מעהר פון אכטצעהן הונדערט מא-ראנען, וואס דער חלף איז זיי שוין געלעגען אויפ'ן האלז. ער האט נאך געטהון לפנים משורת הדין אונ האט אנגעשריבען א בריעף דעם קאניג אונ געבעטען: מען זאל ניט זיין שטרענג געגען די מארראנען, ווען אפילו זיי וועלען אבהיטען יודישע מנהגים, ווייל עס איז שווער מיט אמאל איבערמאכען מענשען. די פארטוגאזישע מלוכה האט אבער געטהון איהר'ס, זי האט אללע מאל גע-האפט נייע פערברעכער, אונ פאול האט ביז זיין טויט געהאט צו טהון דער מיט וואס ער האט צוגעהאלטען די אינקוויזיציאן, זי זאל ניט פערגיסען צו פיעל בלוט. דאס אייגענע האט נאך זיין טויט געטהון דער פאפסט יוליוס דער דריטער אונ אפילו פינפציג יאהר שפעטער האט דער פאפסט פון יענער צייט, קלעמענטי דער אכטע, אויך געמוזט שיטצען די מארראנען ווי וייט ער האט נאר געקאנט, אונ עס האט איהם געפאסט ארויסצוווייזען פאר דער וועלט אז דאס פייער, וואס ברענט אויפ'ן מזבח פון דער אינק-וויזיציאן, איז ניט אזוי שטארק הייליג...

3 דִי מַארְרַאנֶען אוּנ דִי פֶּאפְּסְטֶע.

(1548—1566 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

אַז דֶער שְׁטַארְקֶער רוֹיךְ פוּן דֶער אִינְקְווִיזִיצְיָאנְס־פַייֶער הָאט פֶערְשְׁטֶעלְט דִי לִיכְטִיגֶע שַׁיין אוּנ אֲפִילוּ דִי פְּרִימְסְטֶע אוּנ גוּטְהֶארְצִיגְסְטֶע פֶּאפְּסְטֶע זֶענֶען נִיט אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן קֵיינֶעם צוּ הֶעלְפֶען, הָאבֶּען זִיךְ דִי מַארְרַאנֶען נִיט גֶעפִיהלְט זִיכֶער אוֹיךְ אִין אִיטַאלְיֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַוֶועקְצוּלָאזֶען קֵיין טִירְקַיי. דָארְט אִיז דִי יוּדֶען גֶעוֶועהן גוּט, וַוייל קֵיינֶער הָאט זִיךְ צוּ זֵיי נִיט גֶעמִישְׁט אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעקָאנְט מִיט'ן מוֹיל אַרוֹיס זָאגֶען דָאס, וָואס אִין אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער הָאבֶּען זֵיי גֶעמוּזְט בֶּעגְרָאבֶּען טִיעף אִין הַארְצֶען. אַוַדַאי הָאבֶּען דִי מְקוּבָּלִים גֶעהַאט אַפְּלַאץ וואו זֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען אַרוֹיסְצוּגֶעבֶּען; זֵיי הָאבֶּען גֶעוִויזֶען חֶשְׁבּוֹנוֹת אָהן אַסוֹף, אוּנ חָאטְשׁ פוּן שְׁלֹמֹה מוֹלְכוֹ'ס נְבִיאוֹת הָאט זִיךְ גָאר נִיט אוֹיסְגֶעלָאזְט, הָאבֶּען זֵיי נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דְרִינְגֶען אַז דִי צַייט פוּן דֶער גְאוּלָה אִיז שׁוֹין פָּארְט נָאהֶענְט, נָאר עֶס אִיז נָאךְ דָא עֶפִּיס אֵיין עִכּוּב. זֵיי הָאבֶּען אָבְּגֶעזוּכְט אִין רמב"ם אַוִוינְק, אַז עֶהֶדֶער מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען מוּז בַּיי יוּדֶען וַוייטֶער וֶוערֶען אַסַנְהֶדְרִין אוּנ מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְרַאכְטֶען מֶען זָאל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פֶערְזַאמְלֶען גְרוֹיסֶע רַבָּנִים, וָואס זָאלֶען רָאוּי זַיין צוּ זִיצֶען אִין סַנְהֶדְרִין, אוּנ, קוּקֶענְדִיג אוֹיף זֵיי, זָאל דִי וֶועלְט טַאקִי זָאגֶען כִּי מִצִיוֹן תֵּצֵא תוֹרָה וּדְבַר ה' מִירוּשָׁלָיִם.

מֶען הָאט אָבֶּער בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען אַגֶעשֶׁאצְטֶען אוּנ אַשַׁארְפֶען קָאפּ, וָואס זָאל מַסְמִיךְ זַיין דִי רַבָּנִים אוּנ אוֹיף זַיין סְמִיכָה זָאל מֶען שְׁטֶעלֶען, אוּנ דֶער גוֹרָל אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיף ר' יַעֲקֹב בִּירַב, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אִי אַגְרוֹיסֶער עָשִׁיר, אִי אַגָדוֹל בַּתּוֹרָה, אוּנ וָואס הָאט זִיךְ אוֹיף דֶער אֶלְטֶער בֶּעזֶעצְט אִין צְפַת, נָאךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז אַצַייט אַרוּמְגֶעפָאהְרֶען אִיבֶּער מִצְרַיִם אוּנ הָאט אוֹיךְ בֶּעזוּכְט דַמֶשֶׂק אוּנ יְרוּשָׁלַיִם. צוּ הָאט ר' יַעֲקֹב בִּירַב אַזוֹי שְׁטַארְק נָאכְ־גֶעיָאגְט דֶעם כָּבוֹד, אָדֶער עֶר אִיז אַלֵיין אוֹיךְ פֶערְנַארִישְׁט גֶעוֶועהן אִין דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת וֶועגֶען מָשִׁיחַ'ן אוּנ הָאט גֶעוָואלְט מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, דָאס קָאן מֶען נִיט וִויסֶען, גִיכֶער דַארְף מֶען רֶעכְנֶען אַז עֶר הָאט אִין זִין גֶעהַאט בֵּיידֶע זַאכֶען: עֶס הָאט זִיךְ אִיהם פוּן אֵיין זַייט גֶעגְלוּסְט צוּ זַיין אַרֹאשׁ הַסַנְהֶדְרִין אוּנ וֶוערֶען אַפָארְשְׁטֶעהֶער כִּמְעַט פוּן אַלֶע יוּדֶען, אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאט עֶר גֶעוָואלְט טַאקִי הָאבֶּען דִי זְכִיָּה אוּנ זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס וֶועט אִיבֶּערְגֶעבֶּען דִי יוּדִישֶׁע מְלוּכָה דֶעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ. אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז

דערמאלט די צפת'ער קהלה געוועהן די גרעסטע, ווייל זיא איז בעשטאנען פון טויזענד משפחות און דערפאר איז צפת געווארען דער מיטעלפונקט, וואו ר' יעקב בירב האט אנגעהויבען שפיעלען זיין גרויסע ראללע. באלד איז מען דערפון געוואהר געווארען אין אייראפא, און פיעל יודען און מארראנען האבען זיך אהין אוועקגעלאזט. אז מען טראנקט זיך, זאגט די וועלט, האפט מען זיך אן אין א שארף פון א שווערד; אנכאפען זיך אין א זיסער האפנונג פון פרייהייט און זעלבסטשטאנדיגקייט — איז נאך בעסער. עס איז קיין וואונדער ניט דאריבער, וואס ר' יעקב בירב האט געפונען גענוג מענשען, וואס האבען געהאלטען מיט איהם און האבען איהם געהאלפען אויספיהרען זיין פלאן; עס קאן אפילו זיין, אז ער וואלט געוועהן טאקי עפיס אויסגעפיהרט, און ווען ער וואלט ניט אראבגעבראכט משיח'ן וואלט ער וועניגסטענס בעשאפען א נייע פערבינדונג, מעהר אחדות צווישען פאלק; די קנאה האט זיך אבער אריינגעמישט אין מיטען און די אלטע קראנקהייט, וואס האט שוין ניט איין מאל געשאדט דעם יודענטהום, האט אצונד אויך אבגעהאלטען די יודען פון חלומות, האטש עס איז שווער צו זאגען בעשטימט וואס פון די דאזיגע חלומות האט זיך געקאנט אויסלאזען.

קודם כל האט זיך די קהלה פון ירושלים געפונען בעליידיגט און עס האט זיי פערדראסען פאר וואס איהר יונגע שוועסטערל צפת וויל פלוצלונג זיך צונעהמען די בכורה און די גאנצע גדולה זאל נאר ביי איהר איינשטעהן. ר' יעקב בירב האט אפילו געוואלט פערגלאטען די זאך, כדי עס זאל ניט קומען צו מחלוקת, און האט דעם ערשטען סמיך געוועהן דעם רב פון ירושלים. דארט איז דערמאלט געוועהן רב, ר' לוי בן יעקב חביב, זעהר א גרויסער מאנן, וואס האט, חוץ זיין בקיאות אין תורה, געהאט א שטארקע ידיעה אין מאטהעמאטיק און אסטראנאמיע און האט זיך מיט זיינע מעלות געקאנט צוזאגען מען זאל איהם אויף דער עלטער מאכען פאר'ן הויפט-פארשטעהער פון דער היילינער שטאדט, האטש אין דער יוגענד איז ער אין פארטוגאל, אין דער צייט פונ'ם קאניג עמנואל, געצוואונגען געוועהן צו זיין א קריסט און מיט גרויס מיה איז איהם געראטהען צו אנטלויפען קיין ארץ ישראל. צווישען ר' לוי חביב און ר' יעקב בירב איז פריהר אויך קיין גרויס פריינדשאפט ניט געוועהן און אז צפת האט נאך אנגערירט דעם כבוד פון דער גאנצער קהלה אין ירושלים און די סמיכה וואס ר' יעקב בירב האט צוגעשיקט איז אויך געוועהן מיט א מין גאוה, און פון זיין בריעף האט מען ארויסגעזעהען אז ער

האָרט איהם ניט, גלייך ווי איינער רעדט: „ביזטו צופריעדען — איז מהיכא תיתי, ווילסטו ניט — וועט מען זיך בעגעהען אהן דיר אויך, האט זיך ר׳ לוי חביב אין גאנצען אבגעשאקעלט, האטש פריהר איז ער דווקא־קיין נעגנער ניט געוועהן, אונ אז מען האט אין צפת אבגעזוכט א ראיה פון דער תורה אז מען מוז מאכען א סנהדרין, האט מען אין ירושלים גאר אנדערש געלערנט דעם פשט אונ מען האט אויסגעוויזען פונקט דעם היפך.

אודאי איז ר׳ יעקב בירב׳ס אויפטהוא צוגעגאנגען שווערליך אין אנהייב, ווייל אויף ירושלים האבען אללע געקוקט אונ אז מען איז דארט געשטאנען פון ווייטענס, האט די זאך ניט געקאנט האבען־קיין קיום. דערצו האט נאך באלד ר׳ יעקב בירב געמוזט אוועק פון ארץ ישראל איבער א מסירה, וואס צו ליעב דעם איז ער מיט׳ן פערמעגען אונ מיט׳ן לעבען ניט זיכער געוועהן. פאר׳ן פאהרען האט ער אבער זיין קראפט איבערגעגעבען פיער תלמידים אונ צווישען זיי איז אויך געוועהן ר׳ יוסף קארו, וואס האט נאך ניט פערגעסען שלמה מולכו׳ס חלומות אונ האט פעסט געגלויבט אז ער וועט משיח׳ן דערלעבען. אין ירושלים איז דער פערדרוס געווארען נאך גרעסער, וואס ר׳ יעקב בירב האט גראד אויסגעקלויבען יונגע לומדים אונ האט זיך ניט אומגעקוקט אויף פיעל עלטערע רבנים. עס האט זיך אנגעהויבען א נייע קריעג צווישען איהם אונ ר׳ לוי חביב, איינער האט געפונען אין דעם אנדערן חטאים, מען האט זיך געווארפעלט אונ עס איז געקומען אזוי ווייט, אז דער האט דעם אויסגעווארפען אז ער איז ניט אזוי פרום ווי מען דארף, אונ דער אנדערער האט געגעבען אנצוהערען אז ער איז קיין מאל ניט פאלש געוועהן זיין אמונה אונ האט דערמיט ר׳ לוי חביב דערמאנט אז ער איז אין די יונגע יאהרען א קריסט געוועהן. אזוי האט זיך די שנאה צווישען ביידע פערגרעסערט ביז דער טויט האט געמאכט א שלום צווישען זיי אונ ר׳ יוסף קארו איז געבליבען דער איינציגער, וואס האט נאך גערעכענט אז עס וועט איהם געראטהען אויסצופיהרען דאס, וואס איז פאר ר׳ יעקב בירב שווער געוועהן.

ר׳ יוסף קארו, וואס איז געבארען געווארען אין שפאניען אים יאהר 1486 אונ האט דערגרייכט איין עלטער פון אכט אונ אכטציג יאהר, שפיעלט א גרויסע ראללע אינ׳ם יודישען לעבען, ווייל זיין „שלחן ערוך״ ווערט עד היום בעטראכט ביי די יודען ווי דאס איינציגע געזעץ־בוך, וואס ווייזט זיי ווי אזוי צו לעבען אונ אויף וואס פאר א אופן זיי קאנען יוצא זיין פאר גאטט אונ פאר מענשען.

אז ער איז נאך א קליין קינד געוועהן האבען זיינע עלטערן געמוזט אוועק־קיין טירקיי אונ זיך בעזעצט אין ניקאפאליס.

(פארטזעצונג פאלגט)

טירקיי און האבען זיך בעזעצט אין ניקאפאליס, וואו ר' יוסף קארו האט אנגעהויבען ארויסווייזען זיין חריפות אין לערנען. ביי עטליכע און צוואנציג יאהר האט ער שוין געשם'ט ווי א גרויסער למדן און אז ער איז געקומען קיין אדריאנאפאל האט ער שוין געהאט אסך תלמידים, דארט האט ער אויך אנגעהויבען שרייבען זיין פירוש אויפ'ן טור וואס דערפון איז דערנאך ארויס דער שלחן ערוך, און האט דארויף געארבייט צוויי און דרייסיג יאהר כסדר. אז שלמה מולכו איז אראבגעקומען אין יענעם געגענד און ר' יוסף קארו האט ביי איהם אנגעהויבען לערנען קבלה, איז געווארען א איבערקעהרעניש אין זיינע געדאנקען: דער ריינער קאפ, וואס איז תמיד געוועהן אפען נאר פאר שכל'דיגע הסברות האט זיך אנגעפילט מיט פאנטאזיעס און חלומות; דער געשליפענער מח, וואס האט שטאנדיג געארבייט נאר אין תורה, האט זיך אבגעגעבען נאר מיט סודות און פערדרעהטע חשבונות; די ליכטיגע אויגען, וואס האבען ביז אהער געקוקט גלייך אויף אלדינג, האבען אנגעהויבען זעהען פערבארגענע זאכען, וואס זיינען אפט דער הפך פון שכל הישר. אזוי האט זיך ביסלעכווייז אויסגעארבייט פון ר' יוסף קארו א פייעריגער מקובל, און ער איז שפעטער אריבער קיין צפת און די דארטיגע מקובלים. און בעזאנדערס ר' שלמה אלקבץ, דער מחבר פונ'ם בעריהמטען שיר „לכה דודי“, האבען איהם צום איבריגען פערדרעהט דעם קאפ, איז ביי איהם ניט אנדערש געבליבען אז ער איז פונקט ווי שלמה מולכו בעשאפען געווארען אויסצופיהרען א גרויס און הייליג שליחות. פול מיט אזא האפנונג האט ער ארויסגעלאזט אויף דער וועלט זיין „שלחן ערוך“ און איז זעהר איבערראשט געוועהן וואס א יונגער רב פון קראקוי, ר' משה איסרליש, האט אנגעשריבען א גאנץ ספר איבער איהם און האט איהם אבגעווענדט אין פיעל זאכען.

אין דער צייט וואס אין אזיען האבען די יודען געלעבט רוהיג און האבען זיך געקאנט בויען לופט-שלעסער, איז זייער צושטאנד אין אייראפא געוועהן זעהר טרויעריג. אביסעל האבען די רדיפות אויפגעהערט צו ליעב דער רעפארמאציאן, נאר דאס האט גאר ווייניג געדויערט, ווייל טאקי די רעפארמאציאן אליין איז א סבה געוועהן צו נייע צרות פאר יודען. ביידע צדדים, די רעפארמירטע און די קאטאליקען, וואס האבען צווישען זיך צו טהון געהאט, האבען זייער כעס אויסגעלאזט צו די יודענ'ס קאפ. גענומען האט זיך עס דערפון, וואס צייט לוטהער האט אנגעהויבען אויסצובעסערן די יסודות פונ'ם קאטאליציזמוס, האבען זיך געפונען פיעל קריסטען וואס האבען אנגענומען אסך

יודישע מנהגים, געהאלטען שבת, שטאנדיג געלערנט די ביבעל און מען האט ז.״ גערופען „האלבע יודען״. צווישען זיי זענען געוועהן אויך אזעלכע וואס האבען זיך ערלויבט אנצושרייבען גאנצע ביכער און חוזק מאכען פונ׳ם קריסטענטהום, און עס איז געקומען אזוי ווייט, אז איין מחבר פון אזא ספר, מיכאל סערוועט האט אין גענף (זשענעווא) דער רעפארמאטאר קאלווין אליין געהייסען פערברענען. אזוי זענען די יודען געבליבען שטעהן צווישען צוויי פייערן, פון איין זייט האבען זיי אנגעטהון צרות די קאטאליקען, וואס האבען נאך ניט פערגעסען די אלטע מעשות וועגען בלוט אויף פסח און קינדער קוילען, פון דער אנדערער זייט האבען זיך צו זיי צוגעטשעפעט די רעפארמירטע פאר פרעמדע זינד, און דער יוד האט אלץ בעדארפט אונטערשטעלען די פלייצע, באלד איז צוגעקומען נאך אן אנדערע צרה: אין דייטשלאנד האט זיך אנגעהויבען דער „בויערנקריעג״: די בויערן האבען געוואלט האבען מעהר פרייהייט און האבען זיך צובונטעוועט געגען דער מלוכה און געגען זייערע בעלי בתים; מן הסתם האט מען אויסגעלאזט דעם כעס צו יודען. און דאס אומגליק איז נאך געוועהן אזוי גרויס, וואס ניט דער קייזער, ניט די פריצים, וועלכע פלעגען זיי אפט בעשיצען אין א שלעכטער צייט, זענען ניט אים שטאנד געוועהן זיי צו העלפען. באלד האט זיך אבער אבגעזוכט א רפואה אויך צו דער מכה: דער פארשטעהער פון די דייטשע יודען, ר׳ יוסי (יאזעל׳ם) לאאנס פון ראסהיים, וואס איז געוועהן א קרוב למלכות און פלעגט ניט איין מאל זיין א מליץ יושר פאר זיינע ברידער און זיי אבראטעווען פון ביטערע גזרות, האט זיך אצונד אויך מוסר נפש געוועהן. איינער אליין איז ער געגאנגען אין לאגער, וואו עס זענען געשטאנען ביז פינפצעהן טויזענד צורייצטע בויערן, ער האט זיי פארשטעהן געגעבען, אז די יודען דארפען זיי ניט רעכענען פאר שונאים. זיינע רעד זענען געפאלען און מען האט איהם דאס ווארט געגעבען אז מעהר וועט מען שוין די יודען ניט טשעפען.

ר׳ יאזעל׳ם לאאנס פון ראסהיים, וואס איז געבארען געווארען אים יאהר 1478 און איז אויסגעוואקסען ביי זיין בעריהמטען פעטער, דעם לייבדאקטאר פונ׳ם קייזער פרידריך, איז געוועהן איינער פון די דאזיגע יודען, וואס ערען קיין מאל ניט מיעד צו ארבייטען פאר זייער פאלק און וואס מאכען די ארבייט פאר׳ן איינציגען ציעל פון זייער לעבען. ער האט ניט געוואוסט פון קיין רוה און וואו מען האט נאר בעדארפט זיין הילף איז ער שוין דארט אויסגעוואקסען. אים יאהר 1529 איז אין באזינג, א קליין שטאדטעל אין

מאהרען, ארוים אבלבול דם, מען האט זעכס און דרייסיג יודען פערברענט און די איבריגע זענען געזעסען אין תפיסה, קוים איז ר' יאזעל'ם דערפון געוואהר געווארען איז ער באלד אוועקגעפאהרען צום קאניג פערדינאנד, ער האט צוגעשטעלט בעווייזע פון פערשידענע מלכים און פאפסטע, אז אזעלכע בעשולדיגונגען האבען קיין שום יסוד ניט, און מען האט די יודען בעפרייהט. אז שפעטער מיט א יאהר האט מען אין דייטשלאנד אויסגעטראכט אז די יודען זענען שפיאנען און ווילען העלפען די טירקען זיי זאלען אריין אין לאנד, און אין שלעזיען האט מען עס אנגענומען פאר תורת אמת און מען האט דער־ווייל צוויי יודען אריינגעווארפען אין פייער, האט ר' יאזעל'ם ניט גערוהט ביז עס איז איהם געראטהען צו דערווייזען דעם קייזער קארל און דעם קאניג פער־דינאנד אז דאס איז שקר וכזב. דאס אייגענע האט ער אויך געטהון, ווען דער הערצאג פון זאכסען, יאהאן דער קלוגע, האט זיך ענטשלאסען ארויסצוטרייבען די יודען פון דער מדינה, ווייל עטליכע פון זיי האבען זיך פערזינדיגט. אללע מיטעל האט ר' יאזעל'ם אנגעווענדעט, דער הערצאג זאל מבטל זיין די גזרה; ער האט אפילו געבראכט א רעקאמענדאציע צו לוטהער'ן און האט געפועלט ביים גייסטליכען וואלף קאפיטא ער זאל שרייבען דעם רע־פארמאטאר אז עס איז אישר א טובה צו טהון די יודען, נאר לוטהער האט זיך ניט געוואלט אריינמישען אין דער זאך און האט איהם געלאזט זאגען אז ער איז באז אויף די יודען פאר וואס זיי שטעהען ניט צו צום געלייטערטען און גערייניגטען קריסטענטהום, און עס טהוט איהם באנג וואס ער האט א מאל פון זייערטוועגען גערעדט א גוט ווארט.

אין נעאפאל, וואס איז געשטאנען אונטער דער מאכט פון שפאניען, האבען די גייסטליכע געארבייט מיט אללע כוחות אז מען זאל איינפיהרען די אינקוויזיציאן געגען די מאראנען, וואס האבען זיך דארט בעזעצט. אז קארל דער פינפטע איז מיט גליק צוריקגעפאהרען פון אפריקא, האבען זיך די גייסט־ליכע בעמיהט צו פועל'ן ביי איהם ער זאל הייסען אין גאנצען ארויסטרייבען די יודען פון נעאפאל, כדי די מאראנען זאלען ניט האבען פון וועמען זיך אבצולערנען יודישע דינים. זיי וואלטען אפשר געוועהן דורכגעזעצט, נאר ר' שמואל אברבנאל'ס עדלע פרוי, די בעריהמטע בענווענידא: איז בע־צייטענס געוואהר געווארען דערפון און האט צו זיך צוגעצויגען די טאכטער פונ'ם שני למלכות, און דער קייזער האט זיי געמוזט צו ליעב טהון און מבטל זיין די גזרה. אין עטליכע יאהר ארום האט אבער די מלוכה ארויפגעלעגט אויך

די יודען אזוי פיעל נתינות אז עס איז זיי אונמעגליך געוועהן אויסצוהאלטען: מען האט זיי געגעבען אזוינע קאסט אז זיי זענען אלליין אנטלאפען, און דערנאך האט ערשט דער קייזער, אים יאהר 1540, ארויסגעלאזט א בעפעהל, אז ווער פון די יודען עס וועט קומען קיין נעאפאל וועט שטרענג בעשטראפט ווערען. פיעל פון זיי זענען אוועק קיין טירקיי, א טהייל זענען אריבער קיין אנקאנא, וואו זיי האבען געקאנט לעבען רוהיג אונטער דעם שוטץ פונ'ם פאפסט, און די איבריגע האבען זיך בעזעצט אין פערארא, וואו עס האט געהערשט דער הערצאג ערקאלע דער צווייטע, וועלכער איז געוועהן א דורש טוב פאר די יודען. אויך ר' שמואל אברבנאל, וואס איהם האט דווקא די מלוכה געבעטען ער זאל בלייבען אין נעאפאל, האט זיך ניט אבגעשיידט פון זיינע ברידער און איז מיט'ן פרייען ווילען אוועקגעפאהרען קיין פערארא, און האט דארט נאך רוהיג אבגעלעבט זיינע לעצטע צעהן יאהר. גראסער פון זיינע עשירות איז געוועהן דער גוטער נאהמען וואס ער האט איבערגעלאזט זיין געליעבטער פרוי בענוועניד א, וועלכע האט נאך זיין טויט א קורצע צייט געלעבט און אז זי איז געשטארבען איז געוועהן א גרויסער טרויער אפילו פאר קריסטען, ווייל אללע האבען זי געשאצט, און בעזאנדערס איז צו איהר צוגעבונדען געוועהן איהר געטרייע שילערין, לעאנארא, די טאכטער פונ'ם שני למלכות, וואס האט שפעטער חתונה געהאט מיט'ן הערצאג פון טאסקאנא און האט אין גרויסקייט אויך ניט אויפגעהערט ליעב צו האבען איהר יודישע לעהרערין און ערציהערין.

אים יאהר 1541 האבען אנגעהויבען די יודען פון באהמען פיהלען די צרות פון שנאת חנם. אין פראג און אין אנדערע שטאדט זענען גראד געוועהן גרויסע שרפות, און חאטש מען איז באלד געוואהר געווארען אז דאס האבען אבגעארבייט עטליכע פאסטוכער, האט מען פון דעסטוועגען אויסגעטראכט, אז די יודען האבען זיי געדונגען זיי זאלען אונטערצינדען די הייזער. וואס פון אזא נארישען בלבול קאן ארויס – זעהט מען דערפון, וואס אין א יאהר ארום האבען אללע יודען, אין מיטען ווינטער, געמוזט ארויס פון באהמען און זיך שלעפען קיין פולין און טירקיי, און נאר צעהן פון זיי האבען בעקומען איין ערלויבניש דארט צו בלייבען. באלד האבען זיך אבער עטליכע גרויסע לייט אנגענומען פאר די יודען, די מלוכה האט געמוזט מאכען א גוטע חקירה ודרישה און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז מען האט זיך צו זיי אומזיסט געטשעפעט. דאריבער האבען זיך די יודען, וואס זענען נאך ניט אזוי ווייט אוועק פונ'ם לאנד, צוריק

אומגעקעהרט קיין באהמען, האטש קיין גרויס נחת האבען זיי שוין דארט ניט ערוואַרטעט, ווייל מען האט זיי געגייט זיי זאלען טראגען אגעלע לאטע אויף די קליידער פאר א שאנד־צייכען און אויסער דעם האבען זיי געמוזט צאהלען אללע יאהר זעהר פיעל מס.

אין דער אייגענער צייט איז דאס מזל פון די דייטשע יודען נאר ביטער געוואָרען, ווייל אי די קאטאליקען, אי די לוטהעראנער האבען זיך גענומען זיי רודפ'ן נאר אהן רחמנות. אנגעהויבען האט זיך עס דערפון וואס אין ביינבורג איז פלוצלונג פאר פסח ביי א בויער פערפאלען געווארען א קינד פון פיער יאהר, און דער חשד איז באלד געפאלען אויף די יודען, אז זיי האבען עס דערהרג'ט כדי זיי זאלען האבען בלוט צו די מצות. נאך יום טוב האט גראד א הונד ארויסגעשלעפּט דעם טויטען קערפער פון'ם קינד, וואס איז געווען ניט טיעף פערגראבען אין דער ערד, און דא איז געווארען א גאנצער רעש: עס האבען זיך שוין אבגעזוכט מבינים, וואס האבען געפונען אויפ'ן לייב פון'ם קינד צייכענס, אז מען האט עס פערמוטשעט, און דער עפּיסקאפּ פון אייכשטאט האט ניט געמאכט קיין לאנגע שיהות און האט שוין געהייסען איינזעצען עטליכע יודען. דער הערצאג אטטא הײנריך, וואס האט געהאט צו שאפען איבער ביינבורג, האט עס אבער ניט געוואָלט ליידען און דא איז שוין צווישען איהם און דעם עפּיסקאפּ ארויס א נצחון־זאך. דער הערצאג האט געלאזט אבדרוקען א בעזונדער ספר, וואס האט געהייסען "יודען ביכעל" און וואו דער מחבר ווייזט אויס אז אללע בעשולדיגונגען געגען די יודען זענען פאלש, אז זיי נעהמען זיך נאר פון שנאה און קנאה און אז די ערשטע קריסטען האבען אלליין זיך געגען אנגעליטען פון'ם בלבול דם. דער עפּיסקאפּ פון אייכשטאט האט אבער ניט געוואָלט שווייגען: ער האט אנגעשטעלט איינעם פון זיינע חברה, יאהאן עק, א גוטען שכור, וואס פאר איהם איז אלץ איינס געווען צו שטעכען מיט זיין גיפטיגער פעדער ווען מען האט איהם נאר געהייסען, ער זאל אנשרייבען א תשובה געגען דעם "יודען־ביכעל", און ער האט ניט געזשאלעוועט קיין ליגענס און האט נאך צו פפעפערקארן'ס שקרים זיינס צוגעלעגט. נאך טרויריגער איז אבער געווען דאס, וואס דער רבי פון דער רעפארמאציאן, מארטין לוטהער אלליין, האט זיך ניט געשעמט צו בענוצען מיט די חכמות וואס ער האט געפונען אין פפעפערקארן'ס און יאהאן עק'ס ביכער, און האט אויך אויסגעגאסען אויף די יודען די ביטערע גאל. לוטהער האט ארויסגעלאזט אויף דער וועלט א בוך, וואס האט געהייסען "איבער די יודען און זייערע

ליגענס". און עס איז נאר צו בעוואונדערן ווי אזוי כעס קאן דעם גראסטען מענשען אראבפיהרען פונ'ם וועג. אין דעם בוך איז אונמעגליך צו דערקענען דעם אייגענעם לוטהער וואס האט ערשט ניט לאנג זיך אנגענומען פאר יודען און געפיהרט אזא מלחמה מיט די קאטאלישע גייסטליכע. ער רעדט פאר פייער און פאר וואסער, ער בעשולדיגט גאר אהן א שום בעווייז, און פון יעדער שורה שפריצט ארויס ווי פון א קוואל גיפטיגע שנאה. לוטהער דרינגט, אז די יודען האבען זיך ניט אויף וואס צו קלאגען, אז די גאנצע מאכט איז ביי זיי אין די הענד, אז די קריסטען געפינען זיך גאר ביי זיי אין גלות. אז די יודען טהוען דעם קריסט כל הרעות, אז די יודישע דאקטוירים פערסמ'ען די קריסטליכע חולים, און זאגט אז עס איז כדאי אפילו זיי צוצוצאהלען אבי מען זאל זיי צוריק אפשיקען קיין ארץ ישראל. באלד בערעכענט ער זיך אבער אז דאס וואלט געוועהן עפיס מיט צו פיעל יושר, און שרייעט שוין גאר מיט איין אנדער קול אז מען דארף גאר מיט זיי קיין צערעמאניעס ניט מאכען, די שולען פערברענען, מיט תורה און תלמוד זיי ניט לאזען זיך בעשעפטיגען, זייערע הייזער צושטערען, ארויסטרייבען זיי ווי די ציגיינער און זיי ניט ערלויבען זיך צו בעזעצען אויף א בעשטימט ארט, אויסקלויבען די קראפטיגע פון זיי און זיי בענוצען אויף שווערע ארבייט. אזא מין שונא איז לוטהער אויף דער עלטער געווארען די יודען, און ער איז פאר זיי נאך געפאהרליכער געוועהן דערמיט, וואס ער האט, ערשטענס, געשאפען שונאי ישראל צווישען די פראטעסטאנטען, וואס די יודען האבען אויף זייערע ברידערליכער געפיהלע געמאנט רעכנען, און, צווייטענס, וואס זיינע פלאנע זענען געוועהן מורא'דיג, ווייל ער איז ניט געוועהן קיין געניטהער אין וועלט-זאכען, ער איז כל ימיו געזעסען אין א קליין שטאדטעל, מיט'ן פראקטישען לעבען האט ער זיך וועניג אנגעקעהרט און דאריבער האט ער געקאנט פארלעגען אזעלכע פראיעקטען, וואס זענען ביז אהער די קאטאלישע גייסטליכע אפילו אויף דער מחשבה ניט געקומען, און יודען האבען שוין אזא מזל, אז וואס פאר א נארישקייט מען זאל וועגען זיי ניט אויסטראכטען — קריכט עס באלד אין קאפ אריין.

אפילו אין טירקיי האבען די יודען געמוזט אויסשטעהען גענוג צרות פון די קריסטען און דארט האבען זיי די גריכען גענוג לייד און פיין אנגעטהון, חאטש שטיל און אהן לארעם, ווייל די מלוכה האט ניט געוואלט וויסען פון די אינטריגען און פלעגט זיך זעהר זעלטען אריינמישען. איין מאל האט זיך געמאכט אין קליין-אזיען, אין דער שטאדט אמאציא, וואס א ארעמער גרעק,

וועלכער פלעגט שטאנדיג זיך ארומדרעהען צווישען די יודען אונ נעהמען ביי זיי קצבה, איז פלוצלונג פערפאלען געווארען. פאר די שונאי ישראל איז דאס געוועהן א כשר׳ע מציאה, ווייל זיי האבען באלד געקאנט איינקלאגען עטליכע יודען, אז זיי האבען דעם ארעמען גרעק דערהרג׳ט. דער טירקישער שופט האט זיך גענומען מוטשען די יודען אונ האט זיי אנגעטהון ענוים קשים ביז זיי האבען זיך געמוזט מודה זיין, אונ מען האט זיי אללע אויפגעהאנגען, אונ דערביי האט ער אויך פערברענגט איינעם פון די שאנסטע בעלי בתים, דעם דאקטאר ר׳ יעקב אבי איוב. אין א קורצער צייט האט אבער א יוד אבגעזוכט דעם פערפאלענעם גרעק, ער האט איהם געבראכט צום שופט אונ ער האט דארט אויסגעגעבען די גאנצע חברה, וואס האט איהם אנגעשטעלט ער זאל זיך בעהאלטען, אונ אללע האבען זיי דערפאר מיט׳ן לעבען בעצאהלט. אין דער איינער צייט איז נאך אזא מעשה פארגעקומען אין דער שטאדט טאקאט אונ עס וואלט געוועהן גענוג בלוט אבגעקאסט, ווען מען קוקט זיך ניט ארום בעצייטענס אונ מען ווערד ניט געוואהר אז די גאנצע זאך איז א ליגען. דעמאלט האט דער יודישער לייב-דאקטאר ר׳ משה המון זיך ענטשלאסען צו בעטען ביים סולטאן סוליימאן, ער זאל ניט דערלאזען אז ביי איהם אין לאנד זאל מען אויף אונשולדיגע מענשען ארויפווארפען דעם שרעקליכען חטא פון רציחה, אונ עס איז ארויס א בעפעהל, אז ווען קריסטען וועלען זיך קלאגען אויף יודען וועגען אזעלכע ענינים זאל זיך קיין שופט ניט אריינמישען אונ נאר דער סולטאן אליין קאן ארויסגעבען זיין משפט.

אז אין טירקיי האבען די יודען אזוי געליטען פון די קריסטען, קאן מען שוין פערשטעהען וואס דעמאלט האט זיך געטהון אין אייראפא. די שנאה איז טאקי געוועהן גאר אהן א מאס, פון אללע זייטען האט מען זיי געטריבען אונ דארט וואו זיי האבען זיך שוין קוים מיט צרות איינגעבעטען האבען זיי ניט געהאט קיין חיי שעה אונ האבען זיך יעדע מינוט געקאנט רעכנען מען זאל זיי ווייטער ארויסטרייבען. אזוי איז אויך געשעהען מיט א גאנצער יודישער קהלה, וואס האבען זיך בעזעצט אין נאווי, א קליין שטאדטעל ניט ווייט פון גענוא, וואו עס האט עקסיסטירט איין אלט געזעץ אז א יוד טאר זיך אין יענער געגענד ניט אויפהאלטען מעהר פון דריי טאג. ווי אזוי די יודען האבען זיך אהין אריינגעחאפט — איז ניט בעקאנט; דאס ווייסט מען נאר, אז אין א פאר יאהר האט מען דאס שטאדטעל ניט געקאנט דערקענען, די עטליכע יודישע גבירים אונ דאקטוירים האבען צו זיך צוגעצויגען מענשען, מען האט געהאנ-

דעלט, געארבייט, פערדיענט. פּרנסה איז געװעהן בּשפע פאר אללע אונ די קריסטען זענען דוקא צופרידען געװעהן דערפון, װאס די יודען האבען בּעלעבּט אזא פוסט ארט. די מלוכה האט אויך פערשטאנען אז קיין רעה האבען די יודען געװיס ניט געטהון, אונ דערפאר האט זי זיך געמאכט ניט װיסענדיג אונ האט זיך ניט געװאלט בּענוצען מיט׳ן אסור פונ׳ם אלטען געזעץ. באלד האט זיך אבער אנגעהויבּען אַקנאה צװישען די קריסטליכע אונ די יודישע דאקטוירים. מען האט אנגעשטעלט די גייסטליכע זיי זאלען מאכען א געװאלד, אז דאס לאנד איז אין אסכּנה, אונ די יודען האבען געמוזט אויך פון דארט אװעק, האטש אין הארצען האט באנג געטהון אי דער מלוכה, אי דעם פאלק.

אין דעם זעכצעהנטען יאהר הונדערט האבען געלעבּט דריי גרויסע לייט, װאס האבען זיך בּעשעפטיגט מיט געשיכטע אונ האבען בּעשריבּען די אומגליקליכע לאגע פון זייער פאלק אין די לעצטע עטליכע דורות אונ די שרעקליכע צרות װאס זיי אלליין האבען איבּערגעטראגען. דאס זענען געװעהן דער דאקטאר ר׳ יוסף כּהן, דער תלמודיסט ר׳ יוסף אבּן װירגא אונ דער דיכטער ר׳ שמואל אוסקװע. אונ װי גרויס דער יודישער בּטחון איז געװעהן — קאן מען ארויסזעהען פון זייערע ספרים, װאס זענען פול מיט האפנונג אונ מיט פעסטער אמונה, אז ניט עביג װעט געדויערן די שלעכטע צייט, אז אמת אונ יושר װעלען פארט גובר זיין אונ דאס מזל פונ׳ם אומגליקליכען יודישען פאלק װעט נאך שיינען אזוי װי אמאל.

ר׳ יוסף בּן יהושע הכּהן איז געבּארען געװארען אין אװיניאן אים יאהר 1496, אונ האטש איהם איז בּעשערט געװעהן צו ליידען זיין גאנץ לעבּען צוזאמען מיט אללע זיינע בּרידער האט ער דערגרייכט איין עלטער כּמעט פון אכטציג יאהר. זיין פאטער האט געשטאמט פון שפאניען אונ איז געװען נע ונד געװעהן בּיז ער האט זיך געקאנט בּעזעצען אויף אבּעשטימט ארט אונ דארט ערציהען זיין זוהן, װאס האט געלערנט מעדיצין אונ דערנאך געװארען לייב־דאקטאר בּיי דעם ראש פון דער גענואזישער רעפּובּליק אנדרעאס דאריא, װעלכער האט איהם צו ליעב געשאצט אללע יודען אונ האט בּשום אופן ניט געװאלט נאכגעבען די גייסטליכע אונ הייסען ארויסטרייבען די יודען פון גענוא. אז דאריא איז אבער אים יאהר 1550 געצװאונגען געװעהן ארויסצולאזען אבּעפעהל װעגען די יודען, האט ר׳ יוסף כּהן אװעקגעװארפען זיין גרויסע שטעלע אונ האט זיך געלאזט צוזאמען מיט אנדערע פערטריבּענע זוכען אנייע היים. דעמאלט האבען איהם די איינװאהנער פון דעם קליינעם שטאדטעל

וואלטאנגא וואס האט בעדארפט האבען א דאקטאר, געבעטען ער זאל זיך בעזעצען ביי זיי, אונ ער איז דארט געבליבען אכטצעהן יאהר. אז ער האט נאר געהאט א פרייע שעה האט ער געשריבען זיין ספר וועגען דער יודישער געשיכטע, אונ אויסער דער שאנער העבראישער שפראכע האט ער זיין בוך אויסגעציערט מיט עדלע געפיהלע אונ האט געטראכט די געפאלענע ברידער אונ זיי נאכגעוויזען טאקי מיט זאכען פון דער געשיכטע, אז דער אויבערשטער פיהרט די וועלט מיט א בעזונדער השגחה, אז פון פיעל פעלקער, וואס האבען געפיהרט די וועלט, איז קיין זכר ניט געבליבען, אונ ווען גאטט האט פארט דאס יודישע פאלק געשטעלט אויף די פיס אונ לאזט עס ניט אין גאנצען פאלען — ווייסט ער מן הסתם וואס ער טהוט, אונ סוף כל סוף וועט ער רחמנות האבען אויף זיינע קינדער אונ זיי שיקען זיין הילף.

מעהר טרויעריג איז דער „שבט יהודה", וואס איז געבליבען פון ר' יוסף אבן־ווירגא, וועלכער איז געוועהן רב אין אדריאנאפאל אונ האט בע־שריבען די רדיפות וואס ער האט געזעהען מיט איינענע אויגען. ר' יוסף אבן־ווירגא איז ארויסגעקומען פון די גרעסטע שפאנישע מיוחסים אונ איז געוועהן א נאהענטער קרוב פונ'ם אברבנאל. זיין זיידע, ר' יהודה אבן ווירגא, וואס איז געוועהן א בעריהמטער מקובל, אונ זיין פאטער ר' שלמה אבן־ווירגא, וואס האט געלעבט אין דער ביטערער צייט, ווען מען האט די יודען ארויס־געטריבען פון שפאניען אונ פארטוגאל, אונ האט געמוזט אלאנגע צייט זיין לפנים א קריסט, ביז ער האט געקאנט אריבער קיין טירקיי, האבען אויך איבער־געלאזט כתבים וועגען דער יודישער געשיכטע, אונ פון דעם איינעם איז ארויס דער „שבט יהודה", וואס איז פול מיט בלוטיגע ערצאהלונגען פון גאנצע דריי דורות.

דערפאר מאכט שוין א בעסערן איינדרוק דאס בוך פון ר' שמואל אוסקווע, וואס רעדט אויך איבער יודישער געשיכטע אונ דערצעהלט וואס די יודען האבען זיך אנגעליטען, אונ איז אבער אנגעשריבען געווארען מיט דער איינציגער כוונה צו שטארקען די געפאלענע אונ זיי איינגעבען כח זיי זאלען אים שטאנד זיין איבערצוטראגען די צרות אונ ניט פערלירען די לעצטע האפנונג. ניט אומזיסט האט ר' שמואל אוסקווע זיין ספר, וואס ער האט ארויסגעלאזט אים יאהר 1552
אין דער פארטוגאזישער שפראכע, א נאהמען געגעבען „די רפואה צו דער מכה פון ישראל", ווייל ער אליין איז מיט גרויסע נסים אנטלאפען גע־ווארען פון דער אינקוויזיציאן אונ האט זיך צוזאמען מיט זיינע קרובים, ר'

שְׁלמה אוסקְוֶוע אָדֶער וְוי׳, מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען אוֹיף שְׁפַּאנִישׁ דוּאַרְטֶע גָאמֶעץ) אוּנ ר׳ אַבְרָהָם אוּסקְווּי (אָדֶער דוּאַרְטֶע פִּינֶעל) בֶּעזֶעצְט אִין פֶערַארַא. דָארְט הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַסַךְ אַנְטְלָאפֶענֶע, וָואס זֶענֶען עֶרְשְׁט נִיט לַאנְג גֶעוֶועהן אִין דֶער הֵיים עֲשִׁירִים אוּנ דָא אִין דֶער פְרֶעמְד זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען עַד כִּכַּר לֶחֶם. דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע הָאבֶּען גֶעמֵיינְט, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז שׁוֹין אוֹיף זֵיי גֶעפַאלֶען, אוּנ דַארִיבֶּער אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל זֵיי טְרֶעסְטֶען הָאטְשׁ מִיט זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן נֶחָמָה. אִין זַיין סֵפֶר שְׁטֶעלְט עֶר פָאר דִי יוּדִישֶׁע נַאצְיָאן וְוי אַיין אַלְמָנָה וָואס בְּרֶעכְט דִי הֶענְד אוֹיפ׳ן אוּמְגְלִיק פוּן אִיהרֶע פֶערְוָואגֶעלְטֶע קִינְדֶער, אוּנ פוּן אִיהרֶע פֶערְוְוִיינְטֶע אוֹיגֶען שְׁפְּרִיצְט פָארְט אַרוֹיס אַלִיכְטִיגֶע הָאפְנוּנְג, אַז אִין גִיכֶע צַייטֶען וֶועט זִי זֶעהֶען אִיהרֶע גֶעלִיעבְּטֶע יְתוֹמִים׳לֶעךְ אַרוּם זִיךְ פְרֶעהלִיךְ אוּנ גְלִיקְלִיךְ אוּנ וֶועט פוּן זֵיי הָאבֶּען דֶעם גְרֶעסְטֶען נַחַת. עֶר וַוייזְט אוֹיס, אַז דִי הֵיילִיגֶע נְבִיאִים הָאבֶּען אַלְדִינְג פָארְאוֹיס גֶעזֶעהֶען אוּנ פְרִיהֶר גֶעזָאגְט וָואס מִיט דִי יוּדֶען וֶועט גֶעשֶׁעהֶען. אוּנ וְוי בַּאלְד דָאס שְׁלֶעכְטֶע אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארֶען — דַארְף מֶען גְלוֹיבֶּען, אַז דָאס גוּטֶע וֶועט אוֹיךְ קוּמֶען צוּ דֶער רֶעכְטֶער צַייט אוּנ גָאטְט׳ס צָארְן וֶועט נִיט עֶבִּיג גֶעדוֹיעֶרְן.

דִי גוּטֶע צַייט הָאט זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶעעַקְשָׁנ׳ט אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט וַוייזֶען, הָאטְשׁ מֶען הָאט מִיט רֶעכְט גֶעקָאנְט דֶענְקֶען אַז עֶס מוּז זִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבֶּען בֶּעסֶערְס, וַוייל קַיין עֶרְגֶערְס קָאן גָאר נִיט זַיין, אוּנ טַאקִי ר׳ שְׁמוּאֵל אוּסְקְוֶוע אַלֵיין אִיז נָאךְ בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן צוּ דֶערְלֶעבֶּען אַזֶעלְכֶע זַאכֶען, וָואס ר׳ יוֹסֵף כֹּהֵן בֶּעשְׁרַייבְּט זֵיי אִין זַיין סֵפֶר מִיט שְׁרֶעק אוּנ צִיטֶערְנִישׁ. אַז דִי רֶעפָארְמַאצְיָאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְק פְּרֶעסֶען דִי קַאטָאלִישֶׁע קִירְכֶע, הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּמֶען צְווֵיי גְרוֹיסֶע מֶענְשֶׁען פְּיֶעטְרָא קַארַאפַא פוּן נֶעאַפָּאל, וֶועלְכֶער אִיז דֶערְנָאךְ גֶעוָוארֶען פַּאפְּסְט אוּנ הָאט זִיךְ גֶערוּפֶען פַּאוּל דֶער פִירְטֶער, אוּנ אִיגְנַאץ לָאיָלַא פוּן שְׁפַּאנְיֶען, וָואס אִיז גֶעוֶועהן דֶער רֹאשׁ פוּן דִי יֶעזוּאִיטֶען, צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען דֶעם בִּנְיָן פוּנ׳ם קַאטָאלִיצִיזְמוּס, וָואס הָאט שׁוֹין כִּמְעַט גֶעהַאלְטֶען בַּיי אַיינְפַאלֶען. זֵיי הָאבֶּען אַיינְגֶעפִיהְרְט אַאִינְקְוִיזִיצְיָאן. נִיט נָאר פַאר יוּדֶען, נָאר אוֹיךְ פַאר קְרִיסְטֶען, וָואס וֶועלֶען חָאטְשׁ אוֹיף אַהָאר אָבְּטְרֶעטֶען פוּנ׳ם קַאטָאלִיצִיזְמוּס אוּנ אַזוֹי וְוי זֵיי הָאבֶּען גֶעוואוּסְט אַז זֵייעֶר גַאנְץ אוּמְגְלִיק נֶעהמְט זִיךְ נָאר דֶערְפוּן וָואס עֶס דְרֶעהֶען זִיךְ אַרוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּיכֶער, וֶועלְכֶע עֶפְנֶען דִי אוֹיגֶען פוּנ׳ם פָאלְק, אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען זֵיי זָאלֶען שְׁטֶעלֶען זֵייעֶרֶע מֶענְשֶׁען וָואס זָאלֶען אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אַז מֶעהר זָאל מֶען שׁוֹין נִיט לָאזֶען דְרוּקֶען אַזֶעלְכֶע סְפָרִים, וָואס טוֹיגֶען נִיט אוּנ דִי אַלְטֶע

זאל מען פערברענען. אז דער פלאן האט זיך זיי איינגעגעבען און זיי זיינען בעלי בתים געווארען איבער מענשליכע געדאנקען, האט מען זיך ווייטער דערמאנט אז ביי יודען איז דא א תלמוד, וואס מען האט איהם שוין לאנג געברענט און געבראטען און מען האט זיך נאך אמאל געהאפט צו איהם, גלייך ווי אין דעם וואלט געשטעקט די גאנצע סכנה און ווען מען ווערד דערפון פטור קאן שוין דער פאפסט שלאפען רוהיג און די קאטאלישע קירכע מאג שוין אויפהייבען דעם קאפ.

אין מוסרים האבען די שונאי ישראל קיין מאל קיין מאנגעל ניט געפיהלט און שטאנדיג האבען זיך געפונען געטויפטע יודען, וואס האבען אויפ'ן תלמוד געמאכט אללערליי בלבולים. געוועהנליך פלעגען אזעלכע מסירות וואקסען פון מענשען וואס האבען ניט געקאנט קיין צורה פון קיין אלף, נאר דאס מאל איז בעשערט געוועהן אז דוקא לומדים זאלען זאגען פאלש מבינות און געבען זייער הסכמה אויף זאכען, וואס זיי אליין האבען גוט געוואוסט אז עס איז אליגען. דער בעריהמטער מדקדק ר' אליהו לוויטא אדער ר' אליהו בחור הלוי, וואס האט א צייט מיט יאהרען געוואהנט ביים קארדינאל עגידיא דע וויטערבא און האט געלערנט העברעאיש מיט אסך קריסטען, האט פון א טאכטער געהאט צוויי עניקלעך, וואס זענען אויך אויסגעוואקסען צווישען קריסטען. איינער פון זיי, אליהו, איז געוועהן א סופר און האט געלעבט אין איטאליען, און דער אנדערער שלמה ראמאנא, איז געוועהן א גרויסער שפראכען קענער, אויסער לשון קודש האט ער פערשטאנען גוט לאטייניש, שפאניש, אראביש און טירקיש און איז א לאנגע צייט ארומגעפאהרען איבער דייטשלאנד, טירקיי און מצרים. פלוצלונג האט זיך דער אלטערער ברודער אליהו געטויפט און איז געווארען א גייסטליכער מיט א נייעם נאהמען וויטאריא עליאנא. אז דער יונגערער ברודער האט דאס דערהערט, איז ער באלד צו איהם אוועקגעלאפען קיין ווענעדיג און האט גערעבענט אז ער וועט איהם קאנען איבערערעדען ער זאל צוריק ווערען א יוד. אויסגעלאזט האט זיך עס אבער דערמיט וואס שלמה ראמאנא האט זיך אויך געטויפט, ער האט בעקומען א נאהמען יאהאנעס באפטיסטא און האט דערנאך געשפיעלט א גרויסע ראללע צווישען די יעזואיטען. אט די צוויי לומדים צוזאמען מיט נאך אפאר חברה־לייט, ווי חננאל די־פאליגא און יוסף מורי, האבען דערפרישט די פערשימעלטע בעשולדיגונגען פון ניקאלאי דאנין און האבען פארגעשטעלט דעם פאפסט אז דער תלמוד איז פול מיט שנאה געגען די קריסטען

און האַלץ אָב די יודען פון דער טויפע. דער פאפסט יוליוס דער דריטע איז אפילו ניט געוועהן קיין געגנער פון יודען, נאר געהען געגען רצון פון דער אינקוויזיציאן האט ער ניט געטארט, און דאריבער האט ער געמוזט, דעם 12 אויגוסט 1553, אונטערשרייבען א בעפעהל מען זאל פערברענגען דעם תלמוד. ווי די הייש־ערעקען זענען די גייסטליכע אנגעפאלען אין רום אויף די יודישע הייזער און מען האט אויסגערוימט וואו מען האט נאר געפונען א גמרא, און פונקט ראש השנה, כדי די יודען זאלען מעהר פיהלען דעם וועטהיג, האט מען די ספרים אפענטליך פערברענט. דערנאך האט מען זיך צולאזט איבער אלע אנדערע שטאדט, ווי פערארא, מאנטוא, ווענעדיג, פאדוא, מען האט אפילו געטראפען קיין קאנדיא, און אומעדום האט מען צוגענומען יודישע ספרים און מען האט ניט איבערגעלאזט אפילו קיין בלאטעל שמות. אודאי איז באלד געווארען ארעש צווישען די יודען, און זיי זענען אוועקגעלאפען צום פאפסט זיך קלאגען דארויף וואס מען נעהמט ביי זיי צו אפילו חומשים און סדורים. דער פאפסט האט זייער בקשה אויסגעפאלגט און האט ארויסגעגעבען א נייע בעפעהל, אז די גזרה געהט נאר אויפ'ן תלמוד, און די איבריגע ספרים זאל מען ניט אנריהרען. פון דעסטוועגען האט זיך די אינקוויזיציאן געטהון איהר'ס און די יודען האבען גאר ניט געקאנט דענקען זיי זאלען דרוקען נייע ספרים, ווייל די גייסטליכע האבען זיבען מאל איבערגעקוקט יעדעם אות און ווי באלד עס האט זיך זיי נאר אויסגעוויזען, אז אין א יודיש ספר געפינט זיך חאטש איין ווארט וואס מען קאן עס טייטשען אויף עטליכע אופנים און לערנען א פירוש אז מען מיינט דערמיט צו טרעפען דאס קריסטענטהום, האט מען גאר קיין טענות ניט געמאכט און שוין אריינגעווארפען אין פייער.

די רעכטע ביטערע צייט פאר די יודען אין איטאליען האט זיך ערשט אנגעהויבען נאך יוליוס דעם דריטענס טויט. דער נייער פאפסט מארצעללוס איז אויך ניט געוועהן קיין שלעכטער, ער האט אפילו אבגעראטעוועט די יודען פון א בלבול דם, נאר ער האט מעהר ניט געלעבט ווי איין חדש, און אז נאך איהם איז אויף זיין שטעלע ארויף פעדרא קאראפא, אדער פאול דער פיערטע, האבען די יודען דערפיהלט דעם טעם פון דער שרעקליכער שנאה וואס איז געלעגען ביי איהם אין הארץ פון דער יוגענד אן, און ניט אומזיסט האבען זיי איהם גערופען „המן הרשע". די פיער יאהר, וואס פאול איז געוועהן פאפסט, האבען די יודען געהאט טאקי גוט צו געדענקען, און עס איז קיין טאג ניט אוועקגעגאנגען מען זאל ניט אויסטראכטען קיין נייעס, און

דערמיט זיי פערזאומערן דאס לעבען. קודם כל האט דער פאפסט געהייסען, אז יעדע שול זאל געבען צעהן רענדליך א יאהר און מיט דעם געלד זאל מען אויסהאלטען געטויפטע יודען. אין א צייט פון זעכס חדשים האבען די רייכע יודען געמוזט פערקויפען זייערע פעלדער, ווייל קיינער פון זיי האט ניט געטארט האבען קיין ערד; די יודישע דאקטוירים האט ער פערווערט צו היילען קריסטליכע קראנקע, און אויסער דעם האט ער פערבאטען מען זאל מיט א יודען רעדען מיט דרך ארץ: דעם בעסטען און בכבוד'סטען יודען האט מען ניט געטארט זאגען „מיין העררר". פאול האט אויך געמאכט, אז ווער פון די יודען עס וועט עובר זיין אויף זיינע תקנות זאל שטרענג בעשטראפט ווערען, און טאקי באלד האט ער איינגעזעצט הונדערטער יודען אין תפיסה, ווייל טשעפען זיך איז געוועהן גענוג צו וואס און אז ער האט גאר געוואלט זיך מאכען א היתר און אבראבעוועון דעם יודענס פערמעגען, אפילו ווען א קריסט האט עס שוין אבגעקויפט פאר א פינפטהייל פונ'ם מקח, האט ער געזאגט, אז דאס איז נאר א אנשטעל, אז דער יוד האט נאר לפנים עס פערקויפט און אז דער ישר איז— ער זאל בעסער ווערען דער בעל הבית דערפון. אזוי האט ער זיי אויסגענאגט, גענייטה זיי זאלען טהון די שווערסטע ארבייטען, בויען הייזער פאר דער מלוכה, און אז ער האט שוין גאר ניט געהאט פאר וואס זיי צו רודפ'ן האט ער ארויסגעלאזט א בעפעהל, אז אלע יודען וואס זענען ניט נוצליך פאר דער מדינה מוזען ארויספאהרען. מיט'ן כח פון אזא בעפעהל האט מען יעדען טאג איין אנדערן ארויסגעשיקט און עס האט גאר ניט געהאלפען קיין טענות. אז מען האט זיך שוין אונטערגעשטעלט צו פרעגען מיט וואס קאן א יוד נוצליך זיין און וואס פערלאנגט מען פון איהם, האט מען בעקומען א קורצע תשובה אז מען דארף קיין שאלות ניט פרעגען, ווייל אין די הויכע פענסטער ווייסט מען וואס מען טהוט. דער האס פונ'ם פאפסט געגען די יודען איז געווארען אזוי גרויס, אז ער איז שוין פשוט פאר שנאה כמעט משוגע געווארען, און ער האט אמאל ביי נאכט געהייסען איינעם פון זיינע קרובים ער זאל לויפען אונטערצינדען אלע יודישע הייזער. דער קרוב האט זיך שוין געלאזט אויספיהרען דאס וואהלע שליחות, נאר, צום גליק, האט איהם בעגעגענט דער פרומער קארדינאל אלכסנדר פארנעזע און האט איהם אבגעהאלטען דערפון. אויפ'ן אנדערן טאג האט זיך שוין פאול אליין אויך בערעכענט און עס האט איהם הנאה געטהון וואס זיין ווילדער רצון איז ניט געשעהען.

נאך ערגער האט פאול בעהאנדעלט די מאראנען, וואס האבען ביז אהער

געלעבט פראנק אונ פריי אין פיעל איטאליעניש שטאדט אונ בעזאנדערס אין אנקאנא, וואו פריהריגע פאפסטע האבען זיי געשטיצט אונ ערלויבט אפענטליך איבערגעהען צום יודענטהום. זיי האבען איהם נאך מעהר געקראנקט ווי די יודען אליין אונ ער האט זיך ענטשלאסען זיי אין גאנצען צו פערניכטין. גאר אומגעריכט האט ער געהייסען מען זאל אללע מאראנען פון אנקאנא שטעלען פאר'ן משפט פון דער אינקוויזיציאן, אונ פלוצלונג איז מען אויף זיי ביי נאכט אנגעפאלען, אונ מען האט זיי מיט ווייב אונ קינדער איינגעזעצט אין געפאנגניש. מען האט פערנומען אפילו פרעמדע סוחרים פון טירקיי, מען האט צוגענומען ביי זיי דאס גאנצע געלד אונ סחורה אונ פאול איז געווארען זייער יורש. זעהר וועניג איז געראטהען דעמאלט צו אנטלויפען קיין פעזארא, וואו דער עדלער הערצאג ערקאלע דער צווייטע האט שוין לאנג געאפענט די טויערן פון דער שטאדט פאר אללע אומגליקליכע אונ געיאגטע, אונ אויך קיין פעזארא, ווייל דער הערצאג גווידא אובאלדא איז געוועהן אגעגנער פונ'ם פאפסט אונ ער האט ביי זיך אויפגענומען אללע וואס זענען ניצל געווארען פון זיין רשעות. צווישען די גליקליכע וואס זענען אוועק פון אנקאנא אונ האבען זיך בעזעצט אין פעזארא איז אויך געוועהן דער בעריהמטער דאקטאר אמאטוס לוזיטאנוס, וואס איז אין דער יוגענד געוועהן לפנים אקריסט אונ האט געהייסען יאהאן ראדריגא דע קאסטעל-בראנקא. אז אין פארטוגאל, אין זיין פאטערלאנד איז איינגעפיהרט געווארען די אינקוויזיציאן, האט ער אנגעהויבען גע וונד צו זיין, ער האט זיך ארומגעדרעהט אין עטליכע שטאדט. אציית האט ער זיך אויפגעהאלטען אין אנטווערפען, רום אונ פעזארא, ביז ער איז געבליבען וואהנען אין אנקאנא, וואו אללע האבען איהם שטארק געשאצט, ווייל, ערשטענס, איז ער געוועהן אגרויסער בריה אין זיין פאך אונ, צווייטענס, זענען ביי איהם אללע מענשען גלייך געוועהן אונ יעדער קראנקער האט ביי איהם בעקומען ארפואה. ער האט אנגעשריבען פיעל ביכער איבער מעדיצין אונ האט געהאט אסך תלמידים וואס האבען ביי איהם געלערנט אונ זענען פון זיין האנד ארויס די גרעסטע דאקטוירים. זעהר אפט פלעגט מען איהם רופען צום פאפסט יוליוס דעם דריטען, וואס האט זיך ליעב געהאט נאר ביי איהם צו היילען. זיין נאהמען האט אזוי געקלונגען אויף דער וועלט, אז דער קאניג פון פולין האט איהם געשיקט בעטען ער זאל ביי איהם ווערען לייב-דאקטאר, נאר ער האט בעסער געוואלט בלייבען אין אנקאנא צווישען זיינע ברידער די מאראנען, דארט האט ער אבגעהיט יודישקייט אונ האט

זיך א נאהמען געגעבען חביב. אונ אזא נוצליכער מענש וואס אללע האבען איהם ליעב געהאט, האט געמוזט אנטלויפען ווי א פראסטער פערברעכער אונ אויף דער עלטער ווייטער בלייבען אהן א מקום מנוחה!

איבריגענס האבען פארט נאך געהאט מזל די דאזיגע, וואס האבען שכל געהאט פריהר אװעקצוװארפען אנקאנא. אמת אומגליקליך זענען געװעהן יענע מאראנען, װאס זענען איבער הונדערט אריינגעפאלען אין די הענד פון די אינקװיזיטארען. מען האט זיי גוט אנגעמוטשעט אונ דערנאך האט מען, אים יאהר 1556, ארויסגעגעבען א משפט, אז די װאס װעלען חרטה האבען אונ אויף זיך נעהמען צו װערען פרומע קאטאליקען װעלען בעפרייהט װערען, נאר מען װעט זיי אװעקשיקען אויף דער אינזעל מאלטא אונ צו זייער פריהריגען בכבוד'ן מעמד װעלען זיי שוין קיין מאל ניט טארען קומען. זעכציג מאראנען זענען דארויף בעשטאנען אונ האבען אויף אזא אופן געראטעװעט זייער לעבען; פיער אונ צװאנציג אבער, אונ צװישען זיי אויך איין אלטע פרוי דונא מאיארא, זענען געבליבען פעסט ביים יודישען גלויבען אונ מיט א „שמע ישראל" אויף די ליפען האבען זיי רוהיג װי קדושים אנגענומען דעם טויט.

דאס פייער פון דער אינקװיזיציאן, װאס האט װייטער איינגעשלונגען אזוי פיעל קרבנות, האט אנגעצונדען אויך די הערצער פון אללע יודען אונ מאראנען, װאו זיי זענען נאר געװעהן פערװארפען, אונ עס האט זיך געהערט פון אללע זייטען א שרעקליכער קרעכץ פון װעטהיג אונ נקמה. די דאזיגע, װאס האבען געקאנט זייער שמערץ אויסדריקען נאר דורך א געװיין, האבען אנגעשריבען קלאג-ליעדער, אונ בעזאנדערס האט דעמאלט געמאכט א רעש די קינה פון ר' יעקב די פנו פון פעראראַ, װאס האט דערנאך געמוזט אויסשטעהען דערפאר גענוג צרות פונ'ם פאפסט; די װאס האבען זיך אבער געפיהלט א ביסעל שטארקער, אונ װער שמיעסט די פארטוגאזישע מאראנען, װאס האבען זיך בעזעצט אין טירקיי אונ זענען געװעהן זעהר גליקליך, האבען אנגעהויבען שטארק זוכען מיטעל װי אזוי אנצולערנען פאול דעם פיערטען פאר זיין אכזריות. זייער לאגע איז אין יענער צייט געװעהן אין טירקיי אזוי גלאנצענד אז ניט אומזיסט איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען װייזען דעם פאפסט װער עלטער איז אונ זענען טאקי אים שטאנד געװעהן צו פיהרען א שטילע מלחמה, ניט מיט בלוט פער-גיסען, ניט מיט כלי זין, נאר שװאכער מאכען דעם מסחר, װאס בעלעבט יעדעם לאנד, אונ שלאגט דעם שונא איבער דער קעשענע, ער זאל עס מעהר פיהלען פונ'ם ערגסטען קלאפ.

אין קאנסטאנטינאפאל האט דעמאלט געלעבט א בעריהמטע פרוי, גראציא מענדעזיא, וואס גאטט האט זי געבענשט מיט גדולה, עשר אונ כבוד, אונ זי האט זיך מיט רעכט גערעכענט פאר א צירונג צווישען אללע יודען. זי האט אבער גענוג צרות זיך אנגעליטען ביז זי האט זיך געקאנט צושלאגען צום נאהמען גראציא, אדער חנה. זי איז געבארען געווארען אין פארטוגאל אים יאהר 1510 ביי עלטערן-מארראנען פון דער משפחה בינבנישתי, מען האט זי קריסטליך ערצויגען, גערופען האט מען זי בעאטריצע, אונ החתונה געמאכט האט מען זי אויך מיט איינעם פון די מארראנען פון דער משפחה נשיא, וואס האט געטראגען דעם קריסטליכען נאהמען פראנציסקא מענדעז אונ איז געוועהן א פארשטעהער פון זעהר א רייך הויז, וואס האט געפיהרט מסחרים מיט פערשיעדענע לאנדער אונ פלעגט מאכען די גראסטע געשעפטען. מענדעז פלעגט מאכען הלואות מלכים, אונ ביי איהם אין קאסטען האבען זיך געקאנט געפינען וועקסלען פונ'ם דייטשען קייזער קארל דעם פינפטען, פונ'ם קאניג פון פראנקרייך אונ נאך פיעל גרויסע שררות. אין אנטווערפען האט ער געאפענט א בעזונדער קאנטאר, אונ דארט האט געוואהנט זיין ברודער דיאגא מענדעז.

אז פראנציסקא מענדעז איז אים יאהר 1535 געשטארבען, איז פון איהם געבליבען נאך איין איינציגע טאכטער ריינא, אונ אזוי ווי די אינקוויזיציאן אין פארטוגאל האט געלעגט איין אויג אויף דעם גרויסען פערמעגען וואס ער האט איבערגעלאזט אין גאנצען דער אלמנה, האט מען זיך אנגעהויבען טשעפען צו איהר אונ זי האט פערשטאנען, אז זי איז מיט'ן לעבען ניט זיכער, האט זי לאנג ניט געטראכט אונ איז שוין מיט'ן קינד, מיט א יונגערע שוועסטער אונ נאך מיט א סך קרובים אריבער קיין אנטווערפען צו איהר שוואגער. פון דארט האט זי שטארק געשטיצט די מארראנען אונ, אז מען האט אין רום בעדארפט עפּיס פועל'ן אונ עס האט אבגעקאסט ניט קיין קליינע מטבע, האט זי געשיט מיט גאלד אונ איהר נדבה איז געוועהן די גראסטע. אין אנטווערפען, וואו עס האבען זיך געפונען ניט ווייניג מארראנען, האט בעאטריצע מענדעזיא געשפּיעלט זעהר א געהויבענע ראללע, אונ בעזאנדערס האט זיך ביי אללע בעליעבט געמאכט איהר קרוב יאהאן מיקעז, א שאנער יונגער מאנן אונ א גרויסער בר מעלה, וואס איז געוועהן א חשוב ביים קייזער קארל'ס שוועסטער מאריע, דער געוועזענע קאניגין פון אונגארן. נאר ווי גוט עס איז איהר ניט געוועהן אין אנטווערפען, מיט וואס פאר א כבוד זי איז ניט געוועהן ארומגערינגעלט, איז אויף איהר די מאסקע פון קריסטענטהום געלעגען ווי א שווערע

משא, אונ עס האט זי אלץ געצויגען זיך אוועקצולאזען אין א פרעמד ארט וואו זי זאל קאנען פריי ווערען א יודיש קינד. זי האט אנגעהויבען צוצורעדע דעם שוואגער ער זאל אויך צוזאמען מיט איהר אוועקפאהרען, אונ עס איז שוין ביי איהם געבליבען ענדיגען אללע געשאפטען אונ זיך געזעגנען מיט אייראפא; נאר פלוצלונג איז דיאגא מענדעז געשטארבען אונ עס איז געווארען א גאנצער איבערשלאג. אין זיין צוואה האט ער איבערגעלאזט זיין גאנץ פערמעגען אין די האנד פון בעאטריצע מענדעזיא, אונ עס איז איהר שוין שווער געוועהן אזוי גיך צו מאכען א סוף פון אללע עסקים; דערצו האבען נאך דיאגא׳ס אלמנה אונ זיין טאכטער גראציא קרום געקוקט דארויף וואס בעאטריצע איז גע-בליבען די גאנצע בעל הבית׳טע. דערווייל האט די מלוכה אויך אנגעהויבען טראכטען ווי ארום צוצונעהמען ביי דער משפחה מענדעז דאס געלד אונ, נאך דיאגא׳ס טויט, האט מען זיך ארומגעקוקט אז ער איז געוועהן א געגנער פון דער אינקוויזיציאן אונ מעהר צוגענייגט צו יודען. עס האט שוין געהאלטען דערביי אז די מלוכה זאל צונעהמען דיאגא׳ס פערמעגען, נאר די קלוגע בע-אטריצע האט איבערגעקויפט די שופטים אונ האט נאך דערצו געגעבען דעם קייזער קארל אהיבשען גמילות חסד, אונ אזוי איז איהר געראטהען מבטל צו זיין די גזרה, נאר זי האט שוין געמוזט בלייבען אין אנטווערפען נאך א פאר יאהר ביז דער קייזער וועט בעצאהלען דעם חוב. אז עס איז שוין געקומען די גליקליכע שעה, וואס זי האט אזוי לאנג דארויף ארויסגעקוקט, האט זיך בע-אטריצע ענטשלאסען דערווייל ארויסצופאהרען קיין ווענעדיג. זי האט זיך אפילו שטארק געהיט מען זאל ניט געוואהר ווערען צו ליעב וואס זי ווארפט אוועק אנטווערפען, זי האט ארויסגעלאזט א קלאנג אז זי מוז פאהרען קיין ווענעדיג ווייל יאהאן מיקעז איז אהין אנטלאפען מיט איהר טאכטער ריינא אונ וויל דארט מיט איהר חתונה האבען קלאמערשט געגען איהר רצון, עס האט אבער ניט געהאלפען אונ קוים איז זי געוועהן פון יענער זייט שטאדט האט שוין די מלוכה געוואלט אבראבעוועו איהר פערמעגען אונ עס האט זי געוווּג געלד אבגעקאסט ביז זי האט פערשטאפט די מייליער פון די שונאים אונ האט זיך געקאנט רוהיג איבערציהען קיין וועדיג. דארט האט זיך אויך אבער די הצלחה פון איהר אבגעטהון: דיאגא׳ס אלמנה איז ניט צופרידען געוועהן וואס בעאטריצע האט געהאט די גאנצע דעה אונ זי האט אין אללעמען געמוזט אנקומען צו איהר, אונ זי האט זיך געוואלט בעפרייען פון איהר הערשאפט. זי האט זיך געלאזט ארויספיהרען דורך שלעכטע עצות אונ האט אליין געמסרט בעאטריצע אז

זי וויל פאהרען קיין טירקיי און דארט ווערען א יודיש קינד. די ווענעציאנישע מלוכה האט געזעהן, אז דא האט איהר גאטט צוגעשיקט, א כשר'ע מציאה און זי וועט קאנען ירשנ'ן בעאטריצע'ס עשירות, און זי האט באלד געגעבען א בעפעהל מען זאל זי איינזעצען אין תפיסה. דערווייל האט דיאגא'ס אלמנה אוועקגעשיקט א שליח קיין פראנקרייך און האט געבעטען מען זאל אבטהיילען איהר פערמעגען פון בעאטריצע'ס, זי מיט איהר טאכטער זענען אמת פרום און האבען ניט קיין נגיעה אין דעם פאלשקייט פון דער שוואגערן. דער שליח איז אבער איהר געוועהן אזוי געטריי אז ער האט זי אויך געמסרט, די מלוכה האט באלד ארויפגעלעגט איהר האנד אויף אלדינג, וואס האט געהערט צו דער משפחה מענדעז און דער קאניג הייגריך דער צווייטע האט זיך גאר מהיה געוועהן וואס ער וועט פערשפארען צאהלען זיין חוב און דערביי נאך א מצוה האבען. יאהאן מיקעז האט אבער ניט געשוויגען און האט אנגעווענדט אללע מיטעל צו בעפרייען בעאטריצע פונ'ם געפאנגניש. ער האט געפונען א וועג צום סולטאן סולימאן, און זיין יודישער לייב-דאקטאר ר' משה המון האט איהם שטארק צוגערעדט ער זאל זיך אננעהמען פאר דער אומגליקליכער בעאטריצא, אז פאר'ן לאנד וועט זיין ניט קיין קליינע טובה ווען בעאטריצע מענדעזיא וועט מיט איהר גרויס פערמעגען זיך בעזעצען אין טירקיי. ר' משה המון ווידער האט געהאט זיין קוק, ווייל איהם האט זיך געגלוסט חתונה צו מאכען זיין זוהן מיט בעאטריצע'ס רייכע טאכטער. די טירקישע מלוכה האט באלד געשיקט א שליח מיוחד קיין ווענעדיג מען זאל בעפרייען די פארשטעהערן פון דער משפחה מענדעז.

נאך עהדער די ישועה איז אנגעקומען פון קאנסטאנטינאפאל, איז אבער געראטהען בעאטריצע מענדעזיא זיך ארויסצורייסען פון דער סכנה און זי איז אריבער קיין פעראַרא, וואו דער הערצאג ערקאלע די עסטע האט זי אויפגענומען מיט גרויס כבוד. די פיער יאהר, וואס זי האט פערבראכט אין פעראַרא, פון 1549 ביז 1553, האבען גליקליך געמאכט אללע יודען און מאראנען פון דארט, ווייל בעאטריצע האט אפען אנגענומען יודישקייט און צוזאמען מיט איהר נייעם נאהמען גראציא, וואס הייסט חן, און האט דעם איינענעם זין וואס חנה, האט זי ארויסגעוויזען איהר עדעל אמת יודיש הארץ, און איהרע מעשים טובים האבען בעוויזען, אז זי איז קיין מאל ניט געוועהן אבגעריסען פון איהר אמונה און יודען און יודישקייט זענען ביי איהר געוועהן טהייערער ווי איהר לעבען. ניט אומזיסט זענען אללע ספרים פון יענער צייט פול געוועהן מיט

שבחים וועגען דער בעריהמטער פרוי, אונ דער דיכטער ר' שמואל אוסקווע האט אנגעשריבען אבעזונדער בוך, וואו עס רעכענט אויס איהרע גרויסע מעלות אונ געפינט אין איהר מרים'ס רחמנות, דבורה'ס חכמה אונ אסתר המלכה'ס געטריישאפט דעם יודישען פאלק.

נאר האטש אין פעררארא האט גראציא מענדעזיא געקאנט לעבען פריי אונ קיינער האט איהר ניט געשטערט צו האלטען די יודישע אמונה, האט זי פון דעסטוועגען ניט אוועקגעווארפען איהר אלטען געדאנק אז זי מוז לחלוטין זיך דערווייטערן פון די קריסטליכע לאנדער אונ לעבען אין אזא ארט, וואו קיין זאך זאל זי ניט דערמאנען אין דער טרויעריגער פערגאנגענהייט. איהר קרוב יאהאן מיקעז, וואס איז אין דער צייט א חתן געווארען פאר איהר טאכטער ריינא אונ האט געמאכט שלום צווישען גראציא מענדעזיא אונ איהר שוואגערין, כדי די משפחה זאל זיך האלטען צוזאמען, האט שטארק געארבייט מען זאל זי אין קאנסטאנטינאפאל גוט אויפנעהמען, אונ אז זי איז אהין געקומען, אים יאהר 1555, האבען ניט נאר די יודען, נאר אויך אללע איינוואהנער אויף איהר ארויסגעקוקט, ווייל מען האט שוין פון דערווייטענס געהערט ווי גוט אונ פרום זי איז אונ וואס פאר א צדקה עס געהט ארויס פון איהר שטוב. אין קאנסטאנטינאפאל האט זיך יאהאן מיקעז אפענטליך מגייר געוועהן אונ האט זיך א נאהמען געגעבען יוסף נשיא; דארט האט ער אויך חתונה געהאט מיט ריינא'ן אונ באלד האט דאס האנדעלס-הויז מענדעז, וואס איז נאך אלץ גע-שטאנען אונטער דער השגחה פון דער אלטער גראציא, אנגעהויבען בליהען נאך מעהר ווי פריהער. הונדערטער יודישע משפחות האבען געהאט פרנסה בשפע אונ אללע יודען פון טירקיי האבען דערפיהלט, אז אין יוסף נשיא האט זיי גאטט צוגעשיקט א בעשיצער, וואס איז ביים סולטאן דער ערשטער חשוב אונ קאן ביי איהם פועל'ן אלדינג, אונ אז גראציא מענדעזיא האט א מילדע אונ א אפענע האנד פאר אללע ארעמע אונ נויטבעדירפטיגע.

אז עס איז אנגעקומען די וויסטע בשורה וועגען די מאראנען פון אנקאנא, וואס דער פאפסט האט איינגעזעצט אין תפיסה, האט גראציא מענדעזיא ניט געקאנט רוהען אונ האט זיך ענטשלאסען זיי צו העלפען מיט וואס עס וועט איהר נאר מעגליך זיין. זי האט אנגעשטעלט דעם איידעם יוסף נשיא ער זאל בעטען הילף ביים סולטאן, אונ אזוי ווי צווישען די מאראנען האבען זיך געפונען אויך טירקישע סוחרים, האט איהם סולייטאן געמוזט צו ליעב טהון אונ האט בעפאהלען דעם פאפסט זעהר שטרענג ער זאל ניט טשעפען זיינע

אונטערטהאַנען ווי באַלד ער וויל ניט מען זאָל זיך מיט די קריסטען וואָס לעבען אין טירקייא אויך אַזוי נוהג זיין. אַוודאי האָט פּאַול געמוזט באַלד בע־פרייען די טירקישע סוחרים אונ האָט זיין גאַנץ כעס אויסגעלאָזט צו די איבריגע, וועלכע האָבען ניט געהאַט וואָס זאָל זיך פאַר זיי אננעהמען אונ זענען פערמשפט געוואָרען צום פערברענען. דער שרעקליכער סוף פון די אומגליק־ליכע האָט צום איבריגען אויפגעבראַכט די יודען אין טירקייא אונ עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאָלען זעהען מיט עפּעס טרעפען דעם פּאַפּסט, ער זאָל זעהען אַז אַ יוד קאָן אויך בעצאָהלען פאַר אַ רעה.

די שטאָדט אַנקאָנאַ ביים ים, וואָס האָט געהערט צום פּאַפּסט, האָט געצויגען איהר פּרנסה פון די שיפען וואָס פלעגען אָנקומען פון טירקייא אונ האָט זיך גערעכענט פאַר אַ גרויסען האַנדעלס־פּונקט, וועלכער האָט פערבונדען איטאַליען מיט די מזרח־לאַנדער. דערפאַר האָבען די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער יודען זיך ענטשלאָסען אָבצוציהען דעם מסחר פונ׳ם אַנקאָנאַ׳ר פּאָרט אונ אַהין מאַכען פון דער שטאָדט. זיי האָבען עס געמוזט טהון צוליעב דעם הערצאָג גוּאידאָ אוּבּאַלדאָ פאָן אוּרבינאָ, וואָס האָט אַריינגעלאָזט די אַנטלאָ־פענע מאַראַנען קיין פּעזאַראָ נאָר מיט דעם תנאי זיי זאָלען אַהין אָנהויבען צו שלעפּען האַנדעלס־שיפען. אַוודאי האָבען עס די איינוואוינער פון אַנקאָנאַ באַלד דערפיהלט, אונ פון זייערע קלאָגען האָט פּאַול געקאָנט אַרויסזעהען, אַז די יודען שווייגען ניט אונ אַז אין אַ קליינער צייט פון אַכט חדשים האָבען זיי איינע פון די בעסטע שטאָדט געמאַכט פאַר אַ וויסט דאָרף. צום אומגליק אָבער האָט אַפילו אין דער זאַך אויך ניט געקאָנט זיין קיין אחדות צווישען יודען: אַפילו אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו גראַציאַ מענדעזיאַ אונ יוסף נשיא האָבען געשפּיעלט די הויפּט־ראָללע, איז שווער געוועהן די דעות זאָלען זיין ביי אַללע גלייך, אונ האָטשי אַזוינע צוויי בעריהמטע רבנים, ווי ר׳ יוסף קארו אונ ר׳ משה די־טרני, האָבען געגעבען זייער הסכמה מען זאָל אויסמיידען אַנקאָנאַ, זענען פיעל דאָרוף ניט בעשטאַנען, אונ אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען געקוקט די איבריגע האַנדעל־שטעדט, ווי סאַלוניקי, אַדריאַנאָפּאָל, ברוסאַ, אוילאָנאַ אונ מאָרעאַ, אונ עס האָבען זיך געפונען זעהר וועניג בעלנים צו ענדיגען זייערע געשעפטען, וועלכע זיי זענען שוין געוואוינט געוועהן צו פיהרען מיט איטאַליען. דערוויילּ איז דער הערצאָג גוּאידאָ אוּבּאַלדאָ באַז געוואָרען וואָס די יודען האָבען ניט געהאַלטען קיין וואָרט וועגען דעם מסחר פון פּעזאַראָ, מען האָט איהם

צוגעזאגט אונ עס האט זיך גאר נישט אויסגעלאזט, אונ ער האט די מארראנען ארויסגעטריבען פון פעזארא. עס איז נאך א חסד געוועהן, וואס ער האט זיי ניט איבערגעגעבען דער אינקוויזיציאן, האטשי אין גאנצען זיך אויסדרעהען פונ'ם פאפסט'ס האנד איז זיי אונמעגליך געוועהן: פיעל פון זיי האט מען געהאפט אונ איינגעזעצט אין תפיסה אונ א טהייל האט מען פערקויפט פאר קנעכט. דעמאלט איז אויך דער מענשענפריינדליכער אמאטוס לוזיטאנוס אוועק פון פעזארא, א קורצע צייט האט ער זיך אויפגעהאלטען אין ראגוזא, וואו די קריסטען האבען איהם אויף די האנד געטראגען, ווייל ער האט ניט איינעם פון זיי דאס לעבען געראטעוועט, אונ דערנאך איז ער אוועקגעפאהרען קיין סאלוניקי. ווי עס שיינט, האט מען אין דער אייגענער צייט אנגעהויבען רודפ'ן די מארראנען אויך אין פעררארא: די יודישע דרוק פון ר' אברהם אוסקווע האט זיך געמוזט צומאכען אונ דון שמואל נשיא, דער ברודער פון יוסף נשיא, איז אנגעקומען מיט גרויסע צרות ביז ער האט געקאנט אוועקפאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל. דער הערצאג האט געוואלט האבען ביי זיך א בכבוד'ן יודען ער זאל איהם קאנען אנטהון רעכטע יסורים, דערפאר האט ער איהם צוגעהאלטען אונ ערשט, אז דער סולטאן האט זיך אריינגעמישט אונ האט געשריבען אז עס איז ניט קיין יושר אזוי צו טהון, האט ער איהם ארויסגעלאזט פון דער שטאדט.

וואס מעהר פאול דער פיערטער האט זיך געפיהלט קראנקער אונ נאהענטער צום קבר — איז זיין צארן געגען די יודען געווארען אלץ גרעסער אונ ער האט געפונען געגונג מלאכי חבלה, וואס האבען געקענט פאר א תענוג אויספיהרען זיין ווילדען רצון. צווישען זיינע געטרייע שלוחים האבען זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט מיט זייער אכזריות טאקי צוויי געטויפטע יודען, סיקסטוס סענענזיס אונ פיליפ, אדער יוסף מורו, וואס פלעגען אויפרייצען זייערע געוועזענע ברידער מיט פייערדיגע דרשות, וועלכע זענען געוועהן פול מיט זידלערייען אונ שאנדונגען פון דער יודישער אמונה. עס איז געקומען אזוי ווייט אז אים יום כפור, ווען דער עולם האט געדאוועט אונ געוויינט, האט זיך מורו ערלויבט אריינצולויפען אין שול אונ מיט געוואלד אריינשטעלען א קרייץ אין ארון קדש. די יודען האבען מן הסתם ניט געשוויגען, מורו איז ארויס מיט א געשריי אויף דער גאס, ארום איהם האט זיך באלד פערזאמעלט א גאנצע מחנה, מען האט זיך גוט אבגערעכענט מיט די יודען אונ צוויי בעלי בתים, וואס מורו האט געזאגט אז זיי האבען זיך די

ערשטע ארויסגעשטעלט געגען איהם, האט מען איינגעזעצט אונ דערנאך אפענטליך געשלאגען. נאך ערגער איז זיך פאול בעגאנגען מיט די מארראנען: ער האט זיי גערודפ׳ט גאר אהן רחמנות אונ, אז עטליכע פון זיי האבען זיך געטשלאסען צו ווערען גייסטליכע אונ האבען געהאפט אז דערמיט וועלען זיי זיך אויסהיטען פון שלעכטס, האט ער ארויסגעגעבען אבעפעהל, אז ווער עס קומט ארויס פון יודען, אפילו פונ׳ם צעהנטען דור, טאר ניט ווערען קיין גייסטליכער.

דעם תלמוד האט פאול אין גאנצען ארויסגערוימט פון זיין גבול אונ צו ליעב דעם האט זיך געמוזט צומאכען די פאר ישיבות, אין וועלכע יודישע קינדער האבען נאך געהאט די מעגליכקייט צו לערנען תורה. די יודען פון איטאליען וואלטען אזוי מיט דער צייט געוויס גוט פערגראבט געווארען, ווען קיין קרעמאנא, וואס איז געשטאנען אונטער דעם שוץ פון מאילאנד אונ דארט האט דער פאפסט קיין שליטה ניט געהאט, קומט ניט צו פאהרען א גרויסער למדן ר׳ יוסף אוטולענגהי, וואס האט געאפענט א נייע ישיבה אונ האט געזעהען מען זאל איבערדרוקען אללע יודישע ספרים. אז די איטאליענישע יודען זענען דערפון געוואהר געווארען, האבען זיי אוועקגעשיקט קיין קרעמאנא דאס ביסעל ספרים, וועלכע עס איז זיי געראטהען צו בעהאלטען אונ מציל זיין פון פייער, אונ אזוי איז אין דער דאזיגער שטאדט געווארען איין אוצר פון יודישע ספרים, וועלכע מען פלעגט פון דארט צושיקען קיין פאלען אונ דייטשלאנד. עס האט אבער לאנג ניט געדויערט, ווייל גאר גיך האבען דעם פאפסט׳ס שליחים אויך אהין געטראפען אונ האבען אנגעהויבען ארבייטען, פון איין זייט מיט דער מלוכה, אונ פון דער אנדערער זייט מיט׳ן פאלק, אז מען זאל די יודען גאר אין גאנצען משלח זיין. באלד האבען זיך א שיט געגעבען די כשר׳ע עדות געגען תלמוד, ווי די געטויפטע יודען סיקסטוס סענענזים, וויטאריא עליאנא אונ יהושע דיי קנטרי, אונ עס איז געבליבען מען זאל אין קרעמאנא אויך פערברענען די יודישע ספרים. מיט חשק האבען זיך צולאזט די סאלדאטען איבער אללע יודישע וואהנונגען זוכען גמרות, אונ אזוי ווי קיין גרויסע לומדים זענען זיי ניט געוועהן האבען זיי צוגענומען אלדינג וואס איז נאר געוועהן געדרוקט מיט יודישע בוכשטאבען. דעמאלט האט וויטאריא עליאנא שיר געליטען א גרויסען היזק, ווייל דער פאפסט פאול האט געהאלטען פון קבלה, ביי איהם האבען געשפיעלט א גרויסע ראללע די דעות פון די מקובלים, ווי פיקא דע מיראנדאלא, בייכלין אונ עגידיא דע וויטערבא, אונ

צו ליעב דעם האט עליאנא. צוזאמען מיט א קריסטליכען דרוקער וויצענטי קאנטי געלאזט אין קרעמאנא אבדרוקען דעם „זהר“, אונ האט נאך אליין אנגעשריבען איין הקדמה אויף לשון קדש, דערפון האט ער פשוט געוואלט מאכען א גוט געשעפט, ווייל דעם ערשטען „זהר“, וואס עמנואל דע בענעוועניט האט אבגעדרוקט אין מאנטוא, האבען די קריסטען אויפגעהאפט ווי א אבן טוב אונ האבען געשריגען, אז נאר דער „זהר“ קאן די יודען צופיהרען צום קריסטענטהום. די פראסטע סאלדאטען, וואס אויף זיי איז געפאלען דער גורל צו זוכען דעם תלמוד, האבען, אבער, ניט אזוי געקוקט אויף דער קבלה, ביי זיי איז אלץ איינס געוועהן וואס עס איז זיי נאר געקומען אין די האנד אריין, אונ דערפאר האבען זיי פערנומען אויך צוויי טויזענד זהר׳ס, וואס האבען בעטראפען אהיבשע סוממע געלד. מיט גרויס מיה האט וויטאריא עליאנא זיי אבגעראטעוועט אונ האט אנגעמאכט א געוואלד אז דאס זענען הייליגע ספרים. ניט לאנג איז אבער דער „זהר“ געבליבען הייליג: שפעטער מיט עטליכע יאהר האט דער פאפסט אנגעהויבען קוקען אויף קבלה מיט די אויגען פון יענע סאלדאטען וואס האבען ניט געוואלט מאכען קיין חלוק צווישען יודישע ספרים אונ האט געהייסען דעם „זהר“ אויך אריינווארפען אין פייער.

דעם פאפסט פאול׳ס שנאה צו די יודען אונ זייערע הייליגע ספרים האט זיך באלד פון איטאליען אריבערגעהאפט אין אנדערע לאנדער, ווייל שלעכטס לערנט מען זיך גיך אב. אין פראג האט זיך אויך אבגעזוכט א געטויפטער יוד, אשר פון אודינע, וועלכער האט אויסגערעדט אויף די יודען כל הרעות אונ האט ניט גערוהט ביז מען האט ביי זיי ניט צוגענומען, אים יאהר 1559, אללע ספרים, אונ מען האט זיי אוועקגעשיקט קיין וויען. דאס איז געוועהן פאר די פראגער יודען א גרויסער קלאפ, ווייל עס איז ניט געוועהן פון וואס צו דאווענען אונ ניט יעדער האט געדענקט די תפלה אויסווענ[י]ג. באלד האט זיך נאך מעהר ארויסגעוויזען דער שרעקליכער האס פונ׳ם פראסטען פאלק: אין דער יודישער גאס פון פראג איז געוועהן א גרויסע שרפה אונ די איינוואהנער האבען ניט נאר ניט געהאלפען ראטעווען, נאר זיי האבען נאך אליין גע־ראבעוועט אונ האבען אפילו שוואכע פרויען אונ קינדער אריינגעווארפען אין פייער. דערמיט האבען זיך אבער ערשט אנגעהויבען די רעכטע צרות: דער קייזער פערדינאנד דער ערשטע האט זיך ענטשלאסען ארויסצוטרייבען די יודען פון גאנץ בעהמען, אונ פראג איז געשטאנען אויפ׳ן ערשטען פייער. געגען אנדערע פעלקער איז פערדינאנד דווקא געוועהן זעהר גוט אונ בארמהערציג

ער האט אפילו געוואלט שלום מאכען צווישען די קאטאליקען און די פּראָטעסטאנטען; נאר אויף די יודען האט ער געטראגען א שנאה אין הארצען און האט געדאנקט גאט, אז ער האט געהאט וואו זי ארויסצוווייזען. קודם כל האט ער איינגעפיהרט אין עסטערייך „יודען־צעטעל", דאס הייסט, אז יעדער יוד וואס דארף קומען קיין וויען מוז פריהר ארויסנעהמען א בעזונדער צעטעל פון דער מלוכה, און דארט איז שוין געווען אנגעשריבען צו ליעב וואס פאר א געשעפט ער מוז זיין אין דער הויפּט־שטאדט און ווי פיעל טאג איז איהם ערלויבט דארט צו בלייבען. נאך דעם האט ער אנגעהויבען ביסלעכווייז ארויסצוטרייבען די יודען פון גארץ און פון אנדערע ערטער ביז ער האט זיך גענומען צו דער אלטער פּראגער קהלה, וואס איז ביי איהם שטארק נמאס געווארען אין די אויגען וועגען איהרע שטאנדיגע מחלוקת איבער רבנים אדער אנדערע פארשטעהער. א פאר יאהר האט פון דעסטוועגען געדויערט ביז דער קייזער איז אים שטאנד געווען, אים יאהר 1561, אויסצופיהרען זיין בעפעהל וועגען די פּראגער יודען, ווייל האטש נאך דעם וואס מען האט צוריק מיט צוואנציג יאהר ארויסגעטריבען די יודען פון פּראג האבען זיך אהין אומגעקעהרט נאר דאס פסולת, האבען זיי פארט געהאט א סך צדדים צווישען די קריסטען, וואס זענען איינענטליך ניט געווען לייטישער פון זיי און האבען זיך אנגענומען פאר זיי. אפילו אז עס האט ניט געהאלפען און די יודען האבען געמוזט ארויס פון פּראג, האבען זייערע קריסטליכע בעלי טובה באלד אנגעהויבען ארבייטען מען זאל זיי ווייטער אריינעהמען. מען האט געפונען א וועג צום קייזער און מען האט איהם ארויפגעבראכט דארויף, אז ער זאל שוין חרטה האבען אויף דער גזרה וועגען די יודען, ער האט אבער געאנטפערט אז ער קאן גאר ניט העלפען, ווייל ער איז פערבונדען מיט א שבועה. דעמאלט האט זיך אונטערגענומען איינער פון די עדעלסטע פּראגער יודען ר' מרדכי צמח בן גרשון פון דער בעריהמטער משפחה סאנטשין, וועלכע האבען אין פערשיעדענע שטאדט געהאט יודישע דרוקען, צו פאהרען קיין רום צום נייעם פּאפּסט פּיוס דעם פיערטען, וואס האט איבערגענומען די שטעלע נאך פּאול'ס טויט, און פועל'ן ביי איהם ער זאל דעם קייזער מתיר נדר זיין. אין יענער צייט, אז דאס אכזריות פון פּאול'ן איז נאך געווען פריש, און וואס פאר א מענש זיין יורש איז האט נאך קיינער ניט געקאנט וויסען, איז אזא נסיעה געווען פשוט אן איינשטעלעניש; דערצו האט די שטאדט ניט פערדיענט ביי ר' מרדכי צמח'ן ער זאל זיך צו ליעב איהר מוסר נפש זיין, ווייל די פּראגער רבנים האבען פער־

משפט זיין איינציגע פרומע טאכטער פאר א כלבול וואס פאלשע עדות האבען אויסגעטראכט. ר' מרדכי צמח האט אבער ניט געקוקט אויף קיין זאך, דארט וואו ער האט געקאנט א טובה טהון דעם כלל האט איהם זיין אמת יודיש הארץ געגייטה צו פערגעסען זיינע אייגענע אונצופרידענהייטען. ער האט זיך צוגעשלאגען צום פאפסט אונ ער האט ניט אבגעטרעטען ביז ער האט ניט מבטל געווען פערדינאנד'ס שבועה. אזוי זענען די פראגער יודען געהאלפען געווארען, אונ שפעטער, אז די מלוכה איז איבערגעגאנגען צו פערדינאנד'ס צוויי זיהן, מאקסימיליאן דעם צווייטען אונ רודאלף, האבען די יודען ווייטער זיך צושפרייט איבער גאנץ באהמען אונ אסטעררייך, האטשי אין צרות זענען זיי ניט זשעדנע געווען, ווייל די קאטאלישע גייסטליכע האבען ניט אויפגעהערט זיי אללע מאל דערמאנען אז זיי זענען נאר פרעמדע אונ איינגעבעטענע אין לאנד.

אין איטאליען האט, נאך פאול'ס טויט, אנגעהויבען בלאזען א פריינדליך ווינטעל, האטשי דער נייער פאפסט פיוס איז ניט אים שטאנד געוועהן פלוצים אלדינג איבערמאכען אונ פערבעסערן אין גאנצען דעם צושטאנד פון די יודען. ער האט זיך געמוזט בעגניגען מיט קלייניגקייטען: ער האט זיי ערלויבט צו קויפען ערד פונ'ם ווערטה ביז פינפצעהן הונדערט רענדליך, צו פיהרען פערשיעדענע מסחרים אונ ניט נאר האנדלען, ווי פריהר, מיט אלטע קליידער, אונ האבען געשאפטען מיט קריסטען, נאר ניט האלטען קיין קריסטליכע דיענסטען. וויכטיגער איז אבער געוועהן דאס, וואס פיוס האט מבטל געוועהן די שטראפען, וואס יעדער יוד האט געהאט אויף זיך ווען ער האט עובר געוועהן אויף איינע פון פאול'ס תקנות, אונ דאס האט געהייסען גלייך ווי די אלטע בעפעהלע האבען אנגעווארען זייער כח. אוודאי האבען די יודען אויך ניט געדרימעלט אונ האבען אנגעהויבען ארבייטען מען זאל צוריק כשר מאכען דעם תלמוד. אזא זאך איז זיי אבער ניט אזוי גרינג אנגעקומען, האטשי מיט קיין לעדיגע האנד זענען זיי ניט געקומען: פיוס האט פשוט מורא געהאט פאר די גייסטליכע זיי זאלען ניט אנמאכען א געוואלד, אז די יודען פיהרען ביי איהם אוים וואס זיי ווילען. דערפאר איז ער געפאלען אויף א אויבער הסברה: ער האט קלוימערשט אבגעזאגט די בקשה פון די יודען אונ האט בפירוש געזאגט אז ניט נאר דער תלמוד נאר אפילו אללע קבלה-ספרים אונ רייכלין'ס ביכער זענען אסור אונ מען טאר זיי אין די האנד ניט האלטען; דערביי האט ער אבער אויפגעטהון א קלייניגקייט אונ האט ערלויבט מען זאל איבערקוקען

דעם תַּלְמוּד אונ אַרויסְגַוואָרְפֶען אַללֶע אֶרְטֶער, וָועלְכֶע זֶענֶען שֶׁאדְלִיךְ פַאר'ן קְרִיסְטֶענְטְהוּם, אונ וִוי בַּאלְד מֶען וֶועט דֶערְנָאךְ דִי גְמָרוֹת נִיט רוּפֶען מִיט דֶעם נָאהמֶען „תַּלְמוּד" מַאג מֶען זֵיי דְרוּקֶען אונ אָפֶען הַאלְטֶען. דָאס אִיז גֶעוֶועהן אַפַארְשְׁטֶעלְטֶער הֶיתֵּר אונ דִי יוּדֶען הָאבֶּען פֶערְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ מִיט אִיהם צוּ בֶּענוּצֶען: שְׁפֶּעטֶער מִיט עֶטְלִיכֶע יָאהר הָאט מֶען דֶעם תַּלְמוּד אָבְּגֶעדְרוּקְט אִין בַּאזֶעל מִיט קְלֵיינֶע פֶערְאֶנְדֶערוּנְגֶען.

נָאר אוֹיב מֶען קָאן רֶעכְנֶען, אַז דִי צַייט פוּן פִּיוּס דֶעם פִּיעֶרְטֶען אִיז אַבִּיסֶעל מֶעהר גְלִיקְלִיךְ גֶעוֶועהן פַאר דִי יוּדֶען, הָאט דָאס גְלִיק נָאר וֶועניג גֶעדוֹיֶערְט, ווייל נָאךְ אִיהם אִיז גֶעוָוארֶען פַּאפְּסְט פִּיוּס דֶער פִינְפְטֶער אונ דָאס אִיז גֶעוֶועהן אַזַא אַכְזָר, וָואס אֲפִילוּ פַּאוּל דֶער פִיעֶרְטֶער הָאט זִיךְ גֶעגֶען אִיהם אוֹיסְגֶעווִיזֶען וִוי אַצַדִיק. עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגְרָאבֶּען וואו עֶס אִיז נָאר עֶרְגִיץ גֶעוֶועהן אֵיין אַלְטֶע גְזֵרָה, אונ דְרַיי חֳדָשִׁים זֶענֶען נָאךְ נִיט אַוֶועק זַייט עֶר אִיז אִים יָאהר 1566 אַרוֹיף אוֹיפ'ן פֶּרֶעסְטָאל, הָאט עֶר אִים לֶעבֶּען פוּן דִי אִיטַאלְיֶענִישֶׁע יוּדֶען גֶעמַאכְט אַאִיבֶּערְקֶעהרֶענִישׁ: אַללֶע הָאבֶּען גֶעמוּזְט וָוערֶען טֶענְדְלֶערְס, וָוער עֶס הָאט גֶעהַאט עֶרְד הָאט מֶען אִיהם גֶענוּמֶען עֶר זָאל זִי פֶערְקוֹיפֶען, מִיט קְרִיסְטֶען הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעטָארְט הָאבֶּען קֵיין שׁוּם גֶעשֶׁעפְט, מֶען הָאט זֵיי גֶעצְווָאוּנְגֶען צוּ טְרָאגֶען שַׁאנְד-צַייכֶענְס אוֹיף דִי קְלֵיידֶער, אונ מֶעהר פוּן אֵיין שׁוּל הָאט מֶען זֵיי נִיט עֶרְלוֹיבְּט. פִּיוּס דֶער פִינְפְטֶער הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גֶעקֶאנְט בֶּעגְנֶעהן נָאר מִיט אַלְטֶע גְזֵרוֹת; עֶר הָאט טַאקִי גֶעוָואלְט בַּיי דִי יוּדֶען צוּנֶעהמֶען דָאס לֶעבֶּען אונ דָאס פֶערְמֶאגֶען, אַז עֶס זָאל פוּן זֵיי וָוערֶען אִין גַאנְצֶען אַתֵּל; דַארִיבֶּער הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען מֶען זָאל זֵיי בֶּעטְרַאכְטֶען וִוי גֶעפֶעהְרְלִיכֶע שׂוֹנְאִים פוּן דֶער קַאטָאלִישֶׁע קִירְכֶע אונ פַאר יֶעדֶער קְלֵיינִיגְקַייט זָאל מֶען זִיךְ צוּ זֵיי טְשֶׁעפֶּען, אַרַיינְוַוארְפֶען אִין תְּפִיסָה אונ זֵיי אָנְטְהוּן עִנוּיִים קָשִׁים. אִיהם הָאט אוֹיךְ גֶעהָאלְפֶען אַגֶעטוֹיפְטֶער יוּד אַללֶעסַאנְדְרָא, וָועלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעהַאפְּט צוּ דִי אַלְטֶע חֲטָאִים אונ הָאט בֶּעשׁוּלְדִיגְט דִי יוּדֶען, אַז אִין זֵייעֶרֶע סְפָרִים אונ בַּיים דַאוונֶען פֶערְשֶׁאלְטֶען זֵיי דִי קְרִיסְטֶען אונ דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם מִיט טוֹיטֶע קְלָלוֹת. פַאר אַזֶעלְכֶע עֲבֵירוֹת הָאט מֶען כִּמְעַט אַללֶע יוּדֶען פוּן בּוֹלוֹנְיַא גֶעשְׁטֶעלְט פַאר דֶעם גֶערִיכְט פוּן דֶער אִינְקְווִיזִיצְיָאן, אונ, אַז דִי תַּלְיָנִים הָאבֶּען בַּיי זֵיי לֶעבֶּערְדִיגֶערְהֵייט גֶעצוֹיגֶען דִי אָדֶערְן פוּנ'ם לַייבּ, הָאבֶּען זֵיי גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אוֹיף אַלְדִינְג וָואס מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט. נָאר דֶער אֵיינְצִיגֶער רַב פוּן בּוֹלוֹנְיַא, ר' יִשְׁמָעֵאל חֲנִינָא, אִיז גֶעוֶועהן שְׁטַארְק אונ הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אַזוֹי פִיעל קְרַאפְט, אַז עֶר הָאט

פריהר מוסר מודעה געוועהן, מען זאל וויסען, אז וואס ער וועט זאגען אין דער צייט, וואס מען וועט איהם מוטשען אונ די כוחות וועלען איהם אויסגעהען, איז פאלש. דערוויל האבען אנגעהויבען די עטליכע פערמאגליכע יודען, וואס זענען נאך געבליבען אין בולוניא אונ האבען פערשטאנען אז ניט היינט-מארגען וועט מען זיי אויך אבראבעווען, צו טראכטען ווי ארום זיי זאלען זיך ארויס-חאפען פון דארט אונ, אז זיי האבען געזעהען אז די מלוכה האט עפיס קיין חשק ניט זיי ארויסצולאזען האבען זיי זיך פשוט ארויסגעגנב'ט. דאס האט דעם פאפסט שטארק פערדראסען אונ ער האט זיך ענטשלאסען די יודען לחלוטין ארויסצוטרייבען פון די ערטער, וואו ער האט געהאט צו שאפען. אומזיסט האבען זיך ארויסגעשטעלט, טאקי פון די גייסטליכע, ערדענטליכע מענשען, וואס האבען ערקלערט פיוס'ן, אז ער טאר ניט געהען געגען רצון פון די פריהריגע פאפסטע, וועלכע פלעגען בעשיצען די יודען אונ האבען זיי אריינגעלאזט אין זייער לאנד, ווען מען האט זיי געיאגט אונ געטריבען פון אללע זייטען: פיוס דער פינפטע איז געבליבען ביי זיין רשעות אונ האט אים יאהר 1569 ארויס-געגעבען אבעפעהל, אז פון אללע שטאדט, וואס געפינען זיך אונטער זיין מאכט, אויסער רום אונ אנקאנא, זאלען זיך די יודען ארויסקלויבען אין דריי חדשים, אונ יעדער יוד, וואס מען וועט איהם דארט דערנאך געפינען, וועט פערקויפט ווערען פאר אקנעכט. אודאי זענען דעמאלט גענוג יודען געבראכען געווארען פון ברויט אונ האבען זיך קוים געקאנט צושלעפען צו די נאהענטע שטאדט, ווי פעזארא, אורבאנא, פעראַרא, מאנטוא אונ מאילאנד. די רייכסטע פון זיי זענען געווארען קבצנים, קיינער פון די קריסטען האט זיי ניט בעצאהלט זייערע חובות, אונ נאר איין ר' גדליה אבן יחיא פון ראווענא האט פערלארען צעהן טויזענד רענדליך. דעמאלט האט מען זיך אויך אומגעקוקט אז אין עטליכע ערטער פון פראנקרייך, וואו מען האט שוין מעהר פון צוויי הונדערט יאהר קיין יודען ניט געזעהען, האבען זיך בעזעצט יודען אונ זענען געווארען גרויסע עשירים; אזא עולה איז שווער געוועהן איבערצוטראגען אונ מען האט די יודען פון אוויניאן, קארפענטראס, וועניישען אונ נאך אנדערע שטאדט, וואו די גוטהערציגע פאפסטע האבען זיי צוריק מיט יאהרען אריינגעלאזט, מיט חרפה אונ בושה ארויסגעטריבען.

גרעסטענטהיילס האבען זיך די אומגליקליכע געלאזט קיין טירקיי, נאר זעהר וועניג האבען זיך געקאנט אהין צושלאגען, ווייל אויפ'ן וועג האבען זיך געפונען אזעלכע פרומע קריסטען, וואס האבען געהאלטען פאר א גרויסע מצוה

צוצונעהמען ביי זיי דאס לעצטע, אונ זיי זענען אויסגעגאנגען פאר הונגער אונ קאלט נאך עהדער זיי זענען צוגעקומען צו דער גרעניץ. א פינסטערע צייט איז דעמאלט געוועהן פאר די יודען אין איראפא אונ ר׳ יוסף כהן האט אויף דער אלטער געהאט גענוג צרות צו בעשרייבען אין זיין ספר „עמק הבכא״, וואס איז טאקי געוועהן א טהאל פון געוויין, פון ביטערע טרערען, וואס יעדער יוד האט געמוזט פערגיסען, ווען ער האט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהען דעם ביטערן סוף פון זיינע דערשלאגענע ברידער.

4 די יודען אין טירקיי אונ דון יוסף הנשיא.

(1566—1590 נאך קריסטוס געבורט).

דער יוד האט שוין אבער אין זיך אזא מין מעלה, אז וואס מעהר לייד מען טהוט איהם אן — בעקומט ער גאר מעהר חיות. צרות שטארקען איהם אונ מען מאג איהם דא אריינלעגען ניין איילען אין דער ערד — וואקסט ער ערגיץ אנדערש אויס נאר א שפאגעל נייער מענש, מיט פרישע כוחות, מיט א פרעהליך פנים, גלייך ווי ניט ער האט עס ביז אהער אזוי געליטען, אזוי פערשווארצט געווארען, וואס איין אנדערער אויף זיין [illegible] וואלט שוין לאנג דורך זיי פון דער וועלט געגאנגען. אזוי איז געשעהען מיט די יודען אויך אין די ביטערע יאהרען, ווען פיום דער פינפטער האט אויף זיי אויסגעגאסען זיין גאנצען גיפטיגען כעס: פונקט דעמאלט, ווען אין די איראפאישע לאנדער האט שוין פון זיי קיין זכר ניט געזאלט בלייבען, האבען זיי אין טירקיי אויפגעהויבען דעם קאפ גאר אויף איין אנדער אופן, אונ איינעם פון די געהאסטע אונ געיאגטע מאראנען יוסף נשיא, אדער יאהאן מיקעז איז בעשערט געוועהן צו דערגרייכען אזא הויכע מדרגה, אז ניט נאר זיינע ברידער, נאר אללע איינוואהנער פונ׳ם לאנד האבען שטאלצירט מיט איה׳ם אונ יעדער האט געהאט פאר איהם גרויס דרך ארץ, אונ די ארעמע יודען, וואס האבען אלאנגע צייט אומגעוואגעלט אהן א ציעל אונ האבען געמוזט זיך בעהאלטען מיט זייער אמונה, האבען פערשטאנען ווי אזוי פלוצלונג צו ווערען מיוחסים. מיט זייער שארפען מוח האבען זיי דערגרייכט אז אללע מלוכות, וואס האבען געהאט געשעפטען מיט טירקיי, זאלען בע[illegible] צו זיי אנקומען, אונ ווענעדיג, שפאניען, פראנקרייך אונ אפילו דער פאפסט אליין, האבען אללע געמוזט פאר זיי דרך ארץ האבען. עס קאן זיין אז אין הארצען האט מען זיך געטראכט, אז מען דארף דעם גנב

שניידט מען איהם פון דער תליה, נאר לעת עתה האט עס איוד אזוי ווייט געבראכט, אז זיינע געבעטיגע שונאים האבען געמוזט אנבויגען דעם קאפ און מאכען א פריינדליכע מינע דעם, וואס מען האט איהם ערשט ניט לאנג געוואלט אריינוואַרפען אין פייער.

אז דון יוסף נשיא איז אראבגעקומען קיין קאנסטאנטינאפאל האט ער מיט זיין הדרת פנים און מיט זיינע גרויסע מעלות באלד נושא חן געוועהען ביי יעדען אין די אויגען, און די רעקאמענדאציעס, וואס ער האט געבראכט פונ׳ם פראנצאזישען הויף, האבען איהם תיכף געעפענט א וועג צו דער טירקישער מלוכה. דון יוסף נשיא האט נאר בעדארפט מען זאל איהם דאס ערשטע מאל אריינלאזען, דערנאך האט ער שוין געהאט אין זיך א פערבארגענעם כח יענעם צושלעפען צו זיך, און מען פלעגט מוזען ווערען מיט איהם נפש אחת. עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס דער סולטאן סולימאן איז צו איהם צוגעקלעבט געווארען פון דער ערשטער מינוט, וואס ער האט איהם דערזעהען און האט באלד פערשטאנען, אז דא האט איהם גאטט צוגעשיקט א געטרייען דיענער, וואס איז אים שטאנד דער מדינה גרויסע טובות צו טהון. אין א קורצער צייט האט דון יוסף נשיא געשפיעלט ביים סולטאן די גרעסטע ראללע און אהן איהם האט ער קיין זאך ניט געטהון, ווייל ער איז געוועהן קלאהר אין אלדינג וואס עס געהט פארביי די אייראפאישע מלוכות. דערצו פלעגט ער שטאנדיג בעקומען פון די יודען די בעסטע ידיעות, און דאריבער האט ער געקאנט געבען א רעכטע עצה, ניט נאר ווי א מענש מיט א שכל הישר, נאר אויך ווי איינער וואס איז ניט בלינד אין דער לאגע פון זיין געגנער און קאן זיך שוין ניט לאזען אפנארען. אודאי איז שוין סולימאן אים שטאנד געוועהן זיך צו שפיעלען מיט די אייראפאישע מלכים און אויספיהרען ביי זיי אלדינג — און דאס האט ער אלס געהאט צו פערדאנקען זיין יודישען יועץ. עס האט זיך אבער גראד אזוי געפיהרט, אז דון יוסף נשיא זאל ווערען נאך א גרעסערער חשוב. צווישען סולימאן׳ס קינדער איז ניט געוועהן קיין אחדות, איינער האט אויפ׳ן אנדערן נאר געזוכט חסרונות, און דער פאטער האט מעהר ליעב געהאט דעם יונגערן זוהן, וואס האט מיט זיין גבורה מעהר געטויגט צו מלחמה. די הויף־לייט האבען מן הסתם געקוקט אויפ׳ן סולטאן און, אז ער האט געווארפען א אום־חן אויף דעם עלטערן פרינץ סעלים, האבען אללע איהם נאכגעטאנצט און קיינער האט ניט געוואלט רעדען וועגען סעלים׳ן עפיס א גוט ווארט. דון יוסף נשיא האט אבער פערשטאנען, אז עס איז גלייכער פאר׳ן לאנד ווען עס וועט ווערען שלום צווישען

אַלְטֶען סולְטַאן אונ דֶעם יוֹרֵשׁ פון דֶער מְלוּכָה, אונ זַיינֶע עֶטְלִיכֶע וַואךְטֶע וֶוארְטֶער זֶענֶען גֶענוּג גֶעוֶועהן, אַז סוּלֵיימַאן זָאל זִיךְ לָאזֶען אִיבֶּערְבֶּעטֶען אונ זָאל נָאךְ שִׁיקֶען סֶעלִים'ן אַ טְהַייעֶרֶע מַתָּנָה. פַאר אַ שָׁלִיחַ, וָואס זָאל אִיבֶּערְגֶעבֶּען דִי מַתָּנָה, הָאט סוּלֵיימַאן אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען טַאקִי דֶעם רוֹדֵף שָׁלוֹם אַלֵיין, אונ דֶעמָאלְט הָאט דון יוֹסֵף נָשִׂיא צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּ זִיךְ דֶעם דַאנְקְבַּארֶען פְּרִינְץ סֶעלִים, וֶועלְכֶע, הָאט אִיהם צוּגֶעזָאגְט, אַז עֶר וֶועט עֶבִּיג נִיט פֶערְגֶעסֶען דִי טוֹבָה וָואס עֶר הָאט אִיהם גֶעטְהוּן. סֶעלִים הָאט אוֹיךְ גֶעהַאלְטֶען וָוארְט אונ נָאךְ עֶהדֶער דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִיהם הָאט זִיךְ שׁוֹין דון יוֹסֵף גֶערֶעכֶענְט צְווִישֶׁען דִי גְרֶעסְטֶע שָׂרָרוֹת. דֶער סוּלְטַאן הָאט אִיהם אַזוֹי לִיעבּ גֶעהַאט אַז עֶר הָאט אִיהם אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט אַ גַאנְצֶע שְׁטִיק עֶרְד אִין פַּאלֶעסְטִינָא, מִיט דֶעם עֶרְלוֹיבְּנִישׁ, אַז עֶר מֶעג פון טְבֶרְיָה מַאכֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאדְט אונ דָארְט בֶּעזֶעצֶען נָאר יוּדֶען. אַחוּץ דֶעם הָאט אִיהם סֶעלִים, בַּאלְד ווִי עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אִים יָאהר 5566, דִי מְלוּכָה, גֶעמַאכְט פַאר הֶערְצָאג פוּן נַאקְסָאס, אונ דון יוֹסֵף נָשִׂיא הָאט דֶערְגְרֵייכְט אַזַא מַדְרֵגָה, וָואס עֶס אִיז גָאר שְׁוֶוער גֶעוֶועהן צוּ דֶענְקֶען אֲפִילוּ, אַז אַ יוּד זָאל פְּלוּצְלוּנְג בֶּעקוּמֶען אַזַא מַאכְט. אֵיין אַנְדֶערֶער, קָאן זַיין, וָואלְט זִיךְ שׁוֹין בֶּעגְנִיגְט מִיט דֶעם גְרוֹיסֶען כָּבוֹד אונ רַייכְקַייט פון אַ הֶערְצָאג, וָואס הָאט צוּ שַׁאפֶען, ווִי אַ זֶעלְבְּסְטשְׁטֶאנְדִיגֶער בַּעַל הַבַּיִת, אִיבֶּער זַיין שְׁטִיק לַאנְד אונ וָואלְט שׁוֹין גֶעוָואלְט בֶּעסֶער זִיךְ אָפְּרוּהֶען אונ גֶענִיעסֶען דִי פֵּירוֹת פון זַיין מִיה; דון יוֹסֵף נָשִׂיא הָאט אָבֶּער בֶּעסֶער גֶעוָואלְט וַוייטֶער דִיעֶנֶען דֶער מְלוּכָה. דִי מֶמְשָׁלָה אִיבֶּער זַיין עֶרְד הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אֵיינֶעם פון זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד, קַארְאגֶעל, וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פון אֵיין אַלְטֶער יוּדִישֶׁער מִשְׁפָּחָה אונ נָאךְ אֵיינֶער פון זַיינֶע עֶלְטֶער־זֵיידֶעס, ר' אַבְרָהָם שְׁנֵיאוֹר, אִיז גֶעצְווָאוּנְגֶען גֶעוֶועהן זִיךְ צוּ טוֹיפֶען, וֶוען מֶען הָאט דִי יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פון שְׁפַּאנְיֶען, אונ אַלֵיין אִיז דון יוֹסֵף גֶעבְּלִיבֶּען אִין קָאנְסְטַאנְטִינָאפֶּעל, וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶועהן בַּיים סוּלְטַאן דִי רֶעכְטֶע הַאנְד. נָאר וָואס גְרֶעסֶער דון יוֹסֵף נָשִׂיא אִיז גֶעוָוארֶען, מֶעהר שׂוֹנְאִים הָאט עֶר בֶּעקוּמֶען צְווִישֶׁען דִי גֶעזַאנְדְטֶע פון דִי אֵייךָאפֶּאִישֶׁע קֶענִיגֶע, וָואס הָאבֶּען אָהן זַיין הַסְכָּמָה קֵיין שׁוּם זַאךְ נִיט גֶעקָאנְט פוּעֶל'ן בַּיי דֶער טִירְקִישֶׁער מְלוּכָה, אונ בֶּעזוּנְדֶערְס אִיז פְרַאנְקְרֵייךְ בַּאז גֶעוֶועהן, ווַייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי הֶעזָה שְׁטַארְק צוּ מַאהנֶען דֶעם הוֹב: וָואס הַיינְרִיךְ דֶעם צְווֵייטֶען הָאט זִיךְ זֶעהר נִיט גֶעגְלוּסְט צוּ בֶּעצָאהלֶען זַיין שְׁווִיגֶער, אונ אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט טַאקִי זַיין אֵיין עַקְשָׁן אונ הָאט גֶעזָאגְט דֶעם אַלְטֶען תֵּירוּץ אַז אַ יוּדֶען אִיז אַ מִצְוָה צוּ בֶּערַאבֶּעוֶען, הָאט דון יוֹסֵף נָשִׂיא גֶעהֵייסֶען פֶערְהַאלְטֶען עֶטְלִיכֶע

פראנצאזישע שיפען און מען האט געמוזט בחרפה אפגעבען דאס געלד ביז איין פרוטה. אודאי האט עס פערדראסען דעם פראנצאזישען געזאנדטען און ער האט אנגעהויבען גראבען בסתר ער זאל פטר'ן דעם יודישען הערצאג. צווישען יודען זאל מען זיך אויסגעהען אהן קנאה — איז עפּיס אויך ניט מאגליך: דון יוסף נשיא האט געהאט א אינוועניגסטען שונא, טאקי פון זיינע אייגענע ברידער, דאס איז געוועהן דעם סולטאן'ס יודישער לייב-דאקטאר דאוד און ער האט זיך אונטערגענומען צו צושטעלען דעם פראנצאזישען געזאנדטען פערשידענע בריעף, וואס פון זיי קאן מען ארויסזעהען אז דון יוסף נשיא איז א גוטער ברודער מיט שפאניען, מיט'ן פאפּסט און מיט'ן הערצאג פון פלארענץ. מיט די דאזיגע בריעף האבען זיינע שונאים געהאפט אויסצווייזען שווארץ אויף ווייס, אז ער איז פאלש דער טירקייא, נאר זיי האבען אללע א גרויסען טעות געהאט. דון יוסף נשיא איז פריהר פון אללעמען געוואהר געווארען און האט דערצעהלט דעם סולטאן וואס דא געהט פאר. סעלים האט גוט געוואוסט אז דון יוסף נשיא איז איהם געטרייער פון אללע און דאריבער האט ער געהייסען מען זאל דאוד'ן ארויסשיקען פון טירקייא, און אויסער דעם האבען די רבנים דעם מוסר אריינגעלעגט אין חרם. דון יוסף נשיא האט זיך געטהון ריינס, און האטש פון אללע זייטען האט מען זיך ביי איהם איינגעשמייכעלט מיט כבוד און רייכע מתנות, ווי, למשל, דער קייזער פערדינאנד פון אסטערייך, וועלכער האט אימיסטען געשיקט שליחים איהם צו בעגריסען, ווען דאס טירקישע חיל איז אריין קיין אונגארן, האט ער זיך פון דעסטוועגען ניט געלאזט פערבלענדען די אויגען און האט גוט אכטונג געגעבען ער זאל פערגרעסערן די מאכט פון טירקייא ווי ווייט ער האט נאר געקאנט. אזוי האט ער זיך, אים יאהר 1570, בענוצט דערמיט וואס די מלוכה פון ווענעדיג איז געוועהן צו שוואך און איז אנגעפאלען אויף דעם אינזעל ציפערן, וואו דאס טירקישע חיל האט בעלאגערט צוויי הויפט-שטאדט ניקאזיא און פאמאגוסטא. צום אנהויב האט די מלוכה פון ווענעדיג גערעכענט צו געהען מיט תקיפות, דעם הערצאג פון נאקסאס אויף צו להכעיס האט מען געוואלט אללע יודען ארויסטרייבען, און א חוץ דעם האט דער פאפּסט פיוס דער פינפטער אנגעהויבען טראכטען וועגען א נייעם קרייצצוג, נאר אז מען האט געזעהען אז די טירקייא שרעקט זיך ניט איבער און וויל טאקי ניט אבטרעטען, האט מען געמוזט איינבייגען דעם קאפּ און אנקומען נאך א מאל צו א יודען ער זאל זיך אריינלעגען אין שלום.

מען קאן זיך פארשטעלען ווי דאס בלוט האט געזאטען ביי די שונאי ישראל, ווען זיי האבען געמוזט זיך ווענדען מיט זייערע בקשות צום יודישען הערצאג, נאר זיי האבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט. אז נידערלאנד האט זיך געוואלט בעפרייען פון שפאניען און פונ'ם שלעכטען קאניג פיליפ דעם צווייטען, וועלכער האט דארט אויך איינגעפיהרט די אינקוויזיציאן, האט דער הערצאג ווילהעלם פון אראניען געשיקט א שליח מיוחד צו דון יוסף נשיא און האט איהם געבעטען ער זאל איהם געהען צו הילף. דער קייזער פון אסטערייך פערדינאנד האט איהם אויך ניט איין מאל געשריבען אייגענהאנדיגע בריעף און האט איהם פערזיכערט, אז ער שאצט איהם זעהר. דאס אייגענע האט אויך געטהון דער קאניג פון פאלען, זיגיזמונד אויגוסט, און אז ער האט נאך געוואלט ביי איהם עפיס פועלן פלעגט ער איהם צוזאגען, אז ער וועט גוט בעהאנדלען די יודען, ווייל ער האט געוואוסט, אז דאס וועט זיין ביי דון יוסף נשיא די בעסטע מתנה.

מיט רעכט קאן מען זאגען, אז די טירקישע מלוכה האט זיך כמעט אין גאנצען געפיהרט דורך יודישע קעפ, ווייל אויסער דון יוסף נשיא, וואס דער סולטאן סעלים האט זיך שטאנדיג געהאלטען נאר אין זיין דעה, האט דער ערשטער מיניסטער מחמד סאקאלי, וואס איז דווקא ניט געוועהן קיין גוטער פריינד דעם יודישען הערצאג, געהאט נעבען זיך אויך א יודען, וואס פלעגט איהם געבען אללע עצות און האט איהם קיין מאל ניט געראטהען שלעכט, ווייל ער האט אויך, פונקט ווי דון יוסף נשיא, גוט געקאנט דעם צושטאנד פון די אייראפאישע מלוכות, און ווי ווייט דער מענשליכער שכל טראגט האט ער ניט דערלאזט, אז די טירקייא זאל מאכען א פאלשען שריט. דאס איז געוועהן ר' שלמה בן נתן אשכנזי, וואס איז ארויסגעקומען פון די ווענעציאנישע יודען; ער האט אין זיינע יונגע יאהרען געמאכט גרויסע נסיעות און איז א צייט געוועהן לייב-דאקטאר ביים קאניג פון פאלען. אז ער האט זיך אויף דער עלטער בעזעצט אין קאנסטאנטינאפאל, האט ער זיך מעהר געפונען צווישען די רבנים, ווייל ער איז אויך געוועהן א גרויסער למדן און מען האט אויף איהם געקוקט ווי אויף א מורה הוראה. באלד איז אבער פון איהם געווארען דער ערשטער מיניסטער און ער האט איהם צו זיך צוגענומען פאר א יועץ, אז דער פוילישער קאניג סיגיזמונד אויגוסט איז, אים יאהר 1572, געשטארבען אהן יורשים און עס האט זיך אנגעהויבען א רעש צווישען אללע מלכים פון אייראפא, ווייל יעדער האט געוואלט אז מען זאל פון

זיין מִשְׁפָּחָה אויסקלויבען דעם נייעם הערשער פון פוילין, האט ר' שְׁלֹמֹה אַשְׁכְּנַזִּי אזוי געפיהרט, אז די גאנצע זאך זאל איינשטעהען ביי דער טירקיי אין די האנד אונ, אז דער גוֹרָל זאל פאלען אויפ'ן פראנצאזישען פרינץ הייגריך פון אַנְזְשׁוּיַא, חָאטְשׁ ער האט געהאט געגנער פון אללע זייטען. דערמיט האט ר' שְׁלֹמֹה אַשְׁכְּנַזִּי געוויזען אז די טירקיי האט א גרויסען ווערטה אונ אז זי קאן אויספיהרען וואס זי וויל. די מְלוּכָה האט פערשטאנען וואס פאר א כָּבוֹד ער האט איהר צוגעשארט אונ האט שוין געהאט דאס גרעסטען צוטרויען צו איהם. אַוַדַאי אז עס האט זיך אנגעהויבען די מִלְחָמָה מיט ווענעדיג וועגען דעם אינזעל ציפערן, אונ די ווענעציאנער האבען געבעטען מען זאל מאכען שָׁלוֹם, האט טירקיי געשיקט ר' שְׁלֹמֹה אַשְׁכְּנַזִּי פאר א שָׁלִיחַ קיין ווענעדיג אונ איז געוועהן פערזיכערט אז אלדינג וואס ער וועט אבמאכען וועט זיין מיט שֵׂכֶל אונ מיט יֹשֶׁר. ווי שלעכט מען האט דעמאלט אין ווענעדיג ניט געקוקט אויף יודען, האט מען געמוזט דעם סולטאן'ס שָׁלִיחַ אויפנעהמען מיט גרויס כָּבוֹד, אונ אז ר' שְׁלֹמֹה אַשְׁכְּנַזִּי האט אויסגעפיהרט זיין שְׁלִיחוּת אונ די תְּנָאִים פון שָׁלוֹם זענען שוין אונטערגעשריבען געווארען פון ביידע צְדָדִים, האט ער זיך ניט בעגנוגט מיט דעם פריינדשאפט וואס מען האט איהם אליין בעוויזען: ער האט געוואוסט אז מען וויל די יודען ארויסטרייבען פון ווענעדיג אונ דאריבער האט ער ניט גערוהט אונ האט אויך אנגעשטעלט דעם ווענעציאנישען געזאנדטען יַעֲקֹב סאראנצא ער זאל איהם צו העלפען, ביידע האבען זיי געגעבען אנצוהערען אז אין טירקיי שפיעלען די יודען א גרויסע ראללע אונ אז פאר אזא זאך וועלען זיי ניט שווייגען, אונ אזוי איז איהם אויך געראטהען צו מאכען א אינגעוועניגסטען שָׁלוֹם צווישען די ווענעציאנער אונ די יודען אונ מען האט איהם פון ווענעדיג ארויס בעגלייט מיט גרויס שִׂמְחָה אונ כָּבוֹד.

יענע צייט איז געוועהן די גליקליכסטע פאר די טירקישע יודען. אויסער אזעלכע צוויי פעסטע זיילען, ווי דוֹן יוֹסֵף נָשִׂיא אונ ר' שְׁלֹמֹה אַשְׁכְּנַזִּי, וואס אויף זיי האט זיך געהאלטען דער גאנצער בִּנְיָן פון דער מְלוּכָה, האבען די יודישע איינוואהנער זיך בעשעפטיגט מיט אללערליי נוצליכע מְלָאכוֹת אונ מִסְחָרִים אונ די הַצְלָחָה האט זיי אזוי געדיענט אז זיי זענען געווארען גרויסע עֲשִׁירִים אונ האבען מיט זייער רייכקייט בעלעבט די מְדִינָה: זיי האבען זייערע אוֹצָרוֹת ניט בעהאלטען אין דער ערד, זיי האבען בענוצט דאס געלד צו פערגרעסערן די געשעפטען אונ בעזאנדערס דעם האנדעל אויף די שיפען אונ אסך מענשען האבען געקאנט לעבען דורך זיי אונ האבען פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד אונ בְּרַחֲבָה.

אז דעם יודען איז גוט אויפ'ן הארצען האט ער אין זינען אויך עדלערע זאכען, אונ דאריבער איז קיין וואונדער ניט וואס עס האבען זיך דעמאלט צווישען זיי ארויסגעוויזען אויך עטליכע געלעהרטע, ווי אבן יחיא, וואס איז געוועהן א שאנער דרשן, אונ פלביא יאקאבא דע עוואראא, איינער פון די מאבאנען וואס איז געוועהן א בעריהמטער שפראכען-קענער אונ האט אנגעשריבען דעם דאקטאר אמאטוס לוזיטאנוס, ווען ער איז געשטארבען אין סאלוניקי, א מצבה אויף לאטייניש. ווי עס שיינט, האט דער גלאנצענדער צושטאנד פון די יודען דערוועקט ביי זיי געדאנקען פון זעלבסשטאנדיגקייט, אונ דון יוסף נשיא האט זיך שוין לאנג ארומגעטראגען מיט די מחשבות אונ האט געוואלט ווערען א מושל איבער א בעזונדער שטיקעל ערד. גאר צום אנהייב האט ער זיך געפרוווט טאמער וועט איהם וועגעדיג אבטרעטען איינע פון איהרע אינזעלן אונ ער וועט דארט קאנען בעזעצען נאר יודען אונ דארט מאכען א קליינע מלוכה. וועגעדיג איז מן הסתם דארויף ניט בעשטאנען אונ אז ער איז דערנאך געווארען דער חשוב ביים סולטאן סולימאן אונ ער האט איהם אוועקגעשענקט די אלטע שטאדט טבריה אונ נאך זיבען דארפער, האט ער זיך גענומען מיט גרויס חשק אויסצובויען הייזער, איינפיהרען פאבריקען אונ בעלעבען די וויסטע ארטער, נאר דער געדאנק פון א יודישער מלוכה איז ביי איהם אבגעקיהלט געווארען. איהם האט זיך מעהר געגלוסט צו ווערען קאניג פון ציפערן, ווייל די דאזיגע קרוין האט איהם סעלים צוגעזאגט איבערצוגעבען מיט זיינע אייגענע האנד, נאר דער ערשטער מיניסטער מחמד סאקאלי האט אללע מיטעל אנגעווענדט אז דון יוסף נשיא זאל שוין האבער ניט שטייגען אונ פון אללע האפנונגען האט זיך אויסגעלאזט א חלום.

די קבלה. וואס האט זיך דערווייל איינגעווארצעלט אין פאלעסטינא האט ניט דערלאזט אז דאס לערנען פון תורה אונ תלמוד זאל בליהען, ווי עס וואלט געקאנט זיין ביי אזא גליקליכער לאגע פון די טירקישע יודען. דער איינציגער פון די יודישע לומדים, וואס האט דעמאלט געשפיעלט א ראללע, איז געוועהן ר' יוסף קארו, דער רב פון צפת. ער האט געמיינט אז מיט זיין שלחן ערוך, אויף וועלכען ער האט פערבראכט כמעט דאס גאנצע לעבען, וועט ער האבען א געדעקטען טיש פאר זיין גאנץ פאלק; צום סוף איז באלד געקומען ר' משה איסרליש (רמ"א), דער רב פון קראקויא, וואס איז נאך אייגענטליך געוועהן גאר א יונגער מאנן, אונ האט זיך ניט געשעמט ארויסצוגעבען זיין מפה אונ ווייזען דעם עולם, אז ר' יוסף קארו'ס טיש פעהלט

א טישטוך. דאס האט ער געטהון דערפאר, וואס ר' יוסף קארו האט אין גאנצען פערבויגען די דעות פון די דייטשע און די פאלנישע רבנים; אודאי האט איהם ר' משה איסערליש געוויזען אז די גאנצע תורה ליעגט ניט אין ארץ ישראל און אז ביי זיי ווייסט מען אויך א דין.

איבריגענס, זענען אללע רבנים פון יענער צייט געוועהן, ווי מען זאגט, פון איין געוואנד געשניטען: אויסער דעם תלמוד מיט זיינע מפרשים האט ביי זיי קיין שום זאך ניט געהאט קיין ווערטה און אנדערע וויסענשאפטען זענען נאך, פערקעהרט, ביי זיי אבגעפרעגט געוועהן, און ווי באלד זיי האבען נאר בעמערקט א בר שכל, וואס זיין מוח טראגט איהם אוועק א ביסעלע ווייטער פונ'ם בית המדרש, האבען זיי איהם שוין געהאלטען פאר איין אפיקורוס און האבען איהם פשוט געוואלט עוקר מן השורש זיין. דאס בעווייזט אונז דאס ביטערע לעבען פונ'ם בעריהמטען ר' עזריה בן משה די־ראסי, וואס איז געוועהן איינער פון די ליכטיגסטע קאפ אין דעם זעכצעהנטען יאהרהונדערט און וואס וואלט געקאנט געוויס גאר אין גאנצען פערבעסערן דעם אינווענינסטען מעמד פון זיינע ברידער, ווען די רבנים וועלען איהם ניט קיין שונאים פאר זיין ליעבשאפט צום אמת און שניידען איהם ניט אב די פליעגעל. ר' עזריה די־ראסי איז ארויסגעקומען פון א אלטער איטאליענישער פאמיליע און איז געבארען געווארען אין מאנטוא אים יאהר 1514. אויסער גמרא, האט ער געלערנט פערשיעדענע לשונות און אויך מעדיצין און איז פון קינדהייט אן געוועהן אזא מתמיד אז דעם גוף האט ער גאר אין זין ניט געהאט, ער האט אויסגעזעהען קראנק און מאגער, ווי מען זאגט, הויט און ביינער. האט געוואהנט אין בולוניא און אז עס האבען זיך דארט אנגעהויבען די רדיפות, אין דער צייט פון דעם פיוס דעם פינפטען, איז ער אריבער קיין פעררארא, וואו מען האט איהם זעהר געשאצט פאר זיין גרויס געלערנטקייט און גוטהארציגקייט. די אלטע גריכישע און לאטיינישע ביכער האבען איהם זעהר אינטערעסירט און זיין ערשט ספר וואס ער האט ארויסגעגעבען אויף לשון קודש איז געוועהן איין איבערזעצונג פון „אריסטעאס בריעף צו זיין ברודער פהי־לאקראטעס". די איבערזעצונג האט ער ארויסגעגעבען דורך א צופאל. אים יאהר 1570 איז גראד אין פעררארא געוועהן א שרעקליכער ערדציטערניש, וואס האט א תל געמאכט כמעט פון דער גאנצער שטאדט און אללע איינוואהנער האבען געמוזט ארוים אויפ'ן פעלד. ר' עזריה איז מן הסתם אויך געבליבען אהן א דירה און אזוי ווי ער האט זיך ארומגעדרעהט אונטער דער שטאדט

האט ער בעמערקט ווי א קריסט זיצט איבער א גריכיש בוך און לייענט עס מיט גרויס חשק. ווי ערשטוינט איז ער אבער געווארען אז ער האט זיך איבערצייגט אז דאס איז געוועהן „אריסטעאס בריעף“, איינס פון די שענסטע זאכען, וועלכע די יודישע געלעהרטע האבען אנגעשריבען אויף גריכיש אין דער צייט פונ'ם בית שני, און ווי גרויס איז זיין וועהטהיג געוועהן ווען ער האט זיך דערמאנט אז קריסטען זוכען זיך טרייסט אין יודישע ספרים און די יודען אליין ווייסען ניט אפילו פון זיי. ער האט באלד גענומען אויף זיך דאס בוך צו איבערזעצען אויף העברעאיש און דערביי האט ער זיך טאקי געהאפט שרייבען זיין גרויס ספר „מאור עינים“, וועלכעס איז פערטיג געווארען אים יאהר 1575 און האט אנגעמאכט א שטארקען רעש צווישען די רבנים. אז דער „מאור עינים“ איז אנגעקומען קיין צפת צו די פייערינע מקובלים, האבען זיי געמאכט א געוואלד אז עס איז ארויסגעשפרונגען א נייער אפיקורוס און איינער פון די רבנים ר' אלישע גליקו האט שוין געוואלט צונויפרופען א בית דין מען זאל איהם מחרים זיין, נאר ר' יוסף קארו'ס טויט האט איבערגעשלאגען. דער רעש פון ארץ ישראל איז אנגעקומען אויך קיין איטאליען, נאר די רבנים פון מאנטוא האבען פארט דורך ארץ געהאט פאר'ן גרויסען יודישען דענקער און האבען נאר געהייסען אז יונגע לייט, וואס זענען נאך ניט אלט קיין פינף און צוואנציג יאהר, זאלען ניט האלטען ר' עזריה'ס ספרים. אזוי האט מען ר' עזריה'ן פערשטעלט דעם וועג צום פאלק, אזוי האט מען איהם אבגעריסען פון דעם איינציגען ציעל, צו וועלכען ער האט זיך געצויגען אין זיין גאנץ עלענד ביטער לעבען!

אין דער צייט האט זיך די קבלה זעהר געשטארקט און פון דעם למוד וואס איז מיט דריי הונדערט יאהר צוריק אין שפאניען אייגענטליך נאר געוועזען איין ארט פילאזאפישער למוד און האט געהייסען קבלה עיונית, האט זיך איצט אין ארץ ישראל אויסגעארבייט אין א פראקטישען למוד. דאס הייסט: אזא מין חכמה וואס מען קאנן שוין פון איהר פראקטישע נוטצען האבען ווי למשל: בעווייזען מופתים, היילען קראנקע, בעשווערן שדים און רוחות, אין וואס מען האט צו יענער צייט שטארק אנגעהויבען צו גלויבען, און עס איז ארויס דערפון די „קבלה מעשית“.

די הויפט־פערשטעהער פון דער פראקטישער קבלה זענען געוועהן ר' יצחק לוריא, וואס האט טאקי די זאך געמיינט ערנסט, און זיין תלמיד ר' חיים וויטאל. ר' יצחק לוריא הלוי (אר"י), וואס איז ארויסגעקומען פון

אַ דייטשער מִשְׁפָּחָה, איז גֶעבּאָרֶען גֶעוואָרֶען אין יְרוּשָׁלַיִם אים יָאהר 1534 אין אַזוֹי ווי עֶר איז פְּרִיה גֶעבּלִיבֶּען אַ יָתוֹם, הָאט מֶען אִיהם אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט קֵיין מִצְרַיִם צוּ זַיינֶעם אַרייכֶען פֶעטֶער, ר' מָרְדְכַי פְרַאנְצִיז. דָארְט הָאט עֶר זִיךְ פוּן די קִינְדֶערְשֶׁע יָאהרֶען גֶענוּמֶען צוּ דֶער קַבָּלָה אוּנ אַז עֶר איז עֶלְטֶער גֶעוואָרֶען אוּנ מֶען הָאט אִיהם הַחֲתוּנָה גֶעמַאכְט, הָאט עֶר אַ לַאנְגֶע צַייט גֶע־לֶעבְּט אַבְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דֶעם וַוייבּ, אַ חַיִים פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען נָאר פוּן אֵיין שַׁבָּת צוּם אַנְדֶערְן, רֶעדֶען הָאט עֶר מִיט קֵיינֶעם נִיט גֶעוָואלְט אוּנ די עֶטְלִיכֶע ווֶערְטֶער וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמוּזְט אוֹיסְרֶעדֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוֹיף לְשׁוֹן קֹדֶשׁ. אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת הָאט עֶר אַריינְגֶעלֶעגְט אִין „זֹהַר" אוּנ בִּיסְלֶעכְוַויז הָאט זִיךְ אִין אִיהם דֶער כֹּחַ הַדִמְיוֹן אַזוֹי צוּשְׁפִּילְט אַז אִיהם הָאט זִיךְ טַאקִי בֶּאֱמֶת אוֹיסְגֶעווִיזֶען אַז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אוּנ ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי קוּמֶען צוּ אִיהם אוּנ מַאכֶען אִיהם בֶּעקַאנְט מִיט די פֶערְבָּארְגֶענֶע סוֹדוֹת פוּן דֶער ווּאוּנְדֶערְלִיכֶער בֶּעהַאלְטֶענֶער קַבָּלָה־וֶועלְט, וָואס נִיט יֶעדֶער קָאן הָאבֶּען די זְכִיָה אַהִין אַ קוּק צוּ טְהוּן. צְווִישֶׁען די דָאזִיגֶע סוֹדוֹת איז ר' יִצְחָק לוּרְיָא גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אַז עֶר אַלֵיין הָאט אִין זִיךְ די נְשָׁמָה פוּן מָשִׁיחַ בֶּן יוֹסֵף אוּנ אַז נָאר נִיךְ מוּז זִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבֶּען די גְלִיקְלִיכֶע צַייט פוּן דֶער גְאוּלָה. אַוַדַאי הָאט עֶס אִיהם גֶעצוֹיגֶען קֵיין צְפַת, וואוּ די רֶעכְטֶע מְקוּבָּלִים הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען, אוּנ אַז עֶר איז אַהִין גֶעקוּמֶען הָאט מֶען שׁוֹין גֶעוואוּסְט פוּן אִיהם אַז עֶר איז אַ בַּעַל מוֹפֵת אוּנ עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען אַ סַך תַּלְמִידִים וָואס הָאבֶּען אִיהם פֶערְגְרֶעסֶערְט. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט בַּיי אִיהם נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶועהן ר' חַיִים וִויטַל, וָואס איז גְרָאד אִין יֶענֶער צַייט גֶעקוּמֶען מִיט'ן פָאטֶער קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פוּן אִיטַאלְיֶען. מִיט אִיהם צוּזַאמֶען פְלֶעגְט ר' יִצְחָק אוּמְגֶעהן אוֹיף קְבָרִים אוּנ הָאט אִיהם פֶערְזִיכֶערְט אַז עֶר זֶעהט ווי די נְשָׁמוֹת פְלִיהֶען אַרוּם אוּנ עֶר הֶערְט זֵייעֶרֶע תַּחֲנוּנִים וֶועגֶען אַ תִּקוּן. ר' יִצְחָק לוּרְיָא איז גֶעשְׁטָארְבֶּען גָאר יוּנְג, עֶר איז אִין גַאנְצֶען אַלְט גֶעוֶועהן אַכְט אוּנ דְרַייסִיג יָאהר, אוּנ דֶער אוּמְצַייטִיגֶער טוֹיט הָאט גֶעפִיהרְט דֶערְצוּ מֶען זָאל נָאךְ הַיילִיגֶער מַאכֶען אוּנ גְרֶעסֶער מַאכֶען זַיין נָאמֶען. ר' חַיִים וִויטַל הָאט דֶערְצֶעהלְט אַז פַאר'ן טוֹיט הָאט אִיהם ר' יִצְחָק לוּרְיָא אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל פֶערְנֶעהמֶען זַיין שְׁטֶעלֶע אוּנ הָאט אִיהם מְגַלֶה גֶעוֶועהן אַז זַיין נְשָׁמָה הָאט אִין זִיךְ אוֹיךְ אַ פוּנְק פוּן מָשִׁיחַ'ן. אַזוֹי איז ר' חַיִים וִויטַל גֶעבְּלִיבֶּען דֶער בַּעַל מוֹפֵת אוֹיף ר' יִצְחָק לוּרְיָא'ס אָרְט אוּנ זַיינֶע אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען זִיךְ פֶערְשְׁפְּרֵייט אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער אוּנ ר' יִשְׂרָאֵל שַׂרוּק הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעלָאזְט בֶּעפֶעסְטִיגֶען די קַבָּלָה אִין אִיטַאלְיֶען אוּנ אַמְשְׁטֶערְדַם.

דער יודישער הערצאג האט געשיצט אללע זיינע ברידער ווי א אייזערנע וואנד ; דערפאר האבען די מקובלים געטהון וואס זיי האבען נאר געוואלט אונ האבען גאר פערגעסען אז סך הכל זיצען די יודען אויף א פרעמדע פוהר אונ אז ווען זיי וועלען מוזען ביים ערשטען שלעכטען ווינקעל האפען דאס פאקעל אויף די פלייצעס אונ לויפען וועלען זיי פאלען אונטער דער נייער משא, וואס מען האט אויף זיי ארויפגעלעגט. דון יוסף נשיא'ס גליק איז טאקי ניט געוועהן עביג, סעלים איז געשטארבען אים יאהר 1674 אונ ביים נייעם סולטאן מוראד דעם דריטען איז ער שוין ניט געוועהן אזא חשוב, זיינע געגנער, ווי מחמד סאקאלי אונ ר' שלמה אשכנזי, האבען מעהר ניט דערלאזט ער זאל אין הויף שפיעלען די אייגענע ראללע וואס פריהר, אונ ער האט אין גאנצען גע־לעבט נאך פינף יאהר, נאך זיין טויט, האט מוראד, וואס איז איבערהויפט ניט געוועהן קיין נקי כפים, געלעגט איין אויף זיין גאנץ עשירות אונ האט געהייסען מען זאל זיין פערמעגען צונעהמען אונ קלאמערשט צאהלען חובות. מיט גרויס מיה האט די אלמנה, די הערצאגין ריינא נשיא, מציל געוועהן נייגציג טויזענד רענדליך אחוץ נחלאות וואס זענען איהר געבליבען. זי האט זיך אויך אבגעגעבען מיט צרכי רבים אונ האט ביי זיך אין פאלאץ געמאכט א יודישע דרוק, וואס האט עקסיסטירט נייגצעהן יאהר, נאר קיין וויכטיגע ספרים זענען דארט ניט אבגעדרוקט געווארען, ווייל דער משגיח דארויף, ר' יוסף אשקלוני, איז ניט געוועזן קיין גרויסער בריה אונ האט ניט פערשטאנען וועלכע ביכער זענען מעהר נאטהיג פאר'ן פאלק.

נאך דון יוסף נשיא'ס טויט, איז ר' שלמה אשכנזי געבליבען דער איינ־ציגער יוד וואס האט זיך געקאנט רעכנען פאר א קרוב למלכות, נאר דערגרייכען דון יוסף'ס הויכע מדרגה איז איהם ניט מעגליך געוועהן. עס האט איהם אפילו דערצו די השגה ניט געטראגען, ווייל ער איז געוועהן א גרויסער עניו, ער האט זיך פיינד געהאט ארויסצושטעלען אונ פון איבריגען כבוד האט ער זיך אלליין מתרחק געוועהן. אז מען האט בעדארפט מאכען א שלום צווישען שפאניען אונ טירקיי אונ עס איז שווער געוועהן אויסצוגלייכען ביידע צדדים, ווייל איטליבער האט זיך געהאלטען פאר א גרעסערן מיוחס, האט ר' שלמה אשכנזי אבגעזוכט א מיטעל אונ האט זיי אויסגעגלייכט. דעסטגלייכען האט ער שטאנדיג אכטונג געגעבען אז דער שלום צווישען טירקיי אונ ווענעדיג זאל בלייבען פעסט אונ דערפאר איז איהם די וועגעציאנישע מלוכה זעהר דאנקבאר געוועהן אונ

הָאט גֶעלָאזְט זַיינֶע צְווֵיי זָאהנֶע עֶרְצִיהֶען אִין וֶוענֶעדִיג אוֹיף אִיהר רֶעכְנוּנְג.

שְׁפֶּעטֶער הָאבֶּען זִיךְ אִין טִירְקַיי אוֹיךְ עֶטְלִיכֶע יוּדִישֶׁע פְרוֹיעֶן אוֹיסְגֶעצַייכֶענְט, בֶּעזָאנְדֶערְס דֶערְמִיט וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶעלֶערְנְט מֶעדִיצִין אוּנ הָאבֶּען מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה גֶעהֵיילְט קְרַאנְקְהֵייטֶען. אֶסְתֵּר קִיעֶרָא, דִי אַלְמָנָה פוּן ר׳ אֵלִיָהוּ חָנְדַלִי, אִיז גֶעוֶועהן אַגְרוֹיסֶע חֲשׁוּבָה בַּיים סוּלְטַאן מוּרַאד׳ס פְרוֹי בַּאפַּא אוּנ וֶוער עֶס הָאט גֶעזוּכְט עֶפִּיס אַשְׁטֶעלֶלֶע אָדֶער אַזוֹי בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען צוּ דֶער טִירְקִישֶׁער מְלוּכָה, הָאט גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּ אִיהר. זִי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן זֶעהר רַייךְ אוּנ פְלֶעגְט טְהֵיילֶען פִיעל צְדָקָה אוּנ אוּנְטֶערְהֶעלְפֶען רַבָּנִים אוּנ לוֹמְדִים. אוֹיף אִיהר רֶעכְנוּנְג הָאט זִי גֶעהֵייסֶען דְרוּקֶען דִי כְּתָבִים פוּן ר׳ אַבְרָהָם זַכּוּתָא אוּנ הָאט אִיהר עֲשִׁירוּת בֶּענוּצְט נָאר אוֹיף גוּטְס צוּ טְהוּן מֶענְשֶׁען. זִי הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַסַךְ שׂוֹנְאִים אוּנ פְלוּצְלוּנְג הָאט מֶען זִי מִיט אִיהרֶע קִינְדֶער גֶעפוּנֶען דֶערְהַרְגֶ׳ט. אִין דֶער צַייט פוּנ׳ם סוּלְטַאן אַחְמֶד דֶעם עֶרְשְׁטֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען זֶעהר נָאהֶענְט צוּ דֶער מְלוּכָה ר׳ שְׁלֹמֹה אַשְׁכְּנַזִי׳ס אַלְמָנָה, וָואס הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן פָּאקֶען, וֶוען אַלֶּע דָאקְטוֹירִים הָאבֶּען אִיהם שׁוֹין מְיָאֵשׁ גֶעוֶועהן. בִּיסְלֶעכְוַויי הָאט זִיךְ אָבֶּער אִין טִירְקַיי אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי יוּדִישֶׁע חֲשׁוּבִים, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי יוּדֶען צוּ אוּנְטֶערדְרִיקֶען, דִי הַצְלָחָה הָאט זִיךְ פוּן זֵיי אָפְּגֶעטְהוּן אוּנ אִיז אַרִיבֶּערְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען גַאנְץ וַוייט: דָאס יוּדִישֶׁע מַזָל הָאט וַוייטֶער דֶערְוִויזֶען דִי אַלְטֶע קוּנְץ אוּנ וֶוען דִי יוּדֶען אִיז פִינְסְטֶער גֶעוָוארֶען אִין טִירְקַיי, אִיז זֵיי לִיכְטִיג גֶעוָוארֶען אִין אֵיין אַנְדֶער ווִינְקֶעל — אִין פּוֹלִין.

---

5 דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען אִין פּוֹלִין אוּנ אִיטַאלְיֶען.

(1560—1600 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

אִים זֶעכְצֶעהְנְטֶען יַאהרְהוּנְדֶערְט אִיז פּוֹלִין צוּזַאמֶען מִיט לִיטָא, וואוּ עֶס הָאבֶּען גֶעהֶערְשְׁט קַאזִימִיר דֶעם פִיעֶרְטֶענְס זִיהן, גֶעוֶועהן אַגְרוֹיס קֶענִיגְרַייךְ אוּנ אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער גֶעוֶועהן מִיט דֶעם גֵייסְט פוּן סַבְלָנוּת, וָואס הָאט אַהִין צוּגֶעצוֹיגֶען אַלֶּע גֶעיָאגְטֶע אוּנ גֶעשְׁלָאגֶענֶע, וֶועלְכֶע פְלֶעגֶען דָארְט בֶּעקוּמֶען אַמָקוֹם מְנוּחָה. אַז מֶען הָאט דִי יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן בֶּעהמֶען, הָאט מֶען זֵיי אִין פּוֹלִין זֶעהר פְרַיינְדְלִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען, מֶען הָאט דָארְט פֶערְשְׁטַאנֶען זֵייעֶר וֶוערְטְה אוּנ דִי פְּרִיצִים הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ אָנְגֶעשְׁלָאגֶען אוּנ צוּגֶערֶעדְט

מעהר יודען זיי זאלען זיך בעזעצען אין זייערע שטאדט אונ דארפער. מען האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט אפילו ווען מען איז געוואהר געווארען אז געטויפטע יודען קומען קיין פולין אונ נעהמען דארט צוריק אן זייער אלטע אמונה. די פוילישע מלוכה האט אזוי ווייט געהאלטען פון יודען אז ווען דער קאניג זיגיזמונד אויגוסט דער ערשטער האט זיך בעדארפט אויסגלייכען מיט'ן רוסישען מושל יאהאן דעם פירטען (יאהאן גראזני) האט ער מיט איהם אויסגענומען א תנאי, אז די יודען פון ליטא מאגען פריי קומען אונ האנדלען אין גאנץ רוסלאנד. יאהאן אבער וואס איז זעהר באז געוועהן אויף יודען, איז אויף דעם תנאי ניט בעשטאנען. יאהאנס שנאה געגען יודען האט זיך פיעל מאל ארויסגעציינט אויך ביי אנדערע היסטארישע מאמענטען אונ גענומען האט זיך די שנאה, ביי די רוסישע הערשער פון יענער צייט אונ איז געבליבען אויך אויף א צייט שפעטער, פון דעם, וואס מיט אערך פון אכציג יאהר פריהער אין דער צייט פון יאהאן דעם דריטען, האט זיך אין רוסלאנד געמאכט א נייע רעליגיאנס סעקטע וואס איז נוטה געוועהן צו דער יודישער אמונה, צו זעגען די יודען בכלל באמת שולדיג געוועהן אין דעם איז נאך ניט בעוויזען, נאר דאס איז זיכער, אז א געוויסער קיעווער יוד מיט דעם נאמען זכריה. האט אסך מיט געווירקט אז די סעקטע, וואס האט זיך אין רוסלאנד, נאך א צייט פריהער פאר איהם אנגעהויבען, זאל מעהר אהנליך זיין צו דער יודישער אמונה, אונ מען האט זיא א נאמען געגעבען „жидовствующая ересь“ וועלכע האט איהרע שפורען געלאזען אין פיעל ערטער פון רוסלאנד כמעט ביז דער לעצטער צייט. איצט זענען די סעקטאנטען בעקאנט מיט דעם סובבאטניקעס, דער איינציגער יוד זכריה וואס האט איד געהאט אין דעם, ווייסט מען, האט פריהער געוואהנט אין קיעוו אונ איז זעהר געאכט געוועהן ביי דעם קיעווער פירסט (קניאז) מיכאיל אלעגאוויטש, אז מיכאיל איז פון קיעוו געפאהרן קיין נאווגאראד האט ער אויך ר' זכריה'ן מיט גענומען, הוץ דעם וואס זכריה איז געוועהן א חכם אין וועלט זאכען אונ א שארפער רעדנער, איז ער אויך געוועהן א גרויסער סוחר אונ צו ליעב זיין מסחר פלעגט איהם פארקומען בעקאנטשאפט צו מאכען מיט רוסישע גרויסע לייט, אונ אויך מיט גייסטליכע, ווי דער סדר איז, פלעגט זיך טרעפען וכוחים צו האבען מיט זיי וועגען אמונה. דורך אזעלכע וכוחים האבען זיך פיעל גייסטליכע צוגעצויגען צו איהם, בעזאנדערס, האבען זיינע רייד געווירקט אויף צוויי בעריהמטע גייסטליכע פון יענער צייט, דיאניסי אונ אלעקסיי, וועלכע האבען זיך גענומען צו דער ארבייט פערברייטערן די נייע סעקטע

אין גאנץ רוססלאנד אונ מקרב זיין דעם רוססישען גלויבען צו די עקרים פון דער יודישער אמונה. די ביידע גייסטליכע זענען בעקאנט געוועהן פאר אמת עהרליכע אונ פרומע, כמעט היילינגע מענשען, דאריבער האבען זייערע רייד אונ אויפקלערונגען שטארק געווירקט אויפ'ן עהרליכען רוססישען פאלק, אונ די סעקטע האט אנגעהויבען וואקסען פון טאג, פיעל פון די סעקטאנטען האבען זיך ערקלערט אין גאנצען פאר יודישע גרים אונ האבען אפילו געוואלט זיך מל זיין. נאר דערפון האבען די יודען אלליין זיי אבגערעדט, אונ עס איז אזוי ווייט געקומען, אז אפילו אין דעם קניאז'ס הויף אונ פאמיליע זענען פיעל צוגעשטאנען צו דער סעקטע. די קניאזניא העלענע, די טאכטער פון מאלדאווישען מושל סטעפאן אונ די שנור פונ'ם רוססישען הערשער יאהאן דעם דריטענס אונ אויך זיין טרייעסטער פריינד אונ יועץ דער דיאק קוריצין זענען געווארען פייעריגע אנהאנגער צו דער סעקטע אונ דורך זייער מיטווירקען געווים האט יאהאן געמאכט דעם גייסטליכען זאסימא פאר מאסקווער מיטראפאליט, חאטש ער האט געהערט צו דער נייער יודישע סעקטע.

מען קאנן זיך לייכט פארשטעלען ווי ווייט די סעקטע האט זיך פערברייטערט, אז זעלבסט דער מאסקווער מיטראפאליט האט צו איהר געהערט. עס איז געקומען דערצו, אז מיט דער צייט, האט דורך דעם געקאנט די גאנצע רוססישע אמונה אבטרעטען פון קריסטענטהום, אונ ווער ווייס וואס עס וואלט דערפון ארויסגעקומען, ווען צווישען די סעקטאנטען וואלט זיך ניט געפונען אזעלכע נארישע פאנאטיקער וואס האבען זיך ערלויבט אבצולאכען אונ אבשפאטען פון די רוססישע היילינגע בילדער אונ היילינגע מנהגים, וואס איז באמת געוועהן א גרויסע נבלה, אונ וואס האט מיט רעכט אויפגערייצט אויף דער גאנצער סעקטע דאס איבריג רוססיש פאלק אונ גייסטליכע וואס זענען זייער אמונה טריי געבליבען. אז דער נאווגארארער ארכיפיסקאפ געננאדי האט פון אזא נבלה דערהערט אונ איינגעזעהען וואס פאר א סכנה, די סעקטע איז פאר דער קריסטליכער אמונה, האט ער באלד אוועקגעשיקט א פייעריגען בריעף צו יאהאן דעם דריטען, איהם ערקלערט די גרויסע זינד, וואס ער האט ביז אהער אזוי ווייט צוגעלאזט אונ איהם אויסגעבעטען ער זאל איהם איבערגעבען דעם רשות צו משפט'ן די פערברעכער. יאהאן האט עס איהם נאכגעגעבען, אונ געננאדי האט זיך אנגעהויבען אבצורעכענען מיט די סעקטאנטען פון נאווגאראד אונ פון פראווינץ, א סך אנגעזעהענע סעקטאנטען, האט מען איינגעשלאסען אין אייזערנע שטייגען אונ אזוי לעבעדיגערהייד פערברענט, ביי פיעל

הָאט מֶען מִיט צְוַואנְגֶען דִי צוּנְג אַרוֹיסְגֶעְרִיסֶען, אוּנ נָאךְ מֶעהר הָאט מֶען גֶעלָאזְט
זִיךְ פַּיינִיגֶען אִין גֶעפֶאנְגְנִיס בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֵיין דָארְט אוּמְגֶעקוּמֶען. נָאר
דָאס אַלְס הָאט זִיךְ נִיט אָבְּגֶעטְהוּן אִין אֵיין טָאג אוּנ אִין אֵיין יָאהר, גַאנְצֶע פִיער
אוּנ דְרַייסִיג יָאהר הָאבֶען דִי רֶעגִיערוּנְג מִיט גֵייסְטְלִיכֶע צוּ טְהוּן גֶעהַאט מִיט דֶער
מִלְחָמָה גֶעגֶען דֶער סֶעקְטֶע אוּנ עֶס הָאט רוּסְלַאנְד גֶענוּג בְּלוּט אוּנ עִנוּיִם אָבּ־
גֶעקָאסְט, גֶעלִיטֶען הָאבֶען נָאר גֶעבּוֹירֶענֶע רוּסֶען אַלֵיין, וַוייל יוּדֶען זֶענֶען
דֶעמָאלְט כִּמְעַט גָאר נִיט גֶעוֶועהן, אָדֶער גַאנְץ וֶוענִיג, אוֹיף וֶועמֶען דִי שׁוּלְד
אַרוֹיף צוּ וַוארְפֶען אוּנ צוּ וֶועמֶען דֶעם כַּעַס אוֹיסְצוּלָאזֶען, עֶס הָאט דָאס
פָאלְק אוֹיךְ גֶענוּג קָרְבָּנוֹת גֶעקָאסְט, שׁוּלְדִיגֶע אוּנ אוּנְשׁוּלְדִיגֶע, וָוארוּם, ווִי
דֶער שְׁטַייגֶער אִיז, הָאבֶען זִיךְ שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען בֶּענוּצְט דֶערְמִיט זִיךְ נוֹקֵם צוּ
זַיין אִין זֵייעֶרֶע שׂוֹנְאִים, אוּנ אֵיינֶער הָאט גֶעמוֹסֶרְט אוֹיף דֶעם אַנְדֶערְן, אַז עֶר
גֶעהֶערְט צוּ דֶער סֶעקְטֶע אוּנ עֶס זֶענֶען אַ סַךְ אוּמְזִיסְטֶע קָרְבָּנוֹת אַרַיינְגֶעפַאלֶען.
דָאס אוּנְגְלִיק, הָאט נִיט גֶעקָאנְט אַרִיבֶּערְגֶעהן גְלַאט אַזוֹי, אוּנ הָאט אִיבֶּער־
גֶעלָאזֶען אַ שְׁוֶוערְן אַיינְדְרוּק אוֹיךְ פוּן דִי שׁוּלְדִיגֶע הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקְוִילֶעט. אַ סַךְ
הָאט מֶען בֶּעשְׁטְרָאפְט מִיט עִנוּיִם קָשִׁים שַׂאנְד אוּנ שְׁפָּאט, נָאר דָאס אַלְץ הָאט
נִיט גֶעהָאלְפֶען, אִין מָאסְקְוֶוע הָאט גֶענַנַאדִי גָאר נִישְׁט גֶעקָאנְט טְהוּן, זֵיי הָאבֶען
דִי סֶעקְטַאנְטֶען שׁוּטְץ גֶעהַאט פוּן דֶער קְנְיַאגִינְיֶע הֶעלֶענַא אוּנ פוּן דֶעם מִיטְרָא־
פָּאלִיט זַאסִימָיו, וָואס זֶענֶען אַלֵיין גֶעוֶועהן פַיירִיגֶע סֶעקְטַאנְטֶען. דָאס אָבֶּער
הָאט נָאךְ מֶעהר אִין כַּעַס אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט דֶעם אַרְכִיעפִּיסְקָאפּ גֶענַנַאדִי, אוּנ צוּ
אִיהם אִיז צוּגֶעשְׁטַאנֶען אַבֶּערִיהמְטֶער גַייסְטְלִיכֶער פוּן יֶענֶער צַייט, יוֹסֵף סָאנִין,
וֶועלְכֶער הָאט צוּגֶעצוֹיגֶען צוּ זִיךְ נָאךְ אַנְדֶערֶע גַייסְטְלִיכֶע, אוּנ אֵיינֶעם הָאט
מֶען זִיךְ גֶעלָאזְט אוּמְפָאהרֶען פוּן שְׁטָאדְט צוּ שְׁטָאדְט מוֹסֵרְן דֶעם עוֹלָם פַאר
דֶער גְרוֹיסֶער זִינְד, אוּנ אוֹיפְוֶועקֶען דָאס פְרוּמֶע קְרִיסְטְלִיכֶע פָאלְק זִיךְ נוֹקֵם צוּ
זַיין אִין דִי יוּדִישׁ רוּסִישֶׁע נַייֶע סֶעקְטֶע, אוּנ אַזוֹי וַוייט הָאבֶען זֵיי נִיט אוֹיפְ־
גֶעהֶערְט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע מִיסְיָאן, בִּיז זֵיי הָאבֶען גֶעפּוֹעֶלְט אַז יָאהַאן דֶער דְרִיטֶער
זָאל אִים יָאהר 1504 צוּזַאמֶמֶענְרוּפֶען אֵיין אֲסִיפָה פוּן דִי גְרֶעסְטֶע גַייסְטְלִיכֶע,
אוּנ דָא הָאט מֶען בֶּעשְׁלָאסֶען, צוּ מִשְׁפָּט'ן אוּנ אוֹיסְרָאטֶען אָהן רַחֲמָנוּת אַלֶע
סֶעקְטַאנְטֶען. דֶעם מִיטְרָאפָּאלִיט זַאסִימָיו הָאט מֶען עֶנְטְזַאנְט, דֶעם דְיַאק קוּרִיצִין
אוּנ אַ אַרְכִימַאנְדְרִיט קַאססִיַאן אוּנ מִיט זֵיי נָאךְ מֶעהרֶער דִי הֶערְשֶׁער, וָואס
הָאבֶען דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶע נָאךְ נִיט פֶערְגֶעסֶען, אוּנ הָאבֶען דַארִיבֶּער אַבְּלִיק בֶּע־
קוּמֶען אוֹיף יוּדֶען ווִי אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע שׂוֹנְאִים פוּן דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער רֶעלִיגְיָאן,
דֶער בְּלִיק הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען אוֹיךְ אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער בַּיי רוּסִישֶׁער רֶעגִירוּנְג,

אונ יערעסמאל, ווען עס האט זיך געהאנדעלט יודען צו צולאזען צו פער־ברייטערן דאס האנדעל אין רוססלאנד, האט מען די אונגליקליכע געשיכטע דערמאנט, אונ זעלבסט דארט וואו די רעגירונג אליין האט דערקענט ווי נוטצליך זיי קאנען זיין, האט מען זיך פון די נוטצען אבגעזאגט ווי „פון נוצען פון שונאים פון דער קריסטליכער רעליגיאן!"

ווערליג יענע צייט, קאן מען רעכנען אז פולין איז געשטאנען אויף א שאנער מדרגה וועגען בילדונג. אוודאי האבען די יודען אויך נאכגעטהון אנדערע אונ זענען ניט געבליבען פערגראבט; ווענינגסטענס, זענען זיי געווען א סך לייטישער פון זייערע ברידער אין דייטשלאנד. פיעל האבען דערצו מיט געהאלפען די עטליכע יודישע דאקטוירים, וועלכע די קעניגין באנא, זיגיזמונד'ס פרוי, האט מיט זיך מיט געבראכט פון איטאליען. די צאהל פון די פוילישע יודען האט דעמאלט בעטראפען אריבער צוואנציג טויזענד אונ אין פאזען אונ לובלין זענען געווען צוויי גרויסע קהלות. צום לערנען פונ'ם תלמוד האבען זיך די פאלשע יודען דווקא שפעט געהאפט, נאר דערפאר האבען זיי זיך דערצו גענומען מיט אזא חשק אז גאר גיך האבען זיי איבערגעיאגט די יודען פון אנדערע לאנדער. די ערשטע וואס האבען אין פולין געוויזען א וועג צום פלפול, וואס שארפט דעם מוח, זענען געווען צוויי רבנים, ר' יעקב פאלאק אונ ר' שלמה מענץ פון מיינץ. זיי האבען זיך אויף דער עלטער בעזעצט אין פולין אונ האבען געאפענט דארט אזעלכע ישיבות, וועלכע האבען פון אללע זייטען צוגעשלעפט אהין די בעסטע יונגע לייט אונ האבען אנגעהויבען צו שמ'ען אויף דער וועלט. זייער ארבייט האבען דערנאך איבערגענומען דריי בעריהמטע לומדים ר' שלום שכנא, וואס איז געווארען רב אין לובלין, ר' שלמה לוריא איז ארויסגעקומען פון דייטשלאנד אונ איז געווען אייגער פון די גרויסע קעפ, וואס דער גלאנץ פון די פולישע ישיבות האט זיי צוגעצויגען פון גאנץ ווייט. זיין גאנץ לעבען האט ער פערבראכט אויף אנצושרייבען א פירוש אויפ'ן תלמוד אונ האמי'ש ער איז געשטארבען שוין ניט קיין יונגער מאנן, ביי דריי אונ זעכציג יאהר, האט ער פון דעסטוועגען זיין ספר ניט געענדיגט. אויסער זיין גרויס בקיאות, איז ער געווען א אמת'ער ירא שמים, ער האט פיינד געהאט צבוע'קעס אונ ניט איין מאל איז ער ארויס מיט שארפע אונ פייעריגע ווערטער אפילו געגען די רבנים, ווען ער האט בעמערקט ביי זיי עפיס א פאלשקייט. פון פילאזאפיע האט ער ניט געהאלטען, דערפאר איז ער אבער געווען א גרויסער ליעבהאבער פון דער ריינער העבראישער שפראכע אונ פלעגט באז זיין אויף

די וואס היטען ניט אָב די כְּלָלים פון דִקְדוק, ר' משה בֶן ישראל איסֶרליש איז שוין געבאָרען געוואָרען אין קראקויא און האָט געלערנט אין דער ישיבה פון ר' שלום שכנא. ער איז נאָך געווען גאָר א יונגער מאַן, ווען מען האָט איהם מאַקי אין זיין געבורטס־שטאָדט אויפגענומען פאַר רב, און ביי דרייסיג יאָהר האָט ער שוין אין גאַנץ איראָפּא געשפּיעלט די איינענע ראָללע, וואָס ר' יוסף קארו אין ארץ ישראל און איז אים שטאַנד געווען אַרויסצוטרעטען געגען „שלחן ערוך" און אָנשרייבען זיין בעריהמט ספר „מפּה", וואָס דאָרט האָט ער איינגעטיילט צונויפגענומען אַללע דינים און מנהגים, אין וועלכע די איראָפּאישע יודען האָבען זיך געהאַלטען. ר' משה איסרליש האָט שוין ליעב געהאַט חכמות און חקירה ספרים: דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים" האָט ער זעהר געאַכטעט און פלעגט זיך אָפּט דאריבער קריגען מיט ר' שלמה לוריא, ער האָט אויך געהאַט א שטאַרקע ידיעה אין אַסטראָנאָמיע און האָט פערשטאַנען דעם ווערטה פון געשיכטע. איהם האָט אויך צו פערדאַנקען געהאַט איינער פון זיינע תלמידים ר' דוד גאַנז, וואָס ער האָט ביי איהם, נאָך אין דער פריי־העסטער קינדהייט, אויסגעאַרבייט א חשק צו לערנען וויסענשאַפטען און ער האָט איהם, אויסער תורה און תלמוד, בעקאַנט געמאַכט, ווי וויית ער האָט אַלליין געקאַנט, מיט די יסודות פון געשיכטע, געאָגראַפיע, מאַטהעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. אז ר' דוד גאַנז איז עלטער געוואָרען האָט ער שוין געלערנט ביי די בעריהמטע חכמים פון יענער צייט קעפּלער און טיכאָ דע בראַהע, און האָט א סך וויסענשאַפטליכע זאַכען אָנגעשריבען אויף לשון קודש, כדי צו עפענען די אויגען פון זיינע ברידער, וואָס האָבען ניט פערשטאַנען קיין פרעמדע לשונות. ער האָט אויך געאַרבייט אין געשיכטע און עס איז פון איהם געבליבען א ספר „צמח דוד", וואָס מען קאָן עס אפילו ניט רעכנען פאַר קיין פאָלקאָמענע געשיכטע, נאָר דאָך איז עס שטאַרק צו נוטץ געקומען, ווייל עס האָט דער־מאָנט אַזעלכע יודען, וואָס האָבען פון קיין שום ווייטיגער זאַך ניט געוואָלט וויסען און האָבען געמיינט אז אויסער דער גמרא איז גאָר ניט געווען און עס וועט ניט זיין, אין אַגאַנץ אַנדער וועלט און אין טויזענדער פערגאַנגענע יאָהרען: ער האָט זיי געגעבען א ווינק אז מען טאָר זיך ניט פערשליעסען אין דעם ענגען ווינקעל, וואָס מען דרעהט זיך איצט אַרום. אז מען מוז מיט אָפענע אויגען צוריק קוקען אויף דעם וואָס איז געשעהען און דער־פון איינזעהן וואָס עס קאָנן נאָך ווייטער זיין און ווי אַזוי מען דאַרף זיך פיהרען אַצונד.....

די דאזיגע דריי רבנים, ר' שלום שכנא, ר' שלמה לוריא און ר' משה איסערליש, האבען אין א קורצער צייט געשטעלט די פוילישע יודען אויף אזא מדרגה אז זיי האבען זיך מיט רעכט געקאנט רעכנען פאר די בעסטע לומדים פון דייטשלאנד, באהמען, איטאליען און אפילו פון טירקיי פלעגט מען שיקען קיין פולין פרעגען שאלות און אז אין די יודישע קהלות פון פראג און פראנקפורט אם מאין האט זיך אנגעהויבען א מחלוקת, האט מען זיך פערלאזט אויף די פוילישע רבנים און עס איז געווארען שלום. אין פולין האט טאקי דאס לערנען פונ'ם תלמוד געבליהט גאר אויף איין אנדער אופן; אין קליינסטען שטאדטעל איז געוועהן א ישיבה און א בית המדרש, די בחורים זענען געזעסען יומם ולילה איבער דער תורה און די בעלי בתים האבען גערעכענט פאר דער גרעסטער מצוה זיי אויסצוהאלטען. אויף די גרויסע ירידים, זומער — אין זאסלאב און יאראסלויא און ווינטער — אין לעמבערג און לובלין, פלעגען זיך צונויפפאהרען טויזענדער תלמידים פון אללע ישיבות און די גבירים האבען דעמאלט געהאט די בעסטע געלעגענהייט אויסצוקלויבען חתנים פאר זייערע טאכטער. אודאי פלעגען זיך די יונגע לייט אנטהון א כח, יעדער האט געוואלט ארויסווייזען זיין חריפות און דערווייל האט מען אלץ געשליפען דעם מוח און אזוי זיינען ארויס פון פאלנישע ישיבות אפט אמת טיפע לומדים, אבער זעהר אפט אויך נור אזעלכע וואס דער עיקר איז ביי זיי געוועהן פלפול, פשט'לעך און המצאה'לעך, וואס מען קאנן זיי נור אנרופען פונקען, אבער ניט אפייער וואס ווארעמט און בעלייכטעט דעם מענשענס הארץ און אויגען.

אין ערגיץ האט מען אזא ארט לערנען ניט געקאנט אויספיהרען, נאר אין פולין, וואו די מלוכה האט זיך ניט געמישט צו די יודען און האט זיי געלאזט לערנען. יעדער פון די קאניגע האט בעדארפט האבען געלד, אהן א יודען איז שווער געוועהן זיך צו בעגעהן, בעזאנדערס נאך ביי א גרויסע הלואה, און דערפאר האבען זיך די יודען געלעבט רוהיג און האבען זיך אין זייער אינוועניג לעבען געקאנט פיהרען, ווי זיי האבען געוואלט. אזוי איז געוועהן די לאגע פון די יודען אין פולין די גאנצע צייט וואס עס האבען געהערשט דארט מלכים פון דער משפחה יאגעלאנען. נאר אפילו נאך זיגיזמונד דעם צווייטענס טויט, אים יאהר 1572, ווען די מלוכה איז איבערגעגאנגען צו סטעפהאן באטהארי, איז זייער מעמד אויך ניט ערגער געווארען, ווייל דער נייער קאניג האט אויך געהאט די קרוין צו פערדאנקען ר' שלמה אשכנזי פון דער טירקיי און האט איהם געמוזט פאר דער טובה בעצאהלען מיט פריינדשאפט

געגען זיינע ברידער. אז מען האט פלוצלונג אין ליטא דערפרישט די אלטע בעשולדיגונג וועגען בלוט אויף פסח, האט זיך סטעפהאן באטהארי אנגענומען פאר די יודען אונ האט אפענטליך ערקלאהרט, אז אלע וואס האלטען פון תורת משה קאנען קיין בלוט ניט פערגיעסען. ער האט אויך ערלויבט די יודען צו האנדלען אין קריסטליכע ימים טובים, אונ אזוי ווי עס האבען זיך אנגעהויבען הערען טרויעריגע ידיעות, אז אין פערשיעדענע שטאדט פאלט מען אן אויף די יודען, מען הרג'ט אונ מען ראבעוועט זיי, האט ער ארויסגעלאזט א בעפעהל, אז די רוצחים זאלען בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט אונ אז דער היזק, וואס יודען וועלען ליידען אין פערמעגען, זאל פאלען אויף אלע קריסטליכע איינוואהנער פון דער שטאדט. אזוי האט ער געמאכט אז די קריסטען אליין זאלען אבהיטען איינער דעם אנדערן מען זאל די יודען קיין שום עולה ניט טהון, אונ די צוועלף יאהר וואס ער האט געהערשט, (פון 1675 ביז 1586), זענען אבגעלאפען רוהיג.

אז די יודען איז גאר ניט שלעכט געוועהן אין פולין — האבען מיר דעם בעסטען סימן פון א מעשה וואס איז געבליבען פון יענער צייט וועגען א יודישען קאניג וואס האט געהערשט עפיס אין גאנצען איין נאכט. אויף ניט קיין קלארע מעשות, וואס מען ווייסט אליין ניט פון וואנען זיי נעהמען זיך אונ זיי געהען גלאט אזוי איבער פון איין דור צום אנדערן, קאן מען געוויס ניט שטעלען; דעם עיקר איז אוודאי שווער צו רעכנען פאר אמת, נאר עס האט אין זיך פארט א ממשות, ווייל אפילו פון א אויסגעטראכטע מעשה קאן מען לייכט ארויסזעהען אין וואס פאר א מעמד עס האבען זיך געפונען די מענשען וואס פון זיי געהט דער שמיעם. ווען מיר וועלען אזוי קוקען אויף דער מעשה פון **שאול וואהל**, וועלען מיר פערשטעהען אז כדי אויסצוטראכטען אזא זאך האבען די יודען געמוזט בעליעבט זיין אין לאנד אונ עס האט ביי פיעלע בעדארפט זיין רעכט אז א יוד זאל אנטהון די פולישע קרוין. די מעשה אליין דערצעהלט מען אזוי: די פולישע עדעללייט האבען בעדארפט אויסקלויבען א קאניג אונ צו ליעב דעם זענען זיי זיך צונויפגעפאהרען אין א שטאדטעל **קרושוויץ**. עס איז אבער זיי אונמעגליך געוועהן אויסצוגלייכען זיך, יעדער האט געוואלט איין אנדערן, אונ עס איז געבליבען, אז מען זאל שטעלען ביי נאכט שומרים. ביי די ראגאטקעס אונ ווער עס וועט גאנץ פריה אריינקומען אין שטאדט דער זאל ווערען קאניג, אויפ'ן אנדערן טאג איז גראד שאול וואהל דער ערשטער אריינגעקומען, מען האט איהם באלד געהאפט, געבראכט צו דער אסיפה אונ מען האט איהם גאר אהן טענות געזאגט אז ער מוז איבערנעהמען די פולישע מלוכה. ווי פיעל

ער האט זיך ניט בעמיהט זיי צו דערווייזען אז פיהרען א מדינה קאן ניט יעדער פון נאס, וואס מען זעצט איהם אנידער אויף דער קאניגליכער שטול אונ מען זאגט איהם מיט געוואלד: „זיי א מלך", האט עס ניט געהאלפען, אונ אז ער האט געזעהען, אז ער קאן מיט זיי גאר ניט מאכען האט ער געבעטען מען זאל איהם ווייניגסטענס געבען צייט אויף צו בעטראכטען זיך. דארויף האבען זיי געמוזט מרוצה ווערען אונ שאול וואהל האט זיך פערשלאסען אין א חדר מיוחד. נו עס איז אבער אוועקגעגאנגען א גאנצער מעת לעת אונ דער נייער מלך איז ניט ארויסגעקומען, האט דער עולם אנגעהויבען זיך בעאונרוהיגען, אונ איינער פון די ערעללייט, פיאסט, האט געהאפט א שווערד אונ איז אריין צו שאול וואהל מיט א געשריי אז דאס פאלק קאן ניט זיין אהן איין קאניג. דעמאלט איז שאול וואהל ארויסגעגאנגען צו דער אסיפה אונ האט געזאגט, אז ער האט די גאנצע צייט תפלה געטהון אז דער אויבערשטער זאל צושיקען דעם לאנד א פיהרער ווי עס דארף צו זיין אונ אז פיאסט האט זיך איינגעשטעלט איהם צו שטערען ווען ער האט קיינעם ניט ערלויבט צו איהם אריינגעהען אונ האט אין זיך געהאט אזוי פיעל בעהארצקייט עובר צו זיין אויף זיינע ווארטער צו ליעב דער טובה פונ'ם לאנד, דארף מען גאר קיין בעסערן ניט האבען אונ דער גורל מוז פאלען אויף איהם. אללע האבען איהם געפאלגט, פיאסט איז געווארען קאניג אונ אין גאנץ פולין, אז מען האט געהערט פון א זאך וואס האט קיין ממשות ניט, האט אנגעהויבען ארומצוגעהען א ווארטעל: „עס וועט אזוי פיעל געדויערן ווי פיעל שאול וואהל'ס מלוכה". אזא מעשה איז געבליבען פון יענער צייט, אונ ווי אזוי מען זאל ניט מסופק זיין אין דעם, מוז מען דאך מודה זיין, אז ווען די יודען וואלטען אין פולין ניט געשפיעלט אזא גרויסע ראללע, וואלט קיינעם גאר ניט איינגעפאלען אזא זאך אויסצוטראכטען.

אז מען קוקט זיך צו צום מעמד פון די פוילישע יודען אינ'ם זעכצעהנטען יאהרהונדערט זעהט מען, אז עס איז זיי געווען כמעט אזוי גוט ווי זייערע ברידער אין דער טירקיי. אפילו ווען דער שוועדישער פרינץ סיגיזמונד דער דריטע איז ארויף אויפ'ן טהראן אונ האט א ביסעל געמוזט געהען מיט תקיפות געגען אזעלכע וואס זענען געוועהן געגנער פון דער קאטאלישער קירכע, האט ער די יודען דווקא פריינדליך בעהאנדעלט: זיי האבען געהאט אללע רעכטע, נאר איין זאך האט ער איינגעפיהרט אז נייע שולען זאלען די יודען ניט טארען בויען אהן דער הסכמה פון די קאטאלישע גייסטליכע. דעמאלט זענען אויך די יודען געפאלען אויף א שכל אונ אזוי ווי זיי פלעגען זיך צונויפפאהרען אויף

די גְרוֹיסֶע יְרִידִים קֵיין לוּבְּלִין אוּנ יַארָאסְלַאוויא אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען אַז מֶען זָאל דָארְט מַאכֶען שְׁטֶאנְדִיגֶע אֲסִיפוֹת, אַהִין זָאלֶען קוּמֶען דִי גְרֶעסְטֶע רַבָּנִים אוּנ לוֹמְדִים אוּנ מֶען זָאל אִיבֶּערְרֶעדֶען פוּן אַלְדִינְג, וָואס אִיז נוֹגֵעַ דֶעם יוּדִישֶׁען פָאלְק. אַזוֹי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט דֶער „וַעַד אַרְבַּע אֲרָצוֹת“, דִי פֶערְזַאמְלוּנְג פוּן פִיער לֶאנְדֶער, גְרָאס־פּוֹלִין, קְלֵיין־פּוֹלִין, רֵייסֶען אוּנ לִיטָא, אוּנ דִי פֶערְזַאמְלוּנְג הָאט אַלַאנְגֶע צַייט זֶעהר פִיעל נוּצֶען גֶעבְּרַאכְט, וַוייל דָארְט פְלֶעגְט מֶען גוּט אִיבֶּערְקְלֶערֶען יֶעדֶע זַאךְ; אוּנ פוּן אַ דִין תּוֹרָה, וָואס צְוֵוי מֶענְשֶׁען הָאבֶּען גֶעהַאט צְווִישֶׁען זִיךְ, בִּיז אַ צָרְכֵי צִבּוּר, וָואס אִיז נֶאטְהִיג גֶעוֶועהן פַאר אַ גַאנְצֶער קְהִלָּה, הָאט מֶען זִיךְ אַלְץ פֶערְלָאזְט אוֹיף דֶעם וַעַד אוּנ וִוי אַזוֹי מֶען הָאט דָארְט גֶעפַּסְקֶ'ט אַזוֹי אִיז עֶס שׁוֹין גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ עֶס פְלֶעגְט מֶעהר נִיט קוּמֶען צוּ קֵיין מַחֲלוֹקֶת. דֶער עֶרְשְׁטֶער גְרִינְדֶער פוּנ'ם וַעַד אִיז גֶעוֶועהן ר' מָרְדְכַי יָפֶה: אַ גֶעבָּארֶענֶער פוּן בֶּאהְמֶען; עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אִין וֶוענֶעדִיג, נָאר אַז עֶס הָאבֶּען זִיךְ דָארְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען רְדִיפוֹת אִיז עֶר אַרִיבֶּער קֵיין פּוֹלִין אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען רַב אִין לוּבְּלִין. עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּנ דִי רַבָּנִים, וָואס פְלֵייגֶען זִיךְ קֵיין לוּבְּלִין צוּנוֹיפְפָאהְרֶען אוֹיפְ'ן יָרִיד, פְלֵייגֶען אִיהם אָפְט זֶעהר בֶּעלֶאסְטִיגֶען מִיט אַ דִין תּוֹרָה, אוּנ דוּרְךְ דֶעם אִיז בַּיי אִיהם גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען דִי מַחֲשָׁבָה צוּ מַאכֶען אַ בֶּעשְׁטֶאנְדִיגֶען וַעַד, וָואס זָאל אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף דֶער הַנְהָגָה פוּן אַלֶע יוּדֶען אוּנ זֶעהֶען אַז עֶס זָאל צְווִישֶׁען זֵיי תָּמִיד זַיין שָׁלוֹם אוּנ צוּפְרִידֶענְהַייט. נָאךְ אִיהם אִיז גֶעוֶועהן פָארְשְׁטֶעהֶער פוּנ'ם וַעַד דֶער לֶעמְבֶּערְגֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה ר' יְהוֹשֻׁעַ פַאלְק כֹּהֵן. הוּנְדֶערְט יָאהר כְּסֵדֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהְרְט דֶער וַעַד, נָאר דִי נָאהְמֶען פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע פָארְשְׁטֶעהֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעבְּלִיבֶּען אוּנְבֶּעקַאנְט.

הָאטְשׁ אִין פּוֹלִין הָאט דֶעמָאלְט קֵיינֶער נִיט אָנְגֶערִירְט דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה אוּנ עֶס אִיז גָאר נִיט פָארְגֶעקוּמֶען מֶען זָאל דִי יוּדֶען אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען זֵיי זָאלֶען מוּזֶען הָאבֶּען אַ וִכּוּחַ, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען זֶעהְט מֶען אַז עֶס הָאבֶּען זִיךְ צְווִישֶׁען זֵיי גֶעפוּנֶען אַ פָּאר שְׁרַייבֶּערְס, וָואס הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען בִּיכֶער וֶועגֶען רֶעלִיגְיָאן. גֶענוּמֶען הָאט זִיךְ עֶס דַוְקָא נִיט פוּן דִי קַאטָאלִישֶׁע גַייסְטְלִיכֶע, נָאר פוּן דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער סֶעקְטֶע וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפֶען „הַאלְבֶּע יוּדֶען“. דֶער גְרִינְדֶער פוּן דֶער סֶעקְטֶע אִיז גֶעוֶועהן סִימָאן בּוּדְנִי, אֵיינֶער פוּן דִי גַייסְטְלִיכֶע, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעהַאלְטֶען אִין קַאלְווִין'ס דֶרֶךְ; עֶר הָאט גֶעקַאנְט גוּט גְרִיכִישׁ, אַבִּיסֶעל אוֹיךְ הֶעבְּרֶעאִישׁ אוּנ הָאט גֶעשֶׁעצְט דֶעם תַּלְמוּד. פוּן אִיהם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען זֶעהר אַ וָואהלֶע אִיבֶּערְזֶעצוּנְג פוּן דֶער בִּיבֶּעל. אֵיינֶער פוּן

זיינע אנהאנגער, מארטין צעהאנוויטש, א פערדרעהטער קאפ, וואס האט אליין ניט געוואוסט וואס ער וויל, האט אנגעשריבען א בוך וועגען דער יודישער האפנונג אויף משיח'ס קומען, אונ האט דארט א ביסעל גערעדט איבער יודען ניט ווי עס דארף צו זיין. אודאי האבען זיי ניט געשוויגען אונ א לובלינער יוד, ר' יעקב פון בעלזיץ, האט ארויסגעלאזט א ספר געגען איהם אונ האט איהם אזוי צושלאגען אז ער האט זיך גאר ניט געקאנט פון איהם אבוואשען נאך מעהר רושם האט געמאכט א ספר „חזוק אמונה" וואס האט אנגעשריבען א געלעהרטער קראים ר' יצחק בן אברהם טראקי אונ וועלכען מען האט דערנאך איבערזעצט אויף שפאניש, דייטש, לאטייניש אונ פראנצאזיש. ר' יצחק טראקי איז אים יאהר 1553 געבארען געווארען אין טראקי, א קליין שטאדטעל ניט ווייט פון ווילנא, אונ אזוי ווי ער איז געוועהן א גרויסער למדן האבען די פריצים אפט ליעב געהאט מיט איהם צו רעדען וועגען רעליגיאן; ניט איין מאל איז איהם געראטהען זיי איבערצושפארען אונ, אז ער האט פער-שטאנען אז עס איז נאריש די יודען זאלען בעשיצען זייער גלויבען, האט ער אללע זיינע מיינונגען צונויפגענומען אונ האט זיי אבגעדרוקט אין זיין ספר „חזוק אמונה". ווי וויכטיג ר' יצחק טראק'ס ספר איז געוועהן ביי די קריסטען— קאן מען פערשטעהען דערפון, וואס איינער פון די הערצאגע פון ארלעאנס איז א בעלן געוועהן זיך אנידערזעצען אונ אנשרייבען א תשובה געגען „חזוק אמונה".

אבער טאקי נאר אין איין פולין האבען די יודען אזוי געגלאנצט. קוים האט מען אין זיך נאר אוועקגעקעהרט פון דארט האבען זיך שוין געווארפען אין אויג די שרעקליכע בילדער, וואס דאס יודישע פאלק איז שוין אפילו מיט זיי געוואהנט געווארען. אין דייטשלאנד האט מען זיך שטארק אנגעהאפט אין לוטהער'ס ביטערע ווערטער וואס ער האט פאר'ן טויט ארויסגערעדט אויף די יודען אין בערלין אונ בראנדענבורג האט מען מיט זיי גאר ניט געטענה'ט אונ מען האט זיי געהייסען אדער טויפען זיך אדער געהען וואוהין די אויגען וועלען זיי טראגען. צו די צרות האט נאך ביים קורפירסט יאאכים דעם צווייטען בעדארפט זיין א יודישער פינאנץ-מיניסטער, וואס האט קלאמערשט געמאכט פערדרעהטע געשעפטען, אונ א דאקטאר ליפאלד, וואס מען האט איהם חושד געוועהן אז ער האט פערגיפטעט דעם קורפירסט: אודאי איז שוין געוועהן פאר וואס זיך צו טשעפען צום כלל ישראל. דאס קליינע ברוינשווייג האט אויך נאכגעטאנצט, אונ דער הערצאג היינריך יוליוס

האט קיין איינציגען יודען ניט איבערגעלאזט אין לאנד. אין אסטעררייך איז אויך געוועהן א געמוטשעט לעבען, ווייל דער קייזער רודאלף דער צווייטער, וואס איז דווקא ניט געוועהן קיין שלעכטער אונ האט ניט איין מאל אנגעזאגט די גייסטליכע מען זאל זיך ניט טשעפען צו די יודען אונ ניט אויסטראכטען אויף זיי קיין בלבולים, האט פארט געמוזט יוצא זיין פאר דער וועלט אונ, אז אללע שכנים האבען זיך גענומען זיי צו רודפ'ן איז איהם עפים אזוי ווי ניט אנגעשטאנען נאר אין גאנצען צו שווייגען אונ ער איז געצוואונגען געוועהן ארויסצוגעבען א בעפעהל, אז אין זעקס חדשים זאלען די יודען שוין זיין פון יענער זייט אסטעררייך.

נאך ערגער איז געוועהן די יודען אין איטאליען. וואס זייער צאהל האט זיך אין דער לעצטער צייט פערקלייגערט, זענען די צרות גראסער געווארען; אין ווענעדיג אונ רום האבען זיך סך הכל געפונען ניט מעהר פון צוואנציג טויזענד יודען, נאר מיט דעם ביסעל האט מען זיך אויך גוט אבגערעכענט. דער נייער פאפסט גרעגאר דער דרייצעהנטע, וואס האט געהערשט דרייצעהן יאהר, פון 1572 ביז 1585, איז נאך געוועהן א גראסערער אכזר פון פאול אונ פיוס אונ וואו ער האט נאר מיט זיין רשעות געקאנט טרעפען א יודען האט ער אהין געציעלט מיט זיינע גיפטיגע פיילען. די יודישע דאקטוירים זענען פון לאנג אן געוועהן זעהר בעליעבט אין איטאליען אונ ווי פיעל מען האט ניט גערייצט דאס פאלק געגען יודען האט מען זיך פארט געווענדעט צו זיי, ווייל מען האט געקאנט זייער קאנטניסע. אין גרעגאר'ס צייט האבען אין איטאליען געעס'ט צוויי יודישע דאקטוירים, ר' דוד דע פאמים אונ ר' אליהו מונטלטו, אונ אללע קריסטליכע חולים פלעגען דורך זיי בעקומען א רפואה שלמה. דאס איז, דאכט זיך, ניט געוועהן אזא גרויסער חטא אונ דעם פרומען פאפסט וואלט עס ניט בעדארפט אזוי שטארק פערדריסען, נאר ווען מען געהט אן דאס לעבען פון הונדערטער קראנקע דארט וואו מען קאן טהון א רעה? גרעגאר האט ניט לאנג געטראכט אונ האט זיך געחאפט צו דער אלטער גזרה, נאר ער האט זי נאך בעפעסטיגט דערמיט, וואס ער האט בעשטימט די גראסטע שטראף אי פאר דעם קראנקען קריסט וואס א יוד וועט איהם היילען, אי פאר דעם יודישען דאקטאר וואס וועט אפילו אין דער גראסטער סכנה העלפען א קריסט. אויסער דעם האט ער געמאכט אז פאר יעדען חשד וואס עס וועט נאר פאלען אויף א יודען, אז ער לאסטערט די קריסטליכע רעליגיאן אונ וויל קריסטען ארא[illegible]פיהרען פונ'ם וועג, זאל איהם די אינקוויזיציאן האבען דאס רעכט צו משפט'ן. דעם

תלמוד האט ער אין גאנצען געפסל'ט אונ יודען האבען ניט געטארט האלטען אפילו אזעלכע גמרות, וואס מען האט זיי שוין אמאל דורכגעקוקט אונ מען האט זיי געפונען פאר כשר. בעזאנדערס האט גרעגאר געארבייט יודען צוצושלעפען צום קריסטענטהום, נאר דא איז ער אויך געגאנגען ניט ווייך, נאר מעהר מיט תקיפות: ער האט געהייסען אז די יודישע קהלות זאלען אויסהאלטען אויף זייער רעכנונג עטליכע גייסטליכע, וואס וועלען זיי אללע שבת אונ יום טוב דרשנ'ען וועגען הייליגקייט פון דער קריסטליכער אמונה אונ אז אדריטעל פון די יודען מיט ווייבער אונ קינדער מוזען זיך שטאנדיג געפינען ביי די דרשות. גרעגאר האט אבער פערשטאנען אז די יודען קאנען זיך אויסדרעהען פון זיינע בעפעהלע אונ זיי זאלען בלייבען נאר אויף פאפיער אזוי ווי עס איז שוין ניט איין מאל געשעהען אונ דאריבער האט ער זיך ניט געפוילט אלליין אכטונג צו געבען אז מען זאל אלדינג פינקטליך אויס פאלגען; אודאי ווער עס האט נאר געקאנט, איז אוועק, אונ די געצאהלטע יודען, וואס זענען ניט אים שטאנד געוועהן צו אנטלויפען כון איטאליען, האבען נעביך געקרעכצט אונטער דעם שווערען יאך פון זיינע ביטערע גזרות.

גרינגער איז זיי געווארען ווען, אים יאהר 1585, איז **סיקטוס דער פינפטער** געווארען פאפסט. פון א פראסטען פאסטוך האט איהם גאטט געהאלפען צוצושלאגען זיך צו אזא הויכער מדרגה אונ ווערען דער פארשטעהער פון דער גאנצער קאטאלישער וועלט; דערפון זעהט מען אז קיין נאר איז ער געוויס ניט געוועהן אונ מיט אהבם קאנען שוין יודען דורכקומען. אין דער צייט פון סיקסטוס האט זיך טאקי די לאגע פון די יודען שטארק פערבעסערט: פון איין זייט האט ער געהאט ביי זיך א יועץ **לאפעץ**, איינער פון די מאראנען, וואס זענען אנטלאפען געווארען פון פארטוגאל, אונ דער האט איהם געוויס ניט צוגערעדט אויף שלעכטען, פון דער אנדערער זייט האבען זיך טאקי די יודען געלאזט צאפען אזוי ווי זייער שטייגער איז — אנזאמלען אין זיך אגאנץ עזירות אונ דערנאך עם לאזען אויסקוועטשען אבי זעהען א פרעהליכע מינע פון א שונא. אונ די ביידע זאכען האבען געפיהרט דערצו וואס סיקסטוס האט באלד מבטל געוועהן אללע גזרות פון די פריהריגע פאפסטע. ער האט נאר איבערגעלאזט דעם מנהג פון די קריסטליכע דרשות, וואס די יודען האבען ווייטער געמוזט הערען, נאר אין אללע איבריגע זאכען האט ער זיי געגעבען פרייהייט, אונ פיעל פון זיי האבען אנגעהויבען צוריקצוקומען קיין רום, ער האט זיי ערלויבט פריי אבצוהיטען זייער גלויבען אונ פיהרען געשאפטען מיט קריסטען;

יודישע דאקטוירים האבען ווידער בעקומען דאס רעכט צו פראקטיצירען צווישען קריסטען. דעמאלט האט אנגעהויבען שפיעלען א גרויסע ראלע דער בעריהמטער יודישער דאקטאר ר׳ דוד דע־פאמים, וואס איז, אויסער מעדיצין, געוועהן א בקי אין לשון קודש אונ לאטיינישׁ אונ האט פון יוגענד אן קיין גוטע שעה ניט געהאט. אין דער צייט פון פאול דעם פיערטען האט מען ביי איהם אבגענאר־בעוועט זיין גאנץ פערמעגען; פיוס דער פיערטער האט איהם שוין אפילו בע־האנדעלט פריינדליכער אונ האט איהם ערלויבט צו היילען קריסטליכע קראנקע, נאר דאס האט ניט לאנג געדויערט, ווייל באלד איז אויפגעשטאנען פיוס דער פינפטער אונ ר׳ דוד האט געמוזט פונקט אין די בעסטע יאהרען, טהיילען דאס מזל פון אללע זיינע ברידער. ערשט אויף דער עלטער איז ער אויפגערעכט געווארען אונ אז ער האט זיך געפיהלט פריי האט ער אנגעשריבען אויף לאטייניש זיין בעריהמט בוך, וואס האט געהייסען „דער יודישער דאקטאר". אין דעם בוך ווייזט ר׳ דוד דע־פאמים וויפיל גרויסע דאקטוירים, יודען האבען אין איטאליען ארויסגעגעבען אונ ווי פיעל מלכים אונ שררות האבען זיי דאס לעבען צו פער־דאנקען; דארט האט ער אויך איבערזעצט א סך ארטער פון דער גמרא, וואס הייסט שטארק אבהיטען דאס געזונד אונ שטעללט הויך די לייט וואס געבען זיך אב מיט חולים. דאס האט ער געטהון מיט א כונה, כדי צו איבערצייגען די קריסטען אז זיי שרעקען זיך אומזיסט פאר׳ן תלמוד אונ מיינען אז אין איהם ליעגט אלל־דאס באז. זיין בוך, וואס דער פירסט פראנציסקא מאריא פון אורבינא האט עס ביי איהם אנגענומען פאר א מתנה, איז זעהר געפאלען דעם פאפסט סיקסטוס, ער האט איהם שטארק מקרב געוועהן, אונ אז דע־פאמים האט דערנאך ארויסגעגעבען א תלמודישעס ווארטערבוך אין דריי שפראכען האט ער שוין זיין ספר סיקסטוס׳ן געבראכט פאר א מתנה. איבערהויפט האט סיקסטוס ארדענטליך בעהאנדעלט די יודען אונ אז עס האט זיך א מאל געמאכט וואס א קריסט זעטשי האט זיך געוועט מיט א יודען שמשון קינאידו אונ די וועטע איז געגאנגען דארויף, אז ווי באלד דער יוד וועט פערשפיעלען מאג איהם דער קריסט אויסשניידען פונ׳ם לייב א פונט פלייש, האט דער פאפסט געהייסען ביידע שטרענג בעשטראפען, ווייל ער האט פערשטאנען אז אזא וועטע נעהמט זיך דערפון וואס צו טיידטען א יודען איז ביים קריסט א גאר נישט, אונ ער האט געוואלט אז די קריסטען זאלען זעהען אז דאס לעבען פון א יודען האט אויך עפיס א ווערטה. אויך דעם יודען האט ער בעשטראפט דערפאר וואס ער האט אין דער וועטע איינגעשטעלט זיין לעבען.

אַז סִיקְסְטוּס הָאט אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען אַזוֹי פִיעל פְרַיינְדְשַׁאפְט גֶעגֶען דִי יוּדֶען, הָאבֶּען זֵיי פֶערְשְׁטַאנֶען אַז בַּיי אִיהם וֶועלֶען זֵיי אוֹיךְ פּוֹעלְ'ן עֶר זָאל כָּשֵׁר מַאכֶען דֶעם תַּלְמוּד · וֶועניגְסְטֶענְס, אִין דֶער אֵייגֶענֶער אַרְט ווִי עֶס הָאט גֶעטְהוּן פִּיוּס דֶער פִירְטֶער, וֶועלְכֶער הָאט נָאר גֶעהֵייסֶען אִיהם גוּט אִיבֶּערְקוּקֶען אוּנ אַרוֹיסְ־וַוארְפֶען דִי אֶרְטֶער, וָואס זֶענֶען גֶעגֶען דֶעם קְרִיסְטֶענְטְהוּם. דִי יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת פוּן מַאנְטוּאַ, מַאִילַאנְד אוּנ פֶערַארַא הָאבֶּען טַאקִי אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אַבֶּעזוּנְדֶער שָׁלִיחַ, ר׳ בְּצַלְאֵל מַאסֶערַאנוֹ, קֵיין רוֹם מִיט אַבַּקָשָׁה צוּם פַּאפְּסְט וֶועגֶען תַּלְמוּד. מִיט לֶעדִיגֶע הֶענְד אִיז עֶר אוֹיךְ נִיט גֶעקוּמֶען, אוּנ גָאר גִיךְ אִיז אַרוֹיס אַבֶּעפֶעהל אַז דִי יוּדֶען מֶעגֶען פְרַיי הַאלְטֶען בַּיי זִיךְ דֶעם תַּלְמוּד אוּנ אֲפִילוּ נָאךְ אַמָאל אִיבֶּערְדְרוּקֶען.

פִינְף יָאהר הָאט אָבֶּער אִין גַאנְצֶען גֶעדוֹיעֶרְט דָאס גוּטֶע שְׁטִיקֶעל צַייט אוּנ קוֹים הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען אוֹיסְגֶעגְלַייכְט דִי צוּבְּרָאכֶענֶע בֵּיינֶער, אִיז שׁוֹין וַוייטֶער אַרוֹיף אַנַייעֶר פַּאפְּסְט, קְלֶעמֶענְטִי דֶער אַכְטֶע, וָואס הָאט אוֹיךְ, ווִי גְרֶעגָאר, גֶעהֶערְשְׁט דְרַייצֶעהן יָאהר אוּנ הָאט אִיהם אִין אַלֶעמֶען נָאכְגֶעטְהוּן. אַוַדַאי הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי אַלְטֶע צָרוֹת: פוּן דְרוּקֶען דֶעם תַּלְמוּד הָאט שׁוֹין גָאר קֵיין רֶעדֶע נִיט גֶעקָאנְט זַיין, מֶען הָאט דִי יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן אַלֶע שְׁטֶעדְט, וואוּ זֵיי הָאבֶּען גֶעוואוֹינְט, נָאר אִין רוֹם, אַנְקָאנַא אוּנ אַוִוינְיָאן הָאבֶּען זֵיי נָאךְ גֶעמֶעגְט בְּלַייבֶּען, מֶען הָאט אָבֶּער בַּיי זֵיי צוּגֶענוּמֶען אַלֶע פַּרְנָסוֹת אוּנ זֵייעֶר לֶעבֶּען אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי פֶערְבִּיטֶערְט אַז שְׁטֶענְדִיג הָאבֶּען זֵיי נָאר גֶעטְרַאכְט וֶועגֶען אַנַייעֶ הַיִים.

מֶעהר פוּן טוֹיזֶענְד יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט, אִים יָאהר 1593, אַרוֹיס פוּן קְרֶעמָאנַא, פַּאוִויַא, לָאדִי אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע שְׁטֶעדְט, וָואס זֶענֶען גֶע־שְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶעם מַאכְט פוּנ׳ס פַּאפְּסְט, אוּנ עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶועהן אַשְׁטִיקֶעל גְלִיק וָואס פֶערְדִינַאנְד, דֶע מֶעדִיצִי דֶער הֶערְצָאג פוּן טָאסְקַאנָא, אוּנ ווִיצֶענְצָא גָאנְצַאנַא, הָאבֶּען זֵיי אַרַיינְגֶעלָאזְט קֵיין פִּיזַא, מָאדֶענַא, וֶוערָאנַא, פַּאדוּאַ אוּנ מַאנְטוּאַ, חָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען נַאקֶעט אוּנ בְּלוֹיז. נָאר ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן דִי קַאטָאלִישֶׁע גַייסְטְלִיכֶע אִיז נָאךְ דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן — זֶעהט מֶען אַרוֹיס דֶערְפוּן, וָואס אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע שְׂרָרוֹת הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט פַאר זֵיי אוּנ הָאבֶּען עֶרְלוֹיבְּט דִי יוּדֶען צוּ דְרוּקֶען נָאר אַזֶעלְכֶע גְמָרוֹת, וָואס מֶען הָאט זֵיי פְרִיהֶער דוּרְכְגֶעקוּקְט אוּנ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען דִי אֶרְטֶער, וָואס הָאבֶּען עֶפִּיס אַשַׁייכוּת צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם. אִיבְּרִיגֶענְס, הָאבֶּען דִי יוּדֶען אַלֵיין נִיט גֶעוָואלְט הָאבֶּען צוּ טְהוּן מִיט דִי שׂוֹנְאִים אוּנ הָאבֶּען גֶעהֵייסֶען אוֹיסְמֶעקֶען אַסַךְ זַאכֶען, וָואס קֵיינֶער

וָואלְט זִיךְ אֶפְשַׁר נִיט גֶעוֶועהן גֶעשְׁטֶערְט. בַּיי דִי יוּדֶען אִיז דֶער עִיקָר גֶעוֶועהן צוּ זֶעהֶען דֶעם תַּלְמוּד נָאךְ אַמָאל גֶעדְרוּקְט אוּנ דַארִיבֶּער הָאבֶּען זֵיי גֶעלָאזְט שְׁנַיידֶען וִוי פִּיעל מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אַבִּי מַצִיל זַיין דָאס אִיבְּרִיגֶע. שְׁפֶּעטֶער מִיט עֶטְלִיכֶע יָאהר אִיז דֶער בִּיטֶערֶער גוֹרָל גֶעפַאלֶען אוֹיךְ אוֹיף דִי יוּדֶען אוּנ מַארְרַאנֶען פוּן פֶערַארַא, וָואס הָאבֶּען דִי גַאנְצֶע צַייט, וָואס עֶס הָאט גֶעלֶעבְּט דִי עֶדְלֶע אוּנ גוּט הֶארְצִיגֶע מִשְׁפָּחָה פוּנ׳ם הֶערְצָאג דִ׳עֶסְטֶע, פוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶס נִיט גֶעוואוּסְט, וַוייל זֵיי הָאבֶּען נִיט גֶעמַאכְט קַיין חִלוּק צְווִישֶׁען אַ אוּמָה אָדֶער אֱמוּנָה אוּנ יֶעדֶער מֶענְשׁ, וָואס הָאט נָאר עֶהְרְלִיךְ גֶעוָואלְט פֶערְדִיעֶנֶען זַיין שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט, הָאט זִיךְ גֶעקָאנְט דָארְט רוּהִיג וָואהנֶען. דֶערְפַאר זֶענֶען דִי יוּדֶען גֶעוֶועהן זֶעהר גֶעטְרַיי אוּנ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אוּנ אַז דִי פְּרִינְצֶעסִין לֶעאָנָארַא אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארֶען הָאבֶּען זֵיי אִין דִי שׁוּלֶען גֶעזָאגְט תְּהִלִים אוּנ גָאטט גֶעבֶּעטֶען פַאר אִיהר גֶעזוּנְד. צוּם אוּמְגְלִיק אִיז אָבֶּער דֶער לֶעצְטֶער פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה, אַלְפָאנְסָא דֶער צְווֵייטֶע, גֶעשְׁטָארְבֶּען אָהן קִינְדֶער אוּנ דֶער פַאפְּסְט הָאט בֶּעדַארְפְט זַיין דֶער יוֹרֵשׁ. דִי יוּדֶען הָאבֶּען בַּאלְד גֶעזֶעהֶען אַז דָא וֶועט זִיךְ זֵייעֶר גוֹרָל אֶנְדֶערְן אוּנ זֵיי הָאבֶּען נָאר גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל זֵיי גֶעבֶּען צַייט אוֹיף צוּ עֶנְדִיגֶען זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטֶען אוּנ אַוֶועק פָאהרֶען. דֶער פַאפְּסְט הָאט זֵיי אֲפִילוּ עֶרְלוֹיבְּט צוּ בְּלַייבֶּען נָאךְ פִינְף יָאהר, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט מִיט אַמָאל צוּ פֶערְווִיסְטֶען דִי שְׁטֶאדְט, נָאר דִי אִינְקְווִיזִיטָארֶען הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען דָארְט אַרוּמְצוּדְרֶעהֶען אוּנ זוּכֶען חֲטָאִים, אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען פֶערְשְׁטַאנֶען אַז וָואס פְּרִיהר זֵיי וֶועלֶען זַיין פוּן יֶענֶער זַייט גְרֶענֶעץ אִיז פַאר זֵיי גְלַייכֶער. אַזוֹי הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעמוּזְט אַרוֹיס פוּן פֶערַארַא, אוּנ מֶען קָאן זָאגֶען אַז כִּמְעַט אִין גַאנְץ אֵייראָפַּא הָאבֶּען זֵיי אִין יֶענֶער צַייט נִיט גֶעהַאט קַיין ווִינְקֶעל, ווּאוּ זֵיי זָאלֶען קָאנֶען רוּהִיג אוּנ זִיכֶער אַנִידֶערְלֶעגֶען דֶעם קָאפּ.

---

6 מַארְרַאנִישֶׁע קְהִלּוֹת אִין אַמְשְׁטַרְדַם, הַאמְבּוּרְג אוּנ בָּארְדָא.

(1593—1648 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אִיהְרֶע כְּלָלִים אוּנ, וֶוען דֶעם זִינְדִיגֶען בְּלִינְדֶען מֶענְשֶׁען וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז זַיין הָאפְנוּנְג אִיז שׁוֹין אִין גַאנְצֶען פֶערְלָארֶען, זֶעהְט מֶען דֶערְנָאךְ אַז דִי הַשְׁגָחָה הָאט זִיךְ בֶּעצַייטֶענְס גֶעזָארְגְט פַאר אִיהם אוּנ הָאט אִיהם אָנְגֶעגְרֵייט אַוֶועג, עֶר זָאל זִיךְ וַוייטֶער קָאנֶען גֶעהֶען אוּנ אוֹיס־

פיהרען דאס שליחות וואס דער הימלישער בעשעפער האט אויף איהם ארויפגעלעגט. אזוי איז עס אויך געשעהען מיט די יודען אונ בעזאנדערס מיט די מארראנען, אונ פונקט דעמאלט, ווען מען האט זיי אומעדום געטריבען אונ געיאגט ווי ווילדע חיות האבען זיי זיך אבגעזוכט א נייעם פלאץ אונ דוקא אין אזא ווינקעל, וואס דארט האט געהערשט דאס וויסטע שפאניען.

האללאנד האט פאר די מארראנען געאפענט אללע טויערן, אונ קוים איז פון דארט פערשוואונדען די מאכט פון שפאניען האבען זיך אהין געלאזט אללע, וואס האבען אין ערגיץ ניט געפונען קיין מקום מנוחה, אונ אויך די עטליכע מארראנישע משפחות, וואס האבען די לעצטע צייט געוואהנט אין אנטווערפען, בריסעל אונ גענט אונ זענען געצוואונגען געוועהן אוועקצוווארפען די דאזיגע שטאדט. קארל דער פינפטער האט אפילו ניט געוואלט ליידען אז אין נידערלאנד (האללאנד) זאלען זיך ארומדרעהען יודען אונ האט ביסלעכוועיז אנגעהויבען איינצופיהרען די אינקוויזיציאן, אבער דאס האט געפיהרט דערצו, וואס האללאנד האט זיך מיט דער צייט גאר אבגעריסען פון שפאניען. איינע פון די בכבוד'ע יודען, ר' שמואל פאללאכע, וואס דער קאניג פון מאראקא האט איהם אין נידערלאנד אנידערגעזעצט פאר קאנסול, האט אויפגעגעבען דעם פלאן אין דעם מאגיסטראט מיידעלבארג מען זאל אריינלאזען די מארראנען אונ זיי געבען אללע פרייהייט, אונ דער מאגיסטראט האט מסכים געוועהן, ער האט אפילו געוואלט אז די יודען זאלען זיך בעזעצען אין דער געגענד זעעלאנד, וואס האט אויך געהערט צו נידערלאנד, נאר די קאטאלישע גייסטליכע האבען עס ניט דערלאזט. אודאי אז האללאנד האט פון זיך אראבגעווארפען דעם עול פון שפאניען אונ דער עדלער פירסט ווילהעלם פון אראניען האט דארט אויפגעהויבען הויך די פאהן פון פרייהייט אונ גלייכע רעכטע פאר אללע, האבען די מארראנען באלד געווענדט זייערע אויגען אהין, וואו זיי האבען געהאט די מעגליכקייט אראבצווארפען פון זיך די מאסקע פונ'ם קריסטענטהום אונ אפען אננעהמען די יודישע אמונה.

די ערשטע וואס האט זיך ענטשלאסען אלליין צו פאהרען אונ העלפען דערצו אנדערע, איז געוועהן א מארראנישע פרוי מאיאר ראדריגעס: זי מיט איהר מאנן גאספאר לאפעס האמעס, מיט איהרע צוויי זיהן אונ ביידע טאכטער אונ נאך מיט אסך רייכע קרובים האבען אוועקגעווארפען אללע געשאפטען אונ האבען זיך אוועקגעלאזט אין אן אונבעקאנט ארט, וואס דערוויל האבען זיי גאר געוואוסט אז זיי וועלען דארט געפינען דאס איינציגע

גליק — זיך ניט דארפען פארשטעלען און בלייבען דאס וואס זיי זענען. צום אנהויב האט זי אוועקגעשיקט איהר שאנע טאכטער מאריא נונעס און אויך דעם עלטערן זוהן אויף דער שיף וואס יעקב טיראדא האט ארויסגעפיהרט צעהן מאראנישע משפחות קיין האללאנד. זי איז געוועהן פערזיכערט אז מאריא נונעס וועט מיט איהר שאנקייט אומעדום נושא חן זיין און וועט די דאזיגע מענשען, וואס האבען זיך איינגעשטעלט פאהרען צום ערשטען, ביישטעהען אין אללע זייערע נויטהען. ביי דער ערשטער סכנה האט זיך טאקי ארויסגעוויזען אז די אלטע מאיאר ראדריגעס איז גאר קיין נאר ניט געוועהן, און אז האבען א טאכטער א יפת תאר איז ניט קיין גרויסער חסרון. אויפ'ן וועג, אין מיט'ן ים איז אויף זיי אנגעפאלען א ענגלישע שיף און האט זיי אוועקגעפיהרט קיין ענגלאנד. מאריא נונעס איז אזוי געפאלען דעם קאפיטאן, וואס איז געוועהן א ענגלישער הערצאג, אז ער האט באלד געוואלט מיט איהר חתונה האבען. עס איז ביי איהם קיין ספק ניט געוועהן אז זי קומט ארויס פון די גרעסטע שררות און ער האט זיך נאר געוואונדערט פאר וואס זי בעשטעהט ניט אויף אזא וואהלען שדוך. אז זיי זענען אנגעקומען קיין לאנדאן, האט באלד די גאנצע שטאדט געקלונגען מיט דער שאנער פארטוגיזין און האט אנגעמאכט אזא רעש אז די קאניגין עליזאבעטה האט אויך געוואלט אנקוקען דאס שטאלצע מאדכען, וואס האט זיך אבגעזאגט פון איינעם פון די בעסטע ענגלישע אריסטאקראטען, און האט זי פערבעטען צו זיך. די קאניגין איז איבערראשט געווארען פון איהר שאנקייט און איז מיט איהר ארומגעפאהרען אין די גאסען אין א אפענער קארעטע. אודאי האט עס ניט לאנג געדויערט און די אללע, וואס מען האט געבראכט קיין לאנדאן ווי געפאנגענע, זענען פריי אוועקגעפאהרען, און די ענגלישע מלוכה האט זיי נאך געגעבען אללע מיטעל זיי זאלען זיכער קאנען קומען קיין האללאנד. צום אומגליק איז אבער געווארען א שטורמווינד אויפ'ן ים, זייערע צוויי שיפען זענען שיר ניט אונטערגעגאנגען און קוים מיט גרויסע צרות האבען זיי זיך צוגעשלאגען קיין עמדען.

אין עמדען האבען געוואהנט זעהר וועניג יודען, וועלכע האבען קיין שום בעגריף ניט געהאט פון די מאראנען, און דערפאר איז זיי שווער געוועהן מיט זיי זיך דורכשמועסן וועגען תכלית פון דער נסיעה. ערשט אז די מאראנען האבען ביים רעדען אנגעהויבען אריינווארפען לשון-קודש-ווערטער, האבען זיך די עמדנ'ער יודען צו זיי צוגעלאזט און יעקב טיראדא

האט דעם איינציגען למדן פון דארט, ר' משה אוריה הלוי, אויסגעזאגט דעם סוד אז זיי ווילען ווי ווייט גיכער איבערגעהען צום יודענטהום. ר' משה אוריה הלוי האט איהם אבער אבגעהאלטען ער זאל עס ניט טהון אין עמדן, ווייל אין א קליין שטאדטעל מוזען באלד אללע געוואהר ווערען און עס קאן חלילה שאדען די יודען. דאריבער איז זיין עצה געוועהן אז די מאראנען זאלען פאהרען קיין אמשטרדם און ער אלליין האט זיי אויך צוגעזאגט אהין גיך צו קומען מיט זיין גאנצער משפחה און דארט בלייבען זייער מדריך אין יודישקייט. אזוי איז עס טאקי געשעהען: דעם 22 אפריל 1593 זענען די מאראנען אנגעקומען קיין אמשטרדם און ר' משה אוריה הלוי האט אויך געהאלטען ווארט און איז זיי באלד נאכגעפאהרען. מיט גרויס שמחה האט יעקב טיראדא, וואס איז שוין דעמאלט געוועהן ביי די אלטערע יאהרען, זיך געלאזט מל זיין און איהם האבען נאכגעטהון די איבריגע, און עס איז געווארען א קליינע קהלה פון גרים. פיעל האט זיי מיטגעהאלפען דער קאנסול ר' שמואל פאלאכע און פון מאדירא איז צו זיי צוגעקומען דער בעקאנטער מאראנישער דיכטער, יעקב ישראל בעלמאנט, וואס האט זיי געשטארקט מיט זיינע שאנע ליעדער און האט בעשריבען די שרעקליכע צרות פון דער אינקוויזיציאן אין א בעזונדער בוך מיט דעם נאהמען „איוב". די צאהל פון די מאראנען האט זיך יעדעס מאל פערגרעסערט און גאר גיך האבען זיי בעקומען א נייעם חבר, וואס האט זיי גרויס כבוד געמאכט: דאס איז געוועהן אלאנזא דע הערערא, וואס איז ארויסגעקומען פון יודען און פון די גרעסטע שפאנישע שררות, זיין עלטער-זיידע, דער קאפיטאן גאנזאלווא דע קארדאבה, האט א מאל איינגענומען נעאפאל. ער אלליין איז געוועהן גובערנאטאר אין קאדיקס, נאר אז די ענגלאנדער האבען אבגענומען די שטאדט און מען האט איהם אוועקגעפיהרט קיין לאנדאן, האט ער זיך דארט אויסגעבעטען די פרייהייט און איז אוועק קיין אמשטרדם מיט דער האפנונג אז ער וועט דארט אויספיהרען זיין אלטען געדאנק און וועט זיך אומקעהרען צו דער אמונה פון זיינע אבות. אין אמשטרדם האט ער זיך טאקי מגייר געוועהן און האט פערנומען דעם שאנסטען פלאץ אין דער קלייִנער מאראנישער קהלה. ער האט זיך א יודישען נאהמען געגעבען אברהם דע הערערא און איז טאקי געווארען א יוד מיט'ן גאנצען הארצען, ער האט זיך גענומען אין גאנצען אויפ'ן דרך פון ר' יצחק לוריא און האט איבערזעצט אויף פארטוגיעזיש א ספר וועגען קבלה.

פון דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז דִי מַארְרַאנֶען נִיט אַזוֹי גְרִינְג אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין אַמְשְׁטֶערְדַם אוֹיף אַ פֶעסְטֶען פוּס. דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי יָאהר הָאבּען זִיךְ אוֹיף זֵיי קֵיינֶער נִיט אוּמְגֶעקוּקְט אוּנ דִי קְרִיסְטֶען הָאבֶּען גָאר נִיט גֶעוואוּסְט וָואס דָא גֶעהט פָאר. פְּלוּצְלוּנְג הָאט מֶען אִים יָאהר 1596 בֶּעמֶערְקְט אַז דִי מַארְרַאנֶען קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף אוֹיף אַ בֶּעשְׁטִימְט אָרְט, וַוייל עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן יוֹם כִּפּוּר אוּנ זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע צוּנוֹיפְגֶעגַאנְגֶען דַאוְנֶען; דִי קְרִיסְטֶען אִיז גָאר אוֹיפְ'ן מֹחַ נִיט גֶעקוּמֶען אַז דָאס קָאנֶען זַיין יוּדֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶערֶעכֶענְט, אַז דָאס אִיז עֶפִּיס אַ שֶׁעדְלִיכֶע קְרִיסְטְלִיכֶע סֶעקְטֶע. דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי אִיבֶּערְגֶעפַאלֶען אוֹיף דֶעם מִנְיָן, אוּנ אַזוֹי וִוי דִי מַארְרַאנֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶען פוּן פְרִיהֶר אוּנ דִי הַנְהָגוֹת פוּן דֶער אִינְקְוִוִיזִיצְיָאן זֶענֶען זֵיי נָאךְ גוּט גֶעלֶעגֶען אִין קָאפּ, אִיז גֶעוָוארֶען אַ גֶעלוֹיף אוּנ אַ דֶערְשְׁטִיקֶענִישׁ אוּנ מֶען הָאט דֶערְוַוייל גֶעחַאפְּט ר׳ מֹשֶׁה אוּרִיָה הַלֵוִי מִיט זַיין זוּהְן, וָואס הָאבֶּען גֶעדַאוֶוענְט פַאר׳ן עָמוּד, אוּנ מֶען הָאט זֵיי אַיינְגֶעזֶעצְט, נָאר אֵיין יַעֲקֹב טִירַאדָא הָאט זִיךְ נִיט דֶערְשְׁרָאקֶען, אוּנ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זֶעהר גוּט גֶערֶעדְט לַאטֵיינִישׁ, הָאט עֶר בַּאלְד אוֹיפְגֶעקְלֶערְט דִי קְרִיסְטֶען אַז זֵיי הָאבֶּען אַ טָעוּת, אַז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף מֶענְשֶׁען, וָואס מֶען הָאט זֵיי אַ לַאנְגֶע צַייט גֶענֵייטְהַ צוּ פֶערְלֵייגְנֶען זֵייעֶר אֶמֶת׳ן גְלוֹיבֶּען אוּנ וָואס פִיהְלֶען זִיךְ גְלִיקְלִיךְ וָואס זֵיי קָאנֶען אִין הָאלַאנְד פְרַיי דִיעֶנֶען גָאטט אוּנ דֶערְפַאר בֶּעצָאהְלֶען דֶעם לַאנְד מִיט זֵייעֶר נִיצְלִיכְקֵייט, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען רַייךְ אוּנ הָאפֶען מִיט זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע מִיטֶעל צוּ בֶּעלֶעבֶּען דֶעם הַאנְדֶעל. זַיינֶע רֶעד זֶענֶען זֶעהר גֶעפֶאלֶען; טַאקִי אִין דֶער אֵייגֶענֶער שָׁעָה הָאט מֶען בֶּעפְרַייהט ר׳ מֹשֶׁה אוּרִיָה הַלֵוִי מִיט׳ן זוּהן אוּנ זֵיי זֶענֶען אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן צוּ עֶנְדִיגֶען דֶעם תַּעֲנִית מִיט אַ גְרִינְג הַארְץ אוּנ דַאנְקֶען דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעלָאזְט אָבְּקוּמֶען נָאר מִיט אַ שְׁרֶעק. דֶערְפוּן אִיז אָבֶּער נָאךְ דִי מַארְרַאנֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ טוֹבָה, וַוייל פְרִיהֶר אִיז דִי זַאךְ צוּגֶעגַאנְגֶען אוּנְטֶער אַ דֶעקְטוּךְ אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ גֶעיִשׁוּב׳ט צוּ זָאלֶען זֵיי אָפֶען אַרוֹיסְוַוייזֶען אַז זֵיי זֶענֶען יוּדֶען; קוּים אִיז שׁוֹין אָבֶּער דֶער סוֹד אַרוֹיס הָאבֶּען זִיךְ דִי מַארְרַאנֶען גֶעוֶוענְדְט גְלַייךְ צוּם מַאגִיסְטְרַאט מִיט אַ בַּקָשָׁה מֶען זָאל זֵיי עֶרְלוֹיבֶּען אוֹיסְצוּבּוֹיעֶן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שׁוּל. מֶען הָאט זֵיי בַּאלְד גֶעגֶעבֶּען אֵיין עֶרְלוֹיבְּנִישׁ. יַעֲקֹב טִירַאדָא הָאט מְנַדֵר גֶעוֶועהן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד וָואס מֶען הָאט נֶאכְהֶער גֶעהַאט דַארוֹיף, דֶערְפַאר הָאט מֶען דִי שׁוּל גֶערוּפֶען אוֹיף

זיין נאהמען „בית יעקב" אונ אים יאהר 1598 האט מען מיט גרוים שמחה גע־מאכט דעם חנוכת הבית.

אין א קורצער צייט איז טאקי האללאנד ניט געוועהן צו דערקאנען: די מארראנען האבען געהאלטען ווארט אונ האבען מיט זייער קאפיטאל שטארק גע־ארבייט, אונ פונקט ווען שפאניען איז געווארען פערפינסטערט אונ דער ביטערער קאניג פיליפ דער צווייטע האט בעקומען מכות אויפ'ן לייב אונ האט געהאלטען ביי דער גסיסה, האט אמשטרדם אנגעהויבען בליהען גאר אויף איין אנדער ארט אונ די איינוואהנער האבען דערפיהלט דעם כח פון יודישע פאהיגקייטען. אודאי איז די לאגע פון די יודען אונ מארראנען געוועהן זעהר גלענצענד אונ כמעט אללע טאג פלעגען צוקומען נייע ברידער, וואס האבען פון דערווייטענס שוין געהערט די גדולה אונ האבען זיך מיט געוואלד אויס־געריסען פון די אלטע ערטער, וואו פיעל פון זיי האבען אוועקגעווארפען אפילו עשירות אונ כבוד. אין דעם יאהר, וואס מען האט געעפענט די שול, איז געקומען מאיאר ראדריגעס מיט דער גאנצער משפחה, באלד דערנאך זענען פון פארטוגאל אנטלאפען עטליכע פאמיליען, ווי פראנקא מענדעס מיט צוויי זיהן, פראנציסקא מענדעס מעדייראס, וואס האט זיך אנאהמען געגעבען יצחק, אונ כריסטאוואל מענדעס פראנקא, וואס האט זיך אנאהמען געגעבען מרדכי. די לעצטע צוויי משפחות האבען שפעטער געשפיעלט א גרויסע ראללע אין דעם לעבען פון דער אמשטרדמ'ער קהלה, נאר, צום אומגליק, איז צווישען זיי געווארען א שטארק מחלוקת.

דערווייל איז זיך אין ליסאבאן פערלאפען א מעשה, וואס האט אונטער געצונדען די איבריגע מארראנען, וואס ביי זיי איז דאס צוגעבונדענקייט צום יודישקייט געוועהן גאר שוואך, אונ האט ביי זיי בעשאפען א שטארקען חשק זיי זאלען אויך אוועקוואַרפען פארטוגאל. אויף א גייסטליכען דיאגא דע לא אסומפשאנא, איז געפאלען א חשד אז ער איז מעהר צוגענייגט צו דער יודישער אמונה, אונ אז מען זעהט איהם אפילו זיצען איבער א תנ"ך. פאר דער אינקוויזיציאן איז דאס געוועהן א טהייערער קרבן, מען האט איהם צוויי יאהר געהאלטען אין תפיסה אונ מען האט איהם אנגעטהון ענוים קשים, ווייל מען האט געהאפט אז ער וועט אנווייזען נאך שולדיגע. ער האט אבער אויף קיינעם ניט געזאגט, אונ אז מען האט געזעהען אז מען וועט פון איהם גאר ניט געוואהר ווערען, האט מען איהם אים יאהר 1603 פערברענט אין איינעם מיט

אַ מאַראַנישער פרוי תמר באַראַקאַס וואָס מען האָט פאַר היימליכקייט צוגעשלעפט צו דעם משפט צדק.

אַזאַ זעלטענע זאַך, אַז אַ גייסטליכער, אַ געבאָרענער קריסט, זאָל זיך מוסר נפש זיין פאַר דער יודישער אמונה און אָננעהמען דעם טויט מיט בעהאַרצטקייט און ליעבשאַפט, האָט דערפרישט אין די הערצער פון די מאַראַנען אַ שרעקליך בענקעניש צו זייער אַלטען גלויבען, און אפילו אַזעלכע, וואָס האָבען שוין לאַנג פערגעסען זייער שורש, האָבען אָהן מורא אָנגעהויבען אַרויסצווייזען זייער ליעבשאַפט צום יודענטהום. דעמאָלט האָט אַ יונגער דיכטער, דוד ישורון, אָנגעשריבען אויף פּאָרטוגאַזיש אַ פייעריגע קינה אויפ'ן טויט פון דיאָגאָ דע לאַ אַסומפטשאָנאַ און איז באַלד אַוועק קיין אַמשטערדאַם און האָט דאָרט דאָס גרויסקייט פון זיינע ברידער בעזונגען אין שפּאַנישע ליעדער. איהם האָט נאָכגעטהון איין אַנדער מאַראַנישער דיכטער, פּאַול דע פינאַ, וואָס איז אין האָללאַנד איבערגעגאַנגען צום יודענטהום. ער האָט זיך אַ יודישען נאָמען געגעבען רואל ישורון און איז אַ לאַנגע צייט געוועהן איינער פון די שאַנסטע אַמשטערדאַמ'ער בעלי בתים.

אַז די מאַראַנען האָבען אין פּאָרטוגאַל אויפגעהערט זיך צו בעהאַלטען און האָבען זיך, ווי עס שיינט, ענטשלאָסען איין מאָל פאַר אַללע מאָל צו ליידען פאַר זייער הייליגען געדאַנק און מקבל באהבה זיין די יסורים וואָס שונאים טהיילען זיי צו, האָט די אינקוויזיציאָן גענומען אַ רעכט שטיקעל אַרבייט און האָט זיך געקאָנט צופיהרען די הענד. מעהר פון הונדערט פינפציג מאַראַנען האָט מען געהאַלטען אין תפיסה, און זיי האָבען זיך יעדען טאָג גערעכט אויפ'ן טויט, נאָר די מלוכה פון פּאָרטוגאַל איז פּאָרט שווער געוועהן מיט אַ מאָל לאָזען פערברענען אַזוי פיעל מענשען. דערצו איז נאָך געוועהן אַ סבה וואָס די מלוכה האָט געמוזט געהען מיט רחמנות: זי איז שולדיג געוועהן ניט וועניג געלד אַ פּאָר רייכע מאַראַנען און זיי האָבען פשוט געזאָגט, אַז זיי וועלען אָבמעקען דעם גאַנצען חוב און נאָך צולעגען אַ מנה יפה אַבי מען זאָל זייערע ברידער שענקען דאָס לעבען. מיט יודיש געלד האָבען זיך זייערע שונאים קיין מאָל ניט געוואָרפען; אויך דאָס מאָל האָט די מטבע געוויזען אַז זי קאָן אַרויסשלעפען פון דער גרעסטער סכנה, די מלוכה פון פּאָרטוגאַל האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען רעדען פון יושר און האָט געשיקט צום פּאַפּסט קלעמענטי דעם אַכטען פרעגען אַ שאלה צו עס איז כדאי אומצובּרענגען די מאַראַנען. אין רום האָט מען זיך מן הסתם אויך געלאָזט קאָסטען און עס איז אָנגעקומען מען

זאל זייערע שולדיגע מוחל זיין, נאר מען זאל זעהען זיי זאלען טאקי באמת תשובה טהון. דעם 10 יאנואר 1605 האט מען זיי בעפרייהט, נאר זיי האבען געמוזט אויף דעם אייגענעם פלאץ, וואו מען האט זיי געזאלט פערברענען, אללע צוזאמען קומען אנגעטהון אין ווייסע העמדער און זיך מתודה זיין פאר'ן עולם אויף זייערע חטאים. די מאראנען זענען איבערגעקומען אויך די דאזיגע קאמעדיע און טאקי באלד זענען זיי שוין אנטלאפען קיין האללאנד. דעמאלט איז אויך אוועקגעפאהרען קיין אמשטרדם ר' יוסף בן ישראל מיט זיין זוהן מנשה: ער איז שוין געוועהן קראנק און ארעם, ווייל מען האט ביי איהם דריי מאל אבגעראבעוועט זיין פערמעגען. ער האט אבער ניט געמיינט אזוי זיך אליין צו בעווארענען ווי מאכען פאר א יודען זיין קינד, און עס איז איהם טאקי געראטהען צו מאכען פון איהם א טהייערע כלי, א היימען יודען מיט א אמת'ן ווארעם יודיש הארץ — מיט איינעם ווארט, פון איהם איז געווארען דער בעריהמטער ר' מנשה בן ישראל, וואס איז געוועהן דערנאך א צירונג פאר'ן גאנצען דור.

די קליינע אמשטרדם'ער מאראנישע קהלה האט דערווייל אנגעהויבען וואקסען און נאר איין ר' משה אוריה הלוי האט מל געוועהן צוויי הונדערט אכט און פיערציג מאראנען. אין א צייט פון צעהן יאהר איז שוין די ערשטע שול צו קליין געוועהן און ר' יצחק פראנציסקא מענדעס מעדייראס האט אויסגעבויעט א נייע שול וואס האט געהייסען „נוה שלום“. די מאראנען האבען זיך אראבגעבראכט זייער א אייגענעם רב, פון די ספרדים, ר' יוסף פרדו, וואס האט גערעדט שפאניש און האט פערשטאנען ווי אזוי מיט זיי זיך צו בעגעהן, ווייל זיי זענען פארט געוועהן כמעט קריסטען און מען האט זיי נאר בעדארפט ביסלעכווייז געוואהנען מיט יודישע דינים און מנהגים. אבער זונדער'ן גלאנץ האט אבער ערשט די קהלה בעקומען, ווען ר' יצחק עוזיאל, וואס איז געוועהן א בעריהמטער דיכטער, מדקדק און א בעל חשבון, איז געווארען רב, ווייל אחוץ זיינע גרויסע קענטניסע האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע דרשות, און מען האט געמוזט האבען פאר איהם דרך ארץ. צום אומגליק, איז ער אבער ניט געוועהן קיין נושא פנים, ער האט ליעב געהאט פריי יעדען ארויסצוזאגען דעם אמת; אודאי האבען זיך געפונען אויך ניט ווייניג אונצופרידענע און סוף כל סוף האט עס געמוזט קומען צו מחלוקת.

אז די לעבעדיגע זענען שוין געוועהן פערזארגט, האט מען געמוזט אנהויבען אין זין צו האבען אויך די טויטע, און אים יאהר 1614 האבען די מא-

ראנען געהאט זייער אייגען בית עולם, וואו עס האט אויך געפונען זיין עביגע רוה דער ערשטער מת פון זיי ר' יצחק אבנואבר, וועלכער האט פריהער געהייסען עמנואל פימענטעל אונ איז געוועהן א יוגענד-חבר פונ'ם פראנצאזישען קאניג היינריך דעם פיערטען. אויף דעם בית עולם האט מען אויך בעהאלטען איינעם פון די בעריהמטע מארראנען, ר' אליהו פעליטשע מונטלטו, וואס האט פריהער געוואהנט אין ווענעדיג אונ ליווארנא אונ איז דערנאך אין פאריז געווארען לייב-דאקטאר ביי דער קאניגין מאריא דע מעדיטשי. ער איז געשטארבען אים יאהר 1616 ווען ער איז ארומגעפאהרען מיט דער קאניגין, אונ אזוי ווי דער זכר פונ'ם יודישען דאקטאר איז ביי איהר געוועהן זעהר טהייער, האט זי געוואלט ער זאל ליגען צווישען יודען; דערפאר האט זי געהייסען איינבאלזאמירען דעם קערפער אונ האט געבעטען זיין זוהן אונ זיין תלמיד ר' שאול מארטיירא, זיי זאלען איהם ברענגען צו קבר ישראל.

מען קאן אפילו ניט זאגען, אז אין האללאנד איז די מארראנען גרינג אנגעקומען זייער פרייהייט אונ זעלבסשטאנדיגקייט. די מלוכה האט זיי טאקי געלאזט אלדינג טהון אונ האט זיך ניט אריינגעמישט אין זייער אינוועניג לעבען, דאס פאלק איז אבער געוועהן אזוי ווי פערטומעלט, א טהייל האבען געקוקט אויף זיי ווי אויף פראסטע יודען, אנדערע האבען זיי געראכענט פאר שפאנישע עדעללייט אונ אללע צוזאמען האבען זעהר וועניג צוטרויען געהאט צו זיי. דאס איז אבער נאר געוועהן אין אנהייב, קוים זענען איבערגעפלויגען צוואנציג יאהר אונ די מארראנען האבען טאקי ארויסגעוויזען זייער נוצליכקייט אונ עהרליכקייט אונ זיי האבען א שטארקען ארבייט געטהון מיט די קאפיטאלען, אונ טויזענדער מענשען האבען געקאנט לעבען ארום זיי. האט דאס פאלק אליין אויך אנגעהויבען זיי צו שאטצען, אונ דעמאלט ערשט האבען זיי דערפיהלט אז האללאנד איז געווארען פאר זיי א אמת'ע היים, אז זיי האבען דאס רעכט זיך צו רופען קינדער פון דעם לאנד אונ אז זיי זענען ארומגערינגעלט מיט ברידער אונ געטרייע גוטע פריינד. אין יענער צייט האבען שוין אין אמשטרדם געוואהנט פיער הונדערט משפחות אונ האבען געהאט זייערע אייגענע דריי הונדערט הייזער. דעמאלט האבען זיי דארט אויך געעפענט א יודישע דרוק, אונ גרויס איז געוועהן זייער פרייד אז זיי האבען דערלעבט די מאגליכקייט פריי ארויסצולאזען יודישע ספרים אונ קיינער זאל זיי ניט זאגען קיין דעה אונ זאל זיי ניט הייסען מעקען אונ קלעקען. באלד איז מען שוין פון זיי געוואהר געווארען

אין אנדערע ערטער אונ מען האט זיך גאר אנגעהויבען אנשלאגען אין זיי. דער קעניג כריסטיאן דער פיערטע פון דענעמארק האט געשיקט בעטהען די אמשטערדאמ׳ער יודישע קהלה זיי זאלען איהם ארויסשיקען עטליכע יודען אונ האט זיי צוגעזאגט גאנצע גליקען; דאס איינענע האבען אויך געטהון די הערצאגע פון סאוואיען אונ מאדענא אונ האבען זיך אויך בעמיהט צו בעזעצען די שטאדט ניצא אונ רעדזשיא מיט פארטוגאזישע יודען. אזוי איז שוין דער שטייגער פון דער וועלט: קוים האט מען איינעם אין מויל אונ מען רעדט אויף איהם נאר שלעכטס — וויל קיינער אויף איהם קיין זכות ניט זוכען אונ יעדער זעהט נאר עבירות אונ חסרונות; דערפאר אבער אז ביי דעם איינעגעם אונגליקליכען טאקי הויבט אן א ביסעל דאס מזל צו שיינען — זוכען זיך אב גאר אונערווארטעטע גוטע פריינד, אונ די איינענע מענשען, וואס האבען נאר וואס געזעהען פאר זיך גאר שווארץ, שרייען שוין אז עס איז דווקא ווייס אונ פונ׳ם פריהריגען חסרון ווערט גאר א מעלה!

אזוי איז אויסגעוואקסען א נייער מיטעלפונקט פאר די יודען אונ די מאראנען, איין ארט, וואו זיי האבען זיך געקאנט אויסגלייכען די ביינער נאך אזוי פיעל שלאג אונ צרות, אונ ניט אומזיסט האט מען דעמאלט אמשטערדאם גערופען „דאס נייע גרויסע ירושלים". ווער עס האט נאר געהאט דאס גליק זיך אהין צוצושלאגען, דער האט זיך שוין געפיהלט זיכער אונ געשיצט, אונ וואס גרעסער די רדיפות זענען געוועהן אין אנדערע לאנדער, איז האללאנד געווארען רייכער, לעבעדיגער אונ בעפאלקערטער. די מאראנען האבען אבער מיט געבראכט קיין האללאנד ניט נאר זייערע גרויסע קאפיטאלען, זיי האבען אריינגעפיהרט שטארקע קענטניסע, ווייל אין שפאניען אונ פארטוגאל האבען זיי פערנומען די בעסטע שטעלען ביי דער קרוין, א טהייל פון זיי זענען געוועהן גייסטליכע, אדוואקאטען, דאקטוירים, אונ דאריבער זענען זיי אים שטאנד געוועהן אויך די וויסענשאפט צו בעפעסטיגען אין דער נייער היים. צווישען די געלעהרטע יודען פון האללאנד האט זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט ר׳ אברהם זכותא לוזיטאנא, א אור-עניקעל פון דעם בעריהמטען אסטראנאם זכותא, אונ איינער פון די בעסטע דאקטוירים פון יענער צייט, וואס איז צו ליעב דעם געוועהן א גרויסער חשוב ביי פיעל שררות. ער איז געבארען געווארען אין ליסאבאן ביי עלטערן מאראנען אונ האט זיך געגוג אנגעליטען אין די יונגע יאהרען פאר דער אמונה; מיט גרויס מיה איז איהם געראטהען צו אנטלויפען קיין אמשטערדאם אונ דארט האט ער שוין פערבראכט זיין עלטער אין נחת,

ווייל סאי יודען סאי קריסטען האבען איהם אבגעגעבען גרויס כָּבוֹד. די מְלוּכָה אַלליין האט זעהר געשאצט די יודען און עס איז געקומען אזוי ווייט אז אֲפִילוּ די מְלוּכוֹת פון די דאזיגע לאנדער, וואו מען האט די יודען געטריבען און געיאגט, האבען דַוְקָא יודען בעשטימט פאר קאנסולען אין האללאנד. די לאגע פון די יודען אין האללאנד איז געוועהן אזוי גוט, אז עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס אַמְשְׁטֶרְדַם האט אזוי איבערראשט דעם בעריהמטען דיכטער. פַּאוּל דע פִינַא, אדער רוֹכֵל יְשֻׁרוּן, און ער האט אנגעשריבען א ליעד אויף פארטוגאזיש, וואס זיבען יונגע לייט האבען עס געזונגען אין דער שול „בֵּית יַעֲקֹב“.

אין דעם ליעד האט ער פארגעשטעלט ווי דאס „הייליגע לאנד“ שיקט א גרוס דעם נייעם „אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל“ און יעדער פון די זיבען בארג, וואס ווערען דערמאנט אין דער תּוֹרָה, ווי סִינַי, הֹר הָהָר, נְבוֹ, גְרִזִים, כַּרְמֶל, זֵיתִים און צִיּוֹן, דערצעהלען די מַעֲלוֹת פון דער גרויסער יודישער קְהִלָּה, וואס האט זיך שוין דעמאלט אויסגעצייכענט מיט צְדָקָה און מיט זארגען פאר צָרְכֵי רַבִּים.

נאך איין מאראנישער דיכטער האט געלעבט אין יענער צייט, דאס איז געוועהן דָוִד אַבֶּנַתַּר, וואס איז שיער ניט אומגעקומען אין שפאניען און אז ער איז נִיצָל געווארען און איז געקומען קיין אַמְשְׁטֶרְדַם, האט ער דארט „תְּהִלִּים“ איבערגעזעצט אויף שפאניש. איין זאך האט יא געמאכט איין איבערשלאג — דאס איז געוועהן א מַחֲלוֹקֶת וואס האט זיך אנגעהויבען אין דער צייט ווען ר׳ יִצְחָק עוּזִיאֵל איז געווארען רַב. די פריהריגע צוויי רַבָּנִים האבען פערשטאנען אז א מענשען קאן מען אזוי גיך ניט איבערמאכען און אז אויף די דאזיגע, וואס האבען אין זיך עטליכע דֵעוֹת כְּסֵדֶר פארט געוואהנט צו פיהרען און צו לעבען ווי די קריסטען איז שווער מיט אמאל ארויפצוווארפען דעם עוֹל פון תרי״ג מִצְוֹת; דאריבער זענען זיי זיך בעגאנגען מיט די מאראנען שטיל און געלאסען און האבען ניט אנגעמאכט קיין געוואלד ווען זיי האבען אֲפִילוּ געזעהען אז זיי היטען ניט אזוי שטארק אב עפּיס א דִין אדער א מִנְהָג. ר׳ יִצְחָק עוּזִיאֵל האט אבער אנדערש געקוקט אויף אזעלכע זאכען, ער האט געדרונגען אז ווי באלד מען רעכענט זיך פאר א יודען מוז מען געטריי זיין דער אֱמוּנָה און פלעגט אין זיינע דְרָשׁוֹת אנפאלען אויף אזעלכע, וואס האבען ליעב געהאט זיך צו זוכען א הֶיתֵּר, און צו ליעב דעם האבען זיך עטליכע בַּעֲלֵי בָּתִּים אבגעטהיילט.

צווישען זיי איז אויך געוועהן א גרויסער עוֹשֶׁר ר׳ דָוִד אָזַארְיָא, און זיי האבען זיך אויסגעקליבען א נייעם רַב ר׳ דָוִד פַּרְדוֹ. דערווייל האבען פונ׳ם יאהר 1636 אנגעהויבען צו קומען יודען פון דייטשלאנד, וואס האבען ניט גערעדט

געערדט שפאניש און האבען אויך געהאט אנדערע מנהגים ; זיי איז געווים זייער געוועהן אויסצוגלייכען זיך מיט די מארראנען און זיי האבען זיך געמאכט א בעזונדער קהלה פון אשכנזים. אזוי זענען אוועקגעגאנגען דריי יאהר און אז די מארראנען האבען א קוק געטהון אז עס איז קיין תכלית ניט וואס אין זייער קהלה איז ניטא קיין אחדות און די דייטשע יודען האלטען זיך פאר גראסערע מיוחסים פון זיי, איז ביי זיי געבליבען מען זאל זיך אויפהערען קריגען. ר׳ יעקב קוריאל, איינער פון די בכבוד׳סטע בעלי בתים האט זיך אריינגעלעגט אין שלום, און פונ׳ם יאהר 1639 איז אין אמשטרדם געווארען איין גרויסע ספרדישע קהלה. צווישען די תקנות וואס מען האט דעמאלט געמאכט, האט מען אין זין געהאט צו בעפעסטיגען דאס לערנען פון תורה און מען האט געאפענט א תלמוד תורה, וואס האט באלד אנגעהויבען בליהען, אונטער דער השגחה פון פיער בעריהמטע רבנים, ר׳ שאול מארטיירא, ר׳ יצחק אבוהב, ר׳ דוד פרדו און ר׳ מנשה בן ישראל. פון דער דאזיגער תלמוד תורה האט זיך מיט דער צייט אויסגעארבייט א גאנצע ישיבה, וואס האט ארויסגעגעבען אסך רבנים און לומדים, עס איז גענוג צו דערמאנען, אז פון דארט זענען כמעט אין איין צייט ארויס אזיינע צוויי פערשידענע מענשען, ווי דער פאנאטישער מקובל ר׳ משה זכותא און דער בעריהמטער פילאזאף ברוך שפינאזא.

אודאי ביי אזא גליקליכען מעמד, ווען די ערשטע רבנים פון אמשטרדם וואלטען זיך געפיהלט אין כח צו בעפעסטיגען דעם אלטען בנין פון דער אמונה, וואלט דאס גאנצע יודענטהום דעמאלט געקאנט בעקומען גאר איין אנדער גלאנץ; עס איז אבער ניט בעשערט געוועהן אז צוזאמען מיט׳ן גוף זאל אויך געהאלפען ווערען די נשמה פונ׳ם יודען, און די ערשטע פיער אמשטרדאמ׳ער רבנים זענען ניט אים שטאנד געוועהן צו געבען זייער פאלק אזא רפואה שלמה. ר׳ דוד פרדו, וואס גאר געצאהלטע בעלי בתים האבען איהם אראבגעבראכט, אנדערען אויף צו להכעים, איז געוועהן גאר א געוואהנליכער מענש און האט ניט געקאנט זארגען פאר׳ן תכלית פונ׳ם גאנצען פאלק. ר׳ שאול מארטייבא איז צופעליג געווארען רב אין אמשטרדם, ווען ער האט אהין געבראכט צו קבר ישראל זיין רבי׳ן, דעם דאקטאר מונטלטו. ער איז ניט געוועהן קיין דרשן און צו ליעב דעם האט ער זיך ניט געקאנט קויפען אזא נאהמען, וואס איז נאטהיג פאר א מענשען, וואס דארף זיין א מנהיג פון א גאנצען דור. נאך קלײנער פון איהם איז געוועהן ר׳ יצחק אבוהב דע פאנסעקא, וואס האט

דווקא געהאט פעהיגקייטען צום דרשנען, נאר זיין האראקטער איז ניט געוועהן אזוי פעסט אונ ביי דער מינדסטער שאלה, וואס עס פלעגט פארקומען, האט ער ניט געוואוסט אויף וואס זיך צו ענטשליסען. גרעסער פון אללע איז געווים געוועהן דער יונגסטער רב ר' מנשה בן ישראל, וואס דער קראנקער פאטער האט איהם נאך אקליין קינד געבראכט קיין אמשטרדם אונ האט איהם געלאזט לערנען תורה ביים אלטען רב ר' יצחק עוזיאל. ער האט אפילו געלערנט אויך פרעמדע לשונות, נאר דער עיקר איז ביי איהם געוועהן דער תלמוד, אונ די קבלה־ספרים האט ער גערעכענט פאר'ן הייליגסטען. אודאי האט ער אלליין ניט געקאנט אויסארבייטען אזא מעמד, וואס זאל אויפריכטען אונ אויפקלערן די יודען אין גאנצען. אונ אזוי האבען די אמשטרדמ'ער רבנים זיך אבגעגעבען נאר מיט אינוועניגסטע זאכען, מיט קלייניגקייטען, מיט שאלות פסקנען, מיט דין־תורות, אונ קיינעם פון זיי איז גאר ניט איינגעפאלען אין זין צו האבען דעם כלל ישראל. צום אומגליק איז דער חסרון פונ'ם אמשטרדמ'ער בית דין ניט בעשטאנען אזוי ווי אין דעם, וואס זיי האבען ניט געטהון, ווי אין דעם וואס זיי האבען יא געטהון: אז זיי האבען ניט געקאנט אויפטהון עפים נייעס פאר דעם קאן מען זיי ניט בעשולדיגען, ווייל יעדער טהוט נאר דאס וואס ער איז ביכולת; נאר פאר דעם וואס זיי האבען זיך אבגעלערנט פון די איינגע אינקוויזיטארען, פון וועלכע זיי זענען אלליין ערשט ניט לאנג אנטלאפען, מאג מען אויף זיי פעראיבעל האבען. דער איינציגער זכות, וואס מען קאן אויף זיי אבזוכען, בעשטעהט נאר אין דעם, אז מענשען האבען ליעב איינער ביים אנדערן זיך אבלערנען, אונ שלעכטס נעהמט מען גיכער איבער ווי אלדינג. די אמשטרדמער רבנים זענען אללע ארויסגעקומען פון פארטוגאל, מיט גרויסע נסים זענען זיי ניצל געווארען פון אזעלכע האנד, וואס האבען זיי לשם מצוה גע־וואלט ווארפען אין פייער; אזא זאך וואלט זיי, דאכט זיך, עביג געדארפט ליעגען אין טעם אונ זיי ווייזען אוועג נאר צו גוטסקייט אונ בארמהערציגקייט, צום סוף איז גאר אויסגעקומען פונקט פערקעהרט: קוים האבען זיי געזעהען אז די מלוכה גיט זיי איבער די גאנצע מאכט, איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען געהען נאר מיט תקיפות: יעדען וואס וועט עפים ארויסווייזען א ליעבשאפט צו פרייהייט אויסרייסען די אויגען, אונ פאר אנרירען דעם קליינסטען מנהג זאל מען יענעם עוקר מן השרש זיין.

אויף דעם איינענעם שניט זענען געגאנגען די איבריגע קליינערע קהלות, וואס זענען געווארען אין אנדערע ערטער. אין האללאנד האט זיך, נאך

אמשטרדם, גערעכענט פאר דער צווייטער קהלה די ראטערדאמער, ווייל דארט האבען זיך ביסלעכווייז בעזעצט יודען אונ צווי רייכע ברידער אברהם אונ יוסף פינטא, האבען געאפענט א שול אונ א ישיבה אונ האבען בעצויגען אהין פאר רב אונ פארשטעהער א יונגען למדן ר' יאשיה פרדו. נאך פיעל ספרדישע קהלות זענען אין יענער צייט געווארען אין א סך שטאדט פון דייטשלאנד אונ נידערלאנד.

אין האמבורג האט געדויערט היבשע עטליכע יאהר ביז די יודען האבען דארט געקאנט בעקומען ערלויבניש זיך אפענטליך דארט צו רעכנען פאר איינוואהנער אונ האבען אבעזונדער עדה. אז מען פלעגט אנהויבען רעדען וועגען אריינלאזען יודען קיין האמבורג פלעגען די לוטהעראנער פערוואפען מיט טענות אונ מענות אונ שרייען אז מען וויל זיי אומגליקליך מאכען. דער ערשטער, וואס האט אנגעהויבען רעדט צו ארבייטען אז די טויערן פון האמבורג זאלען אפען ווערען פאר זיינע ברידער, איז געוועהן א יודישער יוועליר, יצחק פון זאלצופעלן, וועלכער האט צו זיך צוגעצויגען נאך צוועלף יודען אונ אללע האבען זיי איינגעגעבען א בקשה אין סענאט, מען זאל זיי נאר אויף צוועלף יאהר ערלויבען זיך צו בעזעצען אין האמבורג אונ דערפאר זאל מען ביי זיי נעהמען מיט אמאל דריי טוזענד טהאלער, אונ אחוץ דעם האבען זיי זיך מתחייב געוועהן אללע יאהר צו צאהלען דער שטאדט גרויסע נתינות. נאר אין דער צייט, וואס אין סענאט האט זיך אנגעהויבען א שרייבעניש, מען האט געקלעהרט אהין אונ אהער אונ מען איז מעהר געניינט געוועהן די יודען אבצוזאגען, האבען שוין מארראנען לאנג געוואהנט אין האמבורג אונ זענען געוועהן גרויסע סוחרים אדירים; קיינעם איז אבער ניט איינגעפאלען זיי צו טשעפען, ווייל מען האט זיי געהאלטען פאר קריסטען פון אבעזונדער סעקטע. אז די האמבורגער מארראנען האבען דערהערט, ווי פריי אונ גליקליך עס לעבען אין אמשטרדם זייערע ברידער, וועלכע זענען שוין לאנג איבערגעגאנגען צום יודענטהום, האבען זיי זיך מישב געוועהן אז עס איז טאקי צייט זיי זאלען זיך אלליין אויך אויפהערען צו פערשטעלען אונ זיי האבען זיך ענטשלאסען ביסלעכווייז אנהויבען אבהיטען יודישע מנהגים. עס איז געווארען א פערמישעניס פון קריסטליכע אין יודישע דינים: אין איין שטוב האט מען, אשטייגער, געהאלטען שבת אונ פארט די קליינע קינדער געלאזט טויפען. אז דאס פאלק איז געוואהר געווארען דערפון, איז געווארען א שטארקער רעש אונ מען האט אנגעהויבען פאדערן מען זאל די מארראנען ארויסטרייבען. דער סענאט האט זיך אבער

דארויף ניט געקאנט ענטשליעסען , ווייל די גראסטע געשאפטען זענען געוועהן ביי די מארראנען אין די האנד זיי זענען אללע געוועהן זעהר רייך אונ נאהענט צו דער מלוכה . דערפאר איז געבליבען עס זאל הייסען אז מען האט געמאכט א שטארקע חקירה ודרישה אונ מען זאל מודיע זיין דעם עולם , אז די מארראנען זענען פארטוגאזען אונ אמת'ע קריסטען . דאס איז געוועהן איין אויסרעד , כדי עס זאל ווערען שטיל , אונ אלליין האט זיך די מלוכה ענטשלאסען די מארראנען צו דולדען אונ זיך מעהר ניט צוקוקען צו דעם וואס זיי טהוען . אזוי האבען זיך אויסגעמישט די עטליכע יודען , וואס האבען אלץ געארבייט אומזיסט מען זאל זיי לאזען זיצען אין האמבורג , מיט די מארראנען · אונ הונדערט פינף אונ צוואנציג יודען זענען געבליבען האמבורגער איינוואהנער . צווישען זיי זענען געוועהן צוויי גרויסע גבירים , וואס האבען געפיהרט דעם גאנצען מסחר פון דער שטאדט , אונ צוויי בעליעבטע דאקטוירים פון וועלכע ראדריגא דע קאסטרא האט געהאט זעהר א שאנעם נאהמען , ווייל ער האט זיך ניט איין מאל מוסר נפש געוועהן פאר זיינע חולים , אונ אז אין האמבורג איז געוועהן א מגפה האט ער זיין לעבען איינגעשטעלט אב צו ראטעווען טויזענדער קראנקע .

מילא מיט אזא תירוץ האט מען געקאנט אבקומען נאר פאר די פראסטע אונ זיי איינרעדען אז די מארראנען זענען קיין יודען ניט ; די לוטהערישע גייסטליכע אבער האבען פערשטאנען דאס אויפטהוא אונ האבען געהאלטען אין איין שרייען . דערפון איז דוקא ארויסגעקומען א שטיקעל טובה , ווייל די מלוכה אלליין האט געגעבען א קוק , אז מיט קונצען וועט מען דא גאר ניט מאכען אונ עס איז ביי איהר געבליבען זי זאל אפען אנהויבען רעדען וועגען יודען . די מלוכה האט זיך געווענדט מיט א בקשה צו די גרויסע געלעהרטע אין די אוניווערזיטאטען פון יענא אונ פראנקפורט ביי דער אדער , אונ האטש פון זיי איז אנגעקומען ניט קיין פרעהליכע תשובה , זיי האבען געשריבען אז יודען מאג מען אריינלאזען , נאר מען טאר זיי ניט ערלויבען צו האבען אפענטליכע שולען , אפילו מאכען אזוי אין א שטוב מנינים , מל זיין די קינדער , האלטען קריסטליכע דיענסטען , בעקומען שטעלען ביי דער קרוין , אונ אויסער דעם מוז מען זיי נייטהען זיי זאלען אללע שבת אונ יום טוב הערען קריסטליכע דרשות , פון דעסטוועגען איז שוין געוועהן אין וואס זיך אנצוהאפען , אונ אים יאהר 1612 האבען זיך די יודען שוין געקאנט רעכנען צווישען די האמבורגער איינוואהנער . געהייסען האט עס , אז זיי האבען ניט אללע רעכטע אונ זייערע מתים האבען זיי געמוזט פיהרען קיין אלטונא , וואו

עס איז געוועהן אקליינער יודישער בית עולם. קיין איינענע נחלה האבען זיי ניט געטארט האבען, אונ נאר דעם איינציגען דאקטאר ראדריגא דע קאסטרא האט מען ערלויבט אויסצובויען פאר זיך איין הויז. נאר דאס האט זיי ניט געשטערט: קוים איז דער האנדעל פריי געוועהן אונ בעהאלטען האבען זיי זיך שוין מעהר ניט בעדארפט, האבען די יודען פערשטאנען אזוי צו לעבען אונ אזוי נוצליך ווערען פאר דער שטאדט, אז אללע האבען זיי געשאצט אונ ביסלעבווייז האט זיי דאס פאלק אלליין געגעבען אללע רעכטע. קיין צעהן יאהר זיינען נאך ניט אוועקגעגאנגען אונ די יודען האבען אין האמבורג זיך געפיהלט אזוי פעסט, אז זיי האבען זיך שוין ערלויבט אפענטליך ארויסצוטרעטען געגען גויען: זיי האבען געאפענט א שול, האטש מען האט עס ניט געטארט, אונ האבען אראבגעבראכט פון אמסטערדם ארב ר׳ יצחק אטהיאס. אט צו ליעב דער שול, וואס איז אין גאנצען בעשטאנען פון צוויי קליינע חדרים האט די מלוכה געהאט זייער פיעל מיה, ווייל פון אללע זייטען זיינען די גייסטליכע אנגעפאלען אונ האבען געשריגען אז גיינען די יודען ווייזט מען ארויס מעהר חסד ווי גיינען קריסטען. אביסעל האבען זיי טאקי רעכט געהאט, ווארום די קאטאליקען האבען ניט געטארט האבען אין האמבורג קיין קירכע. די מלוכה האט זיך ווייטער געמוזט פערענטפערן, זי האט ערקלאהרט אז די יודען האבען גאר קיין שול ניט, נאר זיי קומען זיך גלאט אזוי צונויף אין א פראסטער שטוב אונ לערנען דארט תורה אדער זיי זאגען תהלים. אללע האבען פערשטאנען אז דאס זאגט מען זיי נאר לפנים אונ די שונאי ישראל האבען געהאט א נייע געלעגענהייט צו שיטען מיט פייער אויף די יודען. עס האבען זיך געפונען אזעלכע וואס האבען זיך ניט געשעמט פארצולעגען אז די יודען זאלען זיך אויסקלויבען ארב צווישען די גייסטליכע. די מלוכה האט זיך אבער געמאכט ניט וויסענדיג אונ די יודען האבען זיך ווידער געטהון זייערס: זיי האבען מיט זייערע מעשים בעוויזען אז זיי זיינען ניט קיין לעדיג־געהערס אונ אז האמבורג האט זיי נאר צו פערדאנקען וואס עס איז פון איהר געווארען אזא גרויסע האנדעלס־שטאדט.

אז עס האט זיך אים יאהר 1263 געאפענט די האמבורגער באנק זיינען צווישען די ערשטע גרינדער געוועהן צוועלף יודישע גבירים: מרדכי אבענדאנא, דוד בראנדאן, יאהאן פראנציסקא בראנדאן, גאנזאלווא קארלאס, דיעגא קרדוזה, אברהם די אקאסטא, פראנטשעסקא גאמעס, דיעגא גאנזאלווא דאלימא. העגריקו דאלימא, גאנזאלווא לאפעץ, יוסף מענדעז אונ לאפע נונעס. דעמאלט האט זיך אויך בעזעצט

אין האמבורג איינער פון די בעריהמטע שפאנישע מאראנען, דיעגא טעקסיירא דע מאטטאס, וואס איז פריהר געוועהן שפאנישער געזאנדטער אין פלאנדערן אונ ערשט אז ער איז געווארען אַ זקן פון זיבציג יאהר, האט ער בעקומען די מעגליכקייט זיך אומקעהרען צום יודענטהום. טעקסיירא איז געוועהן זעהר רייך אונ אז ער פלעגט ארויספאהרען אין גאס מיט דער טהייערער קארעטע, געקליידעט אין די פיינסטע זיידענע מלבושים, פלעגען איהם אללע גריסען מיט גרויס דרך ארץ. עס האט זיך אפילו איין מאל געמאכט אז אַ גייסטליכער האט איהם בעגעגענט אונ האט איהם נאך זיין הדרת פנים גערעכענט פאר אַ פירסט; אַוודאי האט ער פאר איהם אראבגענומען דאס היטעל אונ אז ער איז דערנאך געוואהר געווארען וועמען ער האט אבגעגעבען כבוד האט ער זיך אויסגעגעסען די גאל אונ האט געשריגען, אז עס וואלט אַ יושר געוועהן די יודען להלוטין ארויסצוטרייבען פון האמבורג, כדי קיינער פון זיי זאל איהם שוין מעהר ניט ברענגען צו אזא שטארקען חטא.....

צווישען די שונאים, וואס זענען ניט מיעד געווארען צו שרייען אז די יודען זענען איין אומגליק פאר האמבורג, האט דעם ערשטען פלאץ פערנומען יאהאנגעס מיללער, אַ גייסטליכער, וואס האט זיך איינגערעדט, אז ער וועט זיך פערדיענען זיין עולם הבא נאר דערמיט וואס ער וועט שעלטען אונ זידלען דאס יודישע פאלק. אז ביסלעכווייז האבען זיך אין האמבורג בעזעצט אויך דייטשע יודען אונ זיי האבען זיך געמאכט דארט אַ בעזונדער שול, האט עס יאהאנגעס מיללער שוין ניט געקאנט אריבערטראגען אונ ער האט אנגעמאכט אזא געוואלד, גלייך ווי אַ ערדציטערניש אדער אַ מגפה וואלט בעדארפט קומען אויף דער שטאדט. די מלוכה האט איהם אבער געאנטפערט קורץ אונ שארף אז, ערשטענס, האלט זי עס דוקא ניט פאר אַ חסרון ווען מענשען היטען אב זייער אמונה אונ לעבען ניט אזוי ווי די ווילדע חיות, אונ אז, צווייטענס, טאר זי ניט צומאכען די יודישע שולען, ווייל דעמאלט וועלען די יודען געוויס אוועקפאהרען אונ עס וועט ווערען אַ תל פון גאנץ האמבורג. אזוי האבען די יודען אלדינג אויסגעפיהרט; די מלוכה איז געגאנגען מיט עהרליכקייט, אונ דארט וואו אמת אונ יושר האבען ניט געהאט קיין גרויסען ווערטה, איז די יודישע מטבע געוועהן די בעסטע קמיע אונ האט זיי ארויסגעשלעפט פון אללע צרות. מען מאג זאגען, אז אין יענער צייט איז נאר איין יאהאנגעס מיללער געוועהן אַ נקי בכפים, אונ ווען ער האט צו זיך עטליכע חברים אזעלכע ווי ער אלליין, וואלט אוודאי ניט גוט געוועהן; ניט אללע האבען זיך אבער געהאלטען

אין זיין גאנג, אונ דערפאר האבען די יודען פון האמבורג געלעבט רוהיג אין האבען זיך גענומען בויען, טאקי אויף א אפענטליכען פלאץ אונ ניט אין קיין פרעמד הויז ווי פריהר, א גרויסע שול די שונאים אויף צו להכעים. דעמאלט איז דוקא ביים קאניג פון דענעמארק "כריסטיאן דעם פיערטען", א יוד ר׳ בנימין מוספיא געווארען לייב-דאקטאר אונ די מלוכה פון פארטוגאל האט געמאכט צווי יודען, דוארטע נונעס דא קאסטא אונ יעקב קוריאל, פאר געזאנדטע; אויך דער קאניג פערדינאנד דער פיערטע האט א יודען, עמנואל ראזאלעס, געשענקט דעם גרויסען טיטעל "פפאלצגראף"

אין יענער צייט איז אויך געווארען א קליינע קהלה פון מאראנען אין בראזיליען, אין דער שטאדט פערנאמבוקא, ווייל אהין האט פארטוגאל פערשיקט א סך מאראנען אונ זיי האבען דערנאך פיעל געהאלפען אז האללאנד זאל אבנעהמען בראזיליען, אונ קוים האט זיך די מדינה שוין געפונען אונטער דער מאכט פון האללאנד האבען די מאראנען אראבגעווארפען פון זיך די מאסקע אונ זענען געווארען פאלקאמענע יודען. זיי האבען זיך געמאכט אין א קליין שטאדטעל רעציפע א בעזונדער "קהלה קדושה" אונ האבען געשריבען צו זייערע ברידער קיין אמשטרדם אז זיי מאגען צו זיי ארויסשיקען מענשען. דעמאלט איז פון אמשטרדם ארויסגעפאהרען קיין בראזיליען א גאנצע געזעלשאפט אונ צווישען זיי איז אויך געוועהן ר׳ יצחק אבוהב דא פאנסעקא, וואס איז אים יאהר 1642 געווארען הויפט-רב פון בראזיליען. אין טאמאריקא איז אויך געווארען א יודישע קהלה אונ ר׳ יעקב לגרטו, א גרויסער למדן, איז דארט געוועהן רב. דאס פארשטעהט מען אז די יודען פון בראזיליען האבען געהאט אללע רעכטע אונ זיי האבען געשיצט דאס לאנד אי מיט גבורה, אי מיט חכמה. דארט וואו מען האט בעדארפט געהען מיט כח זענען זיי גאר קיין פוילער ניט געוועהן אונ האבען געקאנט דעם שונא האלטען אין דער מורא; דארט וואו עס איז אבער נאטהיג געוועהן עפיס אויפצוטהון אונ געפינען א רעכטע עצה, האבען זיי ארויסגעוויזען אז ניט אומזיסט קומען זיי ארויס פון די חכמים, וואס האבען דעם שכל קיינמאל ניט אוועקגעלאזט אן אזייט. אז די פארטוגעזען פון בראזיליען האבען געוואלט ארויס פטר׳ן פון דארט די האללאנדער אונ האבען זיך אבגערעדט מען זאל מאכען קלאמערשט פאר זיי א הזעודה אונ פלוצלונג זאל מען אויף זיי אנפאלען אומגעריכט אונ ניט איבערלאזען פון זיי קיין ביינדעל, האט א יוד באלד אנגעשמעקט וואס מען וויל דא אויפטהון,

ער האט בעצייטענס געגעבען צו וויסען אונ די שלעכטע מענשען זענען אלליין אריינגעפאלען אין דעם גרוב וואס זיי האבען געגראבען פאר אנדערע. אז עס האט זיך דערנאך, אים יאהר 1686, אנגעהויבען א מלחמה צווישען די פארטוגעזען אונ די האללענדער, מען האט בעלאגערט דאס שטאדטעל רעציפע, עס זענען אויסגעגאנגען אללע לעבענסמיטעל אונ די האללענדער האבען ניט געקאנט צוזעהען ווי די אנדער איינוואהנער געהען אויס פאר הונגער אונ האבען זיך שוין געוואלט אונטערגעבען, האבען די יודען זיך פעסט אנידערגעשטעלט אונ האבען געפאדערט מען זאל זיך שלאגען ביז צום לעצטען טראפען בלוט אבי האללאנד זאל ניט דארפען מיט בושה אנבויגען דעם קאפ. אודאי האט האללאנד די יודען געהאט צו דאנקען וואס זי האט אויסגעפיהרט איהרס, אונ אומעדום וואו די האללענדער האבען נאר געהאט צו שאפען, האט מען די יודען געשאצט פאר זייער געטריישאפט אונ נוצליכקייט.

ניט אזוי גליקליך זענען געוועהן די מארראנען, וואס זענען פערווארפען געווארען קיין פראנקרייך. גראסטענטהיילס האבען זיי זיך בעזעצט אין בארדא נאך אים יאהר 1550, אונ האבען דארט געפיהרט גרויסע געשעפטען. די מלוכה האט גוט געוואוסט ווער זיי זענען, נאר פון דעסטוועגען האט זי זיי ערלויבט צו בלייבען אין לאנד, זי האט זיי גערופען נייע קריסטען אונ האט מיט זיי אויסגענומען א תנאי, אז ווי אזוי זיי זאלען זיך ניט פיהרען ביי זיך אין דער היים, מוזען זיי לפנים אבהיטען דאס קריסטענטהום, טויפען די קינדער, חתונה האבען אין די קירכען אונ רופען זיך נאר מיט קריסטליכע נאהמען. ווי עס שיינט, האבען די מארראנען · אדער נייע-קריסטען, פערשטאנען זיך בעליעבט צו מאכען ביים פאלק, וואס האט גוט געזעהען אז זייער גאנצע הנהגה איז יודיש, אונ זיי זענען אפילו געבליבען גאנץ, אין דער שרעקליכער בארטהאלאמעאישע נאכט ווען די קאטאליקען האבען אויסגעקוילעט אללע זייערע געגנער. אזוי האבען זיי זיך געלעבט נישט קשה, נאר זייער וועטהיג איז ניט געוועהן איבערצוטראגען וואס זיי זענען געצוואונגען געוועהן לפנים זיך צו פערשטעלען. אים יאהר 1636 איז אין בארדא שוין געוועהן א מארראנישע קהלה פון צוויי הונדערט זעכציג מענשען, אונ נאך עטליכע קליינערע קהלות האבען זיך געפונען אין באיאן אונ אין אנדערע ערטער, נאר זיי האבען זיך נאך אלץ גערעכענט ווי נייע-קריסטען. ערשט שפעטער מיט פינפציג יאהר האט זיי לודוויג דער פירצעהנטער געגעבען דאס רעכט צו ווערען יודען, אונ גרויס איז געוועהן די שמחה פון די דאזיגע, וואס האבען דערלעבט צו זעהען אז עס איז מקוים געווארען דאס,

וואס איז געוועהן די בעסטע האפנונג פון זייערע עלטערן אין א צייט פון עטליכע דורות.

ז די דרייסיג יאהריגע מלחמה און חמעלניצקי׳ס צייטען.

(1118—1655 נאך קריסטוס געבורט).

ווען אין האללאנד האבען די יודען זיך געוואַרמט בײַ דער זון פון פרייהייט, איז דער הימעל כמעט אין גאַנץ אייראָפּאַ נאך געוועהן גוט פערחמארעט און גאר אַ בעזונדערע פינסטערניס האט בעדעקט דייטשלאנד. די צאהל פון די האמבורגער יודען איז נאך געוועהן זעהר קליין; אין אַנדערע ערטער האבען זיי געוואוינט צו טויזענדער משפחות, נאר זייער לאגע איז געוועהן שרעקליך טרויעריג. אין פראג האבען זיך געפונען צעהן טויזענד יודען, אין פראנקפורט אם מאין — פינף טויזענד, אין וויען — דריי טויזענד און אין ווארמס — פיערצעהן הונדערט. נאר מען קאן גאר ניט רעכנען אַז זיי האבען דארט געלעבט, ווייל אַחוץ דעם, וואס מען האט זיי צו קיין זאך ניט צוגעלאזט און זיי האבען געמוזט ביטער האָרעווען אויפ׳ן טרוקען שטיקעל ברויט, האט מען זיי פשוט ניט געלאזט קיין גאס דורכגעהען. מען פלעגט זיי נאכוואַרפען שטיינער און זיך מאכען אַ לוסטשפּיעל פון רייסען בארד און פליקען פאות. פון דעסטוועגען, ווי אַזוי שלעכט די יודען איז ניט געוועהן אין דייטשלאנד, האט עס די מאַראַנען פארט געצויגען צו זיי און זיי האבען געוואלט פערשווארצט ווערען האטש צוזאמען מיט זייערע ברידער; דערפאר האבען זיך פיעל מאַראַנען בעזעצט אין פראנקפורט אם מאין, האטש מען האט זיי ניט ערלויבט צו בויען אַ אייגענע שול און זיי האבען דערזעהן דארט די יודען אין אַזא מצב אַז עס איז זיי פינסטער געווארען אין די אויגען.

אין פראנקפורט אם מאין איז טאַקי דעמאלט געוועהן אַ בעזונדער „געזעץ פאר די יודען" און מען ווייסט ניט וועלכעס מען דארף מעהר בעוואונדערן, צו די ווילדע רציחה פון די דאזיגע, וואס האבען אַרויסגעגעבען אַזא מין „געזעץ" אָדער דאס שטאַרקהייט פון די אומגליקליכע וואס האבען עס איבערגעטראגען. וואהנען האבען די יודען געמוזט אין אַ בעזונדער „געהטא", דאס איז אַ קליינער טהייל פון דער שטאדט וואס פלעגט בײַ נאכט ווערען סגור ומסוגר און מען האט קיינעם ניט אַרויסגעלאזט, קיין קריסטליכע אמען און

דיענסטען האבען זיי ניט געטארט האלטען אונ, אויסער שאנדליכע צייכען אויף די קליידער, האט מען זיי אויך געצוואונגען אויף זייערע הייזער מאכען אזעלכע סימנים, ווי אויסמאלען אויף דער וואנד איין עזעל אדער אויסשמירען מיט אזיינע גרעללע קאליערען, כדי דער עולם זאל האבען פון וואס צו לאכען. ביי טאג האט מען זיי אויך ניט געלאזט גאר פריי ארויסגעהען פון דער געהטא, אונ ווער עס האט זיך געוואלט אריינגעהן אין אנדערע גאסען האט געמוזט דערנייזען אז ער האט א נאטהיג געשעפט, אדער געבען דעם פאליציע א מתנה יד זי זאל אוועקקוקען, אי דאס האבען צוויי יודען צוזאמען ניט געטארט געהען, אונ ווער שמיעסט אין א יום טוב אדער ווען עס פלעגט אין שטאדט אריינקומען עפיס א גאסט פון די גרויסע שררות, דעמאלט איז טאקי געוועהן א סכנה פאר יודען זיך ארויסצוווייזען, אויף דער ליכטיגער שיין. אין געהטא אליין האט מען אויך פון זיי ניט געטארט הערען קיין הויך קול, קוים איז נאכט געווארען האבען זיי זיך באלד געמוזט לעגען שלאפען, קיין אורחים האבען זיי ביי זיך ניט געטארט אויפנעהמען אונ אפילו אין שפיטאל האבען זיי געמוזט אנקומען צום מאגיסטראט ער זאל ערלויבען אריינלאזען קראנקע פון דער פרעמד. אין מארק האבען די יודען געהאט דאס רעכט איינצוקויפען זיך אפילו שפייז אונ עסענווארג ערשט נאך דעם, ווען אללע קריסטען האבען פאר זיך שוין אלדינג איינגעקויפט. ביי דעם אללעמען האט דער יוד געמוזט צאהלען דער שטאדט מס דריי מאל אזוי פיעל ווי אנדערע, אונ האט נאך ניט געקאנט לעבען רוהיג, וויל דער מאגיסטראט האט דאס רעכט געהאט יעדען יודען באלד הייסען געהען גאר אהן טענות, אונ אזוי האבען זיך די יודען שטאנדיג געפיהלט אויף א פרעמדער פוהר אונ יעדער טאג, וואס מען האט איבערגעלעבט אין צרות אונ פיין, איז ביי זיי געוועהן א געשאנקטער.

נאר אפילו אזא פערשאלטען לעבען פון די פראנקפורטער יודען האט ניט געלאזט רוהען זייערע ביטערע שונאים, אונ באלד האט זיך אבגעזוכט א בעקער, ווינצענץ פעטמילך וואס האט זיך שטארק מתקנא געוועהן אין המן הרשע אונ האט זעהר געוואלט מאכען א תל פון אללע יודען. אים יאהר 1614, פונקט אים ראש השנה, ווען אללע יודען זענען געוועהן אין שול, איז פעטמילך אנגעפאלען מיט א גאנצע באנדע רוצחים אויף די יודישע הייזער אונ מען האט אנגעהויבען ראבעווען, ברענען אונ קוילען. די יודען האבען באלד געזעהען אז דער מאגיסטראט שטעהט פון ווייטענס אונ וויל זיי ניט העלפען; אוודאי האבען די יונגע לייט, וואס האבען זיך געפיהלט אין כח,

געהאפט צו געוועהר אונ עס איז געווארען א גרויסע שחיטה, נאר פון יודען זענען געפאלען מעהר, ווייל פעטמילך'ס חברה איז געוועהן גראסער אין דער צאהל. ניצל זענען נאר געווארען די דאזיגע 1380 יודען, וואס זענען גלייך פון דער שול אין קיטעל אונ טלית אנטלאפען אויפ'ן בית עולם אונ האבען גע־האלטען די נשמה אין די האנד ביז מען האט אויף זיי רחמנות געהאט אונ מען האט זיי געעפענט דעם טויער פון דער שטאדט, זיי זאלען קאנען אוועק נאקעט אונ בלויז וואוהין די אויגען וועלען זיי טראגען. דאס אייגענע האט מען אויך געטהון מיט די יודען פון ווארמס; נאר דארט איז עס האטש צוגעגאנגען שטיל אונ עס האט ניט בעדארפט קומען צו בלוט פערגיסען. עס האט זיך געפונען איין אדוואקאט העמניץ, וואס האט מיט גוטען פערשטעהען גע־געבען די יודען אז זיי טארען ניט מאכען קיין לאנגע שיהות אונ מוזען שוין ארויס פון ווארמס, אויב זיי ווילען ניט עס זאל קומען צו הריגות. די יודען האבען שוין געהערט וואס עס איז פארגעקומען אין פראנקפורט אם מאין אונ האבען פערשטאנען אז זיי קאנען טאקי דא מאוס אבשניידען; דאריבער האבען זיי געמוזט אים אחרון של פסח, פונ'ם יאהר 1615, פארנעהמען וואס זיי האבען נאר געקאנט אונ זיך לאזען געהען. זייער גאנץ שטיקעל גליק איז נאך געוועהן וואס דער ארכיעפיסקאפ פון מאינץ אונ דער לאנדגראף לודוויג פון דארמ־שטאדט האבען זיי אריינגעלאזט אין זייערע שטעדטלעך אונ דערפער, אונ דארט זענען זיי זיך צונויפגעקומען מיט זייערע פראנקפורטער ברידער אונ אללע צוזאמען האבען אנגעהויבען טראכטען וואוהין זיך צו לאזען זוכען א נייע היים.

די שמחה פון די ווארמסער איינוואהנער, וואס זיי האבען ארויסגעפטרט די יודען פון דארט, האט אבער ניט לאנג געדויערט: דער קורפירסט פרידריך פון דער פפאלץ, וואס איז געוועהן א גוטער פריינד פונ'ם בעריהמטען יודישען דאקטאר, ר' אברהם זכותא לוזיטאנא, האט זיך אנגענומען די קריוודע פון די יודען, ער איז צוגעקומען קיין ווארמס מיט פיעל חיל, דעם אדוואקאט העמניץ מיט זיין חברה האט ער באלד איינגעזעצט אין תפיסה אונ מיט די איבריגע איינוואהנער האט ער זיך גוט אבגערעכענט. דערווייל זענען אבער אוועקגעגאנגען ניין חדשים ביז עס איז געווארען אין גאנצען שטיל, אונ די יודען זענען אים שטאנד געוועהן, דעם 19 יאנוואר 1616, צוריק אריין אין זייערע הייזער. ערשט שפעטער מיט צוויי חדשים האבען זיך אויך אומגעקעהרט די פראנקפורטער יודען; נאר דארט האט די מלוכה שטרענגער בעשטראפט די מורדים, ווייל עס איז געקומען צו גזלה אונ רציחה: די שטאדט האט געמוזט

בעצאהלען פאר'ן יודישען היזק 175,919 גולדען. ווינצענץ פעטמילך האט מען געפיערטהיילט אונ אויפגעהאנגען, אונ זיין גאנצע משפחה האט מען ארויס־געטריבען פונ'ם לאנד. דאס איז געשעהען דעם צוואנציגסטען אדר, אונ די יודען האבען זיך געמאכט דעמאלט אצוויי־טען פורים, אונ אסך דורות שפעטער האט זיך אין פראנקפורט אם מאין געהאלטען דעם מנהג צו מאכען אין דעם טאג יום טוב, וואס האט געהייסען „פורים־ווינץ״.

שטארק בעסער איז די יודען פון דייטשלאנד נאך דעם ניט געווארען, די אלטע גזרות זענען געבליבען אין זייער קראפט, עס זענען נאך אפילו צוגע־קומען נייע: די יודען האבען געמוזט צאהלען בעזונדערע נתינות פון חתונות אונ ירושה, זייער צאהל האט נאר געקאנט זיין אין יעדער שטאדט ביז פינף הונדערט, צוקומען פון דער פרעמד האבען געמאגט יעדעס יאהר ניט מעהר פון זעכס משפחות, אונ נאר צוועלף חתונות האט מען ערלויבט צו מאכען.

נאר גוט איז האטש געוועהן דאס, וואס דער קייזער מאטהאיס האט בע־פאהלען מען זאל אכהיטען דאס לעבען אונ דאס פערמעגען פון די יודען, אונ אזא בעפעהל איז זיי שטארק צו נוטץ געקומען אין דער צייט פון דער דרייסיג יאהריגער מלחמה, ווען זיי וואלטען זעהר גרינג געקאנט ווערען דער שעיר המשתלח. אפילו דער קייזער פערדינאנד דער צווייטע, וואס איז געוועהן אפייעריגער קאטאליק אונ האט געוואלט אהיל מאכען פון אללע וואס געהערען ניט צו דער רעליגיאן, האט ניט געהייסען אנרירען די יודען, אונ גאנץ אפט פלעגען זיך ביי זיי פראטעסטאנטען בעהאלטען אונ דורך דעם ניצל ווערען פון אסכנה. דאס האט די מלוכה געטהון מיט אכונה, ווייל זי האט געוואוסט, אז יודען ברענגען ניט אוים קיין געלד אונ אז זייערע אנגעזאמעלטע קאפיטאלען קאנען איהר שטאנדיג ארייננפאלען אין די האנד, ווען זי וועט זיי דארפען.

אזוי האט טאקי געטהון דער וויענער הויף, ווען ער האט בעדארפט האבען יודיש געלד אויף הוצאות צו דער מלחמה. ער האט געמאכט עטליכע יודען פאר הויף־יודען, דאס הייסט: ער האט זיי געגעבען אללע רעכט צו האנדלען מיט וואס זיי ווילען, זיי האבען זיך געמאגט בעזעצען אומעדום, אונ אפילו קיין צייכען אויף די קליידער האבען זיי ניט בעדארפט טראגען; דער־פאר האבען זיי זיך געלאזט צאפען, נאר אליין האבען זיי אויך דערצו ניט דערלעגט, אונ ניט אומזיסט האט זיך די יודישע קהלה אין מאינץ גערעכענט פאר איינער פון די רייכסטע, אונ האטש די שטאדט האט זיך גענוג אנגעליטען

אין די פינף יאהר (פון 1631 ביז 1636) וואס די שוועדען זענען דארט געשטאנען, פון דעסטוועגען זענען די יודען אים שטאנד געוועהן, באלד ווי עס האט זיך געענדיגט די מלחמה, זיך שטעלען בויען א גרויסע שול. איבערהויפט האט די דרייסיג יאהריגע מלחמה ניט געשאדט די דייטשע יודען, ווייל קוים זענען זיי געוועהן פערזיכערט אז זייער לעבען איז ניט אין סכנה, האבען זיי געארבייט אונ געזוכט פערדיענסט, קיין אויסברענגערס זענען זיי קיין מאל ניט געוועהן אונ האבען שכל געהאט צו בעהאלטען דעם גראשען. דערפאר אז דאס אומגליק האט זיך אויסגעגאסען אויף די יודען פון פולין אונ פיעל פון זיי האבען זיך געמוזט זוכען א נייע היים, האבען זיי געפונען א מקום מנוחה ביי זייערע דייטשע ברידער, אונ די קאפיטאלען זייערע זענען זיי שטארק צו נוטץ געקומען, ווען זיי האבען בעדארפט שטיצען אומגליקליכע, וואס זענען קוים לעבעדיג ארויס פון די רוצחים'ס האנד.

א גרויסע צרה האט זיך טאקי פלוצלונג אנגערוקט אויף די יודען פון פולין, וואס האבען הונדערטער יאהרען געלעבט רוהיג, האטש אז מען קוקט זיך גוט צו זעהט מען, אז די זאך האט געהאט איהר סבה אונ איז ניט געשעהען אזוי אונגעריווארטעט ווי עס האט זיך געביך אויסגעוויזען די טויזענדער אומשולדיגע, וואס האבען געגאסען דעם זכות פון עטליכע געצאהלטע יודען. אין פולין האבען די פריצים קיין מאל זיך ניט געוואלט אבגעבען מיט ארבייט, טויזענדער בויערן האבען געהארעוועט אויף זיי אונ, אז מען האט בעדארפט עפים אויפטהון א שכל־זאך, האט מען אויך געהאלטען פאר איבריג צו ברעכען דעם מח, אונ יעדער פריץ האט שוין געהאט זיין יודען, וואס איז ביי איהם געוועהן דער גאנצער בעל הבית, אונ פלעגט שוין אכטונג געבען אז קיין געלד זאל איהם ניט פעהלען אונ א רעכטע עצה זאל ער אויך שטאנדיג האבען. די קאטאלישע גייסטליכע, אונ בעזאנדערס די יעזואיטען, האט שטארק ניט געשמעקט, וואס די יודען זענען אזעלכע חשובים ביי די גראסטע שררות, נאר זיי האבען גאר ניט געקאנט מאכען, ווייל אהן די יודען איז שווער געוועהן זיך צו בעגעהען, אונ דערצו האט זיי נאך דער קעניג וולאדיסלאוו דער פיערטע געשטיצט. אזוי האבען געמוזט די גייסטליכע אויך שווייגען, האטש אין הארצען האט עס זיי גוט געקראנקט וואס זיי האבען ניט קיין רעכטען פלאץ, וואו צו פארשפרייטען זייער גיפט. אז עס איז אבער בעשערט איין אומגליק קומט עס גאר פון איין אנדער זייט. ביים ברעג פונ'ם דניעפר אונ פונ'ם שווארצען ים האבען זיך בעזעצט אנטלאפענע פאלישע בויערן, אונ אזוי

מענשען וואס האבען קיין היים ניט געהאט, אדער זיך ניט געטאָרט דאָרט
ווייזען . זיי האבען זיך גערופען קאזאקען אדער זאפאראזשצי, און האבען
געהאט זייער אייגענעם ראש, אדער אטאמאן, האטש געשטאנען זענען
זיי אונטער דער מאכט פון דער פוילישער מלוכה. די קאזאקען זענען געווען
גרויסע גבורים . די טאטארען און טירקען פלעגען אפט פון זיי ליידען;
די פוילישע מלוכה האט אבער ניט פערשטאנען ווי אזוי זיך צו בענוצען מיט
אזא קראפט און האט די קאזאקען שטאנדיג נאר גערייצט און זיי געמאכט פאר
איינוועניגסטע שונאים. געקומען האט זיך עס דערפון וואס די קאזאקען האבען
געהערט צו דער גריכישער קירכע (פראוואסלאוויע) און מען האט זיי מיט
געוואלד געוואלט מאכען פאר קאטאליקען. ביי אמונה־זאכען קאן מען אבער
מיט כח זעהר ווייניג אויספיהרען, און די קאזאקען האבען זיך געוויס ניט גע־
וואלט אונטערגעבען; דערפאר האבען די דריי פריצים קאניעצפאלסקי,
ווישניעוועצקי און פאטאצקי, וועלכע האבען געהאט צו זאגען איבער
זיי, זיך ענטשלאסען זיי אזוי צו מוטשען, אז דאס לעבען זאל זיי ניט ליעב
זיין. ווען די פוילישע יודען זאלען געוועהן האבען מעהר שכל, וואלטען זיי זיך
אין אזעלכע זאכען געוויס ניט געמישט; צום אומגליק אבער, האט זיי די פרנסה
געטריבען זיי זאלען ניט זיין קיין אויסקלויבערס און זוכען דאס שטיקעל ברויט
אומעדום, וואו עס לאזט זיך נאר. די רבנים ווידער זענען געוועהן פערטראגען
מיט זייער פלפול, זייערע מוחות זענען ארומגעפלויגען אין די הויכע וועלטען
און עס איז זיי גאר ניט אנגעגאנגען וואס זייער „ארעם פאלק" ארבייטעט אויף
דער זינדיגער ערד און פון וואנען זיי ציהען די חיונה. אודאי אז די פריצים
האבען פון די קאזאקען געריסען די הויט און גענומען ביי זיי גרויסע נתינות,
האבען זיי עס געטהון דורך יודישע האנד. ביי טויפען קינדער אדער חתונה
מאכען האבען די קאזאקען געמוזט צאהלען מס, און דער משגיח דארויף איז מן
הסתם געוועהן א יוד. דערפאר פלעגט זיך שטאנדיג געפינען דער שליסעל פון
דער קירכע ביים יודען, און מען קאן זיך פארשטעלען די לאגע פון די קאזאקען
וואס האבען ניט געטאָרט בעטען ביז דער יוד האט ניט אבגענומען פאר'ן פריץ
די עטליכע גולדען און האט ניט געאפענט די פערשלאסענע קירכע. אודאי
האט מען ניט געקאנט פאדערן פון'ם פראסטען קאזאק ער זאל זיין אזא בר
שכל און אזא בעל ישר, אז ער זאל זיך רוהיג און קאלטבלוטיג אנידערזעצען
און קלערען ווער עס איז מעהר שולדיג, צו דער פריץ וואס נעהמט ביי איהם
דעם מס, צו דער יוד וואס ער פערדינט איהם די הכנסה דערפון; ער האט

געפיהלט אז עס איז איהם שלעכט, אז מען טרעט דאס הייליגסטע ביי איהם מיט די פיס. דער פריץ איז געשטאנען פון ווייטען, געזעהען פאר זיך האט ער נאר דעם יודען, און עס איז גאר קיין וואונדער ניט וואס ער האט בעטראכט דעם יודען פאר'ן ערגסטען משחית, און זיין שנאה צו איהם איז מיט יעדען טאג געווארען גרעסער. אים יאהר 1638 האבען די קאזאקען ארויסגעוויזען זייער ערשטען כעס און זיי האבען זיך, צוזאמען מיט זייער אטאמאן פ א וו ל י ו ק, צובונטעוועט און האבען נאר אין א קורצער צייט אויסגעקוילעט איבער צוויי הונדערט יודען און האבען פערברענט עטליכע שולען. דאס וואלט אפילו בעדארפט עפנען די יודען די אויגען, זיי זאלען אוועקווארפען די מאוסע פרנסות, וואס נאר נויטה און הונגער דארפען צווינגען דעם מענשען דערצו. דאס קלוגע פאלק, וואס איז פול געוועהן מיט הסברות און איבער־שפיצלעך, האט אבער ניט געהאט קיין שכל אויף אזא פשוט'ע זאך, און אפילו אזעלכע בעריהמטע רבנים און לומדים פון יענער צייט, ווי ר' יהושע פאלק כהן, ר' מאיר לובלין, ר' שמואל איידליש (דער מהרש"א) און ר' שבתי כהן (דער ש"ך), האבען זיך ניט געוואלט אומקוקען און האבען זיך גאר געטרעסט מיט דער האפנונג אז דער גאנצער גלות דארף נאך געדויערן א יאהר צעהן, ווייל די מקובלים האבען אויסגערעכענט אז פונקט אים יאהר 1648 מוז ווערען א פערענדערונג אין דעם מעמד פון די יודען. אביסעל האבען זיי געטראפען: דאס ביטערע יאהר האט זיך אנגערוקט א פעראנדערונג איז מאקי געווארען, נאר א פעראנדערונג צום שלעכטען, ניט קיין ישועה, ניט קיין נחמה, נאר א בראך, און צרות, וואס האט טויזענדער יודען, וועלכע זענען אין גאר נישט שולדיג געוועהן, געווארפען פון די פיס און יודיש בלוט האט זיך אנגעהויבען גיסען ווי וואסער.

די פאלאקען האבען איבערגעצויגען דעם בויגען, און אז באגדאן חמעלניצקי איז געווארען אטאמאן ביי די קאזאקען איז ביי איהם געבליבען, ער זאל זיך אברעכענען מיט פולין, און קודם כל זאל ער אויסלאזען דעם כעס צו די יודען. אין היל פון די קאזאקען האבען זיך אפילו געפונען ניט ווייניג יודען, נאר דאס האט די רוצחים ניט געקאנט אבהאלטען, ווייל, ערשטענס, איז דאס גאנצע געשריי פון די קאזאקען געגאנגען נאר אויף די יודען, און צווייטענס, איז חמעלניצקי געוועהן אויפגעבראכט אויף א יודען, וואס האט איהם געמסרט אז ער האט געמאכט יד אחת מיט די טאטארען און וויל ארויסשפרינגען געגען דער פוילישער מלוכה. קיין ליגען האט דער יוד דווקא ניט

געזאגט, ווייל באלד האט זיך טאקי ארויסגעוויזען אז חמעלניצקי האט צו זיך צוגעצויגען די טאטארן און האט אנגעהויבען פערוויסטען אללע שטאדט צווישען קיעוו און פאלטאווא. דער גרויסער ברייטער דניעפר האט זיך געפארבט מיט יודיש בלוט און פון פערעיאסלאוו, באריספאל. פיריאטין און לובלין האבען זיך גאנצע טייכען געגאסען און רויט געמאכט זיינע חוואליעס, וואלען, אין די ערשטע פאר חדשים זענען שוין געפאלען עטליכע טויזענד מענשען, מען האט אויסגעקוילעט אלט און יונג, ווייבער און קינדער. און די געבליבענע וואס האבען געהאט מזל און זענען געבליבען לעבען האט מען פערקויפט פאר שקלאווען קיין קרים און פון דארט האבען זיי די טירקישע יודען אויסגעלאזט. אז מען איז געוואהר געווארען פון דער ערשטער שחיטה און מען האט געזעהען אז די טאטארען קוקען מעהר אויף א תכלית ווי די קאזאקען און מיינען נאר די מטבע, האבען זיך די יודען פון פראבשטשא און נאך דריי נאהענטע שטאדטלעך צונויפגענומען ביז דריי טויזענד מענשען און האבען זייער גאנץ מזומן געלד און צירונג ארויסגעטראגען און איבערגעגעבען די טאטארען מיט דער בקשה מען זאל זיי נאר שענקען דאס לעבען. די המצאה איז דווקא ניט געוועהן קיין שלעכטע: די טאטארען האבען טאקי הנאה געהאט וואס מען האט זיי איינגעשפארט איין ארבייט, און דערפאר האבען זיי גוט בעהאנדעלט די דאזיגע יודען, וואס זענען געפאלען אויף אזא וואהלען שכל און האבען זיך אליין אפגעראבעוועט: זיי האבען זיי אוועקגעשיקט צו דער טירקישער גרעניץ און דארט האבען שוין די יודען פון קאנסטאנטינאפאל זיי אויסגעקויפט. ווי עס ווייזט אויס האט מען פאר זיי וואלוועל ניט גענומען, ווייל די קאנסטאנטינאפאלער יודישע קהלה האט ניט געהאט אזוי פיעל געלד און האט געמוזט ארויסשיקען שליחים קיין האללאנד זאמלען נדבות אויף „פדיון שבוים״.

עס איז אודאי געוועהן ביטער און פינסטער די יודען און אויך די פאליאקען פון די דאזיגע ערטער, וואו חמעלניצקי מיט זיין באנדע האט זיך נאר געיאוועט. נאר דאס איז נאך געוועהן א גארנישט געגען דעם וואס עס האט זיך אנגעהויבען נאך דעם קאניג וולאדיסלאווס טויט, ווייל ווען ער האט געלעבט האט נאך חמעלניצקי אויף איהם פארט כבוד געלעגט, און קוים איז ער נאר געשטארבען, האט ער שוין ניט געהאט פאר וועמען זיך צו שאמען. אין די עטליכע חדשים, וואס פולין איז געוועהן אהן א קאניג, האט ער גענומען רשות זיין באנדע

זי זאל זיך צושפרייטען איבער דער גאנצער מדינה און זיי האבען אבגעטהון שרעקליכע זאכען. זיי האבען זיך גערופען אויף טאטאריש היידאמאקעס און באלד איז מען אין לאנד ערשט געוואהר געווארען דעם טייטש פון דעם ווארט, אז דאס הייסט א מענש אהן א נשמה, אהן א שום געפיהל, אהן א פונק פון רחמנות. איינער פון המעלניצקי'ס הויפט-לייט מאראזענקא איז געוועהן אזא אכזר אז ער פלעגט הייסען פאר איהם אין די אויגען דערווארגען מיט ארימען יודישע און פולישע פרויען און האט געהאט דעם גרעסטען תענוג זיך צוצוקוקען צו דעם שרעקליכען טויט. ניט קיין גרעסערער בעל ישר פון איהם איז געוועהן גאניא, וועלכער האט בעלאגערט נעמירוב. דארט האבען זיך געפונען ביז זעקס טויזענד הימישע און צונויפגעלאפענע יודען און זיי האבען אללע, צוזאמען מיט די פאליאקען, גוט געשיצט די שטאדט, וואס איז געוועהן שטארק בעפעסטיגט. אז גאניא האט געזעהען אז דאס איז א מעשה אויף א לאנגער צייט, האט ער זיך ענטשלאסען אויפצוטהון אזא חכמה: ער איז אויף א טאג אבגעטרעטען מיט דער גאנצער באנדע פון נעמירוב, כדי עס זאל אפנים האבען אז עס איז איהם נמאס געווארען צו ווארטען, אדער ער האט מורא טאמער קומט אן פוליש חיל; אויפ'ן אנדערן טאג האט מען טאקי דערהארט פון ווייטענס א פוליש געזאנג און מען האט דערזעהען ווי א גרויסע פולישע מחנה געהט קיין נעמירוב. מיט שמחה האט מען זיי באלד געעפענט די טויערן פון דער שטאדט, ווייל מען האט טאקי ארויסגעקוקט אז די מלוכה זאל צושיקען איהר חיל צו הילף; נאר קוים זענען די טהייערע געסט געוועהן אינוועניג האבען זיי זיך באלד ווי די ווילדע חיות געווארפען אויף די יודען, בעראבעוועט זייערע הייזער, געברענט שולען, צוריסען ספרי תורה, אויסגעהרג'ט ווייבער און קינדער, און דעמאלט האט מען ערשט פערשטאנען אז דאס זענען געוועהן פערשטעלטע היידאמאקעס, וואס האבען זיך אימיסטען אנגעטהון פולישע קליידער און האבען זיך אויף אזא אופן אריינגענארט אין שטאדט. דאס איז געשעהן אים מיטוואך, דעם צוואנציגסטען סיון, און די יודען האבען דעמאלט ארויסגעוויזען אז זיי האבען נאך ניט פערגעסען די אלטע צייטען און זיי זענען אים שטאנד מקדש השם צו זיין מיט ליעבשאפט און פעסטקייט ווי עס דארף צו זיין. דער רב ר' יחיאל מיכל האט צונויפגענומען דעם גאנצען עולם אין שול אריין און האט זיי אין א רירענדער דרשה פערשטעהן געגעבען אז זיי האבען זיך ניט צו שרעקען פאר דער לעצטער מינוט און דארפען נאר נאכטהון זייערע עלטערן, וואס האבען זיך ניט איין-

מאל מוסר נפש געוועהן פא״ר זייער פאלק אונ אמונה. ער איז אויך געוועהן דער ערשטער, וואס איז געשטארבען בעהארצט אונ אהן מורא, אונ איהם האבען נאכגעטהון טויזענדער יודען, וואס זענען מיט שמחה אקעגענגעגאנגען דעם טויט. ניט נאר אלטערע מענשען האבען זייער לעבען געענדיגט ווי קדושים; דאס אייגענע האבען געטהון גאר יונגע קינדער, אונ עס איז נאר צו בעוואונדערן ווי אללע, פון גרויס ביז קליין, זענען געוועהן נאר פון איין געדאנק — צו שטארבען פאר דעם וואס איז דאס הייליגסטע אונ טהייערסטע. מען דערצאהלט אז צוויי יודישע מאדלעך זענען זעהר געפאלען די היידאמאקעס אונ א פאר פון זיי האבען געוואלט מיט זיי חתונה האבען. פאר די אומגליקליכע קינדער איז דאס אבער ערגער געוועהן פונ'ם טויט; דערפאר האבען זיי זיך ניט וויסענדיג געמאכט, זיי זענען קלאמערשט בעשטאנען אויפ'ן זווג, נאר אז איינע פון זיי איז געפאהרען איבער דער בריק אין קירכע אריין צו דער חופה האט זי זיך פונ'ם וואגען אראבגעווארפען גלייך אין וואסער אריין אונ האט זיך אין טייך געפונען א קבר. די צווייטע האט אויף איין אנדער אופן מפקיר געוועהן איהר לעבען: זי האט איינגערעדט דעם חתן, אז זי איז א כשוף־מאכערין אונ האט זיך מיט איהם געוועט, אז ער מאג אויף איהר שיסען ווי פיעל ער וויל אונ איהר וועט עס ניט שאדען; דער קאזאק האט ניט פערשטאנען איהר מיין, ער האט געמאכט א פריוו אונ דורך דעם ערשטען שאס האט זיך דאס קלוגע מאדעל בעפרייהט פון דעם ביטערן לעבען, וואס האט זי ערווארטעט. אזוי האט זיך אויך נוהג געוועהן איין אנדער פארטיע היידאמאקעס אין טולטשין, וואס זעכס טויזענד פאליאקען אונ צוויי טויזענד יודען האבען עס גוט אבגעהיט. די שטאדט איז געוועהן שטארק בעפעסטיגט, נאר די קאזאקען האבען שטילערהייד געלאזט זאגען די פאליאקען אז אויף זיי זענען זיי גאר ניט ברוגז אונ זיי דארפען זיך ניט שרעקען, עס וועט זיין פארקעהרט, בעסער ווען זיי וועלען זיי אלליין אריינלאזען קיין טולטשין, ווייל אין עיקר מיינען זיי נאר די יודען. די פאליאקען האבען זיך געלאזט איינרעדען, אונ האטש ערשט ניט לאנג האבען זיי צוזאמען מיט די יודען געגעבען א שבועה זיי זאלען ניט אבטרעטען איינער פון דעם אנדערן אונ זיך האלטען ביז צום לעצטען טראפען בלוט, האבען זיי אנגעהויבען דרעהען מיט דער צונג אונ האבען פארגעלעגט די יודען זיי זאלען ניט געהען מיט קיין תקיפות אונ בעסער אריינלאזען די שונאים מיט גוטען, טאמער וועלען זיי זיך בעגנוגען נאר מיט יודיש פערמעגען אונ וועלען ווייניגסטענס קיין בלוט ניט פערגיסען. די יודען האבען

באלד פערשטאנען, אז די פאליאקען האבען געבראכען זייער ווארט, נאר קיין אנדער ברירה האבען זיי ניט געהאט און האבען געמוזט אוועקווארפען דאס געוועהר. קוים האבען די היידאמאקעס געשטעלט נאר איין פוס אין שטאדט, האבען זיי שוין געפאדערט אז אללע יודען זאלען זיך טויפען, און אזוי ווי קיין איינציגער פון די יוד׳ן איז דארויף ניט בעשטאנען האבען זיי אין א פרייטאג, דעם פירטען תמוז, אויסגעהרג׳ט ביז פינפצעהן הונדערט יודען און נאר עטליכע רבנים האבען זיי איבערגעלאזט, ווייל זיי האבען געהערט אז די טירקישע יודען בעצאהלען אסך געלד פאר זייערע ברידער, און האבען פערשטאנען אז פאר רבנים וועלען זיי נאר בעקומען א מנה יפה. דערנאך האבען זיי ערשט געמאכט א סוף פון די פאליאקען, וועלכע האבען טהייער בעצאהלט פאר זייער פאלשקייט; און עס איז געבליבען אין אנדערע שטאדט, מען זאל זיך שוין מעהר ניט לאזען נארען און ניט גלויבען דעם שונא, ווען ער וויל מיט אליגען מעהר אויספיהרען ווי מיט כח.

אין דער איינענער צייט האט זיך איינער פון חמעלניצקי׳ס הויפטלייט האדקי מיט א דריטער באנדע היידאמאקעס צולאזט אויף איין אנדער זייט און האט א תל געמאכט פון טשערניגוב, סטאראדוב און בעזאנדערס פון האמעל, וואו עס זענען אומגעקומען מעהר פון פינפצעהן הונדערט יודען צוזאמען מיט׳ן רב ר׳ משה. פון די פאליאקען האט איין פירסט יערעמיאס וויש׳ניעוועצקי טאקי ערנסט געוואלט העלפען די יודען און האט זיי ניט איין מאל מיט זיין חיל מציל געוועהן פון א סכנה; צום אומגליק, האט ער זיך אבער לאנג ניט געקאנט האלטען און דעם דריטען אב איז אויך געפאלען די פעסטונג פולנאה און ביז צעהן טויזענד יודען האט מען דארט אויסגעקוילעט. דעמאלט איז דערהרג׳ט געווארען דער בעריהמטער מקובל ר׳ שמשון אסטראפאליר, וואס מען דערצאהלט פון איהם, אז ווי באלד עס האט זיך אנגעהויבען די שחיטה האט ער זיך, נאך מיט דריי הונדערט מקורבים, אנגעטהון אין תכריכים, און אז דער שונא איז צוגעקומען האט ער געמוזט בטל ווערען פאר פעסטקייט פון אזעלכע יודען. דאס איינענע איז אויך געשעהען אין מעזשיבוזש, זאסלאב, אסטראה, אלט קאנסטאנטין, און אומעדום האבען זיך געפונען גענוג יודען, וואס זענען געשטארבען ווי אמת׳ע קדושים. זעהר ווייניג האבען ניט געקאנט בעשטעהען דעם נסיון און זענען איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום.

פאר די יודען איז נאר ניט געוועהן קיין בעהאלטעניש, און חמעלניצקי׳ס

שווערד האט זיי געטראפען וואו זיי האבען זיך נאר געפונען, צו ווייט צו נאהענט. דאס יודישע בלוט האט זיך געגאסען פון גאנץ פולין, ליטא און אוקריינא, און אפילו די קראימער האבען אויך געגוג קרבנות געגעבען. פון דובנא ביז בראד איז אין אללע שטאדטלעך און דארפער ניט געבליבען קיין איינציגער יוד. אין באר האט מען אויסגעקוילעט ביז דריי טויזענד יודען, און אין קרעמעניץ האט זיך געפונען אזא אכזר וואס האט געהאט דאס הארץ צו דערהרג'ענען עטליכע הונדערט קליינע קינדער און זייערע קערפערס ארויס־ווארפען פאר די הינד; נאר פריהר האט ער נאך חוזק געמאכט פון דער יודישער בדיקה: ער האט געהייסען אויפשניידען די לייבער און קלאמערשט נאכמאכען דעם שוחט ווי ער קוקט איבער דאס פלייש צו איז עס כשר אדער טרפה. אז חמעלניצקי איז צוגעקומען קיין לעמבערג האט ער אבגעשפארט אללע ברונענס. אין שטאדט איז געווארען א שרעקליכע מגפה, פיעל זענען אזוי אויסגעשטארבען און די איבריגע האבען זיך געמוזט אויסקויפען מיט צוויי הונדערט טויזענד גולדען אחוץ צירונג, סחורות און אנדערע פערמעגען. פון לעמבערג האט ער זיך געלאזט געהן קיין ווארשויא, ווייל דארט האט מען בעדארפט אויסקלויבען א קעניג און ער האט מן הסתם אויך געוואלט זאגען זיין דעה ביי דער אסיפה. אויפ'ן וועג האט חמעלניצקי חרוב געמאכט אסך שטעדט, ווי טאמאשאב, שעברעשין, וולאדאווא; בעזאנדערס האט ער א תל געמאכט פון נאראל, וואו ער האט אויסגעקוילעט פינף און פירציג טויזענד מענשען און צווישען זיי אויך צוועלף טויזענד יודען. נאר אין זאמאשטש האט זיך עפיס נישט קשה'דיג אויסגעדרעהט און די יודישע קהלה האט געפטר'ט חמעלניצקי'ן אין גאנצען מיט 24,000 גולדען. ער האט שוין דעמאלט קיין צייט ניט געהאט; אין פולין איז געווארען קעניג יאן קאזימיר, וועלכער איז בע־שטאנען אויף די פונקטען, וואס די קאזאקען האבען פערלאנגט, און אים אויגוסט 1649 האט מען אין זבאראזש אונטערגעשריבען דעם שלום. חמעלניצקי האט אויסגענומען א תנאי אז אין זיינע ערטער זאל זיך קיין יוד ניט טארען געפינען, און איז ווי א גבור מיט זיין חברה צוריקגעפאהרען קיין אוקריינא.

נאך דעם שלום, וואס מען האט געשלאסען אין זבאראזש, האבען זיך די פאליאקען און די יודען געקאנט אברוהען א קורצע צייט פון אנדערטהאלבען יאהר. דער נייער קעניג איז געוועהן אזוי פריינדליך אז ער האט ערלויבט די עטליכע יודען, וואס זענען געצוואונגען געוועהן זיך צו טויפען, צוריק זיך אומקעהרען צו זייער אמונה, און דער וועד פון לובלין האט געהאט א גאנצע

ארביים, ווייל טויזענדער ווייבער זענען געבליבען עגונות אונ עס האבען זיך ארומגעדרעהט קליינע יתומים, וואס מען האט בעדארפט הוקר ודורש זיין ווער זייערע עלטערן זענען געוועהן, כדי עס זאל ניט ארוים קומען אמכשול ווען זיי וועלען ברויכען זיך מתחתן זיין. דעמאלט האט ר׳ שבתי כהן, אדער דער ש״ך, איינגעפיהרט דעם תענית פון כ׳ סיון צום טרויעריגען זכר פון דער ערשטער געמירובער שחיטה אונ פון חמעלניצקי׳ס צייטען.

דער שלום האט אבער לאנג ניט אויסגעהאלטען. אין אנדערטהאלבען יאהר ארום האבען זיך די קאזאקען ווייטער צובונטעוועט אונ האבען זיך נאך אמאל גענומען צו די יודען. צו אזא גרויסער שחיטה ווי פריהר האט עס אבער ניט געקאנט קומען, ווייל ערשטענס, איז די צאהל פון די יודען שוין געוועהן גאר קליין, עס איז א תל געווארען כמעט פון דריי הונדערט קהלות; אונ צווייטענס, האבען זיי זיך אליין גוט געוועהרט אונ האבען אפילו צוגעשטעלט דער מלוכה א גאנצען פאלק פון יודישע סאלדאטען. דאס מאל איז טאקי חמעלניצקי׳ן ניט געראטהען, האטש יודיש בלוט איז גענוג פערגאסען געווארען, ווייל די טאטארן זענען אויף איהם באז געווארען אונ האבען איהם אין מיטען דערינען אוועקגעווארפען אונ איהם אליין אוועקגעפיהרט געפאנגען. עס איז איהם אנגעקומען מיט ביטערע צרות ביז ער האט זיך אויסגעפלאנטעט פון די טאטארן, אי דאס האט איהם די פוילישע מלוכה געמוזט צוהעלפען, אונ דערפאר האט ער שוין געמוזט בעשטעהען אויף אללע תנאים, וואס מען האט פון איהם געפאדערט אונ האט ניט געקאנט זיין קיין עזות פנים געגען קאניג יאן קאזימיר, וואס האט געפאדערט אז יודען זאלען מאגען זיצען אין גאנץ אוקריינא. דער דאזיגער שלום איז אבער אויך ניט געוועהן אויף לאנגע יאהרען: קוים האט חמעלניצקי געפיהלט אז ער איז שוין ווייטער ביי די כוחות, האט ער די פאליאקען ניט געלאזט רוהען אונ האט זיי עטליכע יאהר כסדר געמוטשעט. פאר די יודען האט זיך אנגעהויבען גאר א ביטערע צייט אים יאהר 1655, ווען חמעלניצקי איז צוגעשטאנען צו רוסלאנד אונ איז אריין קיין ווילנא אונ כמעט די גאנצע יודישע קהלה האט זיך געמוזט צולויפען, ווער שמיעסט אז די שוועדען זענען אויך אנגעפאלען אויף פולין אונ מיט דעם פולישען חיל האט קאמאנדעוועט דער גענעראל טשארניצקי, וואס איז געוועהן א שונא ישראל אונ האט אויסגעטראכט, אז די יודען זענען שפיאנען אונ גיבען איבער דעם שונא אללע סודות, איז די לאגע פון די יודען געווארען נאך ערגער, ווייל צו די אויסגעוועניגסטע פיינד זענען צוגעקומען אינוועניגסטע, פון אללע

זייטען האָבּען זיך געשיט קלאַפּ אויף די פּלייצעס פון די אומגליקליכע יודען, אונ אפילו די פּאָליאַקען אַלליין האָבּען זיך אויך געקיהלט דאס הארץ, וואס זיי האָבען געהאט זייער היימישען קרבן אונ ווען זיי האָבען ניט געקאַנט בּיי־קומען די שונאים, האָבּען זיי זייער האַרץ אויסגעלאָזט צו די יודען. אין אַ צייט פון צעהן יאָהר (1648—1658) איז פון זיי געוואָרען כּמעט אַ תּל: דאס בּיסעל יודען, וואס האָט זיך נאָך געפונען אין קאַליש, לונטשיץ, מעזעריטש אונ נאָך אין אַנדערע שטאָדט בּיז קראַקויא אונ פּאָזען, איז זיך צולאָפען, אונ מען קאָן בּלי גוזמא זאָגען אַז אַריבּער אַ האַלבּער מיליאָן, יודען איז פער־לאָרען געוואָרען. דעם גרעסטען טהייל האָט מען אויסגעהרגע'ט אונ די איבּריגע זענען אַוועק אין ווייטע אונ נאָהענטע לענדער זוכען אַ שטיקעל בּרויט אויף צו דערהאַלטען דאס לעבּען.

יודען האָבען ווייטער געקאַנט בּעווייזען אַז זיי זענען רחמנים בּני רחמנים אונ פּונקט ווי זיי האָבּען צוריק מיט פיערהונדערט יאָהר זיך געטהיילט מיט'ן בּיסען מיט זייערע אומגליקליכע בּרידער, ווען שפּאַניען האָט זיי אַרויסגעטריבּען, אַזוי האָבּען זיי דעמאָלט בּעגעגענט מיט אמת בּרידערליכע ליעבּע די פּולישע יודען, וואס האָבען זיך צושפּרייט איבּער גאַנץ מאהרען, בּאהמען, אַסטער־רייך, אונגאַרן, דייטשלאַנד אונ אויך איטאַליען. קיינער האָט ניט געקוקט אויף געלד אונ מען האָט געטהון פאר זיי כּמעט מעהר ווי די כּוחות האָבען געטראָגען. אין אַ סך ערטער האָט מען די פּולישע יודען אַוועקגעגעבּען אפילו דאס גאַנצע צדקה־געלד וואס פלעגט געהען אויף ארץ ישראל. אין ליוואָרנא האָבען די יודען אָבּגעטהיילט פון זייערטוועגען אַ גאַנץ פיערטעל פון זייער פערדיענסט. דערפאַר האָבען זיי די פּולישע יודען בּעצאַהלט מיט תּורה: זיי האָבען מיט זיך מיט געבּראַכט גרויסע לומדים, וואס האָבען בּאַלד פערנומען שטעלען פון רבּנים אין די גרעסטע יודישע קהלות. אין מאהרען זענען פערבּליבּען ר' אפרים כּהן אונ ר' שבּתי כּהן. אין אַמשטערדם האָט זיך בּעזעצט ר' משה רבקה'ס בּעל „בּאר הגולה". אין פירטה אונ דער נאָך אין פראַנקפורט אַם מאין האָט געלעבּט ר' שמואל אהרן קוידאַ־נאָווער (מרש"ק), אונ רב פון מעטץ איז געוואָרען ר' משה כּהן פון ווילנא. אין אַנהייבּ האָט מען אפילו געשפּאָט אונ זיך פערמיד געהאַלטען פון די פּולישע איינגעוואַנדערטע יודען ווייל זיי האָבען פון זייער פערטריבּען היים מיט גע־בּראַכט זייערע מנהגים, אונ די צרות וואס זיי האָבען דאָרט איבּערגעליטען, האָט זיי אָבּגעריסען פון אַללע וועלטליכע חכמות אונ וויסענשאַפט; נאָר אַזוי

ווי אין תורה אונ תלמוד זיינען זיי גראסער געוועהן, פאר די וואס האבען געשעפט פון זיי, האט מען, פון דעסטוועגען, די בעסטע שטעלען פון רבנות זיי אבגעגעבען, אונ יעדער פאטער וואס האט געוואלט אז זיין קינד זאלל לערנען תורה האט זיך געזוכט א פולישען מלמד. די מלמדים האבען געווירקט אויף זייערע תלמידים, זיי זאלען זיך אין גאנצען איבער געבען דעם פלפול אין תלמוד אונ ניט מעהר וועלען וויסען פון אנדערע חכמות, אונ אזוי איז מיט דערצייט זעלבסט צווישען די היימישע יודען אראפגעזונקען דער מעמד פון חכמה אונ וויסענשאפט, אונ מיט דערצייט זענען זיי אללע גלייך געווארען, ביז מען האט שוין ניט מעהר דערקענט ווער איז א פולישער יוד אונ ווער איז א היימישער. אונ אזוי איז גראד אין דער צייט, וואס אויף אללע אייראפאישע פעלקער האט אנגעהויבען שיינען א ליכט פון בילדונג, אין יודישען לעבען פינסטער געווארען, אונ מען האט מעהר פון וויסענשאפט אונ חכמה, אויסער תלמוד אונ קבלה, ניט געוואלט וויסען כמעט ביז דער לעצטער צייט.

8 די יודען אין ענגלאנד.

(1655—1666 נאך קריסטוס געבורט).

דאס איז שוין אבער איין אלטער כלל, וואס אין דעם יודישען לעבען זעהט מען איהם גאנץ אפט ארויס, אז דער אויבערשטער שטראפט מיט איין האנד אונ מיט דער אנדערער — העלפט ער. פונקט אין דער צייט, וואס אין פולין איז א תל געווארען פון אזוי פיעל יודען, האט זיך פאר זיי געעפענט א לאנד, וואס שוין דריטהאלבען הונדערט יאהר האבען זיי אהין ניט געטארט אריינשמעקען. דווקא ווען ענגלאנד האט אנגעהויבען שפיעלען די גראסטע ראללע אין אייראפא, די קלוגע קעניגין עליזאבעטה, אונ נאך איהר דער מנהיג פון דער מדינה קראמוועל, האבען דאס לאנד צוגעפיהרט צו זעהר א הויכער מדרגה, האט מען צוגענומען די כרובים וואס זענען געשטאנען ביי דער גרעניץ מיט די בלויזע שווערדען אונ האבען ניט דערלאזט, אז די יודען זאלען זיך אריינכאפען אין גן עדן... אונ ענגלאנד האט זיך טאקי געמאכט רעכנען פאר א גן עדן אין די אויגען פון די אמשטערדאמער אונ האמבורגער יודען, ווייל דארט האט געבליהט דער האנדעל אונ זיי פלעגען מיט א וועטהיג אין הארצען קוקען פון דער ווייטענס אויף די אוצרות, וואס רייצען נאך מעהר דעם מענשען,

וועהן ער קאן צו זיי ניט קומען. ניט מיט איין מאל האט ענגלאנד געאפענט איהרע טויערן פאר אללע יודען; די ערשטע צייט האט זי זיי אריינגעלאזט דורך א הינטער טירעל, אי דאס נאר עטליכע געצאהלטע. די יודען האבען אבער גוט געוואוסט, אז קוים לאזט מען זיי נאר א פוס שטעלען אין ענגלאנד וועלען זיי שוין זייערס אויספיהרען, אונ דערפאר האבען זיי בעטראכט די זאך פאר א גרויסע ישועה אונ האבען אויף עביג ארומגערינגעלט מיט ליב דעם זכר פון דעם, וואס האט דאס געפועלט ביי דער ענגלישער מלוכה.

געפועלט האט עס איינער פון די אמשטערדאמער רבנים, ר' מנשה בן ישראל, וואס א חוץ זיינע גרויסע קענטניסע, האט ער געהאט א שטארקע ידיעה אין מסחר. עס איז געווען א צייט, וואס ער אליין האט געוואלט אוועקווארפען דאס רבנות אונ זיך אוועקלאזען קיין בראזיליען אונ דארט ווערען א סוחר; דאריבער האט ער פערשטאנען ווי נאטהיג פאר די יודען וואלט געוועהן, ווען זיי זאלען מאגען פריי אריינפאהרען קיין ענגלאנד אונ דארט מאכען געשעפטען, אונ אזוי ווי ער האט זיך געפיהלט אין כח מיט זיין חכמה, מיט'ן פעסטען ווילען, מיט שאנעם רעדען אין פערשיעדענע לשונות פארצוטרעטען פאר די גרעסטע לייט, האט ער גענומען ארבייטען אין דער זאך. פיעל געהאלפען דערצו האט איהם אויך זיין גרויסע בעקאנטשאפט מיט קריסטען, וואס פלעגען איהם אבגעבען גרויס כבוד אונ האבען זיך דורך איהם געוואהנט ליעב צו האבען דעם כלל יודען; דאס האט איהם געשטארקט אונ אויסגעארבייט ביי איהם אין קאפ א איבערצייגונג, אז וואו ער וועט נאר געפינען אויערן, וואס וועלען געניגט זיין איהם אויס צו הערן, וועט ער בעווייזען, אז די יודען פערדיענען בעהאנדעלט צו ווערען מיט מעהר יושר, אונ די אלטע שנאה וועט פערשוואונדען ווערען. א ביסעל האט איהם נאך דאס גליק צוגעשפיעלט דערמיט, וואס אין יענער צייט האבען זיך קריסטען פלוצלונג אנגעהויבען לערנען לשון קודש, אונ עס איז כמעט א מאדע געווארען, אז אללע וואס האבען געוואלט קענען אלטע שפראכען, ווי גריכיש אונ לאטייניש, האבען אויך געלערנט העבראיש. דעם אנהייב האט געמאכט דער בעריהמטער פראטעסטאנטישער געלעהרטער יאזעף סקאליגער. איהם האבען נאכגעטהון זיינע תלמידים אונ עס איז אין גאנצען אנדערס געווארען: די אייגענע יודישע ספרים, וואס מען האט זיי נאר וואס געברענט אין די גאסען, זענען געווארען טהייער אונ הייליג. אין האללאנד אונ אין ענגלאנד האבען זיך אזעלכע גרויסע לייט, ווי הוגא גראטיוס אונ יאהאן זעלדען בעשעפטיגט מיט דער

העבראישער שפראכע, אונ יאהאן בוקסטארף פון באזעל האט ניט נאר געלערנט תנ"ך, נאר אפילו תלמוד אונ מדרש, אונ פלעגט שרייבען בריעף אויף לשון קדש צו אללע גראסטע רבנים אונ לומדים. אפילו פרויען האבען געהאלטען פאר אגאנצען כבוד צו קאננען העברעאיש, אונ די קאניגין כריסטינע פון שוועדען האט זיך ניט געשאמט זיך צו בעריהמען, מיט איהרע יודישע קענטניסע.

אזא וואָרעם ווינטעל האט געבלאזען, ווען ר' מנשה בן ישראל האט זיך גענומען שרייבען זיינע ספרים, געהאלטען האט ער זיך אן דעם דרך פונ'ם אברבנאל, וויל ער האט חתונה געהאט מיט זיינס אאור-ענייקעל רחל זאירא אונ האט זיך זעהר געפרעהט מיט איהר יחוס, וועלכער האט זיך געררעכענט פון דוד המלך. אין זיינע ספרים האט ער אויך, ווי דער אברבנאל, זיך ניט געהאלטען אין קיין בעזונדער ארדנונג. ביי איהם איז געוועהן צונויפגעמישט אפשוט'ער טייטש פון אפסוק מיט אחריפות'דיג פשט'על וועגען אדין אין דער גמרא, אריינע חקירה-זאך אונ אויך סודות פון דער קבלה; נאר זיין לשון איז געוועהן פערשטאנדליכער, אונ דערפאר האבען זיינע ספרים איהם פערבונדען מיט פיעל קריסטליכע גוטע פריינד, אונ ער איז ביי זיך געווארען נאך שטארקער, אז ער האט בעמערקט ווי פיעל פון זיי טראגען זיך ארום מיט דעם געדאנק, וואס ער האט ארויסגעפונען פונ'ם "זהר", אז די צייט פון דער גאולה איז נאהענט אונ אז די יודען מוזען אויפגעערעכט ווערען. דעמאלט האבען זיך טאקי געפונען אזעלכע געלעהרטע קריסטען, וואס האבען געגלויבט אז די יודען וועלען סוף כל סוף אבזוכען די עשרת השבטים אונ צוריק אבנעהמען ארץ ישראל. אזעלכע דבורים האט ער ניט נאר געהערט יעדען טאג פון זיינע צוויי קריסטליכע פריינדע, היינריך יעסע אונ פעטרוס סעראיוס, וואס זענען געוועהן ביי איהם בני בית, נאר ער פלעגט אויך בעקומען בריעף פון קריסטען גרויסע לייט, וואס האבען די אייגענע געדאנקען אויסגעדריקט שווארץ אויף וייס. א בעריהמטער געלעהרטער מאכינגער פון דאנציג האט איהם בפירוש געשריבען, "אז ער שאצט זעהר די יודישע אמונה אונ האפט, אז אין גיכע צייטען וועט דאס פאלק ישראל גלאנצען ווי אמאל". איין אנדער געלעהרטער "אברהם פאן פראנקענבערג, האט געשריבען נאך שארפער, "אז דאס אמת'ע ליכטיגקייט וועט זיך אנהייבען פון יודען, אז גאטט בעווייזט זיי שטאנדיג זיינע נסים אונ אז די צייט איז גאר נאהענט ווען אללע פעלקער וועלען זיי בעגריסען מיט פרייד". נאר מעהר פון אללע זאכען האט אויף ר'

מנשה בן ישראל געמאכט איין איינדרוק א בעזונדער ביבעל וואס א פראנצאז איזאאק לא־פעירער פון באָרדאָ, האט ארויסגעלאזט און האט עס אנאָהמען געגעבען, „פון דער היימיקעהר דער יודען". אין דעם ביבעל איז פשוט געשטאנען גאר אהן ווינקען, „אז די יודען מוזען ווייטער צונויפגעזאמעלט ווערען פון אללע עקען פון דער וועלט אין זייער היים, און אז דער פראנצאזישער קאניג, וואס רעכענט זיך פאר'ן עלטסטען זוהן פון דער קירכע, דארף דאס פאלק ישראל, וואס רעכענט זיך פאר'ן עלטסטען זוהן פון גאָטט, צוריק ברענגען אין זיין היילינג לאנד".

בעזאנדערס האט מען אין ענגלאנד אנגעהויבען ליעב צו האבען „גאָטט'ס פאלק" און זייער „היילינע שפראכע", ווייל דארט האבען דעמאלט די גאנצע דעה געהאט די פוריטאנער מיט זייער בעריהמטען פיהרער אליווער קראמוועל, און דאס זענען געוועהן אמת פרומע מענשען וואס האבען מלחמה געהאלטען פאר דער פרייהייט פון אללע גלייך און האבען ניט געוואלט וויסען פון קיין חלוק צווישען אומות און אמונות. קראמוועל מיט זיין חיל פלעגען פון די האנד ניט ארויסלאזען די ביבעל, זיי האבען ליעב געהאט שטאנדיג צו לעזען אין דער תורה, און אויף זיי האט מען געמיינט מיט א גוטער כוונה זאגען דעם פסוק: „רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם", ווייל זייער שארפע שווערד האט טאקי נאר געארבייט לשם שמים, צו הייליגען דעם נאהמען פון'ם בעשעפער און געבען יעדען די מעגליכקייט איהם פריי צו דיענען מיט ריינע הערצער. די ליעבע צו די אלטע יאהרען, וואס דאס יודישע פאלק האט איבערגעלעבט, צו זייערע הייליגע אבות און נביאים, צו זייערע בעריהמטע שופטים, מלכים און גבורים פון אמאל, האבען געמוזט שאפען אין די הערצער פון קראמוועל און זיינע אנהענגער א געפיהל פון רחמנות אויך צו די יודען פון זייער צייט: זיי האבען זיך ארומגעקוקט ווי מען רודף'ט זיי אומעדום, ווי מען לאזט זיי קיין ענגלאנד ניט אריין, און פון קראמוועל'ס מחנה האבען זיך אנגעהויבען הערען גאר נייע קולות, אז זיי וואלטען געוואלט זעהען די אייגענע יודען, וואס גאָטט טהוט זיי אזוי פיעל נסים און האלט זיי אויף די פיס מיט זיין וואונדערבארען כח, חאטשי מענשען קוילען און הרג'נען זיי און לאזען זיי ניט לעבען. קראמוועל האט זעהר געוואלט מאכען א פעסטען בונד צווישען קריסטענטהום און יודענטהום, און איינער פון די פוריטאנישע גייסטליכע, נתנאל האלמעס (האמעזיוס), האט אין זיינע דרשות פערגעטעטערט דאס יודישע פאלק, וואס קאן אזוי פיעל ליידען און פארט ניט ווערען פערלארען.

אַנדערע פּוריטאַנער זענען געגאַנגען נאָך ווייטער אונ האָבען געדרונגען, אַז עס איז גלייכער צו האַלטען שבת איידער זונטאג אונ עס איז גענוג אין ענגלאַנד איינצופיהרען אונ לעבען נאָך די דינים פון דער תורה אונ עס וועט זיין די בעסטע אָרדנונג. עס איז דעמאָלט אין ענגלאַנד געוואָרען פּשוט אַ איבערקערעניש: וואו מען האט זיך נאָר געקעהרט, האט מען געהערט רעדען פון יודען אונ נאָר גוטס, אין אַללע קירכען האָבען די גייסטליכע געדרשנט וועגען יודען אונ ווען מען רעדט נאָך העברעאיש, וואָלט מען געמעגט רעכנען אַז ענגלאַנד איז געוואָרען אַ יודישע מלוכה.

אַז ר׳ מנשה בן ישראל איז געוואָהר געוואָרען וואָס עס טהוט זיך אין ענגלאַנד, איז ער אַזש דערציטערט געוואָרען פאַר פרייד אונ ער האט שוין געזעהען די גאולה פאַר זיינע אויגען. גראַד האט נאָך דעמאָלט אַ גרויסער מאַנן, עדוואַרד ניקאָלאס, אַרויסגעגעבען אַ בוך, וואָס האט געהייסען „וועגען דער עדלער נאַציאָן פון יהודה אונ בני ישראל". דאס בוך איז געוועהן געשריבען ווי איין אַרט רעדע צום ענגלישען פּאַרלאַמענט, אונ דער מחבר האט פערשטעהען געגעבען, אַז ער בעטראַכט אַללע צרות, וואָס זענען אין דער לעצטער צייט געקומען אויף ענגלאַנד, ווי אַ שטראָף פונ׳ם אויבערשטען פאַר דעם אומרעכט, וואָס מען האט געטהון זיינע געליעבטע קינדער אונ וואָס מען האט עובר געוועהן אויף די היילינע ווערטער: „אַל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו": „ריהרט ניט אָן מיינע געזאַלבטע אונ מיינע נביאים זאָלט איהר קיין שלעכטס ניט טהון". דערפאַר האט ער פאָרגעלעגט: מען זאָל פאַררעכטען דעם אַלטען פעהלער, מען זאָל די יודען איבערבעטען אונ מיט כבוד זיי צוריק אַריינ־נעהמען אין לאַנד. אַזאַ בוך, וואָס האט אָנגעמאַכט אַ גרויסען רעש אין ענג־לאַנד אונ אויך אין האָללאַנד, האט נאָך מעהר אָנגעצונדען ביי ר׳ מנשה בן ישראל אַ חשק אויפצומונטערן די יודען אַלליין, זיי זאָללען וויסען אַז זייער הילף איז שוין נאָהענט אונ אַז גאָר גיך וועט זיך ענדיגען דער לאַנגער גלות. ער האט זיך גענומען שרייבען זיין ספר „מקוה ישראל" (די האָפנונג פון די יודען) אונ האט דערוויזען מיט אותות ומופתים, אַז משיח׳ס צייטען האָבען זיך שוין אָנגעהויבען. שווער איז איהם אַביסעל אָנגעקומען צו פערענטפערן די שאלה וועגען די פערשוואונדענע עשרת השבטים, ווייל צווישען אַללע סימנים וואָס די קבלה־ספרים האָבען געבראַכט וועגען דער גאולה, איז בפירוש געשטאַנען אַז פריהר פאַר אַלדינג מוזען זיך אָבזוכען אַללע יודען,

וואס מען ווייסט ניט וואו זיי געפינען זיך אצונד; נאר פאר נויט האט ער זיך בעגנוגט מיט א תרוץ, אז עטליכע יאהר צוריק האט איהם א יודישער רייזענדער מאנטעציניאס געשוואורען אז ער האט אליין געזעהען אין זיד אמעריקא יודען, וואס קומען ארויס פונ'ם שבט ראובן, אונ אויב ניט ביי אנדערע איז דאס ביי איהם אליין געוועהן דער בעסטער תרוץ, ווייל די טבע פונ'ם מענשען איז שוין אזוי, אז ער זוכט אב פון אונטער דער ערד בעווייזע אויף דעם וואס ער וויל אין דעם גלויבען. אויסער דעם האט ר' מנשה בן ישראל געהאט א סך וויכטיגערע זאכען, וואס ער האט געקאנט אויף זיי זיך פערופען: ער האט אין זיין ספר אויסגעוויזען אז די נביאים האבען פאר-אויסגעזאגט וואס פאר א שרעקליכע צרות מען וועט אנטהון די יודען עהדער עס וועט קומען זייער ישועה אונ, אז וואס נאהענטער די גוטע צייט וועט זיין וועלען די צרות ווערען גרעסער אונ פשוט ניט צו דערטראגען, אונ נאר גע-צאהלטע קדושים וועלען זיך לאזען מקריב זיין פאר זייער אמונה. דעמאלט האט זיך טאקי די אינקוויזיציאן כמעט אין גאנץ אייראפא רעכט צופיהרט די האנד, אונ איינער פון די געלעהרטע קריסטען, דון לאפע דע וועראא אלארקון, וואס איז איבערגעגאנגען צום יודענטהום אונ האט זיך גערופען יהודה המאמין, האט מקדש השם געוועהן אונ איז מיט שמחה אקעגענ-געגאנגען דעם טויט מיט די ווערטער: „בידך אפקיד רוחי" (אין דיין האנד געבע איך איבער מיין גייסט) איז ער רוהיג אריינגעגאנגען אין פייער אונ האט געוויזען אללע ווי אזוי גרויסע מענשען קאנען שטארבען פאר אמונה. אין דער דאזיגער מעשה האט זיך ר' מנשה בן ישראל שטארק אנגעהאפט אונ האט אויסגעוויזען אז אזא רעליגיאן, וואס קאן אזוי צו זיך צושלעפען א מענשען, מוז האבען א קיום אונ אז גאטט'ס חסדים וועלען זיך שוין אנהייבען.

א לאטיינישע איבערזעצונג פון זיין ספר האט ר' מנשה בן ישראל אוועק-געשיקט קיין ענגלאנד צו זיינעם א גוטען פריינד, ער זאל עס פארלעזען אין פארלאמענט אונ אויך איבערגעבען קראמוועל'ן; אונ א חוץ דעם האט ער אנ-געשריבען א בעזונדער הקדמה אונ האט פארגעלעגט די פוריטאנער, זיי זאלען אויף זיך נעהמען די גרויסע מצוה פון בעפרייען „גאטט'ס פאלק". אנהייבען זאלען זיי דערפון וואס מען זאל ערלויבען די יודען ווייטער זיך צו בעזעצען אין ענגלאנד, בויען שולען אונ אבהיטען זייער אמונה, אונ ענדיגען זאלען זיי דערמיט וואס מען זאל זיי העלפען זיי זאלען זיך קאנען צונויפנעהמען פון ווייט אונ פון נאהענט אונ זיך צושלאגען צו דער אלטער היים.

דאס איז געשעהען אים יאהר 1650 אונ ר' מנשה בן ישראל האט קיין טעות ניט געהאט: זיינע ווארטער האבען געפונען חן אין ענגלאנד. איינער פון די גרעסטע שררות, לארד מידעלזעקס, האט איהם געשריבען זעהר אפריינדליכען בריעף אונ האט איהם גערופען „מיין טהייערער ברודער", די מלוכה האט איהם ארויסגעשיקט אפאס ער זאל מאגען פריי קומען קיין ענגלאנד, אונ ער האט זיך שוין אנגעהויבען מכין צו זיין צו דער נסיעה, נאר פלוצלונג איז געווארען אמלחמה צווישען ענגלאנד אונ האללאנד אונ ער האט שוין ניט געקאנט ארויספאהרען פון אמשטרדם.

דריי יאהר זענען אזוי אוועקגעגאנגען ביז עס איז געווארען שלום אונ אליווער קראמוועל האט בעקומען די גאנצע מאכט אונ האט זיך גערעכענט פאר פראטעקטאר (בעשיצער) פונ'ם לאנד. דאמאלט האט זיך דאס ליעבשאפט צו די יודען אונ צו זייערע מנהגים נאך שטארקער ארויסגעוויזען: מען האט געוואלט איינפיהרען אסנהדרין פון זיבציג זקנים, דער אבער-גענעראל טהאמאש האררי סאן האט פארגעלעגט אין פארלאמענט, אז די נייע געזעצע זאל מען שרייבען מיט תורת משה, אונ דריי אדמיראלען האבען דערלאנגט אפאפיער אז עס איז נאטהיג פאר ענגלאנד מען זאל אהין אריינלאזען יודען. די מלוכה האט זיך ערנסט גענומען צו דער זאך אונ האט קודם כל, אים יאהר 1654, אוועקגעשיקט ר' מנשה בן ישראל אנייעם פאס אונ האט איהם געבעטען ער זאל קומען קיין לאנדאן כדי מען זאל קאנען מיט איהם איבערעדען וועגען דער וויכטיגער שאלה. ווי עס ווייזט אויס, האבען די יודען פון האללאנד אונ פון אנדערע ערטער אודאי געקוקט אויף ענגלאנד נאר ווי אויף אקוועלע געלד צו פערדיענען, זיי האבען, פערשטעהט זיך, מורא געהאט אז ר' מנשה בן ישראל'ס חלומות וועגען דער גאולה זאלען זיי ניט שאדען אונ אבהאלטען די ענגלישע מלוכה פון געבען זיי דאס רעכט דארט זיך צו בעזעצען, אונ דאריבער האבען זיי ארויסגעשיקט קיין לאנדאן, נאך עהדער ר' מנשה איז פערטיג געווארען ארויסצופאהרען, זייערן אמענשען, עמנואל מארטינעץ דארמידא, צוזאמען פון די רייכסטע מאראנען, וואס האט אין שפאניען פערנומען אגרויסע שטעלע אונ איז דערנאך מיט דער גאנצער משפחה געזעסען אלאנגע צייט אין תפיסה ביז עס איז איהם געראטהען צו אנטלויפען קיין אמשטרדם אונ דארט אפענטליך איבערגעהען צום יודענטהום. דארמידא האט איינגעגעבען אפאפיער דעם פארלאמענט אונ האט אויפגעקלעהרט ווי נוצליך די יודען וועלען זיין פאר דער מדינה אונ וואס פאר אגרויסע קאפיטאלען זיי וועלען אהין

אריינברענגען. קראמוועל האט איהם אפילו מיט אהאלב מויל צוגעזאגט, נאר געפועלט האט ער פארט ניט און איז צוריקגעקומען מיט גאר נישט. דעמאלט איז שוין געבליבען ביי די יודען און מארראנען מען זאל זיך פערלאזען אויף איין ר' מנשה בן ישראל, וועלכער איז מיט יעדען טאג ביי זיך שטארקער געווארען און האט ניט אויפגעהערט צו פערזיכערן אז ער זעהט ארויס אז זיין שליחות וועט איהם געראטהען. עס איז אויך קיין וואונדער ניט וואס ר' מנשה'ס האפנונג זענען אללע מאל פעסטער געווארען, ווייל זיינע קריסטליכע גוטע פריינד האבען געהאלטען אין איין שרייען אז אט אט וועלען די יודען געהאלפען. דער האללאנדער געלעהרטער הייגריך יעסע האט ארויסגעלאזט אויף דער וועלט אביכעל „וועגען דער גדולה וואס וועט באלד קומען אויף יהודה און ישראל". אבאהמישער דאקטאר פוליוס פעלגענהויער איז נאך ווייטער געגאנגען. אין דייטשלאנד האבען איהם קאטאליקען און פראטעסטאנטען אנגעטהון צרות און נאך אסך יאהרען נע ונד זיין, האט ער זיך אבגעזוכט אמקום מנוחה אין אמשטרדם און איז געווארען אבן בית ביי ר' מנשה בן ישראל. דאס יודישע פאמיליען־לעבען, די גוטע מדות, די גרויסע צדקה האבען איהם צוגעבונדען צום יודישען פאלק און ער האט ארויסגעגעבען אספר, וואס האט אפילו אין האללאנד אנגעמאכט ארעש. זיין ספר האט געהייסען „אפרעהליכע בשורה דעם פאלק ישראל וועגען משיח" און דארט ווייזט ער אויס פון יודישע און קריסטליכע היילינע ספרים אז גאטט האט אנגעשיקט די דרייסיג יאהריגע מלחמה פאר אשטראף, ווייל די פעלקער האבען זיך שטארק פערזינדיגט דער מיט וואס זיי רודפ'ן די יודען און אז זיי דארפען זיך דערפון אמוסר נעהמען און שליסען מיט זיי אעביגען שלום, לעבען ווי ברידער, ווי יהודה מיט ישראל, כדי עס זאלען מקוים ווערען די ווארטער פון די נביאים און די יודען זאלען אויסגעלאזט ווערען פון אללע צרות.

ענדליך איז ר' מנשה בן ישראל, אים יאהר 1655 נאך סכות, ארויסגעפאהרען קיין לאנדאן, און קראמוועל האט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און האט איהם אבגעגעבען אבעזונדערע דירה ביי זיך אין פאלאץ. מיט איהם זענען אויך געקומען עטליכע בכבוד'ע בעלי בתים, און צווישען זיי איז געוועהן ר' יעקב ששפרטש אגרויסער למדן און אגעוועזענער רב פון אפריקא. אין לאנדאן האט ר' מנשה געפונען אהיבשע צאהל מארראנען וואס האבען זיך קלאמערשט גערעכענט פאר קאטאליקען, נאר דאס יודענטהום איז געוועהן ביי זיי טהייערער פונ'ם לעבען, און זיי האבען איהם געהאלפען ווי ווייט עס האט

געטראגען זייער כח. נאך ביים לעבען פון דער קעניגין עליזאבעטה האבען זיך אין לאנדאן בעזעצט עטליכע מאראנען אונ אזוי ווי זיי זענען געוועהן זעהר רייך אונ האבען געפיהרט גרויסע מסחרים, האט מען זיי ניט גערודפ'ט, אז מען האט געזעהן פון זיי עפּיס יודישע מנהגים. איינער פון זיי, לאפּעס, איז געוועהן א בעריהמטער דאקטאר אונ האט אין לאנדאן געשפּיעלט ניט קיין קליינע ראללע, מען האט אבער אויף איהם געמאכט א בלבול אונ ער איז פערמשפּט געווארען צום טויט. דער בלבול האט זיך אפילו ניט אנגעקעהרט מיט דער פראגע וועגען אמונה, נאר פון דעסטוועגען האבען זיך די מאראנען שטארק דערשראקען אונ האבען זיך אבגעהיט עס זאל אויף זיי ניט פאלען קיין חשד. שפּעטער האט מען טאקי געוואלט זיך אנהויבען טשעפּען צום רייכסטען פון זיי, אנטאניא פערנאנדעץ קארוואל, וואס האט געהאט אייגענע שיפען, נאר די גרעסטע לאנדאנער סוחרים האבען זיך אנגענומען פאר איהם אונ עס איז געווארען שטיל. צווישען די לאנדאנער מאראנען האבען זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט מיט זייער עשירות אונ חשיבות ביי דער וועלט: הייני־ריך זשארזש מענדעז, אנטאניא ראדריגועס ראבלעס, שמעון דע־קאצערעס אונ אנטאניא דע־זוזא, וואס איז געוועהן פּארטוגיזישער געזאנדטער. ער האט ביי זיך אין הויף אויסגעבויעט א בעזונדער קאטאלישע קירכע, אונ דאס איז אייגענטליך געוועהן דאס בעהאלטענע יודישע שולכען, וואו אללע מאראנען פלעגען זיך צונויפקומען דאווענען. אודאי, זייט קראמוועל האט איבערגענומען די מלוכה, אונ בעזאנדערס נאך דעם וואס שמעון דע־קאצערעס האט איהם געוויזען א וועג ווי אזוי ענגלאנד זאל צונעהמען טשילי, האבען זיי ניט בעדארפט מורא האבען, נאר פון דעסטוועגען האבען זיי זיך דערפראהט, ווען ר' מנשה בן ישראל איז געקומען, אונ האבען געוואלט גע־האלפען ווערען צוזאמען מיט זייערע ברידער אונ בעקומען דאס רעכט אפען זיך צו רעכנען אין כלל ישראל.

ניט אזוי גיך טהוט זיך אבער ווי עס רעדט זיך. ערשטענס, האט ר' מנשה בן ישראל ניט געוואלט, אז די בקשה זאל געהען נאר פון דער אמשטרדאמ'ער קהלה אונ ער האט געמוזט ווארטען ביז עס זענען איהם אנגעקומען הסכמות פון אללע אייראפּאישע יודען אונ מען האט איהם געבעטען צו זיין א מליץ יושר פאר דער ענגלישער מלוכה. צווייטענס, האט ער זיך ערשט אין לאנדאן אנידערגעזעצט שרייבען א גאנץ פאפּיער וועגען אללע שאלות וואס מען האט נאר געקאנט פרעגען, אונ אזוי ווי אויפ'ן פּלאן איז ער אים שטאנד געוועהן

זיך בעסער צוצוהערען דעם מיינונג פונ'ם פאלק, האט ער אין זיין פאפיער ארויסגעשטעלט צוויי טעמים פאר וואס ער בעט מען זאל די יודען אריינלאזען קיין ענגלאנד. ערשטענס, האט ער געוויזען אז די מדינה וועט גאר בעקומען איין אנדער גלאנץ ווען די יודען וועלען דארט בעלעבען דעם מסחר, אונ צווייטענס, אונ דאס האט ער געשטעלט פאר'ן עיקר, האט ער געוועקט דאס רעליגיאנס געפיהל ביי די פוריטאנער אונ האט זיי געוויזען, אז אויף זיי ליעגט א הייליגער חוב מיטצוהעלפען עס זאל מקוים ווערען די ווארטער פון די נביאים, אז גאטט זאל צונויפנעהמען זיינע קינדער פון אללע לאנדער. ווי אזוי זשע וועט קאנען קומען די גאולה, האט ר' מנשה געפרעגט, ווען אין ענגלאנד וועלען גאר יודען להלוטין פעהלען?

ווען קראמוועל זאל געוועהן וועלען שטעלען נאר אויף זיך, וואלט ער זיך לאנג ניט געוועהן געישוב'ט: ער איז אין גאנצען געוועהן אויף די יודענס זייט, ניט אזוי צו ליעב זייער נוצליכקייט פאר'ן לאנד ווי צוליעב דער מ[illegible]ה, אז מיט דער צייט וועלען זיי אללע אננעהמען דאס ריינע קריסטענטהום, וואס ווערליג די פוריטאנער האבען עס אויסגעארבייט, שטעהט עס גאר ניט ווייט פונ'ם יודענטהום. ער האט אבער געוואלט אז דאס ענגלישע פאלק זאל אויך ניט זיין דאגעגען אונ אז אויב מען וועט אריינלאזען יודען זאלען זיי זיין געשיצט ניט נאר מיט דער הילף פון דער מלוכה, נאר אויך מיט דער פריינדשאפט פון אללע איינוואהנער; דאריבער האט ער צו זיך צוגעצויגען צוויי גרויסע מענשען: דעם גייסטליכען הוגא פעטערס אונ האררי מארטענס אונ האט געזעצט א בעזונדער קאמיסיע, וואס האט באדארפט ארויסזאגען איהר דעה: צו קאן מען, ערשטענס, מבטל זיין דאס אלטע געזעץ פונ'ם יאהר 1290, וואס האט פערווערט די יודען צו וואהנען אין ענגלאנד, אונ צווייטענס, אויב עס איז יא מעגליך אומצוווארפען אזא געזעץ, צו דארף מען אויסגעפינען עפ'ס בעזונדערע תנאים מיט די יודען ווען מען וועט זיי אריינלאזען. די אסיפות פון דער קאמיסיע האבען אנגעמאכט א גרויסען רעש אין לאנדאן אונ עס האבען זיך ארויסגעוויזען אזוי פיעל געגנער, וואס מען האט זיך גאר ניט געקאנט ריכטען. כהרים האבען מורא געהאט די יודען זאלען ביי זיי ניט צונעהמען די גאנצע פרנסה, אונ די גייסטליכע האבען פערשטאנען, אז פאר זיי טויג געוויס ניט אז די יודען מיט די פוריטאנער זאלען ווערען נאהענטע שכנים; ווארום קיין טובה וועט זיי דערפון אודאי ניט ארויסקומען. אזוי איז געווארען א ליארם, א געשריי, אונ תאטשי ביי דער ערשטער אסיפה האט מען בעשלאסען, אז

דאס אלטע געזעץ, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען נאר פונ'ם קאניג אונ ניט פונ'ם פארלאמענט, דארף קיין ממשות ניט האבען אונ דערפון קאן קיין מניעה ניט זיין, איז פון דעסטוועגען פארט געבליבען, אז טאקי נאר די יודען אליין זענען שעדליך אונ מען טאר קיין איינציגען ניט אריינלאזען אין לאנד. קראמוועל האט זיך געפרוווט צו ציהען אויף זיין זייט עטליכע גייסטליכע, ער איז אליין געקומען צו דער אסיפה אונ האט מיט זיך מיטגענומען ר' מנשה בן ישראל, וועלכער האט מיט שכל אונ ישוב הדעת פערענטפערט אללע שאלות פון די שונאים אונ צו נישט געמאכט אללע זייערע טענות. קראמוועל האט אבער געזעהען אז פון די אללע רייד וועט גאר ניט ווערען אונ דאריבער האט ער זיך ענטשלאסען אפען ארויסצוזאגען זיין מיינונג, אז ער וויל די יודען מקרב זיין מעהר צוליעב דעם, זיי זאלען בעקאנט ווערען מיט די אמת'ע אונ ריינע יסודות פון דער קריסטליכער רעליגיאן, אונ אז עס איז שווער אז א מענש זאל אנהייבען ליעב האבען דאס וואס אנדערע האבען ליעב, ווען יענע ווילען איהם גאר ניט לאזען פאר די אויגען. קראמוועלס מוסר, אונ בעזאנדערס דאס וואס ער האט געגעבען אנצוהערען, אז ער וועט ניט קוקען אויף קיינעם אונ וועט טהון ווי ער פערשטעהט, האבען געמוזט פיהרען דערצו, וואס די קאמיסיע האט פארט מסכים געווען מען זאל די יודען אריינלאזען, נאר קיין קריסטליכע דיענסטען זאלען זיי ניט האלטען אונ קיין שולען זאלען זיי ניט בויען. קראמ־וועל האט אפילו באלד מתיר געווען, אז די יודען מאגען זיך דינגען הייזער אויף מנינים, נאר מעהר איז ער ניט אים שטאנד געוועהן צו טהון פאר זיי, ווייל די שונאי ישראל האבען אנגעמאכט א געוואלד, אז ענגלאנד איז אין א שטארקער סכנה אונ פון אללע זייטען האט מען נאר געהערט קולות, אז מען וועט זיך גוט אברעכנען מיט די ערשטע יודישע גאסט... אוודאי איז דערווייל דאס ערלויבניש געבליבען נאר אויף פאפיער, אונ צווישען יודען האבען זיך נאך ניט געפונען קיין בעלנים, וואס זאלען וועלען פרוווען אויף זייערע פלייצעס דעם כח פון ענגלישע קולאקעס.

א מבול פון ביכער, וואס זענען געוועהן פול מיט שקרים אונ בלבולים אויף די יודען, האט דעמאלט פארפלייצט ענגלאנד, אונ צווישען זיי האט בע־זאנדערס אויפגערייצט דאס פאלק א בוך פונ'ם גייסטליכען ווילליאם פריננע, וועלכער האט זיך געטהאפט צו די אלטע בעשולדיגונגען אונ האט אויסגעוויזען אז קיין ערגערס פון א יודען איז נאר אויף דער וועלט ניטא. איהם האט גע־אנטפערט קראמוועל'ס א גוטער פריינד, טהאמאש קאללער, וואס האט,

די שונאים אויף צו להכעיס, אויפגעהויבען יודען ביז צום זיבעטען הימעל. „מיר מוזען דאס יודישע פאלק, האט ער געשריבען, הויך שטעלען אונ גלויבען, אז דער טאג איז נאהענט ווען די יודען וועלען זיך רעכנען עלטער פון אללע אומות; אונ ווען מיר אללע, וואס קומען ארויס פון זיי אונ וואס נאר פון זיי האבען מיר בעקומען דאס ליכטיגקייט פון דער אמונה אן גאטט, וועלען עס האלטען פאר'ן גרעסטען כבוד זיך אבלערנען פון זיי מדות טובות". אזעלכע גוטע רייד האבען אודאי מחיה געוועהן אללע פוריטאנער, וואס האבען געשאצט די יודען, נאר דאס פראסטע פאלק איז אויף זיי קיין מבין ניט געוועהן אונ עס איז נאך דערפון ארויסגעקומען אזא חסרון, וואס די שונאים האבען נאך אנגעהויבען ערגער שרייען. פון איין זייט האט די מלוכה פון האללאנד מורא געקריגען טאמער וועלען אללע אמשטערדאמער יודען ארויספאהרען קיין ענגלאנד אונ זי האט אנגעהויבען דארויף קרום קוקען; אודאי האט עס געקאסט ר' מנשה בן ישראל גענוג מיה ביז ער האט איבערצייגט דעם האללאנדישען געזאנדטען, אז ער מיינט נאר אבצוזוכען א נייעם פלאץ פאר די מאראנען פון שפאניען אונ פארטוגאל אונ אז די האללאנדישע יודען זענען זעהר צופרידען אונ דארפען זיך ניט יאגען ערגיץ אנדערש. פון דער אנדערער זייט האט זיך קראמוועל שטאנדיג ניט געקאנט בעשאפטיגען מיט די יודען, ווייל אויף איהם איז געלעגען דער עול פון דער גאנצער מלוכה, אונ פון דערווייטענס האט מען געקאנט מיינען אז די זאך איז איהם נמאס געווארען, דאריבער האבען די עטליכע יודען, וואס זענען געקומען אינאיינעם מיט ר' מנשה'ן קיין לאנדאן זיך מיאש געוועהן פון ענגלאנד אונ האבען זיך צוריק אומגעקעהרט קיין אמשטערדאם; אונ די מאראנען, וואס זענען דערוויל געוואהר געווארען, אז ענגלאנד איז אפען פאר יודען אונ האבען זיך אהין געלאזט פון שפאניען אונ פארטוגאל, זענען ביי זיך שטארק אראבגעפאלען, ווען זיי האבען בעקומען די ידיעה, אז מען וועט זיי אין לאנדאן ניט גוט אונ פריינדליך אויפנעהמען, האבען זיך אין מיטען וועג אקעהר געטהון קיין איטאליען.

ר' מנשה בן ישראל, אונ מיט איהם אויך אללע יודישע גוטע פריינד, זענען ניט מיעד געווארען פון דעסטוועגען צו ארבייטען געגען דער פרישער שנאה, וואס האט זיך אין ענגלאנד ארויסגעוויזען צו יודען, וועלכע מען האט שוין דארט ניט געזעהען כמעט פיער הונדערט יאהר. דעמאלט האט ר' מנשה ארויסגעלאזט אויף דער וועלט זיין ספר „תשועת ישראל" (די רעטונג פון די יודען), וואס מען האט שפעטער איבערזעצט אין פיעל אייראפאישע שפראכען

און וואס מאג נאך אין היינטיגער צייט דיענען פאר א קלארע תשובה אויף אללע בעשולדיגונגען, וועלכע מען האט ליעב ארויפצווארפען אויף יודען. זעהר ווארם האט ר׳ מנשה אנגעשריבען זיין ספר; אין יעדער שורה דערקענט מען אז ער האט מעהר רחמנות ווי כעס אויף די מענשען וואס פאלען אן אויף אנדערע מענשען נאר דערפאר וואס זיי זענען פון איין אנדער נאציאן. ווי פערביטערט ר׳ מנשה׳ס הארץ איז געוועהן, וואס ער האט געזעהען זיין בעסטע האפנונג צושטערט; ווי פינסטער איהם איז געווארען ביי דעם געדאנק, אז דארט וואו ער האט זיך גערעכט אז דער נאהמען פונ׳ם יודען זאל גלאנצען ווי א ליכטיגער שטערן, זאל ער גאר פלוצלונג דארפען פערענפערן זיין פאלק פון אויסגעטראכטע בלבולים, האט ער דאך מיט גרויס איבערלעגונג און אהן היטץ בעטראכט אללע טענות פון די שונאים און האט אויף אלדינג געגעבען א רעכטען תרוץ. נאר פון איין זאך האט ער ניט געקאנט רעדען קאלטבלוטיג: פון די בעשולדיגונגען אז יודען בענוצען בלוט פון קריסטליכע קינדער צו די מצות.

„מיט ציטערניש, שרייבט ער, האב איך דערזעהען, אז עס געפינען זיך שקרנים וואס ווילען פערדרעהען די ענגלענדער די קאפ מיט אזא אלטען ליגען. איך שווער ביי אלדינג וואס איז מיר הייליג, אז ניט די תורה האט געקאנט מאכען פאר א חיוב אזא שרעקליכע רציחה און אז ניט דאס יודישע פאלק איז אים שטאנד צו טהון אזא מורא׳דיגען חטא, און איך בעט אללע מענשען, וואס האבען נאר געדאנקען צו בעטראכטען זיך און אליין פערשטעהען דעם אמת, אז איידער צו בעשולדיגען אומגליקליכע און אומשולדיגע יודען, בעסער זיי העלפען, כדי מיר זאלען דערלעבען צו זעהען ישועות און נחמות״.

ר׳ מנשה׳ס לעצט ספר האט געמאכט א גרויסען איינדרוק אין ענגלאנד און דאס ווילדע געשריי געגען יודען איז פארט געווארען קלענער. דערצו האט זיך נאך געמאכט א מעשה, וואס, ווי אזוי קראמוועל׳ן האט זיך ניט געגלוסט ווייטער אויפצוועקען די יודישע שאלה, איז ער דאך געצוואונגען געוועהן צו דערמאנען דעם עולם אז יודען האבען דאס רעכט זיך צו בעזעצען אין ענגלאנד. דעם רייכען אנטאניע ראדריגועס ראבלעס האט מען אים יאהר 1656 פערקלאגט אז ער געהער צו א קריסטליכע סעקטע, וואס טאר זיך ניט געפינען אין ענגלאנד, און מען האט ביי איהם געוואלט צונעהמען זיין גאנץ פערמאגען. דא האט שוין קראמוועל זיך געמוזט אננעהמען פאר איהם און האט ערקלעהרט, אז די מאראנען זענען ניט קיין קאטאליקען, נאר יודען, און זיי מאגען פריי וואהנען אין לאנד. דעמאלט האבען אללע מאראנען אראבגעווארפען פון זיך

די מאסקע, זיי האבען אנגעהויבען אפען אבצוהיטען אללע יודישע דינים און מנהגים, און מען האט זיי אפילו ערלויבט צו האבען בעזונדער א קליינעם בית עולם. איין חסרון איז געוועזען וואס מען האט זיי נאך אלץ גערעכענט פאר פרעמדע און זיי האבען געמוזט צאהלען מעהר מס. נאר לעת עתה איז שוין אין לאנדאן געווארען א קליינע יודישע קהלה. פון דער פרעמד האבען זיך אבער די יודען איינגעהאלטען און האבען נאך מורא געהאט אריינצופאהרען קיין ענגלאנד; דאריבער האט זיך ר' מנשה בן ישראל ענטשלאסען, אים יאהר 1657, זיך לאזען צוריק קיין אמשטרדם, ווייל ער האט פערשטאנען אז ניט אזוי גיך וועט ער זעהען זיין פלאן אין גאנצען אויסגעפיהרט. קראמוועל האט איהם ארויסבעלייט פון לאנדאן מיט גרויס כבוד און האט איהם בעשטימט א יאהרליכע פענסיע, נאר בענוצען זיך מיט איהר איז איהם שוין ניט בעשערט געוועהן: די יסורים, וואס ער האט אויף דער עלטער איבערגעטראגען, האבען ביי איהם צוגענומען די לעצטע כוחות און ער איז אויפ'ן וועג געשטארבען אין מאי־דעלבורג. א טויטען האט מען שוין איהם אריינגעבראכט קיין אמשטרדם און די יודען פון דארט האבען איהם נאר געקאנט אויסדריקען זייער דאנקבארקייט מיט א שיינער מצבה, וואס זיי האבען געשטעלט אויף זיין קבר.

אין א יאהר ארום איז קראמוועל אויך געשטארבען, און דאס וואס איז צוגעזאגען אזוי שווער מיט יושר האט מען לייכטער אויסגעפיהרט מיט שחד. די ענגלישע מלוכה איז איבערגעגאנגען צו קארל דעם צווייטען, וואס האט ליעב געהאט גרויס צו לעבען און האט שטאנדיג זיך גענאטהיגט אין געלד. איהם האבען די אמשטרדמער יודען געגעבען א מנה יפה און ער האט מיט איין ווארט געמאכט דאס, וואס מען האט זיך דארויף געמוטשעט עטליכע יאהר, געשריבען חבורים, פערגאסען טינט און געצאפט בלוט. ענגלאנד, קאן מען זאגען, איז געוועהן די ערשטע מדינה, וואס האט חרטה געהאט אויף די עולות, וועלכע מען האט דארט פריהר געטהון יודען, און האט זיי געגעבען אללע רעכטע. ערשט שפעטער מיט הונדערט פופציג יאהר האבען אנדערע אייראפאישע מלוכות איהר נאכגעטהון, און די יודען האבען זיך שוין אהן מורא געקאנט בעזעצען אין א סך ערטער.

אין דעם אינוועניגסטען צושטאנד פון די יודען איז דעמאלט נאך געוועהן זעהר פינסטער, ווי דאס פינסטערניש וואס האט זיי ארומגערינגעלט אין דרויסען. דאס ריינע יודישקייט, דער הייליגער געדאנק וואס איז איבערגעגאנגען צום יודישען פאלק ווי א טהייערע ירושה פון משה רבנו, האט אין יענע

יאהרען א פנים געהאט ווי א קארנדעל, וואס ליעגט שוין לאנג אין דער ערד, וואס שווערע שטיינער דעקען עס צו אונ אויף דעם אנגעווארפענעם מיסט וואקסען נאר דארנער, מען זאל גאר דער צו ניט קאנען צוקומען. אין יענער צייט האט די קבלה געשפילט די גרעסטע ראללע, אונ כמעט דאס רוב גרויסע לייט האבען זיי בעשעפטיגט מיט איהר, בעזאנדערס האט זיך בעריהמט געמאכט אין דעם למוד ר' ישעיה הלוי הורוויץ מיט זיין גרויסען ספר שני לוחות הברית אדער של"ה הקדוש. ער איז געוועהן רב אין פראנקפורט, אין פראג, פאזען אונ קראקויא אונ איז אויף דער עלטער אוועקגעפאהרען קיין ארץ ישראל. דער נייער למוד אבער האט געמאכט מען זאל פערגעסען די תורה, די נביאים; אפילו דעם תלמוד אונ מען זאל זיך נאר האלטען אין פלפול, ארומפליהען אין אויבערשטע וועלטען אונ ברעכען די מוחות איבער שאלות, וואס האבען קיין שום שייכות ניט צום לעבען. אזא דרך האט ניט געקאנט געפאלען די פרישע מענשען, וואס זענען אין די לעצטע דורות צוגעקומען צו די יודען, אונ עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס איינער פון די מארראנען, אוריאל אקוסטא, איז ארויסגעשפרונגען געגען די רבנים, אונ איהם האבען נאכגעטהון אויך אנדערע דריי גרויסע לומדים, ווי ר' יהודה ליאון די מודינא, ר' יוסף דיל־מדיגו אונ ר' שמחה לוצאטו. אויף צרות איבערטראגען פון פרעמדע שונאים האבען זיי געוואלט זיין שותפים גלייך מיט אללע, נאר ליידען פון אייגענע נארישקייטען, זעהען ווי יודען אלליין בעגראבען טיף אין דער ערד דעם תמצית פון יודישקייט, וואס צו ליעב דעם איז זיך יעדער פון זיי פערטיג געוועהן מוסר נפש צו זיין, דאס זענען זיי ניט געוועהן אים שטאנד, אונ עס האט זיך אנגעהויבען א מלחמה, וואס האט זיך נאך אפילו אין אונזערע יאהרען ניט געענדיגט אונ וועט נאך לאנג דויערן ביז עס וועט ניט ווערען ליכטיג אין אללע ווינקעלעך.

דער ערשטער וואס האט זיך גענומען צוטרייבען די געדיכטע וואלקענס פונ'ם יודישען הימעל, איז געוועהן גבריאל די אקוסטא, וואס איז אים יאהר 1590 געבארען געווארען אין אפארטא ביי עלטערן־מארראנען. אויפגעוואקסען איז ער ווי א פרומער קאטאליק, ווייל די אינקוויזיציאן האט גוט אכטונג געגעבען אז די מארראנען זאלען ניט אבטרעטען פונ'ם קריסטענטהום, אונ אז די קליינע קינדער זאלען ערצויגען ווערען פון גייסטליכע. אקוסטא'ס עלטערן זענען נאך דערצו געוועהן פערמאגליך אונ האבען זייער קינד געלערנט פערשיעדענע לשונות אונ חכמות אונ ער איז געווארען א מושלם. אודאי האט ער

צו פריה אנגעהויבען דענקען, אונ אז ער איז געקומען צום שכל אונ איז געוואהר געווארען דעם סוד, וואס מען האט פון איהם א צייט בעהאלטען, האט עס איהם אנגעהויבען ציהען צום שרש פון וואנען ער קומט ארוים, אונ ער האט ניט גערוהט ביז די גאנצע משפחה האט זיך ניט ארויסגעגנב׳ט פון אפארטא אונ איז געקומען קיין האללאנד. אין אמשטרדם האט ער זיך מיט זיינע ברידער מל געווען אונ האט איבערגעביטען זיין נאהמען אויף „אוריאל“. דאס הייסע בלוט, וואס האט געפלאסען אין אקוסטא׳ס אדערן, די יסורים וואס ער האט איבערגעלעבט אז ער האט דערגרייכט זיין ציעל, די אונצופרידענהייט מיט אלדינג וואס ער האט געזעהען פאר זיך פון די קינדערשע יאהרען אן, די אללע זאכען האבען געמוזט אויף טויזענדער מאל פערגרעסערן זיינע ערוואַרטונגען אונ האפנונגען. איהם האט זיך אויסגעוויזען אז אללע שאלות וואס זיין שארף מח האט איהם ניט געלאזט רוהען וועגען זיי, וועט איהם די אלטע אמונה פערענטפערן; ער איז געוועהן זיכער, אז ער וועט געפינען דאס יודענטהום אין דערזעלבען געשטאלט ווי ער האט עס זיך אויסגעמאלט ווען ער פלעגט זיך פערטיפען אין דער תורה; ער האט זיך געטראסט מיט דעם געדאנק אז דא וועט זיין קראנקע נשמה האבען ארפואה שלמה אונ זיין פערוואונדעט הערץ וועט געפינען זיין באלזאם. ווי ערשטוינט איז ער אבער געווארען, אז ער האט זיך בעקענט מיט די אמשטרדמער יודען אונ זייער לעבען אונ האט דערזעהען, אז זיין גאנצע האפנונג איז מעהר ניט געוועהן ווי א זיסער חלום, אז פון דעם וואס ער האט זיך געטראכט — ביז דעם, וואס ער האט געפונען, איז אזוי ווייט ווי פון מזרח ביז מערב. בעזאנדערס האבען איהם ניט געשמעקט די טויזענדער חומרות אונ מנהגים, וואס האבען פערשטעלט דעם פרייען וועג פון יעדען יודען, אונ נאך מעהר האט איהם פערדראסען דאס עקשנות פון די רבנים, וואס האבען געריסען ביי די פאלעס מען זאל חלילה ניט אבטרעטען פונ׳ם מינדסטען דין אדער מנהג, גלייך ווי דארויף האלט זיך דער גאנצער בנין פונ׳ם יודישקייט. דעם פרייען דענקער איז שווער געוועהן צו לעבען אזוי, אונ ער האט אנגעהויבען אפענטליך עובר זיין אויף אזעלכע זאכען, וואס ביי אנדערע זענען זיי געוועהן הייליג — אונ עס האט זיך צוכּ ברענגט דער ערשטער פונק פון מחלוקת צווישען אקוסטא אונ די רבנים. אז מען וויל בערעכנען זענען ביידע צדדים גערעכט געוועהן. אקוסטא האט געטענה׳ט, אז ניט צו ליעב אזא יודישקייט האט ער זיך מוסר נפש געוועהן, אונ ווען עס איז איהם געראטהען זיך צו בעפרייהען פון קייטען וויל ער זיך נאך

נאך אמאל ניט לאזען בינדען. די רבנים ווידער האבען געשריגען, אז די יודען קאסט נעביך זעהר טהייער די אמונה און דאריבער טארען זיי ניט דערלאזען מען זאל זי אנרירען אפילו אויף א האר. אודאי אז די גאנצע מאכט איז איינגעשטאנען ביי די רבנים און אז זיי האבען א קוק געטהון אז אקוסטא האט פון זיך אין גאנצען אראבגעווארפען זייער עול און האט נאך אנגעשריבען אספר געגען זיי, האבען זיי גאר לאנג ניט געטראכט און איהם ארייגעווארפען אין חרם א חוץ דעם האבען זיי נאך איהם געמסר'ט פאר דער מלוכה, אז ער איז א שאדליכער מענש, אז ער לייגענט אין השארת הנפש און זאגט, אז דעם מענשענ'ס נשמה ווערד נאך זיין טויט פערלארען צוזאמען מיט'ן גוף: אזעלכע געדאנקען זענען אויך געגען דער קריסטליכער רעליגיאן, און דאריבער האט איהם די רעגירונג איינגעזעצט און בעשטראפט מיט אגעלד שטראף, ניט אזוי האבען זיך אבער די רבנים נוהג געווען: זיי האבען זייער חרם געהאלטען אויף איהם גאנצע פינפצעהן יאהר, און אקאסטא'ס לאגע איז געווען שרעקליך: א יוד האט ניט געטארט שטעהן אין זיינע ד' אמות, אפילו זיינע נאהענטע קרובים האבען מיט איהם ניט גערעדט, צווישען קריסטען האט ער קיין בעקאנטע ניט געהאט, און אזוי האט ער זיין בעסטע יוגענד־צייט פערבראכט אין דחקות איינער אליין. אקוסטא איז אבער פארט מעהר ניט געוועהן ווי אלעבעדיגער מענש, ער האט געהאט א אויסזיכט אויף א שאנעם שידוך, און דאריבער האט ער זיך געלאזט צורעדען ער זאל זיך איבערבעטען מיט די רבנים, און איז מיט'ן מויל קלאמערשט צוגעשטאנען צו די דאזיגע, וואס אין הארצען האט ער שוין געטראגען אויף זיי א שנאה פאר זיינע אומזיסטע צרות דורך זיי. דער שלום האט לאנג ניט געקאנט האלטען, ווייל אזא מענשען ווי אקוסטא איז שווער זיך צו פערשטעלען; מען איז באלד געוואהר געווארען אז ער איז נאך אלץ דער איינענער וואס פריהר, און די רבנים האבען שוין פון איהם געפאדערט ער זאל אפענטליך אין שול פאר'ן גאנצען עולם זיך מתודה זיין אויף זיינע חטאים. אזא בושה האט ער ניט געקאנט איבערטראגען און מען האט איהם פאר זיין עקשנות נאך אמאל ארייגעלעגט אין חרם אריין. די משפחה האט אבער געזעהען, אז עס איז קיין תכלית ניט, ער ווערד אללע מאל אלטער און דורך אזא פערוואגעלט לעבען קאן פון איהם ווערען א תל; אודאי האבען זיך זיינע קרובים צוגעזעצט צו איהם און האבען אזוי לאנג געארבייט איבער איהם ביז ער האט זיי געמוזט צוזאגען אז ער וועט בעשטעהען אויף אלדינג וואס מען וועט איהם הייסען טהון. ער האט ניט געוואוסט וואס פאר א שרעקליכע

שטראף איהם ערווארטעט: ער האט פערגעסען אז די אמשטערדאמער רבנים האבען כמעט אללע געליטען פון דער אינקוויזיציאן און האבען געהאט גוטע מלמדים צו לערנען ביי זיי אכזריות.... אקוסטא האט זיך שוין געפיהלט מיעד און פערמוטשעט; ער האט געוואלט האטש די לעצטע יאהרען אבלעבען רוהיג און האט גערעכענט אז ער וועט אבקומען מיט א קליינעם עונש.

ווי שווער עס איז איהם ניט געוועהן האטש לפנים, נאר אויף עטליכע מינוט, צו פערלייגנען זיינע געדאנקען, האט ער זיך דאך ענטשלאסען נאכצוגעבען די שונאים און זיי פטר'ן מיט א בזיון, וואס ער וועט א קורצע צייט איבערטראגען און וואס וועט איהם דערפאר בעפרייען פון גרעסערע ווערטהיגען.

מיט א צוברעכענעם הארץ איז ער געקומען אין שול אריין, וואס איז געוועהן איבערפולט מיט מענשען. מען האט איהם ארויפגעשטעלט אויף א בימה, כדי אללע זאלען זעהען און ער האט געמוזט הויך לעזען א גאנץ צעטעל פון זיינע עבירות און שווערען זיך, אז מעהר וועט ער עס שוין ניט טהון. דערנאך האט מען איהם אין א ווינקעל אבגעצאהלט ניין און דרייסיג מלקות, און אהוין דעם האט מען איהם נאך אנידערגעלעגט ביי דער שוועל אז יעדער זאל איהם טרעטען מיט די פיס און שפייען אין פנים. דער מענש איז שטארקער פון אייזען און אקוסטא האט דאס אלדינג איבערגעטראגען, נאר נאך דעם איז איהם דאס לעבען נמאס געווארען און ער האט פערשטאנען אז עס איז ניט כדאי געוועהן צו ליעב עולם הזה אזוי פיעל ליידען. ער האט ניט געקאנט מוחל זיין די קרובים וואס האבען איהם געבראכט צו אזא בושה, און אז איינער פון זיי איז שפעטער מיט עטליכע טאג, אים אפריל 1640, דורכגעגאנגען נעבען זיין וואהנונג איז ער אויף איהם אנגעפאלען מיט א פיסטול און האט איהם ניט געטראפען, נאר זיך אלליין האט ער דערשאסען אויפ'ן ארט. נאך זיין טויט האט מען ביי איהם געפונען אויפ'ן טיש א גאנץ בוך, וואס האט געהייסען „א ביישפיעל פונ'ם מענשליכען לעבען". אין דעם בוך בעשרייבט אקוסטא אלדינג וואס מיט איהם האט זיך איבערגעטהון און רעדט אויף די יודען אויס כל הרעות. דערפון זעהט מען אז דער קליגסטער מענש קאן אמאל שטארבען א נאר, ווייל ווי זיין הארץ האט ניט געמאגט זיין פערביטערט, ווי גרויס עס האט געקאנט זיין דאס פייער פון נקמה, וואס האט דארט געברענט, האט ער ניט געטארט צושטערען דאס וואס ער האט אלליין געבויעט, און טהון אזוי ווי יענער נאר, וואס וויל אין זיין ענג שטיבעל אריינלאזען פרישע לופט און צו ליעב דעם צוווארפט ער דעם גאנצען בנין.

אין דער איינענער צייט איז אין איטאליען ארויסגעטרעטען געגען די רבנים ר' יהודה ליאון די-מודינא, וואס האט ארויסגעשטאמט פון א גרויסער פראנצאזישער יודישער משפחה אונ האט זיין גאנץ לעבען, אכטציג יאהר כסדר, פערבראכט אין ארעמקייט אונ אין נויטה. זיין אומגליק איז געוועהן, וואס פון קינדווייז אן האט מען איהם איינגעוויינט אז ער איז דער ערשטער בר מעלה: ביי דריי יאהר האט ער שוין געלערנט תנ"ך אונ ביי צעהן יאהר האט ער געזאגט די ערשטע דרשה, אונ דאריבער האט ער זיך געווארפען אויף א סך מלאכות אונ האט געהאט נאר ווענינ ברכות. ער איז געוועהן א רב, א בעל דרשן, א חזן, א סופר, א בעל מגיה, א מוכר ספרים, א מעקלער, א סוחר, אפילו א מוזיקאנט אונ א שרייבער פון קמעות, אונ נאך די אללע זאכען איז ער מעהר געזעסען אהן פרנסה. זיין הויפט-חסרון איז געוועהן, וואס ער האט ליעב געהאט צו שפיעלען אין קארטען אונ צו ליעב דעם פלעגט ער נאך מעהר ליידען מאנגעל. דער קאפ איז איהם שטאנדיג געוועהן פערדרעהט, זיך ערנסט אפגעגעבען מיט עפיס א וויסענשאפט איז ער ניט געוועהן אים שטאנד, אונ געהען מיט א געזעצטען דרך, האבען זיינע איינענע פעסטע מיינונג, האט ער אויך ניט געקאנט, היינט איז ער גרייט געוועהן די נשמה אוועקצוגעבען פאר א זאך, אונ מארגען האט ער שוין געשריגען אז מען דארף עס ניט. אפילו פון זיינע ספרים, וואס ביים שרייבען האט ער זיך שוין געקאנט בעסער איבערלעגען, זעהט מען ארויס אז ער מאכט אפט חוזק פון א געדאנק, וואס פריהר מיט עטליכע בלעטלעך קוועלט ער נאר אן דער פון. לאטייניש אונ איטאליעניש האט ער גוט געקאנט אונ דערפאר האט ער געהאט א סך גוטע פריינד צווישען קריסטען. דער פראנצאזישער עפיסקאפ יעקב פלאנטאוויציס אונ דער געלעהרטער יעקב גאפארעללי זענען געוועהן זיינע תלמידים. צום אנהייב, אז מען פלעגט אנפאלען אויף דער יודישער אמונה האט ער געקאנט יענעם די אויגען אויסדרייסען, נאר ביסלעכווייז האט ער זיך אזוי געוואהנט גלייכגילטיג אלדינג אויסצוהערען, אז עס האט איהם שוין מעהר ניט געאהרט, אונ שפעטער פלעגט ער אלליין אויך ניט זשאלעווען קיין לצנות. עס איז אזוי ווייט געקומען אז צו ליעב געלד האט ער געמאכט א איטאליענישע איבערזעצונג פונ'ם „שלחן ערוך" אונ האט בעשריבען אזעלכע דינים אונ מנהגים, וואס ניט ביים יודען אין די אויגען, מוזען זיי א פנים האבען פון חוזק, אונ די קריסטען האבען געהאט פון וואס צו לאכען. אז מען האט איהם געפרעגט פאר וואס ער האט געטהון אזא חלול השם, האט ער פשוט פערענטפערט

דערמיט, וואס ביים שרייבען האט ער לחלוטין פערגעסען אז ער איז אלליין א יוד... ער האט נאר געזאגט דעם ריינעם אמת, קיינער האט איהם קיין שאלות ניט געפרעגט אונ ער איז ניט מחויב געוועהן צו זוכען תרוצים. נאר נאך דעם אללעסען, ווי אזוי ער איז געוועהן ניט געזעצט אונ האט ליעב געהאט נאר פון אויבען בעריהרען יעדע שאלה אונ באלד איבערשפרינגען פון איין זאך צו דער אנדערער, האט ער דאך געארבייט ערענסט געגען די מקובלים, אונ די רבנים פון יענער צייט אונ איבערהויפט געגען דער שווערער משא וואס זיי האבען ארויפגעלעגט אויף דעם יודישען לעבען. זיינע געדאנקען וועגען דעם האט ער אויסגעדריקט אין א בעזונדער ספר אונ האט דארט פשוט געפאדערט מען זאל מבטל זיין א סך דינים פון שחיטה, כשרות, פסח אונ שבת; מען זאל ניט האלטען דעם צווייטען טאג יום טוב, מען זאל פער-קלייגערן דאס דאווענען, אונ אפילו יום כפור זאל דאס פאסטען ניט זיין קיין חיוב, אונ יעדער זאל זיך "פייניגען" זיין לייב נאך זיין פערשטאנד אונ ניט דוקא נאר מיט ניט-עסען. אויף דער קבלה האט ער גאר געשריגען אז דאס איז ניט קיין למוד, אז זי דיענט נאר ווי א מיטעל פאר שווינדלערס, וואס דארפען זיי האבען, כדי צו פערבלענדען די אויגען פונ'ם פאלק. איין אנדערער אויף זיין ארט וואלט אפשר עפים געוועהן געפועלט מיט זיין שרייבען ובפרט נאך ווען ער איז א צייט געוועהן רב אין וועגעדיג, נאר ער האט אבער מורא גע-האט ביים לעבען צו דרוקען זיין ספר, אונ דערצו איז נאך שווער צו וויסען צו איז ער נאך לאנג געבליבען ביי דער אייגענער מיינונג, אונ אזוי איז ער געשטארבען אונצופרידען פון אללע אונ נאך מעהר פון זיך אלליין, ווייל כל ימיו האט ער נאר געליטען צו ליעב תאוות אונ האט זיך ניט געשעמט אלליין צו בעשרייבען זיין גאנץ עלענד לעבען אונ אויסמאלען די בעשטאנדיגע מלחמה וואס פלעגט, צו ליעב נארישקייטען, פארקומען ביי איהם אין הארצען אונ איהם אבהאלטען פון פיעל גרויסע זאכען, וואס ער וואלט אים שטאנד געוועהן צו טהון פאר דער טובה פון זיין פאלק.

ניט מעהר פון איהם האט געטהון א דריטער אונצופרידענער, ר' יוסף שלמה דיל-מדיגו, וואס האט אויך גוט געפיהלט אז דער דרך פון די רבנים מיט זייערע טויזענדער חומרות קאן ניט פיהרען די יודען צו קיין גליק, אונ איז אבער ווייטער ניט געגאנגען דערפון וואס ער אלליין האט זיך געמאכט א היתר אויף א סך זאכען, נאר אויפצועפענען אנדערע די אויגען, אנהויבען א מלחמה מיט מענשען וואס האבען אלליין יענעם געענערט אדער זיך געלאזט

נארען, איז ער ניט געוועהן בכח. ר' יוסף שלמה דיל־מדיגו איז ארויסגעקומען פון אגאנצער משפחה לומדים: זיין עלטער־זיידע איז געוועהן דער בעריהמטער ר' אליהו דיל־מדיגו; נאר אויסער תלמוד האט ער געלערנט אויך פערשיעדענע לשונות און חכמות און האט געשטודירט אין דער אוניווערזיטאט פון פאדוא, דארט האט ער געהאט די געלעגענהייט צו ווערען א תלמיד פונ'ם גרויסען גאלילעי און ער האט זיך מיט א בעזונדער ליעבע אבגעגעבען מיט מאטהעמאטיק און אסטראנאמיע. צווישען די איטאליענישע געלעהרטע האט זיך פון איהם ניט געקאנט אויסארבייטען אזא פרומער יוד מיט דעם יראת שמים, וואס די רבנים פון יענער צייט האבען געוואלט זעהען אין יעדען יודען, און דערפאר, אז ער איז צוריקגעקומען צו זיינע עלטערן קיין קאנדיא, האט איהם שוין ניט געשמעקט זייער הנהגה. און לאנג בלייבען דארט האט ער ניט געקאנט. ער האט זיך געלאזט אין דער ווייטער וועלט און, אזוי ווי דער אבן עזרא אמאל, האט ער זיך אין ערגיץ ניט געקאנט אבזוכען עפים אמעמד פרנסה, נאר אומעדום, וואו ער האט זיך אויפגעהאלטען, האט ער ארויסגעוויזען מעהר פריינדליכקייט און צוגענייגטקייט די קראימעס, און דערפון האט מען אויך געקאנט ארויסזעהען זיין אונצופרידענהייט פון די רבנים. אין קאירא האט ער בעקומען א גרויסען נאהמען צו ליעב מאטהעמאטיק, ווייל ער האט געוויזען איינעם פון די געלעהרטע טירקען עטליכע שאלות, וואס יענער האט אפילו ניט פערשטאנען ווי אזוי מען קומט נאר צו צו אזא חריפות. פון דארט איז ער גיך אוועק קיין קאנסטאנטינאפאל און האט שטארק קונה שם געוועהן צווישען די קראימעס; נאי באלד האט עס איהם אוועקגעטראגען קיין פאלען און ער האט דארט אנגעהויבען לעבען פון מעדיצין. דער פירסט ראדזיוויל, וואס איז געזעסען ניט ווייט פון ווילנא, האט איהם אויפגענומען פאר דאקטאר ביי זיך אין הויף, און ער וואלט זיך שוין אפשר געקאנט רוהיג לעבען, ווען ער בעשעפטיגט זיך נאר מיט היילען קראנקע און מאכט ניט ביי זיך אגאנצע ישיבה, וואו הונדערטער יונגע לייט, בעזאנדערס קראימעס, האבען ביי איהם געלערנט תורה. פון פולין איז ער אוועקגעפאהרען קיין האמבורג, און אזוי ווי פון מעדיצין האט ער ניט געקאנט דארט ציהען אפילו דאס טריקענע שטיקעל ברויט, האט ער געמוזט אריין צווישען די כלי קדש און איז געווארען א מגיד. די דאזיגע פרנסה איז פאר איהם אבער נאך ביטערער געוועהן, ווייל זי האט איהם געצוואונגען ניט נאר צו בעהאלטען זיינע פרייע געדאנקען, נאר אפט טאקי זאגען אזעלכע

זאכען, וואס זענען געוועהן געגען זיין אמת'ער דעה אונ האבען איהם ווי שווערע שטיינער געפרעסט דאס הארץ. עס איז איהם אמאל אויסגעקומען אפילו די קבלה צו פערגלייכען מיט פוילע תרוצים, אונ ער האט געמוזט לפנים ארויסטרעטען געגען זיין זיידען ר' אליהו דיל מדינו. אוודאי האט ער ניט געקאנט מאכען קיין לאנגע שיהות אין האמבורג אונ איז פון דארט אריבער קיין אמשטרדם. ער איז אהין אנגעקומען פונקט אין דער צייט ווען אוריאל אקוסטא האט זיך דאס לעבען גענומען אונ די רבנים האבען אנגעהויבען ארויס צו ווייזען זייער מאכט נאך מיט מעהר תקיפות. ביי אזא לאגע האט ער זיך גאר געשראקען ארויסצוווייזען זיינע דרכים אונ האט זיך אזוי ווייט פערשטעלט, אז מען האט איהם דארט אויפגענומען פאר דין אונ מגיד. אזא מענשען איז אבער פארט שווער שטאנדיג צו טראגען א מאסקע, אונ דאריבער האט ער ביי דער ערשטער געלעגענהייט אוועקגעווארפען האללאנד אונ איז אריבער קיין דייטשלאנד. א קורצע צייט האט ער געלעבט אין פראנקפורט אם מאין אונ האט זיך דארט ווייטער גענומען צו מעדיצין. ווי עס שיינט, איז איהם אבער ניט גוט געגאנגען אונ ער האט זיך ניך בעזעצט אין פראג, נאר דאגות פרנסה האבען איהם מקצר ימים געוועהן, אונ אים יאהר 1655 איז ער געשטארבען אין זעכציגסטען יאהר פון זיין געמוטשעט לעבען.

צו דעם איינענעם מין מענשען קאן מען צורעכנען אויך ר' שמחה לוצאטו, וואס איז געבארען געווארען אים יאהר 1590 אונ איז כל ימיו געוועהן רב אין ווענעדיג. וועדליג די שטעללע וואס ער האט פערנומען, האט ער זיך צו פיעל ערלויבט ארויסצוטרעטען געגען די רבנים פון זיין צייט, אונ האט זיך שטארק בעמיהט צו פערשפרייטען מעהר ליכטיגקייט צווישען זיינע ברידער. ער איז אבער געוועהן גליקליכער פון ר' יהודה ליאון די-מודינא, וואס האט מיט איהם צוזאמען געדיענט א קורצע צייט, אונ אויך פון ר' יוסף שלמה דיל-מדינו, ווייל ער האט ליעב געהאט צו זיצען אויף איין ארט. ער האט ניט געוואלט זוכען גליקען ערגיץ אנדערש, מיט זייטיגע זאכען האט ער זיך ניט בעשעפטיגט, דאס פאלק האט איהם גוט געקענט, מען האט געוואוסט אז ער איז א גרויסער אוהב אמת אונ אז ער זאגט אמאל אפענטליך ארויס א פעהלער איז דאס נאר פאר ליעבשאפט, אונ דערפאר האט מען איהם געשאצט אונ ער האט זיך רוהיג אבגעלעבט זיינע דריי אונ זיבציג יאהר. אחוץ זיין גרויס חריפות אין לערנען, איז ער געוועהן א בעריהמטער מאטהעמאטיקער אונ האט אויך געהאט א שטארקע ידיעה אין פערשיעדענע לשונות. אין דער

יוגענד האט ער אנגעשריבען אויף איטאליעניש א בוך וועגען פילאזאפיע, נאר מעהר קונה שם געוועהן האט ער שפעטער מיט זיין ספר „איבער דעם צושטאנד פון די יודען" וואס ער איז געצוואונגען געוועהן צו שרייבען, ווען עטליכע שונאי ישראל האבען אויפגערייצט די קריסטליכע איינוואהנער פון ווענעדיג און האבען זיי איינגערעדט, אז די יודען מאכען זיי ארעם און אז זיי מוזען זיי ארויסטרייבען פון דער שטאדט. דעמאלט איז ר׳ שמחה לוצאטו ארויס מיט דער פעדער, און מיט ריינע ציפערן, וואס קיינער האט זיי ניט געקאנט אבלייגנען, האט ער אויסגעוויזען, אז ניט נאר עס איז אונמעגליך צו רעדען פון יודענס שעדליכקייט, נאר אז מען מוז פארקעהרט מודה זיין, אז זיי זענען דאס גרעסטע גליק פאר וועגעדיג און אהן זיי וואלט דער גאנצער מסחר איינגעשטאנען אין די האנד פון פרעמדע וואס וואלטען דאס געלד און די גרויסע פערדיענסטען ארויסגעפיהרט צו זיי אהיים, וועהרענד דורך די יודען בלייבט אלדינג אין וועגעדיג: די שטאדט האט פון זיי הכנסה מעהר ווי א פירטעל מיליאן רענדליך, און פיער טויזענד ארבייטער עסען פון זיי ברויט. געגען אזעלכע בעווייזע, וואס ר׳ שמחה לוצאטו האט געגעבען שווארץ אויף ווייס, האט קיינער ניט געקאנט רעדען קיין ווארט און, אז ער האט נאך מיט שטאלץ דערמאנט דעם אלטען יודישען יחוס און אבגעזידעלט די שונאים, וואס האבען ניט קיין דרך ארץ פאר א פאלק, וואס לעבט שוין טויזענדער יאהרען מיט גאטט׳ס נסים, און וואס דער הימלישער בעשעפער האלט עס אויף די פיס און לאזט עס אין גאנצען ניט פאלען, כדי עס זאל בלייבען איין עביגער לעבעדיגער עדות פון זיין וואונדערבארער קראפט — האבען זיי אללע געמוזט שווייגען.

די קריסטען אליין זענען איהם דאנקבאר געוועהן דערפאר וואס ער האט זיי געעפענט די אויגען און האט זיי אבגעהיט פון שנאת חנם. זיי האבען געוואוסט אז איהם מאגען זיי גלויבען, אז אויף זיינע רעד קאן מען שטעלען, אז ער איז ניט קיין נושא פנים און דעם אמת וועט ער זאגען דעם איינגענעם פאטער.

ר׳ שמחה לוצאטו האט טאקי פיינד געהאט צו פערדעקען די פעהלער פון זיין פאלק: אין דעמזעלבען ספר, וואו ער שטעלט אזוי הויך די מעלות פונ׳ם יודען, זיין איינגעהאלטענקייט, זיין צניעות, זיין שאן פאמיליען״לעבען, זיין אפענע האנד, זיין הכנסת אורחים, זיין קאלטבלוטיג איבערטראגען יסורים, זיין מסירות נפש פאר דער אמונה, קלאגט ער זיך אויף שטארקע חסרונות, וואס ער בעמערקט ביי זיינע ברידער, אז זיי האבען קיין אחדות ניט, אז זיי האבען נאר מורא פאר פרעמדע און צווישען זיך זענען זיי גרויסע עזות-

פנים'ער, אז זיי לעגען ניט קיין כבוד אויף זייערע אייגענע גרויסע לייט, אז זיי דערנייטערן זיך פון בילדונג אונ ווילען ניט וויסען, אז די צייט שטעהט ניט, אז זיי זענען ביי זיך צו פיעל געפאלען, אז זיי האבען ניט אין זין צו בעפעסטיגען די אומה, נאר מאכען שטאנדיג אן מחלוקת איבער נארישקייטען אונ עס קומט אפט דערפון צו לייטיש געלעכטער.

אט דאס זענען געוועהן די פיער יודען, וואס יעדער פון זיי האט מיט זיין לעבען בעוויזען, אז מען קאן ניט לאזען דאס יודיש פאלק ווייטער זיך שלעפען מיט די קייטען אויף די פיס, וואס די רבנים האבען זיי אנגעטהון אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאהר. צום אומגליק, זענען זייערע קראפטע צו קליין געוועהן, אונ עס האט זיי ניט געטראגען דער כח אין גאנצען זייער היילינג רצון אויסצופיהרען. אהתחלה האבען זיי שוין אבער געמאכט אונ באלד האבען זיך ארויסגעוויזען צוויי מענשען, איינער מיט זעהר איין שארפען שכל אונ דער אנדערער א ביסעל מיט א פערדרעהטען קאפ, אונ ווי אזוי זייערע דרכים זענען געוועהן פערשיעדען, האבען זיי פארט געמאכט א שטארקע ווירקונג. זייער ארבייט קאן מען פערגלייכען צו א שטורמווינד מיט א שלאגס-רעגען, וואס ריינינגען די לופט אונ וועקען אויף די פערשלאפענע זיי זאלען זיך דערמאנען וואו זיי זענען ערגיץ אין דער וועלט אונ וואס עס פאדערט פון זיי דאס פרייע, ניט געבונדענע לעבען.

---

9 ברוך שפינאזא אונ שבתי צבי.

(1666—1678 נאך קריסטוס געבורט).

אין דער צייט וואס ר' מנשה בן ישראל האט זיך ארומגעטראגען מיט זיינע האפנונגען וועגען דער גאולה אונ האט ארויסגעקוקט אז אט אט וועט ער דערזעהען משיח'ן, איז אין דער אמשטרדמער תלמוד תורה אונטערגעוואקסען א יודיש יונגעלע, וואס אויף איהם איז געפאלען דער גורל דורכצושלאגען א נייעם וועג אין חקירה אונ מאכען א איבערקערעניש אין די געדאנקען פון אללע דענקער, ניט נאר פון יודען אלליין. פון דעם קליינעם יונגעלע איז געווארען דער גרעסטער חקרן פונ'ם זיבעצעהנטען יאהרהונדערט אונ זיין זכר איז נאך פריש אין היינטיגע יאהרען אונ וועט עביג לעבען, ווייל זיין אויפטהוא איז געוועהן זעהר גרויס. ער האט פערשטאנען אז פיעל מענשען וועלען פערפיהרט

צו ליעב דעם וואס זייערע קאפ פליהען ארום אין דער לופט אונ זיי מיינען, אז גאטט וואהנט נאר אין די אייבערשטע וועלטען, וואס עס איז שווער אהין אפילו מיט'ן געדאנק צוצוקומען, האט ער אנגעהויבען ערקלערן אז דער בורא עולם איז פול די גאנצע וועלט, אויף דער ערד אזוי גוט ווי אויפ'ן הימעל אונ יעדער מענש ברויך איהם ניט זוכען ווייט, נאר ער זאל פערשטעהען אז דער הימלישע בעשעפער געפינט זיך תמיד ביי איהם אונ אין איהם אונ קאן אויך רוהען אין די טיעפסטע בעהאלטעניסען פון זיין הארץ.

דאס קליינע יונגעלע מיט'ן שארפען קאפ אונ מיט דער פייערדיגער נשמה איז געוועהן ברוך שפינאזא, וואס איז געבארען געווארען אין אמשטרדם אים יאהר 1632, אונ ביז פונפצעהן יאהר האט ער געלערנט תמיד ביי ר' שאול מורטיירא. עס איז ביי קיינעם קיין ספק ניט געוועהן אז פון איהם וועט אויסוואקסען א בעריהמטער רב אונ ער וועט זיין א ליכט פאר די האללאנדישע יודען. שפינאזא האט זיך אבער ניט געקאנט בעגנוגען נאר מיט'ן תלמוד אונ זיינע מפרשים, עס האט איהם געטראגען צו עפיס העכערס, אונ אז ער האט זיך בעקענט מיט'ן בעריהמטען דאקטאר פראנץ וואן-דען-ענדען אונ נאך מיט אנדערע געלעהרטע אונ האט אנגעהויבען לערנען ביי זיי שפראכען-קענטניסע אונ וויסענשאפטען, האט ער פערשטאנען אז בלייבען פערשלאסען אין א ישיבה אונ פיהרען זיך ווי אללע איבריגע יודען איז איהם אונמאגליך. דערצו האט ער זיך נאך פון קינדערווייז אן גוט צוגעקוקט צו דער הנהגה פון די אמשטרדאמער רבנים אונ דאס האט איהם נאך מעהר דערווייטערט פון זיי. ער איז אין גאנצען אלט געוועהן אכט יאהר, ווען אוריאל אקוסטא איז מיעד געווארען צו ליידען אונ האט זיך מיט א קויל אליין צוגעמאכט די אויגען. עס קאן זיין אז ער איז נאך צו יונג געוועהן אונ אקוסטא'ס געדאנקען האבען נאך ניט געקאנט איבערגעבען צו איהם בירושה, נאר אזוי פיעל שכל אונ געפיהל האט ער געהאט, אז דער אומצייטיגער טויט פון דעם גרויסען דענקער האט איהם געוויזען ווער אקוסטא'ס שונאים זענען געוועהן, אונ שטארק ליעב האבען האט ער זיי ניט געקאנט.

פון אנהייב אן האט זיך שפינאזא געשטעלט דעם דרך — ליעב צו האבען נאר דאס, וואס איז געבויעט אויף דעם ריינעם מענשענפערשטאנד, אונ פון אזעלכע זאכען, וואס מען קאן ניט משיג זיין מיט'ן שכל, האט ער גאר ניט געוואלט רעדען. דערצו האט ער נאך געהאט א פעסטען כאראקטער אונ האט זיך איין מאל פאר אללע מאל ענטשלאסען אויף קיין האר ניט אבטרעטען

פונ'ם אמת, שטאנדיג געהען מיט'ן גלייכען וועג, ניט צו ליעב טהון קיינעם אונ איינרעדען זיך אז עס פאסט ניט יענעם צו קראנקען, ניט זוכען קיין היתר אפילו אויף א קליינינקייט. אודאי האבען ביי איהם די רבנים מיט זייער שטרענגקייט ניט נושא חן געווען, אונ אזוי ווי פערלייגנען זיינע געדאנקען אונ געפיהלע האט ער ניט געקאנט אונ ניט געוואלט, איז דער סוד באלד ארויס, אונ די גאנצע שטאדט האט געקלונגען מיט דעם אפיקורוס. בעזאנדערס אז ער האט אנגעהויבען אפענטליך מחלל שבת זיין אונ עובר זיין אויף דינים פון דער תורה אונ האט זיך ניט געשעמט ארויסצוזאגען, אז פון אללע תרי"ג מצות איז איהם שווער אויסצוקלויבען אפילו עטליכע געצאהלטע געזעצע, וואס זיין געוויסען זאל איהם ערלויבען זיי אבצוהיטען.

א שרעקליכער רעש איז געווארען אין אמשטרדם צווישען די רבנים אונ די פארשטעהער פון דער יודישער קהלה. עס איז זיי געוועהן א וועטהיג פון צוויי זייטען: ערשטענס, איז ביי זיי שפינאזא פון קינדווייז אן פערדעכענט געווארען פאר איין עלוי, אונ זיי האבען געהאפט, אז פון איהם וועט ארויס א גדול בישראל, אודאי האט זיי באנג געטהון וואס אזא טהייערע כלי איז פלוצלונג, נאך זייער מיינונג, קאליע געווארען; אונ, צווייטענס, האבען זיי מורא געהאט ער זאל ניט פערדארבען אנדערע יונגע לייט, ווייל שפינאזא האט שוין געהאט א סך תלמידים. שווייגען האבען זיי ניט געטארט, ווייל פון אללע זייטען האבען זיך דעמאלט געלאזט קיין אמשטרדם טויזענדער מאראנישע משפחות, מען האט אוועקגעווארפען רייכטהום אונ די בעסטע שטעללען, מען האט זיך מוסר נפש געוועהן, מען איז יאהרענווייז אבגעזעסען אין תפיסות, מען האט איבערגעטראגען די גרעסטע יסורים, אונ מען האט זיך געשעצט גליקליך וואס מען האט געקאנט ענדליך אפענטליך טראגען דעם נאהמען „יוד". האבען דען די רבנים געקאנט רוהיג צוקוקען ווי פון איין זייט שטרעקען מענשען דאס לעבען פאר דער יודישער אמונה, אונ פון דער אנדערער זייט שפרינגט ארויס עפיס א יוד וואס מאכט נאר חוזק פון איהר? זייער פערדראס איז נאך גרעסער געווארען, ווען עס איז ווייטער אנגעקומען ידיעות פון שפאניען אונ פארטוגאל, אז די אינקוויזיציאן זוכט זיך אב פרישע קרבנות. עס איז טאקי נאר געוועהן צו בעוואונדערן דעם בעהאלטענעם כח, וואס איז געלעגען אין יעדען פון די מאראנען, וועלכע זענען געגאנגען צום טויט ווי צום טאנץ. אין פאריז האט די פארטוגאזישע מלוכה געהאט איהר קאנזול עמנואל פערנאנדא דא־ווילא־רעאל, איינעם פון די מאראנען, וואס איז געוועהן א גרויסער געלעהרטער

און א בעל מדות. אז ער איז אמאל צו ליעב א געשאפט צוריק געקומען קיין ליסאבאן, האט מען איהם איינגעזעצט אין תפיסה און מען האט איהם אנגעטהון ענוים קשים ביז ער איז געשטארבען. אין קוענקא האט מען אים יאהר 1654 פערמשפט צום טויט זיבען און פונפציג מאראנען; פון זיי האט מען צעהן פערברענט און איינער פון די אומגליקליכע, באלטהאזאר לאפעז, וואס איז געוועהן א גרויסער עושר, האט זיך מיט שמחה געלאזט אריינווארפען אין פייער און האט געשריגען, אז ער שטארבט א גליקליכער, וואס דער אויבערשטער האט איהם מזכה געוועהן מיט דער גרויסער מצוה פון קדוש השם. מען האט נאך געהערט ווי בעהארצט און פעסט צוויי מאראנען פון דער משפחה בערנאל האבען אנגענומען דעם טויט און ווי אללע, וועלכע זענען געשטאנען דערביי, זענען בטל געווארען פאר'ן גרויסקייט פון די קדושים. אין גאנץ אמשטערדם האט מען בעוויינט די געפאלענע גבורים, און ווער עס האט נאר געקאנט האט געשריבען קינות און געבעטען פאר זייערע הייליגע נשמות, וואס האבען ארויסגעוויזען אזא ליעבשאפט צו זייער פאלק און גלויבען. און גראד אין אזא צייט האט שפינאזא אנגעהויבען צו דערוויזען, אז אללע לעבען אין טעות און עס איז ניטא צו ליעב וואס זיך מקריב צו זיין. אודאי האבען די רבנים פערשטאנען, אז מען טאר איהם ניט לאזען שטארק פערברייטערן זיינע פרייע געדאנקען. זיי האבען זיך אבער באלד בערעכענט אז מיט תקיפות טויג אויך ניט צו געהען, ווייל זיי האבען מורא געהאט טאמער נעהמט שפינאזא אין דאס קריסטענטהום און דעמאלט וועלען די יודען בעקומען נאר א געפאהרליכען שונא. דאריבער איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען זיך פרואווען מיט גוטען, און זיי האבען פארגעלעגט שפינאזא'ן, דורך איינעם פון זיינע גוטע פריינד, אז די שטאדט וועט איהם געבען א בעשטימטע יעהרליכע פענסיע פון טויזענד גולדען, אבי ער זאל געבען דאס ווארט אפענטליך ניט ארויסצוטרעטען געגען די יסודות פון דער יודישער אמונה, און זאל זיך אפאר מאל אין יאהר לאזען וויזען אין שול ביים דאווענען. שפינאזא איז אבער ניט געוועהן קיין מענש פון געלד נעהמען, ער האט געאנטפערט אז ער פערלאנגט גאר ניט און וויל חלילה קיינעם קיין שלעכטס ניט טהון, נאר ער קאן אויך ניט יוצא זיין פאר אנדערע און בעט נאר, מען זאל איהם לאזען רוהיג לערנען און טהון זיין ארבייט. נאך אזא תשובה האט מען פערשטאנען, אז מען וועט מיט איהם גאר ניט מאכען און מען האט איהם אנגעהויבען בעטראכטען פאר א אפענעם שונא. באלד האט זיך געפונען א פרומער, וואס איז אויף איהם מיט א מעסער ביי

נאכט אַנגעפאַלען, נאָר ער האָט איהם ניט געטראָפען און האָט נאָר דורכ־געלאָכערט זיין מאַנטעל. שפּינאָזאַ האָט אַקוק געטהון אַז זיין לעבען איז אין סכּנה, האָט ער זיך בעזעצט אין אַדאָרף, ניט ווייט פון אַמשטערדם, ביי זיינעם אַ חבר אַ קריסט. עס וואָלט אייגענטליך בעדאַרפט שטיל ווערען ווען שפּינאָזאַ איז ניט געוועהן פאַר די אויגען, נאָר די שטאָדט האָט מורא געהאַט טאָמער האָט ער שוין אַריינגעלאָזט סם אין אַנדערע יונגע לייט און מען וועט איהם וועלען נאָכגעטהון. דערפאַר איז געבליבען מען זאָל איהם מחרים זיין, כּדי אַללע זאָלען זיך אָראָבנעהמען אַ מוסר, און אים דאָנערשטאָג, דעם זעכסטען אָב 1656, האָבען די רבּנים אין דער גרויסער שול ביי אַ אָפענעם אָרון קודש אַרויסגעגעבען אַ חרם געגען ברוך שפּינאָזאַ „פאַר זיינע שלעכטע מעשים".

רוהיג און קאַלטבּלוטיג האָט שפּינאָזאַ אויסגעהערט די ידיעה וועגען חרם און האָט געזאָגט, אַז דאָס שרעקט איהם ניט און וועט איהם ניט שטערען אין זיין אַרבייט. די יודישע קהלה האָט איהם אָבער געוואָלט אין גאַנזען דערשטיקען און מען האָט אויף איהם דערלאַנגט אַ מסירה, אַז ער איז פאַר קריסטען אויך שעדליך און מען טאָר איהם ניט לאָזען זיצען אין אַמשטערדם. אַזוי ווי די זאַך האָט זיך אָנגעקעהרט מיט רעליגיאָן, האָט עס די מלוכה איבערגעגעבען די גייסטליכע, און די יודען האָבען געאַרבייט מיט אַללע כּוחות ביז מען האָט טאַקי שפּינאָזאַ'ן פערוועהרט עטליכע חדשים אַריינצופאָהרען קיין אַמשטערדם. שפּינאָזאַ האָט אָבער אויך ניט געשוויגען און האָט אָנגע־שריבען אַ בעזונדער בוך, אין וועלכען ער האָט אויסגעוויזען אַז די מחשבות פון יעדען מענשען זענען פריי און אַז די מלוכה דאַרף זיך ניט אַריינמישען און איהם זאָגען אַ דעה ווי אַזוי צו דענקען. דאָס בוך האָט זיין נאָהמען באַלד גרויס געמאַכט אויף דער וועלט, נאָר שפּינאָזאַ האָט ניט ליעב געהאַט קיין כּבוד; ער האָט זיך געלעבט גאַנץ אָבגעזונדערט, זיין פּרנסה האָט ער געצויגען פון אַ מלאָכה, ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט גלאָז־שלייפען, און איז געוועהן צופרידען ווען מען האָט פון איהם וועניגער גערעדט.

פון שפּינאָזאַ'ס בוך זעהט מען אַרויס, אַז דער זינדיגער מענש איז מעהר ניט ווי אַ שוואַכע בּריאה און מוז אין זיך האָבען עפּיס חסרונות פון אַ בּשׂר ודם. ווי קלוג, בערעכענט, איינגעהאַלטען, קאַלטבּלוטיג שפּינאָזאַ איז גע־וועהן, ווי אַזוי ער האָט זיך ניט בעמיהט אַללע זיינע מיינונגען צו בּויען אויפ'ן קלאָרען מענשענפערשטאַנד און דערוויזען, אַז ישר מיט שׂכל זענען צוויי

בְּרִידֶער וָואס טָארֶען זִיךְ נִיט צוּשֵׁיידֶען, אַז יֶעדֶער בַּר שֵׂכֶל מוּז זַיין אַ בַּעַל יָשָׁר, אוּנ אַז גוּטְסְקַייט אוּנ גֶערֶעכְטִיגְקַייט זֶענֶען נִיט קַיין בֶּעזוּנְדֶערֶע מַעֲלוֹת פוּן אֵיינְצִיגֶע מֶענְשֶׁען, נָאר אַ חִיוּב פַאר אַלֶע, וַוייל אָהן דֶעם קָאן דִי וֶועלְט נִיט בֶּעשְׁטֶעהֶען; וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעמָאנְט רֶעכְנֶען אַז שִׂנְאָה אוּנ נְקָמָה שְׁטֶעהֶען גָאר נִיט בַּיי אִיהם אִין צֶעטֶעל, אִיז עֶר פָּארְט מֶעהר נִיט גֶעוֶועהן וִוי אַ מֶענְשׁ, עֶר הָאט נִיט גֶעקָאנְט פֶערְגֶעסֶען דִי צָרוֹת וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלִיטֶען פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער אוּנ הָאט אוֹיף זֵיי אוֹיסְגֶעגָאסֶען דִי גַאנְצֶע גַאל. אַחוּץ דֶעם וָואס עֶר הָאט אָבְּגֶעלֵייגֶענְט דָאס הֵיילִיגְקַייט פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ הָאט גֶעדְרוּנְגֶען אַז אֲפִילוּ דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת זֶענֶען נִיט דִי אֵייגֶענֶע וָואס מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט בֶּעקוּמֶען אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי, אַחוּץ דֶעם וָואס עֶר הָאט דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם אַ סַךְ הֶאכֶער גֶעשְׁטֶעלְט פוּן דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה, הָאט עֶר מִיט חֲקִירָה דֶערְוִויזֶען, אַז יֶעדֶע מְלוּכָה הָאט דָאס רֶעכְט צוּ פָארְדֶערְן פוּן אַלֶע פֶאלְקֶער, וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אוּנְטֶער אִיהר שׁוּטְץ, זֵיי זָאלֶען אָנְנֶעהמֶען דִי אֱמוּנָה, וָואס הֶערְשְׁט אִין לַאנְד; וַוייל דִי מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ גֶעמַאכְט אַ מְלוּכָה צוּ לִיעבּ דֶעם, אַז זִי זָאל הָאבֶּען דֶעם כֹּחַ פוּן אַלֶע, אַז יֶעדֶער בֶּעזוּנְדֶער זָאל זִיךְ נִיט דַארְפֶען פֶערְלָאזֶען אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶער קְרַאפְט אוּנ דֶער שְׁטַארְקֶערֶער זָאל נִיט אַיינְשְׁלִינְגֶען דֶעם שְׁלַאפֶערְן, אוּנ דַארִיבֶּער טָארֶען זֵיי נִיט מַאכֶען אַזֶעלְכֶע חִלּוּקִים צְווִישֶׁען זִיךְ, וָואס קָאנֶען שְׁטֶערֶען דֶעם שָׁלוֹם. שְׁפִּינָאזַא'ס פֵּירוּשׁ אִיז גֶעוֶועהן שְׁטַארְק גֶעפֶאהְרְלִיךְ פַאר דִי יוּדֶען, וַוייל עֶר אִיז אֵייגֶענְטְלִיךְ אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דִי אִינְקְוִוִיזִיצְיָאן הָאט רֶעכְט אוּנ אַלֶע מַאראַנֶען, וָואס זֶענֶען מַפְקִיר דָאס לֶעבֶּען, זֶענֶען פְּשׁוּט'ע מְשׁוּגָעִים, אוּנ וֶוען עֶר גֶעהט נָאךְ אֶפֶענְטְלִיךְ אִיבֶּער צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם וָואלְטֶען דִי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט גֶעהַאט אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ צוּ פֶערְרוּפֶען אוּנ זוּכֶען אִין זַיינֶע וֶוארְטֶער בֶּעוַוייזֶע אוֹיף אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּנ שְׁקָרִים. דָאס גְלִיק אִיז אָבֶּער גֶעוֶועהן וָואס שְׁפִּינָאזַא הָאט גְלַייךְ מִיט דִי רַבָּנִים בֶּעשׁוּלְדִיגְט אִין פִיעל זַאכֶען אוֹיךְ דִי גַייסְטְלִיכֶע אוּנ זֵיי הָאבֶּען שׁוֹין גֶעאַרְבַּייט אַז דִי מְלוּכָה זָאל דָאס בּוּךְ נִיט לָאזֶען אֶפֶענְטְלִיךְ פֶערְקוֹיפֶען. שְׁפִּינָאזַא ווִידֶער אַלֵיין הָאט נִיט אִין זִין גֶעהַאט צוּ פֶערְשְׁפְּרֵייטֶען זַיינֶע חִבּוּרִים, עֶר אִיז גֶעוֶועהן פֶערְטִיעפְט אִין זַיינֶע חֲקִירוֹת אוּנ הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט וָואס זַיין מְלָאכָה הָאט אִיהם גֶעקָאנְט דֶערְנָאהְרֶען. פוּן אִיבֶּערְבַּייטֶען דִי אֱמוּנָה הָאט גָאר קַיין רֶעדֶע נִיט גֶעקָאנְט זַיין, עֶס אִיז אִיהם אֲפִילוּ אוֹיף דֶער מַחֲשָׁבָה נִיט גֶעקוּמֶען, אוּנ אַז דֶער פְּפַאלְץ-גְרַאף קַארְל

לוּדְוִויג הָאט אִיהם פָארְגֶעלֶעגְט עֶר זָאל וֶוערֶען פְּרָאפֶעסָאר אִין דֶער הֵיידֶעלְבֶּערְגֶער אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט, הָאט שְׁפִּינָאזַא פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז אַ ווִינְק עֶר זָאל וֶוערֶען אַ קְרִיסְט אוּנ עֶר הָאט זִיךְ דֶערְפוּן אָבְּגֶעזָאגְט.

דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ דָאס לֶעבֶּען פוּן דִי אַמְשְׁטַרְדַמֶער יוּדֶען אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פֶערְאֶנְדֶערְן: דִי מַארְרַאנֶען, וָואס זֶענֶען אַללֶע מָאל צוּגֶעקוּמֶען, הָאבֶּען אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט בִּילְדוּנְג אוּנ פִּיעל פוּן זֵיי, וָואס זֶענֶען גֶעוֶועהן גֶעלֶעהְרְטֶע דָאקְטוֹירִים, מַאטְהֶעמַאטִיקֶער אוּנ שְׁפְּרַאכֶען־קֶענֶער, הָאבֶּען גֶעשְׁפִּיעלְט אַ גְרוֹיסֶע רָאללֶע אִין דֶער יוּדִישֶׁער קְהִלָּה. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט אֵיינֶער פוּן דִי יוּדִישֶׁע פָארְשְׁטֶעהֶער ר׳ יִצְחָק דֶע־רָאצַאמָארַא, וָואס אִיז אִין דִי יוּנְגֶע יָאהרֶען גֶעוֶועהן אַ גַייסְטְלִיכֶער אִין נוֹאלֶענְסִיַא אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען פְּרַיי וִוינְסֶענְטֶע דֶע־רָאצַאמָארַא, עֶר הָאט עֶס אַזוֹי וַוייט גֶעבְּרַאכְט, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארֶען הוֹיף־גַייסְטְלִיכֶער פוּן דֶער שְׁפַּאנִישֶׁער פְּרִינְצֶעסִין מַארִיַא, וָואס אִיז דֶערְנָאךְ גֶעוֶועהן קַאיזֶערִין פוּן דַייטְשְׁלַאנְד. כָּבוֹד אוּנ רַייכְקַייט הָאבֶּען אִיהם אָבֶּער נִיט גֶעקָאנְט בֶּעפְרִידִיגֶען אוּנ עֶר אִיז אַוֶועק קַיין הָאללַאנְד. בַּיי פִּיעֶרְצִיג יָאהר הָאט עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט גֶענוּמֶען לֶערְנֶען מֶעדִיצִין, עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַ בֶּערִיהְמְטֶער דָאקְטָאר אוּנ הָאט גֶענוּמֶען אַ יוּדִישֶׁע פְרוֹי אוּנ הָאט זִיךְ אִין נַחַת אָבְּגֶעלֶעבְּט בִּיז צוּם דְרַיי אוּנ אַכְטְצִיגְסְטֶען יָאהר. זַיין טוֹיט אִיז גֶעוֶועהן אַ קְלַאפּ פַאר דִי אַמְשְׁטַרְדַמֶער יוּדֶען, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה אוּנ הָאט גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אוֹיף צָרְכֵי צִבּוּר.

צְווִישֶׁען דִי מַארְרַאנֶען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ אוֹיף דֶער אֶלְטֶער בֶּעזֶעצְט אִין הָאללַאנְד, אִיז גֶעוֶועהן אוֹיךְ אַנְטָאנְיָא הֵיינְרִיךְ דֶע גָאמֶעץ, אֵיינֶער פוּן דִי בֶּעסְטֶע שְׁפַּאנִישֶׁע קְרִיגְס־לַייט, וֶועלְכֶער הָאט נָאךְ אִין דִי יוּנְגֶע יָאהרֶען אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען זַיין גְבוּרָה אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען קַאפִּיטַאן, אַחוּץ דֶעם וָואס דִי מְלוּכָה הָאט אִיהם בֶּעלוֹינְט מִיט׳ן גְרֶעסְטֶען אָרְדֶען. אַז עֶר אִיז אֶלְטֶער גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען דִי שְׁוֶוערְד אוּנ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶער פֶּעדֶער; עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען זֶעהר פִּיעל טְהֶעאַטֶער־שְׁטִיקֶע, וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁפִּיעלְט אִין מַדְרִיד אוּנ עֶר הָאט דֶער פוּן בֶּעקוּמֶען אִי כָּבוֹד, אִי גֶעלְד. עֶס הָאט אִיהם אָבֶּער גֶעטְרִיבֶּען צוּ זַיינֶע בְּרִידֶער אוּנ עֶר הָאט אַלְדִינְג אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּנ אִיז אַוֶועק קַיין פְרַאנְקְרַייךְ. דָארְט הָאט עֶר אוֹיךְ נִיט גֶעפוּנֶען קַיין רוּה, וַוייל עֶר הָאט גֶעמוּזְט פָארְט לֶעבֶּען פֶערְשְׁטֶעלְט וִוי אַ קְרִיסְט, חָאטְשׁ אִין פִּיעל זַאכֶען הָאט עֶר קַיין מוֹרָא נִיט גֶעהַאט אוֹיסְצוּוַוייזֶען זַיין אָפֶענֶע לִיעבְּשַׁאפְט צוּ יוּדֶען, אוּנ הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ בֶּערִיהְמְט קְלָאג־לִיעד אוֹיפ׳ן טוֹיט

פון לָאפֶּע דֶע וֶועגַא אִי אַלַארְקָאן, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועהן פַאר דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה. אַז מֶען אִיז אִין מַאדְרִיד גֶעוָוארֶען גֶעוָואהר דֶערְפוּן הָאט מֶען זַיין בִּילְד אֶפֶענְטְלִיךְ פֶערְבְּרֶענְט אוּנ מֶען הָאט דֶערְמִיט גֶעוִויזֶען, אַז מִיט אִיהם אַלֵיין וָואלְט מֶען אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטְהוּן וֶוען עֶר פַאלְלְט צוּ זַיי אַרַיין. דֶער נָאמֶען אִיז אָבֶער דֶערְוַוייל אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען קַיין הָאלְלַאנְד, דָארְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִיהלְט זִיכֶער, עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַ יוּד מִיט'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען. מִיט זַיינֶע שֶׁאנֶע לִיעדֶער הָאט עֶר גֶעטְרֶעסְט זַיין פָאלְק אוּנ הָאט זִיךְ רוּהִיג אָבְּגֶעלֶעבְּט דִי יָאהרֶען.

אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט זִיךְ, זַייט אוּרִיאֵל אַקוֹסְטַא'ס טוֹיט, דִי אַמְשְׁטֶערְדַאמֶער יוּדִישֶׁע קְהִלָּה פֶערְבֶּעסֶערְט אִין פִיעל עִנְיָנִים, אוּנ דָאס הָאט זִי נָאר גֶעהַאט צוּ פֶערְדַאנְקֶען דִי מַארְרַאנֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען פֶערְבּוּנְדֶען צוּזַאמֶען תּוֹרָה מִיט חָכְמָה אוּנ הָאבֶּען דֶעם צוּשְׁטַאנְד פוּן דִי הָאלְלֶענְדִישֶׁע יוּדֶען אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען גָאר הוֹיךְ. זַיי הָאבֶּען אַ בִּיסֶעל פֶערְקְלֵיינֶערְט דֶעם כֹּחַ פוּן דִי רַבָּנִים, נָאר עֶס אִיז צוּגֶע־גַאנְגֶען שְׁטִיל אָהן מַחֲלוֹקֶת. צְוִוישֶׁען דִי בְּכָבוֹדֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים, וָואס אוֹיף זַיי הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה. אִיז גֶעוֶועהן ר' יוֹסֵף פֶּעלִיטְשֶׁע פֶּינְזוֹ דֶע לַא וֶועגַא, אַ גְרוֹיסֶער עָשִׁיר, וָואס הָאט צוּזַאמֶען מִיט'ן פָאטֶער גֶעפִיהרְט דִי גְרֶעסְטֶע מִסְחָרִים, אוּנ הָאט אוֹיךְ גֶעפוּנֶען צַייט אוֹיף צוּ שְׁרַייבֶּען שֶׁאנֶע שִׁירִים אוֹיף לְשׁוֹן קֹדֶשׁ. עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ טְהֶעאַטֶער־שְׁטִיק מִיט דֶעם נָאהמֶען „אַסִירֵי הַתִּקְוָה", דִי גֶעבּוּנְדֶענֶע דוּרְךְ דֶעם הָאפְנוּנְג, אוּנ אַחוּץ דֶעם הָאט עֶר אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען עֶטְלִיכֶע שְׁפַּאנִישֶׁע עֶרְצֶאהלוּנְגֶען. דֶעמָאלְט הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעוָואהנְט אִין אַמְשְׁטֶערְדַם ר' יִצְחָק נוּנֶעס, אָדֶער עִמְנוּאֵל דֶע בֶּעלְמָאנְט, וָואס אִיז פְרִיהֶר גֶעוֶועהן שְׁפַּאנִישֶׁער גֶעזַאנְדְטֶער אִין נִידֶערְלַאנְד; ר' יִצְחָק גָאמֶעץ דֶע זוֹזָא, וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען שִׁירִים אוֹיף לַאטַיינִישׁ; נִיקוֹלַאִי דֶע אָלִיוֶוער פוּלַאנַא, וָואס אִיז אִין שְׁפַּאנְיֶען גֶעוֶועהן זֶעהר אַ גֶעשֶׁאצְטֶער אָפִיצִיער; ר' יוֹסֵף סֶמַח אַרִיאַשׁ, וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף שְׁפַּאנִישׁ דָאס בּוּךְ פוּן יָאזֶעפוּס פְלַאוְויוּס „גֶעגֶען אַפִּיאָן"; טְהָאמַאשׁ דֶע פִּינֶעדָא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער קֶענֶער פוּן גֶעאָגְרַאפְיֶע, אוּנ אַז עֶר אִיז פוּן שְׁפַּאנְיֶען אַנְטְלָאפֶען קַיין הָאלְלַאנְד הָאט עֶר עֶרְשְׁט דָארְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען דְרוּקֶען זַיינֶע נוּצְלִיכֶע בִּיכֶער; ר' דָוִד כֹּהֵן דֶע לַארַא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ בֶּערִיהְמְטֶער דַּרְשָׁן, נָאר אַזוֹי וִוי אִין הַאמְבּוּרְג פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אָפְט צוּנוֹיפְקוּמֶען מִיט'ן בֶּעקַאנְטֶען גַייסְטְלִיכֶען עֶדְצַארְדוּס, וֶועלְכֶער הָאט לִיעב גֶעהַאט צוּ טוֹיפֶען יוּדֶען הָאט מֶען אוֹיף אִיהם אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַז

ער איז איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום; ר' בנימין, אָדער דיאָניס מוספיא, וואס איז אַלאנגע צייט געוועהן לייב־דאָקטאר ביים קאָניג כריסטיאן דעם פיערטען פון דאַנעמארק און איז אויף דער עלטער געוואָרען רב אין אמסטערדם. אויסער זיי האט אויך אין האָללאנד געשפּיעלט ניט קיין קליינע ראָללע א מאראנישע פרוי רבקה, אָדער איזאבעלא קאָררעאַ, וואס האט געשריבען זעהר שאָנע שירים אויף שפּאניש.

נאר האָבער פון אַללע מאראנען, וואס האָבען זיך געפונען אין אמסטערדם, איז געשטאנען באַלטהאַזאר אָראבּיאָ דע קאסטרא, וואס איז פון קליינערהייד אן צוגעוואקסען געוואָרען צום יודענטהום. ווייל זיינע עלטערן האָבען אָבגעהיט אַללע דינים פון יודישקייט, קיין טרפות פלעגט צו זיי אין שטוב ניט אריינקומען און זיי האָבען הייליג געהאלטען שבת און יום טוב. צום אָנהייב האט אָראבּיאָ געלערנט פילאָזאָפיע און האט עס אַזוי ווייט געבראכט, אז ער איז געוואָרען פּראָפעסאר אין דער אוניווערזיטעט פון סאלאמאנקא. שפּעטער האט ער זיך גענומען צו מעדיצין און איז געוואָרען איינער פון די בעסטע דאָקטוירים אין סעווילא. ער איז אויך אַ צייט געוועהן לייב־דאָקטאר ביי אַ רייכען הערצאָג און האט זיך געמאכט אַ גרויס פערמעגען. גליקליך האט זיך אָראבּיאָ מיט זיין משפחה געלעבט, פון אַללע זייטען האט מען איהם אָבגעגעבען כבוד און ער האט שוין געמאַכט רעכנען אז ער וועט אויך רוהיג ענדיגען זיין לעבען אין שפּאניען און בלייבען אַ בעהאלטענער יוד, ווי זיינע עלטערן האָבען געטהון. צום אומגליק איז אָבער אויף איהם געפאלען אַ חשד... וואס דער מענש איז גרעסער מעהר שונאים האט ער: עס האָבען זיך געפונען עדות וואס האָבען געשוואָרען אז ער איז געגייעט צום יודענטהום, ער אַלליין האט זיך אויך שטארק ניט געקאנט אָבלייקנען, און מען האט איהם אָבגעהאלטען אין תפיסה גאנצע דריי יאָהר. די צרות וועלכע אָראבּיאָ האט איבערגעליטען, לאָזען זיך גאר ניט בעשרייבען. ער האט דערנאך אין פריידען דערצעהלט, אז גאנץ אָפט האט ער אָנגעהויבען צו טראַכטען אז ער איז גאר קיין מאל ניט געוועהן קיין פּראָפעסאר און קיין דאָקטאר, אז אַלדינג איז מעהר ניט געוועהן ווי אַ זיסער חלום. און אַז ער איז טאקי אַ אומגליקליכע בריאה, וואס איז בעשאפען געוואָרען צו וואלגערן זיך אין געפענגניש און איבערטראַגען ענוים קשים. פינף יאָהר האט מען איהם אַזוי אָבגעמוטשעט, נאר ווי עס ווייזט אויס, האט ער אויך געהאט גוטע פריינד, וואס האָבען געבעטען פון זיינעט וועגען. אָראבּיאָ איז אָבגעקומען דערמיט, וואס מען האט

איהם בעפרייהט אונ מען האט איהם ארויסגעטריבען פון שפאניען. אויף אזא ענש האט אראביא שוין לאנג ארויסגעקוקט; ער איז באלד אריבער קיין טולוז אונ איז דארט געווארען פראפעסאר פון מעדיצין אין דער אוניווערזיטאט. אין טולוז איז ער ניט לאנג געבליבען, ווייל עס האט איהם געצויגען קיין האללאנד כדי ער זאל קאנען אין גאנצען אראבווארפען פון זיך די מאסקע. זעכס אונ פיערציג יאהר איז ער שוין אלט געוועהן ווען ער איז אין אמשטערדאם אפענטליך איבערגעגאנגען צום יודענטהום אונ האט אנגענומען דעם נאהמען: יצחק. עס איז קיין וואונדער ניט וואס ער האט באלד אבגעדרוקט א בוך געגען זיין פריהריגע אמונה: די צרות האבען פון איהם ארויסגערעדט אונ דערפאר האט ער מיט אזא פייער געשריבען געגען די קריסטען, אז א קריסטליכער געלעהרטער האט געמוזט ארויסלאזען א תשובה אויף אראביא'ס בעשולדיגונגען. יצחק אראביא, ווי אויך אנדערע געבילדעטע מאראנען, פלעגט זיך אפט בעגעגענען מיט שפינאזא'ן, אונ האטש זייערע דעות האבען זיך ניט געקאנט אויסגלייכען איז פון דעסטוועגען צווישען זיי געוועהן שלום ושלוה. ערשט נאר אויף די עלטערע יאהרען, אז אראביא האט בעמערקט ווי פיעל יודישע יונגע לייט גיבען זיך אב מיט שפינאזא'ס ספרים, האט ער גענומען פאר נאטהיג אנצושרייבען א בוך געגען איהם, אבער קאלטבלוטיג, אהן זידלערייען, נאר ווי צוויי לומדים זענען זיך מפלפל צווישען זיך אונ דערנאך צוגעהט מען זיך שטיל אונ געלאסען אונ יעדער בלייבט ביי זיין סברא.

אין דער צייט וואס שפינאזא האט שטילערהייד, נאר מיט דער הילף פונ'ם רייגעם פערשטאנד, געוואלט אונטערגראבען דעם בנין פונ'ם יודענטהום, האט זיך גאנץ ווייט אין קליין-אזיען צו דער אייגענער ארבייט געכאפט א יונגער מאנן, דווקא ניט מיט שכל, נאר מיט מעהר רעש אונ מיט די פינסטערע סודות פון דער פערדרעהטער קבלה. דאס האט געטהון שבתי צבי, וואס איז געבארען געווארען אין סמירנא, אים יאהר 1626. פונקט אים תשעה באב, ביי ארעמע עלטערן, וואס האבען ארויסגעשטאמט פון גריכענלאנד, אונ דער חלוק איז נאר געוועהן דער דאזיגער. וואס שפינאזא האט געקאנט נאר האבען עטליכע געצאהלטע מבינים, וואס זענען אים שטאנד געוועהן צו פערשטעהען זיינע הויכע געדאנקען, אונ שבתי צ. י האט באלד געהאט צעהנער טויזענדער תלמידים, ווייל אננעהמען א נארישקייט איז זעהר גרינג, אונ דארט וואו מען גלויבט יענעם אויפ'ן ווארט דארף מען ניט זיין קיין גרויסער בריה פארצוזאגען א גאנצען עולם אז אויפ'ן הימעל איז א יריד. שבתי צבי האט געלערנט

תלמוד ביים סמירנא'ר רב ר' יוסף אשקופא, גאר קיין חרים האט ער ניט געהאט, ווייל ער האט זיך פון קליינערהייד אן געשטעלט דעם דרך אז ער זאל זיך דערווייטערן פון מענשען, ארומגעהן אדער ביי זיך אין חדר אדער אין די געדיכטע וועלדער ניט ווייט פון דער שטאדט. אזא הנהגה אונ דערצו נאך דאס וואס ער איז אויף דער וועלט געקומען אים תשעה באב, האט געמוזט מאכען אז די מקובלים האבען אנגעהויבען בעטראכטען דעם קליינעם שבתי צבי ווי א טהייערע כלי, וואס עס קאן פון איהר עפיס אויסוואקסען. ווער שמיעסט אז ער איז נאך א ביסעל עלטער געווארען אונ מען האט איהם צוויי מאל חתונה געמאכט אונ ער האט גאר ניט געוואלט קוקען אויף די ווייבער, איז שוין ביי קיינעם קיין ספק ניט געוועהן אז ער איז ניט קיין געוועהנליכער מענש. דעמאלט האט דער טירקישער סולטאן איבראהים אנגעהויבען א מלחמה מיט וועניעדיג אונ צו ליעב דעם איז סמירנא געווארען א גרויסע האנדעלס־שטאדט, אונ דער מעמד פון ר' מרדכי צבי, שבתי צבי'ס פאטער, האט זיך פערבעסערט, ווייל עטליכע ענגלישע רייכע סוחרים האבען איהם גע־מאכט פאר א ממונה איבער זייערע געשעפטען אין סמירנא, פון די דאזיגע ענגלאנדער איז דער אלטער מרדכי געוואהר געווארען אז אין ענגלאנד קוקט מען אויך ארוים אויף משיח'ן אונ עס איז ביי איהם גאר קיין ספק ניט גע־וועהן, אז זיין זוהן איז טאקי דער מלך המשיח, אונ אין זיין זכות האט איהם גאטט געהאלפען. דורך אזעלכע רעד, וואס שבתי צבי האט שטאנדיג געהערט ביים פאטער אין שטוב אונ אויך אויף דער גאס, האט ער זיך אליין געלאזט נארען אונ האט זיך אנגעהויבען איינצורעדען אז אויף איהם איז טאקי געפאלען דער גורל אויסצולאזען די יודען פונ'ם גלות.

אללע מקובלים האבען זיך דעמאלט ארומגעטראגען מיט א פערטיגען חשבון, אז פונ'ם יאהר 1648 ביז 1666 מוזען שוין די יודען געהאלפען ווערען, אונ עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס האטש די וועלט זאגט א ווארטעל, אז עס איז שווער צו ווערען א נביא אין דער אייגענער היים, האבען זיך פארט א סך יונגע לייט אנגעהויבען צושארען צו שבתי צבי, אונ וואס מעהר משונה'גע תנועות מען האט פון איהם געזעהען איז זיין נאהמען אלץ געווארען גרעסער אונ די גאנצע שטאדט האט מיט איהם געקלונגען. פון דעסטוועגען, אז שבתי צבי האט שוין גוט געפועלט ביי זיך אז ער מאג זיך אויסגעבען פאר משיח'ן אונ ער האט שבת אין שול ארויסגעשריגען אויף א הויך קול דעם שם המפורש, כדי דער עולם זאל פערשטעהן אז דער גלות האט זיך געענדיגט, האבען זיך די

רַבָּנִים אַרוּמְגֶעקוּקְט , זֵיי הָאבֶּען עֶס אָנְגֶענוּמֶען פַאר אַ שְׁטַארְקֶען **חִלּוּל הַשֵּׁם** אוּנ
הָאבֶּען אִיהם גֶעשִׁיקְט רוּפֶען , וַוייל זֵיי הָאבֶּען פְרִיהר גֶעוָואלְט גֶעהֶען מִיט גוּטֶען
אוּנ הָאבֶּען גֶערֶעכֶענְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ אָבְּזָאגֶען פוּן זַיינֶע שֶׁאדְלִיכֶע גֶעדַאנְקֶען .
שַׁבְּתַי צְבִי הָאט אָבֶּער פוּן קֵיין זַאךְ נִיט גֶעוָואלְט הֶארֶען אוּנ , **אַז דִי רַבָּנִים**
הָאבֶּען אִיהם מַחֲרִים גֶעוֶועהן אִיז עֶר אַוֶועק קֵיין קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל **אוּנ אִיהם**
זֶענֶען נָאכְגֶעפָאהרֶען אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנ גוּטֶע פְרַיינְד , **צְווִישֶׁען וֶועלְכֶע**
עֶס הָאט גֶעשְׁפִּיעלְט נִיט קֵיין קְלֵיינֶע רָאלֶע ר׳ מ שֶׁה פִּינְ הֵיירָא , **אַ יוּד אַ עוֹשֶׁר**
אוּנ שׁוֹין אַ אֶלְטֶערֶער מֶענְשׁ , וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער מְקוּבָּל **אוּנ הָאט טַאקִי**
גֶעגְלוֹיבְּט , אַז דִי גוּטֶע צַייט פוּן דֶער גְאוּלָה אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען . **אוֹיף אִיהם**
קוֹקֶענְדִיג , הָאט שַׁבְּתַי צְבִי בֶּעקוּמֶען הוּנְדֶערְטֶער אַנְהָאנְגֶער פוּן לַייטִישֶׁע בַּעֲלֵי
בָּתִּים . דִי קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאלֶער יוּדִישֶׁע קְהִלָּה אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן גָאר אַ גְרוֹיסֶע ,
נָאר אַ צוּנוֹיפְגֶעלָאפֶענֶע , קֵיין בֶּערִיהמְטֶע לוֹמְדִים הָאט מֶען דָארְט נִיט גֶעזֶעהֶען ,
מְקוּבָּלִים אָבֶּער זֶענֶען גֶעוֶועהן זֶעהר פִיעל , אוּנ דֶערְפַאר הָאט זִיךְ דָארְט שַׁבְּתַי
צְבִי פְרַיי גֶעקָאנְט אוֹיסְפִיהרֶען זַיין פְּלַאן . בַּאלְד הָאט עֶר דָארְט אָבְּגֶעזוּכְט
אַ אָרֶעמֶען דַּרְשָׁן , אַבְרָהָם יָכִינִי , וָואס הָאט פָּשׁוּט זִיךְ גֶעוָואלְט מַאכֶען
דֶערְפוּן אַ פַּרְנָסָה אוּנ הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט גָאר נִיט דֶערְלֶעבֶען וֶוען
דֶער עוֹלָם וֶועט זִיךְ לָאזֶען צוּ שַׁבְּתַי צְבִי׳ן אוּנ עֶר וֶועט שְׁטֶעהֶען בַּיי דֶער
זַייט וִוי אַ נָבִיא . אַבְרָהָם יָכִינִי אִיז אָבֶּער גֶעוֶועהן פוּן דֶער חֶבְרָה , וָואס קֶען צוּ
גוּט דָאס פְּרָאסְטֶע פָאלְק אוּנ ווייסְט אַלֶע מִיטֶעל מִיט וֶועלְכֶע מֶען קָאן אִיהם
נֶעהמֶען . אִיהם אִיז קַארְג גֶעוֶועהן וָואס שַׁבְּתַי צְבִי אַלֵיין הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען וִוי
אַזוֹי צוּ פִיהרֶען דָאס רֶעדֶעל , וָואס זַיין שֶׁאנֶע הוֹיכֶער וואוּקס , זַיינֶע לַאנְגֶע
שְׁוַוארְצֶע הָאר , זַיינֶע פַייֶערִיגֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַיין אַיינְדְרוּק אוֹיף
יֶעדֶען , וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהרְט בְּרֵייט אוּנ הָאט גֶעשִׁיט דָאס גֶעלְד וָואס
דֶער פָאטֶער הָאט אִיהם מִיט גֶעגֶעבֶּען ; עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז דֶער עוֹלָם זָאל
טַאקִי זֶעהֶען עֶפִּיס אַ מוֹפֵת אוּנ זָאל גָאר אַנְדֶערְשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט וֶוערֶען צוּם נַייֶעם
מָשִׁיחַ , אוּנ דַארִיבֶּער הָאט עֶר פְּלוּצְלוּנְג גֶעפוּנֶען אִין אַ פֶערְבָּארְגֶענֶער הֵייל
אֵיין אַלְטֶע מְגִילָה , וָואס אִיז קְלָאמֶערְשְׁט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען גֶעוָוארֶען צוּרִיק מִיט
הוּנְדֶערְטֶער יָאהרֶען אוּנ דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ נְבִיאוּת , אַז אִים יָאהר 1626
וֶועט אִין סְמִירְנָא בַּיי ר׳ מָרְדְכַי צְבִי גֶעבָּארֶען וֶוערֶען אַ זוּהן שַׁבְּתַי צְבִי אוּנ עֶר
וֶועט בֶּעפְרַייהֶען דִי יוּדֶען גָאר אָהן אַ מִלְחָמָה , וַוייל עֶר אִיז דֶער אֶמֶת׳ער מֶלֶךְ
הַמָּשִׁיחַ . אַזַא לִיגֶען מִיט אַ וָוארְט־צֵייכֶען הָאט גוּט פֶערְדְרֶעהט דִי קָאפּ פוּן
אַלֶע , אוּנ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֶעדֶען פוּן דֶער גְאוּלָה . שַׁבְּתַי

צְבִי אִיז אָבֶּער ־קֵיין נַאר נִיט גֶעוֶועהן: עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז אִין קָאנְס־טַאנְטִינָאפָּאל קָאן עֶר נִיט גוּט אָבְּשְׁנַיידֶען, וַוייל דִי מְלוּכָה קָאן דֶערְפוּן גֶעוָואהר וֶוערֶען אוּנ אִיהם רֶעכְנֶען פַאר אַ מוֹרֵד בְּמַלְכוּת, אוּנ דַארִיבֶּער אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען, עֶר זָאל אַרִיבֶּער ־קֵיין סַאלוֹנִיקִי אוּנ דָארְט, אִין אַ קְלֵיינֶערֶע שְׁטָאדְט, פְרַייעֶר אָנְהוֹיבֶּען אַרְבַּייטֶען. סַאלוֹנִיקִי אִיז טַאקִי פוּן לַאנְג אָן גֶעוֶועהן אַ נֶעסְט פוּן מְקוּבָּלִים, מֶען הָאט שׁוֹין דָארְט גֶעהֶערְט פוּן שַׁבְּתַי צְבִי אוּנ מֶען הָאט אִיהם אוֹיפְגֶעהַאפְּט וִוי אַ אֶבֶן טוֹב. דָארְט הָאט עֶר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען אֶפֶענְטְלִיךְ דַרְשָׁנֶען אִין דִי שׁוּלֶען, אוּנ אוֹיף אַ שִׂמְחָה, וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט פַאר'ן עוֹלָם, אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גֶעסְט מִיט אַרֵיינִיגְקֵייט אוֹיף דִי הֶאנְד אוּנ הָאט זִיךְ גֶעהֵייסֶען זָאגֶען „מַזָל טוֹב". וַוייל עֶר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארֶען פַאר דֶער תּוֹרָה. מִיט דֶעם קוּנְץ הָאט עֶר נָאר פֶערְבְּלֶענְדְט דִי מְקוּבָּלִים דִי אוֹיגֶען. דִי רַבָּנִים פוּן סַאלוֹנִיקִי הָאבֶּען אָבֶּער קְרוּם גֶעקוּקְט דַארוֹיף, אוּנ אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ יְדִיעָה פוּן סְמִירְנָא, אַז מֶען הָאט שַׁבְּתַי צְבִי פוּן דָארְט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען, הָאבֶּען זֵיי אוֹיךְ נִיט גֶעוָואלְט מִיט אִיהם טַעֲנָה'ן אוּנ הָאבֶּען אִיהם בַּאלְד אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען אִין חֵרֶם. שַׁבְּתַי צְבִי אִיז פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען בַּיי זִיךְ נִיט אַרָאבְּגֶעפַאלֶען; עֶר הָאט זִיךְ אַ קוּרְצֶע צֵייט אַרוּמְגֶעדְרֶעהְט אִין גְרִיכֶענְלַאנְד בִּיז עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעשְׁלָאגֶען ־קֵיין קַאִירָא, וְואוּ עֶס הָאט גֶעוָואהְנְט אַ בֶּערִיהְמְטֶער מְקוּבָּל רְפָאֵל יוֹסֵף חֶלְבִּי, אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס הָאט גֶעדִיעֶנְט בַּיי דֶער קְרוֹין אוּנ אִיז גֶעוֶועהן בֶּעקַאנְט מִיט'ן טִיטֶעל שַׂרָף בַּאשִׁי. שַׁבְּתַי צְבִי הָאט ־קֵיין טָעוּת נִיט גֶעהַאט, וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט אוֹיף רְפָאֵל יוֹסֵף חֶלְבִּי'ס הִילְף, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ אָפֶענֶע אוּנ מִילְדֶע הַאנְד, פוּנְפְצִיג לוֹמְדִים אוּנ מְקוּבָּלִים פְלֶעגֶען אַלֶּע טָאג עֶסֶען בַּיי זַיין טִישׁ, אוּנ דָארְט וְואוּ עֶס קָאן דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַרוֹיסקוּמֶען עֶפִּיס אַ טוֹבָה אִיז בַּיי אִיהם ־קֵיין גֶעלְד נִיט טְהַייעֶר גֶעוֶועהן. זַיין שְׁטֶעלֶּע בַּיי דֶער מְלוּכָה הָאט גֶעפָאדֶערְט עֶר זָאל גֶעהֶען אָנְגֶעטְהוּן טְהַייעֶרֶע מַלְבּוּשִׁים אוּנ אַרוֹיסְפָאהְרֶען אִין דֶער שֶׁאנְסְטֶער קַארֶעטֶע, נָאר אוֹיפ'ן לֵייבּ פְלֶעגְט עֶר טְרָאגֶען אַ גְרָאבּ הֶעמְד כְּדֵי עֶר זָאל לֵיידֶען יִסוּרִים אוּנ נִיט הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן עוֹלָם הַזֶה, אַזוֹי וִוי דִי קַבָּלָה הָאט אִיהם גֶעלֶערְנְט. זַיין לֵייבּ־מֶענְשׁ אִיז גֶעוֶועהן ר' שְׁמוּאֵל וִויטַל, אַ זוּהן פוּן ר' חַיִים וִויטַל, וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין זֶעלְבֶּען דֶרֶךְ פוּנ'ם פָאטֶער, אוּנ עֶר הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַלֶּע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אָבְּצוּהִיטֶען דָאס פְרוּמְקֵייט. אַוַודַאי, אַז עֶר הָאט פַאר זִיךְ דֶערְזֶעהֶען אַזַא מֶענְשֶׁען וִוי שַׁבְּתַי צְבִי אוּנ אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אַז מֶען רֶעכֶענְט אִיהם פַאר מָשִׁיחַ'ן, הָאט עֶר אִיהם אָבְּגֶעשִׁיט מִיט גֶאלְד אוּנ הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען

אללע מיטעל ער זאל קאנען אריינפאהרען קיין ירושלים, ווייל דאס יאהר 1666, וואס אללע מקובלים האבען עס אנגענומען פאר'ן יאהר פון דער גאולה, איז שוין געוועהן נאהענט. אין ירושלים האבען זיך דעמאלט געפונען מעהר מקובלים ווי לומדים, אונ אז שבתי צבי איז אהין אנגעקומען איז ביי אללע איינגערעדט געווארען, אז באלד וועט מען זעהען פון איהם מופתים אונ דאס יודישע פאלק וועט אויפגעריכט ווערען. די ערשטע צייט האט שבתי צבי אייגענטליך גאר ניט ארויסגעוויזען, ער פלעגט אפט מתפלל זיין אויף די היילינע קברים, שרייען אונ וויינען אונ דערנאך טאקי באלד זינגען שפאנישע ליעבעס-ליעדער, אונ די פרומע האבען געדרונגען אז דאס בעזינגט ער די שכינה. באלד האט זיך אבער געמאכט א צופאל, וואס שבתי צבי איז אים שטאנד געוועהן צו טהון א גרויסע טובה די יודען פון ירושלים אונ ווערען ביי זיי אללע בעליעבט. מען פלעגט אפט פארדערן זעהר גרויסע נתינות פון דער יודישער קהלה, אונ אז עס איז ניט געוועהן פון וואנען צו נעהמען פלעגט מען איינזעצען די שאנסטע בעלי בתים אונ זיי האלטען אזוי לאנג אין תפיסה ביז די יודען פון אנדערע שטאדט האבען זיי פאר רחמנות אויסגעקויפט. אזא מעשה האט זיך גראד געמאכט אין דער צייט וואס שבתי צבי איז געקומען קיין ירושלים אונ ער האט ניט לאנג געטראכט, ער איז שוין אוועקגעפאהרען קיין קאירא צו ר' רפאל יוסף חלבי אונ האט פון דארט געבראכט זעהר א גרויסע נדבה אויף פדיון שבוים. דער-מיט האט שבתי צבי זיך קונה אהבה געוועהן ביי יעדען אונ מען האט איהם שטארק אנגעהויבען עהרען אונ פארהייליגען.

אז דער שווינדעל דארף גילטען פאר איין אמת-קומען פון אללע זייטען אזעלכע בעווייזע, וואס מען האט זיך גאר אויף זיי ניט געקאנט ריכטען אונ וואס שפיעלען צו אקוראט צום רומעל, אזוי אז עס בלייבט כמעט ביי קיינעם קיין ספק ניט אז די זאך האט עפיס א ממשות. דאס אייגענע זעהט מען אויך אין דעם לעבען פון שבתי צבי אונ אז עס איז איהם בעשערט געוועהן ער זאל טאקי א לאנגע צייט שפיעלען די ראללע, וואס ער האט אויף זיך גענומען. ער האט פלוצלונג בעקומען פון גאנץ ווייט א„עזר כנגדו" – א פרוי, וואס האט איהם געהאלפען אויסצופיהרען זיין פלאן אונ האט אין זיין הצלחה געהאט דעם גרעסטען חלק. אין יענע יאהרען, ווען חמעלניצקי האט אנגעמאכט א שחיטה אין פולין, איז אין א שטאדטעל געבליבען א יודיש מיידעלע פון זעכס יאהר א יתומה, ווייל די עלטערן זענען דערהרג'ט געווארען אונ די גאנצע משפחה איז זיך צולאפען. די קריסטען האבען רחמנות געהאט אויף דינם

קליינעם קינד און מען האט עס אריינגעגעבען אין א קלויסטער (מאנאסטיר)
און דארט האבען עס די גייסטליכע ערצויגען אין דער קריסטליכער רעליגיאן.
דאס קינד איז שוין אבער אזוי צוגעבונדען געוועהן צום יודישקייט אז זי האט
עס ניט געקאנט פערגעסען די גאנצע צעהן יאהר, וואס זי האט זיך געפונען
צווישען די קריסטען. אז זי איז אויסגעוואקסען און איז געווארען א גרויסע
יפת תאר, האט מען זי געוואלט חתונה מאכען, נאר זי האט עס אלץ געצויגען
צוריק צו די יודען, וועלכע האבען זיך דערווייל נאך אמאל בעזעצט אין דעם
שטאדטעל; און איין מאל האט מען זי געפונען גאנץ פריה, נאר אין איין העמד,
אויפ'ן יודישען בית עולם. די יודען האבען זי אנגעהויבען אויספרעגען ווער
זי איז, און זי האט דערצעהלט פון וואנען זי שטאמט ארויס און ווי אזוי עס
ציהט זי ווי מיט אייזערנע צוואנגען צוריק צו דער יודישער אמונה. נאר צום
אמת האט זי צוגעלעגט א שאנעס ליגען, אז דער פאטער איז איהר געקומען צו
חלום און האט זי אין שלאף איבערגעטראגען אויפ'ן הייליגען ארט. זי האט
אפילו געוויזען אויפ'ן לייב די צייכענס פון לאנגע נאגעל. מען האט זי באלד
אוועקגעשיקט קיין אמשטרדם, וואו עס האט זיך אבגעזוכט איהרער א ברודער;
דארט איז זי צוריק געווארען א יודיש קינד און האט אנגענומען דעם נאהמען
שרה. איהר אויפפיהרונג איז אבער געוועהן ווייט פון צניעות, מען האט
אויף איהר שטארק גערעדט און קיין אויסגעטראכטע זאכען האט מען טאקי
ניט בעדארפט דערצעהלען, ווייל שרה האט זיך פיינד געהאט צו בעהאלטען.
זי האט געדראנגען, אז זי מאג לעבען פריי, און פלעגט זאגען אז איהר שדוך
קאן קיינער ניט קאליע מאכען, און איהר מאנן וועט זיין נאר משיח אליין.
פון אמשטרדם איז שרה אריבער קיין ליוואָרנא און דארט האט זי אויך
געהאלטען אין איין שרייען, אז משיח מוז באלד קומען און ער וועט זיין איהר
אמת'ער זיווג. שבתי צבי איז גראד געוועהן אין קאירא, ווען עס איז אנ-
געקומען אידיעה פון ליוואָרנא, אז דארט איז דא זעהר א שאן מאדעל וואס
שרייעט אין אללע גאסען אז משיח מוז זיין איהר בעשערטער. די זאך איז
איהם גוט אין קאפ אריין, ער האט פערשטאנען אז סאי ווי סאי קאן איהם
אזא מעשה נוצען צום געשעפט, און ער האט באלד ארויסגעשיקט א שליח
קיין ליוואָרנא מען זאל איהם ברענגען די כלה. ווי אבגעשיידט שבתי צבי איז
געוועהן פון פרויען, האט שרה'ס שאנקייט אויף איהם געמאכט א גרויסען איינ-
דרוק, און אז ער האט נאך מיט איהר גערעדט א פאר ווערטער און האט גע-
זעהען אז דא האט איהם גאט צוגעשיקט א כשר'ע מציאה, וואס וועט נאך

קָאנֶען מֶענְשֶׁען בֶּעסֶער פוּן אִיהם דִי קָאפּ פֶּערְדְרֶעהֶען, הָאט עֶר גָאר נִיט קֵיין תַּעֲנוּת גֶעמַאכְט אוּנ הָאט בַּאלְד גֶעשְׁטֶעלְט מִיט אִיהר אַ חוּפָּה. עֶס הָאט אִיהם גָאר נִיט גֶעהַארְט וָואס אִין קַאירָא הָאט שָׂרָה אוֹיךְ נִיט גֶעהַאט קֵיין גוּטֶען נָאהמֶען אוּנ מֶען הָאט זִיךְ פוּן אִיהר אֶנְדֶערְצֶעהלְט גֶענוּג נִיט שֶׁאנֶע הַנְהָגוֹת. קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִיט עֶרְלוֹיבְּט אִיהם צוּ פְרֶאגֶען קֻשְׁיוֹת, אוּנ דָארְט וואו עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז מֶען מוז דִי זַאךְ אַ בִּיסֶעלֶע פֶּערְאֶנְפֶערְן הָאט עֶר גֶעגֶעבֶּען אֶנְצוּהֶערֶען אַז עֶר טְהוּט נָאךְ דֶעם נָבִיא הוֹשֵׁעַ, וָואס הָאט אוֹיךְ, לוֹיט גָאטְט׳ס בֶּעפֶעהל, גֶענוּמֶען אַ אִשָׁה זוֹנָה. דִי חַתוּנָה אִיז גֶעוֶועהן בַּיי ר׳ רְפָאֵל יוֹסֵף חֲלַבִּי אִין שְׁטוּב, אוּנ עֶר הָאט עֶס גֶערֶעכֶענְט פַאר׳ן גְרֶעסְטֶען גְלִיק וָואס גָאטט הָאט אִיהם מְזַכֶּה גֶעוֶועהן מִיט דֶער מִצְוָה צוּ זַיין בַּיי אַזַא שִׂמְחָה. בַּיים אַלְטֶען רַבִּי׳ן מְקוּבָּל אִיז גָאר קֵיין אַנְדֶער סְבָרָא נִיט גֶעוֶועהן אַז מֶען דַארְף נָאר דֶערְצִיהֶען בִּיז צוּם יָאהר 1666 אוּנ דִי גְאוּלָה וֶועט זִיךְ גֶעוִויס אָנְהוֹיבֶּען. עֶר הָאט אִין דֶעם פֶעסְט גֶעגְלוֹיבְּט אוּנ דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעאֶפֶּערְט זַיין קַאסֶע פַאר שַׁבְּתַי צְבִי, עֶר זָאל נֶעהמֶען וִוי פִיעל גֶעלְד עֶר וֶועט בֶּעדַארְפֶען אַבִּי עֶר זָאל אוֹיסְפִיהרֶען זַיין הֵיילִיגֶע שְׁלִיחוּת. מִיט טְהַייעֶרֶע צְווייא זַאכֶען הָאט זִיךְ שַׁבְּתַי צְבִי אַוֶועקְגֶעלָאזְט צוּרִיקְפָאהרֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם: מִיט שָׂרָה׳ס שֶׁאנְקֵייט אוּנ חֲלַבִּי׳ס רַייכְקֵייט, — אוּנ דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן צְוֵויי אוֹצָרוֹת אוֹיף וֶועלְכֶע עֶר הָאט זִיךְ גֶעקָאנְט אָנְשְׁפַּארֶען וִוי אוֹיף אֵיין אַייזֶערְנֶער וַואנְד.

בַּאלְד הָאט זִיךְ אָפְּגֶעזוּכְט נָאךְ אַ דְרִיטֶער אוֹצָר, אַ גֶעטְרַייעֶר דִינֶער, וָואס הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי צוּצוּלֶעגֶען אוֹיף טוֹיזֶענְד טֶעלֶער שַׁבְּתַי צְבִי׳ס מוֹפְתִים אוּנ מַאכֶען אַז דִי וֶועלְט זָאל אִיהם קְלִינְגֶען. אוּנְטֶערְוֶועגְס הָאט זִיךְ שַׁבְּתַי צְבִי אִין עַזָה בֶּעקָאנְט מִיט נָתָן בִּנְיָמִין הַלֵוִי, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ אָרֶעם יוּנְגֶעל אוּנ אִיז אוֹיסְגֶעוואקְסֶען אִין דַחְקוּת בַּיי זַיין פָאטֶער, אַ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְשׁוּלָח; נָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער מִיט אַ בְּלִינְד אוֹיג, הָאט אִיהם גֶענוּמֶען פַאר אֵיין אֵיידֶעם אוּנ הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַ הִיבְּשֶׁען נְדָן. אַזַא יוּנְגֶער מַאנְן הָאט נִיט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טְהוּן מִיט׳ן גֶעלְד אוּנ עֶר הָאט אַלְץ גֶעזוּכְט עֶפִּיס אַזַא זַא״, וָואס זָאל צוּ רַייכְקֵייט אִיהם צוּגֶעבֶּען אוֹיךְ כָּבוֹד. אַוַדַאי אִיז לַייכְט צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען, אַז נָתָן בִּנְיָמִין הַלֵוִי אִיז בָּטֵל גֶעוָוארֶען פַאר שַׁבְּתַי צְבִי אוּנ, אַז מֶען הָאט אִיהם נָאךְ גֶעוִויזֶען דִי מְגִילָה, וָואס אַבְרָהָם יָכִינִי הָאט קְלָאמֶערְשְׁט גֶעפוּנֶען, הָאט עֶר עֶס אָנְגֶענוּמֶען פַאר תּוֹרַת אֱמֶת אוּנ הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען אַלְדִינְג, כְּדֵי עֶר זָאל קָאנֶען מִיט׳ן גַאנְצֶען הַארְצֶען דִינֶען דֶעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ. מֶען קָאן נִיט וִויסֶען צוּ הָאט זִיךְ נָתָן בִּנְיָמִין הַלֵוִי גֶעלָאזְט נַארֶען

אָדֶער עֶר הָאט טַאקִי גֶעוואָלְט צוּזַאמֶען מִיט אַללֶע אַנְדֶערֶע אָבְּנַארֶען; נָאר נָאר פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייֶען, אַז אִין אִיהם אִיז דִי נְשָׁמָה פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אוּנ הָאט גֶעפוּנֶען טוֹיזֶענְדֶער נַארָאנִים, וָואס הָאבֶּען עֶס אִיהם גֶעגְלוֹיבְּט. עֶר הָאט צוּשִׁיקְט בְּרִיעף אוּמֶעדוּם, וואוּ יוּדֶען הָאבֶּען נָאר גֶעוואהנְט, אַז מָשִׁיחַ אִיז שׁוֹין דָא אוּנ אַז נָאר נִיךְ וֶועט אִיהם דֶער סוּלְטַאן אַללֵיין אָבְּטְרֶעטֶען דִי מְלוּכָה אוּנ אָבְּגֶעבֶּען דִי יוּדֶען זֵייעֶר הֵיילִיג לַאנְד, אוּנ בִּיז שַׁבְּתַי אִיז גֶעקוּמֶען ־קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אִיז שׁוֹין אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעוֶועהן אַרַעַשׁ אַז מָשִׁיחַ פָּאהרְט, אוּנ אַז אִין עַזָה הָאט זִיךְ בֶּעווִיזֶען אַנַייעֶר נָבִיא. דִי צָאהל פוּן דִי נַארִישֶׁע מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ לַייכְט גֶעלָאזְט אַלְדִינְג אַיינְרֶעדֶען, אִיז מִיט יֶעדֶען טָאג גְרֶעסֶער גֶעוָוארֶען אוּנ, אַז עֶמִיצֶער הָאט עֶפִּים גֶעוָואלְט פְרֶאגֶען שְׁאֵלוֹת הָאט מֶען אִיהם בַּאלְד פֶערְמַאכְט דָאס מוֹיל. וִוי עֶס וַוייזְט אָבֶּער אוֹיס, הָאבֶּען זִיךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם נָאךְ גֶעפוּנֶען עֶטְלִיכֶע לוֹמְדִים, וָואס הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעלָאזְט פֶערְפִיהרֶען אוּנ הָאבֶּען דִי רַבָּנִים אַרוֹיפְגֶעבְּרַאכְט, מֶען זָאל שַׁבְּתַי צְבִי פֶערְשְׁטֶעהן גֶעבֶּען, אַז דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט אִיז נִיט קֵיין פְּלַאץ פַאר ־קֵיין שְׁווינְדְלֶערְס, אוּנ אַז מֶען וֶועט אוֹיף אִיהם ־קֵיין כָּבוֹד נִיט לֶעגֶען וִוי בַּאלְד עֶר וֶועט נִיט אַוֶועקְפָאהרֶען. שַׁבְּתַי צְבִי הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז זַיין אַיין עַקְשָׁן טוֹיג נִיט אוּנ עֶס אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל צוּרִיקְפָאהרֶען ־קֵיין סְמִירְנָא, וואוּ זַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶועהן שְׁטַארְק רַייךְ אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט קָאסְטֶען אַ כַּךְ גֶעלְד, אוּנ הָאבֶּען אָנְגֶעשְׁטֶעלְט מֶענְשֶׁען, מֶען זָאל דֶערְצֶעהלֶען פוּן שַׁבְּתַי צְבִי נִסִים וְנִפְלָאוֹת. פְרִיהֶער הָאט שַׁבְּתַי צְבִי אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט ־קֵיין סְמִירְנָא צְוֵויי שְׁלִיחִים, שַׁבְּתַי רְפָאֵל, וָואס הָאט גוּט גֶעוואוּסְט אַז דָא אִיז אַ אָבְּנַארֶערַיי, נָאר עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעוָואלְט דֶערְבַּיי רַייךְ וֶוערֶן, אוּנ אַ מְקוּבָּל פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, מַתִּתְיָהוּ בְּלָאךְ, וָואס הָאט טַאקִי עֶרְנְסְט גֶעמֵיינְט אַז עֶר בְּרֶענְגְט דִי סְמִירְנָא׳ר יוּדֶען אַפְרֶעהלִיכֶע בְּשׂוֹרָה אוּנ מַאכְט זַיינֶע בְּרִידֶער גְלִיקְלִיךְ. אַז שַׁבְּתַי צְבִי אִיז גֶעקוּמֶען ־קֵיין סְמִירְנָא אוּנ הָאט נָאךְ אַהִין גֶעבְּרַאכְט זַיין שְׁרַייבֶּער אוּנ בַּעַל סוֹד שְׁמוּאֵל פְּרִימָא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער בְּרִיָה אוֹיף אַזֶעלְכֶע זַאכֶען, אוּנ הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בֶּענוּצֶען מִיט׳ן בְּלִינְדְקַייט פוּנ׳ם פְּרָאסְטֶען עוֹלָם, אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אִין שְׁטָאדְט נִיט גֶעוֶועהן ־קֵיין אֵיינְצִיגֶער יוּד, וָואס זָאל נִיט גְלוֹיבֶּען אַז דִי צַייט פוּן דֶער גְאוּלָה אִיז טַאקִי נָאהֶענְט. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט שַׁבְּתַי צְבִי אָנְגֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל נִיט מַאכֶען ־קֵיין רַעַשׁ אוּנ מֶען זָאל רוּהִיג וַוארְטֶען בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִיהם מְגַלֶה זַיין אַז עֶר מָאג שׁוֹין עֶפִּים אָנְהוֹיבֶּען טְהוּן. דֶערְמִיט הָאט עֶר נָאךְ מֶעהר אוּנְטֶערְגֶעהִיצְט דָאס פָאלְק, אוּנ אַז עֶר הָאט אִים

יאהר 1665, פונקט אים ראש השנה ביי די תקיעות געלאזט אויסרופען אז ער איז משיח, איז געווארען א שמחה אויף אללע יודען און מען האט אין די גאסען געטאנצט פאר פרייד. עטליכע חדשים כסדר זענען די יודען פון סמירנא געוועהן ווי צו מישט; זיי האבען אוועקגעווארפען אללע געשאפטען און זיך גאר מכין געוועהן צו דער גאולה. און! שבתי צבי האבען זיי געקוקט ווי אויף א מלך, זיי פלעגען זיך בוקען פאר איהם און אז ער איז ארומגעגאנגען אין גאס און האט געזונגען „ימין ה' רוממה, ימין ה' עושה חיל" פלעגט מען זיך אבשטעלען מיט יראה און פחד, און עס האט זיך אויסגעוויזען אז ניט היינט — מארגען הייסט ער זיך מכין זיין צו געהען קיין ארץ ישראל. מען האט טאקי געקאנט דול ווערען, ווייל פון איין זייט האט מען געזעהען ווי פרומע יודען פאסטען גאנצע טאג און טהוען זיך אן ענוים קשים, כדי זיי זאלען זיך אפרייניגען פון זינד און זוכה זיין צו דערלעבען די ישועה, און פון דער אנדערער זייט האבען זיך אומעדום ארומגעדרעהט שבתי צבי'ס חברה־לייט און האבען געגעבען אנצוהערען אז די טירקישע מלוכה אליין פערשטעהט אז געגען ווילען פונ'ם רבונו של עולם טאר זי ניט געהען. דאס האט קיינער ניט גע־וואוסט, אז מיט די סמירנא'ר בעאמטע איז געוועהן אבגערעדט פאר אסך געלד זי זאל זיך ניט וויסענדיג מאכען. אוודאי האט שבתי צבי געקאנט אויספיהרען וואס ער האט נאר געוואלט און מען האט איהם בלינד געפאלגט. אז דער אלטער רב ר' אהרן דע־לא פאפא איז ארויסגעטרעטען געגען שבתי צבי און האט איהם געוואלט מחרים זיין, האט מען איהם באלד אבגעזאגט פון רבנות, און ער האט געמוזט עוקר זיין פון סמירנא. נאך ערגער האט מען זיך נוהג געוועהן מיט א גביר ר' חיים פניא: ער האט זיך געפרובט רעדען עפיס א ווארט געגען שבתי צבי, איז מען אנגעפאלען אויף זיין הויז און מען וואלט געוועהן א תל געמאכט פון זיין גאנץ פערמעגען, נאר זיין שטיקעל גליק איז געוועהן וואס דאס איז געשעהען פרייטאג פאר נאכט, ווען דער עולם דארף געהען אין שול אריין און וואס דער הוטא אליין האט באלד אנגע־הויבען שרייען אז ער האט חרטה און וועט שוין מעהר ניט רעדען קיין איבריגע ווערטער. אזוי איז שבתי צבי געווארען אללע מאל מעהר תקיף, און אז ער האט אמאל אזאג געטהון אז די גאולה האט נאך א שטארקען עכוב דערפון, וואס עס פעהלט נאך די צאהל פון די נפשות, וועלכע דארפען אויסגעלאזט ווערען, און האט געגעבען איין עצה מען זאל גיכער חתונה מאכען די קינדער, כדי עס זאל אונטערוואקסען א נייער דור, האט מען איהם נאר ניט

געוואלט איבערפראגען, מען האט געזעהען אז אזוי איז דער רצון פון גאטט, וואס ער ניט איבער דורך די ליפען פון זיין געליעבטען זוהן, אונ נאר אין סמירנא אליין האט מען חתונה געמאכט מעהר פון זיבען הונדערט קינדער, פון צעהן ביז צוועלף יאהר.

פון א נארישקייט ווערד די וועלט גיכער געוואהר ווי פון א חכמה: אין א צייט פון עטליכע חדשים האבען די יודען פון גאנץ קליין-אזיען געוואוסט, אז די גאולה האט זיך שוין אנגעהויבען אונ מען איז געווען מלא שמחה. שבתי צבי'ס לייב-מענש, שמואל פרימא, האט ניט געזשאלעוועט זיינע שאנע פאר-בען צו בעשרייבען דאס גרויסקייט פון משיח'ן אונ האט צושיקט בריעף אין אללע נאהענטע אונ ווייטע יודישע קהלות. א חוץ דעם האט זיך דער נייער נביא נתן בנימין הלוי אונ אויך שבתי רפאל אונ מתתיהו בלאך אנגעקנעלאזט אויף דער וועלט אונ האבען מיט הייסע דרשות אונטערגעווארמט דעם עולם אונ דערוויטערט יעדען ספק, וואס האט נאר געקאנט ביי עמיצען אין הארצען געבארען ווערען. אפילו קריסטען, אז זיי האבען בעמערקט די פרייד פון די יודען, האבען אנגעהויבען גלויבען אז עפיס טהוט זיך טאקי; א טהייל האבען חוזק געמאכט, נאר פיעל האבען ערנסטער געקוקט אויף דער זאך אונ האבען געדרונגען, אז א פאלק וואס לעבט שטאנדיג מיט נסים קאן אויך אויפגעריכט ווערען ניט אויף קיין נאטירליכען וועג. דער ענגלישער אונ האללאנדישער קאנסול האבען דערפון געמעלדעט קיין איירא פא, אין אללע גראסטע האנדעלס-שטאדט האט מען אנגעהויבען רעדען וועגען דעם משיח פון סמירנא, אונ אזוי איז די גוטע בשורה אנגעקומען אויך צו די איירא פאישע יודען אונ אללע האבען זיך אנגעחאפט אין דעם. די קבלה האט דעמאלט אזוי פערדרעהט די קאפ פון אללע יודען אז עס איז נאר קיינעם ניט מעגליך געוועהן דערפון אראבצופיהרען. אומזיסט האט ר' יעקב ששפורטש פון האמבורג געשריגען געוואלד אויף דעם שווינדעל אונ האט צושיקט בריעף צו אללע יודישע קהלות פון איירא פא, אזיען אונ אפריקא, מען זאל זיך ניט לאזען אראבפיהרען פונ'ם וועג: קיינער האט איהם ניט געוואלט הערען, עפיס ווי א כשוף האט צוגענומען דעם שכל ביי די קליינסטע אונ אפילו געלערנטע אונ געבילדעטע יודען איז שווער גע-וועהן אבצורייסען פונ'ם געדאנק, אז באלד וועט מען זיי אללע צוריקפיהרען צו דער אלטער היים. בעזאנדערס האט זיך געטהון אין האמבורג אונ אמשטרדם: ספרדים אונ אשכנזים האבען זיך אויסגעמישט אונ אללע צוזאמען האבען נאר געטראכט ווי אזוי מען זאל זיך מכין זיין צו דער גאולה. א טהייל האבען זיך

געמאכט אללע טאג פורים; נאר פרומע האבען געטרויערט אונ געפאסט, כדי זיי זאלען שפעטער האבען מעהר שמחה אויף זייער חלק. מען האט אנגעהויבען דרוקען בעזונדערע סדורים מיט שבתי צבי'ס בילד, אונ די יודישע דרוקען זענען ניט אים שטאנד געוועהן ארויסצוגעבען אזוי פיעל סדורים ווי פיעל מען האט בעדארפט. אפילו שפינאזא, וואס איז געוועהן גאר דערווייטערט פון יודען, האט זיך ניט ערלויבט צו לאכען פון דער האפנונג וואס האט פלוצלונג בעלעבט אללע יודען פון דער גאנצער וועלט, אונ גראד אין אזא צייט ווען אין פיעל לאנדער האט מען זיי זעהר שלעכט בעהאנדעלט אונ מען האט גאר ניט געקאנט דענקען, אז מען וועט דערלאזען זיי זאלען פריי ווערען אונ צוריק בעקומען א מלוכה. איינער פון זיינע גוטע פריינדע, א דייטשער געלעהרטער היינריך אלדענבורג, וואס האט אים יאהר 1665 געלעבט אין לאנדאן, האט אים געשריבען, אז דארט רעדט מען גאנץ שטארק וועגען יודישען משיח, וועניג מענשען גלויבען אין דעם, נאר א סך ווילען עס. דארויף האט איהם שפינאזא געענטפערט, אז קיין אונמעגליכע זאך איז עס ניט, אז דאס לעבען פון אנדערע פעלקער דארף נאר א ביסעל אנדערש ווערען אונ דעמאלט קאן גאטט ווייטער אויסקלויבען די יודען פאר זיין פאלק.

עס לאזט זיך גאר ניט בעשרייבען וואס עס האט זיך געטהון צווישען יודען, ווען זיי האבען בעקומען די ידיעה אז אין סמירנא האט זיך שוין בעוויזען משיח, אונ אז עס דארף נאר אוועקגעהען א קורצע צייט וועט ער צונויפנעהמען די פערוואגעלטע יודישע קינדער פון אללע עקען פון דער וועלט. אין לאנדאן האט מען זיך שוין אנגעהויבען וועטען אויף גרויסען סוממע געלד, ווי דער שטייגער איז ביי די ענגלאנדער, אז ביז צוויי יאהר וועט שוין שבתי צבי געזאלבט ווערען אין ירושלים פאר קאניג. עס האבען זיך געפונען כשר'ע עדות, וואס האבען אלליין בעגעגענט ערגיץ אויפ'ן ים א גרויס שיף פול מיט מענשען, וואס האבען גערעדט נאר לשון קדש, אונ אויף דער פאהן פון דעם שיף איז געוועהן אנגעשריבען „די צוועלף שבטים פון ישראל". אפילו אין אוויניאן, וואו די יודען איז ניט געוועהן שלעכט, האבען זיי אללע געמאכט איין עק פון זייערע עסקים אונ עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען ארויספאהרען קיין ארץ ישראל. נאר מעהר ווי אומעדום האט זיך גערעשט אין האמבורג: דארט האבען די יודען איבערגעטראגען פון די שונאים גענוג צרות אונ אז גאטט האט זיי יא געהאלפען אונ זיי האבען דערלעבט די טהייערע צייט פון דער גאולה האבען זיי ניט געוואלט בעהאלטען זייער פרייד אונ

האבען אומיסטען אזוי געזונגען אונ געשפרונגען, כדי די קריסטען זאלען זיך אנשטויסען אז זיי טרייבען קיין קאטאוועס ניט אונ אז זיי שטעהען שוין מיט איין פוס אין זייער אייגען לאנד. דערפאר האט די שמחה בערוישט אללע האמבורגער יודען, נאר אהן א שום אונטערשיעד, פונ'ם ביטערן אביון ביז צום בכבוד'ן גביר, אונ אז מען איז אריינגעגאנגען אין א שול אונ מען האט דערזעהען טאנצען אונ זינגען, מיט א ספר תורה אין די האנד אונ מיט פרומע הויות אויפ'ן פנים, אזעלכע יודען ווי דער רייכער עמנואל טעקסיירא אונ דער אלטער בענדיטא דע קאשטרא, וואס איז אלאנגע צייט געוועהן לייב־דאקטאר ביי דער קאניגין כריסטיאנע. האט מען געקאנט פערשטעהען ווי גרויס אונ הייליג די גאולה האט זיך גערעכענט ביי זיי אונ וואס פאר א פייער עס האט אונטערגעצונדען יעדעס יודיש הארץ.

ווען שבתי צבי זאל אפילו אלליין ניט געוועהן זיין קיין שווינדלער, וואלט איהם נאר דאס געטימעל, וואס האט זיך אנגעהויבען אין אללע יודישע שטאדט, געוועהן אזוי ווייט פערדרעהט דעם קאפ, אז ער אלליין זאל זיך אבנארען אונ מיינען אז ער איז עפּיס, אונ ווען ער האט נאך דערצו א פעסטען האראקטער אונ פערשטעהט ווי אזוי זיך צו בעגעהען מיט א גאנץ פאלק אונ עס האלטען אין די האנד, וואלט נאך אפשר געקאנט ארויס א שטיקעל ישועה פאר יודען. ער האט זיך אבער בענומען מיט דעם כבוד, וואס ער האט שוין דערגרייכט, אונ ווייטער האט ער זיך ניט געפיהלט אין כח צו געהען; דערפאר איז ער געבליבען שטעהען אונ האט גערעכענט, אז אויב די יודען איז בעשערט אויסגעלאזט צו ווערען וועט שוין די גאולה קומען נאך דעם אנהייב, וואס ער האט געמאכט, אונ עס וועט איהם געראטהען צו בלייבען ביי זיי דער משיח. זיינע טאנצערס אונ ביישפיעלערס האבען איהם שוין ניט געלאזט רוהען, אונ בעזאנדערס האט געארבייט שמואל פרימא, וועלכער איז, ווי אללע מקובלים, ניט צופרידען געוועהן פונ'ם שלחן ערוך אונ האט זיך געוואלט בענוצען מיט דער געלעגענהייט איהם מבטל צו זיין. ער האט ארויסגעפיהרט שבתי צבי'ן דארויף, ער זאל ניט הייסען מעהר פאסטען אים עשרה בטבת אונ האט אין זיין נאהמען, צושיקט אומעדום א בעפעהל וועגען דעם מיט דעם דאזיגען לשון: „גאטט'ס בכור אונ בן יחיד, שבתי צבי, דער משיח פונ'ם פאלק ישראל, ווינשט אללע יודישע קינדער שלום! אזוי ווי איהר האט געהאט די זכיה צו דערלעבען דעם גרויסען טאג, ווען דאס ווארט פון גאטט דורך זיינע הייליגע נביאים איז מקוים געווארען, דארפט איהר צוועקווארפען אייער קלאגען אונ

און טְרוֹיעֶרְן און פון אַייֶערֶע תַּעֲנִיתִים מוּזֶען וֶוערֶען יָמִים טוֹבִים. פְרֶעהט אַייךְ מִיט גֶעזַאנְג און טַאנְץ, און דֶעם אֵיינֶענֶעם טָאג, וָואס אִיהר פְלֶעגְט פַאסְטֶען און וֵויינֶען, זָאלְט אִיהר פֶערְבְּרֶענְגֶען מִיט שִׂמְחָה, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען!"

אַזַא בֶּעפֶעהל הָאט אָנְגֶעמַאכְט נָאךְ מֶעהר רַעַשׁ און הָאט אַבִּיסֶעל גֶעעֶפֶענְט דִי אוֹיגֶען פון דִי פְרוּמֶע לוֹמְדִים זֵיי זָאלֶען זִיךְ אַרוּמְקוּקֶען וואו זֵיי הַאלְטֶען אִין חֶשְׁבּוֹן, און זֵיי הָאבֶּען אַלֵיין נִיט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טְהוּן. זֵיי הָאבֶּען טַאקִי גֶעגְלוֹיבְּט אַז שַׁבְּתַי צְבִי אִיז מָשִׁיחַ, נָאר אֲפִילוּ וֶוען מָשִׁיחַ אַלֵיין הֵייסְט אָבְּטְרֶעטֶען פון יוּדִישְׁקַייט און עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִינִים און מִנְהָגִים טָאר מֶען אִיהם נִיט פָאלְגֶען. קֵיין זַאךְ הָאט זֵיי בִּיז אַהֶער נִיט גֶעהַערְט, עֶס אִיז זֵיי נִיט קָשֶׁה גֶעוֶועהן, וָואס אוֹיף פִיעל פַאפִּיעֶרֶען הָאט זִיךְ שַׁבְּתַי צְבִי אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבֶּען „אִיךְ, דֶער הַאר, אַייֶער גָאטט", וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעוֶוענְדְט אוֹיף זִיךְ דִי וֶוערְטֶער פון שִׁיר הַשִּׁירִים: „דְּמֵה לְךָ דוֹדִי לִצְבִי" און דֶערְפוּן גֶעדְרוּנְגֶען אַז עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. בַּיי אַזֶעלְכֶע זַאכֶען הָאבֶּען זֵיי זִיךְ נִיט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, נָאר אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מְבַטֵּל זַיין דִינִים און מִנְהָגִים הָאבֶּען זֵיי שׁוֹין נִיט גֶעוָואלְט שְׁוַוייגֶען, און פִיעל פון זֵיי הָאבֶּען נָאר אָנְגֶעהוֹיבֶּען מְסוּפָּק וֶוערֶען וֶועגֶען דִי הֵיילִיגְקַייט פון זַיין שְׁלִיחוּת. אַזוֹי הָאט שַׁבְּתַי צְבִי אִין יֶעדֶער שְׁטָאדְט בֶּעקוּמֶען גֶעגְנֶער און בֶּעזָאנְדֶערְס זֶענֶען גֶעגֶען אִיהם אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען דִי רַבָּנִים, וָואס זֵיי אִיז גֶעוֶועהן נָאךְ אַגְרֶעסֶערֶער וֶועטְהִיג און זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעקָאנְט רֶעכְטֶען אַז דִי אֵייגֶענֶע קַבָּלָה, וָואס זֵיי אַלֵיין הָאבֶּען אַזוֹי שְׁטַארְק זִי בֶּעפֶעסְטִיגְט, זָאל זֵיי וַוארְפֶען אַזַא שְׁוֶוערֶען שְׁטֵיין.

דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ דָאס גְלִיק, שׁוֹין אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁרִיט, אָבְּגֶעטְהוּן פון שַׁבְּתַי צְבִי. ווִי דִי פָּאלִיצֵיי פון סְמִירְנָא אִיז נִיט גֶעוֶועהן אִיבֶּערְגֶעקוֹיפְט און הָאט נִיט גֶעזוּכְט צוּ פֶערְגְלֶאטֶען אַלְדִינְג וָואס עֶס אִיז דָארְט פָארְגֶעגַאנְגֶען, הָאט דֶער סוֹד גֶעמוּזְט אַרוֹיס, און אַז מֶען אִיז אִין קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פון שַׁבְּתַי צְבִי'ס דְרָכִים, הָאט אִיהם דִי מְלוּכָה גֶעהֵייסֶען קוּמֶען אַהִין. קֵיין גְרוֹיסֶע הֲכָנוֹת הָאט מֶען אִיהם שׁוֹין נִיט גֶעלָאזְט מַאכֶען און אִין דְרַיי טָאג הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט זֶעצֶען אוֹיפ'ן שִׁיף. מִיט אִיהם אִיז מִיטְגֶעפָאהְרֶען זַיין עֶרְשְׁטֶער יוֹעֵץ און נָאךְ אַגַאנְצֶע חֶבְרָה פון הַיימִישֶׁע גוּטֶע פְרַיינְד, נָאר פַאר'ן עוֹלָם הָאט עֶס גֶעהֵייסֶען אַז מֶען הוֹיבְּט שׁוֹין אָן עֶפִּיס צוּ טְהוּן, וַוייל דָאס יָאהר 1666 אִיז שׁוֹין גֶעוֶועהן נָאר נָאהֶענְט. אוֹיפ'ן וֶועג אִיז גֶעוֶועהן אַגְרוֹיסֶער שְׁטוּרְמְווִינְד און דָאס שִׁיף אִיז שִׁיעֶר נִיט אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען: שַׁבְּתַי צְבִי הָאט

דערווייל בעוויזען נייע מופתים, די ווילדע חוואליעס פונ'ם ים האבען פאר איהם געמוזט איינביינגען דעם קאפ, און זיינע מקורבים האבען שוין געהאט צו דערצעהלען גאנצע מעשות: ווי דער משיח האט זיי אבגעראטעוועט פון א סכנה. פרייטאג איז ער אנגעקומען קיין קאנסטאנטינאפאל; די פאליציע איז איהם אקעגענגעפאהרען און מען האט איהם באלד געקאוועט אין קעטען, נאר אזוי ווי דער שבת האט זיך שוין אנגערוקט האט מען איהם געלאזט זיך אבשטעלען אין א קליין שטאדטעל, ניט ווייט פון דער הויפט-שטאדט. זונטאג האט מען איהם בעדארפט אריינברענגען אין קאנסטאנטינאפאל, און האטש זיינע מאמינים האבען זיך ניט גערעכט אויף אזא אומגליק, אז זיי זאלען מוזען זייער משיח זעהען געפאנגען, זענען זיי טויזענדערווייז ארויסגעקומען צום שיף, מיט זיי זענען אויך געגאנגען א סך טירקען און עס איז געווארען א גרויס איבערגעלויף. איינער פון די טירקישע אפיציערען האט איהם מקבל פנים געוועהן מיט גוטע עטליכע פאטש, און דער גרויסער שבתי צבי, וואס האט געוואלט גליקליך מאכען א גאנץ פאלק און זיי אומקעהרען די פרייהייט, האט באלד ארויסגעוויזען אז ער איז גאר א קליין מענשעלע: ער האט געמאכט א רחמנות-פנים, אזוי ווי איינער בעט זיך ביי יענעם מען זאל איהם אויפהערען שלאגען, און האט ניט פערשטאנען ווי אזוי אבצוהיטען זיין כבוד אויף איין עדלערער ארט. אז מען האט איהם דערנאך געבראכט צום גובערנאטאר מוסטאפא-פאשא איז ער גאר ביי זיך אראבגעפאלען: ער האט אין גאנצען זיך אבגעלייגנט און האט געשווארען אז ער האט גאר קיין מאל אין מחשבה ניט געהאט זיך אויסגעבען פאר משיח, אז ער איז מעהר ניט ווי א רב, וואס פאהרט ארום אויף דער וועלט צונויפנעהמען נדבות פאר ארץ ישראל און אז ער איז ניט שולדיג אין דעם וואס די יודען האלטען אזוי פון איהם און לויפען איהם נאך. מוסטאפא האט מן הסתם ניט געשטעלט אויף זיינע רעד און האט איהם געהייסען איינזעצען. שבתי צבי'ס חברה-לייט זענען פון דעסטוועגען ניט שטיל געבליבען און האבען נאך מעהר אנגעהויבען אונטערצוהיצען די קאנסטאנטינאפאלער יודען, זיי זאלען ביי זיך ניט אראבפאלען און זאלען ניט מיינען אז פון דער גאולה וועט גאר גיט ארויסקומען. זיי האבען פערקעהרט, געדרונגען אז שבתי צבי האט אליין אויף זיך גענומען די יסורים, ווייל אהן דעם קאן ניט קומען די ישועה. דערצו האט זיך נאך געפונען א משוגע'נער טירקישער גייסטליכער, וואס איז ארומגעלאפען אין די גאסען און האט געשריגען אז דער יודישער משיח איז געקומען. דאס האט געפירט

דָערצוּ, וָואס טויזענדער מֶענְשֶׁען, יודֶען אונ טִירְקֶען פְּלֶעגֶען אַללֶע טָאג שְׁטֶעהֶען פַאר די פֶענְסְטֶער פון דֶער תְּפִיסָה אונ וַוארְטֶען בִּיז שַׁבְּתַי צְבִי הָאט נִיט אַרויסְגֶעקוּקְט, וַוייל יֶעדֶער הָאט אִיהם גֶעווָאלְט אָנְקוּקֶען אונ הָאטְשׁ פון דֶערְוַוייטֶענְס בֶּעקוּמֶען זַיין בְּרָכָה. אָפְּט פְּלֶעגֶען זִיךְ ווֶענְדֶען צוּ אִיהם רַייכֶע טִירְקִישֶׁע סוֹחֲרִים, וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט עֶפִּיס אַמִשְׁפָּט מִיט יודֶען, אונ אֵיין ווָארְט פון שַׁבְּתַי צְבִי אִיז גֶענוּג גֶעוֶועהן מֶען זָאל אִיהם פָאלְגֶען אונ עֶר זָאל אויסְגְלַייכֶען בֵּיידֶע צְדָדִים. שְׁמוּאֵל פְּרִימָא הָאט פון זַיין זַייט יֶעדֶער זַאךְ צוּלֶעגְט אוֹיף טויזֶענְד טֶעלֶער אונ די יוּדֶען זֶענֶען נָאךְ מֶעהר צוּגֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען צוּ שַׁבְּתַי צְבִי אונ הָאבֶּען עֶס גֶעהַאלְטֶען פַאר אַבֶּעזוּנְדֶער מוֹפֵת וָואס די טִירְקִישֶׁע מְלוּכָה הָאט אִיהם בַּאלְד נִיט גֶעטֵייְדְט. דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ די טִירְקַיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען רִיכְטֶען אויף אַמִלְחָמָה אונ די מְלוּכָה הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אִיבֶּערְצוּלָאזֶען שַׁבְּתַי צְבִי אִין קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל, כְּדֵי עֶר זָאל נִיט אָנְמַאכֶען קַיין מְרִידָה. דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינִיסְטֶער אַחְמֶד קֶעפְּרִילִי הָאט אִיהם גֶעהֵייסֶען אִיבֶּערְפִיהְרֶען אִין אַפֶּעסְטוּנְג קָאסְטִיַא, בַּיי די דַארְדַאנֶעלֶען, דָארְט אִיז אִיהם בֶּעסֶער גֶעוֶועהן, וַוייל אַללֶע זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד הָאבֶּען גֶעקָאנְט אַהִין פְרַיי קוּמֶען אונ דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵיי די דָאזִיגֶע פֶעסְטוּנְג גֶערוּפֶען „מִגְדַל עֹז".

די נַייֶע תְּפִיסָה אִיז פַאר שַׁבְּתַי צְבִי גֶעווָארֶען אַקֶענִיגְלִיכֶער פַּאלַאץ אונ עֶר הָאט וַוייטֶער אויפְגֶעהוֹיבֶּען דֶעם קָאפּ. מֶען הָאט אִיהם אָבְּגֶעשִׁיקְט מִיט גֶעלְד פון אַללֶע זַייטֶען, אַחוּץ דֶעם הָאבֶּען אִיהם זַיינֶע בְּרִידֶער פון סְמִירְנָא אִיבֶּערְגֶעשִׁיקְט גַאנְצֶע אוֹצָרוֹת אונ עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען פִיהְרֶען פָּשׁוּט ווִי אַמֶלֶךְ, בֶּעזָאנְדֶערְס אַז עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי דֶער זַייט זַיין וַוייבּ שָׂרָה אונ זִי הָאט מִיט אִיהְרֶע חֲנֶדְלֶעךְ צוּגֶעצוֹיגֶען דֶעם עוֹלָם נָאךְ מֶעהר ווִי שַׁבְּתַי צְבִי מִיט זַיינֶע מוֹפְתִים. פּוּנְקְט אִים עֶרֶב פֶּסַח הָאט מֶען אִיהם אִיבֶּערְגֶעפִיהְרְט קַיין קָאסְטִיַא אונ עֶר הָאט אַלֵיין גֶעקוֹילֶעט אַלָאמֶעלֶע פַאר אַקָרְבַּן פֶּסַח אונ הָאט עֶס מִיט אַללֶע זַיינֶע מְקוֹרָבִים, גֶעגֶעסֶען אִין גַאנְצֶען אָהן בְּדִיקָה, כְּדֵי צוּ ווַייזֶען אַז עֶר אִיז מְבַטֵל אַללֶע דִינִים פון שְׁחִיטָה. פון דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען פָאהְרֶען צוּ אִיהם. פַאר'ן אויפְזֶעהֶער פון דֶער פֶעסְטוּנְג אִיז דָאס גֶעוֶועהן זֶעהר אַוָואהל גֶעשֶׁעפְט, וַוייל יֶעדֶער גַאסְט פְּלֶעגְט אִיהם גוּט בֶּעצָאהלֶען, די שִׁיפֶער הָאבֶּען אויךְ פֶערְדִיעְנְט דֶערְבַּיי אונ פון גַאנְץ פְרִיה בִּיז שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט הָאבֶּען זֵיי נָאר גֶעפִיהְרְט מֶענְשֶׁען אַהִין אונ דָאס גַאנְצֶע שְׁטָאדְט הָאט גֶעהַאט פַּרְנָסָה צוּ לִיעבּ דֶעם גֶעפַאנְגֶענֶעם „יוּדִישֶׁען קֶענִיג".

שַׁבְּתַי צְבִי איז טאקי יעדען טאג געוואָרען בּיי זיך שׁטאַרקער אונ, אַז ער האָט דערזעהען אַז די וועלט לאָזט זיך פּאַרט נאַרען האָט ער ווייטער אָנגעהויבּען גלויבּען אַז דאָס נאַרישקייט וועט איהם גערעטהען. די לעצטע מָרָה שְׁחוֹרָה איז אַוועק, ער האָט גאר פערגעסען, אַז ווי גוט איהם איז — איז ער דאָך ניט מעהר ווי אַ געפאנגענער, ער האָט אַלליין אָנגעהויבּען זיך גרוים צו האַלטען, שׁפּיעלען די ראָללע פון אַ מֶלֶךְ אונ מיט גַאֲוָה ווייזען דעם עוֹלָם, אַז זיין געפאַנגענשאַפט איז דער ערשטער שריט צו דער פרייהייט פונ'ם גאנצען יודישען פאָלק. זיין נאָהמען איז דערווייל נאָך גרעסער געוואָרען אין אייראָפּא; איין ר' יַעֲקֹב שַׁשְׁפּוֹרְטַשׁ האָט גאר ניט געקאָנט קאַליע מאַכען, חאָטש ער האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען אונ ראטהען מען זאָל זיך ניט לאָזען פערפיהרען; אַללע יודישע קְהִלּוֹת האָבען געקוקט אויף אַמְשְׁטֶרְדַם, אונ אַז מען האָט געזעהען אַז דאָרט זענען די בעסטע בַּעֲלֵי בָּתִּים צוגעשטאַנען צו שַׁבְּתַי צְבִי האָט מען אין ליוואָרנא אונ האַמבּורג ניט געהערט קיין וואָרט, מען האָט אַוועקגעלעגט אַללע געשעפטען אונ מען האָט געוואַרט אויף נִסִּים פון דעם נייעם מָשִׁיחַ. שַׁבְּתַי צְבִי'ס חֲבֵרָה־לייט פלעגען זיי אַללע מאָל דערוואַרמען מיט בּריעף אונ זיי טרעסטען אין זיין נאָהמען מיט דער האָפנונג, אַז נאָך צוויי יאָהר האָט מען זיך אין גאַנצען צו מוטשען. אַזעלכע בּריעף האָבען אומעדום געשטאַרקט דעם עוֹלָם. זייער אֱמוּנָה אין שַׁבְּתַי צְבִי איז געוואָרען נאָך פעסטער, אונ ווען איינער האָט אֲפִילוּ אַ מאָל גע־וואָלט עפּיס אָנהויבּען נאָכקלערען אונ נאָכפאָרשען האָט מען איהם פָּשׁוּט ניט געלאָזט עפענען קיין מויל. אין ווענעדיג איז אַ מאָל אים שַׁבָּת אַרוים אַ קריעג צווישען שַׁבְּתַי צְבִי'ניקעס אונ זייערע געגנער אונ עס איז שיער ניט געקומען צו בּלוּט פערגיסען. אַז מען האָט זיך דערנאָך אָנגעפראַגט בּיי שַׁבְּתַי צְבִי ווי אַזוי מען זאָל זיך נוֹהֵג זיין מיט די כּוֹפְרִים, וואָס לייגענען אין איהם, האָט ער געענטפערט קורץ אונ שאַרף, אַז אֲפִילוּ אים שַׁבָּת איז אַ מִצְוָה זיי צו דער־הרגענען, אונ דערמיט אַלליין קען מען זיך פערדיענען עוֹלָם הַבָּא. איבּערהויפּט האָט שַׁבְּתַי צְבִי אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבּען געהען מיט תַּקִּיפוּת; ער האָט געזעהען אַז די טירקישע מְלוּכָה לאָזט איהם לויפען, האָט ער עס אָנ־געהאנגען אין דעם וואָס מען האָט פאַר איהם מוֹרָא אונ מען פיהלט אַז ער האָט עפּיס אַ כֹּחַ. אַוַדַּאי האָט ער געקאָנט זיין קראַפט פּרובּירען נאר אויף יודישע דִּינִים אונ מִנְהָגִים, אונ קוֹדֶם כֹּל האָט ער מְבַטֵּל געוועהן דעם תַּעֲנִית פון שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אונ האָט געהייסען אים תִּשְׁעָה בְּאָב, אין זיין געבּורטס־טאָג, מאַכען אַ יוֹם טוֹב, זאָגען הַלֵּל, זינגען אונ שפּיעלען, עסען אונ טרינקען אונ

זיך אנטהון אללע תענוגים. ער האט געהאט בדעה מיט דער צייט איינצופיהרען גאר אנדערע ימים טובים און אפילו יום כפור מבטל זיין, נאר פלוצלונג האט זיך געמאכט איין איבערשלאג, וואס האט צודרעהט זיין גאנצען פלאן.

צווישען די טויזענדער אורחים, וואס פלעגען כמעט יעדען טאג קומען פון ווייט און נאהענט מקבל פנים זיין שבתי צבי, האבען זיך געפונען צוויי לומדים פון פולין, וואס די לעמבערגער רבנים האבען זיי ארויסגעשיקט קיין קאסטיא זיי זאלען מיט זייערע אייגענע אויגען בעטראכטען וואס דארט געהט פאר. פון זיי איז שבתי געוואהר געווארען, אז אין פולין דרעהט זיך ארום א נביא, נחמיה כהן, וואס שרייט אויך אז די גאולה וועט באלד קומען, נאר ער דרינגט, אז ניט שבתי צבי איז דער משיח. מיט שטאלץ האט דאס אויסגעהערט שבתי צבי, און אז די פולישע לומדים האבען בעדארפט אהיים פאהרען האט ער זיי אנגעזאגט מען זאל איהם באלד שיקען נחמיה'ן. דער פולישער נביא האט זיך ניט געלאזט לאנג בעטען און איז געקומען קיין קאסטיא, און האט'ש שבתי צבי האט איהם אויפגענומען מיט כבוד און האט זיך מיט איהם עטליכע שעה כסדר אויסגעטענה'ט, איז נחמיה פארט געבליבען ביי זיין מיינונג, אז ניט שבתי צבי וועט בעפרייהען די יודען. קיין איינגעהאלטענער מענש איז נחמיה כהן, ווי עס שיינט, ניט געוועהן, ער האט זיין דעה פריי ארויסגעזאגט פאר אללע שבתי צבי'ניקעס, זיי האט עס גוט פערדראסען און עס איז געבליבען מען זאל איהם טיידטען שטילערהייד. נחמיה כהן האט זיך אבער אנגעשטויסען אין וואס פאר א סכנה ער איז און האט זיך באלד ארויסגעגנב'ט פון דער פעסטונג; ער איז אוועק קיין אדריאנאפאל צום גובערנאטאר מוסטאפא, דארט האט ער אנגענומען די מחמדנישע אמונה, און האט איהם איבערגעגעבען אלדינג, וואס עס טהוט זיך אין קאסטיא און ווי שבתי צבי וויל זיך בענוצען דערמיט וואס די טירקישע מלוכה ווייסט ניט דעם אמת, און וועט סוף כל סוף אנרעדען די יודען זיי זאלען מאכען א מרידה. דערביי האט ער אויך געמסרט דעם אויפזעהער פון דער פעסטונג, וועלכער האט זיך געמאכט א גאנצע פרנסה דערפון, וואס ער לאזט שבתי צבי זיך פיהרען וויא א קאניג. דער גובערנאטאר האט עס באלד מודיע געוועהן דעם סולטאן מחמד דעם פיערטען, און ער האט געמאכט איין אסיפה פון אללע מיניסטארען מען זאל זיך איין עצה האלטען וואס מען זאל טהון מיט שבתי צבי. עס איז געבליבען ביי זיי אללע, אז אומברענגען איהם טאר מען ניט, ווייל טירקען האבען אויך פון איהם געהאלטען, און דערפאר האט מען מורא געהאט עס זאל נאך זיין טויט ניט

ווערען א בעזונדערע סעקטע טאקי צווישען די טירקען אליין. א גייסטליכער האט איין עצה געגעבען, אז דאס גלייכסטע וואלט געוועהן מען זאל שבתי צבי ארויפברענגען דארויף ער זאל צושטעהען צום מחמדנישען גלויבען. דאס איז געפאלען און מען האט בעשלאסען אז דעם סולטאן'ס לייב-דאקטאר דידון, אויך א געוועזענער יוד, זאל אויף זיך נעהמען די שווערע ארבייט אבצוראדען שבתי צבי פון זיין אמונה. אזוי האט מען טאקי געטהון: פלוצלונג איז אנגעקומען א בעפעהל, מען זאל שבתי צבי אריינברענגען קיין אדריאנאפאל; דארט האט דער דאקטאר דידון אנגעהויבען איהם פערשטעהען צו געבען וואס פאר א שווערע שטראף איהם ערווארטעט ווען ער וועט דעם סולטאן ניט איבערבעטען און שטילען זיין צארן דערמיט, וואס ער וועט ווערען מהמד'נער. אללע האבען גערעכענט אז אזא זאך וועט דעם דאקטאר דידון ניט אזוי גרינג אנקומען, צום סוף האט ער דווקא מיט שבתי צבי ניט בעדארפט לאנג ארבייטען: דער „יודישער קאניג" האט באלד איבערגעביטען זיין גלויבען און, אז דער סולטאן האט איהם פריינדליך אויפגענומען און האט איהם געבענשט מיט א נייעם נאהמען מחמד עפענדי, און דערצו נאך געגעבען ביי זיך אין הויף א שטעללע מיט א שאן געהאלט, איז ער זעהר צופרידען געוועהן. דאס אייגענע האט אויך געטהון זיין ווייב שרה, וואס האט אנגענומען דעם נאהמען פאטמא קדין און איז געווארען די ערשטע חשובה ביי דער סולטאנין, וועלכע האט זי אבגעשיט מיט טהייערע מתנות. קוקענדיג אויף שבתי צבי, האבען פיעל פון זיינע מקורבים אויך אבגעטרעטען פונ'ם יודענטהום, און פונקט אין דער אייגענער צייט ווען אין גאנץ אייראפא האבען די יודען ארויסגעקוקט אויף א ישועה און אין אמשטרדם האט דער געלעהרטער רב, דער דאקטאר בנימין מוספיא, צונויפגערופען די גאנצע קהלה מען זאל זיך אונטערשרייבען אויף א דאנק-בריעף צו שבתי צבי, האט דער „יודישער קאניג" געהאט די העזה צוצושיקען זיינע ברידער קיין סמירנא א בריעף און זיי שרייבען אז „גאטט האט איהם געמאכט פאר א מהמדנער, ער האט אזוי געהייסען און אזוי האט עס געמוזט געשעהען".

מען קאן זיך פארשטעלען די לאגע פון די טירקישע יודען, ווען צו זיי איז פריהר פאר אללע אנגעקומען די שענדליכע ידיעה וועגען שבתי צבי, און עס איז שוין מעהר ביי קיינעם קיין ספק ניט געוועהן, אז „משיח'ן האט גאטט געמאכט פאר א טערק". פון אללע זייטען האט מען אויף זיי געטייט מיט די פינגער און מען האט חוזק געמאכט פון זיי. דערצו האט זיי טאקי די טירקישע

מלוכה ניט געקאנט מוחל זיין, וואס זיי האבען זיך נאר ערלויבט צו האפען, אז ארץ ישראל וועט נאך אמאל זיין זייערס. דער סולטאן האט זיך שטארק געוואלט נוקם זיין און האט גערעכענט אהל צו מאכען פון אללע יודען אין טירקיי און זייערע קינדער ביז זיבען יאהר מיט געוואלד אבבנייסען פון יודישקייט. מען האט איהם אבער דערפון אבגעשלאגען און אז ער האט געוואלט זיין כעס אויסלאזען האט׳ש צו די רבנים און האט געהייסען הרגנ׳ען פונפציג פון זיי דערפאר, וואס זיי האבען צוגעלאזט דאס פאלק זאל זיך פערדרעהען די קאפ מיט פוסטע חלומות, האט מען איהם פערשטעהען געגעב׳ען אז עס איז ניט רעכט, און די יודען זענען מעהר ניט אבגעקומען נאר מיט שרעק. צווישען זיי אלליין איז אבער געווארען א שטארק געטימעל, איינער האט אויפ׳ן אנדערען ארויפגעלע׳ט די שולד, און די שבתי צבי׳ניקעס זענען מיט׳ן לעבען ניט זיכער געוועהן. עס איז אזוי ווייט געקומען, אז מען האט אנגעהויבען מורא האבען אז עס זאל פשוט ניט זיין קיין הריגות אין יעדער שטאדט, און די רבנים האבען געמוזט ארויסלאזען א בעפעהל, אז קיינער זאל זיך ניט דערוואגען האבען צו טהון מיט א שבתי צבי׳ניק און ווער עס וועט דארויף עובר זיין זאל מען איהם אריינלעגען אין חרם.

אזא שריט פון שבתי צבי האט שוין, דאכט זיך, בעדארפט אנלערנען די מקובלים זיי זאלען זיך ניט אבגעבען מיט נארישע חלומות, צום סוף איז דער דאזיגער קלאפ אויך געוועהן א פערפאלענער, און די שבתי צבי׳ניקעס האבען זיך בשום אופן ניט געוואלט אבזאגען פון זייערע האפנונגען און האבען זיך אבגעזוכט נאר א וואונדערבארען תירוץ, אז דאס איז נאר דער גוף פון שבתי צבי געווארען א טערק, ער אלליין אבער איז ארויף אין הימעל, אדער ער איז אוועק צו די עשרת השבטים און מוז איבערווארטען א שטיקעל צייט ביז דער דור וועט ווערטה זיין אויסגעלייזט צו ווערען. ווער שמיעסט שבתי צבי׳ס נאהענטע מחותנים, וואס האבען זיך דערוויל געמאכט פון דער גאולה זעהר א וואהלען מעמד פרנסה, ווי שמואל פרימא, יעקב פאלאגי און יעקב ישראל דוהאן, זיי האבען זיך געהאפט נאך מעהר שרייען און קלאפען. זיי האבען געטענה׳ט אז די סודות פונ׳ם מלך המשיח איז שווער צו פערשטעהען און מען טאר נאר ניט זינדיגען מיט די רעד און עפים נאכקלעהרען; און אז עס איז זיי שוין אויסגעקומען גאר ענג און מען האט זיי געוויזען אז דער וואס ווארפט אוועק זיין אמונה קאן ניט ווערען קיין גואל פון זיין פאלק, האבען זיי געבראכט א ראיה פון דער תורה, אז פונקט ווי משה רבנו האט

גֶעמוּזְט זַיין אִין דִי קִינְדֶערְשֶׁע יָאהְרֶען אַ מִצְרִי, אַזוֹי אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיף שַׁבְּתַי צְבִי דֶער גוֹרָל צוּ זַיין אַ קוּרְצֶע צַייט אַ טֶערְק. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט גֶעאַרְבַּייט מַעֲשִׂים נָתָן בִּנְיָמִין הַלֵוִי, וָואס הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז וֶוען שַׁבְּתַי צְבִי וֶוערְט אוֹיס מָשִׁיחַ מוּז עֶר וֶוערֶען אוֹיס נָבִיא, אוּנ עֶר אִיז נִיט מִיעד גֶעוָוארֶען אַרוּמְצוּפָאהְרֶען אוּנ יֶעדֶען טָאג נַייֶע יוּדֶען אַרַיינְנַארֶען אִין זַיין נֶעץ. דִי רַבָּנִים הָאבֶּען זִיךְ אֲפִילוּ גֶעפְּרִיוְוט אַקֶעגֶענְשְׁטֶעלֶען אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעוָואלְט אִין חֵרֶם אַרַיינְלֶעגֶען, נָאר עֶס הָאט נִיט גֶעהָאלְפֶען; נָתָן אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע חֶבְרָה לַייט הָאבֶּען זִיךְ גֶעטְהוּן זַייעֶרְס, אוּנ אוֹיפ׳ן אָרְט פוּן אֵיין גֶעגְנֶער פְלֶעגֶען צוּקוּמֶען צֶעהְן פְרִישֶׁע שַׁבְּתַי צְבִי׳נִיקֶעס.

פוּן דֶער וַוייטֶענְס הָאט שַׁבְּתַי צְבִי גוּט בֶּעמֶערְקְט, אַז דָאס פַייֶער וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעצוּנְדֶען, אִיז נָאךְ נִיט אִין גַאנְצֶען פֶערְלָאשֶׁען גֶעוָוארֶען אוּנ צוּבְּרֶענְט זִיךְ נָאךְ, פֶערְקֶעהְרְט, מִיט גְרֶעסֶערֶער קְרַאפְט, אוּנ חָאטְשׁ עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶעבְּט רוּהִיג אוּנְטֶער דֶעם שׁוּטְץ פוּנ׳ם סוּלְטַאן, וָואס הָאט אִיהם גֶעהַאלְטֶען פַאר זֶעהר אַ פְרוּמֶען טֶערְק, אוּנ הָאט אִיהם דֶערְפַאר שְׁטַארְק לִיעבּ גֶעהַאט, הָאט זִיךְ בַּיי אִיהם אִין הַארְצֶען דֶערְוֶועקְט דֶער פְרִיהְרִיגֶער חֵשֶׁק צוּם אַלְטֶען שְׁווינְדֶעל, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַלֵיין אוֹיךְ עֶפִּיס צוּ טְהוּן אוּנ וַוייטֶער פֶערְדְרֶעהֶען דֶעם עוֹלָם דִי קָאפּ. פוּן אֵיין זַייט הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ סֵפֶר „סַהֲדוּתָא דִמְהֵימְנוּתָא" אוּנ הָאט דִי יוּדֶען אַ וִוינְק גֶעגֶעבֶּען אַז עֶר אִיז נָאר לְפָנִים אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַחְמַדַנֶער, כְּדֵי עֶר זָאל קֶאנֶען מְגַיֵיר זַיין אַ סַךְ טֶערְקֶען. אִין דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאט עֶר דֶעם סוּלְטַאן עֶרְקְלֶאהְרְט, אַז עֶר מוּז זִיךְ דְרֶעהֶען צְווִישֶׁען יוּדֶען, וַוייל עֶר וִויל פִיעל פוּן זֵיי גְלִיקְלִיךְ מַאכֶען אוּנ זֵיי אוֹיךְ צוּרֶעדֶען זֵיי זָאלֶען אִיבֶּערְבַּייטֶען זַייעֶר גְלוֹיבֶּען. אַזוֹי הָאט עֶר בֶּעקוּמֶען אֵיין עֶרְלוֹיבְּנִישׁ פְרַיי צוּ לֶעבֶּען, אוּנ וִוי אַזוֹי עֶס הָאט אִיהם גֶעטוֹינְט אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִיהְרְט: צְווִישֶׁען יוּדֶען הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעדְט כָּל הָרָעוֹת אוֹיף דִי מַחְמַדַנֶער אוּנ צְווִישֶׁען דִי טִירְקֶען הָאט עֶר גֶעשְׁפִּיגֶען קְלֶעק אוֹיף דִי יוּדֶען. דִי מְלוּכָה הָאט נִיט בֶּעמֶערְקְט וִוי צְוֵוייפָּנִים׳דִיג עֶר אִיז, אוּנ אַז עֶטְלִיכֶע יוּדֶען הָאבֶּען טַאקִי אָנְגֶענוּמֶען דִי מַחְמַדַנִישֶׁע אֱמוּנָה, הָאט זֵי עֶס אָנְגֶעהַאנְגֶען אִין שַׁבְּתַי צְבִי׳ס בְּרִיָה׳שַׁאפְט, אוּנ עֶר אִיז בַּיי אִיהר גֶעוָוארֶען גֶעהוֹיבְּט אוּנ גֶעקְרֶאנְט.

דֶערְוַוייל אִיז שַׁבְּתַי צְבִי׳ן, נָאר אוּמְגֶערִיכְט, צוּגֶעקוּמֶען פוּן אֵייְרָאפַּא אַ הֵייסֶער חָסִיד, וָואס הָאט זִיךְ גָאר אִין גַאנְצֶען פוּן זַיינֶעטְוֶועגֶען אַוֶועקְגֶעלֶעגְט. דָאס אִיז גֶעוֶועהן **אַבְרָהָם מִיגוּאֵל קַרְדוֹזָא**, וֶועלְכֶער אִיז אִין שְׁפַּאנְיֶען

אויפְגֶעוואַקְסֶען גֶעוואָרֶען בַּיי עֶלְטֶערְן־מַארְרַאנֶען און הָאט צוזַאמֶען מִיט זַיין אֶלְטֶערֶען בְּרוּדֶער פֶּערְנַאנְדָא גֶעלֶערְנְט מֶעדִיצִין. צְווִישֶׁען בֵּיידֶע בְּרִידֶער אִיז גֶעוועֶהן אַ שְׁטַארְקֶער חִלוּק: דֶער אֶלְטֶערֶער אִיז גֶעוועֶהן אַ גֶעזֶעצְטֶער מֶענְשׁ און הָאט בֶּעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶען נָאהמֶען וֶועגֶען זַיין גֶעלֶערְנְטְקַייט; דֶער יוּנְגֶערֶער אָבֶּער אִיז שׁוֹין, פֶּערְקֶעהְרְט, גֶעוועֶהן אַ פְלִיהֶענְדִיגֶער קָאפּ, אָהן יִשׁוּב הַדַעַת, עֶר הָאט אַלְדִינְג גֶעוואָלְט ווִיסֶען נָאר עֶס זָאל אִיהם קֵיין מִיה נִיט קָאסְטֶען און עֶר זָאל קָאנֶען גַאנְצֶע טֶאג אַרוּמְלוֹיפֶען מִיט שֶׁאנֶע פְרוֹיֶען און זַיי זִינְגֶען זִיסֶע לִיעבֶּעס־לִידֶער, אַזוֹי ווִי דֶער מִנְהָג אִיז גֶעוועֶהן בַּיי אַלֶע שְׁפַּאנִישֶׁע עֶדֶעללַייט, וָואס הָאבֶּען לִיעבּ גוּט צוּ לֶעבֶּען. אַז פֶּערְנַאנְדָא אִיז אַוֶועק קֵיין וֶוענֶעדִיג, כְּדֵי עֶר זָאל דָארְט קָאנֶען פְרַיי אִיבֶּערְגֶעהֶען צוּם יוּדֶענְטְהוּם, אִיז אִיהם מִיגוּאֵל נָאכְגֶעפָאהרֶען, נָאר אֲפִילוּ אִין יוּדִישְׁקַייט אִיז עֶר אַלְץ גֶעבְּלִיבֶּען דֶער אֵיינֶענֶער, מִיט דֶעם צוּטְרָאגֶענֶעם מֹחַ און מִיט'ן גַאנְצֶען פַייֶער צוּ אַלֶע תַּאֲוות. פְּלוּצְלוּנְג אִיז בַּיי אִיהם גֶעוואָרֶען אַ אִיבֶּערְקֶעהְרֶענִישׁ, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זֶעהֶען חֲלוֹמוֹת און שְׁרַייֶען אַז שַׁבְּתַי צְבִי אִיז מָשִׁיחַ און, אַז דָאס וָואס עֶר הָאט קְלָאמֶערְשְׁט אָבְּגֶעטְרֶעטֶען פוּן דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה הָאט עֶר גֶעטְהוּן אִימִיסְטֶען, כְּדֵי עֶר זָאל לַיידֶען חֶרְפּוֹת און בּוּשׁוֹת און זָאל דֶערְמִיט אָבְּקוּמֶען פַאר דִי זִינְד פוּנ'ם גַאנְצֶען יוּדִישֶׁען פָאלְק. אוּמְזִיסְט הָאט זִיךְ פֶּערְנַאנְדָא בֶּעמִיהט אִיהם אַרָאבּ־צוּפִיהרֶען פוּן דֶעם פַאלְשֶׁען וֶועג; מִיט דֶעם אֵיינֶענֶעם חֵשֶׁק, וָואס אַבְרָהָם מִיגוּאֵל קַארְדוּזָא פְלֶעגְט פְרִיהֶר זִיךְ אָבְּגֶעבֶּען מִיט נַארִישֶׁע תַּאֲוות, הָאט עֶר זִיךְ אַצוּנְד אָנְגֶעהַאפְּט אִין שַׁבְּתַי צְבִי, און הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעלָאזְט אִין דֶער ווַייטֶער וֶועלְט אַרַיין בֶּעקַאנְט צוּ מַאכֶען דִי יוּדֶען מִיט דֶער גְרוֹיסֶער יְשׁוּעָה וָואס זַיי מֶאגֶען עֶרְווַארְטֶען פוּן דֶעם יוּדִישׁ־טִירְקִישֶׁען גוֹאֵל צֶדֶק. עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֶעהט אִין קַאִירַא און אוֹיף דִי גְרִיכִישֶׁע אִינְזֶעל און אוּמֶעדוּם הָאבֶּען זִיךְ אַרוּם אִיהם גֶעזַאמֶעלְט אַלֶע שַׁבְּתַי צְבִי'נִיקֶעס. אַוַדַאי הָאט עֶר מִיט זַיין אֵייְרָאפֶּאִישֶׁער בִּילְדוּנְג און מִיט זַיין שֶׁאן לָשׁוֹן צוּגֶעצוֹיגֶען צוּ זִיךְ פִיעל מֶענְשֶׁען און אִיז אַ סַךְ מֶעהר צוּ נוּטְץ גֶעקוּמֶען שַׁבְּתַי צְבִי ווִי אַלֶע זַיינֶע נְבִיאִים און בַּיישְׁפִּיעלֶערְס פוּן פְרִיהֶר.

דֶערְפוּן הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶענוּמֶען דִי מַפָּלָה פוּן שַׁבְּתַי צְבִי. אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען ווִי בַּלַינְד דֶער עוֹלָם גְלוֹיבְּט אִין אִיהם, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעהֶערְט הִיטֶען און הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֶענְד דִי וָואנְשָׁאל, אוֹיף וֶועלְכֶער עֶר פְלֶעגְט אִין דִי פְרִיהֶרִיגֶע יָאהרֶען אָבְּוֶואגֶען יֶעדֶעס וָוארְט און אַכְטוּנְג גֶעבֶּען, אַז קֵיין אִיבְּרִיגֶע רֶעד זָאלֶען נִיט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אָפְט עֶרְלוֹיבֶּען

צו שאנדען יודען אונ זייער אמונה, אונ פלוצלונג האט ער זיך געקאנט שטעלען דאווענען צוזאמען מיט זיין חברה, זאגען תהלים אונ מעביר זיין די סדרה. ער האט ניט געהאט געבען זיך אזא נאהענטען אונ געטרייען מענשען, וואס זאל איהם קאנען אבהאלטען פון אזעלכע זאכען. די שאנע שרה, ווי עס שיינט, האט ביי איהם אנגעווארען איהר ווערטה, אונ ער האט אויף דער עלטער גענומען נאך איין פרוי, די טאכטער פונ'ם בעריהמטען למדן יוסף פילוסוף פון סאלוניקי. שבתי צבי האט מן הסתם געהאט גענוג שונאים אונ מען האט איהם געמסרט, אז ער האט נאך ניט אוועקגעווארפען זיינע אלטע דרכים אונ וויל נאך אלץ זיין א משיח ביי די יודען. מען האט איהם אנגעהויבען שטארק נאכקוקען אונ, אז מען האט איהם געפונען אמאל אין א דארף, ניט ווייט פון קאנסטאנטינאפאל, צוזאמען מיט עטליכע מנינים יודען אונ מען האט איהם פונקט דערטאפט ביי א תפלה, האט די מלוכה געהייסען איהם אוועקפיהרען קיין אלבאניען אונ בעזעצען אין א קליין שטעדטעל דולציניא, וואו ער האט שוין קיין יודען ניט געזעהען פאר די אויגען. דאס איז פאר איהם געוועהן א שטארקער קלאפ, א ביטערע מרה שחורה האט איהם פון די פיס געווארפען, אונ גאר גיך איז ער דארט, אים יאהר 1676, געשטארבען עלענד, אונ מען ווייסט אפילו ניט וואו זיין געביין איז הינגעקומען.

שפעטער מיט עטליכע חדשים, דעם 21 פעברואר 1677, האט דער טויט צוגעמאכט די אויגען פון ברוך שפינאזא. ער האט נאך דערלעבט צו זעהען, ווי אין דעם אייגענעם אמשטערדם, וואס צוריק מיט הונדערט יאהר האט א יוד ניט געטארט אהין אריינשמעקען, איז אויסגעוואקסען וועהר א שאנע ספרדישע קהלה פון דער טויזענד משפחות, ווי זיי האבען אויסגעבויעט א טהייערע שול אונ מיט גרויס פאראד האט מען געמאכט א חנוכת הבית, ווי קריסטען האבען מנדר געוועהן געלד אויף דער הייליגער מצוה אונ האבען זיך געפרעהט ביי דער שמחה; נאר קיין נחת האט ער דערפון ניט געקאנט האבען, ווייל ער איז געשטאנען גאנץ ווייט פון זיינע ברידער, אונ נאר דער לויטערער פערשטאנד האט ניט דערלאזט, אז ביי איהם אין הארצען זאל בלייבען שטאנדיג די שנאה, וואס צו ליעב איהר האט ער אויף זיי אמאל גערעדט אזוי פיעל שלעכטס. אזוי רוהיג ווי ער האט געלעבט — אזוי איז ער אויך רוהיג געשטארבען; שטיל, אהן וועטהיג האט ער אויסגעהויכט זיין גרויסע נשמה אונ זיין טויט האט ערשט בעוויזען דעם חלוק צווישען א ליכטיגען קאפ אונ א פערטומעלטען מח. שבתי צבי האט א שפיי געטהון אויפ'ן יודישקייט, אונ ברוך שפינאזא איז ביז צום

לעצטען אויגענבליק געבליבען געטריי דעם פאלק, וואס האט איהם בעווארפען מיט שטיינער פאר זיין פריי דענקען, אונ האט ניט געוואלט איבערבייסען דעם פאדעם, וואס האט איהם צוגעבונדען צו יודען, אפילו מיט חסרונות, לויט זיין מיינונג, נאר פארט צו אייגענע....

10 יודישע בעשיצער אונ שונאים צווישען קריסטליכע געלעהרטע.

(1677—1720 נאך קריסטוס געבורט).

גראד אין דער צייט, ווען די יודען זענען נאכגעלאפען א פאלשען משיח, זענען זייערע שונאים א ביסעל שטיל געבליבען, אונ מען האט זיך כמעט אזוי ווי אבגעשמיעסט, מען זאל זיי לאזען צו רוה, חאטש פון דער טובה איז זיי ארויסגעקומען א רעה: זיי האבען זיך בענוצט מיט דעם וואס מען האט זיי געלאזט דעם אטהעם האפען, נאר דארויף זיי זאלען זיך אבגעבען מיט נארישע חלומות אונ אויסשמירען זיך מיט אייגענע בלאטע. דאס האט אבער געדויערט ניט לאנג; באלד האט מען זיך גענומען זיי ווייטער אנטהון צרות. אונ מערקווירדיג איז דאס, וואס אויסגעלאזט דעם כעס צו זיי האבען נאר קריסטען אונ די טירקיי האט זיי ניט געטשעפעט, חאטש דארט האט מעהר בעדארפט פערדריסען זייער אמונה אין שבתי צבי אונ די האפנונג צוצונעהמען ביי דער טירקישער מלוכה ארץ ישראל. לכתחלה איז טאקי דער סולטאן מחמד דער פיערטער שטארק ברוגז געווארען אויף די יודען אונ האט זיך געוואלט נוקם זיין אין זיי דערפאר וואס זיי האבען פערגעסען ווי גוט טירקיי האט זיי בעהאנדעלט, דערנאך האט ער זיך בערעכענט, אז מען טאר ניט אויסגיסען דעם צארן אויף א גאנץ פאלק פאר די זינד פון יחידים, אונ עס איז קיינעם קיין האר ניט געקרימט געווארען.

ניט אזוי האט מען זיך מיט זיי נוהג געוועהן אין אייראפא, וואו מען האט איינענטליך געקאנט האבען צו זיי נאר קליינע פרעטענזיעס, ווייל שבתי צבי׳ס ארבייט האט זיך דארט כמעט ניט אנגעזעהען אונ האט גאנץ ווענין געשאדט. אויסער האללאנד אונ ענגלאנד, וואו זייער צושטאנד איז געוועהן גלאנצענד, האט מען זיי אין אללע איבעריגע לאנדער ווייטער אויפגעהערט צו בעטראכטען ווי מענשען, אונ ביי קיינעם האט זיך ניט געפונען פאר זיי א שטיקעל בהמנות.

דעם ערשטען קלאפ האבען זיי ווייטער בעקאמען פון שפאניען, ווייל דארט איז די מלוכה, נאך דעם טויט פונ'ם קאניג פיליפ דעם פיערטען, איבערגעגאנגען צו זיין אלמנה מאריא אננא, וואס איז געוועהן א אסטעררייכישע פרינצעסין אונ האט זיך אין דער יוגענד ביי די קאטאלישע גייסטליכע גוט אויסגעלערנט פיינד צו האבען יודען. מילא אין שפאניען אלליין האט זי ניט געהאט וועמען די שנאה ארויסצווייזען, ווייל דארט איז שוין עטליכע הונדערט יאהר קיין זכר ניט געוועהן פון קיין יוד; דערפאר האט זי זיך אנגעהויבען צעפען צו די יודען, וועלכע האבען שוין פון לאנג געוואהנט אין אפריקא אין אזעלכע מקומות, וואס שפאניען האט זיי שפעטער אבגענומען אונ האט געהאט איבער זיי צו שאפען, ווי אראן. מאזאקוויזיר אונ נאך אנדערע שטאדט, אונ האט געגעבען א בעפעהל מען זאל זיי באלד פון דארט ארויסטרייבען. דער גובערנאטאר אלליין האט געזעהען אז דא טהוט די שפאנישע מלוכה די גראבסטע עוולות, אי געגען די יודען, אי געגען זיך אלליין, ווייל זיי זענען אללע געוועהן זעהר נוצליכע מענשען אונ צוויי רייכע יודישע משפחות, קאנזינא אונ שאשפורטאש, האבען ניט איין מאל ארויסגעוויזען זייער געטריישאפט דעם לאנד אונ דער קאניג האט זיי געשיקט אייגענהאנדיגע דאנקבריעף; ער האט אבער גאר ניט געקאנט טהון אונ האט זיי נאר ערלויבט צו פערבלייבען נאר די אכט טאג פון פסח, אונ דערנאך האבען זיי געמוזט אין היילעניש מאכען א תל פונ'ם גאנצען פערמעגען, פערקויפען די הייזער פאר א צעהנטעל פונ'ם ווערטה אונ האבען זיך בעזעצט אין דער געגענד סאוואיען, קיין ניצא אונ ווילאפראנקא.

דאס אפעלע פאלט ניט ווייט פונ'ם ביימעלע. דאס אייגענע וואס די מוטטער האט געטהון אין שפאניען, האט איהר טאכטער, די אסטעררייכישע קייזערין מארגארעטהא ווידערהאלט אין וויען. פון דער צייט אן, וואס איהר מאנן, לעאפאלד דער ערשטער האט אנגעטהון די קרוין, האבען די יעזואיטען די גאנצע מאכט געהאט אין אסטעררייך אונ האבען אנגעטהון ענוים קשים אפילו קריסטען, וואס זענען נאר ניט געוועהן קיין קאטאליקען. מען קאן זיך פארשטעלען וואס די יודען, וועלכע האבען זיך ווידער, שוין א יאהר פונפציג בעזעצט אין וויען, זענען פון זיי אויסגעשטאנען. די שנאה פון די גייסטליכע פון איין זייט אונ די קנאה פון סוחרים אונ בעלי מלאכות פון דער אנדערער זייט, דער פערדרוס וואס יודען פיהרען גרויסע געשעפטען אונ האבען פרנסה בשפע, דאס אלדינג האט געפיהרט דערצו, וואס מען האט

זיי פערביטערט דאס לעבען אונ מען האט זיי ניט געלאזט רוהיג עסען דאס
שטיקעל ברויט, וואס פלעגט זיי ניט גרינג אנקומען. וואו ערגיץ א צרה,
א בלבול, האט מען ארויפגעלעגט אויף די יודען, אונ עס איז גענוג געוועהן
צו געפינען אין טייך א דערטרונקענעם, די שונאי ישראל זאלען שוין האבען
וואס צו רעדען אונ די יודען זאלען מיט'ן לעבען ניט זיכער זיין. היבשע עטליכע
יאהר האט מען זיך אזוי געמוטשעט מיט די יודען, די שונאים האבען געהאט
מיט זיי א גאנצע ארבייט, אללע מאל האט מען בעדארפט אויסטראכטען נייע
שקרים, ארויסגעבען פרישע דינים: דא געה ניט, דא שטעה ניט, מיט דעם
האנדעל ניט, דארט לערן ניט, ביז עס איז די זאך נמאס געווארען אונ מען
האט געפועלט ביי לעאפאלד'ן ער זאל הייסען די יודען לחלוטין ארויסטרייבען
פונ'ם לאנד אונ בעזאנדערס פון וויען. דער קייזער האט זיך אפילו א ביסעל
געיישובט, נאר אזוי ווי מארגארעטהא האט ביי איהם געהאט די גאנצע דעה,
אונ זי האט עס געוואלט, האט ער שוין געמוזט נאכשאקלען מיט'ן קאפ. אונ
אים 14 פעברואר 1670 האט מען אומעדום אויסגערופען אז אין עטליכע חדשים
ארום וועט זיך קיין יוד ניט טארען געפינען אין גאנץ אסטערייך. ווי א דונער
האט די בשורה דערשלאגען די יודען אונ עס איז זיי שווער געוועהן צו גלויבען,
אז פלוצלונג זאל מען זיי גאר אהן א שום חטא ברעכען פון ברויט אונ הייסען
געהען אין דער פרעמד. זיי האבען נאך אלץ געהאפט אז עס וועט זיי גע-
ראטהען מבטל צו זיין די ביטערע גזרה אונ זיי האבען אוועקגעשיקט א געבעט-
בריעף צום בעריהמטען גביר עמנואל טעקסיירא, וואס איז געוועהן
געזאנדטער פון דער קאניגין כריסטינע אונ האט געהאט גוטע פריינד צווישען
די גרעסטע שררות. טעקסיירא האט זיך טאקי, ווי א הייסער יוד, גענומען
צו דער זאך זעהר ווארם אונ האט אנגעווענדט אללע מיטעל; עס האט אבער
ניט געהאלפען, אונ נאר איין טובה האט די אסטערייכישע מלוכה געטהון די
יודען, וואס זי האט אנגעזאגט מען זאל זיי פאר'ן פאהרען ניט טהון קיין
שלעכטס. אזוי האבען זיי אללע געמוזט ארויס. קיין אונגארן האט מען זיי
ניט אריינגעלאזט אונ דערפאר זענען זיי געצוואונגען געוועהן זיך צו בעזעצען
אין מאהרען, באהמען אונ בייערן. פאר אזא חסד, וואס דער קייזער
האט געטהון מיט די וויענער איינוואהנער אונ האט זיי בעפרייעט פון יודען,
האט די שטאדט אבגעקויפט פאר הונדערט טויזענד גולדען די „יודישע גאס"
אונ מען האט זי אוועקגעשענקט לעאפאלד'ן, אונ דאריבער רופט מען זי עד

היום „לעאפאלד שטאדט”. אויף דעם ארט וואו די אלטע יודישע שול איז געשטאנען, האט מען אויסגעבויעט א קירכע.

דער אויבערשטער שיקט אבער די קאלט נאך די קליידער: אז מען האט די יודען פון וויען ארויסגעטריבען, האט זיך פאר זיי געעפענט א נייע היים אין דער געגענד פון בראנדענבורג און אין די אללע מקומות, וואס פון זיי איז נאך דעם געווארען פרייסען און אצונד הערשט דארט די מאכט פונ'ם גרויסען דייטשלאנד. דער קורפירסט פרידריך ווילהעלם איז אייגענטליך ניט געוועהן קיין גרויסער אוהב ישראל, און אין זיין לאנד האט שוין מעהר פון הונדערט יאהר קיין יוד ניט געטארט זיך בעזעצען, נאר אז אין עטליכע שטאדט וואס זענען ארונטער, נאך א מלחמה, אונטער זיין מלוכה, ווי האלבערשטאדט, עממעריך, וועזעל, דוסבורג און מינדען, האבען זיך געפונען גאנץ קליינע יודישע קהלות און צווישען די יודען זענען געוועהן זעהר נוצליכע מענשען, ווי למשל, ר' אליהו גומפערץ, וואס האט צוגעשטעלט דער קרוין כלי זין און פולווער און מען איז פון איהם געוועהן זעהר צופרידען, איז ביי איהם געבליבען ער זאל יודען פריי אריינלאזען אין זיין מדינה, און ער האט זיך נאך מיה געגעבען צוציהען פעהיגע יודישע סוחרים מיט געלד, ווייל ער האט גוט געזעהען אז יודישע קאפיטאלען בעלעבען דעם האנדעל און קיינער דערלייגט ניט צו זיי, דערפאר האט ער געגעבען א בעפעהל זיין געזאנדטען אין וויען, ער זאל אנהייבען צורעדען די יודען, אז זיי זאלען קומען קיין בראנדענבורג, און זיי האבען ארויסגעשיקט קיין בערלין צוועלף בעלי בתים, מען זאל איבערעדען מיט דער מלוכה וועגען דעם. די תנאים, וואס מען האט מיט זיי אויסגענומען, זענען געוועהן א ביסעלע שווער, נאר עס איז קיין צייט ניט געוועהן לאנג זיך צו דינגען און מען האט געמוזט אויף אללעמען בעשטעהען. מען האט אבגעמאכט אז דערוויל זאלען זיך מעהר ניט בעזעצען פון פונפציג יודישע משפחות, וואס קאנען זיך בעשעפטיגען מיט אללער ארט מסחרים, נאר יעדע פאמיליע דארף צאהלען יאהרליך מס אכט טהאלער שוטץ-געלד, און פון יעדער חופה אדער לויה — א גולדען. הייזער האבען זיי געמאגט קויפען נאר אויף א צייט און דערנאך האבען זיי געמוזט פערקויפען קריסטען. קיין אפענטליכע גרויסע שולען בויען האבען זיי ניט געטארט, נאר מאכען קליינע מנינים ביי זיך אין שטוב און האלטען חזנים און שוחטים האט מען זיי ניט פערווערט. געהייסען האט עס, אז מען מאכט נאר א פריוו אויף צוואנציג יאהר, נאר די מלוכה האט בפירוש אויסגערעדט, אז

ווי באלד עס וועט איהר לוינען מוזען די יודען בלייבען ווייטער. ווי עס ווייזט אויס, האט קיינער קיין חרטה ניט געהאט: פון די ערשטע פונפציג משפחות, האבען זיך זיבען בעזעצט אין בערלין אונ פון זיי איז אויסגעוואקסען די בעריהמטע בערלינער יודישע קהלה, אונ די איבריגע האבען זיך פערשפרייט איבער דעם גאנצען לאנד. צו זיי זענען באלד צוגעקומען רייכע יודען פון האמבורג אונ גלאגויא, אונ אין צוויי שטאדט לאנדסבערג אונ פראנקפורט אן דער אדער, זענען געווארען צוויי גרויסע קהלות. וואס מעהר יודען עס האבען זיך דארט בעזעצט, האבען זיי מעהר נושא חן געוועהן ביי פרידריך ווילהעלם'ן. אונ אז ער האט געעפענט א אוניווערזיטעט אונ האט מנדר געוועהן א בעזונדער הויז פאר געלעהרטע, האט ער געמאכט, אז מען זאל אויפנעהמען אויך יודען אונ, אז צוויי יודישע יונגליך, פון דער משפחה כהן רופא, האבען זיך פערשלעפט פון פולין, וואו זיי זענען קוים ניצל געווארען פון המעלניצקים שחיטה אונ האבען געוואלט לערנען מעדיצין, האט זיי דער קורפירסט געהייסען אריינעהמען אין דער אוניווערזיטעט אונ האט זיי די גאנצע צייט אויסגעהאלטען אויף זיין רעכנונג.

אין דער אייגענער צייט האט די מאראנען פון פארטוגאל אויך א בליץ געטהון א קליינע שיין פון האפנונג אז זייער לאגע וועט זיך פערבעסערן אונ די קראפט פון דער אינקוויזיציאן וועט געבראכען ווערען. שוין מעהר פון הונדערט פונפציג יאהר אז די אינקוויזיציאן האט זיך, כמעט געגען ווילען פונ'ם פאפסט, אהין אריינגעגנב'ט אונ האט אבגעקאסט גענוג בלוט, ווייל חאטש אין די פיער דורות, וואס האבען זיך איבערגעביטען, האבען זיך די מאראנען שטארק אויסגעמישט מיט'ן פאלק אונ פיעל פון זיי האבען טאקי גאר אין גאנצען פערגעסען זייער שרש, פון דעסטוועגען האט מען יעדעס מאל אויף איין אנדערן געמאכט א בלבול, אונ אומשולדיגע מענשען פלעגען פאלען ווי שטרוי. אזוי האט זיך עס געפיהרט ביז עס איז געגען דער אינקוויזיציאן ניט ארויסגעשפרונגען א גייסטליכער פון די יעזואיטען, אנטאניא וויאיירא, וואס האט אליין אין דער יוגענד גענוג געליטען פון איהר אונ האט זיך ענטשלאסען זוכען א נקמה אונ אומווארפען דעם גאנצען בנין פון דעם שרעקליכען מזבח, וואס פלעגט פערשלינגען טויזענדער מענשליכע קרבנות. דערצו האט נאך אנטאניא וויאיירא געהאלטען פון יודען, ווייל ווען ער האט אמאל געלעבט אין אמשטרדם איז ער געוועהן אפן בית ביי ר' מנשה בן ישראל אונ ר' יצחק אבוהב אונ האט זעהר געשאצט די יודישע רבנים אונ לומדים. ער

האָט זיך גענומען צו דער זאַך ניט ווי קיין נאַר און האָט אָנגעהויבען אַרבייטען פון צוויי זייטען: אַלליין האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין רום און האָט דאָרט מודיע געווען וואָס עס געהט פאָר אין פּאָרטוגאַל; אין ליסאַבאָן ווידער האָט ער איבערגעלאָזט איינעם פון די פריינד, וואָס איז געווען אַ חשוב ביים קעניג דון פּעדראָ און האָט איהם פערשטעהען געגעבען, אַז פּאָרטוגאַל קען צוריק אָבנעהמען אינדיען, ווען זי וועט האָבען מיטעל צו פיהרען אַ מלחמה. דאָס האָט ער געטהון מיט אַ כוונה, כדי ער זאָל אַרויספיהרען דעם קעניג אויף דער מחשבה צו זוכען געלד, און קוים איז ער מיט איהם פערטיג געוואָרען האָט ער איהם באַלד אָנגעוויזען, אַז די מאַראַנען זענען אָנגעשטאָפּט מיט געלד און אַז עס וואָלט גוט געווען מען זאָל מאַכען מיט זיי יד אחת. דער קעניג האָט געהייסען מען זאָל שטילערהייד אָנהייבען איבערשמיסען מיט די מאַראַנען, נאָר די אינקוויזיטאָרען האָבען עפּיס אָנגעשמעקט און האָבען זיך גענומען זיי רודף'ן נאָך מיט מעהר אכזריות. עס איז אַזוי ווייט געקומען אַז פיעל גרויסע לייט, וואָס האָבען ניט געקאָנט צוזעהען אַזאַ אומרעכט, זענען געפאַלען אויף אַ שכל און האָבען פאָרגעלעגט, מען זאָל בעסער אַללע מאַראַנען אַרויסטרייבען פון פּאָרטוגאַל, כדי עס זאָל ניט זיין צו וועמען זיך צו טשעפּען. דאָס איז אָבער געוועהן פאַר די אינקוויזיטאָרען נאָך ערגער, ווייל דעמאָלט וואָלט זייער אַרבייט אין גאַנצען אויפגעהערט, און דאַריבער האָבען זיי שוין גאָר אָנגעהויבען רעדען פון ישר און האָבען געדרונגען אַז שולדיג זענען דאָך נאָר געצאָהלטע מענשען און עס וואָלט געווען אַ גרויסע עולה ווען מען זאָל די זינד פון עטליכע אַרויפלעגען אויף אַללע. דערווייל האָט אַנ־טאָניאָ וויאַיראַ געפּועלט ביים פּאָפּסט קלעמענטי דעם צעהנטען ער זאָל ערלויבען די מאַראַנען זיי זאָלען אַריינשיקען קיין רום שלוחים און מען זאָל דאָרט אויסהערען זייערע טענות. אויסער דעם האָט דער פּאָפּסט צוגעשיקט אַ בעפעהל, אַז די אינקוויזיציאָן טאָר מעהר ניט פערמשפּט'ן קיינעם צום טויט אָדער צו שווערער אַרבייט און, אַז אַללע פּראָצעסען פון די מאַראַנען, וואָס געפינען זיך נאָך אין תפיסה, זאָל מען אַוועקשיקען קיין רום און דאָרט זאָל מען איבערקוקען אַללע פּאַפּירען און נאָכפאָרשען צו האָט עפּיס די בעשול־דיגונג אַ ממשות. די אינקוויזיטאָרען זענען שוין אָבער געוועהן אַזעלכע שטאָלצע לייט אַז פון קיין עלטערס איבער זיך האָבען זיי גאָר ניט געוואָלט וויסען: זיי האָבען זיך ניט אומגעקוקט אויפ'ן פּאָפּסט'ס בעפעהל און האָבען נאָך אָנגערייצט דאָס פּראָסטע פאָלק מען זאָל אַרומלויפען אין די גאַסען און שרייען, אַז מען

דארף אויסקוילען די יודען אונ מאראנען. די יעזואיטען האבען דאס באלד מודיע געוועהן קיין רום אונ נאר גיך איז פון דארט אנגעקומען מען זאל אראבווארפען אללע אינקוויזיטארען פון זייערע שטעללען אונ דעם שליסעל פון דער תפיסה זאל מען איבערגעבען דעם פאפסט'ס געזאנדטען. דא זענען שוין די אינקוויזיטארען גאר ארויס פון דער העזה אונ האבען געזאגט אז די ברירה איז ביי זיי אונ אז מיט גוטען פאלגען זיי ניט דעם פאפסט בשום אופן.

אין שפאניען האט די אינקוויזיטארען שטארק פערדראסען פאר וואס דער פאפסט מישט זיך אריין אין אזעלכע זאכען, וואס זיי טהוען עס נאר לשם מצוה, כדי צו בעפעסטיגען דעם גלויבען, אונ זיי האבען מורא געהאט טאמער וועט ער זיי שפעטער אויך זאגען אדעה; דערפאר איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען איהם ווייזען ווי גרויס זייער כח איז, אז זיי זענען אים שטאנד אלדינג צו טהון, אז דער קעניג אונ דאס פאלק זענען ביי זיי אין די האנד אונ ווער עס וועט זיך וועלען טשעפען צו זיי וועט גאר ניט אויספיהרען. דעמאלט איז אין שפאניען נאר וואס געווארען קעניג קארל דער צווייטע, אנארישער אונ אלייכטזיניגער יונגער מאנן, וואס האט ניט לאנג חתונה געהאט מיט א פראנצאזישער פרינצעסין; אזא שוואכלינג האט מען זעהר לייכט געקאנט ארויספיהרען אויף דער גרעסטער נארישקייט, אונ איהם האבען די אינקוויזיטארען, אים יאהר 1680, איינגערעדט ער זאל מאכען א שמחה צו ליעב דער קעניגין מאריא לואיזע אונ לאזען אפענטליך פערברענען פיעל מאראנען וועלכע זענען פערמשפט געווארען צום טויט. דער קעניג איז דארויף מרוצה געווארען, ער האט בעשטימט דעם טאג פון דעם גרויסען יום טוב אונ א גאנצען חדש פריהר האבען בעלי מלאכות געארבייט אונ געבויעט הויכע באנק פאר די איינוואהנער פון מדריד, כדי יעדער זאל קאנען מיט אייגענע אויגען בעטראכטען וואס פאר א וואהלען פסק די אינקוויזיציאן גיט ארויס. שוין לאנג האט מען ניט געזעהען אזוי פיעל קרבנות צוזאמען: הונדערט אכטצעהן מענשען האט מען צונויפגעשלעפט פונ'ם גאנצען לאנד, צווישען זיי האט מען געבראכט אויך נאר יונגע קינדער, קיין עלטערער פון אכט אונ דרייסיג יאהר איז ניט געזעהן, אויסער איין אלמנה פון זעכציג יאהר, וואס איז אומגעקומען מיט איהר גאנצער משפחה מיט די טאכטער אונ איידעמס, אונ אז מען האט זיי אין דער פריה ארויסגעפיהרט אויף דעם פלאץ, וואו דער שייטער הויפען איז געשטאנען אנגעטהון אין ווייסע קליידער מיט שווארצע ליכט אין די האנד, בארוויס אונ ארומגערינגעלט מיט תליינים, האט מען בעדארפט האבען נאר

א הארץ פון שטיין מען זאל ניט גערירט ווערען פון דער שרעקליכער סצענע. מען קאן אויך ניט זאגען, אז צווישען די איינוואהנער פון מדריד האבען זיך גאר ניט געפונען קיין מענשען מיט רחמנות: אסך האבען פאראויס געזעהען, אז עס וועט זיי שווער זיין צוצוקוקען אזא הריגה אונ האבען זיך געמאכט קראנק, נאר כדי עס זאל אויף זיי קיין שום חשד ניט פאלען, ווייל אין שפאניען האבען די אינקוויזיטארען שטארק געהאלטען פונ'ם ווארטעל: „קוים ביסטו ניט מיט אונז — ביסטו געגען אונז", האבען זיי אימיסטען גענומען רעצעפטען ביי דאקטוירים. עהדער מען האט בעדארפט אונטערצינדען דאס האלץ, איז א זיבעצעהניאהריג שאן מאדעל פון די מאראנען, צוגעלאפען צו דער קאניגין אונ האט מיט גרויס געוויין געשריגען: „א, האב רחמנות אויף מיר! קאן איך דען אוועקווארפען די אמונה, וואס איך האב זי איינגעזויגען אין מיר מיט דער מוטטערס מילך?" טרערען האבען זיך געשטעלט אין די אויגען פון דער קאניגין, וואס איז אליין ניט געוועהן א סך עלטער פון דעם אומגליקליכען מאדעל, וועלכע האט ביי איהר געבעטען הילף. דער גראס-אינקוויזיטאר דיעגא דע סארמענטא, וועלכער האט צוגעגרייט די שרעקליכע סצענע, האט באלד בעמערקט דאס געפיהל פון בארמהערציגקייט וואס איז פלוצלונג דערוועקט געווארען ביי דער קאניגין, אונ האט גאר ניט דערלאזט צו קיין שום טענות. מיט א יראת-שמים פנים האט ער פערגלאצט די אויגען צום הימעל, גלייך ווי ער האט געדאנקט דעם בעשאפער, וואס ער האט איהם אויסגעקליבען צו טהון אזא גרויסע מצוה ווי אומברענגען מענשען פאר זיין היילינגען נאהמען, אונ זיין איין קוק איז גענונג געוועהן דער קאניג זאל שוין דער ערשטער אונטערצינדען דעם מזבח אונ יעדע האפנונג אויף רעטונג זאל פערשוואונדען ווערען. דערמאלט האט דאס פייער איינגעשלונגען פיעל ערלע נשמות, אונ נאך א סך יאהרען שפעטער פלעגט מען דערצעהלען פון דעם בעהארצטקייט אונ פעסטקייט וואס די מאראנען האבען ארויסגעוויזען, אונ ווי אזוי די ערגסטע שונאים זענען בטל געווארען פאר אזא קדוש השם.

אז די ידיעה פון דער מאדרידער הריגה איז אנגעקומען קיין רום, אונ דארט איז דערווייל געווארען פאפסט אינאקענטי דער עלפטע, האט מען זיך מישב געוועהן אז עס איז גיט כדאי זיך צו ליעב יודען פערקריגען מיט דער וועלט אונ מען האט אין פארטוגאל אויך געלאזט טהון וואס זי ווילל. אודאי האט זיך דארט די אינקוויזיציאן צופיהרט די האנד גאר אויף איין אנדער אופן. זי האט געמאכט א תל פון די רייכסטע מאראנען, אונ קוים זענען אנגעלאפען

פִינְפְצִיג יָאהר, אִיז דָאס לַאנְד נִיט גֶעוֶועהן צוּ דֶערְקֶענֶען: גַאנְצֶע שְׁטֶאדְט, וֶועלְכֶע הָאבֶּען פְרִיהר גֶעבְּלִיהט, זֶענֶען גֶעוָוארֶען פֶערְווּיסְט. פוּן קֵיין גְרוֹיסֶע סְחוֹרִים הָאט מֶען נִיט גֶעקָאנְט רֶעדֶען, פַאבְּרִיקֶען הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ אַרְבַּייטֶען, דִי פַּרְנָסָה אִיז אוּמֶעדוּם גֶעוָוארֶען גֶעשְׁלָאגֶען, אוּנ קֵיינֶער אִיז אִין דֶעם נִיט שׁוּלְדִיג גֶעוֶועהן אוֹיסֶער דִי גַייסְטְלִיכֶע, וֶועלְכֶע הָאבֶּען אוֹיסְגֶעהַרְגֶעט אָדֶער צוּטְרִיבֶּען דִי נוּצְלִיכֶע מַארַאנֶען, אַלְץ פוּן גָאטֶעס וֶועגֶען...

פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז נִיט אוּמֶעדוּם גֶעוֶועהן גְלַייךְ פִינְסְטֶער; דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחוֹת גֶעגֶען דִי יוּדֶען אוּנ דִי כְּלְבּוּלִים, וָואס מֶען הָאט אוֹיף זֵיי אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אִין פֶערְשִׁיעדֶענֶע אָרְטֶער, וִוי מֶעץ, בֶּערְלִין אוּנ פַּאדוּאַ, הָאבֶּען גֶעמַאכְט וָואס פִיעל עֶדְלֶע אוּנ גֶעלֶעהרְטֶע קְרִיסְטֶען זֶענֶען צוּגֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען צוּם יוּדֶענְטְהוּם אוּנ הָאבֶּען אַיינְגֶעוֶוענְדֶעט אַלֶע מִיטֶעל זֵיי צוּ בֶּעשִׁיצֶען. יֶעדֶער פוּן דִי דָאזִיגֶע אָרֶענְטְלִיכֶע אוּנ גוּטֶע מֶענְשֶׁען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה: וִוי קוּמְט עֶס, אַז אַ פָאלְק וָואס לַיידְט שׁוֹין טוֹיזֶענְדֶער יָאהרֶען אוּנ אִיז קֵיינְמָאל מִיט זַיין לֶעבֶּען נִיט זִיכֶער, בֶּעקוּמְט אַלֶע מָאל פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת אִיבֶּערְצוּטְרָאגֶען דִי צָרוֹת אוּנ לֶעבְּט אִיבֶּער אַנְדֶערֶע אֻמּוֹת, וֶועלְכֶע זֶענֶען דַאכְט זִיךְ, שְׁטַארְק וִוי רִיזֶען אוּנ צוּם סוֹף זֶענֶען זֵיי בַּיים עֶרְשְׁטֶען אוּמְגְלִיק צוּבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען וִוי אַ שְׁטֶעקֶעלֶע? אוּנ אַ תֵּירוּץ הָאט אִיטְלִיכֶער גֶעהַאט אוֹיבֶּען אוֹיף: אַז טַאקִי אִין דֶעם ווּאוּנְדֶער לִיגְט גָאר קֵיין ווּאוּנְדֶער נִיט, וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעקְלוֹיבֶּען דִי יוּדֶען אוּנ לַייטֶערְט זֵיי דוּרְךְ גְרוֹיסֶע יְסוּרִים, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען וֶוערֶען רֵיין אוּנ הֵיילִיג מַאכֶען זַיין נָאהמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

אַזוֹי הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה פִּיעֶרֶע יוּרְיֶ"ע" פוּן רָאטֶערְדַאם, אַ גַייסְטְלִיכֶער פוּן דִי הוּגֶענָאטֶען, וֶועלְכֶער הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִים יָאהר 1685 אַ בּוּךְ „וֶועגֶען דִי נְבִיאוֹת וָואס וֶועט מְקוּיָם וֶוערֶען", אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעוִויזֶען, אַז וֶוער עֶס טְהוּט יוּדֶען שְׁלֶעכְטֶס אִיז אַ גֶעגְנֶער פוּנ'ם קְרִיסְטֶענְטְהוּם.

נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶועהן דֶער גֶעלֶערְנְטֶער אוּנ רַייכֶער אָלִיגֶער פָּאוּלִי פוּן דֶענֶעמַארְק. עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען דִי יוּדֶען צוּרִיק־צוּפִיהרֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי זַאךְ הָאט אִיהם אָבְּגֶעקָאסְט אַ סַךְ מִילְיָאנֶען, אַ חוּץ גְרוֹיס מִיה, וַוייל עֶר הָאט וֶועגֶען דֶעם שְׁטַארְק גֶעאַרְבַּייט בַּיי דֶער פְרַאנְצֶאזִישֶׁער מְלוּכָה אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס בַּיי ווִילְהֶעלֶם, דֶעם קֶאנִיג פוּן עֶנְגְלַאנְד נָאר מֶעהר פוּן אַלֶע הָאט זִיךְ בֶּערִיהמְט גֶעמַאכְט יָאהַאנֶעס פֶּעטְרוּס סְפֶּעעט פוּן אוֹיגְסְבּוּרְג, וָואס אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִין וִויעֶן בַּיי עֶלְ־טֶערְן, פְרוּמֶע קַאטָאלִיקֶען. דִי עֲוֹלוֹת, וֶועלְכֶע מֶען הָאט בֶּעמֶערְקְט אִין דֶער

הנהגה געגען די יודען, האבען איהם נמאס געמאכט זיין גלויבען אונ ער האט זיך ענטשלאסען בעסער איבערגעהען צו די געשלאגענע, אבי ניט זיין צווישען די שלאגער. ער איז געווארען איוד אונ האט זיך אנאהמען געגעבען משה גערמאנוס. פון איהם זענען געבליבען פייערינע כתבים געגען דעם קריסטענטהום. איבריגענס איז ער ניט געוועהן דער איינציגער: אסך קריסטען האבען זיך אויף דער עלטער מגיר געוועהן, אונ צוזאמען מיט'ן קורצען וועטהיג פון מל זיין זיך, האבען זיי אויף זיך גענומען דעם לאנגען וועטהיג פונ'ם יודישען גלות, זיי האבען זיך אבגעזאגט פון כבוד אונ עס איז ליעבער געוועהן ווערען צו שאנד אונ שפאט עהדער זיך רעכנען צווישען אזעלכע, וועלכע צאפען בלוט ביי אומשולדיגע מענשען.

צוזאמען מיט'ן ליעבשאפט צו דער יודישער אמונה האט זיך אויך ביי פיעל געלעהרטע קריסטען דערוועקט א חשק זיך צו בעקענען מיט דער העבראישער שפראכע, אונ פונקט ווי צוריק מיט עטליכע דורות האבען רייכלין, ביידע בוקסטארף'ס, דער פאטער מיט'ן זוהן, סקאליגער אונ נאך אנדערע אימיסטען אומגאנג געהאט מיט יודען, כדי זיי זאלען לערנען ביי זייערע רבנים תורה, אזוי האבען אויך געטהון די דאזיגע, וועלכע האבען געוואלט האבען א ידיעה אין לשון קודש. דאס פערשטעהט מען, אז די צאהל פון אזעלכע מענשען האט ניט געקאנט זיין זעהר גרויס, נאר דערפאר האבען זיי עס ערנסט געמיינט, אונ מען מאג באמת זאגען, אז זיי האבען געלערנט תורה לשמה. זיי האבען דורך דעם ניט געוואלט דערגרייכען אבעזונדערן כבוד, ווייל גראסטענטהיילס האט מען אויף זיי געקוקט קרום אונ מען פלעגט זיי צווישען אנדערע שטאך-ווארטער אויך רופען „האלבע רבנים", נאר זייער וואונש איז געוועהן צו וויסען דעם פערבארגענעם כח, וואס דאס יודישע פאלק ציהט פון זיינע היילינע ביכער. זיי האבען אפילו זיך ניט געווארפען מיט קבלה-ספרים, אונ צו ליעב די יודישע ביכער זענען זיי שוין מעהר בעקאנט געווארען מיט'ן יודישען לעבען אליין, זיי האבען זיך גוט צוגעקוקט צו די יודישע מעלות אונ חסרונות, זיי האבען פערשטאנען פון וואנען יעדע זאך נעהמט זיך, זיי האבען זיך איבערצייגט אז אללע, וועלכע פאלען אן אויף יודען, רעדען גלאט אזוי שקרים, כזבים אונ ווילען זיך נאר קיין מיה ניט געבען נאכצופארשען אויב אין דעם איז דא א שטיקעלע אמת, אונ אזוי האבען זיי זיך ביסלעכווייז געוואהנט ליעב צו האבען יודען אונ זענען זיי געווארען געטריַיע גוטע פריינד. צווישען אזעלכע אוהבי ישראל האט זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט ריכארד סימאן,

אַ גייסטליכער פון פּאריז, וועלכער האט אנגעשריבען אויף פראנצאזיש אַ פּירוש אויף דער תורה, אונ פלעגט אָפט מיט זיין שארפער פעדער בעשיצען יודען. אַז אין מעץ האט מען אויסגעטראַכט אויף יודען אַ בלבול וועגען עלילת דם, האט ריכארד סימאן ניט גערוהט ביז ער האט ניט דערוויזען דאס פאלשקייט פון אַזאַ בעשולדיגונג. ער האט אויך בעדויערט וואס די רדיפות האבען פערקליינערט אין פראנקרייך די צאהל פון די יודישע לומדים אונ פּאריז איז שוין ניט אַזאַ מקום תורה ווי אַמאל. זיינע ביכער האט די גאנצע וועלט געלייענט אונ דערפאר האט ער ניט געזשאלעוועט קיין שאנע פארב צו בעשרייבען דאס יודישע פאלק אונ זייער אמונה, אונ ניט איין מאל האט ער זיינע ברידער די קריסטען געגעבען אנצוהערען, אַז די קריסטליכע רעליגיאן איז נאר אַ טאכטער פון דער יודישער, אַז כמעט אַללע מנהגים האט זי געירש'ט ביי דער מוטטער. קיין נושא פנים איז ער ניט געוועהן, נאר ניט איין מאל פלעגט איהם די מלוכה צווינגען ער זאל זיין אַ ביסעל איינגעהאלטענער אונ ניט רעדען אַזוי אָפען אונ פריי.

אַזעלכע בעשיצער, ווי ריכארד סימאן, האבען אויך איינגעגעבען מוטה די יודישע געלעהרטע, זיי זאלען ניט שווייגען די שונאים אונ בעווייזען ווי אונפערשאמט זיי זענען מיט זייערע ליגענס. אַז אַ פראטעסטאנטישער גייסטליכער יעקב גייאזיוס האט דערפרישט די אַלטע בעשולדיגונגען געגען יודען וועגען קינדער קוילען אונ בלוט אויף פסח, האט אַ האללאנדישער יוד, וועלכער האט זיך אָנגערופען מיט'ן נאהמען יצחק ביבא, ארויסגעגעבען אַ ספר „גואל הדם", אונ האט אויסגעוויזען אַז ביי אַללע משפטים וואס זענען שוין פארגעקומען אין אַזעלכע זאכען, איז קיין מאל ניט געוועהן קיין איינציגער רעכטער בעווייז, אונ אַז די אייגענע בלבולים פלעגען אַמאל די גאטצענדיענער אויסטראכטען אויף די קריסטען. נאך אַ שארפערע תשובה האט אנגעשריבען ר' יצחק קארדוזה פון ווערונא, דער ברודער פונ'ם בעריהמטען שבתי צבי'ניק אברהם מיגואל קורדובא. ער האט ניט נאר צו שלאגען די ליגענס, וואס מען האט געוואלט מיט זיי אָבשרעקען די קריסטען זיי זאלען פשוט מורא האבען נאהענט צוצוגעהען צו אַ יודען, פון וועלכען עס גיסט זיך שטאנדיג בלוט אונ נעבען וועלכען עס איז שווער איינצושטעהען אפילו אַ מינוט וועגען דעם שלעכטען ריח; ער האט ניט נאר געבראַכט די גראסטע ראיות, אַז יודען פארשעלטען קיינם ניט אין זייערע תפלות, אונ אַז צו קיין בלוט טארען זיי זיך גאר ניט צורירען, נאר ער האט מיט גאוה אנגעוויזען אַזעלכע יודישע

מעלות, ווי רחמנות, צדקה אונ צניעות, אונ האט אויסגעדרונגען, אז ניט אומזיסט האט דער רבונו של עולם אבגעזוכט זיינע נביאים צווישען יודען אונ פון אללע אמות האט ער זיי אויסגעקלויבען, זיי זאלען זיין היילינגען רצון בעקאנט מאכען אויף דער וועלט.

אין יענער צייט האבען זיך אויך געפונען יודישע בעשיצער צווישען די גרויסע שררות. דער פירסט כריסטיאן אויגוסט פאן פפאלץ-זולצבאך האט זיך אויך אבגעגעבען מיט דער העבראישער שפראכע אונ דורך דעם האט ער ליעב געקריגען אויך די יודען. אז די שונאי ישראל האבען זיך געפריווט ביי איהם אין זיין מדינה אויך אנמאכען א בלבול אונ אונטערוואַרפען יודען געהרג'טע קינדער, כדי עס זאל זיך דערפון אנהייבען עפיס א מרידה, האט ער געהייסען אויסרופען אומעדום, אז ווער עס וועט זיך ערלויבען ניט נאר אנקלאגען א יודען אז ער האט געקוילעט א קינד צו ליעב בלוט אויף פסח, נאר, פשוט רעדען דערפון, וועט שטרענג בעשטראפט ווערען.

אין שוועדען האט ניט נאר קיין פוס פון א יודען ניט געטארט טרעטען, נאר אפילו קאטאליקען איז פערוועהרט געוועהן דארט זיך צו בעזעצען, ווייל די פראטעסטאנטען האבען געדרונגען, אז די ערד איז אדמת קדש, אונ אז נאר זיי האבען דאס רעכט דארט צו וואהנען. פון דעסטוועגען האט זיך דער קאניג קארל דער עלפטע אנגעהויבען אינטערעסירען מיט יודען אונ בעזאנדערס מיט קראימעס, ווייל ער האט עפיס געהערט, אז זיי האלטען ניט פונ'ם תלמוד אונ דאריבער האט ער גערעכענט אז זיי וועט גרינגער זיין אריבערצונעמען אין קריסטענטהום. ער האט אימיסטען, אים יאהר 1620, ארויסגעשיקט קיין פולין א פראפעסאר פון דער אופסאלא'ר אוניווערזיטעט גוסטאוו פערינגער, וועלכער האט געהאט א שטארקע ידיעה אין לשון קדש, אונ ער האט זיך אונטערגענומען געוואהר צו ווערען אין וואס עס בעשטעהט דער גלויבען פון די קראימעס, וואס פאר מנהגים זיי האבען, אונ מיט וואס זיי שיידען זיך אב פון אנדערע יודען. ער האט געבראכט רעקאמענדאציעס צום פולישען קאניג יאהאן סאביעסקי, נאר אין פולין אונ אין ליטא האט ער געטראפען זעהר ווענינ קראימעס; א טהייל זענען זיך צולאפען נאך חמעלניצקי'ס שחיטה, אונ א טהייל האבען פון דער מלוכה בעקומען איין ערלויבניש זיך צו בעזעצען אין די ווייטע שטאדט אונ דארפער, ווייל אזוי האט געבעטען פאר זיי איינער פון די קראימישע רבנים, ר' אברהם בן שמואל, וואס איז געוועהן א חשוב ביים קאניג אונ מען האט עס איהם צו ליעב געטהון, כדי די

קראַימעס זאָלען זיך מעהר צושפּרייטען אין לאַנד. אַזוי האָט גוסטאַוו פערינגער געפונען אין טראָקי אונ לוצק גאָר װעניג קראַימעס, אונ די עטליכע זענען געװעהן אַזוי פערגראָבט אַז ער האָט מיט זיי גאָר ניט געקאָנט רעדען אונ ער האָט געמוזט צוריקפאָהרען אָהן עפּיס. שפּעטער מיט עטליכע יאָהר האָט דער שװעדישער קעניג נאָך אַמאָל אַרויסגעשיקט קיין ליטא צװיי געלעהרטע אונ עס איז געבליבען, אַז זיי זאָלען מיט ברענגען קיין שװעדען אַ פּאָר קראַימישע לומדים, כּדי מען זאָל זיי דאָרט קענען מעהר אויספּראַגען װעגען זייער פער־גאַנגענהייט אונ אַללע זייערע הנהגות. צװישען אַללע קראַימעס האָט זיך קוים געפונען איינער, ר׳ שמואל בן אהרן, װאָס האָט פערשטאַנען אַ ביסעל לאַטייניש אונ האָט זיך ענטשלאָסען פאָהרען קיין ריגא; דאָרט האָט מען איהם געהאַלטען אַ היבשע צייט ביז די שװעדישע מלוכה איז געקומען צום שׂכל אַז קיין גרויסע מציאה װעט זי ניט האָבען אפילו װען עס װעט איהר געראָטהען אַללע קראַימעס מאַכען פאַר פּראָטעסטאַנטען.

אין ליידען האָט אויך אַ פּראָפעסאָר יעקב טריגלאַנד, געװאָרפען איין אויג אויף די קראַימעס. ער איז געװעהן אַ גרויסער קענער אין דער יודישער ליטעראַטור אונ האָט געשריבען אַ בוך װעגען די יודישע סעקטען, אונ דערפאַר האָט ער בעדאַרפט האָבען רעכטע דעות פון די קראַימעס. ער האָט אָבער ניט געװאוסט צו װעמען ער זאָל זיך װענדען אונ האָט זיך ענטשלאָסען דורך בעקאַנטע סוחרים איבערשיקען אַ בריעף קיין פּולין אונ בעטען די קראַימעס, װאָס דער בריעף װעט אַריינפאַלען צו זיי אין די האַנד אַריין, זיי זאָלען איהם באַלד צושיקען אַ תשובה אויף אַללע זיינע שאלות. דער צופאַל האָט אַזוי געפיהרט, אַז מען זאָל טריגלאַנד׳ס בריעף אָבגעבען אַ שרייבער פון דער קראַימישער קהלה אין לוצק, מרדכי בן ניסן. קיין גרויסער למדן איז ער ניט געװעהן, נאָר אַזוי פיעל שׂכל האָט ער געהאַט, אַז ער זאָל די תלמודיסטען בעליידיגען פון קאָפּ ביז פוס אונ די קראַימעס מאַכען פאַר דער גאָלדענער פּאָהן.

ניט שטאַנדיג האָבען אָבער די יודען געקאָנט האָבען טובות פון די דאָזיגע געלעהרטע קריסטען װעלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט לשון קודש: עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, בעזאָנדערס צװישען די דייטשען, װאָס האָבען בענוצט זייער גאַנצע געלערנטקייט דאַרויף, זיי זאָלען אָנטהון די יודען מעהר צרות אונ נאָך צוגיסען בויםאָהל צום פייער, װייל אַז זיי האָבען זיך פערופען אויף די יודישע היילינע ספרים, װאָס אַללע אַנדערע האָבען אין זיי קיין ידיעה

ניט געהאט, האט מען זיי געגלויבט בלינד. אזוי האט געטהון יאהאנעס וואולפער: ער האט זיך צוגעטשעפעט צו דער תפלה, „עלינו“ וואס געהט אין גאנצען אויף די גאטצענדיענער, וועלכע בוקען זיך צו ניכטס און לער: (שהם משתחוים להבל וריק) און האט געדרונגען אז דער מיט ווייזען די יודען ארויס זייער האס געגען קריסטענטהום. די דאזיגע בעשולדיגונג איז שוין אפילו קיין נייע ניט געוועהן; נאך צוריק מיט אסך יאהרען האבען די שונאי ישראל געשריגען, אז אין דעם געבעט מאכען די יודען הוזק פון דער קריסטליכער אמונה, און כדי עס זאל ניט קומען צו קיין שלעכטע זאכען האבען די יודען אליין ארויסגעווארפען פונ'ם סדור דעם „שהם משתחוים“. וואולפער האט אבער אבגעזוכט אלטע סדורים, וואו די ווערטער שהם משתחוים להבל וריק איז יא געשטאנען, און האט מיט זיי געשטאכען די אויגען יעדען יודען. אודאי האט מען דערפון קיין נחת ניט געהאט, נאר קיין גרויסע יסורים אויך ניט: וואולפער'ס כונה איז ניט געוועהן גלאט אויפצורייצען די מלוכה און דאס פאלק געגען יודען; פארקעהרט, אז מען האט אין זיין צייט ווייטער אויפגעפרישט די אלטע עלילה וועגען בלוט אויף פסח האט ער אפענטליך געשריגען, אז דאס איז א ליגען און אז מען קאן ניט שטעלען אויף די פאלשע רעד פון געטויפטע יודען. ער איז פשוט געוועהן א פרומער קריסט און ער האט געהאלטען פאר א חלול השם, וואס די יודען לאבען פון זיין אמונה, און דערפאר האט ער זיך בעגנוגט דערמיט וואס דער פירסט געארג פון העסען האט געהייסען די יודען שווערען אז מעהר וועלען זיי אין זייערע תפלות ניט דערמאנען דאס קריסטענטהום און עס איז געווארען שטיל.

נאך איין געגנער פון אזא ארט, וואס מיט איין האנד ווייזט ער אן חסרונות און מיט דער אנדערער האלט ער צו דאס ווילדקייט פון מענשען, וועלכע מערקען באלד אין יענעמ'ס אויג א שפאנדעל און אין זייערע אייגענע אויגען ווילען זיי אפילו קיין גאנצען באלקען ניט זעהען, האבען די יודען דעמאלט געהאט; דאס איז געוועהן דער פראפעסאר יאהאנן כריסטאף וואגענזייל. א מענש, וואס אין איהם האבען מלחמה געהאלטען צוויי געפיהלע: פון איין זייט איז ער געוועהן א קענער פון העבראיש, און אז ער האט געלעזען פיעל אלטע יודישע ספרים געגען קריסטענטהום האט עס איהם שטארק פערדראסען, ער האט עס געהאלטען פאר א גרויסען חטא און האט גאר ניט געוואלט וויסען, אז אזעלכע ספרים זענען אנגעשריבען געווארען אין די ביטערע צייטען, ווען יודיש בלוט האט זיך געגאסען ווי וואסער און דאס פייער פון דער אינקוויזיציאן

האט געברענט אהן א אויפהער; פון דער אנדערער זייט אבער האט ער רחמנות געהאט אויף די יודען און האט זיי געוואלט זעהען גליקליך אונטער דעם שוטץ פון דער קריסטליכער רעליגיאן. דערפאר האט מען פון איהם געזעהען צוויי פערקעהרטע זאכען, וואס איינס מיט'ן אנדערן קעהרען זיך, דאכט זיך, ניט אן. ער איז ארומגעפאהרען אין די ווייטע לאנדער און האט אז'ש אנגעשפארט אין אפריקא, דארט האט ער אבגעזוכט אלטע יודישע כתבים געגען די קריסטען און האט זיי אבגעדרוקט אין א בעזונדער בוך, כדי צו ווייזען ווי שלעכט די יודען קוקען אויפ'ן קריסטענטהום; אין דער אייגענער צייט האט ער פון דעסטוועגען ארויסגעלאזט איין אנדער ספר און האט געשריגען, אז עס איז די גרעסטע רציחה וואס מען רודפ'ט די יודען און מען וויל מיט געוואלד טויפען זייערע קליינע קינדער. ער איז אלץ ארומגעגאנגען מיט א מחשבה זרה אז צו די פראטעסטאנטען קאנען די יודען פארט מיט דער צייט צושטעהען, און האט'ש ער האט גוט געזעהען, ווען ער איז געוועהן אין רום, ווי די קאטאלישע גייסטליכע מוטשען זיך אומזיסט מיט די יודען, וועלכע זענען געצוואונגען צו הערען זייערע דרשות, נאר עס געהט זיי אין איין אויער אריין און פונ'ם אנדערן ארויס, האט ער זיך איינגערעדט אז מיט גוטען וועט ער אפשר מעהר פועל'ן. אזוי האט מען ביי וואגענזייל'ן קיין מאל ניט געקאנט וויסען ביי וואס ער האלט: אט האט מען געזעהען פון איהם כעס פאר יודישע חטאים פון א מאל, און אט איז ער פערטיג געוועהן זייערע שונאים אויסצורייסען די אויגען. דעם אמת מוז מען אבער זאגען, אז דאס געפיהל פון רחמנות פלעגט ביי איהם אבער גובר זיין און, אז מען האט פלוצלונג ווייטער אנגעהויבען שמיעסען אז די יודען קוילען קריסטליכע קינדער און בענוצען דאס בלוט צו די מצות, האט ער זיך אנגענומען פאר זיי און איז ארויסגעטרעטען ווי א מליץ יושר מיט א גאנץ בוך, פאר וועלכען ער האט זיך פערדיענט ביי די יודען א גרויסען דאנק, און מען מאג איהם מוחל זיין דערפאר א סך נארישקייטען, וואס ער האט געטהון אויך ניט מיט קיין שלעכטער כונה.

דער דריטער דייטשער געלעהרטער, וואס האט גוט פערשטאנען העברעאיש, איז געוועהן דער פראפעססאר יאהאנן אנדרעאס אייזענמענגער: זעהר א שלעכטער מענש, וואס האט טאקי געוואלט די יודען עוקר מן השרש זיין. ער האט אויסגעגראבען אללע חטאים וואס מען האט נאר א מאל ארויפגעלעגט אויף די יודען און האט געשריגען, אז אלדינג איז טאקי אמת און אז ער איז דאס געוואהר געווארען פון די יודישע ספרים. איהם האט געקרענקט וואס

מען האט אנגעהויבען בעהאנדלען די יודען מיט מעהר יושר, און ער האט געוואלט ברענגען דערצו, אז דאס פאלק זאל אנפאלען אויף זיי און מאכען פון זיי א תל, דערפאר האט ער אים יאהר 1700, אנגעשריבען א גרויס בוך, „דאס ענטדעקטע יודענטהום“ און האט דארט אויסגעוויזען אז די יודען לאסטערן די קריסטליכע רעליגיאן, אז אויסבעסערן זיי איז שווער, ווייל זיי זענען שוין געבארענע רוצחים, זייערע עלטערען פלעגען פערגיפטען ברונענס און זיי אליין דארפען נאך בלוט אויף פסח. אז מען האט די יודען צו וויסען געגעבען, וואס פאר א בוך אייזענמענגער האט זיך געשטעלט דרוקען, איז אויף זיי געפאלען א שרעקליכער פחד, און עס איז טאקי געווען פאר וואס זיך צו שרעקען: די שנאה צו זיי האט נאך אין דייטשלאנד ניט אויפגעהערט און דערפאר האבען זיי זיך געקאנט רעכטען אז אייזענמענגער'ס בוך וועט אנציגדען א נייע פייער און זיי וועלען גוט ניט אבשניידען. אודאי האבען זיי ניט געטאר'ט שווייגען, און די פראנקפורטער יודען האבען אוועקגעשיקט א בריעף צו זייערע ברידער, וועלכע האבען געוואוינט אין וויען און בעזאנדערס צו ר' שמואל אפפענהיים, וואס האט מיט דער מלוכה געהאט געלד-געשאפטען און איז ביי איהר געווען א שטיקעל חשוב. די וויענער יודען איז געראטהען פערשטעהען צו געבען דער מלוכה אז אייזענמענגער'ס בוך איז א סם טאקי פאר די קריסטען אליין, ווייל עס קאנן זיך אנהויבען הריגות און ביי א מרידה אין לאנד מוזען אללע ליידען, און עס איז ארויס א בעפעהל פונ'ם קייזער לעאפאלד דעם צווייטען, מען זאל דאס בוך גאר ניט ארויסלאזען פון דרוק. דאס איז געווען פאר אייזענמענגער א שטארקער קלאפ: ער האט גערעכענט אז אט באלד וועט ער זיך מהנה זיין און וועט זיך זאט ניט קאנען אנקוקען ווי מען קוילעט יודען אין די גאסען, צום סוף האט מען גאר זיין בוך געהאלטען סגור ומסוגר אין דער פראנקפורטער דרוק, און ער האט זיך אומזיסט אויסגעבראכט און איז נאך אריינגעקראכען אין חובות.

דערווייל איז אין פרייסען געווארען קאניג פרידריך דער ערשטע, און אייזענמענגער מיט נאך א זעלכע מענשען האבען געהאט ביי איהם א שליטה און האבען געזוכט אללע מיטעל צו רעדען שלעכטס אויף יודען. ווי ווייניג אמת'ע חטאים די שונאים האבען געקאנט אנווייזען, זעהט מען ארויס דערפון, וואס מען האט זיך ווייטער געהאפט צו „עלינו“, קיין אנדער בלבול האבען זיי ניט געהאט, האטש זיי האבען געזוכט יודישע עוולות ווי מיט ליכט. דער קאניג האט זיך אבער ניט געלאזט פערדרעהען דעם קאפ און האט געלאזט

צונויפרופען די רבנים אונ פארשטעהער פון אללע קהלות, אונ זיי האבען געמוזט געבען א שבועה, אז דאס ווארט „לריק" פון „עלינו" געהט ניט אויפ'ן קריסטענטהום אונ זיי האבען עס גאר ניט אין זין. דאס אייגענע האט אויך געזאגט דער בעריהמטער געלעהרטער יאהאנן היינריך מיכאעליס פון האללע אונ דער קאניג האט געשטעלט אויף זיין ערקלערונג. דעננאך האט פרידריך, אים יאהר 1703, ארויסגעלאזט א בעפעהל אונ האט געשריבען, אז עס וואלט איהם אודאי שטארק הנאה געטהון ווען דאס יודישע פאלק, וואס איז אמאל געבענשט געווען פון גאטט, זאל אננעהמען איין גלויבען גלייך מיט אללע איינוואהנער פונ'ם לאנד, נאר נייטהען דערצו וויל ער קיינעם ניט אונ לאזט עס איבער אויפ'ן רצון פונ'ם בעשעפער, אונ כדי מען זאל מעהר ניט האבען צו זיי קיין פתחון פה וועגען זייערע תפלות, וויל ער אז די יודען זאלען זאגען „עלינו" אויף א הויך קול אונ זאלען דערביי ניט אויסשפייען. לכתחלה האט ער בעשטימט אויפזעהער מען זאל אכטונג געבען אין די שולען אז די יודען זאלען פינקטליך אויספאלגען זיין בעפעהל, אזוי ווי דער קייזער יוסטיניאן האט אמאל געטהון, נאר אז איינער פון די יודישע גבירים, ר' יששכר בערמאנן פון האלבערשטאדט, האט געגעבען אנצוהערען אז עס איז ניט שאן, אז אין א מקום קדוש זאל די מלוכה זאגען א דעה ווי אזוי צו דאווענען, האט פרידריך געהייסען פערבייגען זיין בעפעהל אונ די וויכטיגע פראגע פון „עלינו" האט זיך געענדיגט.

די שונאי ישראל זענען אבער ניט מיעד געווארען אללע מאל דערמאנען דעם קאניג פרידריך ביי יעדער געלעגענהייט, אז ער וואלט בעדארפט די יודען ארויסטרייבען פון פרייסען. זיי האבען אויף די יודען ארויפגעלעגט אללע אומגליקען פון דער גאנצער וועלט, אונ עס האט זיך זיי אויסגעוויזען אז זיי פועל'ן שוין, דאכט זיך, ביי פרידריך'ן אלדינג, נאר אז ער איז געקומען צו עפים האבען זיי געזעהען אז זייער מיה איז גאר אומזיסט אונ אז זיי האבען נאך ביים קאניג גאר נישט געפועל'ט. אייזענמענגער אלליין האט זיך געפריוווט פאר'ן טויט בעטען ביי פרידריך'ן, ער זאל שרייבען דעם קייזער לעאפאלד וועגען זיין בוך „דאס ענטדעקטע יודענטהום" אונ פועל'ן מען זאל עס ארויסלאזען פון דרוק. מיט דער אייגענער בקשה האבען זיך צו איהם שפעטער געווענדט אייזענמענגער'ס יורשים, אונ ער האט זיי געמוזט צו ליעב טהון אונ שרייבען, נאר לעאפאלד איז געווען איינגעשפארט אונ דאס בוך איז ווייטער געבליבען פערשלאסען אין פראנקפורט. דעמאלט האבען די יורשים זיך ענטשלאסען גאר

אויפ'ס נײַ לָאזען דְרוּקען דָאס בוך אין קָאניגסבֶּערג, וואו לֶעאָפּאלְד'ס איסור איז ניט אָנגֶענאנגֶען, נָאר קיין גוּט גֶעשֶׁאפְט הָאבֶען זַיי שוֹין ניט גֶעמַאכְט. דֶער עוֹלָם הָאט זיך ניט גֶעוואָרפֶען מיט אַזא חֵשֶׁק צוּ אַייזֶענְמֶענְגֶער'ס תּוֹרוֹת אוּנ די יוּדֶען הָאבֶּען זיך ניט גֶעהַאט פַאר וָואס צוּ שְׁרֶעקֶען. עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער מיט אַ סַך יָאהרֶען, אַז מֶען הָאט נָאר אָנְגֶעהוֹיבֶען רֶעדֶען מֶען זָאל אין פִיעל אֵייראָפֶּאִישֶׁע לֶאנְדֶער גֶעבֶּען יוּדֶען אַלֶלֶע רֶעכְטֶע אוּנ די יוּדִישֶׁע שׂוֹנְאִים הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען מַאטֶערְיַאל צוּ דֶערְוַוייזֶען וָואס פַאר אַ סַכָּנָה דֶערְפוּן וֶועט אַרוֹיס, איז זַיי אַייזֶענְמֶענְגֶער'ס בוך צוּ נוּטְץ גֶעקוּמֶען. זַיי הָאבֶּען גֶעהַאט פֶערְטִיגֶע שְׁקָרִים אוּנ הָאבֶּען פֶערְשְׁפָּארְט זיך בְּרֶעכֶען די קָאפּ אויף אוֹיסְצוּטְרַאכְטֶען נַייֶע. דֶערְוַוייל הָאבֶען אַייזֶענְמֶענְגֶער'ס לִיגֶענְס ניט מַרְעִישׁ עוֹלָם גֶעוֶועהן, אוּנ דֶערְסְטֶנְלַייכֶען הָאט מֶען זיך נָאר וֶועניג אוּמְגֶעקוּקְט. וֶוען אים יָאהר 1707 איז אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אַ גֶעטוֹיפְטֶער יוּד גֶעגֶען תַּלְמוּד אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶען זִינְגֶען דָאס אַלְטֶע לִיעדֶעל וֶועגֶען זַיין שֶׁאדְלִיכְקַייט. דָאס הָאט מֶען אַלְץ גֶעמֵיינְט אוּנְטֶערְצוּהִיצֶען דֶעם קֶענִיג פְרִידְרִיךְ, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט זַיין אֵייגֶענֶע אִיבֶּערְצַייגוּנְג אוּנ איז ניט בֶּעשְׁטַאנֶען אויף קיין שׁוּם נַייֶע גְזֵרוֹת. רוּהִיג פְלֶעגְט עֶר אוֹיסְהֶערֶען אַלֶלֶע בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְגֶען, נָאר די לַאגֶע פוּן די יוּדֶען איז דוּרְךְ דֶעם ניט אֶרְגֶער גֶעוָוארֶען.

אין הָאלְלַאנְד הָאט אַ יוּנְגֶער גֶעלֶעהְרְטֶער ווילְהֶעלְם סוּרֶענְהוּאִיס עֶטְלִיכֶע יָאהר כְּסֵדֶר גֶעאַרְבַּייט אִיבֶּער אַ לַאטֵיינִישֶׁער אִיבֶּערְזֶעצוּנְג פוּן דֶער מִשְׁנָה אוּנ הָאט דֶערְבַּיי אַרוֹיסְגֶעוויזֶען אַזוֹי פִיעל לִיעבְשַׁאפְט צוּם יוּדִישֶׁען פָאלְק, וָואס עֶס איז שְׁוֶוער צוּ גֶעפִינֶען אֲפִילוּ בַּיי אַ גֶעבָּארֶענֶעם יוּדֶען. אין זַיינֶע כְּתָבִים פֶערְנִיסְט עֶר גֶענוּג טְרֶערֶען דַארוֹיף, וָואס פִיעל נִידְרִיגֶע מֶענְשֶׁען לֶערְנֶען אִימִיסְטֶען לְשׁוֹן קֹדֶשׁ זַיי זָאלֶען קָאנֶען מֶעהר גִיפְט פֶערְשְׁפְּרֵייטֶען צְווִישֶׁען בְּלִינְדֶען פָאלְק אוּנ קְלָאמֶערְשְׁט בְּרֶענְגֶען רַאְיוֹת פוּן די יוּדִישֶׁע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּנ דַאנְקְט זֶעהר די הָאלְלֶאנְדִישֶׁע מְלוּכָה, וֶועלְכֶע הָאט גֶעוויזֶען אַ וֶועג ווי אַזוֹי מְקָרֵב צוּ זַיין די אוּמְגְלִיקְלִיכֶע יוּדֶען אוּנ זַיי צוּבִּינְדֶען צוּ זיך מיט פְרֵיינְדְשַׁאפְט אוּנ בְּרִידֶערְלִיכֶע לִיעבֶּע. בִּיז צוּם טוֹיט הָאט סוּרֶענְהוּאִיס ניט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ הָאט גֶעדְרוּנְגֶען, אַז דָאס דַארְף טְהוּן יֶעדֶער קְרִיסְטְלִיכֶער גֵייסְטְלִיכֶער, וָואס דֶער מָקוֹר פוּן זַיין אֱמוּנָה איז בַּיי אִיהם טְהַייעֶר אוּנ הֵיילִיג.

צְווִישֶׁען די קְרִיסְטְלִיכֶע גֶעלֶעהְרְטֶע, וֶועלְכֶע הָאבֶּען זיך בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מיט דֶער יוּדִישֶׁער לִיטֶערַאטוּר, מֶאג מֶען דֶערְמָאנֶען צוּ גוּטֶען אויך יַעֲקֹב בַּאסְנַאזְ'שׁ, וָואס הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶען אַ בוך וֶועגֶען דֶער יוּדִישֶׁער גֶעשִׁיכְטֶע פוּן די לֶעצְטֶע

זעכצעהן הונדערט יאהר צייט קריסטוס איז געבארען געווארען. מען קאן אפילו ניט זאגען אז ער איז געוועהן א שטארקער אוהב ישראל; מען דערקענט אפט, פערקעהרט, אז ביי איהם, ווען ניט טיעף אין הארצען, איז אויף דער צונג געלעגען א שטיקעל שנאה צום יודישען פאלק. מען מוז אבער מודה זיין אז ער האט געשריבען אמת אזוי ווי ער האט געדענקט אונ געפיהלט, אונ דערפאר רעדט ער אין זיין בוך פון יודען מיט דרך ארץ אונ זאגט, אז עס איז א גרויסער טעות ווען מען רעכענט דאס יודענטהום פאר א טויטען גוף, גאר אהן א נשמה, ווייל דאס גאנצע לעבען פון דעם פאלק איז בדרך נס אונ עס איז שווער צו בערעכנען צו וואס פאר א תכלית דער אויבערשטער היט עס אב אונ גיט זיי כח איבערצוטראגען אזוי פיעל צרות. יעקב באסנאזש איז אין דער יוגענד אליין געוועהן נע ונד, דאס פרומקייט פון לודוויג דעם פיערצעהנטען האט איהם פערטריבען פון פראנקרייך אונ ער האט זיך גענוג אנגעליטען ביז ער האט זיך צוגעשלאגען קיין האללאנד; דערפאר האט ער געפיהלט דעם טעם פון ארומשלעפען זיך אויף דער וועלט, אונ ווי וועניג ער האט געהאלטען פון יודען האט ער געמוזט רעדען וועגען זיי מיט יושר, אונ מעהר האבען די יודען קיין מאל ניט בעדארפט. זיין בוך איז געוועהן אנגעשריבען אין א לייכטער שאנער פראנצאזישער שפראכע אונ איז זיך צוגאנגען כמעט אין גאנץ אייראפא.

פון די פירות, זאגט די וועלט, דערקענט מען דעם בוים. באסנאזש'ס תלמידים האבען בעוויזען אז קיין שלעכטס האט ער געוויס קיין מאל ניט געטראכט אויף יודען, אונ ווען ער האט זיך א מאל ארויסגעהאפט מיט א ביטער ווארט געגען זיי, האט ער דאס געטהון פון רגילות נאך פון די קינדערשע יאהרען, אבער ניט פון דעם איינגעווארצעלטען האס, וואס פערפיהרט דעם מענשען אין שאול תחתיה. דער גייסטליכער כריסטיאן טהעאפיל אונגער פון שלעזיען אונ דער פראפעסאר יאהאנן כריסטאפארוס וואלף פון האמבורג, וועלכע האבען געלערנט תורה ביי באסנאזש'ן, זענען אין גאנצען איבערגעבען געוועהן דעם יודענטהום, אונ ניט איין מאל איז אויף זיי געפאלען דער גורל צו בעשיצען די יודען אונ פערשטאפען די מיילער פון זייערע שונאים.

איבערהויפט האט זיך צום אנהייב פונ'ם אכטצעהנטען יאהרהונדערט דאס פינסטערניש אנגעהויבען פערקליינערן אונ די קולות פון די יודישע בעשיצער, וועלכע האבען זיך שוין געפיהלט אין כח מיט מעהר פעסטקייט ארויסצוטרעטען

אונ פארדערן פאר זיי פרייהייט אונ גערעכטיגקייט, װענען ניט פערלארען גע־װארען צװישען דעם װילדען געשריי פון די װיסטע שונאי ישראל. דעמאלט האט אויך יאהן טאלאנד, א קריסט מיט עדלע געפיהלע פון יושר אונ רחמנות, אנגעהויבען ארבייטען אז די יודען פון ענגלאנד אונ אירלאנד זאלען בעקומען די אייגענע רעכטע װאס אללע איבריגע איינװאהנער, אונ אויף איהם קוקענדיג, האט מען אויך אין אנדערע ערטער זיך גענומען פערבעסערן די יודישע לאגע. די אלטע איבערגעטראגענע צרות האבען אבער אזוי פערשלאגען די יודישע קאפ, זייער אינװעניגסטער מעמד איז געװעהן אזוי טרויעריג, אז זיי האבען גאר ניט געקאנט פיהלען װאס פאר א פריש װינטעל עס בלאזט; זיי האבען געדאנקט גאטט, װאס מען לאזט זיי ליעגען אויף איין ארט אונ די פערשלאפענע מידע אויגען האבען ניט בעמערקט אז עס הויבט אן דעמערן אויף טאג.....